STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01175

DI GESHIKHTE FUN A FALSHER ILUZYE

P. Minc

Permanent preservation of this book was made possible
by The Karma Foundation
in memory of
Toba & Morris Tabachnick

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

307

פ. מינץ

די געשיכטע פון
אַ פֿאַלשער אילוזיע

ביבליאטעק אין אנדענק די
קדושים פון לודמיר
און אומגעגנט
ביים לודמירער
ל.ל. פאריין אין בוענאס איירעס

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

103

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

פ. מינץ
(אלעקסאנדער)

די געשיכטע פון א פאלשער אילוזיע

(זכרונות)

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס, 1954 — תשי״ד

דעם אָנדענק פון מיינע אומ־
פאַרגעסלעכע חברים און פריינט
הינדע און יחיאל נײמאַן.

אינהאַלט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — — 9
ערב דער אַנטשטייאונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן 13
די אַרבעטער־פּאַרטייען בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע — — — — 15
די רוסישע פעברואַר־רעוואָלוציע — — — — — — — — — — 18
די פאַראייניקונג ביי דער ס. ד. ק. פּ. ל. און די אָפּשפּליטערונג ביי דער פּ. פּ. ס. (לינקע) — — — — — — — — — — — — — — 21
די אָקטאָבער־איבערקערעניש און איר איינפלוס אויף די אַרבעטער־פּאַרטייען אין פּוילן — — — — — — — — — — — — — — 24
די נאָוועמבער־רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד און איר ווירקונג אויפן לאַנד — — — — — — — — — — — — — — — — — — 27
די אַנטשטייאונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — — — — — — 30
די אינערלעכע לאַגע אין לאַנד — — — — — — — — — — — — 34
די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַקעמפט די פּוילישע מלוכה — — — — 37
די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די סאָוועטיש־פּוילישע מלחמה — — — 40
די סיבות פון דער דורכגעפאַלענער אינוואַזיע אויף פּוילן — — — — 45
נאָך דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע — — — — — — — — — — 49
די אינערלעכע קריזיסן אין „בונד“ און פּ. פּ. ס. — — — — — — — 51
די געענדערטע לאַגע אין לאַנד. — מיין אויפהאַלט אין דאַנציק 56
בערלין־מאָסקווע — — — — — — — — — — — — — — — 61
דער קראָנשטאַטער אויפשטאַנד און דער „נעפּ“ — — — — — — 66
מיט אַ מיסיע קיין פּוילן — — — — — — — — — — — — — 74
די געענדערטע לאַגע אין פּוילן און די אַלטע טאַקטיק פון דער קאָמפּאַרטיי — — — — — — — — — — — — — — — — 80
די דריטע לאַנד־קאָנפערענץ פון דער ק. פּ. ר. פּ. — — — — — — 84
מיין ערשטער אַרעסט אין וואַרשע — — — — — — — — — — 94
די טעטיקייט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי — — — 97
דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־אַפּאַראַט — — — — — — — — — 103
דער פּאַראַלעלער אומלעגאַלער סאָוועטישער אַפּאַראַט — — — — 106
די צוגרייטונגען צום צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי אין יאָר 1923 — — — — — — — — — — — — — — — — 109
מיין אַרעסט אויף דער דייטשער גרעניץ — — — — — — — — 112
אין בערלין — — — — — — — — — — — — — — — — 118

דער צווייטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. — דייטשלאַנד סוף 1923. —
דער קריזיס אין קאָמינטערן — 122
מיין אַרעסט אין לאָדזש — 136
מיין אַנטלויפן פון דער טורמע — 144
דער פינפטער קאָנגרעס פון קאָמינטערן — 149
די פוילישע קאָמיסיע פון קאָמינטערן — 154
מיין אַרבעט אין מערב־ווייסרוסלאַנד — 163
דער דריטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר — 179
מיין צווייטע רייזע קיין בערלין — 184
דער סוף פון אולטראַ־לינקן קורס — 193
די לאַגע אין פוילן סוף 1925 — 197
לעמבערג, דער 1טער מאַי — 200
די מאַי־איבערקערעניש און דער קריזיס אין דער קאָמפּאַרטיי פון פוילן — 203
די קאַמפּן אין דער אוקראַינישער קאָמפּאַרטיי. — סקריפּניק אין דאַנציק — 208
אין מאָסקווע ערב דעם 4טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר — 214
דער 4טער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר — 225
די וואַלן צום סיים. — מיין נייער אַרעסט אויף דער דאַנציק־פּוילישער גרעניץ — 238
ווידער אין די פוילישע תפיסות — 242
פאַרן געריכט אין לאָדזש — 250
דער קאַמף פון קאָמינטערן קעגן די רעכטע — 256
אין דער טורמע ווראָנקי — 261
דער גרויסער הונגער־שטרייק אין דער טורמע — 268
מיין באַפרייאונג פון ווראָנקער טורמע — 280
די לאַגע אין דער קאָמפּאַרטיי און אין קאָמינטערן — 283
אונדזער אָפּאָזיציאָנעלע אַרבעט אין דער פּאַרטיי — 313
מיין נייער אַרעסט — 325
היטלערס קומען צו דער מאַכט. — די ווייטערדיקע ירידה פון דער קאָמבאַוועגונג אין פוילן — 331
איך פאַרלאָז פוילן — 337
נעמען־רעגיסטער — 357

פאָרוואָרט

צוויי סיבות האָבן מיך באַוויגן אָנצושרייבן מיינע זכרונות וועגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן.

די ערשטע סיבה איז געווען אַ טיפע אינערלעכע באַדערפעניש צו דערמאָנען די אַלע אַמאָליקע פירער און טוער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן, זייערע בעסטע כוחות, פעאיקייטן דרייסט און מוטיק געשטעלט צום דינסט פון אַן אידעאַל, צו וועלכן זיי זענען געווען צוגעבונדן פון זייער פרישטער יוגנט אָן און שפּעטער געפאַלן קרבנות פון זייערע אייגענע פאַלשע אילוזיעס און אָפּגענאַרטע האָפענונגען.

איך האָב צום גליק אויסגעמיטן זייער טראַגישן גורל, ווייל איך האָב אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש פריער פון זיי איבערגעריסן מיט דער קאָמבאַוועגונג און דער עיקר, ווייל אין די דרייסיקער יאָרן האָב איך זיך צופעליק נישט געפונען אויף דער טעריטאָריע פון ראַטנפאַרבאַנד. ווען זיי וואָלטן זיך געפונען אין די זעלביקע פרייע באַדינגונגען וואָס איך, וואָלטן זיי אַליין זיך געקענט פאַרטיידיקן קעגן די שרעקלעכע באַשולדיקונגען, וואָס זענען אויף זיי געוואָרפן געוואָרן.

האָב איך געהאַלטן פאַר מיין מאָראַלישע פליכט צו דערציילן דער וועלט וועגן די אַלע, וואָס קענען שוין היינט, ליידער, נישט רעדן...

דאָס איז געווען די ערשטע סיבה, פאַרוואָס איך האָב אָנגעשריבן מיינע זכרונות.

די צווייטע סיבה איז שוין פון אַן אַנדער כאַראַקטער.

מיט מיינע זכרונות וויל איך ביישטייערן, זאָל זיין אפילו אין אַ גאָר באַשיידענער מאָס, צו דער דערקענטעניש פון דעם פענאָמען פון אונדזער צייט, וואָס הייסט וועלט־קאָמוניזם און וואָס האָט נאָך ווייט

נישט פאַרענדיקט זיין פאַטאַלע ראָל פאַר דעם גורל פון דער גאַנצער מענטשהייט.

וואָס בעסער מיר קענען אונדזער קעגנער, אַלץ וויניקער שעדלעך איז ער פאַר אונדז.

וויפיל פאַלשע און שעדלעכע אילוזיעס וואָלטן פאַרשפּאָרט געוואָרן בלויז אין די לעצטע יאָרן, ווען די פריִע עפנטלעכע מיינונג וואָלט בעסער און סאָלידער געווען אינפאָרמירט וועגן עצם תוכן פון וועלט־קאָמוניזם אין אַלע זיינע אַספּעקטן און אַנטוויקלונגען.

דערקענען גרינטלעך דעם קאָמוניזם און באַזונדערס דעם סאָוועטישן טאָטאַליטאַרן רעזשים איז נאָר מעגלעך דעמאָלט, ווען מען פאָרשט און פאַרטיפט זיך אויך אין דער געשיכטלעכער פאַרגאַנגענהייט פון קאָמוניזם, ווייל אין תוך גענומען איז ער אַ קאָנסערוואַטיווע געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציע, וועמענס הויפּט־צילן זענען נאָך פאַר דער מאַכט־דעראָבערונג אין רוסלאַנד, פאַר נאָוועמבער 1917, קלאָר אָנגעצייכנט געוואָרן. די אַלגעמיינע סטראַטעגיע און טאַקטיק זיינע אויך גאַנץ קלאָר. און וואָס שייך די מאָראַלישע פּרינציפּן פון קאָמוניזם, וואָרצלען זיי אין די סאַמע אָנהייבן פון רוסישן באָלשעוויזם און אפשר אפילו נאָך פריִער.

פּונקט ווי אין אַ טראָפּן וואַסער שפּיגלט זיך אָפּ דער גאַנצער ים, אַזוי קען מען אין דער געשיכטע פון יעטוועדער באַזונדערער קאָמפּאַרטיי, וואָס איז פון תמיד אָן אַן אונטערגעאָרדנטע פיליע פון קאָמינטערן, דערקענען דעם גאַנצן באָלשעוויזם אין אַלע זיינע פאַזן פון אַנטוויקלונג.

מיינע זכרונות האָבן דעריבער פאַר אַ ציל צו דערציילן ווי אַזוי דער קאָמוניזם האָט זיך מאַניפעסטירט אין אַלע זיינע פאָרמען *אויפן פוילישן באָדן.*

מיין אַרבעט פּרעטענדירט נישט צו טראָגן אַ וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער. איך האָב נישט דערצו געהאַט די נויטיקע באַדינגונגען, ווייל אַלע אַרכיוון פאַר אַזאַ מין אַרבעט געפינען זיך, לײַדער, אין רוסלאַנד און די מאַטעריאַלן, וואָס זענען דערשינען אין פּוילן אין משך פון די יאָרן, וואָס עס הערשט דאָרט די וואַרשעווער רעגירונג, זענען אין אַ גאָר גרויסער מאָס געפעלשט געוואָרן לויט די פּאָליטישע באַדערפענישן פון לויפנדיקן מאָמענט.

איך האָב זיך אין מײַן אַרבעט געמוזט הויפּטזעכלעך שטיצן אויף מײַן אייגענעם זכרון, אויף מײַנע פּערזענלעכע איבערלעבונגען און אײַנדריקן און נאָר אויף אַ ביסל מאַטעריאַל, וואָס שטאַמט נאָך פֿון פֿאַר דער לעצטער מלחמה און וואָס איך האָב געפֿונען אין די פּאַריזער עפֿנטלעכע ביבליאָטעקן. די דאָזיקע מאַטעריאַלן, ווי, למשל: אַ רײַע חודשלעכע אויסגאַבן פֿון קאָמינטערן פֿון די 20קער יאָרן, בראָשורן און פּובליקאַציעס פֿון דער ק. פּ. פּ. און דאָס בוך פֿון רעגולאַ וועגן דער געשיכטע פֿון קאָמוניזם אין פּוילן, וואָס איז לעגאַל דערשינען אין פּילסודסקי־פּוילן און דערפֿאַר טאַקע דאַרף מען זיך צו אים באַציִען מיטן גרעסטן אומצוטרוי. פֿונדעסטוועגן האָט דאָס קאַרגע ביז גאָר מאַטעריאַל מיר צוגעהאָלפֿן אין אַ געוויסער מאָס זיך צו דערמאָנען וועגן פֿאַרשידענע עפּיזאָדן, סיטואַציעס און פּאַסירונגען און דערמעגלעכט צו ציטירן אַ רײַע רעזאָלוציעס, באַשלוסן און דערקלערונגען פֿון דער קאָמפּאַרטיי.

זאָל אָבער דער לייענער נישט זוכן אין מײַן אַרבעט די געשיכטע פֿון דער קאָמבאַוועגונג אין פּוילן, נאָר גיכער דעם מוסר השכל פֿון אַ באַוועגונג, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ סך הערלעכע געשטאַלטן מיט גרויס מסירת נפש און טיפֿן גלויבן אין דער צוקונפֿט פֿון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין פּוילן און דאָך אַזוי טראַגיש פֿאַרענדיקט איר עקזיסטענץ; זאָל ער אין מײַן אַרבעט געפֿינען אַ באַשייד צו וואָס עס דערפֿירן טאָטאַליטאַרע קאָנצעפּציעס וועגן סאָציאַליזם און וועגן דער באַפֿרײַאונג פֿון אַרבעטער־קלאַס.

אַנטוישטע אין קאָמוניזם זענען הײַנט פֿאַראַן אַ סך. עס זענען פֿאַראַן אַנטוישטע, וואָס שפּײַען אויף זייער פּאַרטיי־פּאָליטישער פֿאַרגאַנגענהייט און זענען געוואָרן פּאָליטישע ציניקער אָדער זיך בכלל אָפּגעקערט פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

עס זענען אָבער פֿאַראַן אַנטוישטע, וואָס קוקן אויף דעם קאָמוניסטישן פּעריאָד פֿון זייער לעבן ווי אויף אַ גרויסע, טראַגישע מיספֿאַרשטייעניש, וואָס האָט זיך בײַ זיי גענומען פֿון אַ דעפֿאָרמירטער פֿאָרשטעלונג וועגן ווירקלעכן זין פֿון סאָציאַליזם, אַלס אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער פֿרײַהייטלעכער אידעאַל. פֿון צווישן די דאָזיקע אַנטוישטע האָבן זיך אַ סך אָנגעשלאָסן אין דער סאָציאַליסטישער באַ־

ווענונג און דינען ווייטער דעם אידעאַל פון דער אַרבעטנדיקער מענטשהייט.

צו אָט די אַנטוישטע באַציען זיך די קאָמוניסטן מיט דער גרעסטער שנאה. דאָס איז פאַרשטענדלעך. ווער נאָך קען בעסער דעם קאָמוניזם ווי יענע, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג געקעמפט אין זיינע פאָדערשטע רייען און ווער איז נאָך מער פון זיי באַרופן צו דער־ציילן דעם אמת וועגן אים?

דער מחבר

ערב דער אַנטשטייאונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן

(די מלחמה־יאָרן 1914 — 1918)

די ערשטע וועלט־מלחמה האָט גרינטלעך פאַרענדערט דאָס פּנים פון אַמאָליקן פאַר־מלחמהדיקן פּוילן. די, וואָס האָבן געלעבט אין לאַנד און אַקטיוו זיך באַטייליקט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָבן דאָס אַמבולטסטן געקענט באַמערקן.

די גרויסע אינדוסטריע־צענטערן מיט זייער געדיכטער אַרבעטער־באַפעלקערונג זענען ווי אויסגעשטאָרבן. ווען מען איז געגאַנגען איבער די פאַבריק־קוואַרטאַלן פון דעם גרעסטן צענטער פון דער פּוילישער טעקסטיל־אינדוסטריע — לאָדזש, האָט עס אָנגעוואָרפן אַן אימה. פאַב־ריקן אויסגעהוילטע פון זייער אינגעווייד מיט אויסגעלאָשענע קוימענס און פאַרהאַקטע טויערן, צו וועלכע עס פלעגן אַמאָל טאָג־טעגלעך שטראָ־מען צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, פרויען און יוגנטלעכע, זענען איצט געשטאַנען אין אַ פאַרגליווערטער שטילקייט.

צוערשט זענען עס געווען די רוסן, וואָס האָבן אין אַ גרויסער מאָס אויסגעליידיקט די שטאָט. זיי האָבן אַדורכגעפירט אַן אַלגעמיינע מאָבי־ליזאַציע און צוזאַמען מיט די מאָביליזירטע האָבן זיי שוין אין־איין־וועגס אויך עוואַקואירט קיין רוסלאַנד אַ באַדייטנדיקן טייל פון די פאַבריק־איינריכטונגען. אַ טייל פון דער לאָדזשער בורזשואַזיע האָט פרייוויליק באַגלייט די פון לאָדזש אָפּטרעטנדיקע צאַרישע אַדמיניסטראַציע און אַר־מיי, מיטנעמענדיק מיט זיך וויפיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט פאַרטיקע טעקסטיל־סחורות אין דער האָפענונג ווייטער אין רוסלאַנד אָנצוגיין מיט מסחר, ווייל די לאָדזשער אינדוסטריאַלן האָבן גוט געקענט דעם רוסישן מאַרק. אויך גרויסע טיילן פון העכערן פערסאָנאַל האָבן צוזאַמען מיט זייערע באַלעבאַטים פאַרלאָזט די שטאָט.

בעת מיר האָבן געזען אויף די גאַסן פון לאָדזש די אָפּציענדיקע רו־

סישע צאַרישע אַרמיי האָט קיינער פון אונדז נישט געטראַכט, אַז זי פאַר־לאָזט שוין אויף אייביק פוילן; אַז מיר זענען עדות פון דעם, ווי עס ווערט פאַרווירקלעכט דער גרויסער חלום פון דורות פוילישע פרייהייטס־קעמ־פער פאַר אַן אומאָפּהענגיק פוילן. מיר האָבן דעמאָלט געמיינט, אַז דאָס איז בלויז אַן עפּיזאָד, אַ סטראַטעגישער צוריקצוג פון צאַרישן גענעראַל־שטאַב.

די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט נישט צוריק אויפגעלעבט די אָפּ־געשטאָרבענע אינדוסטריע־צענטערן אין לאַנד. פאַרקערט, זי האָט נאָך מער דעוואַסטירט און רואינירט די פוילישע אינדוסטריע און אויסגע־זויגן פון לאַנד זיינע לעצטע זאַפטן. אַלץ, וואָס האָט נאָר געקאָנט דינען דער מעכטיקער דייטשישער קריגס־מאַשין, האָבן די דייטשן אַרויסגע־פירט. אפילו אַ מעשענע קליאַמקע פון אַ טיר האָבן זיי נישט איבער־געלאָזט. זיי האָבן אויך נישט געשאַנעוועט די באַפעלקערונג. מען האָט געכאַפּט מענטשן פאַר דער דייטשער קריגס־אינדוסטריע, פאַר דער דייי־טשער לאַנדווירטשאַפט, אָדער פאַר בויען באַפעסטיקונגען אין פוילן גו־פא. אַ סך, געטריבן פון נויט, זענען פרייוויליק אַוועק צום דייטש אויף אַרבעט. עס האָט געהערשט אין די אָרימע קוואַרטאַלן אַן אומבאַשרייב־לעכע נויט. טיפוס און דעזינטעריע האָבן גורם געווען צווישן דער שטאָ־טישער באַפעלקערונג אַ גרויסע שטאַרביקייט.

דאָס בירגערטום האָט צום טייל געלעבט פון די פריערדיקע אָפּשפּאָ־רונגען, צום טייל פון אומלעגאַלן האַנדל. בכלל האָט די שטאָטישע באַ־פעלקערונג געפירט אַן אומפּראָדוקטיוו לעבן און גרויסע טיילן אירע האָבן גענאָסן פון אַ מאָגערער סאָציאַלער הילף (פאָלקס־קיכן אד״גל).

די שנאה צום דייטשן אָקופּאַנט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג און עס פלעגט דערגיין צו עקסצעסן צווישן דער פּאָליציי און דער אויסגע־הונגערטער באַפעלקערונג.

דער איינציקער שיכט אין פוילן, אַגב דער צאָלרייכסטער, וואָס האָט רעלאַטיוו אַמווייניקסטן געליטן פון דער אָקופּאַציע־מאַכט, איז גע־ווען דאָס פוילישע פויערנטום. אמת, די פויערים האָבן געהאַט אויסצו־שטיין פון די אָפטע דייטשישע רעקוויזיציעס פון תבואה און בהמות, פאַר וועלכע די דייטשן פלעגן צאָלן מיט ווערטלאָזע „שיינען“, אָבער

פון דער אַנדערער זייט האָבן דערפאַר די פויערים זיך באַפרייט פון די פאַר־מלחמהדיקע היפּאָטעקן־חובות און די גרויסע פראָצענטער און איצט גענומען הויכע פרייזן פאַר זייערע פראָדוקטן.

פּאָליטיש גענומען, זענען דאָס פּוילישע בירגערטום און די גרויסע פּריצים געווען צעשפּאָלטן אויף צוויי לאַגערן. איינער האָט זיך אָריענטירט אויף די צענטראַלע מלוכות (דייטשלאַנד, עסטרייך און אונגאַרן). דאָס זענען געווען די אַזוי גערופענע „אַקטיוויסטן" און זיי האָבן טאַקע אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט דער דייטשישער און עסטרייך־אונגאַרישער אָקופּאַציע־מאַכט. דער צווייטער לאַגער, (די אַזוי גערופענע „פּאַסיוויסטן") האָבן זיך אָריענטירט אויף ענגלאַנד, פראַנקרייך און רוסלאַנד. די „אַקטיוויסטן" האָבן זיך הויפּטזעכלעך געפונען פון מערב־גאַליציע און פּויזנער קאַנט און די „פּאַסיוויסטן" פון דעם רוסישן טייל פּוילן (קאָנגרעס־פּוילן).

די אַרבעטער־פּאַרטייען בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע

צווישן דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט אין פּוילן האָבן דעמאָלט געווירקט דריי פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען: די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ. פּ. ס. רעוואָלוציאָנערע פראַקציע), די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ. פּ. ס. לעוויצא) און די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון פּוילן און ליטע (ס. ד. ק. פּ. ל.). די יידישע פּאָלקס־מאַסן האָבן זיך הויפּטזעכלעך געפונען אונטער דער השפּעה פון „בונד". געוויסע איינפלוסן האָבן אויך געהאַט די פּועלי־ציון".

די מלחמה און אָקופּאַציע האָבן געשאַפן נייע באַדינגונגען פאַר די אַרבעטער־פּאַרטייען. פון אומלעגאַלע בעת דער צאַרישער הערשאַפט אין פּוילן זענען זיי איצט געוואָרן האַלב־לעגאַל. עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אַ לעגאַלע אַרבעטער־פּרעסע און עס פלעגן פאָרקומען לעגאַלע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, וועגן וועלכע מען האָט געדאַרפט פריער מעלדן דער פּאָליציי. עס פלעגט אפילו פּאַסירן, אַז דייטשישע זעלנער, פון דער־

היים סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָבן באַזוכט אַרבעטער־לאָקאַלן און זיך אינ־טערעסירט מיט דער פּוילישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

וועגן עקאָנאָמישע שטרייקן האָט דעמאָלט נישט געקענט קיין רייד זיין מיטן אויסנאָם פון דאָמבראָווער קוילן־ראַיאָן, ווו די פּראָדוקציע האָט ווייטער אָנגעהאַלטן אַזוי ווי פאַר דער מלחמה און ווו עס זענען קאָנצענ־טרירט געווען צענדליקער טויזנטער קוילן־גרעבערס.

פון דעם נעמט זיך, וואָס די טעטיקייט פון די אַרבעטער־פּאַרטייען (אַ חוץ דער פּ. פּ. ס. רעוואָלוציאָנערע פראַקציע) האָט געטראָגן הויפּט־זעכלעך אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישן כאַראַקטער. מען האָט געפירט אַ פּראָפּאַ־גאַנדע קעגן דער אימפּעריאַליסטישער מלחמה, מען האָט אויסגענוצט די שטאָט־ראַט־וואַלן און שפּעטער די טריבונעס פון די שטאָט־ראַטן פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן, מען האָט אָרגאַניזירט 1טע מאַי־מאַניפעסטאַציעס. די פּאַרטייען האָבן אויך געפירט אַ קאַמף קעגן דער בירגערלעכער פילאַנ־טראָפּיע פאַר אַ ראַציאָנעלער פּאַרטיילונג פון דער הילף פאַר די פאַר־אָרעמטע מאַסן און געפאָדערט, אַז די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זאָלן באַ־קומען אַ גרעסערן חלק פאַר זייערע מיטגלידער.

די צווישן־פּאַרטייאישע אידעאָלאָגישע קאַמפן האָבן פונקט אַזוי ווי פאַר דער מלחמה ווייטער אָנגעהאַלטן אין אַרבעטער־לאַגער. די פראַגע מלחמה און שלום, די באַציאונג צום פּראָבלעם סאָציאַליסטישער אינטער־נאַציאָנאַל, די פּוילן־פראַגע, — דאָס אַלץ איז צו יענער צייט זייער הייס דיסקוטירט געוואָרן.

די פּ. פּ. ס. (פראַקציע), וואָס האָט זיך אין יאָר 1906 אָפּגעשפּאָלטן פון דער פּ. פּ. ס., האָט אונטער דער אָנפירונג פון פּילסודסקין געשאַפן אַ פּוילישע בריגאַדע מיט דער הילף פון דער עסטרייכישער רעגירונג. פּיל־סודסקיס אַלטע אָריענטאַציע אויף אַ מלחמה מיט רוסלאַנד ווי אַ וועג צו פּוילנס אומאָפּהענגיקייט האָט דעמאָלט געוווּנען אַ סך אָנהענגער צווישן די פּאַטריאָטיש־געשטימטע פּאָלאַקן און אויך ביי פּוילישע אַר־בעטער. די וואַלן צו די שטאָטראַטן אין 1916 האָבן באַוויזן, אַז די פּ. פּ. ס. (פראַקציע) האָט אין אַזעלכע וויכטיקע צענטערן ווי וואַרשע און לאָדזש באַקומען אַזויפיל שטימען אין דער אַרבעטער־קוריע ווי ביידע אַנ־דערע פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטייען (פּ. פּ. ס. לעוויצא און ס. ד. ק. פּ. ל.)

צוזאַמען. אין דאָמבראָווער קוילן־ראַיאָן איז די פּראָפּאַרץ געווען אַן אַנ־דערע.

די צאָל פּוילישע שטימען, וואָס די פּ. פּ. ס. לעוויצא האָט פאַקטיש באַקומען אין וואַרשע, איז שווער געווען פעסטצושטעלן, מחמת זי איז געגאַנגען אין אַ וואַל־בלאָק מיטן „בונד“.

די דייטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט נישט געקענט זיך רואיק צוקוקן צו דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון די אַרבעטער־פּאַרטייען און עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן אויף זיי רעפּרעסיעס. אַ סך אָנגעזעענע טוערס פון אַלע פּאַרטייען זענען פאַרשיקט געוואָרן אין האַוולבערגער לאַגער.

ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, איז די פּוילן־פראַגע זייער שטאַרק צו יענער צייט דיסקוטירט געוואָרן אין אַלע אַרבעטער־קרייזן. די פּ. פּ. ס. לעוויצא האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער לאָזונג פון אַן אומאָפּהענגיק פּוילן, ווי דאָס האָט פאָרמולירט די פּ. פּ. ס. (פראַקציע) און זי איז געווען קעגן נאַציאָנאַלער אחדות, אָבער קיין קלאָרן ענטפער אויף דער פּוילן־פראַגע האָט זי נישט געהאַט. די ס. ד. ק. פּ. ל. איז גע־בליבן ביי איר אַלטער שטעלונג: פאַר אַן אויטאָנאָמיע פון פּוילן אין די ראַמען פון אַ דעמאָקראַטיש רוסלאַנד. פּוילן, האָבן די עסדעקעס גע־טענהט, איז ווירטשאַפטלעך געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער רוסי־שער עקאָנאָמיק; אַן אומאָפּהענגיק פּוילן באַדייט אַ בורזשואַז־פּוילן און די אַרבעטער קענען נישט קעמפן פאַר אַזאַ זאַך, באַזונדערס היינט, ווען מיר זענען אַריינגעטראָטן אין דער תקופה פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

אויף אונדזערע בונדישע קרייזן פלעגן די דיסקוסיעס זיך פאַרציען ביז שפּעט אין דער נאַכט. די מערהייט פון דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע איז געווען פאַר אַן אויטאָנאָמיע און נישט פאַר אַן אומאָפּהענגיק פּוילן. וואָס שייך דער פראַגע מלחמה און שלום זענען די מיינונגען געווען נאָך מער צעטיילט. פּ. פּ. ס. פראַקציע האָט אַנטוויקלט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע פאַר אַן אומאָפּהענגיק פּוילן און צוזאַמען מיט דער לינקער פּויערים־פּאַרטיי געהאָלפן שאַפן אונטער דער אָנפירונג פון פּילסודסקין די פּוילי־שע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע (פּ. אָ. וו.). די איינפלוסן פון דעם דאָזיקן לינקן לאַגער זענען באַזונדערס שטאַרק געוואַקסן, ווען פּילסודסקיס לע־

גיאָנערן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אַ מיליטערישע שבועה פאַר דער דייטשישער מאַכט און מען האָט זיי אינטערנירט און דער „קאָמענ־דאַנט" איז איינגעזעצט געוואָרן אין דער מאַגדעבורגער פעסטונג אין דייטשלאַנד.

מיר האָבן צו יענער צייט נישט דערשאַצט די דאָזיקע באַוועגונג און אונדזערע דיסקוסיעס וועגן פוילן אָדער מלחמה און שלום האָבן געטראָגן אַ מער טעאָרעטישן און אַבסטראַקטן כאַראַקטער, בעת עס האָט זיך שוין דערנענטערט דער מאָמענט, ווען עס וועלן זיך אָפּשפּילן געשעענישן פון אַ קאָלאָסאַלן היסטאָרישן באַדייט. איך דערמאָן זיך, בעת פּעפּעסאָוו־צעס פלעגן מיט מיר אין פריוואַטע געשפּרעכן זיך באַרימען, אַז זיי האָבן שוין גאָר שטאַרקע מיליטעריש־געשולטע קאַדרען און פאַרזיכערט, אַז דער מאָמענט איז שוין גאָר נאָענט, ווען פוילן וועט באַפרייט ווערן, האָב איך דאָס נישט גענומען ערנסט און אין די דיסקוסיעס זיי פאָרגעוואָרפן, אַז זיי זענען נישט קיין אויסגעהאַלטענע מאַרקסיסטן און פירן נישט קיין פּאָליטיק פון קלאַסן־קאַמף.

בכלל האָבן אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען צוזאַמען צו יענער צייט נישט געהאַט קיין גרויסע השפעה אויף די אַרבעטער־ און פאָלקס־מאַסן אין לאַנד. זיי האָבן באַאיינפלוסט בלויז אַ דינעם שיכט זייערע. די אַרבע־טער־פּרעסע (וואָכן־שריפטן), וואָס זענען דעמאָלט דערשינען, האָבן בסך הכל געהאַט אַ טיראַזש פון עטלעכע טויזנט עקזעמפּלאַרן יעדע. דער רוב פון דער באַפעלקערונג האָט געלעבט מיט די שווערע טאָג־טעגלעכע זאָרגן און איז געווען נידערגעשלאָגן און פיזיש אויסגעשעפּט. אין פּאָליטיש־אָפּגעשטאַנענע און סאָציאַל־עקאָנאָמיש רעגרעסיווע לענדער איז בכלל געזעלשאַפטלעך אַקטיוו גאָר אַ דינער שיכט, וואָס איז אָרגאַניזירט אין פּאָליטישע פּאַרטייען.

די רוסישע פעברואַר־רעוואָלוציע

אין אַ פעברואַר־טאָג פון 1917, וואָס האָט זיך נישט אונטערשיידט פון אַלע פריערדיקע טעג פון די חושכדיקע מלחמה־יאָרן און בשעת אין די אַרבעטער־לאָקאַלן האָבן זיך געפונען גרופּקעס אַרבעטער און אַרבעטע־

רינס און נעוואַרט אויף דער אָרעמער פאָלקס־זופּ מיטן שטיקל שוואַרץ ברויט, איז אָנגעקומען די סענסאַציאָנעלע ידיעה וועגן אויסברוך פון דער רוסישער רעוואָלוציע. זי האָט ממש עלעקטריזירט די לאָקאַלן און אויפ־געטרייסלט די גאַנצע באַפעלקערונג. כאָטש מיר אין פוילן זענען געווען אָפּגעטיילט פון רוסלאַנד מיט אַ מויער פון דייטשישע באַגנעטן, האָט דאָס נישט געקענט אָפּשוואַכן דעם אַלגעמיינעם ענטוזיאַזם, וואָס די דאָזיקע ידיעה האָט אַרויסגערופן. די גרויסע פרייד און די דערהויבענע שטימונג, וואָס די פעברואַר־רעוואָלוציע האָט אַרויסגערופן אין אונדזערע בונדישע רייען, וועט אויף אייביק בלייבן אין מיין זכרון. עס איז גראָד געווען אַ פרעכטיקער ערב־פרילינג טאָג און בעת מיר האָבן זיך האָפּערדיקע אַרויס־געלאָזט אין גאַס אַריין האָבן מיר באַמערקט, ווי די בירגערלעכע עלע־מענטן קוקן איצט אויף אונדז מיט מער חשיבות און נייגיר. דאָס האָט אונדז צוגעגעבן מער זיכערקייט, אַז די רעוואָלוציע איז אונדזערס אַ זאַך, איז אונדזערס אַ יום־טוב.

יעדן טאָג האָבן מיר ממש געשלונגען די ידיעות פון רוסלאַנד. אין די אַרבעטער־לאָקאַלן האָט געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק פון דער פרייד געמישט מיט זכרונות וועגן געמיינזאַמען קאַמף קעגן דער צאַרישער הערשאַפט. מען האָט געוועבט פּאָליטישע פּלענער, וואָס זענען געווען דורכגעפלאָכטן מיט פאַנטאַסטישע פּערספּעקטיוון. דערביי האָט מען שוין פאַרגעסן אָן דער האַרטער טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט. באַזונדערס שטאַרק האָט מען קאָמענטירט די נעמען פון די, וואָס די פעברואַר־רע־וואָלוציע האָט אַרויסגעטראָגן צו דער מאַכט. עס זענען געווען צווישן אונדז אַזעלכע חברים, וואָס האָבן געקענט פערזענלעך טייל פירער פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע. האָבן זיי דערציילט און אָנדערציילט זיך מעשיות וועגן אָט די פירער. אָפּטמאָל האָבן מסתמא די דאָזיקע חברים אַביסל איבערגעטריבן אויך, אָבער וועמען האָט דאָס געאַרט? מיר יונגע האָבן גע־וואָלט הערן וואָס מער איינצלהייטן, זיך דערוויסן וועגן לעבן פון די גרויסע רוסישע רעוואָלוציאָנערן, ווייל מיר האָבן זיי געקאָנט בלויז פון דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור און פּובליציסטיק.

דאָס גאַנצע פּאַרטיי־לעבן האָט מיטאַמאָל באַקומען אַ נייעם און אינטענסיוון אינהאַלט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס האָבן זיך

אָנגעהויבן אויסצושיילן חלוקי־דעות און וואָס אַמאָל אַלס שאַרפערע, אַרום די אויפגאַבן און צילן פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע.

די פּאָליטישע געשעענישן מיט זייער שטורמישן פאַרלויף האָבן אַ סך פון אונדז אין אַזאַ מאָס אויפגעטרייסלט, אַז מיר האָבן פאַרלוירן דעם באָדן אונטער די פיס. איך האָב געהערט צו די, וואָס האָבן געגלויבט, אַז די רוסישע רעוואָלוציע וועט תיכף ומיד אַרויסרופן אַ טיפע רעאַקציע ביי דער דייטשישער אַרמיי און די דייטשישע סאָלדאַטן וועלן אויסדרייען זייער געווער קעגן די פּרייסישע אָפיצירן. גאָר זיכער בין איך געווען, אַז די דייטשישע סאָלדאַטן וועלן זיך פאַרברידערן מיט דער רוסישער אַרמיי. דער צאַר איז דאָך שוין געפאַלן און די דייטשישע סאָלדאַטן האָט מען דאָך איינגערעדט, אַז די מלחמה צילט צו באַפרייען אייראָפּע פון דער צאַרישער באַרבאַריי.

מיטאַמאָל הערן מיר אָבער, אַז די צייטווייליקע דעמאָקראַטישע רע־גירונג אין רוסלאַנד וויל ווייטער פירן די מלחמה, וועלכע מיר האָבן גע־האַלטן פאַר אַן אימפּעריאַליסטישע. פון דער אַנדערער זייט ווידער ווערן מיר געוווירן, אַז אַלע פּאָליטישע געפאַנגענע אין רוסלאַנד, אַז אַלע אַלטע רעוואָלוציאָנערע קעמפער קומען צוריק פון וויטן סיביר און ווערן אויפ־גענומען מיט גרויס פּאַראַד. די דאָזיקע און ענלעכע קעגנזעצלעכע פאַקטן האָבן אין אַ גרויסער מאָס צעטומלט די מוחות וועגן עצם כאַראַקטער פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע און פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג. עס קומען אָן נאָך אַנדערע ידיעות. פון דער שווייץ האָבן זיך אומגעקערט אין פּלאָמבירטע וואַגאָנעס קיין רוסלאַנד אַ גרופּע באָלשעוויקעס מיט לע־נינען בראש און עס באַווייזן זיך זיינע „אַפּריל־טעזן“. קערענסקי פאַר־נעמט אַ וואַקלדיקע שטעלונג צו די עיקרדיקסטע פּראָבלעמען פון דער דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע. עס אַנטשטייען חילוקי־דעות ביי די מענ־שעוויקעס און אין גאַנצן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל וועגן די וועגן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף די געפילן און געדאַנקען־גאַנג פון סאָציאַליסטישן לאַגער אין פּוילן. די פּ. פּ. ס. (פראַקציע) האָט געהאַט איר פּאָליטיק, וואָס האָט זיך, אין תוך גענומען, רעדוצירט צו איין פּונקט: דערגרייכן די אומאָפּהענגיקייט

פון לאַנד און נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט האָט זי באַטראַכט די געשעע־
נישן אין רוסלאַנד.

די פּ. פּ. ס. (לינקע) דאַקעגן איז נישט געווען איינהייטלעך אין דער
דאָזיקער פראַגע. די מיטגלידער אירע, וואָס האָבן זיך געפונען אין רוס־
לאַנד אויף פאַרשיקונג און זענען איצט באַפרייט געוואָרן, האָבן באַגריסט
די רוסישע רעוואָלוציע און געשטיצט די ציימווייליקע קערענסקי־רעגי־
רונג. די ווידער, וואָס האָבן זיך געפונען אין פּוילן, האָבן פאַרנומען אַ
וואַקלדיקע שטעלונג, אַ פּאָזיציע צווישן מענשעוויזם און באָלשעוויזם.

די ס. ד. ק. פּ. ל. מיט גאָר קליינע אויסנאַמען האָט זיך געשטעלט
אויף דער זייט פון די רוסישע באָלשעוויקעס, אונטערגעשטיצט זייער
לאָזונג „די גאַנצע מאַכט די סאָוועטן” און געזען אין דער פעברואַר־רע־
וואָלוציע דעם אָנהויב פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַלער רעוואָ־
לוציע. די פּ. פּ. ס. לינקע, געפינענדיק זיך אונטער אַ שטאַרקן דרוק פון
דער ס. ד., האָט זיך אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש וואָס אַמאָל אַלץ מער צו
איר דערנענטערט.

ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, זענען אויך אין „בונד” פאַרגע־
קומען גרויסע אוןליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס און עס האָבן זיך אויסגע־
פורעמט דריי שטרעמונגען: אַ רעכטע, צענטריסטישע און לינקע.

אין אַלגעמיין האָט די פעברואַר־רעוואָלוציע אַרויסגערופן אַ גרויסע
פּאָליטישע אויפלעבונג אין לאַנד, נישט געקוקט דערויף, וואָס די אָקופּ־
פּאַציע־מאַכט האָט זיך נאָך געפילט שטאַרק אין זאָטל.

די פאַראייניקונג ביי דער ס. ד. ק. פּ. ל. און די אָפּשפּליטערונג ביי דער פּ. פּ. ס. (לינקע)

עס איז נאָך כדאי צו דערמאָנען צוויי פאַקטן פון וויכטיקער באַדיי־
טונג ערב דער אַנטשטייאונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן.
עס איז ליקווידירט געוואָרן די שפּאַלטונג אין דער ס. ד. ק. פּ. ל., וואָס
האָט אָנגעהאַלטן זינט 1912 און די שפּאַלטונג ביי דער פּ. פּ. ס. לינקע.
די שפּאַלטונג ביי דער ס. ד. ק. פּ. ל. איז פאַרגעקומען אויפן אָרגאַניזאַ־
ציאָנעלן באָדן, עס האָט זיך געפירט אַ קאַמף אַרום דער פראַגע, ווען

עס זאָל געהערן די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי: צו די, וואָס געפינען זיך אין אויסלאַנד (ראָזאַ לוקסעמבורג, ל. טישקאָ, י. דזשערזשינסקי, י. מארכ־לעווסקי און אַדאָלף ווארסקי), אָדער צו די מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַנד און דירעקט אָנגעפירט מיט דער אומלעגאַלער טעטיקייט. נאָך אַ סיבה האָט דערפירט דעמאָלט צו דער דאָזיקער שפּאַלטונג. די „שפּאַלטערס" (ראזלאמאווצי) האָבן פאַרגעוואָרפן דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון אויסלאַנד, אַז זי האָט אַ פאַלשע באַציאונג צו די קאַמפן, וואָס קומען פאָר צווישן די רוסישע באָלשעוויקעס און מענ־שעוויקעס. צו די אָנפירנדיקע מיטגלידער פון די שפּאַלטערס האָבן גע־הערט: ראדעק, אונשליכט, שטיין־קאמיענסקי, ראטשטאט־קראסני א. א.

לענין האָט, פאַרשטייט זיך, סימפּאַטיזירט מיט די „ראָזלאַמאָווצעס" און זיי ווידער האָבן געשטימט דערפאַר, אַז ער זאָל אין ביוראָ פון סאָ־ציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל רעפּרעזענטירן די ס. ד. ק. פּ. ל. לענין האָט געהאַט אַ גענוגנדיקן גרונט אין כעס צו זיין אויף די אויסלענדישע פירער פון דער פּוילישער ס. ד. און באַזונדערס אויף לעאָן טישקאָ.

אין דעם נאָך צו יענער צייט איינהייטלעכן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי זענען אויך געווען רעפּרעזענטירט די פּוילישע ס. ד. און זייער פאַרשטייער ל. טישקאָ פלעגט אָפטמאָל נישט שטימען צוזאַמען מיט די באָלשעוויקעס קעגן די מענ־שעוויקעס און צונישט מאַכן לענינס מאַנעוורען אין צ. ק. דאָס האָט לע־נין זייער פיינט געהאַט.

בכלל איז טישקאָ געווען אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און אַ פעסטער האַנט. ראָזאַ לוקסעמבורג און ער זענען געווען די פּאַקטישע פירערס פון דער פּוילישער ס. ד. איך האָב אים, ליידער, פּערזענלעך נישט געקענט.

לעאָ טישקאָ (יאָגיכעס) האָט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה גע־לעבט צוזאַמען מיט ראָזאַ לוקסעמבורג אין דייטשלאַנד און זיך גלייכ־צייטיק אַקטיוו באַטייליקט אין דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און צוערשט מיט קאַרל קויטסקי און שפּעטער קעגן אים צוזאַ־מען מיט פראַנץ מערינג און קאַרל ליבקנעכט געבילדעט דעם סאַמע לינקסטן פליגל אין דער פּאַרטיי. בעת דער מלחמה האָבן זיי געגרינדעט

דעם „ספּאַרטאַקוס־בונד", פון וועלכן עס איז סוף 1918 אַנטשטאַנען די דייטשישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

נאָכן שרעקלעכן מאָרד איבער ראָזאַ לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט אין יאַנואַר 1919 אין בערלין, האָט מען זיך אין די אָנפירנדיקע קרייזן אַזוי אויסגעדריקט וועגן דעם גרויסן פאַרלוסט פאַר דער פּאַרטיי: ר. לוקסעמבורג איז געווען דער גייסט פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, קאַרל ליבקנעכט איר האַרץ און עס איז נאָך פאַרבליבן אונדז ל. טישקאָ — די האַנט פון דער פּאַרטיי. מיט געציילטע וואָכן שפּעטער — אין מערץ 1919, איז אויך ער דערהרגעט געוואָרן אין די פינצטערע קאָרידאָרן פון דער מאָאַביטער טורמע אין בערלין אין שייכות מיטן מערץ־פּוטש אין דייטשלאַנד.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער בעת מיין אויפהאַלט אין בערלין פלעג איך מיך פון צייט צו צייט טרעפן מיט סאָניע ליבקנעכט, די צווייטע פרוי פון ליבקנעכטן. אַ שיינע, אינטעליגענטע פרוי פון רוסיש־יידישער אָפּשטאַמונג. זי האָט פאַרבונדן אַ גרויסע פריינטשאַפט מיט ראָזאַ לוקסעמבורג און טישקאָן און זי האָט מיר דערציילט וועגן די שווערקייטן, וואָס זי האָט געהאַט אויסצושטיין צוליבן שווערן כאַראַקטער פון טישקאָן. געווען איז דאָס אין די יאָרן פון דער מלחמה, בעת קאַרל ליבקנעכט, ראָזאַ לוקסעמבורג און ל. טישקאָ האָבן זיך געפונען אין דייטשע טורמעס. סאָניע ליבקנעכט איז געווען אויף דער פריי און זי איז געווען די פאַרמיטלערין צווישן זיי דריי. אין זיין פּאָליטישער קאָרעספּאָנדענץ פון טורמע האָט טישקאָ שטאַרק און מיט גרויס עקשנות געקעמפט פאַר יעדער פאָרמולירונג זיינער און פאַר יעדן אָרגאַניזאַציאָנעלן פאָרשלאַג און זי האָט געמוזט זיין די אויסגלייכערין צווישן זיי. ווי באַוווסט, איז דער דאָזיקער דרייערלינג באַפרייט געוואָרן דורך דער דייטשישער נאָוועמבער־רעוואָלוציע. האָט מיר סאָניע ליבקנעכט צווישן אַנדערע בריוו אירע, וואָס זי האָט געהאַט פון ראָזאַ לוקסעמבורג און לעאָן טישקאָ, געוויזן איינעם, וואָס טישקאָ האָט צו איר געשריבן שוין עטלעכע חדשים נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש פון נאָוועמבער 1917. אין דעם דאָזיקן בריוו זאָגט ער זיך ענטוזיאַסטיש אַרויס פאַר דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, אָבער ער דריקט אויס זיינע ספקות איבער די אַנטי־דעמאָ־

קראַטישע מעטאָדן פון לענינען. דעם זעלביקן מין פאַרבאַהאַלטן האָט אויך געהאַט ראָזאַ לוקסעמבורג, זיי האָבן נאָך געוואָרצלט אין דער דיס־קוסיע מיט לענינען, וואָס זי האָט געפירט אין 1903 אויף די שפאַלטן פון טעאָרעטישן זשורנאַל פון דער דייטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע „די נויע צייט", וואָס קויטסקי האָט רעדאַגירט.

צוריקקערנדיק זיך צו דער פוילישער ס. ד. איז כדאי צו באַמערקן, אַז צו דער פאַראייניקונג האָט אויך צוגעהאָלפן דער אומשטאַנד, וואָס צוויי פון די וויכטיקסטע פירער — אַדאָלף וואַרסקי (פון דער הויפּט־פאַרוואַלטונג) און קראַסני־ראַטשטאַט פון די „ראָזלאַמאַוועס" האָבן זיך געפונען אין אינטערנירונגס־לאַגער אין האַוועלבערג און זיי זענען צווישן זיך געקומען צו אַן אויסגלייך. אין אָקטאָבער 1916 איז פאָרגעקומען דער פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר און עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ צענטראַ־לער קאָמיטעט אויף פּאַריטעטע יסודות.

דער צווייטער פאַקט, וועגן וועלכן עס לוינט צו דערמאָנען ערב דער אַנטשטייאונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פוילן, איז די שפּאַל־טונג אין דער פּ. פּ. ס. לעוויצאַ. פאַקטיש האָט די שפּאַלטונג אַנגערירט בלויז די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. עס איז פון איר אַוועק צו דער ס. ד. ק. פּ. ל. אַ גרופּע מיט גזשעך־קאָוואַלסקי בראש, וועלכער האָט שפּעטער געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער פוילישער קאָמפּאַרטיי.

אין די דרייסיקער יאָרן איז ער אומגעקומען אין רוסלאַנד. צו דער דאָזיקער גרופּע האָט אויך געהערט אַ געוויסע צאָל יידישע פּעפּעסאָוו־צעס, מיט שכנא (קאַראַלסקי) בראש.

די אָקטאָבער־איבערקערעניש און איר איינפלוס אויף די אַרבעטער־פּאַרטייען אין פוילן

די באָלשעוויסטישע איבערקערעניש האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם אידעאישן פערמענט אין דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן.

אין דער פּ. פּ. ס. (פראַקציע) זענען אַנטשטאַנען גרופּעס, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט דער איבערקערעניש און עס איז שפּעטער דערגאַנ־

גען צו אַ סעצעסיע אין דער פּאַרטיי. די פּ. פּ. ס. לעוויצא אַלס גאַנצע האָט זיך געשטעלט אויפן באָדן פון דער באָלשעוויסטישער איבערקערע־ניש און אין „בונד" האָט זיך פאַרטיפט דער פראַקציאָנעלער קאַמף.

ביי דער ס. ד. איז געקומען צום אויסדרוק אַן אַנדער טענדענץ. אַלס פּאַרטיי, וואָס האָט זיך תמיד אָריענטירט אויפן רוסישן אַרבעטער־קלאַס און פאַרבונדן דעם גורל פון פּוילן מיטן קאַמף פאַר אַ דעמאָקראַטיש רוסלאַנד, אַלס פּאַרטיי, וואָס איז יאָרן לאַנג געשטאַנען אידעאָלאָגיש אמנאָענטסטן צו די רוסישע באָלשעוויקעס, האָט זי זיך איצט, נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, פּאָליטיש און מאָראַליש געפילט ווי אַ מין עקספּאָזיטור פון רוסלאַנד אויפן פּוילישן באָדן. די פּוילישע עסדע־קעס האָבן געקלאַפּט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איבער דער פּלייצע. דער פאַקט, וואָס אַלע פּוילישע עסדעקעס, וואָס האָבן זיך צו יע־נער צייט געפונען אין רוסלאַנד, האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער איבערקערעניש, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם איינדרוק וועגן זייער ענגער קרובהשאַפט מיט דער ראַטן־מאַכט. פון אַלע נישט באָלשעוויסטי־שע פּאַרטייען זענען באמת די פּוילישע עסדעקעס אמנאָענטסטן געשטאַנען צו די באָלשעוויקעס. זיי האָבן פאַרמאָגט רעוואָלוציאָנערן אימפּעט (וואָס האָט זיך אָפטמאָל פאַרוואַנדלט אין פּאָליטישן אַוואַנטוריזם), זיי זענען געווען היפּער־אינטערנאַציאָנאַליסטיש. ראָזאַ לוקסעמבורג האָט די ערשטע געשאַפן דעם באַגריף פון „סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם" און „סאָציאַל־שאָוויניזם" אין קאַמף מיט דער פּ. פּ. ס.

די רוסישע טראַדיציעס פון די פּוילישע עסדעקעס האָבן נאָך גע־שטאַמט פון „1טן פּראָלעטאַריאַט", פון יאָר 1882. איינער פון די אָנגע־זעענסטע טוער פון „1טן פּראָלעטאַריאַט" — קוניצקי — האָט שוין דע־מאָלט רעפּרעזענטירט די שטרעבונג פון אַן ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט דער רוסישער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ". די שפּאַלטונג אין דער פּ. פּ. ס. אין 1893, אַ יאָר נאָך איר גרינדונג, און די אַנטשטייאונג פון דער ס. ד. ק. פּ. ל. איז דאָך אויך פאָרגעקומען צוליב דער פּוילן־פראַגע. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס די אַלע פּוילישע עסדעקעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין רוסלאַנד, האָבן נישט געטראַכט זיך אומצוקערן קיין פּוילן, נאָר זיך

אַקטיוו באַטייליקט אין דער רוסישער רעוואָלוציע. זיי האָבן געוואָרט, אַז פּוילן זאָל קומען צו זיי, זאָל ווערן אַ טייל פון רוסלאַנד.

עס איז אויך געווען אין הסכם מיט דער שטעלונג פון ראָזאַ לוקסעמבורג אין דער פּוילן־פּראַגע דער פאַקט, וואָס די פּוילישע עסדעקעס האָבן נאָר אין רוסישן טייל פון פּוילן געהאַט זייערע זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. אין די טיילן פון פּוילן, ווי למשל, אין גאַליציע אָדער פּויזנער קאַנט, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון עסטרייך־אונגאַרן און דייטשלאַנד, האָבן די עסדעקעס געהאַלטן, אַז די טעטיקייט צווישן די פּוילישע מאַסן דאַרף געפירט ווערן אין די ראַמען פון די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע לאַנד־פּאַרטייען, ווייל זיי האָבן קאַטעגאָריש באַקעמפט דעם לאָזונג פון אַ זעלבסטשטענדיק — פון אַלע דריי טיילן — פּוילן. פאַר דער פּראָ־רוסישער איינשטעלונג פון די פּוילישע עסדעקעס איז געווען כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, וואָס אַלע, וואָס האָבן זיך בעת דער רעוואָלוציע געפונען אין רוסלאַנד, זענען אַרייַנגעטראָטן אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אַלס יחידים און נאָר לשם פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן האָבן זיי אַרויסגעגעבן אין דער פּוילישער שפּראַך די צייטונג „טריבונא". די עסדעקעס אין פּוילן האָבן אָן שום רעזערוון אַקצעפּטירט די דאָזיקע שטעלונג פון זייערע חברים אין רוסלאַנד. איז נישט געווען קיין צופאַל, וואָס פּאָלאַקן האָבן פאַרנומען גאָר גרויסע אַמטן אין סאָוועטישן פּאַרטיי־ און מלוכה־אַפּאַראַט.

איך שטעל זיך גענויער אָפּ אויף דער אינטימער פאַרבינדונג, וואָס האָט פון תמיד אָן געהערשט צווישן די פּוילישע עסדעקעס און די רוסישע באָלשעוויקעס, נישט געקוקט אויף די חלוקי־דעות, וואָס פלעגן פאָרקומען צווישן זיי, ווייל מיט יאָרן שפּעטער וועט מען כמעט אַלע וויכטיקסטע קאָמוניסטישע פירער פון עסדעקישן אָפּשטאַם אומברענגען ווי פּוילישע שפּיאָנען און שונאים פון רוסלאַנד...

גאָר אַן אַנדער עוואָלוציע האָבן אַדורכגעמאַכט די פּעפּעסאָווצעס (לינקע), וואָס האָבן זיך געפונען אין רוסלאַנד בעת דער פעברואַר־רעוואָלוציע און שפּעטער. זיי האָבן גאָר אַנדערש ווי די באָלשעוויקעס אָפּגעשאַצט די פעברואַר־רעוואָלוציע און באַקעמפט די רוסישע באָלשעוויקעס ביזן סוף יאָר 1918. זיי זענען אפילו אַ שטיקל צייט געווען צוזאַ־

מען מיט די פּעפּעסאָווצעס פון דער „פראַקציע" אין איין „פאַרבאַנד פון פּוילישע סאָציאַליסטן", וואָס האָט זיך געשאַפן אין כּאַרקאָוו. די פּ. פּ. ס. לינקע האָבן אין די ערשטע צייטן פאַרטיידיקט די מענשעוויסטישע פאָדערונג פון אַן אַלגעמיין־דעמאָקראַטישער מאַכט אין רוסלאַנד און גלייך נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש האָבן זיי אָפּגערופן זייער פאָרשטייער פון אויספיר־קאָמיטעט פון די אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַטן. דאָס איז געווען אין רוסלאַנד. אין פּוילן אָבער האָט זיך די פּ. פּ. ס.־לעוויצע אונטערן דרוק פון די געשעענישן, באַזונדערס אין דייטשלאַנד, מיט ראַשע שריט זיך דערנענטערט צו די עסדעקעס און געווען גרייט זיך מיט זיי צו פאַראייניקן, שטעלנדיק זיך אויפן באָדן פון באָלשעוויזם.

די נאָוועמבער־רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד און איר ווירקונג אויפן לאַנד

דער אויסברוך פון דער דייטשישער נאָוועמבער־רעוואָלוציע טרעפט אָן אַ צעאַקערטן דורך דער פּאָליטישער אַגיטאַציע גינציקן באָדן אין גאַנץ פּוילן. די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען אין לאַנד האַלטן אין איין וואַקסן און דער לאָזונג פון „אַרבעטער־ראַטן" ווערט פּאָפּולער צווישן די אַרבעטער־מאַסן. די דייטשע אַרמיי, אירע גאַרניזאָנען אין די שטעט, ווייזן אַרויס בולטע סימנים פון צעפאַלונג און דיסציפּלינלאָזיקייט. די מיליטערישע מושלים פאַרלירן די קעפּ זייערע. ביי דער עסטרייכישער אַרמיי האָט זיך דאָס פריער אָנגעהויבן. איצט שאַפן שוין אויך די דייטשישע גאַרניזאָנען סאָלדאַטן־ראַטן און זייערע פאָרשטייערס טרעטן אַריין אין אונטערהאַנדלונגען מיט די אַרבעטער־פּאַרטייען. זיי זענען גרייט אָפּצוגעבן דאָס געווער און פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל זיי זיכערן אַ רואיקן צוריקקער קיין דייטשלאַנד. איך געדענק די זיצונג פון לאָדזשער קאָמיטעט פון „בונד", אויף וועלכער מיר האָבן באַהאַנדלט די דאָזיקע פראַגע. פון דעם אַלעם איז אָבער גאָרנישט געוואָרן, מחמת די פּילסודטשיקעס האָבן שוין פון פריער געהאַט צוגעגרייט זייערע אָרגאַניזאַציעס איבערצונעמען די מאַכט אין די שטעט. צוגעהאָלפן צו דעם האָט זיי די לובלינער רעגי־

רונג מיטן פעפעסאָוויעץ דאשינסקי בראש, וואָס איז אַנטשטאַנען מיט עטלעכע וואָכן פריער אין דעם טייל פוילן, וואָס איז געווען אָקופּירט פון די עסטרייכער. די דאָזיקע לובלינער רעגירונג האָט געשיקט צו הילף קיין וואַרשע עטלעכע טויזנט באַוואָפנטע לעגיאָנערן.

אַ קאָמישער ספּעקטאַקל האָט זיך דעמאָלט אָפּגעשפּילט אויף די גאַסן פון די גרויסע שטעט. ייִנגלעך האָבן אַנטוואָפנט די דייטשן און פּאַראַדירט מיטן געווער איבער דער שטאָט. קיין שום רעוואָלוציע איז פּאַקטיש נישט פאָרגעקומען און ווי עס האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט אַדאָלף וואַרסקי „איז אונדז די אומאָפּהענגיקייט פון פוילן אַראָפּגעפאַלן אויפן קאָפּ און מיר האָבן נישט געוווסט וואָס מיט איר צו טאָן“.

פּילסודסקי איז דעמאָלט געווען דער נאַציאָנאַלער העלד און אַרום אים האָבן זיך געזאַמלט אַלע פּאַטריאָטיש־געשטימטע עלעמענטן אין לאַנד. מיט דער הילף פון דער פּ. פּ. ס. (פראַקציע) ווערט געשאַפן די ערשטע צענטראַלע פּוילישע רעגירונג מיט מאָראַטשעווסקין (פּ. פּ. ס.) אַלס פּרעמיער־מיניסטער און פּילסודסקי ווערט אנערקענט אַלס דער הויפּט פון דער מלוכה. נאָך מיט אַ חודש פריער פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון פּוילנס מלוכהשער אומאָפּהענגיקייט נעמט אָן דער 14טער קאָנגרעס פון דער „פּעפּעס“ (פראַקציע) אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער עס זאָגט זיך: „דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט פון שטאָט און דאָרף וועט אַנווענדן אַלע כּוחות זיינע, כּדי זיך צו דערשלאָגן דערצו, אַז ס׳זאָלן רעאַליזירט ווערן זייִנע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע צילן: באַזייטיקן די אָקופּאַציע און שאַפן אַן אומאָפּהענגיקע רעפּובליק, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע פּוילישע טעריטאָריעס“.

די פּוילישע בורזשואַזיע און פּריצים זענען געווען דעזאָריענטירט און איבערגעשראָקן און האָבן זיך נישט געקאָנט אַנטקעגנשטעלן דער ערשטער אַרבעטער־ און פּויערים־רעגירונג, וואָס האָט גלייך אָנגעזאָגט אַ רייע פונדאַמענטאַלע דעמאָקראַטישע און סאָציאַלע רעפאָרמעס פאַרן לאַנד. פּוילן איז דאָך אין אַ גאָר גרויסער מאָס אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון די רעוואָלוציעס, וואָס זענען אויסגעבראָכן אין רוסלאַנד און אין דייטשלאַנד און האָבן געצילט אָפּצושאַפן די אַלטע פּאָליטישע און סאָציאַלע פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן זינט דורות עקזיסטירט אין די שכנישע לענדער.

אויב די באַזיצנדיקע קלאַסן האָבן פאַרנומען אַן אַפּוואַרטנדיקע פּאָזיציע בנוגע די פּאָליטישע געשעענישן אין לאַנד, ניט אויפגעבנדיק אַבסאָלוט זייער האָפענונג דירעקט אָדער דורך זייערע פאָרשטייער צו באַהערשן דעם מלוכה־רודער פון דער יונגער פוילישער מלוכה, האָבן די עס־דעקעס און די פּעפּעסאָוצעס (לעוויצא) געמאַכט פרווון אַרויסצורופן רעוואָלוציאָנערע אומרוען. זיי האָבן באַוואָפנט אַ געוויסן טייל אַרבעטער און געשאַפן פון זיי קאַמף־אָפּטיילונגען, הויפּטזעכלעך אין דאָמבראָווער קוילן־ראַיאָן, ווו זייערע איינפלוסן זענען געווען באַזונדערס שטאַרק. זיי האָבן געוואָרפן דעם לאָזונג „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" און „ראַטן־מאַכט". דער לאָזונג: אַרבעטער־ און פויערים־ראַטן איז דעמאָלט געווען פּאָפּולער צווישן די מאַסן און אין רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָבן שוין אַזעלכע עקזיסטירט. די פּ. פּ. ס. (פּראַקציע) האָט געוואָלט די אַרבעטער־ראַטן פאַרוואַנדלען אין הילפס־אָרגאַנען פאַר דער מאָראַטשעווסקי־רעגירונג, בעת די אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען און באַזונדערס די עסדעקעס האָבן געוואָלט נאָכטאָן די באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד און זיי אַנטקעגנשטעלן דער פוילישער רעגירונג, דאָס מיינט פאַרוואַנדלען זיי אין קאַמף־אָרגאַנען פאַר דער פּאָליטישער מאַכט אין לאַנד. אָבער דאָס איז זיי ניט געלונגען, ווייל די באַפעלקערונג אין לאַנד איז געווען באַהערשט פון שטאַרקע פּאַטריאָטישע שטימונגען און גרויסע אילוזיעס בנוגע דער יונגער מלוכה. אַ חוץ דעם וואָלט אַ באַוואָפנטער אויפשטאַנד ניט געהאַט די מינדסטע שאַנסן אויף אַ דערפאָלג, ווייל די מאָראַטשעווסקי־רעגירונג האָט שוין פאַרמאָגט נישקשהדיקע באַוואָפנטע כוחות. זיי זענען באַשטאַנען פון די לעגיאָנערן, וואָס האָבן יאָ אָפּגעגעבן אַ שבועה פאַר דער אָקופּאַציע־מאַכט און פון דעם טייל זייערן, וואָס איז געוואָרן אינטערנירט אין די פריערדיקע יאָרן, אָבער ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירן אַלס מיליטערישע אָרגאַניזאַציע. תיכף ווי די דייטשן האָבן פאַרלאָזט פּוילן, האָבן זיי זיך געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון פּילסודסקין. אויף די דאָזיקע מיליטערישע קאַדרען האָט די קאָמוניסטישע אַגיטאַציע ניט געקענט האָבן די מינדסטע השפעה. דאָס זענען געווען הויפּטזעכלעך דעקלאַסירטע עלעמענטן פון פּריציש־בורזשואַזער אָפּשטאַמונג.

די שטימונג אין לאַנד איז געווען פאַר דער מאָראַטשעווסקי־רעגי־

רונג און דאָס באַשטעטיקט דער פאַקט, וואָס בעת די וואַלן צו די אַרבע־טער־ראַטן האָבן די פּ. פּ. ס. (פראַקציע) באַקומען אַליין דריי פערטל פון אַלע מאַנדאַטן. אין וואַרשע און אין לאָדזש האָבן די „פּעפּעס" (פראַק־ציע) געהאַט עפּעס מער מאַנדאַטן ווי די פּעפּעס (לעוויצע) און ס. ד. ק. פּ. ל. צוזאַמען און פון די דעלעגאַטן־בונדיסטן און פּועלי־ציוניסטן איז אָפּטמאָל אָפּהענגיק געווען די מערהייט אין אַרבעטער־ראַט.

כדי צו סטאַביליזירן די פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד האָט די וואַר־שעווער רעגירונג זיך צוגעאיילט צונויפצורופן די קאָנסטיטואַנטע און שוין אויף יאַנואַר 1919 זענען באַשטימט געוואָרן די וואַלן צום גרינדונגס־סיים. פון דער אַנדער זייט האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין לאַנד אַמע־ריקאַנער הילף פאַר דער נויטבאַדערפטיקער באַפעלקערונג.

די אַנטשטייאונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי

ביי אַזעלכע פּאָליטישע באַדינגונגען און ביי אַזאַ פּאַטריאָטישער שטימונג אין לאַנד איז דעם 16טן דעצעמבער 1918 פאָרגעקומען אין וואַרשע די פאַראייניקונג צווישן דער ס. ד. ק. פּ. ל. און דער פּ. פּ. ס. (לעוויצע) און עס איז אַנטשטאַנען די קאָמוניסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי פון פּוילן (ק. פּ. ר. פּ.).

אויב די אַנטוויקלונג אין פּוילן איז נישט געגאַנגען לויט דער פאָרויסגעזעענער סכעמע, וואָס די קאָמוניסטן האָבן פאַר איר אויפגע־שטעלט, האָבן אָבער די געשעענישן אין דייטשלאַנד נאָך מער פאַר־שטאַרקט זייער גלויבן אין דער נאָענטקייט פון דער סאָציאַלער רעוואָ־לוציע און אין דער ריכטיקייט פון לאָזונג „דיקטאַטור פון פּראָלע־טאַריאַט". אויב דייטשלאַנד גייט אויך אויפן וועג פון רעוואָלוציע, דע־מאָלט מוזן שוין אַוועקפאַלן דער רעשט ספקות וועגן דעם כאַראַקטער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָבן געטענהט די לינקע. אויב אַזאַ הויך־אַנטוויקלט קאַפּיטאַליסטיש לאַנד מיט אַזאַ מעכטיקן פּראָלעטאַריאַט, ווי דאָס איז דער דייטשער, האָט אויסגעקליבן דעם דירעקטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר דער מאַכט און שטעלט אַנטקעגן די ראַטן־מאַכט דעם פאַר־

לאַמענט, די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט דער בורזשואַזער דעמאָקראַ־טיע, — אויב אַזוי, זענען די באָלשעוויקעס גערעכט געווען.

און די באָלשעוויסטישע אָנהענגער אין פּוילן האָבן באַשלאָסן צו באָיקאָטירן די וואַלן צום ערשטן פּוילישן גרינדונגס־פּאַרלאַמענט און אים אַנטקעגנשטעלן דעם לאָזונג פון ראַטן־מאַכט און דיקטאַטור פון פּראָלע־טאַריאַט. דאָס מיינט גיין מיטן זעלביקן וועג, וואָס די באָלשעוויקעס בעת דער קערענסקי־רעגירונג אין 1917.

פון רוסלאַנד זענען אָנגעקומען פלאַמיקע רופן צום וועלט־פּראָלע־טאַריאַט זיך צו גרייטן צו דער „לעצטער אַנטשיידנדיקער שלאַכט" און אַז אין דייטשלאַנד געפינט זיך שוין דער פּראָלעטאַריאַט אויפן שוועל פון דער רעוואָלוציע.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אין האַרבסט 1918 איז לסוף צוזאַ־מענגעבראָכן געוואָרן דער דייטשישער מערב־פראָנט און דער קאַמף פון פלאָט אויפן ים איז פאַרן דייטשישן גענעראַל־שטאַב געווען זיין לעצטע רעטונג. אָבער אין די ערשטע טעג פון נאָוועמבער פּאַסירט עפּעס אַזוינס, וואָס איז זעלטן געווען אין דער געשיכטע פון דייטשישן מיליטאַריזם. דער פלאָט באַקומט אַ באַפעל אַרויסצוגיין אין קאַמף און ער צעבונטע־וועט זיך. אין די דייטשישע פּאָרט־שטעט: ברעמען, קיל און ווילהעלמס־האַפן שאַפן זיך אַרבעטער־ און סאָלדאַטן־ראַטן. דעם 7טן נאָוועמבער קו־מען פאָר גרויסע דעמאָנסטראַציעס אין מינכען און די סאָלדאַטן און מאַ־טראָזן באַזעצן די וויכטיקסטע געביידעס אין דער שטאָט. מיט צוויי טעג שפּעטער האָט קאַרל ליבקנעכט אַרויפגעצויגן די רויטע פאָן אויפן קייסער־לעכן שלאָס אין בערלין און דער קייסער ווילהעלם איז, נעבעך, אַנטלאָפן קיין האָלאַנד. עס ברעכן אויס קאַמפן אין ברעמען, קעניגסבערג און אין בערלין. אויך דער רור־געביט ווערט אַרומגעכאַפּט פון קאַמפן. דאָרט האָט זיך געפונען דער אָנגעזעענער פירער פון דער פּוילישער ס. ד. — י. מאַרכ־לעווסקי (קאַרסקי), וואָס האָט אָרגאַניזירט די דאָזיקע מאַסן־קאַמפן.

אָט די דאָזיקע געשעענישן האָבן געמוזט פאַסצינירן די אַלע, וואָס האָבן באמת געגלויבט אין דער גאָענטקייט פון פּראָלעטאַרישן זיג איי־בער דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. און אויב עס פלעגן צו אונדז דער־גיין פון מאָסקווע ידיעות וועגן באָלשעוויסטישן טעראָר, האָבן מיר דאָס

געהאַלטן פאַר אַ נויטווענדיק בייז, וואָס וועט גאָר אין גיכן פאַרשווינדן.

אויך די ידיעות פון אונגאַרן האָבן געהאַט אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אויף די שטימונגען פון גרויסע טיילן פון דער אַרבעטערשאַפט אין פוילן. אַזאַ איז געווען די אַלגעמיינע אַטמאָספער, אין וועלכער עס איז אַנטשטאַנען די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון פוילן.

ווי אַזוי די ניי־געגרינדעטע קאָמפּאַרטיי האָט געקוקט אויף פוילן און אויף אירע אייגענע פאַרטיי־פּאָליטישע אויפגאַבן איז גענוג צו ציטירן פּאָלגנדיקע שטעלעס פון דער פאַראייניקונגס־פּלאַטפאָרם, וואָס איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן פון פאַראייניקונג־צוזאַמענפאָר:

„אין דער עפּאָכע פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַלער רעוואָלוציע, בעת עס ווערן צעשטערט די פונדאַמענטן פון קאַפּיטאַליזם, וואַרפט אָפּ דער פּראָלעטאַריאַט אַלע די לאָזונגען, ווי אויטאָנאָמיע, פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט אָדער די פאָדערונג פון זעלבסט־באַשטימונג־רעכט, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט דער אַנטוויקלונג פון די פּאָליטישע פאָרמען פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. קעמפנדיק פאַר דער דיקטאַטור און שטרעבנדיק אַנטקעגנצושטעלן אין קאַמף מיט אַלע פיינט זיין אייגענע באַוואָפנטע רעוואָלוציאָנערע קראַפט, וועט דער פּראָלעטאַריאַט באַקעמפן אַלע פּרווון פון שאַפן אַ פּוילישע בורזשואַזיע און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַרמיי און אָפּוואַרפן יעטוועדע מלחמה פאַר די נאַציאָנאַלע גרעניצן. פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע עקזיסטירט נישט קיין שום פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלע גרעניצן. זיין טעריטאָריע איז באַשטימט דורך די אינטערעסן־געמיינשאַפט פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־קלאַס, וואָס שליסט אויס יעטעוועדע נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג און באַזייטיקט יעטוועדן פּרעטעקסט פאַר נאַציאָנאַלע קאָנפליקטן, סיי אין דער פראַגע פון די עקזיסטירנדיקע גרעניצן אָדער אין באַצוג צו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, וואָס לעבן צעשטרייט".

ווי מיר זעען האָבן די קאָמוניסטן געהאַט איין ענטפער אויף אַלע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען: די סאָציאַלע רעוואָלוציע. עס איז כדאי צו באַ־

מערקן, אַז די דאָזיקע פּלאַטפאָרם איז פריער צוגעשיקט געוואָרן צו ראָזאַ לוקסעמבורג און לעאָן טישקאָ קיין בערלין און זיי האָבן זי אָן שום ענדערונגען אַקצעפּטירט. מען האָט געגלויבט אין דער גאָענטקייט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַלער רעוואָלוציע און אינעם זיג פונעם אַרבעטער־קלאַס. דערמיט דערקלערט זיך אויך, וואָס אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט מען נעגירט די נויטווענדיקייט פון קאַמף פאַר סאָציאַלע רעפאָרמען און פאַר די טאָג־טעגלעכע פאָדערונגען פון אַרבעטער־קלאַס. אַזאַ קאַמף וואָלט דעמאָלט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פאַראַט פון אַרבעטער־קלאַס. אין הסכם מיט אָט דער שטעלונג האָט זיך אויך דער צוזאַמענפאָר אַרויסגעזאָגט קעגן דער שאַפונג פון פּראָפעסיאָנעלע פאַראייִנען און פאַר פאַבריק־קאָמיטעטן, וועמענס אויפגאַבע עס דאַרף זיין צו קאָנטראָלירן די פּראָדוקציע און פאַר לאַנד־קאָמיטעטן, וואָס זאָלן איבערנעמען די פּריצישע פאָלוואַרקן און, פאַרשטייט זיך, אויך פאַר באַיקאָטירן די וואַלן צום ערשטן סיים, אַנטקעגנשטעלנדיק דער דאָזיקער בורזשואַזער אינסטיטוציע די מאַכט פון די אַרבעטער־ראַטן. אַן ענלעכע שטעלונג האָט אויך פאַרנומען דער „ספּאַרטאַקוס־בונד" אין דייטשלאַנד. איז נישט געווען קיין ווונדער, וואָס קאַרל ליבקנעכט האָט צוגעשיקט צום צוזאַמענפאָר אַ באַגריסונג אין דעם זעלביקן גייסט.

אין דייטשלאַנד האָט דער „ספּאַרטאַקוס־בונד" אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס איז פאָרגעקומען מיט צוויי וואָכן שפּעטער נאָך דעם פאַראייניקונגס־צוזאַמענפאָר אין פּוילן, פּראָקלאַמירט פאַרן דייטשישן פּראָלעטאַריאַט די זעלביקע טאַקטיק וואָס די פּוילישע קאָמוניסטן.

ווען די דייטשע אַרבעטער־ראַטן, וואָס זענען געווען באַהערשט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָבן אין די ערשטע טעג פון דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע זיך געווענדט צום „ספּאַרטאַקוס־בונד", אַז ער זאָל דעלעגירן קאַרל ליבקנעכטן אין דער רעגירונג, האָט דערויף ליבקנעכט געענטפערט, אַז ער איז גרייט נאָר אויף דריי טעג אָנצונעמען אַ מיניסטער־פּאָסטן, כדי צו דערפירן צו וואָפנשטילשטאַנד מיט דייטשלאַנד. ווען די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן (מערהייטלער) האָבן דעם דאָזיקן באַדינג אָפּגעוואָרפן, האָט ליבקנעכט זיך אָפּגעזאָגט אַריינצוטרעטן אין דער רעגירונג.

דער מאָטיוו איז געווען: עס מוז אויפן אָרט פון דער בירגערלעכער דע־מאָקראַטיע קומען די דיקטאַטור פון די אַרבעטער־ראַטן. די דייטשישע אַרבעטער האָבן שוין אַדורכגעפירט די רעוואָלוציע און איצט מוזן קומען די אַרבעטער־ראַטן, וואָס וועלן אויפבויען די נייע מלוכה, צו וואָס בכן אַריינגיין אין אַ בירגערלעכער רעגירונג, האָבן געטענהט די דייטשישע קאָמוניסטן.

פונקט אַזוי ווי אין פוילן האָט זיך אויך די דייטשע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע צוגעאײַלט מיט וואַלן צום פּאַרלאַמענט און פונקט אַזוי ווי די פּוילישע קאָמוניסטן האָבן אויך די דייטשישע קאָמוניסטן באָיקאָטירט די דאָזיקע וואַלן. עס מוז אָבער דערביי אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז ראָזאַ לוקסעמבורג איז געווען קעגן באָיקאָטירן די וואַלן.

די אינערלעכע לאַגע אין לאַנד

די וואַלן צום פּוילישן סיים האָבן נישט געבראַכט קיין פולקומע באַרויקונג אין לאַנד. די דעזאָרגאַניזירטע ווירטשאַפט, די מאַסן־רע־פּאַטריאַציעס פון רוסלאַנד און דייטשלאַנד, די גרויסע אַרבעטלאָזיקייט, די נישט געלייזטע פראַגע פון די פּוילישע גרעניצן און דער פאַקט, וואָס די פּוילישע רעאַקציע האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך, — דאָס אַלץ האָט געשטעלט די אַרבעטער־באַוועגונג פאַר נייע אויפגאַבן שוין אין באַדינ־גונגען פון אַ דעמאָקראַטיש און אומאָפּהענגיק פוילן.

די פּ. פּ. ס. האָט געפאָדערט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל אונטער־שטיצן די מאָראַטשעווסקי־רעגירונג קעגן די אָנגריפן פון דער פּוילישער רעאַקציע. די קאָמוניסטן דאַקעגן האָבן נישט גענומען אין אַכט די שטי־מונגען פון די פּוילישע פאָלקס־מאַסן אין שייכות מיט דער אַנטשטיי־אונג פון פוילן און אָרגאַניזירט דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטסלאָזע, שטרייקן אויף די עפנטלעכע אַרבעטן, אַגראַר־שטרייקן אונטערן לאָזונג פון באַזעצן די פאָלווארקן, וועלכע די פריצים האָבן פאַרלאָזט, און גע־פאָדערט די גאַנצע מאַכט פאַר די אַרבעטער־ראַטן. די פּאָליציי האָט אָנ־געהויבן אָנצווענדן רעפּרעסיעס קעגן די קאָמוניסטן און זיי דערקלערט פאַר אומלעגאַל. אַלס ענטפער דערויף פאָדערן די קאָמוניסטן אין די אַר־

בעטער־ראַטן נאָך שטאַרקער ווי פריער צו באַוואָפּענען דעם אַרבעטער־קלאַס, די קאָנטראָל איבער דער פּראָדוקציע און אַז די גאַנצע פּאָליטישע מאַכט זאָל אַריבער צו די אַרבעטער־ראַטן. די דאָזיקע אַגיטאַציע האָט נישט געפונען קיין שטאַרקן אָפּקלאַנג ביי די ברייטע מאַסן. זיי האָבן דערפילט, אַז אויב שפּייז, קענען זיי דאָס נאָר באַקומען פון אַמעריקע און אויב הילף פאַר דער אינדוסטריע, קען זי אויך נאָר קומען פון די מערב־מלוכות. דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט וועט זיי גאָרנישט געבן. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. עס איז אָנגעקומען בהדרגהדיק הילף פאַר דער אינדוסטריע און אויסשטאַטונג פאַר דער אַרמיי, אין וועלכער עס זענען אַריינגעטראָטן הונדערטער טויזנטער אַרבעטסלאָזע.

פּילסודסקי האָט געשטרעבט צו שאַפן אַ שטאַרקע אַרמיי, וואָס גייכער צונויפּרופן דעם ערשטן געזעצגעבערישן סיים און באַרואיקן די אַרבעטער. אין דער אויסערלעכער פּאָליטיק האָט ער געשטרעבט צו אַ בונד מיט די „אַנטאַנטע״־מלוכות (פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַמעריקע), און צו דערגרייכן פון זיי גאַראַנטיעס פאַר די פּוילישע גרענעצן. דערביי האָט ער געוואָלט באַקומען לעמבערג, פּויזן, דאַנציק, ווילנע, מינסק, שטשעטשין און אויבערשלעזיע.

די „אַנטאַנטע״־מלוכות האָבן אָבער נישט געהאַט קיין גרויסן פּאָליטישן צוטרוי צו פּילסודסקין צוליב זיינע פאַרבינדונגען בעת דער מלחמה מיט עסטרייך־אונגאַרן און ער איז געווען געצוואונגען צו פאַרבייטן מאָראַטשעווסקין אויף דעם פאַרטרויאונגס־מאַן פון דער „אַנטאַנטע״ — איגנאַצי פּאַדערעווסקי, וואָס אַ חוץ אַ גרויסער מוזיקער איז ער אויך נישט געווען קיין קליינער רעאַקציאָנער.

עס ברעכן אויס קאַמפן אין מזרח־גאַליציע, ווייל די אוקראַינער ווילן פאַרנעמען לעמבערג. די פּאָלאַקן זיגן און זיי פאַרנעמען די שטאָט.

דאָס קומען צו דער מאַכט פון פּאַדערעווסקין, דעם פאָרשטייער פון דער פּוילישער רעאַקציע, האָט פאַרשטאַרקט די אַנטיסעמיטישע כוחות אין לאַנד און זיי צוגעגעבן מער מוט. עס מערן זיך די עקסצעסן קעגן יידן, מען שניידט ביי יידן די בערד אין גאַס, מען וואַרפט זיי אַרויס פון לויפנדיקע צוגן און עס דערגייט צום שרעקלעכן לעמבערגער פּאָגראָם, וואָס האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע פּיל־מיליאָניקע יידישע באַפעלקערונג

אין לאַנד. אין טאָג פון גרויסן נאַציאָנאַלן אומאָפּהענגיקייטס־יום־טוב זענען פאָרגעקומען בלוטיקע אָנפאַלן אויפן גרויסן בונדישן צוג אין וואַר־שע. אַ רייע עפנטלעכע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס ווערן אויסגענוצט פון רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, כדי זיי צו פאַרוואַנדלען אין רויבערייען פון יידישע קראָמען.

די אַרויסטרעטונגען פון די קאָמוניסטן אין די אַרבעטער־ראַטן אין שייכות מיט דער סאָוו.־פוילישער מלחמה האָבן ניט געהאַט קיין אָפּקלאַנג אין לאַנד. די וואַלן צום סיים, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער זעלביקער צייט (פעברואַר 1919), האָבן אויך דאָס פולקום באַשטעטיקט. די פּ. פּ. ס., וואָס האָט געפירט איר וואַל־אַגיטאַציע אונטערן קלאָרן לאָזונג פון קאַמף קעגן סאָוו. אימפּעריאַליזם און פוילישן קאָמוניזם, האָט אָפּגעהאַלטן אַן ערנסטן וואַל־זיג. דאָס האָט באַוויזן, אַז די פוילישע מאַסן זענען געווען קעגן אַן עווענטועלער רוסישער אָקופּאַציע, ווען אפילו זי קומט אונטער רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע לאָזונגען.

די פּ. פּ. ס. האָט שוין נישט געהאַט קיין שום אינטערעס, אַז די אַר־בעטער־ראַטן זאָלן ווייטער דינען אַלס טריבונע פאַר קאָמוניסטישער פּראָ־פּאַגאַנדע און זי האָט פאָרגעשלאָגן, אַז זיי זאָלן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ צווישן־פּאַרטייאישער פעדעראַציע. דער דאָזיקער פאָרשלאָג איז נישט אָנ־גענומען געוואָרן און די פּ. פּ. ס. האָט פאַרלאָזט די אַרבעטער־ראַטן. אין דער אמתן האָבן שוין דעמאָלט די אַרבעטער־ראַטן פאַרלוירן זייער פריער־דיקן ווערט, ווייל די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אין לאַנד האָט אָנגעהויבן צו פאַלן און די הויפּט־טעטיקייט פון די אַרבעטער־פּאַרטייען האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ מער קאָנצענטרירט אַרום דעם סיים, פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און טאָג־טעגלעכן קאַמף פון די אַרבעטער פאַר זייערע עקאָ־נאָמישע פאָדערונגען. עס זענען נאָך פאָרגעקומען עטלעכע פּלענאַרע פאַרזאַמלונגען פון די אַרבעטער־ראַטן שוין אָן דער פּ. פּ. ס. אָבער נאָך מיט דער באַטייליקונג פון „בונד״ און פועלי ציון און אין יוני 1919 האָבן זיי אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי באַקעמפט די פּוילישע מלוכה

די ניי־אַנטשטאַנענע קאָמפּאַרטיי האָט נישט געזען די נייע סיטואַ־ציע אין פּוילן, וואָס האָט זיך געשאַפן נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט און ווען זי האָט שוין יאָ דאָס באַמערקט, האָט זי נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט דעם דאָזיקן פאַקט און אַנגעווענדט אַלע כוחות אירע, כדי אַראָפּצורייסן און צו צעשטערן די נייע פּוילישע מלוכה. די דאָ־זיקע באַציאונג האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די קאָמפּאַרטיי האָט נאָר געזען איין זייט פון דער מטבע, נאָר די אויסערלעכע פאַקטאָרן, וואָס האָבן גורם געווען די אַנטשטייאונג פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיקער מלוכה, דאָס מיינט, די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור אין רוסלאַנד און די רעוואָלו־ציעס אין דייטשלאַנד און עסטרייך. די צווייטע זייט פון דער זעלביקער מטבע — די אינערלעכע כוחות אין פּוילן, וואָס האָבן זיך יאָרן לאַנג גע־גרייט צו דעם גרויסן היסטאָרישן מאָמענט פון צוריק אויפשטעלן אַ פּוילן אין די אַלטע גרענעצן, — אַט דעם וויכטיקן און אפשר סאַמע וויכטיקסטן צו יענער צייט פאַקטאָר האָבן די קאָמוניסטן איגנאָרירט און נישט גע־וואָלט זען, ווי דאָס האָט מיט יאָרן שפּעטער זינאָוויעוו אַליין צוגעגעבן. אויף פּוילן פאַלן די פונקען פון דער רוסישער און דייטשישער רעוואָלו־ציע, דאַרף מען זיי פונאַנדערבלאָזן, כדי אויך ביי אונדז זאָל אויסברעכן אַ פייער, האָבן געטענהט די קאָמוניסטן. און זיי האָבן אָנגעהויבן צו פּראָקלאַמירן שטרייקן פּאָליטישע און עקאָנאָמישע און צו אָרגאַניזירן גאַסן־דעמאָנסטראַציעס.

מיטן אַוועקגיין פון דער מאָראַטשעווסקי־רעגירונג האָבן זיך פאַר־שטאַרקט די רעפּרעסיעס קעגן די קאָמוניסטן און אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1919 זענען די קאָמוניסטן געוואָרן אינגאַנצן אומלעגאַל. דעם 1טן מאַי 1919 האָבן זיי נאָך געהאַט אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע, אָבער עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן די ירידה פון די קאָמוניסטישע איינ־פלוסן. אַ דורכפאַל איז געווען דער קאָמוניסטישער גענעראַל־שטרייק, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אויפן 20סטן יולי 1919 און די דע־מאָנסטראַציעס קעגן דער מלחמה מיט רוסלאַנד, וועלכע די קאָמוניסטן

האָבן אָרגאַניזירט אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד. די גאַסן־דעמאָנסטראַ־ציעס האָט די פּאָליצײ אָן גרויסע שווערקייטן פונאַנדערגעטריבן. אַ דורכפאַל איז אויך געווען דער קאָמוניסטישער גענעראַל־שטרייק אין האַרבסט 1919. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ סאָלידאַריטעט־שטרייק מיט די קעמפנדיקע לאַנד־אַרבעטער.

די לעצטע קאָמוניסטישע אונטערנעמונג אין 1919, וואָס איז געווען געווענדט קעגן דער עקזיסטענץ גופא פון דער פוילישער מלוכה, האָט זיך פאַרענדיקט זייער טראַגיש. די קאָמוניסטן האָבן גערופן די באַשעפטיקטע ביי עפנטלעכער אַרבעט וואַרשעווער אַרבעטער אויף אַ דעמאָנסטראַציע פאַרן פוילישן סיים. עס איז געקומען צו אַ בלוטיקן צוזאַמענשטויס מיט דער פּאָליצײ און עס זענען געווען דערהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. דאָס איז געווען די לעצטע אַוואַנטוריסטישע אַקציע פון דער קאָמפּאַרטײ אין יאָר 1919.

די אומלעגאַלע לאַגע און דאָס פעלן פון די איינפלוסן האָט געדראָט דער קאָמפּאַרטײ צו פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט די פוילישע מאַסן. די אַרבעטער־ראַטן זענען שוין געווען ליקווידירט, די פאַבריק־קאָמיטעטן, וואָס די קאָמוניסטן האָבן געהאַט געשאַפן, האָבן שוין אויך נישט געהאַט קיין ווירקונג אין די פאַבריקן, ווייל אַלע סאָציאַלע פאָדערונגען, וואָס די קאָמוניסטן פלעגן באַנוצן אַלס פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל, האָבן שוין פי־גורירט אין פּראָגראַם פון דער מאַראַטשעווסקי־רעגירונג און די פּ. פּ. ס. האָט פאַר זיי געפירט אַ קאַמף אין די פוילישע געזעצגעברישע קער־פּערשאַפטן.

ביי אַזאַ סיטואַציע האָבן זיך ווידער אַרויסגערוקט די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען, וואָס זענען געוואָרן די פאַקטישע אָרגאַנען אין קאַמף פאַר די עקאָנאָמישע פאָדערונגען פון די אַרבעטער. די קאָמוניסטן דאַקעגן האָבן איגנאָרירט און אַפילו באַקעמפט די דאָזיקע פּראָפעסיאָנעלע פאַריי־נען, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון דער פּ. פּ. ס. פאַר דער פּ. פּ. ס. זענען זיי אָבער געוואָרן די וויכטיקסטע באַזע אין קאַמף פאַר באַפעסטיקן דעם דעמאָקראַטישן רעזשים אין לאַנד. עס איז גענוג לשם אילוסטראַציע צו ברענגען פאָלגנדיקן פאַקט: אין 1919 האָבן די

פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען געציילט נישט מער ווי 25 טויזנט מיטגלידער און אין 1920 שוין 379 טויזנט.

געטריי איר איינשטעלונג וועגן דירעקטן קאַמף פאַר דער פּאָליטי־שער מאַכט אין לאַנד, האָט די קאָמפּאַרטיי נישט נאָר אָנטקעגנגעשטעלט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט דער בירגערלעכער פּאַרלאַמענטאַרישער דעמאָקראַטיע, נאָר אויך דעם קאַמף פאַר טיילווייזע אַרבעטער־פאָדערונ־גען האָט זי פאַרבונדן מיטן קאַמף קעגן דער מלוכה אַלס אַזעלכע.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אַטמאָספער, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין די קאָמוניסטישע רייען; די טעאָריע וואָס איז אַנטשטאַנען, אַז מען קען אַקטיוויזירן די פּאַסיווע מאַסן דורך דעם רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד, ווייל די לאַגע איז רייף פאַר דער רעוואָלוציע און אַן אָנגע־זעענער טייל פון דער קאָמפּאַרטיי האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אין שפּיץ פון די גאַנץ־דעמאָנסטראַציעס שטעלן באַוואָפנטע גרופּעס אין קאַמף קעגן דער פּאָליציי. דער צענטראַל־קאָמיטעט און די פּאַרטיי־קאָנפערענץ האָט זיך אָבער אַרויסגעזאָגט קעגן דעם.

צוויי סיבות האָבן גורם געווען, אַז די קאָמוניסטן זאָלן ענדערן זייער טאַקטיק אויפן פּראָפעסיאָנעלן באָדן: די סאָוועטיש־פּוילישע מלחמה און דער דורכגעפאַלענער שטרייק אין דאָמבראָווער קוילן־ראַיאָן. מען האָט גע־דאַרפט העלפן מאָסקווע צו דעראָבערן פּוילן און איינע פון די מיטלען האָבן געדאַרפט זיין מאַסן־שטרייקן אין לאַנד. אַזאַ דירעקטיוו איז אָנגע־קומען פון מאָסקווע. די עקזיסטירנדיקע סעפּאַראַטע קאָמוניסטישע פּראָ־פעסיאָנעלע פאַריינען זענען נישט געווען מסוגל אויסצופירן די דאָזיקע דירעקטיוו. דער דורכגעפאַלענער שטרייק אין קוילן־ראַיאָן אין מערץ 1919 האָט שוין דאָס גאַנץ קלאָר באַוויזן. אויב אין דער אַלטער קאָמו־ניסטישער פעסטונג קענען די קאָמוניסטן נישט אַרויסרופן קיין שטרייק ווען די פּ. פּ. ס. שטעלט זיך אים אַנטקעגן, טאָ וואָס קענען זיי שוין טאָן אין אַנדערע צווייגן פון דער פּוילישער אינדוסטריע?

איז טאַקע די פראַגע פון פאַרייניקן די קאָמוניסטישע מיט די פּע־פּעסישע פּראָפ. פאַריינען ברייט באַהאַנדלט געוואָרן אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון דער קאָמפּאַרטיי אָנהייב 1919 און עס איז אין פּרינציפּ באַשלאָסן געוואָרן צו שטרעבן צו אַ פאַרייניקונג. עס זענען אָבער דערביי

אַרויסגעשטעלט געוואָרן פאָלגנדיקע באַדינגונגען: די פּראָפ. פאַריינען דאַרפן קעמפן פאַר דער מאַכט פון די אַרבעטער־ראַטן און זיי אַליין דאַרפן זיין אונטערגעאָרדנט די אַרבעטער־ראַטן. שפּעטער האָבן די קאָמוניסטן געביטן די שטעלונג און זענען שוין איינגעגאַנגען דערויף, אַז די פּראָפ. פאַריינען אַרבעטן מיט מיט די אַרבעטער־ראַטן. צו אַ געוויסער פאַרייני־קונג איז געקומען ערשט אין 1920 (ביי די מעטאַל־אַרבעטער אין וואַר־שע). אַ דאַנק דער דאָזיקער געענדערטער טאַקטיק אויפן פּראָפעסיאָנעלן באָדן איז געלונגען די קאָמוניסטן צו געווינען אַ רייע וויכטיקע פּאָזיציעס ביי די באַן־אַרבעטער, מעטאַליסטן, טעקסטיל־אַרבעטער א. א. ביי די יידישע אַרבעטער, אויב עס איז די קאָמוניסטן געלונגען עפּעס צו דעראָ־בערן, האָבן זיי גלייך געשטעלט די פראַגע פון פאַראייניקן די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען מיט די פּוילישע (ביי די לעדער־אַרבעטער און טאַבאַק). אויפן קאָנגרעס פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין פּוילן האָבן דעמאָלט די קאָמוניסטן געהאַט 60 דעלעגאַטן אויף דער אַלגעמיינער צאָל 155.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און די סאָוועטיש־פּוילישע מלחמה

די אַנטשטייאונג פון קאָמינטערן אין מערץ 1919 האָט נישט גע־האַט קיין וועזנטלעכע השפּעה אויף דער פּאָליטיק און טאַקטיק פון די פּוילישע קאָמוניסטן צו יענער צייט. זיי זענען געווען אָפּגעשניטן פון רוסלאַנד צוליב דער לאַגע אויף די מזרח־גרענעצן פון פּוילן און קיין שום דעלעגאַציע איז נישט געפאָרן צום ערשטן גרינדונגס־קאָנגרעס פון קאָ־מינטערן. אויפן צווייטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן — אין 1920 — איז אויך נאָך נישט געווען פאַרטרעטן די קאָמפּאַרטיי פון פּוילן דורך אירס אַן אָפיציעלע דעלעגאַציע. עס האָט זי רעפּרעזענטירט מארכלעווסקי, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געפונען אין מאָסקווע. די קאָמוניסטן האָבן זיך שפּעטער באַרימט, אַז נישט זייענדיק אין מאָסקווע אויף די ערשטע צוויי קאָנגרעסן פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָבן זיי דאָך געהאַט די זעלביקע שטעלונג אין די וויכטיקסטע פראַגן פון דער קאָמוניסטישער

פּאָליטיק און טאַקטיק, וואָס דער קאָמינטערן. איך מוז צוגעבן, אַז בכלל איז דאָס געווען ריכטיק. מען האָט נאָך צו יענער צייט נישט געהערט פון אַזאַ באַגריף ווי באָלשעוויזאַציע אָדער לעניניזם־סטאַליניזם. דאָס איז געווען ריכטיק נאָך צוליב אַ טעם: די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און פריער נאָך די ס. ד. ק. פּ. ל. האָט זיך אָריענטירט אויף רוסלאַנד און ביי אַלע רע־זערוון, וואָס עס האָבן געקאָנט האָבן די פּוילישע קאָמוניסטן בנוגע דער טאַקטיק פון די באָלשעוויקעס, האָט ביי זיי תמיד דאָמינירט די איבער־צייגונג, אַז פאַר דער רוסישער רעוואָלוציע דאַרף מען גרייט זיין צו ברענ־גען די גרעסטע קרבנות, ווייל דאָס איז דאָס ערשטע לאַנד אין דער וועלט (אַ חוץ דער פּאַריזער קאָמונע), וואָס פּאַרווירקלעכט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

פון דער אַנדער זייט האָט די לאָגיק פון קאַמף מיטן קעגנערישן לאַגער דערפירט דערצו, אַז די קאָמפּאַרטיי זאָל פאַרשווייגן און שפּעטער שוין אויך באַרעכטיקן דעם באָלשעוויסטישן טעראָר אין רוס־לאַנד. מיר לעבן אין פּעריאָד פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, זי וועט זיך אויסברייטערן איבער אַלע לענדער פון אייראָפּע און ערשט דעמאָלט וועט מען שוין נישט נייטיק האָבן דעם טעראָר, האָבן אַ סך פון זיי געטענהט.

זייענדיק באַהערשט פון אַ טיפן גלויבן אין דער נאָענטקייט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין אייראָפּע, באַזונדערס אין דייטשלאַנד און פון ענדגילטיקן זיג פון באָלשעוויזם אין רוסלאַנד, האָבן די קאָמוניסטן אין פּוילן געזען אין אַ באָלשעוויסטישער אינוואַזיע אַ הילף־מיטל אין באַ־פרייאונג־קאַמף פון די פּוילישע מאַסן און זיי זענען גרייט געווען צו העלפן דער רויטער אַרמיי מיט אַלע זייערע כוחות. אַלנפאַלס איז דאָס געווען די הערשנדיקע מיינונג אין דער פּאַרטיי.

נאָך אין פעברואַר 1919 האָט די ערשטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ (נאָכן גרינדונגס־צוזאַמענפאַר) דערקלערט פאָלגנדיקעס:

„אויב די פּוילישע רעוואָלוציע, וואָס דערנענטערט זיך, וועט זיך נויטיקן אין אַ הילף מצד דעם רוסישן פּראָלעטאַריאַט, וועט די דאָזיקע הילף נישט קאָנען באַטראַכט ווערן אַלס אַן אינוואַזיע, אָדער אַלס אויסדרוק פון אַן אימפּעריאַליסטישער טענדענץ, וואָס איז נישט פאַראייינבאַר מיט די פּרינציפּן פון אַ סאָציאַליסטישער רעגירונג.

זיין הילף וועט נישט האָבן גאָרנישט געמיינזאַמעס מיטן גייסט פון דעראָבערונגען און מיט די לאָזונגען פון אַ נאַציאָנאַלער מלחמה. דאָס וועט בלויז באַדייטן, אַז עס ווערן פאַרווירקלעכט די לאָזונגען פון רעוואָלוציאָנערער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט".

אין דער פּראַקטיק האָט די דאָזיקע דעקלאַראַציע באַדייט, אַז די פּוילישע קאָמוניסטן האָבן געוואָרט, אַז די רויטע אַרמיי זאָל אַריינקומען קיין פּוילן און מ׳וועט זיי איבערגעבן די מאַכט איבערן לאַנד.

די זעלביקע האָפענונגען האָבן אויך צו יענער צייט באַהערשט די מוחות פון די דייטשישע, אונגאַרישע און אַלע אַנדערע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געלעבט אין די לענדער בשכנות מיט רוסלאַנד.

סוף 1920, בעת מיין ערשטער רייזע קיין רוסלאַנד, איז מיר אויסגעקומען צו פאַרברענגען אַ געוויסע צייט אין אַ רוסישן רעפּאַטריאַנטן־לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען אין דייטשלאַנד, נישט ווייט פון שטעטין. דאָרט האָב איך מיך באַקענט מיט אַ נאָענטן מיטאַרבעטער פון דעם באַוווּסטן אונגאַרישן קאָמוניסטישן פירער בעלא קון, אַן אונגאַרישער אָפיציר, וואָס איז פונקט ווי איך געפאָרן אַלס „רעפּאַטריאַנט" קיין מאָסקווע.

פון זיינע דערציילונגען וועגן דער נישט געלונגענער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש אין בודאַפּעשט איז קלאָר געוואָרן, אַז אויך אין אונגאַרן האָבן די קאָמוניסטן זיך די גאַנצע צייט אָריענטירט אויף דער הילף פון דער רויטער אַרמיי.

דער חשבון זייערער איז געווען אַ קלאָרער. אין מערץ 1919 האָט זיך די רויטע אַרמיי שוין געפונען ביי דער עסטרייכישער גרעניץ, ד"ה ביי גאַליציע, וואָס האָט פריער געהערט צו עסטרייך, און די אונגאַרישע קאָמוניסטן האָבן פולשטענדיק געקאָנט רעכענען אויף אַ פאַראייניקונג פון די סאָוועטיש־רוסישע מיט די קאָמוניסטיש־אונגאַרישע מיליטערישע אָפּטיילונגען.

מיר האָבן צעשלאָגן — האָט מיר דערקלערט בעלא קונס אַדיוטאַנט — די טשעכאָ־סלאָוואַקישע אַרמיי, אָבער מיר זענען באַגאַנגען דעם פעלער, וואָס מען האָט נישט ווייטער פאַרפאָלגט די דאָזיקע צעשלאָגענע אַרמיי. דער אומגליק איז אָבער פאַקטיש געקומען מצד דעם רומענישן

מיליטער, וואָס האָט פאַרנומען בודאַפּעשט. עס האָבן זיך ערב דער רומע־נישער מיליטערישער אינטערווענץ פאַרשפּרייט קלאַנגען — האָט דער דאָזיקער אָפיציר מיר ווייטער דערציילט, — אַז סאָוועט־אוקראַיִנע האָט זיך געווענדט מיט אַ שלום־פאָרשלאַג צו רומעניע, אָבער דאָס איז נישט געווען ריכטיק. דאָס האָט די אויסלענדישע פּרעסע פאַרשפּרייט אַזעלכע קלאַנגען, כדי אונדז אויפצוהעצן קעגן רוסלאַנד, אויף וועמענס הילף מיר האָבן דעמאָלט אַזוי שטאַרק אויסגעקוקט.

קיינער פון די אָנפירנדיקע קרייזן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט נישט געגלויבט אין אַזעלכע משונהדיקע קלאַנגען. עס איז אָבער געווען אַ פאַקט — האָט ער צוגעגעבן, — אַז אין די קאַמפן צווישן אונ־דזערע באַוואָפנטע אַרבעטער־באַטאַליאָנען און די רומענישע אינטערווענ־ציאָניסטן האָבן מיר גענומען אין געפאַנגענשאַפט רומענער, וואָס אַלע כמעט אָן אויסנאַם האָבן געהערט צום רומענישן מיליטער, וואָס איז גע־קומען פון בעסאַראַבישן פראָנט, וואָס די רומענער האָבן געהאַלטן קעגן די רוסישע באָלשעוויקעס. אָט דער פאַקט האָט פאַרשטאַרקט דעם קלאַנג, אַז עס קומען פאָר אונטערהאַנדלונגען מיט די רומענער וועגן אַ שלום, אָדער אַז עס איז געקומען צו אַ שטילן אָפּמאַך און די רומענער האָבן געקאָנט פאַרנעמען בודאַפּעשט און דערשטיקן דעם קאָמוניסטישן אויפ־שטאַנד אין אונגאַרן...

אויב עס וואָלט ביי אונדז נישט געווען די זיכערקייט, אַז סאָוועט־רוסלאַנד און דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַריאַט וועלן קומען צו הילף, וואָלטן מיר נישט איבערגענומען די מאַכט אין אונגאַרן — האָט מיט פאַרביטערונג דערקלערט דער דאָזיקער אָפיציר.

קיין ממשותדיקע באַווייזן האָט מיין אונגאַרישער פריינט נישט גע־האַט, אַז לענין אָדער זינאָוויעוו האָט פאַרזיכערט צו געבן הילף דער אונגאַרישער קאָמפּאַרטיי. אַ חוץ די פּלאַמיקע באַגריסונגען, וואָס פלעגן אָנקומען פון מאָסקווע צו דער אונגאַרישער סאָוועטישער רעגירונג אין נאָמען פון רוסישן און גאַנצן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. דאָס מיינט לחלוטין נישט, אַז די האָפענונגען אויף דער רויטער אַרמיי מצד די פּוילישע אָדער אַנדערע קאָמוניסטן זענען געווען אָן שום גרונט. פאַר־קערט, די רוסישע באָלשעוויקעס האָבן קיינמאָל נישט אויסגעשלאָסן אַזאַ

מין מיליטערישע הילף, אָבער נאָר זיי, און נאָר אין זייערע הענט איז תמיד געלעגן די דעציזיע, צי און ווען אַזאַ הילף זאָל געגעבן ווערן. עס וואָלט דעמאָלט גאָרנישט געהאָלפן בעלאַ קונען, ווען ער וואָלט אַפּעלירט קיין מאָסקווע נאָך הילף אין נאָמען פון דער רעוואָלוציאָנערער, אינטער־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־סאָלידאַריטעט, בעת די באָלשעוויקעס זענען נאָך אין יענעם מאָמענט געווען צו שוואַך זיך אַריינצולאָזן אין אַזאַ מיליטע־רישער אַוואַנטורע. אגב וואָלט לעניס אָפּזאָג צו געבן הילף דער אונ־גאַרישער ראַטן־רעפּובליק מיט גאָרנישט פאַרמינערט די רעוואָלוציאָנערע ראָל און באַדייטונג פון דער ערשטער פּראָלעטאַרישער מלוכה אין די אויגן פון די קאָמוניסטן, ווייל מיט עטלעכע חדשים שפּעטער איז גע־קומען די באָלשעוויסטישע אינוואַזיע אויף פּוילן — ד״ה מאָסקווע איז יאָ געקומען צו הילף אירע חברים אין פּוילן.

די מיליטערישע מפּלה פון דער רויטער אַרמיי ביי וואַרשע, אָדער ווי מען האָט דאָס אין פּוילן באַצייכנט אַלס „נס ביי דער ווייסל״, איז נישט געווען קיין צופעליקע און קאָן אויך נישט דערקלערט ווערן, ווי אַ טייל פון דער פּוילישער בורזשואַזיע האָט דאָס געפּרוווט טאָן, אַ דאַנק דעם פראַנצויזישן גענעראַל ווייגאַנד, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער שלאַכט.

אויף די אמתע סיבות פון דער דאָזיקער גרויסער מפּלה האָבן קוואַ־ליפיצירטע באָלשעוויקעס שפּעטער אַליין אָנגעוויזן.

אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי, וואָס איז פאָרגעקומען אין מערץ 1925 אין דער געגנט פון מינסק אין סאָוועט־ווייסרוסלאַנד (אַלע צוזאַמענפאָרן פון דער קאָמפּאַרטיי אין פּוילן זענען פאָרגעקומען אויף דער טעריטאָריע פון ראַטנפאַרבאַנד), האָט בוכאַרין אין זיין רעפעראַט וועגן לעניניזם און טראָצקיזם, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר די דעלעגאַטן אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָוועט־טישער קאָמפּאַרטיי, צווישן אַנדערס דערקלערט:

„עס איז אַנטשטאַנען פּוילן און איז געוואָרן אַ יונגע שאָוויניסטישע מלוכה און באַלד האָט זי זיך געלאָזט דערקענען, בשעת די רויטע אַרמיי איז געגאַנגען אויף וואַרשע און אָן דעם שאָוויניזם אָפּגעטעמפּט אירע באַגנעטן״.

אויך זינאָוויעוו, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אויף דעם דאָזיקן צוזאַ־מענפאָר אין נאָמען פון קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל, האָט אָנגע־הויבן זיין רעדע מיט זכרונות וועגן דער סאָוועטיש־פוילישער מלחמה:

„פוילן געהער צו די לענדער — האָט ער דערקלערט — אין וועלכע מיר טאָרן זיך נישט אויסשטעלן אויף אַ מפלה. אין פוילן מוזן מיר די שלאַכט געווינען מיט אַמאָל. עס איז אונדז שוין איינ־מאָל נישט געלונגען — נאָכאַמאָל ריזיקירן טאָרן מיר נישט".

די סיבות פון דער דורכגעפאַלענער אינוואַזיע אויף פוילן

דאָס נייע פוילן האָט נישט געהאַט קיין סטאַבילע גרעניצן מיט דייטשלאַנד, עס איז נאָך נישט געלייזט געווען די פראַגע שלעזיע און דאַנציק, עס האָט אָנגעהאַלטן דער קאָנפליקט אַרום טשעשין און אויף דער לאַנגער מזרח־גרעניץ האָט געהערשט מלחמה.

דער יונגער פוילישער מלוכה־אַפּאַראַט איז געווען אין אַ גרויסער מאָס קאָרומפּירט, ווייל די באַאַמטע זיינע האָבן זיך אין זייער מערהייט רעקרוטירט פון די אַמאָליקע צאַרישע און עסטרייך־אונגאַרישע מלוכה־אָנגעשטעלטע. די נייע עלעמענטן ווידער האָבן נישט געהאַט נאָך קיין דערפאַרונג אין מלוכה־וועזן. אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווירט־שאַפטלעכע אַקטיוויטעט, הויפּטזעכלעך אַ דאַנק דער גרויסער הילף פון אַמעריקע. אין יאָר 1920 זענען 30 פּראָצענט פון דער פאַר־מלחמהדיקער אינדוסטריע שוין געווען טעטיק און 50 פּראָצענט פון דער קוילן־אינ־דוסטריע. דאַקעגן האָט די קליין־אינדוסטריע שוין געהאַט דערגרייכט דעם פאַר־מלחמהדיקן ניוואָ.

די אַגראַר־פּראָבלעם אין פוילן — איינע פון די ברענענדיקסטע פאַר דער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און פּאָליטישער צוקונפט פון לאַנד — האָט געפאָדערט אַ תיכפדיקע לייזונג. דער ערשטער געזעצגעבערי־שער סיים האָט אין 1919 אָנגענומען אַ דעמאָקראַטישע אַגראַר־רעפאָרם, אָבער בלויז מיט אַ מערהייט פון איין שטימע און אין דער פּראַקטיק איז

די דאָזיקע אַגראַר־רעפאָרם סאַבאָטירט געוואָרן פון די פּריצים און רייכע פּויערים, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער רעגירונג. עס איז גענוג אָנצוווייזן, אַז דער גרונט־שטייער, וואָס די פּריצים און רייכע פּויערים האָבן געצאָלט אין 1920, האָט באַטראָפן די סומע פון 33 מיליאָן פּוילישע מאַרק, וואָס האָט אין דער ווירקלעכקייט מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם רעאַלן ווערט פון טויזנט טאָן תבואה, בעת אין דער זעלביקער צייט האָט דער מלוכה־בודזשעט באַטראָפן 100 מיליאַרד פּוילישע מאַרק. די פּריצים און רייכע פּויערים האָבן אויך זיך נישט באַטייליקט אין דער מלוכה־הלוואה פון 1920 און האָבן דאַקעגן געפירט אַ קאַמף קעגן דער שטאַט.

די אַבסאָלוטע מערהייט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג האָט אָבער געלעבט אין גרויס נויט. אויף אַ באַפעלקערונג פון 26 מיליאָן אין 1921 האָבן 16 מיט אַ האַלבן מיליאָן געלעבט אויפן דאָרף. צווישן זיי איז געווען צוויי און אַ האַלבער מיליאָן ערדלאָזע פּויערים, 8 מיליאָן מיט אַן ערדבאַזיץ פון ווינציקער ווי 5 העקטאַר און 541 טויזנט פּויערים וואָס האָבן געהאַט פון 5 ביז 20 העקטאַר באָדן. דער ערד־הונגער איז געווען איינער פון די שרעקלעכסטע פּלאָגן פון פּוילישן דאָרף.

אַ חוץ דעם האָט געהערשט אין לאַנד אַ שטאַרקע אינפלאַציע און די קאַפּיטאַליסטן האָבן געוואָלט אויפבויען די דעוואַסטירטע אינדוסטריע אויפן חשבון פון די אַרבעטער. אָט די דאָזיקע שווערע לאַגע אין לאַנד האָט פאַרשטאַרקט ביי די באָלשעוויקעס אין מאָסקווע די איבערצייגונג, אַז אַ מיליטערישער מאַרש אויף וואַרשע וועט אַ סוף מאַכן צו דער יונגער פּוילישער מלוכה. אגב האָט דער מאַרש אויף וואַרשע געדאַרפט זיין בלויז אַן עטאַפּ צו אַ סך אַ גרעסערן און וויכטיקערן ציל: צוצוקומען צו דייטשלאַנד, ווייל ווי עס האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט מאַנואילסקי, אויף אַ צוזאַמענפאָר פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי, איז פּוילן דער באַריער, וואָס שטערט דאָס אַריינדרינגען פון די באָלשעוויסטישע אידייען קיין מערב־אייראָפּע... די סאָוועטיש־פּוילישע מלחמה איז דעריבער נישט געווען בלויז אַ קאַמף פאַר גרעסערע אָדער קלענערע גרעניצן מיט פּוילן. אין זיר האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די שטרעבונג פון מאָסקווע „אָנצוטאַפּן מיט די באַגנעטן דייטשלאַנד", ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט לענין. די

מערב־מלוכות האָבן דאָס גאַנץ גוט געוווּסט און דערפאַר האָבן זיי געשטיצט פוילן, פאַרזיכערנדיק זיך די קאָנטראָל איבער דער מיליטערישער אָנפירונג און איבער דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה.

דאָס פוילישע פאָלק האָט אין דער מלחמה געזען אַ קאַמף קעגן די, וואָס באַדראָען פוילנס פרייהייט און האָט געקעמפט אונטער פילסודסקיס אָנפירונג. ווען פילסודסקי איז אַריין קיין קיעוו, האָט אים באַגריסט דער פוילישער סיים מיט דער פּ. פּ. ס. איינגעשלאָסן. אין מערץ 1920 האָט פילסודסקי געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט פעטלורען און אין די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען האָט זיך אויך באַטייליקט דער פּעפּעסישער פירער איגנאַצי דאַשינסקי. ווען דער סיים האָט באַטראַכט דעם דאָזיקן פּאַקט מיט פעטלורען (אַפּריל 1920) האָט דאַשינסקי פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפונקט, אַז פוילן דאַרף באַקומען די גרעניצן פון 1772. די דאָזיקע פאַקטן באַווייזן אונדז, אַז נישט געקוקט אויף דער שווערער ווירטשאַפטלעכער און פּאָליטישער לאַגע אין לאַנד, זענען די פוילישע מאַסן באַהערשט געווען פון אַ שטאַרקן נאַציאָנאַליזם.

בעת עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מפּלות אויף די פראָנטן און פילסודסקיס אַרמיי האָט פאַרלאָזט איין שטאָט נאָך דער צווייטער, איז נישט געקוקט דערויף נישט געלונגען דער פאַרויסמאַרשירנדיקער רויטער אַרמיי אַריבערצוציען אויף איר זייט די פוילישע ציווילע באַפעלקערונג. אמת, עס זענען אַנטשטאַנען „רעוואָלוציאָנערע קאָמיטעטן" אין אַ רייע ערטער, זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין וועזנטלעכע השפּעה אויף דער באַפעלקערונג. דאָס פּאָליט־ביוראָ אין מאָסקווע האָט אפילו באַשטימט אַ פּראָוויזאָרישע „פוילישע" רעגירונג מיט מאַרכלעווסקין (אַלס פּרעזידענט), דזשערזשינסקין, פעליקס קאָן, אונשליכט, לענסקי און פּרוכניאַק, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געלעבט אין רוסלאַנד, אָבער ווייטער ווי ביז ביאַליסטאָק איז די דאָזיקע „רעגירונג" נישט דערפאָרן.

דאַקעגן האָט אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין לאַנד אַרויסגערופן דער לאָזונג פון דער פּ. פּ. ס. צו שאַפן באַוואָפנטע אַרבעטער־באַטאַליאָנען צום קאַמף פאַר פוילנס אומאָפּהענגיקייט און אין וואַרשע האָט די פּ. פּ. ס. אויפגעשטעלט אַן אַרבעטער־בריגאַדע צו פאַרטיידיקן די הויפּטשטאָט.

אין לאַנד גופא האָט כמעט ווי אויפגעהערט די קאָמוניסטישע פּראָ־

פּאַגאַנדע. די רעפּרעסיעס, וואָס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויף די קאָ־מוניסטן, האָט זיי פּולקום פּאַראַליזירט און בכלל איז נישט געווען קיין שטימונג אין לאַנד פאַר קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

פון די דאָזיקע רעפּרעסיעס האָט דעמאָלט אויך געליטן דער „בונד" און אַ רייע וויכטיקע טוער זיינע זענען אינטערנירט געוואָרן אין אַ לאַ־גער נישט ווייט פון קראָקע.

דער „בונד" איז נישט געווען קיין אָנהענגער פון ברענגען די רע־וואָלוציע אויף די באַגנעטן. פון דער אַנדערער זייט אָבער האָט ער נישט אָנגעווענדט קיין אָרגאַניזאַציאָנעלע רעפּרעסיעס קעגן די מיטגלידער זיינע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די „רעווקאָמען" אין די אָקופּירטע דורך די באָלשעוויקעס שטעט און שטעטלעך. מען דאַרף געדענקען, אַז צו יע־נער צייט האָט אין „בונד", פּונקט אזוי ווי אין אַלע אַנדערע סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען, עקזיסטירט אַ לינקער פליגל.

קעגן אַ סאָוועטישער אינוואַזיע אויף פּוילן זענען צו יענער צייט געווען נישט בלויז אַ רייע אַנגעזעענע באָלשעוויסטישע טוער מיט טראָצ־קין בראש נאָר אויך פּוילישע קאָמוניסטישע טוער מיט אַ נאָמען אין דער פּאַרטיי.

דאָמסקי (שטיין־קאַמיענסקי), וואָס האָט זיך געפונען אין בערלין, האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער דייטשישער קאָמ־פּאַרטיי, „ראָטע פאַנע", אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן אַן אינוואַזיע פון דער רויטער אַרמיי אויף פּוילן. ער האָט געהאַלטן, אַז די רויטע אַרמיי דאַרף נישט אַריבערגיין די עטנאָ־גראַפישע פּוילישע גרעניצן און זיך אויסהיטן צו מאַכן אַ רעוואָלוציע אין אַ לאַנד מיט דער הילף פון אַן אָקופּאַציע־אַרמיי. פאַררופנדיק זיך אויף מאַרקסן, האָט דאָמסקי געהאַלטן, אַז יעדע רעוואָלוציע דאַרף קומען אין רעזולטאַט פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג אין יעדן לאַנד באַ־זונדער.

דאָמסקי האָט שפּעטער נאָך אָפּגעשפּילט אַ גרויסע ראָלע אַלס פי־רער פון דער לינקער ריכטונג אין דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי און צו־זאַמען מיט רוט פישער און דעם איטאַליענישן קאָמוניסט באָרדיגא אויפן האָדן פון קאָמינטערן.

נאָך דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע

דער אויסגאַנג פון דער סאָוועטיש־פוילישער מלחמה האָט נישט אין אַלע פּרטים באַפרידיקט די הערשנדיקע קרייזן אין פוילן און אויך נישט דערמעגלעכט פּילסודסקין צו רעאַליזירן זיינע דעראָבערונג־פּלענער. אויף דער קאָנפערענץ אין ספּאַ אין יולי 1920 מוז פּילסודסקי אָנער־קענען די באַשלוסן פון די „אַנטאַנטע״־מלוכות וואָס איז נוגע טשעשין, ווילנע און מזרח־גאַליציע. אמת, שפּעטער האָט פּילסודסקי אַליין „קאָרי־גירט״ אַ רייע באַשלוסן פון דער קאָנפערענץ אין ספּאַ. דער גענעראַל זשעליגאָווסקי האָט זיך „צעבונטעוועט״ אין 1921, אין אויבער־שלעזיע איז מיט דער אונטערשטיצונג פון פראַנקרייך פאַרגעקומען אַ פּלעביס־ציט און פוילן האָט באַקומען אַ גרויסן טייל פון דעם דאָזיקן געביט (קוילן, אייזן). צו דעם האָט אויך אַ סך צוגעהאָלפן דער אויפשטאַנד פון די „שלאָנזאַקעס״.

דער ריגער שלום מיט מאָסקווע האָט אין אַ גרויסער מאָס סטאַבי־ליזירט די אויסערלעכע לאַגע פון פוילן און די פוילישע אַרבעטער־מאַסן האָבן זייער הויפּט־אויפמערקזאַמקייט אָנגעהויבן צו ווענדן אויף זייער אייגענער שווערער מאַטעריעלער לאַגע.

פון דער אַנדערער זייט איז די פוילישע בורזשואַזיע בהדרגהדיק גע־קומען צו זיך און האָפערדיק געפאָדערט די גאַנצע מאַכט פאַר זיך אין לאַנד.

פאַר די דעמאָקראַטישע כוחות שטעלט זיך איצט די שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע פון פאַרטיידיקן די דעמאָקראַטישע דער־אָבערונגען און פירן אַ קאַמף פאַר אַ העכערן לעבנס־ניוואָ פון די אַרבע־טער און פויערים.

די פּ. פּ. ס. האָט דעמאָלט איניצירט אַ רייע מאַסן־אַקציעס, כדי זיך אַנטקעגנצושטעלן דער אָנגרייפערישער סאָציאַלער און קאַטוילישער רעאַקציע אין לאַנד און אָט די וואַקסנדיקע פּאָליטישע אַקטיוויטעט פון די פוילישע מאַסן האָט גורם געווען, אַז די ירידה פון די קאָמוניסטישע איינפלוסן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט, זאָל זיך אָפּשטעלן אין אַז די קאָמוניסטן זאָלן זיך אפילו פאַרשטאַרקן.

בעת אין פוילישן סיים האָט געזאָלט פאָרקומען די ערשטע לעזונג פון געזעץ־פּראָיעקט וועגן שאַפן נעבן דעם סיים אַ סענאַט, און מיט דעם האָט די רעאַקציע געצילט אָפּצושוואַכן די ראָל פון סיים, האָט די פּ. פּ. ס. פּראָקלאַמירט אין אָקטאָבער 1920 אַן אַלגעמיינעם פּראָטעסט־שטרייק אין לאַנד. די קאָמוניסטן האָבן זיך פון אייגענער איניציאַטיוו אָנגעשלאָסן אין דער דאָזיקער פּראָטעסט־אַקציע, מיט דעם „קליינעם" אונטערשיד, וואָס אויב די פּ. פּ. ס. האָט געוואָרפן דעם לאָזונג: „נידער מיטן סענאַט", האָבן די קאָמוניסטן געוואָרפן דעם לאָזונג: „נידער מיטן סענאַט און מיטן סיים". נישט געקוקט אָבער דערויף איז די קאָמוניסטן געלונגען בעת דער דאָזיקער אַקציע ווידער אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די אַרבעטער־מאַסן און אפילו אין אַ גרויסער מאָס צו באַהערשן די דאָזיקע פּעפּעסישע אַקציע. אין אַנדערע פאַלן ווידער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די קאָמוניסטן זענען נאָך שטאַרק אָפּגעריסן געווען פון די מאַסן. אַזוי, למשל, האָט די פּ. פּ. ס. פּראָקלאַמירט אין אָקטאָבער פון דעם זעלביקן יאָר אַ גענעראַל־שטרייק ביי די באַן־אַרבעטער אויפן עקאָנאָמישן באָדן (אַרויסגעבן די באַן־אַרבעטער שפּייז־פּראָדוקטן). דער דאָזיקער שטרייק האָט אָנגעהאַלטן צוויי טעג און ביז די קאָמוניסטן האָבן זיך אַרומגעזען, איז ער שוין געווען פאַרענדיקט. אין פעברואַר 1921 האָבן די אַרבעטער פון די וואַרשעווער באַן־וואַרשטאַטן, וואָס האָבן זיך אין אַ גרויסער מאָס געפונען אונטערן קאָמוניסטישן איינפלוס, פּראָקלאַמירט אַ שטרייק אונטערן לאָזונג פון באַפרייען די פּאָליטישע אַרעסטירטע. נאָך 17 טעג שטרייקן האָבן זיך מיט דעם דאָזיקן שטרייק סאָלידאַריזירט די מעכאַניקער פון די באַנען. די רעגירונג האָט דערקלערט די מיליטאַריזאַציע פון די באַנען און די קאָמוניסטן ענטפערן דערויף מיט אַ גענעראַל־שטרייק. די פּ. פּ. ס.׳ישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן אויך פּראָקלאַמירט אַ גענעראַל־שטרייק, אָבער בלויז אַ צוויי־טאָגיקן. דער ציל פון די קאָמוניסטן איז געווען — פאַרוואַנדלען דעם דאָזיקן גענעראַל־שטרייק אין אַ קאַמף פאַר דער פּאָליטישער מאַכט אין לאַנד, אָבער דאָס איז פולקאָם אַדורכגעפאַלן.

אין שייכות מיט אָט דעם פאַרשפּילטן גענעראַל־שטרייק האָט זיך אין דער קאָמפּאַרטיי אָנגעהויבן אַ גרויסע דיסקוסיע וועגן דער ראָל פון

טײלװײזע אַרבעטער־פאָדערונגען אין דער עפּאָכע פון דער סאָציאַלער רעװאָלוציע און קאַמף פאַר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אַן ענד־גילטיקע אָפיציעלע שטעלונג אין דער פראַגע איז אָנגענומען געװאָרן אויף דער פּאַרטײ־קאָנפערענץ אין מאַי 1921: די קאָמוניסטן קעמפן פאַר טײלװײזע אַרבעטער־פאָדערונגען אַלס מיטל און אויסגאַנג־פּונקט פאַר מאָביליזירן די מאַסן אין קאַמף פאַר דער פּאָליטישער מאַכט אין לאַנד.

נאָכדעם, װי דער פּױלישער סיים האָט ראַטיפיצירט דעם ריגער שלום־אָפּמאַך מיט מאָסקװע, איז אָפּגעשאַפט געװאָרן אין לאַנד דער אויסנאַם־צושטאַנד, װאָס האָט ביז דעמאָלט אָנגעהאַלטן, און פאַר דער קאָמפּאַרטײ האָבן זיך געשאַפן בעסערע מעגלעכקײטן פאַר איר אַרבעט.

די אינערלעכע קריזיסן אין „בונד" און פּ. פּ. ס.

די גרויסע סאָציאַלע און פּאָליטישע אויפטרייסלונגען אין פּעריאָד פון 1917 — 1921 האָבן געהאַט אַ גרויסע װירקונג אויפן אינערלעכן לעבן פון די צװײ סאָציאַליסטישע פּאַרטײען אין פּוילן: פּ. פּ. ס. און „בונד", װי בכלל אויף דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַװעגונג.

איך האָב שוין דערמאָנט װעגן דעם לינקן פליגל, װאָס איז אַנטשטאַנען אין „בונד" אין שײכות מיט די רעװאָלוציאָנערע געשעענישן אין רוסלאַנד און דײטשלאַנד.

דער קאַמף פון די קאָמוניסטן מיטן „בונד" האָט אָנגענומען אַנדערע פאָרמען און דאָס צוליב אַ רײע ספּעציפישע סיבות. ער איז אָבער נישט געװען װײניקער שאַרף, אָפטמאָל אפילו נאָך שאַרפער װי מיט דער פּ. פּ. ס.

אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש האָט זיך די ליניע פון „בונד" נישט געדעקט מיט דער פון דער פּ. פּ. ס. אויב די פּ. פּ. ס. איז פון די קאָמוניסטן באַקעמפט געװאָרן פאַר איר רעפאָרמיזם און דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע אידייען און לאָזונגען, אויב די קאָמוניסטן האָבן זי העפּטיק באַקעמפט פאַר איר פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלער אחדות אין מינוטן פון אויסערגעװײנלעכע געפאַרן פאַר דער מלוכה און אַנטקעגנגעשטעלט

דער פּ. פּ. ס.׳ישער אידעאָלאָגיע און פּראַקטיק די פּאָליטיק פון אינטער־נאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף, אויב די קאָמוניסטן האָבן אויף טריט און שריט פאַרגעוואָרפן דער פּ. פּ. ס. איר אָפּאָרטוניסטישע טאַק־טיק ביים פאַרטיידיקן די טיילווייזע עקאָנאָמישע פאָדערונגען פון די אַר־בעטער, — האָבן די קאָמוניסטן די אַלע פאָרווורפן נישט געקענט מאַכן אויפן אַדרעס פון „בונד״.

די שטעלונג פון „בונד״ סיי אין דער פראַגע רוסלאַנד און סיי אין אַלע אַנדערע פראַגן, וואָס האָבן דעמאָלט צעטיילט די אינטערנאַציאָנאַ־לע אַרבעטער־באַוועגונג, איז געווען אין אַלגעמיינע שטריכן די זעלביקע, וואָס פון דער אַזוי געגרופּענער ווינער אַרבעטס־געמיינשאַפט אָדער 2½ אינטערנאַציאָנאַל. דער „בונד״ איז געווען קעגן אַ קאָאַליציע־פּאָליטיק פון סאָציאַליסטן מיט בירגערלעכע פּאַרטייען און וואָס איז שייך דער פראַגע: דעמאָקראַטיע, אָדער דיקטאַטור האָט ער געהאַלטן פון דער אַר־בעטער־דעמאָקראַטיע און פון אַן אַרבעטער־רעגירונג, וואָס קען אין באַ־שטימטע באַדינגונגען קומען צו דער מאַכט אפילו אַן דעם שטים־צעטל, בתנאי אָבער, אַז אַזאַ רעגירונג זאָל האָבן אונטער זיך די מערהייט פון אַרבעטער־פּאָלק. דאָס מיינט אין באַדינגונגען פון אמתער איינהייט אין אַרבעטער־לאַגער. פאַרשטייט זיך, אַז דער „בונד״, זייענדיק אַ שטאַרקער אָנהענגער פון דער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע, איז געווען אַנטשידן קעגן דער מאָנאָפּאָל־הערשאַפט פון איין פּאַרטיי און פון דער דיקטאַטור אי־בערן פּראָלעטאַריאַט, ווי ער האָט דאָס באַצייכנט די באָלשעוויסטישע מאַכט מיט איר גאַנצן טעראָריסטישן הערשאַפטס־אַפּאַראַט. נאָך בולטער האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן „בונד״ און קאָמינטערן, ווען אַ דעלעגאַציע פון „בונד״ האָט באַזוכט מאָסקווע מיטן ציל צו פירן אונטערהאַנדלונגען וועגן אַנשלוס אַן קאָמינ־טערן און נאָכדעם ווי עס זענען באַקאַנט געוואָרן די 21 פּונקטן, וואָס לע־נין האָט אַרויסגעשטעלט צו אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אַלס באַ־דינג אָנגענומען צו ווערן אין קאָמינטערן. דער „בונד״ האָט נישט געקענט אָננעמען די דאָזיקע 21 פּונקטן, ווייל דאָס האָט באַדייט אַדורכפירן אַ שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי און זי מאַכן אַבסאָלוט אָפּהענגיק פון מאָס־קווע, ווייל דער קאָמינטערן האָט אויף זיך געקוקט פון פּאָליטישן און

אָרגאַניזאַציאָנעלן שטאַנדפּונקט ווי אויף אַ צענטראַליזירטער וועלט־פּאַרטיי.

נישט בלויז אַלס „צענטריסטישע" פּאַרטיי האָבן די קאָמוניסטן באַקעמפט דעם „בונד", נאָר אויך אַלס אַ יידישע סעפּאַראַטיס־טישע און נאַציאָנאַליסטישע פּאַרטיי, אַ קאַמף, וואָס די פּוילישע עסדעקעס האָבן קעגן אים געפירט שוין זינט לאַנגע יאָרן. אין דעם פּרט האָבן זיי זיך נישט אונטערשיידט פון די רוסישע באָל־שעוויקעס און געהאַסט דעם „בונד" פאַר זיין באַזונדערער עקזיסטענץ אַלס יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז ביי דער קאָמפּאַרטיי האָט עקזיס־טירט אַן „אָפּטיילונג" פאַר פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צווישן די יידי־שע מאַסן און זי האָט אויך אַרויסגעגעבן אויפרופן און צייטשריפטן אין דער יידישער שפּראַך. כדי אויסצומיידן יעטוועדן מין אָרגאַניזאַציאָנעלן אָדער פּאָליטישן סעפּאַראַטיזם, איז די דאָזיקע יידישע אָפּטיילונג נישט געווען קיין געוויילטע פון די יידישע מיטגלידער אין דער פּאַרטיי, נאָר איז באַשטימט געוואָרן פון צענטראַל־קאָמיטעט און איין מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט האָט געהאַט די השגחה איבער דער „יידישער אַר־בעט". צו אים רעספּעקטיוו צום צ. ק. האָט געהערט דאָס לעצטע וואָרט אין אַלע יידישע פראַגן, וואָס די יידישע אָפּטיילונג, אָדער „ווידזשאַל", פלעגט באַטראַכטן. די יידישע אָפּטיילונג האָט מיטן הסכם פון צ. ק. געקאָנט אָפּהאַלטן באַראַטונגען פון יידישע אַקטיוויסטן, אָבער נישט קיין קאָנפערענצן מיט געוויילטע דעלעגאַטן. מיט איין וואָרט, עס איז נישט דערלאָזט געוואָרן קיין שפּור פון בונדישן אָרגאַניזאַציאָנעלן אויטאָנאָ־מיזם אין דער קאָמפּאַרטיי. דאָס איז אגב געווען אין הסכם מיט דער שטעלונג פון לענינען און ראָזאַ לוקסעמבורג, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז יידן זענען נישט קיין פאָלק, נאָר אַ שפּראַך־גרופּע און כל־זמן די יידישע מאַסן קענען זיך נאָך נישט אויסלעבן אין דער לאַנד־שפּראַך, דאַרף מען זיך באַנוצן מיט זייער „זשאַרגאָן" פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן. נאָך אַ מאָ־טיוו האָבן זיי אַרויסגעבערנגט קעגן אויטאָנאָמיזם: דאָס ווירקזאַמסטע מיטל קעגן אַנטיסעמיטיזם און קעגן יידישן נאַציאָנאַליזם, האָבן זיי גע־טענהט, איז די פולשטענדיקע אויסמישונג און אַסימילאַציע פון די יידישע

אַרבעטער מיט דעם לאַנד־פּראָלעטאַריאַט אין איין פּאַרטיי, אין איין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און אין איין קולטור־אָרגאַניזאַציע.

אויב די רוסישע באָלשעוויקעס און די פּוילישע קאָמוניסטן זענען געווען קעגן יעטוועדער פאָרם פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג און ראַסן־דיסקרימינאַציע, זענען זיי אָבער אַנטשידן געווען קעגן אַ נאַציאָנאַל יידיש אויטאָנאָם לעבן אין די ראַמען פון אַ בירגערלעך־דעמאָקראַטישער מלוכה, אָדער שפּעטער אין די באַדינגונגען פון דער ראַטן־מאַכט. אמת, נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש האָבן די באָלשעוויקעס אונטערן דרוק פון די נייע באַדינגונגען געמאַכט אַ רייע וויכטיקע קאָנצעסיעס דעם יידישן „סעפּאַראַטיזם" און געשאַפן ביי די צענטראַל־קאָמיטעטן פון דער רוסישער, אוקראַינישער און ווייסרוסישער קאָמפּאַרטייען צענטראַלע יידישע סעקציעס, יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און אַ שולוועזן אין דער יידישער שפּראַך. אין אַ רייע לאָקאַלע סאָוועטן האָט מען אפילו געקענט אַרויסטרעטן אין דער יידישער שפּראַך, אָבער דאָס זענען געווען צייטווייליקע קאָנצעסיעס, אַ מין „נעפּ" בנוגע די נאַציאָנאַלע באַדערפענישן פון די מיליאָנען סאָוועטישע יידן.

אויף די פּראַ־קאָמוניסטישע עלעמענטן אין „בונד" האָבן די דאָזיקע קאָנצעסיעס פון דער סאָוועטישער רעגירונג געהאַט אַ גרויסע ווירקונג און עס איז פאַרשוואונדן ביי זיי דער לעצטער שטער, אַז דער „בונד" זאָל זיך אָנשליסן אָן קאָמינטערן.

אויך די ק. פּ. פּ. האָט אונטערן איינפלוס פון דער רוסישער פּאָליטיק געענדערט איר באַציאונג צו דער „יידישער אַרבעט" און שפּעטער פאַרוואַנדלט אירע יידישע אָפּטיילונגען אין יידישע סעקציעס מיט גרעסערע רעכט און ברייטערע קאָמפּעטענצן, נישט אָנרירנדיק אָבער דעם עצם־פּרינציפּ פון שטרענגן באָלשעוויסטישן צענטראַליזם.

דאָס האָט גורם געווען, אַז אין „בונד" און ביי די פּועלי־ציון זאָלן פאָרקומען אָפּשפּליטערונגען, וואָס האָבן אין אַ געוויסער מאָס פאַרשטאַרקט די השפּעה פון די קאָמוניסטן אויף דער יידישער גאַס. בכלל האָט זיך דער קאָמוניזם פאַרשטאַרקט אין דער יידישער סביבה אין רעזולטאַט פון די אַנטיסעמיטישע פאַרפאָלגונגען, עקאָנאָמישע דיסקרימינאַציעס און פּאָליטישע באַגרעניצונגען, וואָס די פּוילישע רעאַקציע האָט

אַנגעווענדט בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג. פונדעסטוועגן האָט דער קאָמוניזם ניט באַדראָט די פעסטע פּאָזיציעס פון „בונד" אין יידישן לעבן. דאָס האָט זיך דערקלערט ניט נאָר מיטן נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון כאַראַקטער פון „בונד" און מיט זיין פּראַקטישן און זאַכלעכן צוגאַנג צו די טאָגטעגלעכע נויטן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן אָדער מיט זיין קאָנסעקווענטן און דרייסטן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם אין אַלע זיינע עקלהאַפטסטע פאָרמען, נאָר אויך מיט זיין פּאָליטישער ליניע אין די אַלגעמיינע פראַגן. דער „בונד" האָט פאַרנומען אַ מיטעלע שטעלונג: צווישן דער רעפאָרמיסטישער און אָפּט נאַציאָנאַליסטישער פּ. פּ. ס. און דער פּראָ־מאָסקווער, שפּאַלטערישער און אָפּט אַוואַנטוריסטישער קאָמפּאַרטיי. דער „בונד" האָט ביי יעדער געלעגנהייט אַרויסגעוויזן זיין אויפריכטיקע שטרעבונג צו אַ לאָיאַלער און דעמאָקראַטישער איינהייט און אין יעדן באַזונדערן פאַל געשטיצט דעם צד, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ ווילן צו אַרבעטער־איינהייט.

אָפּשפּאַלטונגען פון אַ קליינעם פאַרנעם זענען אויך פאָרגעקומען ביי דער פּ. פּ. ס.

אין יאָר 1919 איז אַרויסגעטראָטן פון דער פּ. פּ. ס. אַ גרופּע מיטן לובלינער טוער קאַראָל לאַנדי אין דער שפּיץ. ער איז שפּעטער געוואָרן אַ זייער אָנגעזעענער טוער אין דער קאָמפּאַרטיי (מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט און פּאָליט־ביוראָ) און פאָרשטייער אין קאָמוניסטישן פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל (פּראָפינטערן). אין די דרייסיקער יאָרן איז ער ווי אַ סך אַנדערע אומגעקומען אין רוסלאַנד.

אין 1920 איז אין דער פּ. פּ. ס. אַנטשטאַנען אַ נייע אָפּאָזיציע מיט סאָכאַצקין, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פּ. פּ. ס. ער איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די אָנפירנדיקע מיטגלידער פון צ. ק. און סיים־דעפּוטאַט.

עס איז נאָך געווען אַן אַנדער אָפּאָזיציע אין דער פּ. פּ. ס. (זאַרעמבאַ), וואָס האָט געהאַט גרויסע איינפלוסן אין דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע פון פּ. פּ. ס., אָבער די אָפּאָזיציע האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות מיטן קאָמוניזם, נאָר רעפּרעזענטירט אַ מער לינקערן קורס און איז גע־

ווען דערפאַר, אַז די פּ. פּ. ס. זאָל זיך אַנשליסן אָן ווינער אינטערנאַציאָנאַל.

די געענדערטע לאַגע אין לאַנד מיין אויפהאַלט אין דאַנציק

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע אין פּוילן האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. עס איז אויך באַדייטנדיק געפאַלן דער נאַציאָנאַלער ענטוזיאַזם ביי די פאָלקסמאַסן אין לאַנד. דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן אָנצונעמען נאָרמאַלערע פאָרמען און מיט דער גאַנצער שאַרפקייט האָבן זיך איצט פאַר די פאָלקסמאַסן געשטעלט נייע פּראָבלעמען, וואָס זענען אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון באַפרייטן לאַנד.

די רעוואָלוציעס אין דייטשלאַנד און עסטרייך האָבן זיך פאַרענדיקט מיטן זיג פון די דעמאָקראַטיעס. אויפן דריטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן — 1921 — וועט לענין וואַרפן דעם לאָזונג „צו די מאַסן", ווייל ער האָט שוין איינגעזען, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטן זענען ווידער געוואָרן דער דעצידירנדיקער כוח אין די אַלע לענדער, ווו עס האָבן געדאַרפט לויט זיין אויסרעכענונג אויסברעכן קאָמוניסטישע רעוואָלוציעס. און דער עיקר, אין רוסלאַנד גופא ווועלן זיך באַלד אָפּשפּילן טראַגישע געשעענישן, וואָס וועלן צווינגען לענינען צו מאַכן אַ ריקצוג און צו פּראָקלאַמירן דעם „נעפּ" — נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק.

ביי מיר פּערזענלעך איז דעמאָלט רייף געוואָרן דער געדאַנק צו פאַרלאָזן פּוילן.

פאַר יעדן פון אונדז, וואָס האָט אַקטיוו דורכגעמאַכט די ערשטע צייטן פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט און איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַזוי פיל פּאָליטישער אַקטיווויטעט און באַהערשט פון גרויסע און הערלעכע פּערספּעקטיוון, איז געווען שווער זיך איבערצושטעלן אויף אַ רואיקער און מיושבדיקער פאַרטיי־אַרבעט מיט אירע קליינע און טאָג־טעגלעכע אויפגאַבן. איך האָב געגלויבט אין דער נאָענטקייט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין פּוילן און אַליין איבערגעלעבט דעם מאָמענט, ווען

די אַרבעטער־ראַטן, אַט די אָרגאַנען פון דער פּראָלעטאַרישער מאַכט, האָבן אויסגעהויכט זייער נשמה.

איך בין געווען אויף דער לעצטער זיצונג פון עקזעקוטיוו פון לאָדזשער אַרבעטער־ראַט בעת מען האָט גערעדט וועגן זיין ליקווידאַציע און שפּעט ביינאַכט פאַרלאָזט דעם לאָקאַל אין אַ זייער געדריקטער שטימונג.

מיר האָבן זיך צוגעזען, ווי די פּאָליציי האָט פונאַנדערגעטריבן אַר־בעטלאָזע־דעמאָנסטראַציעס אָן אַ ווידערשטאַנד און מיר האָבן געליטן פון דער אייגענער מאַכטלאָזיקייט. מיר האָבן אָרגאַניזירט אַ לוויה פון אַרבעטער, געפאַלענע אין גאַס, אין רעזולטאַט פון פּאָליצייאישן טעראָר און די באַטייליקונג אין איר איז שוין נישט געווען קיין שטאַרקע.

אויך אין מיין פּריוואַטן לעבן אין לאָדזש האָבן זיך פּאַר מיר גע־שאַפן אומדערטרעגלעכע באַדינגונגען, צוליב וועלכע איך האָב שוין גע־וואָלט פאַרלאָזן די שטוב.

די פּאָליצייאישע רעוויזיעס, וואָס זענען פאָרגעקומען ביי אונדז אין שטוב פאַרטאָג, בעת דער באָלשעוויסטישער אינוואַזיע, האָבן פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש אַ בירגערלעכער פאַמיליע, וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט צו טאָן מיט דער פּאָליציי. די שאַנדע איז נאָך געווען גרעסער־דערמיט, וואָס אין 1920 האָט מען אויף יעדן סימפּאַטיקער אָדער אָנהענ־גער פון ראַטן־רוסלאַנד געקוקט ווי אויף אַ פאַררעטער. צוליב אָט די אַלע סיבות האָב איך באַשלאָסן צו פאַרלאָזן פּוילן און געפאָרן קיין דאַנציק, וואָס איז דעמאָלט געווען דאָס פּוילישע פענצטער אָדער קאָרידאָר צו איירןאָפּע.

כדי צו פאָרן קיין דייטשלאַנד האָט מען געמוזט האָבן אַ פּוילישן פּאַס און ביי דער פּאָליציי בין איך שוין געווען „פאַרנאָטירט“. בין איך געווען געצוווּנגען אָנצוקומען צו אַ „מאַכער“, וואָס האָט מיר פאַר געלט פאַרשאַפט דעם דאַזיקן פּאַס. פון דאַנציק האָב איך געטראַכט צו פאָרן קיין דייטשלאַנד, כדי דאָרט אַ קוק טאָן וואָס עס הערט זיך און ווייטער פאָרן קיין רוסלאַנד. עס איז געווען סוף 1920.

בעתן געזעגענען זיך מיט די בונדישע חברים אין לאָדזש, האָב איך ביי ישראל ליכטנשטיין — דעם אָנגעזעענסטן פון דער לאָדזשער בונדי־שער אָרגאַניזאַציע, צופעליק געטראָפן זיינס אַ פריינד, וואָס איז געווען

אַן אייגנטימער פון אַ גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער טראַנספּאָרט־געזעל־שאַפט. ער האָט אויך געהאַט אַן אָפּטיילונג אין דער וויכטיקער פּאָרט־שטאָט דאַנציק. אין געשפּרעך מיט אים האָט י. ליכטנשטיין אים געמאַכט דעם פאָרשלאַג, אַז ער זאָל מיך אַנגאַזשירן אין זיין ביוראָ אין דאַנציק. דער פריינד זיינער האָט מיר געגעבן זיין וויזיט־קאַרטע מיט אַ פּאָר ווער־טער צו זיין דירעקטאָר אין דאַנציק.

דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך נישט געלייגט דעמאָלט קיין גרויס אַכט אויף דער גאַנצער זאַך, מחמת איך האָב נישט געטראַכט לאַנג צו פאַרבלייבן אין דאַנציק. איך האָב נישט פאַרמאָגט קיין סך געלט אויף דער רייזע. מען איז אָבער געווען יונג און פאַרמאָגט אַ סך ענטוזיאַזם. קומענדיק קיין דאַנציק האָב איך דאָרט געטראָפן אַן אַלטן באַקאַנטן פון לאָדזש, וואָס איך האָב נאָך געקענט פון די מלחמה־יאָרן. ער איז אַמאָל געווען אַן עסדעק און שפּעטער אַן אַקטיווער קאָמוניסט. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין די קאָמוניסטישע קרייזן פון דאַנציק און איך האָב מיך צום ערשטן מאָל נעענטער באַקענט מיט דייטשישע אַרבעטער.

הויפּטזעכלעך זענען דאָס געווען פּאָרט־אַרבעטער, קאָמוניסטן מיט אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי־פאַרגאַנגענהייט. זיי זענען געשטאַנען אויף אַ סך אַ העכערן ניוואָ פון די פּוילישע אַרבעטער. מען האָט געקענט מיט זיי שמועסן נישט נאָר וועגן דער לויפנדיקער פּאַרטיי־פּאָליטיק, נאָר אויך באַרירן מיט זיי אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. זיי האָבן געהאַט אַ באַשטימטע מאַרקסיסטישע אויסבילדונג און אויך באַזעסן אַ געוויסן סכום פון אַלגעמיינער בילדונג, בעת די פּוילישע אַרבעטער, אַ חוץ אויס־נאַמען, האָבן דאָס נישט פאַרמאָגט. אויף זייער פּאַרטייאישער אַרבעט איז געלעגן אַ חותם פון יאָרן־לאַנגער לעגאַלער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טעטיקייט און זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, אַז מען מעג און מען דאַרף אָפּנאַרן די פּאָליציי, אויב דאָס איז נייטיק אָדער אויך אויסמיידן דאָס געזעץ.

איך בין נישט געווען קיין קאָמוניסטישער פּאַרטיי־מיטגליד און דערפאַר נישט געקענט באַזוכן זייערע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען, אָבער דער סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכן איך האָב זיך באַפריינדעט,

האָט מיך אינפאָרמירט וועגן אינערלעכן לעבן פון דער פּאַרטיי — הגם איך האָב וועגן דעם נישט געפרעגט.

עס האָט אויף מיר, פּונקט אַזוי ווי אויף אַ סך אַנדערע וואָס האָבן געלעבט ביי די צאַרישע און שפּעטער פּוילישע באַדינגונגען, געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק די לעגאַלע קאָמוניסטישע אָדער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעמאָנסטראַציעס, וועגן וועלכע עס פלעגט פריער וויסן די פּאָליציי, כדי צו האַלטן אָרדענונג אין דער גאַס.

ווען דאָס געלט האָט שוין אָנגעהויבן ביי מיר אויסצוגיין און איך האָב נאָך נישט געהאַט די פּראַקטישע מעגלעכקייט ווייטער צו פאָרן און נאָך הילף זיך ווענדן צו מיין פאַמיליע האָב איך זיך שטאַרק זשעניִרט, האָב איך מיך דערמאָנט אָן דער וויזיט־קאַרטע פון דעם אייגנטימער פון דער טראַנספּאָרט־געזעלשאַפט און בין דאָרט אַוועק מיטן מיין אָנצונעמען אַרבעט. דער דירעקטאָר האָט זיך אַביסל געוווּנדערט, הלמאי דער באַלעבאָס זיינער האָט אים גאָרנישט צווויסן געטאָן, אַז ער האָט אָנגאַזשירט אַ נייעם אָנגעשטעלטן, אָבער איז מסכים געווען מיך צו באַשעפטיקן. איך האָב, וואָס אָן אמת, נישט געהאַט קיין גרויסע אַנונג אין טראַנספּאָרט־וועזן און קיין בוכהאַלטער פון פאַך בין איך אויך נישט געווען. מיר האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז איך אַרבעט אַ חודש אויף פּראָבע.

מיין לאָדזשער פריינד — דער קאָמוניסט — ווען ער האָט זיך דערוווסט וועגן מיין אַרבעט, האָט מיר געמאַכט אַ פאָרשלאָג אויסצונוצן מיין ביוראָ פאַר אַ באַשטימטער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט. ער האָט מיר דערקלערט, אַז ער פאַרנעמט זיך מיט צושטעלן פאַלשע פּאַפּירן פאַר קאָמוניסטישע שליחים, וואָס פאָרן פון רוסלאַנד קיין פּוילן און אין אַנדערע לענדער און אַז מיין ביוראָ, וואָס האָט אַ טעלעפאָן און באַקומט טאָג־טעגלעך אַ סך בריוו פון פאַרשידענע לענדער, וועט זיין צוגעפּאַסט דערפאַר און ער בעט מיך אים צו זיין בייהילפיק אין זיין וויכטיקער אַרבעט.

טאָן רעוואָלוציאָנערע אַרבעט לטובת סאָוועט־רוסלאַנד אָדער דעם קאָמינטערן, דאָס איז געווען פאַר מיר אַן אָנגענעמבאַרע זאַך און איך האָב צוגעשטימט צו זיין פּראָפּאָזיציע. צו דעם צוועק האָט ער מיך פאַרבונדן מיט אַ דייטשן קאָמוניסט. מיר האָבן אָפּגערעדט אַ שעה און אַן אָרט, ווו זיך צו טרעפן, אויב איך וועל פאַר אים עפּעס האָבן.

בהדרגהדיק איז אָבער פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז נישט וועגן פּער־זענלעכע דאָקומענטן האַנדלט עס זיך, נאָר וועגן אַ גאָר אַנדערער העכסט דעליקאַטער זאַך — וועגן שפּיאָנאַזש לטובת רוסלאַנד.

די בריוו — הויפּטזעכלעך פון פוילן — זענען געווען פון אַ גאַנץ אומשולדיקן געשעפטלעכן כאַראַקטער; זיי זענען אָבער גלייכצייטיק גע־ווען געשריבן מיט אַ נישט־זעבאַרער כעמישער פליסיקייט און צווישן די לעזבאַרע אומשולדיקע שורות האָבן זיך געפונען אַנדערע, וואָס האָבן אַנטהאַלטן גאָר וויכטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן פוילישן מיליטער, פּוי־לישע באַפעסטיקונגען, מינים געווער א. ד. גל. דאָס האָט פאַר מיר אַנט־פּלעקט מיין פריינד, בעת איך בין אַמאָל ביי אים געווען.

אַ חוץ דעם האָבן זיך אויך אַ טייל פון די דאַנציקער קאָמוניסטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין פּאָרט, פאַרנומען מיט צושטעלן אינפאָרמאַציעס וועגן די טראַנספּאָרטן געווער, וואָס קומען פון פראַנקרייך קיין פוילן אי־בער דאַנציק, וועגן שיפן־פּאַרקער, פּוילישע מיליטערישע אַרסענאַלן א. א. וו.

העלפן פּוילישע קאָמוניסטן אומלעגאַל זיך אומקערן קיין פוילן אויף פאַלשע פּאַפּירן, דאָס האָב איך געהאַלטן איז אַ רעוואָלוציאָנערע אַר־בעט; אָבער זיך פאַרנעמען מיט שפּיאָנאַזש־טעטיקייט — קעגן דעם בין איך געווען קאַטעגאָריש. מיין פריינד האָט מיך אַפילו פּרובירט צו אי־בערצייגן, אַז אַזאַ אַרבעט ליגט אין די אינטערעסן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און אַז מען דאַרף נישט פאַרגלייכן די שפּיאָנאַזש־אַרבעט לטובת דער רעגירונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור מיט דער לטובת די אימפּעריאַליסטישע מלוכות און ער איז געווען אויף מיר שטאַרק אַנגעברוגזט.

נאָך דעם דאָזיקן געשפּרעך מיט אים האָט מיך באַהערשט עפּעס אַן אינערלעכער אומרו.

איך האָב דערפילט, אַז איך מוז אַוועק פון דאַנציק.

אַ סך שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דעם פריינד מיינעם האָט מען אָפּגערוימט אַלס שפּיאָן, וואָס האָט געאַרבעט גלייכצייטיק אויך פאַר פוילן...

איך האָב פאַרלאָזט דאַנציק, באַנוצנדיק זיך מיט פאַלשע פּאַפּירן. אַ

דייטשישער אַרבעטער אין מיין עלטער האָט מיר געבאָרגט זיין „פּערזאָ־נאַל אויסווייז״ און היות ווי אַ דאַנציקער בירגער האָט נישט נויטיק גע־האַט קיין רייזע־וויזע קיין דייטשלאַנד, האָב איך זיך געקענט אַרויפּזעצן אויף אַ קליינעם פּאַסאַזשירן־דאַמפּער, וואָס פלעגט יעדע עטלעכע טעג אָפּגיין פון דאַנציק קיין שטעטין. כדי נאָך מער צו זיין זיכער, אַז איך וועל אַדורך די דייטשע קאָנטראָל, האָט מיך צום שיף באַגלייט אַ דייט־טשער קאָמוניסט, וואָס האָט געהאַט גוטע פאַרבינדונגען מיט דער דאַנצי־קער פּאָליציי. מיינע ריכטיקע פּאַפּירן האָב איך אים געגעבן און ער האָט זיי מיר צוריקגעגעבן בעת איך בין שוין געווען אויף דער שיף.

איך האָב דעמאָלט נאָך נישט געהאַט די מינדסטע פאָרשטעלונג, אַז איך וועל מיך נאָך מער ווי איין מאָל אומקערן קיין דאַנציק און אַז די דאָזיקע „פרייע שטאָט״ וועט שפּילן אַזאַ וויכטיקע ראָל אין די קינפטי־קע יאָרן אַלס צענטער פון דער קאָמוניסטישער טעטיקייט אין פּוילן. פאַר דער דייטשער קאָנטראָל ביים אַראָפּגיין פון שיף האָב איך זיך נישט שטאַרק געשראָקן. צוריקשיקן קיין פּוילן וועט מען מיך נישט און אויב די פּאָליציי וועט מיך אַרעסטירן פאַר באַנוצן זיך מיט פאַלשע דאָקו־מענטן, וועט מען מיך אַרויסנעמען, אָדער איך וועל באַקומען אַ קליינע שטראָף און שפּעטער וועט מען מיר געבן צייט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. איך האָב דעמאָלט נאָך נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג, אַז אין די שפּע־טערדיקע יאָרן וועט מיר אויסקומען מער ווי איין מאָל צו פאָרן קיין דייטשלאַנד אויף פאַלשע פּאַפּירן און אפילו צו פאַרזוכן דעם טעם פון אַ דייטשער טורמע.

די קאָנטראָל ביים אַראָפּגיין פון שיף איז אַדורך גלאַטיק און איך בין בשלום אָנגעקומען קיין שטעטין. פון דאָרט בין איך מיטן ערשטן צוג אָפּגעפאָרן קיין בערלין.

בערלין־מאָסקווע

איך בין אָנגעקומען אָן געלט־מיטלען, ווייל די לעצטע פּאָר דאַנצי־קער גולדן האָב איך אויסגעגעבן אויף דער שיף. דעריבער בין איך גלייך אַוועק אויפן אַדרעס פון אַ פריינט מיינעם, וואָס האָט געלעבט אין בער־

לין. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן, וואָס האָט נישט געוואָלט דינען אין דער פּוילישער אַרמיי און זיך שלאָגן מיט די באָלשעוויקעס. אַלס דע־זערטיר האָט אים געדראָט אַ זייער האַרבע שטראָף און ער איז אַוועק קיין דייטשלאַנד. צו אים בין איך פאַרפאָרן אָבער נאָך אין דער ערשטער נאַכט, ריכטיקער פאַרטאָג, האָב איך געהאַט אַן אומגעריכטן פּאָליציי־באַזוך. די דייטשע פּאָליציי־באַאַמטע האָבן זיך אָבער אַנדערש אויפגע־פירט ווי אין פּוילן. זיי האָבן זיך געפרעגט, ווער פון אונדז הייסט אַזוי און אַזוי און דעם שווערן פאַר זיי נאָמען ארויסגעלייענט פון אַ פּאַפּיר. מיין פריינט האָט זיך אָפּגערופן, אַז ער איז דאָס. איך בין געלעגן אין צווייטן בעט אין גרויס אומרו און געוואַרט, אַז אַ ליאַדע מינוט וועלן זיי זיך אינטערעסירן מיטן צווייטן פאַרשוין, וואָס געפינט זיך דאָ, ווי עס פלעגט זיך אין אַזעלכע פאַלן נוהג זיין די פּוילישע פּאָליציי, אָבער די דייטשן האָבן מיך נישט געטשעפּעט. זיי האָבן מיט זיך מיטגענומען מיין פריינט און די באַלעבאָסטע פון דירה האָט אויפגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר גרויסע פאַרחידושטע אויגן, ווייל אָן איר וויסן האָב איך זיך גע־פונען ביי איר אין דער וווינונג. נאָך אין דעם זעלביקן טאָג האָט זיך מיין פריינט אומגעקערט פון דער פּאָליציי. עס איז געווען זיין שולד, ווייל אויף די פּילמאָליקע אויפפאָדערונגען פון דער פּאָליציי זיך צו מעלדן, כדי אויסצופילן דעם מעלד־צעטל, האָט ער איגנאָרירט די דאָזיקע אויפ־פאָדערונגען. ער האָט בטבע פיינט געהאַט אַ „קנעפּל“.

עס איז געווען יאַנואַר 1921. אין בערלין האָט מען נאָך געפילט די לעצטע קאָנוולסיעס פון דער נאָוועמבער־רעוואָלוציע. די דייטשע אַרבע־טער האָבן געלעבט ביי שווערע באַדינגונגען, אָבער ווען איך האָב פאַר־גלייכט זייער לעבנס־ניוואָ מיט דעם פון אַ פּוילישן אָדער יידישן אַרבע־טער איז ער נאָך געווען אַ סך העכער, כאָטש די דייטשן האָבן פאַרשפּילט די מלחמה.

עס האָט דעמאָלט געבליט די שפּעקולאַציע און מענטשן זענען רייך געוואָרן.

איך האָב מיך פאַרבונדן מיט דער בונדישער גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך בעת דער מלחמה גע־פונען אין דייטשלאַנד. אַ טייל פון זיי האָט זיך באַלד נאָך דער מלחמה

אומגעקערט קיין פוילן און אַ טייל איז שוין פאַרבליבן אויפן אָרט. איך האָב געהאַט עטלעכע פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען וועגן דער לאַגע אין פוילן און דער טעטיקייט פון „בונד". איך האָב זיך אויך באַטייליקט אין אַ ריי עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען אין די „זאַפּיע־זאַלן", און געהאַט אַפילו איין מאָל אַ שאַרפן ויכוח מיט ד"ר א. סינגאַלאָווסקי וועגן „בונדיזם און טעריטאָריאַליזם".

פאַרן קיין רוסלאַנד האָט מען נאָר געקענט אַלס רוסישער רעפּאַטריאַנט. הונדערטער טויזנטער רוסן, געוועזענע קריגס־געפאַנגענע, האָבן זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד. עס האָט עקזיסטירט אין בערלין אַ סאָוועטישער רעפּאַטריאַציע־אַמט, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם אַהיימקער. אין דער שפּיץ פון דעם דאָזיקן אַמט איז געשטאַנען, אָדער האָט געהאַט צו אים אַ גאָר נאָענטע שייכות — יאָגאָוו, אַ געוועזענער אָנגעזעענער טוער פון „בונד" (זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען קויגאַן). מיט אים האָב איך זיך געזען און ער האָט מסכים געווען מיך צו שיקן קיין רוסלאַנד אַלס „רעפּאַטריאַנט". איך האָב באַקומען אַנטשפּרעכנדיקע פּאַפּירן אַלס רוסישער קריגס־געפאַנגענער און געמוזט גיין לעבן אַ שטיקל צייט אין אַ רוסישן געפאַנגען־לאַגער, כדי פון דאָרט מיט אַ טראַנספּאָרט קריגס־געפאַנגענע צו פאָרן קיין רוסלאַנד. מען האָט מיר אָנגעוויזן אויף דעם רוסישן געפאַנגען־לאַגער אין דעם קליינעם שטעטעלע אַלטדאַם ביי דער פּאָרט־שטאָט שטעטין, וואָס „געהער" היינט צו פוילן. צוויי מאָל אַ וואָך פלעגן פון דאָרט אָפּגיין טראַנספּאָרט־שיפן מיט קריגס־געפאַנגענע קיין לעני־גראַד.

די לאַגערן האָבן פאַרנומען אַ ריזיקן שטח און זענען באַשטאַנען פון לאַנגע, נידעריקע הילצערנע באַראַקן, אין וועלכע עס איז געווען שרעקלעך שמוציק. אַ קילאָמעטער ווייטער פון די באַראַקן האָט זיך געפונען אַ ריזיקער מיליטערישער צווינטער פון די רוסישע קריגס־געפאַנגענע. ווי ווייט דאָס אויג האָט נאָר געקענט דערגרייכן האָט מען געזען שורות הילצערנע טעוועלעך, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון די גלייכע שורות קברים. אויף יעדן ברעטל אַן אויפשריפט: דער נאָמען פון געפאַלענעם און דער פּאָלק, צו וועלכן ער האָט געהערט. אויף אַ סך ברעטלעך האָט אויך געהאַנגען אַ רוסיש מיליטעריש היטל. די אַרומיקע דייטשע פּויערים האָבן

דערציילט, אַז הונדערטער טויזנטער רוסישע געפאַנגענע זענען דאָ בעת דער מלחמה אויסגעשטאָרבן פון טיפוס און הונגער.

די טיפע שטילקייט, וואָס האָט דאָ געהערשט, האָט מער רעוואָל־טירט קעגן מלחמות ווי די שרייענדיקסטע אַנטי־מלחמה־רעדעס. אָבער נישט מער ווי איין קילאָמעטער פון אָט דעם אָרט — אין די לאַגערן — האָט עס געקאָכט און געברויזט מיט לעבן בייטאָג און ביינאַכט. קיין שום אָרדענונג האָט דאָ נישט געהערשט. וואָס איינער האָט געוואָלט האָט ער געטאָן. מען האָט געטאַנצט און געזונגען, געשיכורט און זיך געשלאָגן. אַ סך האָבן מיט זיך געברענגט גרויסע זאַפּאַסן פון פּראָדוקטן, וואָס די דייטשע פּויערים האָבן זיי מיטגעגעבן אין וועג אַריין נאָך יאָרן לאַנגער אַר־בעט אויף זייערע פאַרמעס.

עס איז געווען אַ פרייד אַ רוסישע, אַ צעלאָזענע. מען האָט געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז גאָר אינגיכן וועט מען שוין זיין אין דער היים.

אַ סך פון די רוסן האָבן איבערגעלאָזט דייטשע פרויען מיט קינ־דער. זיי פלעגן פון זיי באַקומען סענטימענטאַל־רירנדיקע בריוו און היות ווי איך האָב געקענט רוסיש און דייטש, בין איך געוואָרן זייער דאָלמע־טשער. די רוסן פלעגן מיר שטענדיק עפּעס דערפאַר אונטערטראָגן. ווער אַ שטיקל וורשט, ווער אַ געקאָכט איי. נאָך אַזאַ בריוו איז אָפט דער רע־פּאַטריאַנט געוואָרן סענטימענטאַל און פלעגט מיר ברענגען אַ בייגעלע פּאַפּיר מיט דער בקשה, אַז איך זאָל פאַר אים אָנשרייבן צו זיין פרוי, אַז ער וועט זי קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אָבער „דערווייל" מוז ער זיך אומ־קערן אַהיים.

איך האָב אין לאַגער געטראָפן קאָמוניסטן פון אַנדערע לענדער, וואָס זענען פונקט אַזוי ווי איך געפאָרן אַלס „רעפּאַטריאַנטן" קיין מאָסקווע.

אין די לאַגערן האָבן די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען געפירט אַן אינ־טענסיווע פּראָפּאַגאַנדע און צוגעגרייט דעם אָפגעשטאַנענעם עולם צו דעם נייעם סאָוועטישן לעבן. יעדן אָוונט זענען פאָרגעקומען ריזיקע מאַסן־מי־טינגען, אויף וועלכע קאָמוניסטישע אַגיטאַטאָרן האָבן געהאַלטן רעדעס וועגן נייעם סאָוועטישן רעזשים און וועגן דער וועלט־רעוואָלוציע.

באַזונדערס שטאַרק האָבן זיי געלויבט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פאַר דעם שלום, וואָס זי האָט געברענגט פאַרן רוסישן פאָלק און אַ דאַנק דעם

קענען זיך די קריגס־געפאַנגענע אומקערן אַהיים. מיט גרויס אויפמערק־זאַמקייט האָט זיך דער עולם צוגעהערט צו דער נייער אַגראַר־רעפאָרם פון דער אַרבעטער־ און פויערים־רעגירונג און שטאַרק אַפּלאָדירט די רעד־נער, וואָס האָבן דערקלערט, אַז אין רוסלאַנד האָבן די פויערים באַקומען ערד.

די שמוזיקע באַראַקן זענען געווען דעקאָרירט מיט פּרימיטיווע אַגי־טאַציע־פּלאַקאַטן און באָלשעוויסטישע לאָזונגען, וואָס זענען דעמאָלט פּאָפּולער געווען אין רוסלאַנד.

אויב ביי מיין אָנקום קיין בערלין האָב איך געפילט דעם לעצטן פלאַטער פון דער דייטשער נאָוועמבער־רעוואָלוציע, האָט דאָ אין לאַגער געהערשט די אַטמאָספער פון דער אויפגייענדיקער וועלט־רעוואָלוציע. די שטימונג ביים קאָמוניסטישן אַקטיוו איז געווען אַ האָפערדיקע און אַלע זענען געווען באַהערשט פון גלויבן, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע האָט זיך שוין אָנגעהויבן און עס וועט נישט לאַנג דויערן און גאַנץ אייראָפּע וועט ווערן קאָמוניסטיש. צווישן די אויסלענדישע קאָמוניסטישע גרופּעס, וואָס זענען געפאָרן ווי איך קיין רוסלאַנד, זענען די צאָלרייכסטע געווען די אונגאַרישע און פּוילישע.

איך האָב זיך געפונען צווישן די פּאָלאַקן, כאָטש מען האָט געוווּסט, אַז איך בין נישט קיין מיטגליד אין דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי.

איך האָב געוווּסט, אַז אין רוסלאַנד הערשט אַ הונגער און אַז עס איז בכלל שווער עפּעס צו באַקומען. האָב איך פון בערלין מיטגעפירט מיט זיך אַ סך זאַכן. איך האָב אין בערלין געטראָפן מיינעם אַ קוזין, וואָס איז בעת דער מלחמה זייער רייך געוואָרן און ער האָט מיט אַ ברייטער האַנט פינאַנסירט מיין רייזע. אין לאַגער האָבן אָבער געהערשט שטאַרקע גנבות און במשך די צוויי וואָכן, וואָס איך האָב זיך אין אים געפונען, איז דער גרעסטער טייל פון מיינע זאַכן פאַרשוווּנדן. מעלדן וועגן דעם איז מיר געווען אומאַנגענעם און איך האָב געמאַכט אַ שווייג. אויף דער שיף קיין לענינגראַד האָט מען ביי מיר צוגעגנבעט די רעשט זאַכן. מיר זענען געפאָרן מיט אַ מיליטערישן טראַנספּאָרט־שיף מיט צוויי־גאָרנ־דיקע געלעגערס און עס איז לייכט געווען צוצוקומען צום באַגאַזש, וואָס יעדער איינציקער האָט געהאַט צוקאָפּנס פון זיין געלעגער. איך האָב זיך

אָבער נישט שטאַרק געזאָרגט צוליב דעם דאָזיקן פאַרלוסט מיינעם. איך בין דאָך געפאָרן אין דעם לאַנד, ווו די „קאָמונע" האָלט שוין אָן לענגער ווי 70 טעג. איך בין דאָך געפאָרן מיט אַ שיף, איבער וועלכער עס האָט געפלאַטערט אַ רויטע פאָן און דאָס געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער באַגלייט פון האַרמאָשקעס האָט ניט אויפגעהערט. און פריילעכע און מונטערע זענען מיר אָנגעקומען אין „באַלטישן פאָרט".

דער קראָנשטאַטער אויפשטאַנד און דער „נעפּ"

בעת אונדזער טראַנספּאָרט־שיף האָט זיך דערנענטערט צו לעניג־גראַד, האָבן מיר נישט געוווסט וועגן צוויי וויכטיקע געשעענישן, וואָס זענען גראָד דעמאָלט פאָרגעקומען אין רוסלאַנד: דער קראָנשטאַטער אויפ־שטאַנד פון די מאַטראָסן און דער צענטער צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי.

קיין לענינגראַד זענען מיר אָנגעקומען אין אַ פאַרנעפּלטן פרימאָרגן און באַלד האָט מען אונדז אַלע אַריינגעטריבן אין אַ געביידע, ווו מיר האָבן געמוזט אַדורכגיין אַ קאָנטראָל. דאָ האָב איך זיך דערוווסט, אַז אין קראָנשטאַט טוט זיך חושך. מאַטראָסן־אַנאַרכיסטן האָבן אַרויסגערופן אַ בונט קעגן דער סאָוועטישער מאַכט, ריכטיקער קעגן דער באָלשעוויס־טישער דיקטאַטור, ווייל דער לאָזונג זייערער איז געווען: „נידער מיט די באָלשעוויקעס! זאָלן לעבן די סאָוועטן". גיין אין גאַס אַריין און כאַפּן אַ בליק אויף לענינגראַד האָט מען אונדז „רעפּאַטריאַנטן" נישט דער־לויבט. מען האָט אונדז צעטיילט לויט גרופּעס, אָפּהענגיק דערפון, אין וועלכער געגנט יעדער האָט געדאַרפט פאָרן און עס זענען פאָרמירט גע־וואָרן טראַנספּאָרטן.

פון די ידיעות, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די אָפיציעלע פּאַרטיי־קרייזן אין לענינגראַד, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די מאָסקווער רעגי־רונג האָט באַשלאָסן מיט אַלע מיטלען צו אונטערדריקן דעם דאָזיקן אויפשטאַנד. אַ קורסאַנט פון מאָסקווע זאָל האָבן איבערגעגעבן, אַז 300 קורסאַנטן האָט מען געשיקט פון מאָסקווע קיין קראָנשטאַט און זיי זענען געשטאַנען ביז איבער די קני אין בלוט בעת אַ מאַסאַקרע איבער די

צעבונטעוועטע מאַטראַסן. אַנדערע האָבן אונדז איבערגעגעבן אַז אַ דריטל דעלעגאַטן פון צענטן מאָסקווער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט פרייוויליק פאַרלאָזט דעם צוזאַמענפאָר און אַוועק מיט געווער אין האַנט, כדי צו אונטערדריקן דעם קראָנשטאַטער אויפשטאַנד.

צווישן אונדז האָבן זיך געפונען עטלעכע דייטשע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געפּרוווט צו זוכן אַנאַלאָגיעס מיט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און נישט געגלויבט, אַז דער אויפשטאַנד איז אַ קאָנטר־רע־וואָלוציאָנערער. אַנדערע ווידער האָבן אין אים געזען אַ פּרווו פון די אויסלענדישע אינטערווענציאָניסטן צו פאַרניכטן די רעוואָלוציע פון „לינקס", ווייל די אויפשטענדלער אין קראָנשטאַט האָבן גראַד אויסגע־קליבן אַזאַ מאָמענט, ווען די רעוואָלוציע האָט געהאַט צו קעמפן קעגן די ווייסגוואַרדייער אויף פאַרשיידענע פראָנטן און קעגן קאָלאָסאַלע אינער־לעכע שוועריקייטן.

מיר אַלע זענען געווען זיכער, אַז דער אויפשטאַנד וועט זיך נישט אויסברייטערן און וועט גאָר גיך ליקווידירט ווערן. אַ סך פון אונדז זענען אָבער שוין אין אַ געדריקטער שטימונג געפאָרן ווייטער קיין מאָסקווע.

אונדזער צוג קיין מאָסקווע איז באַשטאַנען פון בלויזע פּראַכט־וואַ־גאָנעס — „טיעפּלושקעס", — אין וועלכע מען האָט אַנגעפּאַקט מענטשן וויפיל עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

אויפן וועג האָט מען אונדז אַרויסגעגעבן ברויט און הערינג און אויף יעדער סטאַציע האָט מען געקענט באַקומען הייס וואַסער — „קיפּיאַ־טאָק".

פאַרן אָפּפאָר האָט מען אונדז פאַרזאַמלט אין אַ גרויסן זאַל און גע־האַלטן פאַר אונדז פייערדיקע רעוואָלוציאָנערע רעדעס.

די אויסלענדישע קאָמוניסטן האָבן זיך באַמיט צו האַלטן צוזאַמען און מיר האָבן פאַרנומען באַזונדערע וואַגאָנעס. עס האָט געהייסן געפאָרן — פאַקטיש האָבן מיר זיך געשלעפּט עטלעכע טעג און נעכט פון לעני־גראַד ביז מאָסקווע. דער לאָקאָמאָטיוו האָט נישט ווי געהעריק געאַרבעט און פון צייט צו צייט האָבן מיר געמוזט אויסשטייגן, כדי אים אונטערצו־שטופּן. היות ווי ער האָט זיך בכלל נישט גיך באַוועגט זענען מיר קילאָ־מעטערס ווייט געגאַנגען צופוס. ווען דער מאַשיניסט האָט געמאָלדן, אַז

ער גייט נעמען אַ גיכערן טעמפּ זענען מיר גיך אַריינגעשפּרונגען אין די וואַגאָנעס.

אין אונדזער גרופּע האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע אַנאַרכיסטן פון פּאַריז, וואָס זענען געפאָרן קיין מאָסקווע, כדי דאָרט צו באַזוכן קראָ־פּאָטקינען און האָבן מיט זיך געפירט פאַר אים אַ געוויסע סומע געלט, וואָס זיי האָבן פאַר אים צונויפגעקליבן. דאָס האָט פאַר מיר פאַרטרויט אַן אַנאַרכיסט. עס זענען צווישן אונדז אויך געווען עטלעכע קאָמוניסטן פון אַמעריקע, אַלטע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, וועמען ס'האָט איצט געצויגן צו זייער היימלאַנד, וואָס איז באַפרייט געוואָרן פון צאַר. זיי האָבן זיך פון אַנדערע אויסגעטיילט מיט זייער גוטן אויסערלעכן אויסזען.

ערשט אויפן לאַנגן וועג צווישן לענינגראַד און מאָסקווע האָב איך געזען פאַר זיך אַ שטיקל רוסלאַנד. אויף יעדער באַן־סטאַציע האָבן אונ־דזער צוג אָפּגעוואַרט אַ כמאַרע פון פּויערים, פּויערטעס, יוגנטלעכע און אפילו קינדער. זיי האָבן געוווסט, אַז פון די צוגן מיט רעפּאַטריאַנטן קען מען עפּעס געניסן. עס איז געווען אין רוסלאַנד די צייט פון קריגס־קאָ־מוניזם (מערץ 1921) און פון גרויסן הונגער אין לאַנד. אַ נאָדל, אַ ביסל גאַרן, אַ פּאָר קנעפּלעך, — אַלץ איז געווען אַ וויכטיקער אַרטיקל. די דאָרפישע „סוחרים" האָבן אונדז פאַרגעשלאָגן אַ געבאַקן פּלעצל, אַ ביסל מילך, אַ קעזל אָדער אַן איי. די פּאַסאַזשירן פלעגן זיי פאַר אָט די פּראָדוקטן געבן עפּעס פון זייערע „מאַנופאַקטור"־אַרטיקלען. עס זענען אויך געווען אַ חוץ „סוחרים" הונגעריקע קינדער און אַלטע לייט, וואָס האָבן געבעטלט אַ שטיקל ברויט, אָדער אַ „קאָסטקע" צוקער. מיט אַ גע־פיל פון דערלייכטערונג פלעג איך פאַרלאָזן אַזאַ סטאַציע מיט אַזאַ קבלת פּנים פון געסט פון אויסלאַנד.

דער וועג פון לענינגראַד ביז מאָסקווע איז באַדעקט מיט וועלדער און פעלדער און שטעלט מיט זיך פאָר אַן אייגנטאָניקן, לאַנגווייליקן פּיי־זאַזש. אַלנפאַלס איז דאָס אַזוי געווען אין די מערץ־טעג. אין אָט דער ראַם פון מאָנאָטאָנעם און אָרעמען פּייזאַזש האָט זיך ווי אַריינגעפּאַסט אונ־דזער לאַנגער פּראַכט־צוג, וואָס איז צופוס באַגלייט געוואָרן פון די פּאַסאַ־זשירן זיינע. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אבלים באַגלייטן אַ טויטן.

אויב דעם ערשטן און צווייטן טאָג פון דער דאָזיקער רייזע איז מען נאָך געווען אין אַ גוטער שטימונג, האָט מען זיך שוין אין די ווייטערדי־קע טעג אָנגעהויבן צו פילן מיד און אויסגעשעפּט. אַלע האָבן שוין וואָס גיכער געוואָלט זיין אין מאָסקווע.

אָנקומענדיק קיין מאָסקווע האָבן מיר שוין נישט געהאַט קיין שום קאָנטראָל. דער וואָקזאַל איז געווען איבערפולט פון מענטשן, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ פאַרבינדונג פאַר זייערע ווייטערדיקע רייזעס. די גרופּע פוילישע קאָמוניסטן האָט מיך מיטגענומען אין „דריטן הויז פון די סאָ־וועטן" און האָבן פאַר מיר אויסגעפּועלט אַ פּלאַץ צו שלאָפן. אויפן אָרט איז אויך געווען איינגעאָרדנט אַ קיך — אַ „סטאָלאָווקע". כדי צו באַקומען אַ מיטיק אָדער אָוונטברויט האָט מען געדאַרפט האָבן אַ באַשטעטיקונג פון דער קאָמפּאַרטיי, אַז מען איז פון איר רעקאָמענדירט מיט אַ רעכט צו גע־ניסן פון דער קיך אין משך פון אַזויפיל און אַזויפיל טעג. דאָס האָב איך נישט געהאַט. צומאָרגנס אינדערפרי בין איך אַוועק אין צענטראַל־קאָמי־טעט פון „בונד" (צו יענער צייט שוין „קאָמבונד") מיט דער אויסרעכע־נונג, אַז דאָרט וועל איך שוין באַקומען די נויטיקע הילף. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. איך האָב דאָרט געטראָפן ווייבשטיינען (ירחמיאל), איינעם פון די אָנגעזעעגסטע אַלטע בונדיסטן. ער האָט מיך אויפגענומען זייער פריינטלעך און קודם־כל מיך באַזאָרגט מיט די נויטיקע פּאַפּירן, וואָס האָבן מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו לעבן אין די באַדינגונגען פון קריגס־קאָמוניזם. ער האָט מיר רעקאָמענדירט צו באַזוכן אַ רייע אימפּרע־זעס, וואָס זענען דעמאָלט פאָרגעקומען אין מאָסקווע, באַזונדערס דעם 10טן קאָנגרעס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און מיר האָבן זיך אָפּ־גערעדט צו טרעפן אין עטלעכע טעג אַרום.

די אַלגעמיינע שטימונג אין מאָסקווע, אויף וויפיל איך האָב געקענט אורטיילן פון די געשפּרעכן, וואָס איך האָב געהאַט מיט פריינט און באַקאַנטע, איז געווען: מען איז שוין מיד און מען וויל אַביסל אָפּאָטע־מען. איך האָב צווישן אַנדערע באַזוכט אַ פאַרזאַמלונג אין לאָקאַל פון „דריטן אינטערנאַציאָנאַל" און זי האָט אויף מיר געמאַכט נישט קיין גוטן איינדרוק. עס האָט זיך ביי די פאַרזאַמלטע געפילט אַ מידקייט, נאָר די רעדנער און די אָרגאַניזאַטאָרן זענען געווען אין אַ גוטער שטימונג

און גערעדט מיט ענטוזיאַזם וועגן דער סאָוועטן־מאַכט. אין די ענגע פּאַר־טיי־קרייזן האָט אויך געהערשט אַ גוטע שטימונג. בעת איך בין אייג־געלאַדן געוואָרן צו אַלטע פריינט פון פּוילן — קאָמוניסטן, וואָס האָבן פאַרנומען דורכשניטלעכע פּאָסטנס אין רעגירונגס־אַפּאַראַט, האָט מען נישט געהאַט וואָס צו דערלאַנגען צום טיש, אַ חוץ די מאָגערע ביסנס וואָס זיי האָבן באַקומען צוגעטיילט, און דאָך האָט מען זייער גוט פאַר־ברענגט. מען האָט ליידנשאַפטלעך דיסקוטירט און געהאַט אָפּטימיסטי־שע פּערספּעקטיוון בנוגע דער צוקונפט. די פראַגע: „ווי אַזוי פאַרטיילט מען 10 פאַר שטיוול פאַר הונדערט נויטבאַדערפטיקע?" האָט זיך שוין דע־מאָלט אָנגעהויבן צו שטעלן פאַר אַ סך פון מיינע מיטשמועסערס. און נישט איינער פון די, וואָס האָט געהאַט הינטער זיך אַ שיינע רעוואָלוציאָ־נערע פאַרגאַנגענהייט, האָט זיך אָנגעהויבן צוצוגעוווינען צום באָלשע־וויסטישן געדאַנק, אַז מען דאַרף די 10 פּאָר שטיוול פאַרטיילן נישט לויטן אַבסטראַקטן פּרינציפּ פון גערעכטיקייט, נאָר אַרויסגייענדיק פון די אינ־טערעסן פון דער רעוואָלוציע, דאָס מיינט — אין דער ערשטער ריי דאַרף מען באַזאָרגן דעם פּאַרטיי־אַקטיוויסט, ווייל אָן דער פּאַרטיי קען זיך די ראַטן־מאַכט אפילו קיין איין טאָג נישט האַלטן. דערנאָך דאַרף מען געבן דעם רויט־אַרמייער, דערנאָך דעם אַרבעטער, וואָס איז דער רוקנביין און דער העגעמאָן פון „אַרבעטער־ און פּויערים־בונד" און ערשט שפּעטער די אַנדערע טיילן פון דער באַפעלקערונג. די פּאַראַזיטישע קלאַסן דאַרפן בכלל גאָרנישט באַקומען, ווייל זיי זענען פון דער געשיכטע פאַראור־טיילט צום אונטערגאַנג.

איך האָב אין יענע טעג געטראָפן אין מאָסקווע אַן אַלטן חבר פון לאָדזש, וואָס איז נאָך דער רוסישער פעברואַר־רעוואָלוציע אַוועק קיין רוסלאַנד. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע איז ער געווען זייער אַקטיוו אין דער לאָדזשער אָרגאַניזאַציע פון „בונד". פון פאַך אַן אַדוואָקאַט, האָט ער געהאַט אַ שיינע וווינונג און מאַטעריעל זיך אויך געקענט אַדורכ־שלאָגן. אין מאָסקווע האָב איך אים געטראָפן אין אַ זייער שלעכטן צו־שטאַנד. אַן אָפּגעריסענער איז ער געלאָפן מיט אַ שוואַרץ שטיקל ברויט (פּאַיאָק) אונטערן אָרעם צו דער אַרבעט. ער האָט געאַרבעט אין סאָווע־טישן יוסטיץ־קאָמיסאַריאַט. אויף מיין פראַגע, צי ער באַדויערט נישט,

וואָס ער איז אַוועק פון פוילן, האָט ער מיר געענטפערט, אַז דאָ זענען מיר אַלע גלייך און דערפאַר קאָן ער אַלץ אַריבערטראָגן. „לענין און טראָצקי לעבן נישט בעסער פון מיר“, — האָט ער צוגעגעבן.
אַזעלכע זענען געווען די שטימונגען ערב דעם „נעפּ“.

איך בין נישט די גאַנצע צייט געווען אויפן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר און ווי איבערראַשט בין איך געווען, ווען איך נעם אינדערפרי די „פּראַוו־דאַ“ אין האַנט אַריין און זע די גרויסע רעדע פון לענינען וועגן „נעפּ“ (נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק). מיט אַ טאָג פריער בין איך געווען אויפן צוזאַמענפאָר און קיינעם האָט זיך נישט געחלומט, אַלנפאַלס די אַלע, וואָס איך האָב געקענט און וואָס זענען זייער נאָענט געשטאַנען צום אָנפירנדיקן צענטער, אַז אַזוינס קען פּאַסירן און דאָ מיט איין מאָל — אַזאַ באָמבע. מען איז געווען געוווינט אָנצונעמען, אַז די פראַגן, וואָס װעלן באַהאַנדלט ווערן אויפן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר און וואָס האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער פאַרטיי און פאַרן לאַנד, וועלן צוערשט באַ־רירט ווערן אויף פאַרטיי־פאַרזאַמלונגען און אין דער פאַרטיי־פּרעסע. אַזוי האָט זיך טאַקע געפירט. געגנוג צו דערמאָנען די גרויסע און ליידנ־שאַפטלעכע דיסקוסיעס פאַרן צוזאַמענפאָר וועגן דער ראָל פון די פראָ־פעסיאָנעלע פאַראייניגן אָדער דער קאַמף מיט דער מיאַסניקאָוו־אָפּאָזיציע, און גראַד אין אַזאַ וויכטיקער פראַגע, ווי אָפּשאַפן דעם קריגס־קאָמו־ניזם, האָבן די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס גאָרנישט וועגן דעם פריער גע־ווּוסט.

בעת איך בין געווען אויפן צוזאַמענפאָר האָט מען דיסקוטירט וועגן דער פּלאַטפאָרם פון דער לינקער אָפּאָזיציע, אָבער וועגן „נעפּ“ האָט קיי־נער אפילו נישט אָנגעדייט. בכלל האָט דער צוזאַמענפאָר געמאַכט אויף מיר אַ מאָדנעם איינדרוק. אַזויפיל דעלעגאַטן אין מיליטערישע מונדירן. לענין האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע השפעה אויפן צוזאַמענפאָר. מען האָט זיך אָבער געפילט נאָך געגנוג פריי און גערעדט נישט זשעניִרטערהייט. שאַרף איז אַרויסגעטרעטן קאָלאָנטאַי און מען האָט געפילט, אַז זי האָט נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז עס קען איר דראָען מיט קאָנסעקווענצן. בכלל איז די „אַרבעטער־אָפּאָזיציע“ געווען זייער אָנגרייפעריש און כאָטש עס איז באַשלאָסן געוואָרן דורכן צוזאַמענפאָר, אַז די „אַרבעטער־אָפּאָ־

זיציע״ האָט נישט מער קיין רעכט נאָכן צוזאַמענפאַר אויפצוהייבן אירע פראַגן אין דער פּאַרטיי, איז פונדעסטוועגן דערלויבט געוואָרן מיאַסני־קאָוון אַרויסצוגעבן אַ בוך, אין וועלכן ער קאָן פאָרמולירן זיין שטעלונג צו די פראַגן, אין וועלכע ער איז נישט מסכים מיט דער פּאַרטיי.

ווי געזאָגט, האָט דער „נעפּ״ אַלעמען געטראָפן נישט צוגעגרייטער־הייט. מעגלעך, אַז אין די נאָענטסטע קרייזן פון לענינען האָט מען גע־ווסט וועגן זיין פּלאַן, אַזוי האָט שפּעטער פאַרזיכערט לעוו טראָצקי. עס בלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז גאָר אַ סך פריער, ווי אין מערץ 1921 איז דער פראָיעקט וועגן „נעפּ״ ביי אים זיכער נישט געבוירן געוואָרן.

מען האָט דעם דאָזיקן לענינס שריט דערקלערט מיט דער דורכגעפאַ־לענער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד און מיטן וווקס פון דער מערב־איי־ראָפּעאישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג, פון איין זייט, און מיטן וואַקסנדיקן ווידערשטאַנד פון די פויערים און מיט דער גרויסער אומצו־פרידנקייט אין לאַנד, פון דער צווייטער זייט. עס איז אָבער אָן שום ספק, אַז די הויפּט־סיבה איז געווען דער קראָנשטאַטער אויפשטאַנד. לע־נין האָט געמאַכט אַ ריקצוג, כדי צו שאַפן פאַר זיך אַן אָטעם־פּויזע, אָבער נישט כדי צו רעזיגנירן פון הויפּט־ציל: איינהאַלטן די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור אין לאַנד. איינפירן אַ טיילווייז פרייען מאַרק אין לאַנד, אָבער דאָס טאָר נישט שאַפן דעם איינדרוק, אַז די באָלשעוויקעס האָבן זיך דערשראָקן פאַרן קראָנשטאַטער אויפשטאַנד און דערפאַר איז אַרויסגע־געבן געוואָרן דער באַפעל מיט אַלע מיטלען, אפילו די אכזריותדיקע, צו דערשטיקן דעם דאָזיקן אויפשטאַנד.

דעם פּראָבלעם ווי אַזוי צו פאַרטיילן 10 פאַר שטיוול פאַר הונדערט נויטבאַדערפטיקע האָט לענין באַשלאָסן צו לייזן נישט אויף דעם אופן, ווי עס האָט זיך פאַרגעשטעלט מיין אַלטער פריינט פון לאָדזש, דער נאַאי־ווער רעוואָלוציאָנערער טרוימער, נאָר אויף אַ גאַנץ רעאַליסטישן וועג און אין הסכם מיט דער לעניניסטישער קאָנצעפּציע וועגן סאָציאַליזם און די מעטאָדן פון זיין פאַרווירקלעכונג. עלעקטריפיקאַציע, קאָאָפּע־ראַציע און ראַטן־מאַכט, (דאָס מיינט די אַבסאָלוטע הערשאַפט פון איין פּאַרטיי) דאָס איז סאָציאַליזם — איז געווען דעמאָלט זיין — לע־נינס לאָזונג. און גאָר אַ סך פון די, וואָס האָבן זיך איצט געשטעלט די

פראַגע: „פאַרוואָס האָבן מיר געקעמפט?‟, האָבן נאָך באַשטימטע וואַקלע־נישן זיך דערקלערט אַלס אָנהענגער פון „נעפּ‟.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי אין אָק־טאָבער 1917, בעת זי האָט פאַרכאַפּט די מאַכט אין לאַנד, האָט געציילט נישט מער ווי 10 טויזנט פּאַרטיי־מיטגלידער, ווי עס האָט זיך אויס־געדריקט זינאָוויעוו. און צום 8טן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי אין 1919 האָט די צאָל מיטגלידער דערגרייכט שוין 500 טויזנט. אָט די הונ־דערטער טויזנטער נייע מיטגלידער האָבן איצט געוואָלט לעבן און גוט לעבן. פון דער אַנדערער זייט האָט געדראָט די געפאַר, אַז אָט די נייע עלעמענטן זאָלן נישט „פאַרוואַסערן‟ די פּאַרטיי, האָט מען זיך גע־מוזט באַנוצן מיט אַנטי־דעמאָקראַטישע מיטלען בנוגע דער אייגענער פּאַרטיי. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן צו באַגרענעצן די מיט־גלידער־רעכט צום 8טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, כאָטש די דעמאָלטדיקע באָלשעוויסטישע פירערס האָבן אַליין אָנערקענט, אַז דאָס איז נישט דע־מאָקראַטיש. די פּראָלעטאַרישע דעמאָקראַטיע, וואָס די באָלשעוויקעס האָבן אַנטקעגנגעשטעלט דער בירגערלעכער, האָט מען אין רוסלאַנד אויך אַנדערש אויסגעלייגט ווי אין די מערב־אייראָפּעאישע אַרבעטער־קרייזן. אין דעם פאַל איז אינטערעסאַנט פאָלגנדיקער פּרט: ווי נאָר עס איז באַ־קאַנט געוואָרן אין מאָסקווע לענינס רעדע וועגן „נעפּ‟, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן אויף די גאַסן אַ רייע אַרטיקלען. מען האָט נישט געוואַרט אויפן אָפיציעלן דעקרעט פון דער רעגירונג וועגן דערלויבן אַ טיילווייזן פרייען האַנדל. מען האָט געהאַלטן לענינס אַ רעדע אַזוי וויכ־טיק ווי אַ רעגירונגס־דעקרעט.

דער „נעפּ‟ האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע דיסקוסיע אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. אויך ביי די קאָמוניסטן אין פּוילן איז אַנטשטאַנען אַ שאַר־פע אָפּאָזיציע קעגן „נעפּ‟ און קעגן לענינס לאָזונג „צו די מאַסן‟. וואָס ער האָט מיט עטלעכע חדשים שפּעטער געוואָרפן אויפן דריטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן, אָבער צו די דאָזיקע פראַגן וועל איך מיך נאָך אומקערן.

דער פּאַרטיי־אַקטיוו האָט אויפגענומען דעם „נעפּ‟ מיט געמישטע געפילן. מען האָט אין אים געזען אַ גרויסע פאַרלייכטערונג, אָבער גלייכ־צייטיק מורא געהאַט פאַר די קאָנסעקווענצן פון דער דאָזיקער נייער טאַק־

טיק. אין אַלגעמיין אָבער האָט מען געהאַט גרויס צוטרוי צו לעניגען און דאָס האָט ביז גאָר פאַרלייכטערט צו פאַרדייען דעם דאַזיקן קער אויף רעכטס.

גרויסע פייערונגען זענען גראָד דעמאָלט אויסגעפאַלן אין מאָסקווע אין שייכות מיט 50 יאָר פּאַריזער קאָמונע. איך בין געווען אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעפעראַט וועגן דער פּאַריזער קאָמונע ריאַזאַנאָוו, וואָס איז געווען אָנערקענט אַלס אַ גוטער מאַרקס־קענער. ער האָט שוין אין זיין וואָרט פאַרבונדן דעם „נעפּ" מיט דער פּאַריזער קאָמונע. אַנאַליזירנדיק די שוואַכע זייטן פון דער פּאַריזער קאָמונע, האָט ער ספּעציעל אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט, וואָס די „קאָמונע" האָט זיך נישט אויסגעברייטערט אויף גאַנץ פראַנקרייך און וואָס דאָס פּראָווינציעלע פּויערנטום האָט זי נישט אונטערגעהאַלטן. דער „נעפּ" האָט פאַר אַ ציל צו פאַרשטאַרקן דעם בונד — די „סמיטשקע" צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס און פּויערנטום, האָט ריאַזאַנאָוו דערקלערט. און עס איז אויסגעקומען, אַז דאָס, וואָס עס האָט זיך נאָך געקאָנט אויסווייזן משונהדיק מיט עטלעכע וואָכן צוריק, איז היינט שוין געוואָרן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט.

פאַקטיש האָט דער „נעפּ" באַדייט מלוכהשער קאַפּיטאַליזם אין די באַדינגונגען פון רוסלאַנד.

מיט אַ מיסיע קיין פּוילן

לסוף האָב איך געהאַט דעם געשפּרעך מיט וויינשטיינען, אויף וועלכן איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט. פון דעם איז אָפּהענגיק געווען, צי איך וועל בלייבן אין מאָסקווע אָדער זיך אומקערן קיין פּוילן. עס איז שוין געווען נאָך דער מינסקער קאָנפערענץ פון „קאָם־בונד" אין סאָוועט־רוסלאַנד, אויף וועלכער עס איז נאָך אַ סך דראַמאַטישע מאָמענטן באַשלאָסן געוואָרן זיך צו ליקווידירן און אַריינצוטרעטן אין דער רוסישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אויפן 10טן צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער קאָמפּאַרטיי, בעת עס איז צווישן אַנדערע באַריכטן אויך מיטגעטיילט געוואָרן דער באַשלוס פון דער מינסקער קאָנפערענץ וועגן דער ליקווידאַציע פון

„בונד" אין רוסלאַנד, האָט דער זאָל מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן אויפֿ־גענומען דעם דאָזיקן באַשלוס. אפילו לענין אַליין האָט אויך אַפּלאָדירט. עס האָט זיך נאָך בלויז געהאַנדלט וועגן די ליקווידאַציע־באַדינגונגען. די קאָמבונדיסטן האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער נאָמען „בונד" זאָל אייגנגעהאַלטן ווערן פאַר דער יידישער צענטראַלער סעקציע ביים צענטראַל־קאָמיטעט און אַז מען זאָל ווייטער איבערלאָזן עקזיסטירן דעם אָרגאַן פון „בונד". אין מיין געשפּרעך מיט וויינשטיינען האָט ער מיך טאַקע אינפאָרמירט וועגן אַ זיצונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט: זינאָוויעוו, ראַ־דעק, דזשערזשינסקי א"אַ, אויף וועלכער עס זענען באַהאַנדלט געוואָרן אָט די ליקווידאַציע־באַדינגונגען. נישט אָן פאַרביטערונג האָט ער מיר אי־בערגעגעבן, אַז אַ טייל פון די באַטייליקטע אין דער זיצונג איז געווען פאַר זיינע פאָרשלאָגן, נאָר זינאָוויעוו האָט זיך שטאַרק אַנטקעגנגע־שטעלט און ער, וויינשטיין, האָט געמוזט קאַפּיטולירן און איינגיין אויף אַ טאָטאַלער ליקווידאַציע פון „קאָמבונד". אויב מיר וועלן נישט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן אַריינטרעטן אין דער רוסישער קאָמפּאַרטיי, האָט ער געטענהט, וועט אַליץ זיך צעקריכן און מיר וועלן אפילו נישט באַקומען די צאָל פּלעצער אין דער צענטראַלער יידישער אָנפירונג, וואָס מיר קאָ־נען נאָך איצט יאָ דערגרייכן. זינאָוויעוו זאָל זיך האָבן אויסגעדריקט: „מיר האָבן אויך געביטן אונדזער נאָמען — פריער האָבן מיר זיך גערופן רוסישע סאָציאַל דעמאָקראַטישע פּאַרטיי (באָלשעוויקעס) און איצט האָבן מיר אָנגענומען דעם נאָמען „רוסישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי"...

נאָכדעם, ווי וויינשטיין האָט ביי מיר אָפּגענומען אַ גרוס פון „בונד" אין פוילן און וועגן דער לאַגע אין לאַנד, האָט ער מיר געעצהט זיך אומ־צוקערן קיין פוילן. ער האָט געהאַלטן, אַז דער „בונד" אין פוילן טאָר נישט איבערחזרן דעם פעלער, וואָס עס איז באַגאַנגען דער „בונד" אין רוסלאַנד, וואָס האָט זיך צו שפּעט געשטעלט אויף דער זייט פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש. „ווען מיר וואָלטן באַלד פון סאַמע אָנהייב אָן אונטערגעהאַלטן די באָלשעוויקעס, וואָלטן מיר געראַטעוועט דעם „בונד" אין רוסלאַנד" — האָט ער מיט ווייטיק צו מיר גערעדט. „פאָרט קיין פוילן און שפּאַלט דאָרט דעם „בונד". „שפּאַלטן, שפּאַלטן", — האָט ער אַקצענטירט יעדעס וואָרט. מען מוז זיך אָפּזאָגן פון די רעכטע עלע־

מענטן אין „בונד“ און איר וועט אָנגענומען ווערן אין קאָמינטערן. חזרט נישט איבער אונדזער פעלער און גיט איבער אין פוילן, אַז איך בין פאַר שפּאַלטן דעם „בונד“.

דער אַלטער בונדישער פירער וויינשטיין, אַ זייער קלוגער און זאַכ־לעכער מענטש מיט גרויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקייטן, האָט נישט גע־קענט, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט, דעם באָלשעוויזם מיט זיינע מעטאָדן. ער האָט נישט פאַרויסגעזען, אַז די באָלשעוויקעס מיט זייער ביוראָקראַטישן צענטראַליזם און אַלט־איינגעבאַקענער קעגנערשאַפט צו דער עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערער יידישער נאַציאָנאַלער געמיינ־שאַפט וועלן בהדרגהדיק אַלץ ליקווידירן, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ שייכות מיט בונדיזם און, צום באַדויערן, אויך די אַלע פון צווישן די בונ־דיסטן, וואָס זענען שפּעטער געוואָרן געטרייע באָלשעוויקעס. סיי וויינ־שטיין און סיי אַלע אַנדערע געוועזענע בונדיסטן מיט גאָר קליינע אויס־נאַמען זענען שפּעטער אין פאַרשיידענע פּעריאָדן פיזיש פאַרניכטעט גע־וואָרן פון דער טאָטאַליטאַרער סאָוועטישער מאַכט.

וויינשטיין האָט מיך פאַרזיכערט, אַז אַ „קאָמבונד“ אין פוילן וועט דער קאָמינטערן יאָ אָנערקענען. דער דאָזיקער געשפּרעך מיט וויינשטיי־נען האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. אין דער זעלביקער צייט האָט זיך אין מאָסקווע געפונען נאָך אַ בונדיסט פון פוילן הערשל מעטאַליוועץ (בעקערקונסט), וועלכער האָט געהאַט די זעלביקע מיינונ־גען וואָס איך, און מיר האָבן באַשלאָסן צוזאַמען זיך אומקערן קיין פוילן.

מיין אַלגעמיינער איינדרוק וועגן מאָסקווע איז צו יענער צייט גע־ווען: עס איז שלעכט, אָבער עס וועט ווערן בעסער. אין די קאַפּיטאַליס־טישע לענדער איז איצט בעסער ווי אין רוסלאַנד, אָבער דאָרט וועט ווערן וואָס אַמאָל אַלץ ערגער.

צוריקפאָרן קיין פוילן איז דעמאָלט נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. דער צ״ק פון מאָסקווער „קאָמבונד“ האָט אונדז געגעבן אַן „אייזער־נעם בריוו“ צו דער „טשעקא“ (פּאָליטישער פּאָליציי) אין מינסק און אַ געוויסע סומע געלט אין „קערענקעס“ און צאַרישע רובלס. דאָס איז גע־נוג געווען אויפן וועג.

די רייזע קיין מינסק איבער סמאָלענסק איז שוין געווען אַ סך אַ לייכטערע ווי די פון לענינגראַד קיין מאָסקווע.

אין מינסק האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט דער „טשעקא" און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַ טערמין, ווען מען וועט אונדז אַריבערפירן איבער דער פוילישער גרעניץ.

עס איז מיר געבליבן אַביסל צייט זיך צו באַקענען מיט דער אַמאָל אַזוי יידישער שטאָט מינסק. עס האָבן אין איר פונקציאָנירט אַרבעטער־ראַטן, אָבער זיי האָבן נישט געמאַכט קיין איינדרוק פון מלוכהשע אָרגאַנען. דאָס זענען גיכער געווען שוואַך באַזוכטע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע מען האָט אויסגעהערט אַ באַריכט און אַלץ גענומען צו קענטעניש. אַ נייעס איז פאַר מיר געווען, וואָס מען האָט געקאָנט אויף די דאָזיקע פלענאַרע זיצונגען פון אַרבעטער־ראַט רעדן אין פאַרשיידענע שפּראַכן ווי, למשל, רוסיש, ווייסרוסיש, יידיש אָדער פויליש. אויך די אָפיציעלע קאָמוניקאַטן זענען דערשינען אין עטלעכע שפּראַכן. דאָס קולטורעלע לעבן איז געשטאַנען אויף אַ גאַר נידעריקן ניוואָ אין פאַרגלייך מיט מאָסקווע. דער האַנדל אין דער שטאָט האָט זיך אַ סך מער אָנגעזען ווי אין מאָסקווע און די פּרייזן האָבן דערגרייכט אַסטראָנאָמישע ציפערן. מען האָט שוין נישט געצאָלט מיט איינצלנע באַנקנאָטן, נאָר מיט גאַנצע בלעטער פון באַנקנאָטן. מיר האָבן זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג מיט פערד און וואָגן אַלס חזיר־האָר־סוחרים, אַזוי האָט באַשטימט דער לייטער פון דער מינסקער „טשעקא", סלאַווינסקי, אַ פּאָלאַק, וואָס האָט אין בירגער־קריג פאַרלוירן אַ פוס.

אין באָברויסק זענען מיר פאַרפאָרן צום דאָרטיקן אָנפירער פון דער „טשעקא", מאַלאַקאָוו, אַ ווייסרוס — אַ מיליטערמאַן. ער האָט געלעבט זייער ברייט און שוין באַוויזן זיך איינצואָרדענען אין די נייע באַדינגונגען. זיין לעבנסשטייגער האָט שוין געשאַפן אַ פאַרגעשמאַק פון דעם, ווי אַזוי עס פאַרמירט זיך אין רוסלאַנד די נייע סאָוועטישע ביוראָקראַטיע. דער בעסטער פּלאַץ אין טעאַטער איז געווען רעזערווירט פאַר אים און אין שטוב האָט ער שוין געהאַלטן אַ דינסטמיידל. ער האָט פאַרנומען אַ פּרעכטיקע וווינונג און זיין פרוי, פון אַ בירגערלעכער אָפּשטאַמונג, האָט

דעם מאַן געלערנט די גוטע מאַניערן. אויף די דעמאָלסטיקע באַדינגונגען איז זי אויך געווען שיין אָנגעטאָן.

איך האָב ביי מאַלאַקאָוון געווינט עטלעכע טעג. דאָך אַ גאַסט פון מאָסקווע, וואָס פאָרט אין שליחות פון קאָמינטערן. אין דער פּאָליטיק האָט מאַלאַקאָוו זיך אָריענטירט לויט דעם, וואָס עס שרייבט די מאָסקווער „פּראַוודאַ" און אין דער וועלט־רעוואָלוציע האָט ער נישט געגלויבט, אַז זי וועט אַזוי גיך קומען.

פון באָברויסק זענען מיר ווייטער געפאָרן מיט אָקס איבער ווייס־רוסישע שטעטלעך און דערפער, איבער צעווייקטע פון ערב־פרילינג פעל־דער ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין קלעצק, אַ גרעניץ־שטאָט ביי פּוילן. דאָס געלט, וואָס מיר האָבן געפירט מיט זיך, איז געווען באַהאַלטן אין דעם געשפּאַן פון די פערד. די באַלעגאָלעס זענען געווען פאַר אונדז פאַר־אַנטוואָרטלעך מיטן לעבן פון זייערע משפּחות. אַזוי האָט מען זיי דער־קלערט אין דער „טשעקאַ" און זיי האָבן נישט גערן געוואָלט פירן אַזעלכע צוויי פאַרשוינען, ווי מיר זענען דאָס געווען. מיר האָבן פון דער „טשע־קאַ" באַקומען פּאַראָלן, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט געבן די באַלעגאָלעס אַלס סימן, אַז זיי האָבן אונדז אַריבערגעפירט די גרעניץ. אויב זיי קומען צוריק אָן די דאָזיקע „פּאַראָלן", איז זייער לעבן מער קיין גראָשן נישט ווערט.

ביי דער פּוילישער גרעניץ האָט אונדז פאַרהאַלטן אַ פּוילישער מילי־טערישער פּאַטרול און היות ווי עס האָט נאָך צו יענער צייט נישט עקזיס־טירט קיין ענדגילטיקער שלום צווישן רוסלאַנד און פּוילן, האָט מען אונדז געקענט אָננעמען אַלס מיליטערישע שפּיאָנען און וואָס עס איז נאָך ערגער — מיר וואָלטן אַרונטערגעפאַלן אונטער די אויסנאַם־געזעצן, וואָס האָבן אין אַזאַ פאַל פאָרויסגעזען טויט־שטראָף.

די באַלעגאָלעס איז אָבער געלונגען אָפּצוקויפן דעם פּוילישן פּאַטרול און מיר האָבן זיך דערפילט ווי פון טויט לעבעדיקע. מיר האָבן זיי גע־געבן אונדזערע „פּאַראָלן", בעת מיר האָבן זיך שוין געפונען אויף אַ זי־כערן אָרט.

די „טשעקאַ" האָט זיך באַנוצט מיט די סאָוועטישע שמוגלערס, כדי צו פירן מענטשן קיין פּוילן פאַר פאַרשיידענע צוועקן און זיי האָט דער־

פאַר די „טשעקא״ דערלויבט שוין פאַר איינגוועגס אַרויסצופירן פון רוס־לאַנד ווערטפולע זאַכן, אָדער אַריינצושמוגלען פון די פוילישע גרעניץ־שטעט פאַרשיידענע סחורות. עס האָט עקזיסטירט צווישן דער „טשעקא״ און די שמוגלערס, — צווישן סאָציאַליסטיש־מלוכהשן און דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן סעקטאָר, אַ מין „האַנדלס־אָפּמאַך״, וואָס איז שטאַרק פאַרפאַלגט געוואָרן דורך דער פוילישער גרעניץ־וואַך.

קיין פוילן איז אויך געפאָרן מ. ראפעס, אַ געוועזענער אָנגעזעענער בונדישער טוער מיט דער אויסדריקלעכער מיסיע צו שפּאַלטן דעם „בונד״ און די אָפּגעשפּאָלטענע פאַרייניקן מיט דער פוילישער קאָמפּאַרטיי. ראַ־פּעס האָט שוין געהאַט פריער אין סאָוועט־אוקראַינע ליקווידירט דעם „בונד״ און אויף זיין אָרט געשאַפן דעם „פאַרבאַנד״ פון אַלע אַנדערע אָפּגעשפּאָלטענע יידיש־סאָציאַליסטישע גרופּעס.

אין פוילן פונקט אַזוי ווי אין אַ רייע אַנדערע לענדער: דייטשלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע, זענען געווען אין די סאָציאַליסטישע פאַרטייען גרופּעס, וואָס זענען גרייט געווען אָנצונעמען די „21 פונקטן״, וואָס דער קאָמינטערן האָט זיי געשטעלט אַלס באַדינג פאַר דער אָרגאַניזאַציאָ־נעלער אָנגעהעריקייט צו אים. גלייכצייטיק אָבער האָט דער קאָמינטערן זיך באַנוצט מיט נאָך אַנדערע מיטלען, כדי אָפּצורייסן טיילן פון די סאָ־ציאַליסטישע פאַרטייען. ער האָט געשיקט אין די דאָזיקע לענדער זיינע דירעקטע באַפולמעכטיקטע, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע צו איינ־סטרואירן און קאָנטראָלירן די אַרבעט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אייגענער קאָמפּאַרטיי און צו זאָרגן דערפאַר, אַז די שפּאַלטונג־אַרבעט זאָל אַדורך מיטן מאַקסימאַלסטן דערפאָלג. די דאָזיקע באַפולמעכטיקטע פלעגן זייערע דירעקטיוון באַקומען דירעקט פון קאָמינטערן און זיי האָבן דיספּאָנירט מיט פאָנדן אויך דירעקטע פון קאָמינטערן. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד״ האָט זיך דערוווסט וועגן מיינע קאָנטאַקטן מיט ראַפּעסן און מיט דער קאָמפּאַרטיי, וואָס האָבן געצילט צו שפּאַלטן דעם „בונד״ און דערפאַר מיך אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי. די אָנהענגער פון די 21 פונקטן אין „בונד״ האָבן אויפגעהויבן אַ טומל אַרום מיין פאַל.

פ. מינץ (אַלעקסאַנדער)

די געענדערטע לאַגע אין פּוילן און די אַלטע טאַקטיק פון דער קאָמפּאַרטיי

אין 1921 האָט זיך שוין די לאַגע אין פּוילן געהאַט אַ שפּאַר ביסל געענדערט. די קאָמפּאַרטיי האָט זיך אָנגעהויבן אַרומצוזען, אַז מיט די אַלטע לאָזונגען פון סאָציאַלער רעוואָלוציע און קאַמף פאַר דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט קען מען שוין נישט מער איינהאַלטן און פאַרשטאַרקן דעם קאָנטאַקט מיט די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן און באַזונדערס מיטן פּוילישן דאָרף, וואָס בילדעט די מערהייט פון פּוילישן פאָלק. דער־צו דאַרף באַמערקט ווערן, אַז אין פּוילישן דאָרף האָבן זיך געשאַפן גאַר גינציקע באַדינגונגען פאַר דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע און אַגי־טאַציע, ווייל די פּריצים און די רייכע פּויערים האָבן צונישט געמאַכט די אַגראַר־רעפאָרם, וואָס דער סיים האָט אָנגענומען אין 1919. די צרה א״ז אָבער געווען, וואָס די קאָמפּאַרטיי האָט נישט געהאַט קיין אייגענעם אַגראַר־פּראָגראַם, וואָס זאָל ציען נאָך זיך די ערדלאָזע און מיטעלע שיכטן פון פּוילישן פּויערנטום. די אַלטע לוקסעמבורגיסטישע שטעלונג וועגן פאַר־געזעלשאַפטלעכן די ערד און פאַרוואַנדלען דעם גרויסן ערד־באַזיץ אין קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן, האָט געמוזט געענדערט ווערן אין הסכם מיטן באָלשעוויסטישן לאָזונג פון געבן ערד די פּויערים אומזיסט, פון שטילן דעם ערד־הונגער אין דאָרף. דאָס מיינט אַדורכפירן אין דאָרף אַ ביר־גערלעך־דעמאָקראַטישע רעוואָלוציע אונטער דער העגעמאָניע פון פּראָ־לעטאַריאַט, אָדער ריכטיקער פון דער קאָמפּאַרטיי. אויך דער צוגאַנג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע האָט אוממעגלעך געמאַכט דער קאָמפּאַרטיי צו ווערן דער העגעמאָן אין קאַמף קעגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג פון די אוקראַינער און ווייסרוסן, וואָס האָבן צו יענער צייט שוין זיך גע־פונען אונטער דער פּוילישער הערשאַפט. אויך אין דעם פאַל האָבן די אַלטע עסדעקעס זיך געמוזט שטעלן אויפן באָלשעוויסטישן שטאַנדפּונקט און אָננעמען דעם לאָזונג פון „רעכט אויף נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַשטי־מונג ביזן אָפּרייסן זיך פון „פּוילן". די דאָזיקע פראַגן, וואָס האָבן שפּע־טער אַרויסגערופן גרויסע חילוקי־דעות, זענען אָבער אין פּרינציפּ געלייזט

געוואָרן ערשט אויפן צווייטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון דער ק. פּ. פּ. אין יאָר 1923.

דערווייל האָט נאָך אָנגעהאַלטן די אַלטע ליניע. אין מאַי 1921, למשל, וואַרפט די ק. פּ. פּ. דעם לאָזונג נישט צו צאָלן קיין רעגירונגס־שטייערן פון אַרבעטס־לוין. די פּ. פּ. ס. איז געווען קעגן, מחמת זי האָט געהאַלטן, אַז צאָלן שטייערן באַדייט דערפילן אַ בירגערלעכע פליכט. די קוילן־גרעבערס פון דאָמבראָווער ראַיאָן, וואָס האָבן זיך געפונען אונ־טערן איינפלוס פון די קאָמוניסטן, האָבן זיך פאַראייניקט צו דער דאָזי־קער אַקציע. די קאַמפּן אין דאָמבראָווער קוילן־ראַיאָן האָבן אָנגעהאַלטן צוויי וואָכן און זענען פאַרשפּילט געוואָרן. עס איז אויך נישט געלונגען אויסצובריייטערן די דאָזיקע אַקציע אויף אַנדערע געגנטן פון לאַנד און אַריינצוציען אין זיי דאָס פּוילישע דאָרף. די דאָזיקע נישט געלונגענע אַקציע האָט נאָך מער פאַרטיפט דעם תהום צווישן דער פּ. פּ. ס. און קאָ־מוניסטן און מען האָט זיך געקענט ריכטן, אַז דער 1טער מאַי וועט זיין אַ בלוטיקער. די פּאָליציי האָט פאַרבאָטן די קאָמוניסטישע דעמאָנ־סטראַציעס, אָבער די קאָמוניסטן האָבן באַשלאָסן צו טאָן דאָס זייעריקע. צו דעם צוועק איז דעמאָלט אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ מאַסע פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור און אַלץ, וואָס עס האָט זיך געפונען אונטערן קאָמוניסטישן איינפלוס, איז מאָביליזירט געוואָרן צו דעם דאָזיקן טאָג. אַלע קאָמוניסטי־שע פראַקציעס אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אין די פאַבריקן אין די קולטור־אינסטיטוציעס האָבן באַקומען פון דער פאַרטיי די אויסדריקלעכע אָנווייזונג זיך צו באַטייליקן אין דער קאָמוניסטישער 1טער מאַי־מאַני־פעסטאַציע. אין וואַרשע, לאָדזש און אין דאָמבראָווער קוילן־ראַיאָן זענען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און הונדערטער מאַני־פעסטאַנטן זענען אַרעסטירט געוואָרן. די צענטראַלעס פון די פּראָפעסיאָ־נעלע פאַראיינען, וואָס האָבן זיך געפונען אין פּעפּעסישע הענט, האָבן אָנ־געהויבן אויסצושליסן די אַלע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן קעגן די באַשלוסן זייערע, זיך באַטייליקט אין דער קאָמוניסטישער מאַניפעס־טאַציע. די דאָזיקע קאָמוניסטישע אַקציע האָט ווידער באַוויזן, אַז די קאָ־מוניסטן זענען שוין גאָר שטאַרק איזאָלירט פון די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן.

אין קאַמף קעגן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט זיך דעמאָלט דער קאָמינטערן באַנוצט מיט נאָך אַ מיטל: ער פלעגט שיקן עפנטלעכע בריוו צו די מיטגלידער פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען, אין וועלכע ער פלעגט שטעמפלען די רעכטע פירערס פון דער פאַרטיי און באַגרינדן די נויטווענדיקייט פון אָננעמען די „21 פּונקטן" פון קאָמינטערן.

מיט די דאָזיקע בריוו האָט דער קאָמינטערן אויך געצילט צו פאַר־שאַרפן און צו פאַרטיפן די אינערלעכע קאַמפן אין די סאָציאַליסטישע פאַרטייען גופא און צוצוגעבן מער פרעסטיזש די קאָמוניסטישע אָפּאָ־זיציעס אינערהאַלב די סאָציאַליסטישע פאַרטייען.

אַזאַ בריוו איז אויך אָנגעקומען צום „בונד" און דער אינערלעכער קאַמף האָט זיך נאָך מער פאַרשאַרפט און דערפירט צו אַן אָפּשפּליטערונג פון די „21קער" פון דער פאַרטיי. מיטן הסכם פון זינאָוויעוון איז פון די אָפּגעשפּאָלטענע געשאַפן געוואָרן דער „קאָמבונד", וועמענס ציל עס איז געווען אונטער דער דאָזיקער שילד צו געווינען וואָס מער בונדיסטן פאַרן קאָמוניזם און שפּעטער זיי אַריינפירן אין דער קאָמפּאַרטיי. אונ־דזער ציל, דאָס מיינט פון די, וואָס זענען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון געגרינדעטן „קאָמבונד", איז געווען אַן אַנדערער. מיר האָבן געוואָלט שאַפן אַ קאָמוניסטישן „בונד" אויפן אָרט פון אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן, וואָס האָט ביז איצט עקזיסטירט. מיר האָבן ווייטער געהאַלטן פון בונ־דישן אָרגאַניזאַציאָנעלן פּרינציפּ פון אַן אויטאָנאָמיע אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער לאַנד־פּאַרטיי און פאַר דעם דאָזיקן פּרינציפּ זייער שטאַרק זיך איינגעשטעלט. די פּוילישע קאָמוניסטן זענען לכתחילה גע־ווען קעגן דער שאַפונג פון אַ „קאָמבונד", אָבער די ביורא פון קאָמינטערן איז געווען דערפאַר. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ „קאָנטאַקט־קאָמיסיע", וואָס איז באַשטאַנען פון פיר מיטגלידער פון פּוילישן צענטראַל־קאָמיטעט און פיר מיטגלידער פון קאָמבונד. מצד דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי האָבן געהערט צו דער קאָמיסיע: סאָכאַצקי, מאַרטשין (גזשעל־טשאַק), וו. שטיין־קאָמיענסקי און קאַראָל לאַנדי. מצד דעם „קאָמבונד": יחיאל ניימאַן, אבא פלוג, מאיסקי (צימערמאַן) און איך. איין צד האָט נישט געקענט אָנוואַרפן קיין באַשלוסן דעם צווייטן צד. דער ציל פון דער דאָזיקער קאָמיסיע איז געווען אַ טאָפּלטער: צוגרייטן די באַדינ־

גונגען פאַר אַ פאַראייניקונג און קאָאָרדינירן די פּאָליטישע אַרויסטרעטונגען פוןביידע אָרגאַניזאַציעס כּלפּי חוץ, ביז דער פאַראייניקונג.

אַ געוויסע צאָל אָנהענגער פון די „21" פּונקטן האָבן בעת דער אָפּשפּליטערונג בכלל נישט פאַרלאָזט דעם „בונד", אַנדערע ווידער זענען נאָך דער אָפּשפּליטערונג געוואָרן פּאָליטיש פּאַסיוו און אַ געוויסער טייל איז בכלל געווען קעגן אַ פאַראייניקונג מיט דער קאָמפּאַרטיי. עס האָבן זיך אָבער אויך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געאײַלט אַרײַנצוטרעטן אין דער פּאַרטיי. די טאַקטיק פון די קאָמוניסטן איז געווען — שטעלן אונדז אין אַזאַ לאַגע, אַז מיר זאָלן וואָס גיכער ליקווידירן דעם „קאָמבונד". זיי האָבן מורא געהאַט, אַז וואָס לענגער דער „קאָמבונד" וועט עקזיסטירן, אַלץ שטאַרקער וועט ביי אים ווערן די טענדענץ צו אַ זעלבסטשטענדיקער אָרגאַניזאַציאָנעלער עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערער יידישער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע. פאַר דעם האָבן באַזונדערס שטאַרק מורא געהאַט די טוער פון דעם „יידישן ווידזשאַל" און זיי האָבן אָנגעהויבן צו פירן אַן אַגיטאַציע אין קאָמבונד פאַר אַ גיכער ליקווידאַציע, אַ זאַך וואָס לויטן אָפּמאַך האָבן זיי נישט געטאָרט דאָס טאָן. די פאַראייניקונג האָט געמוזט שוין וואָס גיכער פאַרקומען, ווייל עס וואָלט שוין כמעט נישט געווען מיט וואָס זיך צו פאַראייניקן. אַ רייע אָנפירנדיקע חברים (יחיאל ניימאַן, זשאַן גרינבערג, מאַיסקי־צימערמאַן) האָבן פאַרלאָזט פּוילן; אַנדערע זענען אַרעסטירט געוואָרן (הערשל מעטאַלאָוויעץ). אַ חוץ דעם האָבן מיר געהאַפּט, אַז זייענדיק אינעווייניק אויף אָנפירנדיקע פּאָסטנס (איך בין צוקאָאָפּטירט געוואָרן צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. אַנדערע חברים ווי אבא פלוג, סלושני, כאַנאַווסקי, האָבן אויך פאַרנומען זייער וויכטיקע פּלעצער אין צענטראַלן פּאַרטיי־אַפּאַראַט), וועלן מיר דערגרייכן דאָס, וואָס מיר האָבן די גאַנצע צייט פּאַרטיידיקט אויף דער „קאָנטאַקט־קאָמיסיע". שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַן אילוזיע. אמת, בעת דער פאַראייניקונג האָבן מיר דערגרייכט, אַז פון „יידישן ווידזשאַל" איז געוואָרן אַ יידישע סעקציע, אָבער דאָס האָט לחלוטין נישט באַדייט, אַז די פּוילישע עסדעקעס האָבן געענדערט זייער פּרינציפּיעלע איינשטעלונג צו דער יידישער פראַגע.

פאַרן „בונד" אין פּוילן האָט די דאָזיקע אָפּשפּליטערונג נישט באַ־

דייט קיין ערנסטער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרלוסט. דאָס זעלביקע קאָן מען אויך זאָגן וועגן די אָפּשפּליטערונגען ביי דער פּ. פּ. ס. אָדער ביי די פּועלי־ציון.

די דריטע לאַנד־קאָנפערענץ פון דער ק. פּ. ר. פּ.

אָנהייב 1922 איז פאָרגעקומען אין דאַנציק די דריטע לאַנד־קאָנפערענץ פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי, וועלכע האָט געדאַרפט ראַדיקאַל ענדערן די ביז־איצטיקע פּאַרטיי־ליניע.

איך בין צו דער דאָזיקער קאָנפערענץ געפאָרן אַלס פאָרשטייער פון „קאָמבונד". דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש מיטן גאַנצן אַקטיוו פון לאַנד און אויסלאַנד פון דער קאָמפּאַרטיי. און די קאָנפערענץ האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך גענויער צו באַקענען מיטן דעמאָלסטיקן אינערלעכן צושטאַנד פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן. די צוגרייטונגען צו דער קאָנפערענץ זענען געמאַכט געוואָרן אויף אַ שטרענג געהיימען אופן. דאָס ברענגען דעלעגאַטן פון פּוילן קיין דאַנציק איז געווען פאַרבונדן מיט אַ רייע שוועריקייטן, מחמת מען האָט געמוזט האָבן אַ פּאַס, וואָס איז שטרענג קאָנטראָלירט געוואָרן ביי דער גרעניץ און ווייל אַ סך פון די דעלעגאַטן האָבן נישט געקענט קיין דייטש.

דער טעכנישער אַפּאַראַט ביי דער פּאַרטיי האָט ביי מיר גענומען אַ פּאַטאָ און נאָך עטלעכע טעג מיר צוגעשטעלט אַ פּאַס אויף אַ פרעמדן נאָמען, מיט וועלכן איך בין בשלום אַריבער די גרעניץ.

די זיצונגען פון דער קאָנפערענץ זענען פאָרגעקומען אין פאַרשיידענע לאָקאַלן און די דעלעגאַטן זענען איינגעקוואַרטירט געוואָרן אויף דער ליניע דאַנציק־צאָפּאָט. אין דעם זיצונג־זאַל זענען אויך געווען צוגעגרייט די מאָלצייטן פון די דעלעגאַטן, כדי מען זאָל נישט דאַרפן פאַרלאָזן דעם לאָקאַל אין משך פון גאַנצן טאָג.

צו די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָבן געהערט:

אַדאָלף וואַרסקי (וואַרשאַווסקי), איינער פון די עלטסטע און אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג, אַ זאַכלעכער און גייסט־

רייכער רעדנער, אַ גלענצנדיקער פובליציסט און אַ פּאָליטיקער פון אַ מאַסשטאַב. אַ דרייסטער אין פאָרמולירן זיינע געדאַנקען און אַ פּאַר־עקשנטער ביים פּאַרטיידיקן זיי, אָבער ביז גאָר אַ נאָכגעביקער, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן רוסלאַנד. כאָטש פון אָפּשטאַמונג אַ ייד, איז ער אָבער געווען פולשטענדיק אַסימילירט און געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ טיפּישן אַלטן פּוילישן רעוואָלוציאָנערן אינטעליגענט פון אַ בירגערלעכער אָפּשטאַמונג. אַ פרוי האָט ער געהאַט אַ פּוילישע פון פּריצישער אָפּשטאַ־מונג און וואַרסקיס שטוב האָט זי איינגעהאַלטן די אַלטע פּריצישע מאַניערן. ווען איך בין אַמאָל צו איר אַריינגעקומען און נישט געוווסט, אַז מען דאַרף איר אַ קוש טאָן אין דער האַנט, האָט פּאַני יאַדוויגאַ געהאַט אויף מיר גרויס פאַראיבל.

זי האָט אָבער אירע קינדער דערצויגן אין גייסט פון איר מאַנס אָנ־שויאונגען. איין טאָכטער סאָפיע איז געווען אַן אַקטיווע קאָמוניסטקע און איר ערשטער מאַן וולאַדיסלאַוו שטיין אַ באַדייטנדיקער קאָמוניסטישער טוער. דער צווייטער מאַן אירער סטאַנדע, אַ באַגאַבטער פּוילישער דיכ־טער, איז אויך געווען אַן אַקטיווער קאָמוניסט. זיי אַלע זענען שפּעטער אין די דרייסיקער יאָרן אומגעקומען אין רוסלאַנד אַלס „שפּיאָנען און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן".

די צווייטע פיגור אויף דער קאָנפערענץ איז געווען ווערא קאָסט־זשעווא (מאַריאַ קאָשוטסקאַ), אַ טיפּישע רעוואָלוציאָנערקע, וואָס האָט מיט איר פערזענלעך לעבן דערמאָנט אָן די אַלטע רעוואָלוציאָנערקעס פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אָדער פּוילישן „פּראָלעטאַריאַט".

מיט אירע גייסטיקע פעאיקייטן און פערזענלעכע מעלות האָט זי אפשר אַריבערגעשטיגן וואַרסקין און מען קאָן אָן שום איבערטרייבונג זאָגן, אַז זי איז געווען דער פאַקטישער קאָפּ פון דער פּאַרטיי. בוכאַרין האָט זיך אַמאָל וועגן איר אויסגעדריקט, אַז זי איז אַ זייער קלוגע פרוי און מיט גרויס רעספּעקט גערעדט וועגן איר. אויך איר אויסערלעכער אויסזען האָט געמאַכט אַ זייער סימפּאַטישן איינדרוק. אַן איידל בלאַס פּנים מיט אַ פּאָר קלוגע יונגע אויגן און אַ גוטמוטיקן שמייכל, האָט איר גרויער קאָפּ גאָרנישט האַרמאָנירט מיט דעם נאָך יונגן טעמפּעראַמענט און אויסערגעוויינלעכער אַרבעטסזאַמקייט, וואָס זי האָט פאַרמאָגט.

זי האָט גרינטלעך געקאַנט די פּוילישע פּראָבלעמען, דאָס פּוילישע דאָרף און דעם פּוילישן אינדוסטריעלן אַרבעטער און שטענדיק גערעדט מיט גרויס וואַרעמקייט וועגן די פּוילישע פאָלקס־מאַסן. זי איז שטאַרק באַליבט געווען אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון אַ לאָדזש אָדער דאָמ־בראָווע. באַזונדערס שטאַרק איז זי געווען געאַכטעט פון די געוועזענע מיטגלידער פון פּ. פּ. ס. לעוויצע, פון וואַנען זי איז געקומען צו דער קאָמפּאַרטיי. עס האָבן מיר דערציילט געוועזענע לינקע פּעפּעסאָווצעס, אַז אין די צאַרישע צייטן, ווען קאָסטשעוואַ פלעגט שיקן אַ חבר אויף אומלע־גאַלער אַרבעט, האָט זי אים געזעגנט מיט אַ קוש אין קאָפּ און דאָס האָט זיי צוגעגעבן אַ סך מוט...

ביי אַלע וויכטיקע פּאַרטיי־אַרבעטן האָט קאָסטשעוואַ תמיד געהאַט צייט זיך צו אינטערעסירן מיטן פּערזענלעכן גורל פון די חברים, וואָס האָבן זיך געפונען אין די טורמעס, מיט זייערע פאַמיליעס און מיט קראַנ־קע חברים. איך דערמאָן זיך, אַז אויף די זיצונגען פון צענטראַל־קאָמי־טעט, ווען מען פלעגט לייענען אירע באַריכטן פון מאָסקווע וועגן די סאַ־מע וויכטיקסטע פּאָליטישע ענינים, האָט מען זיך גלייכצייטיק אין זיי אָנ־געשטויסן אויף פראַגן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין דירעקטן שייכות צו דער זאַך. רעדנדיק וועגן דער פּאָליטישער טעטיקייט פון אַ באַטרעפנדיקן חבר׳, האָט קאָסטשעוואַ שוין פאַר איינוועגס אויך אינפאָרמירט וואָס ער מאַכט פּערזענלעך. זי איז דעריבער געווען זייער באַליבט אין דער פּאַר־טיי און געהאַט אַ סך פריינט. צו אירע אַרויסטרעטונגען אויף דער קאָנ־פערענץ האָבן זיך אַלע צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. זי איז אויך געווען אַ גלענצנדיקע פּובליציסטקע און ערשטראַנגיקע אָרגאַניזאַ־טאָרקע. לאָמיר ווידער פאַרענדיקן מיטן טרויעריקן רעפריין: קאָסטשעוואַ איז אומגעקומען אין רוסלאַנד. מען האָט זי דעפּאָרטירט אין די דרייסיקער יאָרן אין אַ סאָוועטישן לאַגער.

די דריטע פיגור אויף דער קאָנפערענץ איז געווען וואַלעצקי (מאַקס האָראָוויץ), אויך אַ געוועזענער פירער פון דער פּ. פּ. ס. לעוויצאַ, וואָס האָט אגב געשפּילט אַ גרויסע ראָלע בעת דער שפּאַלטונג פון דער פּ. פּ. ס. אין יאָר 1906. אין קעגנזאַץ צו די צוויי פריער דערמאָנטע פּאַרטיי־פי־רער׳, איז וואַלעצקי געווען אַ מענטש אָן פעסטע איבערצייגונגען, אַ שפּאָר

ביסל דעמאַגאָגיש אָבער מיט אַ גרויסער פּאַרטיי־פּאָליטישער פּראַקטיק הינטער זיך. ער האָט זיך גאַנץ גוט אַריינגעפּאַסט אין זינאָוויעווס סביבה. שוין דעמאָלט האָט ער געשפּילט די ראָלע פון „אַן אויג פון מאָסקווע" ביי דער דייטשישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. ער איז פּעאיק געווען אויף קאַפּיטולאַציעס און צו לאָזן אין שטיך זיינע נעכטיקע נאָענטסטע פריינט. צו יענער צייט אָבער האָט ער געהאַט נאָך אַ גרויסן אָנזען אין דער פּאַרטיי. ער איז געווען אַן איידעם פון דעם באַקאַנטן אין וואַרשע ראַדיקאַלן פּראָפעסאָר זיגמונט העריננג און זיין שוואָגער יעזשי העריננג (פּאַרטיי־פּסעוודאָנים — רינג), האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער קאָמפּאַרטיי. אויך ער איז אומגעקומען אין רוסלאַנד.

די קאָלירפולסטע פיגור אויף דער קאָנפערענץ איז בלי שום ספק געווען גזשעך־שלוסאַרסקי (קאָוואַלסקי). לויטן אויסערלעכן אויסזען — אַ טיפּישער פּוילישער שלאַכטשיץ מיט לאַנגע וואָנצעס, אָבער לויטן טעמפּעראַמענט און רעדנער־טאַלאַנט אַ געבוירענער פראַנצויז פון די פּאַריזער אַרבעטער־קוואַרטאַלן. דאָס איז געווען אַן ערלעכער און פאַנאַטישער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט אויפגעפּאַסט דעם סאָציאַליזם און די דעמאָקראַטיע אין אַ ריינער, אַבסטראַקטער פאָרם. קאָמפּראָמיסלאָז און שאַרף אין זיינע אַרויסטרעטונגען, אַ גלענצנדיקער פּאָלעמיסט, אַ קענער פון די אַרבעטער־פּראָבלעמען פון יענער צייט, האָט ער יעדעס מאָל מיט זיינע אַרויסטרעטונגען אויף דער קאָנפערענץ ממש אָנגעגליט די אַטמאָספער. מען איז נישט מסכים געווען מיט זיינע אולטראַ־לינקע טעאָריעס, אָבער עס איז געווען אַ גרויס נחת אים צו הערן און אַלע האָבן אים ליב געהאַט. אים צו הילף איז געקומען זיין פרוי לוצינאַ, אַ פּוילישע אַרבעטס־מיידל. זיי ביידע האָבן געוואָרפן די שאַרפסטע פיילן אין די אַלטע פּאַרטיי־פירער.

אויך זיי ביידע זענען שפּעטער אומגעקומען אין רוסלאַנד.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט אויף דער קאָנפערענץ אַרויסגערופן דער יונגער בראַנד (הענריק לאָוער). מען האָט וועגן אים גערעדט ווי וועגן דעם יונגן אויפגייענדיקן שטערן אין דער פּאַרטיי. אַ זון פון רייכע אַסימילירטע יידישע עלטערן פון וואַרשע, האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן אויפן געביט פון וויסנשאַפט און דעם קוים עטלעכע

און צוואַנציק יעריקן געלערנטן האָט מען שוין דעמאָלט פאָרגעשלאָגן אַ קאַטעדרע פון מאַטעמאַטיק אויפן אוניווערסיטעט. ער האָט אָבער באַשלאָסן זיך ווידמען דער פּאָליטיק און אויך אויף דעם געביט האָט ער אַרויסגעוויזן נישט דורכשניטלעכע פעאיקייטן. ער האָט צוזאַמען מיט ראַדעקן און וואַלעצקין פאַרעפנטלעכט אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע אַ רייע זייער אינטערעסאַנטע אַרטיקלען אויף עקאָנאָמישע טעמעס און מען האָט אים פאָרויסגעזאָגט אַ גלענצנדיקע צוקונפט.

אַ וויכטיקע ראָלע אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט אויך געשפּילט דזשעק־פידלער — טרוסקער, אַ ברודער פון סענאַטאָר טרוסקער (אַן אייגנטימער פון הייזער אין וואַרשע). ער איז אפשר דער איינציקער פון די אַמאָליקע קוואַליפיצירטע פּאַרטיי־פירער, וואָס לעבט נאָך און שפּילט אַ ראָלע אין דעם הייַנטיקן פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן. דאָס איז אַ געבילדעטער מענטש מיט אַ סך מאַרקסיסטישן וויסן און באַזיצט אַ גוטע פּובליציסטישע פעדער. אַ רעוואָלוציאָנער אין דער פּראַזע און אַ קליינבירגער אין לעבן. עס איז באמת אַ נס, ווי אַזוי פידלער האָט אויסגעמיטן אַלע „רייניקונגען" און רעפּרעסיעס און געבליבן לעבן. דאָס וואָס ער דינט הייַנט געטריי מאָסקווע — דערקלערט גאָרנישט, ווייל גאָר אַ סך פון די, וואָס זענען אומגעקומען, וואָלטן דאָס געטאָן נישט ערגער פון אים און אַ פאַרגאַנגענהייט האָט ער דאָך די זעלביקע, וואָס זיינע אַמאָליקע נאָענטע און גאָר נאָענטסטע פריינט, וואָס זענען שוין אויף אייביק פאַרשוווּנדן.

די הויפּט־פראַגע, וואָס די דריטע קאָנפערענץ האָט געהאַט צו באַהאַנדלען איז געווען די אינערלעכע לאַגע אין לאַנד און די נייע טאַקטיק פון דער קאָמפּאַרטיי.

עס איז שוין געווען נאָכן דריטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן, אויף וועלכן לעניןֿ האָט געוואָרפן דעם לאָזונג „צו די מאַסן!" און די קאָמוניסטן האָבן אָנגעהויבן צו פּראַקטיצירן די טאַקטיק פון איינהייטס־פראָנט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. עס איז שוין געווען נאָכן אַדורכגעפאַלענעם מערץ־פּוטש אין דייטשלאַנד און די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין איטאַליע, נאָכן איינפירן דעם „נעפּ" אין רוסלאַנד און אַלע האָבן שוין איצט פאַרשטאַנען, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז שוין נישט מער אַ פראַגע פון וואָכן אָדער חדשים. דער פאַקט, וואָס מאָסקווע

איז איינגעגאַנגען אויך אַ קאָנפערענץ פון אַלע דריי אינטערנאַציאָנאַלן, האָט דאָס בולט באַשטעטיקט. געווינען די פּוילישע מאַסן פון שטאָט און דאָרף פאַר דער פּאַרטיי — דאָס איז געווען דער הויפּט־ציל פון דער דאָזיקער קאָנפערענץ. ווי אַזוי דעם דאָזיקן ציל צו דערגרייכן, דאָס האָט גע־דאַרפט די קאָנפערענץ פאַרענטפערן.

וואָס שייך דער אַלגעמיינער לאַגע אין לאַנד, האָט די קאָנפערענץ פעסטגעשטעלט, אַז דער פּוילישער קאַפּיטאַליזם טראָגט אַ רויבערישן כאַראַקטער און אַז פּוילן איז געוואָרן אַ קאָלאָניע פון פראַנקרייך. וועגן דער לאַגע אין פּוילישן דאָרף איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די אַגראַר־רע־פאָרם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין 1919, איז געבליבן אויפן פּאַ־פּיר און די איינציקע לייזונג איז די אַגראַר־רעוואָלוציע אין פּוילן. וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע איז אויך אַ סך גערעדט געוואָרן אויף דער קאָנ־פערענץ. עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די פּוילישע אימפּעריאַליסטישע רעגירונג פירט אַן עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק בנוגע די אוקראַינער און ווייסרוסן; מען טרייבט אַראָפּ די אוקראַינער און ווייסרוסן פון זייער ערד און מען באַזעצט זי מיט פּוילישע פּויערים; מען שליסט די צערק־וועס, אָדער מען פאַרוואַנדלט זיי אין קאַטוילישע קירכעס און עס הערשט אויף די דאָזיקע טעריטאָריעס אַ פּאָליצייאישער [illegible].

באַזונדערס בולט קומט צום אויסדרוק דער רעאַקציאָנערער כאַראַק־טער פון דער פּוילישער רעגירונג אין באַצוג צו דער יידישער באַפעלקע־רונג. די לאַגע פון די יידן איז פּאָליטיש און עקאָנאָמיש שוין אַפילו ער־גער געוואָרן ווי בעת דער צאַרישער הערשאַפט. די קאָנפערענץ איז דע־ריבער געקומען צו עטלעכע אויספירן. די פּוילישע רעאַקציאָנערע רעגי־רונג וועט שטרעבן צו דעקן די קאָסטן פון איר אימפּעריאַליסטישער פּאָ־ליטיק און פון דער רעקאָנסטרוקציע פון קאַפּיטאַליזם אין פּוילן אויפן חשבון פון די אַרבעטנדיקע מאַסן און דאָס וועט פאַרשטאַרקן די רעוואָ־לוציאָנערע שטימונגען ביי די מאַסן. אין דאָרף וועט וואַקסן די אומצו־פרידנקייט און ביי די אונטערדריקטע פעלקער וועט זיך שטאַרקן דער ווי־דערשטאַנד קעגן דער עקסטערמינאַציע־פּאָליטיק פון דער פּוילישער רע־גירונג. דער אַרבעטער־קלאַס, דאָס פּויערנטום און די נאַציאָנאַלע מינדער־הייטן, — דאָס זענען די דריי קוואַלן פון דער רעוואָלוציע אין פּוילן.

וואַרסקי האָט דאָס שפּעטער אויסגעדריקט אויף פאָלגענדיקן אופן: „דער אַרבעטער האָט נישט קיין אַרבעט, ווייל דער פּויער האָט נישט קיין ערד, דער פּויער האָט נישט קיין ערד, ווייל דער אַרבעטער איז נישט ביי דער מאַכט אין לאַנד".

צו יענער צייט איז שטאַרק אויסגעוואַקסן די פּאָליטישע רעאַקציע אין לאַנד, אין דער שפּיץ פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער קריסטלעך־דעמאָקראַטישער פירער קאָרפאַנטי און דער אַלטער באַקאַנטער בירגער־לעכער רעאַקציאָנער און אַנטיסעמיט, ראָמאַן דמאָווסקי.

קעגן אָט דער גרויסער געפאַר, וואָס האָט דעמאָלט געדראָט דעם אַר־בעטער־קלאַס, האָט קאָסטזשעווא פאָרמולירט די נייע פּאַרטיי־טאַקטיק, וואָס איז רעקאָמענדירט געוואָרן דורכן קאָמינטערן: שאַפן אַן איינהייטס־פראָנט אין פּוילן אין קאַמף קעגן דער דראָענדיקער רעאַקציע און גלייכ־צייטיק דאַרף די קאָמפּאַרטיי פירן אַ קאַמף אויך קעגן די באַהאַלטענע רעאַקציאָנערע כוחות, וואָס גרופּירן זיך אַרום דעם לינקן בירגערלעכן בלאָק. זי האָט נאָך אונטערגעשטראָכן אַ צווייטן מאָמענט: אין קאַמף קעגן דער רעאַקציע דאַרף מען גיין צוזאַמען נישט בלויז מיט דער פּ. פּ. ס. נאָר אפילו מיטן לאַגער פון פּילסודסקין, ווייל די דעמאָקראַטיע אין פּוילן איז אפילו נויטיק פאַר דער בורזשואַזיע און איר מלוכה. וואַרסקי פון זיין זייט האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דער וועג צו דער רעוואָלוציע פירט דורך דער דעמאָקראַטיע. אויב פריער, האָט געטענהט וואַרסקי, האָט די פּאַרטיי קאָנצענטרירט אַלע כוחות אַרום דער לאָזונג פון דיקטאַטור פון פּראָ־לעטאַריאַט, דאַרף מען איצט רופן די מאַסן צו פאַרטיידיקן די פרייהייט אין לאַנד. מיט אַנדערע ווערטער, וואַרסקי האָט פאָרמולירט אַ דעמאָקראַ־טיש פּראָגראַם פאַר אַן איינהייטלעכן אַרבעטער־פראָנט אין פּוילן. ער האָט זיך אויף דער קאָנפערענץ אויסגעדריקט: „אין פּעפּעסישן אָרגאַן „ראָבאָטניק" פיגורירט טאָג־טעגלעך דער לאָזונג „זאָל לעבן אַן אַרבע־טער און פּויערים רעגירונג אין פּוילן", טאָ אדרבא, זאָלן מיר צווינגען די פּ. פּ. ס. צוזאַמען מיט אונדז צו רעאַליזירן דעם דאָזיקן לאָזונג".

וואַרסקי איז דעמאָלט געווען אַן אָנהענגער פון דער טעאָריע, אַז כדי צו רעאַליזירן די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור מוז דער אַרבעטער־קלאַס צו־ערשט פאַרווירקלעכן דעם ערשטן עטאַפּ זיינעם, דעם דעמאָקראַטישן. די

דאָזיקע טעאָריע פון צוויי עטאַפּן פון דער רעוואָלוציע וועט אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן פאַטאַלע פאָלגן פאַר די דריי „וו'ען" (וואַרסקי, ווערא און וואלעצקי). אויך די לאָזונגען „ערד פאַר פּויערים" אָדער „זעלבסטבאַשטימונגס־רעכט פאַר די אונטערדריקטע פעלקער אין פּוילן" האָט וואַרסקי געהאַלטן פאַר דעמאָקראַטישע לאָזונגען, וואָס קענען דערגרייכט ווערן אין ערשטן עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע, וואָס קען זיין אַ קירצערער אָדער אַ לענגערער, אָבער וועלכן מען מוז אַדורכמאַכן.

צו דער קאָנפערענץ איז געקומען אַ גוט־אָרגאַניזירטע אולטרא־לינקע אָפּאָזיציע מיט גזשעך־קאָוואַלסקי אָן דער שפּיץ, וואָס האָט געהאַט אַ רעכט אויף קאָ־רעפעראַטן אין אַלע וויכטיקע שטרייט־פראַגן. ווען מען דערמאָנט זיך היינט אין וואָסערער פאָרם די אָפּאָזיציע האָט זיך דעמאָלט דערלויבט אַרויסצוטרעטן קעגן מאָסקווע און קעגן קאָמינטערן, קען מען ערשט אָפּשאַצן, וועלכע עוואָלוציע דער באָלשעוויזם האָט אַדורכגעמאַכט.

גזשעך־קאָוואַלסקי האָט גערעדט מיט גרויס פאַרביטערונג וועגן נייעם קורס אין רוסלאַנד און אים באַצייכנט אַלס פאַרראַט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און אירע לאָזונגען. אין רוסלאַנד גייט מען איצט אויפן וועג פון מלוכהשן נעאָ־קאַפּיטאַליזם און די פּראָלעטאַרישע מלוכה ווערט פאַרבירגערלעכט. נישט רוסלאַנד דאַרף שטיין אין מיטל־פּונקט פון אונדזער קאַמף פאַר דעם זיג פון דער וועלט־רעוואָלוציע, נאָר די אינטערעסן פון דער וועלט־רעוואָלוציע דאַרפן דאָמינירן אין דער פּאָליטיק פון דער ערשטער פּראָלעטאַרישער מלוכה.

גזשעך־קאָוואַלסקי און זיין אָפּאָזיציע האָבן זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן „נעפּ". די זעלביקע נעגאַטיווע באַציאונג האָט ער געהאַט צו דער פראַגע וועגן איינהייט־פראָנט מיט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. „מיר זענען שטענדיק געווען פאַר דער אַרבעטער־איינהייט, האָט ער געטענהט, אָבער נישט מיט די פּאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. מיר קענען נישט גיין צוזאַמען מיט אַ רעגירונגס־פּאַרטיי, וואָס האָט געשטויסן צו מלחמה מיט סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס שליסט אויס קאָמוניסטן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און טאָלערירט דעם טעראָר וואָס די פּוילישע רעגירונג ווענדט אָן קעגן אונדזערע חברים און געניסט אפילו פון אים!", האָט געדונערט פון דער טריבונע גזשעך־קאָוואַלסקי.

וואַרסקיס איבערצייגנדיקסטער אַרגומענט איז געווען פאָלגנדיקער: וועט די פּ. פּ. ס. אָפּוואַרפן אונדזער ווענדונג וועגן געמיינזאַמען קאַמף קעגן דער רעאַקציע אין לאַנד און פאַר די עלעמענטאַרסטע פאָדערונגען פון די אַרבעטער־ און פּויערים־מאַסן, וועט זי זיך דעמאַסקירן אין די אויגן פון די מאַסן און אירע אייגענע מיטגלידער. וועט די פּ. פּ. ס. יאָ אָננעמען דעם געמיינזאַמען מיט אונדז קאַמף, דעמאָלט וועט זי נישט קאָנען אַזוי ווייט ווי מיר גיין אין קאַמף און אים אויך נישט קענען פירן אַזוי אויסגעהאַלטן ווי מיר. אויב זי וועט זיך מוזן צוריקציען וועלן ווי־דער מיר זיין די, וואָס וועלן דערביי פּאָליטיש געווינען.

נאָך די אינטערווענצן פון קאָסטזשעווא און וואַלעצקין האָט די קאָנ־פערענץ מיט אַ גרויסער מערהייט אָפּראָבירט די נייע טאַקטיק פון איינ־הייטס־פראָנט. דאָס זעלביקע איז אויך געווען אין דער פראַגע פון „נעפּ“.

אין דער אַגראַר־פראַגע איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצולייגן דעם ענד־גילטיקן באַשלוס ביזן צווייטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און אין דער צווישן־צייט עפענען אין דער פראַגע אַן אינערלעכע פּאַרטיי־דיסקוסיע. עס האָט זיך נאָך געפאָדערט אַ גרויסע דיסקוסיע, כדי עס זאָל רייף ווערן אין דער פּאַרטיי אַזאַ אַטמאָספער, אין וועלכער עס זאָל מעגלעך זיין אָן גרעסערע שוועריקייטן צו רעווידירן די אַלטע לוקסעמבורגיסטישע שטעלונג אין דער אַגראַר־פראַגע. דאָס זעלביקע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן דער נאַציאָנאַ־לער פראַגע.

אין אַלגעמיין האָט די קאָנפערענץ געמאַכט אויף מיר אַ גוטן איינ־דרוק מיט איר הויכן ניוואָ און פרייער דיסקוסיע און מיט איר פּערזענ־לעכן צוזאַמענשטעל. גאָר אַ סך פון די באַטייליקטע, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פון דער אַדורכגעפירטער אַנקעטע אויף דער קאָנפערענץ, האָבן געהאַט הינטער זיך אַ סך יאָרן צאַרישע טורמעס און סיביר.

ביים באַקאַנט מאַכן די רעזולטאַטן פון דער אַנקעטע, פאַרן שליסן די קאָנפערענץ, ווי עס פירט זיך אויף אַלע אַרבעטער־צוזאַמענפאָרן, איז זיך פאַרלאָפן אַ קאָמישער מאָמענט. אין אַנקעטע־בויגן, וואָס יעדער דעלעגאַט האָט באַקומען, איז אויך געווען די פראַגע: פרייליידיק אָדער פאַמיליע־מענטש? קאָסטזשעווא האָט אין דער רובריק אַריינגעשטעלט אַ גרויסן

פרעג־צייכן, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ סך הייטערקייט אויף דער קאָנפע־רענץ.

נישט געקוקט אויף די ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיעס, האָט זיך שוין דעמאָלט געפילט, אַז נישט דאָ אין דאַנציק ווערט באַשטימט די פּאָליטיק און טאַקטיק פון דער קאָמפּאַרטיי אין פּוילן, נאָר אין מאָסקווע און אַז די הויפּט־דעה־זאָגערס אפילו פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי געפינען זיך אויך נישט אויפן זאַל נאָר אין מאָסקווע. די קאָמוניסטן אין מאָסקווע פון פּוילישער אָפּשטאַמונג האָבן גאַנץ אָפט דעצידירט אין די שווערסטע פּאָ־ליטישע פראַגן. אַ בריוו פון ראַדעקן צו אַ מיטגליד פון צענטראַל־קאָמי־טעט, אַן איבערגעגעבענער געשפּרעך מיט פעליקס דזשערזשינסקין, אָדער אונשליכטן איז געווען פון גרויס באַדייטונג, אָפטמאָל פון אַנטשיידנדיקער באַדייטונג פאַרן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. גזשעך־קאָוואַלסקי וואָלט זיכער באַקומען אַ סך מער שטימען אויף דער קאָנפערענץ, ווען ער וואָלט דעמאָלט געהאַט אַ שטאַרקן צד אין מאָסקווע.

פּאַראַלעל צו די פאַנאַטישע גלויביקער אין דער וועלט־רעוואָלוציע האָבן זיך שוין אין דער פּאַרטיי געפונען ביוראָקראַטיזירטע און פאַרביר־גערלעכטע עלעמענטן, וואָס האָבן געהאַרכזאַם נאָכגעפאָלגט מאָסקווע. אין די באַדינגונגען פון אומלעגאַליטעט, ווו זיין אַ קאָמוניסט האָט געפאָ־דערט אַ סך מסירת־נפש, איז נאָך דעמאָלט נישט רייף געווען דער באָדן דערפאַר, אַז די דאָזיקע עלעמענטן זאָלן באַהערשן די פּאַרטיי.

די קאָנפערענץ האָט זיך פאַרענדיקט אין אַ גוטער שטימונג און די דעלעגאַטן זענען באַהערשט געווען פון דער איבערצייגונג, אַז זיי פירן מיט זיך אַהיים, יעדער אין זיין ראַיאָן, עפּעס אַזאַ מין מיטל, וואָס וועט מוזן ברענגען גלענצנדיקע רעזולטאַטן פאַר דער פּאַרטיי. די אַלע ביז־איצט אַדורכגעפאַלענע אַקציעס האָבן אין אַ גרויסער מאָס דעפּרימירט דעם פּאַרטיי־אַקטיוו. „פון איצט אָן וועלן שוין די דערפאָלגן זיין געזי־כערטע״, — האָבן אַ סך דעלעגאַטן זיך אויסגעדריקט נאָך דער קאָנפע־רענץ. מיר האָבן געפונען דעם שליסל צו די מאַסן, די איינהייט־פראָנט־טאַקטיק איז געוואָרן דאָס צויבער־שטעקעלע.

נישט געקוקט דערויף, וואָס מיט דער פּ. פּ. ס. האָט מען געלעבט אין גאָר שלעכטע באַציאונגען און זי טאָג־טעגלעך געזידלט, האָט דאָס

אָבער נישט געקענט זיין קיין שטער פאַר דער נייער טאַקטיק. לענין האָט געלערנט, אַז אַ קאָמוניסט דאַרף זיך קענען שאַרן אויפן בויך איבער אַ בלאָטע, אַבי צו דערגרייכן דעם ציל, אַבי צו דינען די פּראָלעטאַרישע מאַסן.

עס וועט זיך איצט אָנהייבן אַ נייער פּעריאָד אין דער טעטיקייט פון דער קאָמפּאַרטיי און נישט איין פירער אירער וועט נאָך געשטראָפט ווערן דערפאַר, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען אָנצווענדן אויף אַ באָלשעוויס־טישן אופן אָט די דאָזיקע טאַקטיק פון איינהייטס־פראָנט.

איך האָב זיך אומגעקערט בשלום קיין וואַרשע און אָפּגעגעבן אַ באַ־ריכט פון דער קאָנפערענץ. מיר האָבן צוזאַמען מיטן צ. ק. פון דער קאָמ־פּאַרטיי אַרויסגעגעבן אַן ערשטן־מאַי־אויפרוף אין דער פּוילישער און יידישער שפּראַך און זיך באַטייליקט אין די אומלעגאַלע 1טע מאַי־דע־מאָנסטראַציעס פון דער קאָמפּאַרטיי אין יאָר 1922.

מיין ערשטער אַרעסט אין וואַרשע

מיט מיר איז דעמאָלט געשען אַן אומגליק. איך בין אַרעסטירט גע־וואָרן אונטער אַ גאָר שווערן פאַרדאַכט, אַז איך פאַרנעם זיך מיט שפּיאָ־נאַזש־אַרבעט לטובת אַ „שכנותדיק לאַנד". איך פלעג אין וואַרשע אריינ־קומען אין אַ קאַפע, ווו מיר האָבן געהאַט אונדזערע געהיימע צוזאַמענ־קונפטן. די דאָזיקע קאַפע האָט זיך געפונען אויף קאַרמעליצקע גאַס. אין אַ יולי־טאָג פאַרמיטאָג האָט פּאָליציי אַרומגערינגלט די דאָזיקע קאַפע און אַלע באַזוכער, וואָס האָבן זיך אין איר געפונען, אָפּגעפירט מיטן פּאָליציייאישן קעטשל אין דער מיליטערישער פּאָליציי אויף בראַצקע גאַס. איך האָב גאָרנישט ביי זיך געהאַט און בין געווען זיכער, אַז נאָך דער ערשטער אויספאַרשונג וועט מען מיך אַרויסלאָזן. אַרויסגעשטעלט האָט זיך אָבער, אַז אין דער זעלביקער קאַפע פלעגן זיך אויך טרעפן אַזעל־כע פערזאָנען, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט מיליטערישן שפּיאָנאַזש. האָט מען מיך מיט נאָך עטלעכע פון מיינע חברים צוגעטשעפּעט צו אַ שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען מיך געהאַלטן איזאָלירט פון מיינע חברים

אין אַ קליין צימערל פון דער מיליטערישער פּאָליציי. צומאָרגנס אינ־דערפרי האָט מען מיך געברענגט פאַרן אויספאָרשונגס־ריכטער יעזשי לוקסעמבורג און עס איז באַלד פאַר מיר קלאָר געוואָרן ווו איך געפין זיך, וויילביים ריכטער זענען געזעסן העכערע פוילישע אָפיצירן און זיי האָבן מיר געשטעלט פראַגן, אויף וועלכע איך האָב באמת נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. אַנדערע האָט מען בעת דער אויספאָרשונג זייער שטאַרק צעשלאָגן. אַ חבר פון אונדזער יוגנט־אָרגאַניזאַציע — ווייכמאַן, האָט מען אַזוי שרעקלעך צעשלאָגן, אַז זיינע אויערן זענען געווען ביי אים גרין ווי אַ בלאַט. מיך האָט מען נישט געשלאָגן נאָר געסטראַשעט, הלמאי איך ווייס פון גאָרנישט צו דערקלערן. מען האָט אַלע אַרעסטירטע מענער און פרויען נאָך עטלעכע טעג „אויספאָרשונגען" אָפּגעפירט אין דער טורמע פאַר קרימינעלע פאַרברעכנס אויף דלוגע גאַס און דאָרט האָב איך זיך דערוווסט, אַז צווישן אונדז זענען טאַקע פאַראַן נאַטאָרישע שפּיאָנען און אַז די קעלנערקע פון קאַפע איז אויך פאַרמישט געווען אין שפּיאָנאַזש־אַרבעט.

איך האָב זיך אין טורמע באַקענט מיט נאָך אַנדערע סאָוועטישע שפּיאָנען, צווישן זיי כמעט אַלע געוועזענע ווייס־גוואַרדייער, וואָס האָבן פריער געקעמפט קעגן די באָלשעוויקעס און שפּעטער זענען זיי אַנטלאָפן קיין פוילן. צווישן זיי האָט זיך אויסגעטיילט איינער, אַ געוועזענער צאַ־רישער אָפיציר און אַ זון פון אַ גרויסן רוסישן ערד־באַזיצער אין סאָוועט־אוקראַינע מיטן נאָמען ניקאָלאַי פּעטערס.

דער דאָזיקער פּעטערס איז ווייטער געווען אַ קעגנער פון די באָל־שעוויקעס און ער האָט צו זיי געדינט בלויז פאַר געלט. דאָס איז געווען אַן אַריסטאָקראַטיש זינדל, וואָס האָט נויטיק געהאַט אַ סך געלט.

עס האָט זיך דעמאָלט אין תפיסה געפונען דער באַרימטער רוסישער אַנאַרכיסט מאַכנאָ מיט זיין פרוי. דאָס איז געווען אַן אידעאישער מענטש און האָט געוועקט צו זיך אַלעמענס רעספּעקט. אַ סך פון די שפּיאָנען האָבן געהערט צו דעם מין, וואָס האָבן געאַרבעט אויף ביידע זייטן: אי פאַר מאָסקווע און אי פאַר פוילן. אין טורמע גופא פלעגט פּאָליציי אַריינ־שיקן שפּיאָנען, אויך מכלומרשט אַלס אַרעסטירטע און זייער אויפגאַבע איז געווען צו באַריכטן וועגן די אַרעסטירטע שפּיאָנען און זייערע גע־

שפּרעכן צווישן זיך, אָדער אַליין פּרובירן עפּעס פון זיי אַרויסצובאַקומען וועגן די, וואָס פּאָליציי האָט נאָך געזוכט.

מען האָט דעריבער געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק ביי געבן אַדרעסן די, וואָס זענען „אַרויסגעגאַנגען" אויף דער פריי און געוואָלט טאָן אַ טובה דעם אַרעסטאַנט.

דאָך איז עס מיר געלונגען צוויסן צו טאָן די חברים וועגן מיין אַרעסט און זיינע אמתע סיבות, ווייל די טעגלעכע וואַרשעווער צייטונגען האָבן פאַרשפּרייט סענסאַציאָנעלע פּליאָטקעס וועגן מיין אַרעסט. בעת דער אויספאָרשונג האָט מען מיר אַראָפּגענומען דעם פּאַראַגראַף פאַר שפּיאָנאַזש (אַרטיקל 102) און נאָר געלאָזט דעם אַרטיקל 129 — פאַר אַגיטאַציע קעגן עקזיסטירנדיקן רעזשים אין לאַנד און מיך אַריבערגעפירט אין „פּאַוויאַק". נאָך קנאַפּע זעקס חדשים אַרעסט, האָט מען מיך באַפרייט אונטער פּאָליצייאישער אויפזיכט ביזן פּראָצעס. נאָך מיין באַפרייאונג האָבן מיר צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ פון „קאָמבונד" און באַשלאָסן זיך צו ליקווידירן און אַריינטרעטן אין דער קאָמפּאַרטיי, מחמת דער אינער־לעכער צעפאַלונגס־פּראָצעס פון דער אָרגאַניזאַציע האָט ווייטער אָנגע־האַלטן.

דער צ. ק. פון דער קאָמפּאַרטיי האָט אָבער אָנגעהויבן צו מאַכן אונדז שוועריקייטן, ריכטיקער: נישט אַזוי ווייט ער, ווי זיין „יידישער ווי־דזשאַל", וואָס האָט מורא געהאַט, אַז מיט דער שאַפונג פון אַ יידישער סעקציע, ווי מיר האָבן דאָס פאַרלאַנגט, וועלן די מענטשן פון „ווידזשאַל" פאַרלירן אַ רייע ערטער לטובת אונדז, די ניי־אָנגעשלאָסענע. און זיי האָבן אָנגעהויבן קעגן אונדז צו פירן אינטריגעס. מען האָט אונדז גע־שטעלט אַ באַדינג, אַז דער צ. ק. וועט מאַכן דעם אָפּקלויב וועמען יאָ און וועמען נישט אַריינצונעמען אין דער פּאַרטיי. אַ האַנט אין דעם האָבן אויך געהאַט די געוועזענע לינקע פּועלי־ציוניסטן וואָס זענען אַריינגעטראָטן אין דער פּאַרטיי, באַזונדערס דער אינטריגאַנט שאול אַמסטערדאַם. (וועגן זיין גורל איז נישט קלאָר. טייל האַלטן, אַז ער איז אומגעקומען. אַנדע־רע ווידער זאָגן, אַז ער איז אין פּוילן און שפּילט דאָרט אַ וויכטיקע ראָל). מיר האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די דאָזיקע פאָדערונג און געדראָט זיך צו ווענדן צום קאָמינטערן און די יידישע קאָמוניסטן האָבן געמוזט קאַ־

פּיטולירן. עס איז אַנטשטאַנען אַ צענטראַלע יידישע סעקציע, אין וועל־כער די געוועזענע קאָמבונדיסטן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. איך בין צוקאָאָפּטירט געוואָרן צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי.

מיט מיין אָנגעהעריקייט צו דער קאָמפּאַרטיי און צום צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער פּעריאָד אין מיין לעבן.

די טעטיקייט פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך געפונען אין לאַנד און זיין שטענ־דיקער זיץ־אָרט איז געווען וואַרשע. די זיצונגען פלעגן פאָרקומען רעגולער איינמאָל אין וואָך, פרייטיק, און האָבן געדויערט אַ גאַנצן טאָג. צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים האָט מען אָפּגעהאַלטן די זיצונגען יעדע וואָך אין אַן אַנדערן לאָקאַל. אָפט פלעגט מען זיך צונויפקומען איינציקווייז אין אָרעמע אַרבעטער־וווינונגען אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון וואַרשע, אָבער אויך אין רייכע דירות אין בורזשואַזן צענטער פון דער שטאָט. אין די זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט האָבן זיך באַטייליקט אַ 10־12 פּער־זאָן. וואַרסקי, קאָסטזשעווא, בראַנד און וואַלעצקי האָבן זיך נישט געפונען אין לאַנד. אין די זיצונגען צו יענער צייט האָבן זיך באַטייליקט: מאַר־טשין גזשעלטשאַק, אַן אַלטער אָנפירנדיקער מיטגליד פון דער ס. ד. ק. פּ. ל. אַן אַרבעטער מיט אַ גוטער פּאָליטישער אָריענטאַציע, אָבער נישט קיין פּאָליטיש זעלבסטשטענדיקער קאָפּ. ער איז געווען דער קאַסירער פון דער פּאַרטיי.

ש. ריבאַצקי, אויך אַן אַלטער טוער פון די ס. ד., וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער ביי די וואַרשעווער בוי־אַרבעטער. אַ שטילער און זייער אינטעליגענטער אַרבעטער־טוער, אַ גוטער מאַסן־רעדנער און פּראַקטישער פּראָפעסיאָנעלער טוער. מיט זיין מיינונג האָט מען זיך שטאַרק גערעכנט אין צ. ק.

וולאַדיסלאַוו שטיין — אַ טיפּישער אינטעליגענט און פּראָפעסיאָנע־לער רעוואָלוציאָנער. ער איז געווען דאָס פּערדל פון צ. ק. ער האָט פאַר־מאָגט די פעאיקייט צו אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט. אַהיימקומענדיק

אויף זיין אומלעגאַלער וווינונג — ריכטיקער: צו זיין בעט, וואָס ער האָט פאַרנומען אין דעם איינצל־צימער צוזאַמען מיט אַ יידישן אַרבעטער און זיין פרוי, האָט ער זיך ערשט אַוועקגעזעצט איבערזעצן פון דייטש אין פויליש בערס געשיכטע פון סאָציאַליזם. אַלס אַלטער מיטגליד פון דער ס. ד. ק. פּ. ל. איז אים שווער געווען זיך צוצופּאַסן צו דער נייער ליניע פון קאָמינטערן. און זיין פּאָזיציע אין צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען אַ מין צענטריסטישע — צווישן וואַרסקיס (זיין שווערס) און דער אולטראַ־לינקער פון גזשעך־קאָוואַלסקי.

דזשעק־פידלער (טרוסקער) פלעגט זעלטן קומען אויף אַ זיצונג פון צ. ק. ער האָט זיך הויפּטזעכלעך פאַרנומען מיט רעדאַקציאָנעלע ענינים און אָנגעפירט מיט דער צענטראַלער פּאַרטיי־רעדאַקציע. אין אַלגעמיין איז ער נאָענט געשטאַנען אידעאָלאָגיש און פּאָליטיש צו די וואַרסקי־אָנ־הענגער און גענאָסן אין דער פּאַרטיי גרויס אַכטונג און אנערקענונג. כאָטש אויך אַן אַסימילירטער ייד, האָט ער אָבער מער ווי אַלע אַנדערע אַסימי־לירטע חברים זיינע פון צ. ק. געקענט די יידישע פּראָבלעמען, ער האָט גערעדט אַ פיינעם יידיש און אָפט אין זיינע אַרויסטרעטונגען זיך באַנוצט מיט אַ יידישן וויץ.

וואַצלאַוו ורובלעווסקי האָט רעפּרעזענטירט דעם פוילישן טיפּ פון רע־וואָלוציאָנערן אינטעליגענט מיט אַ גרויסער פוילישער און אַלגעמיין־איי־ראָפּעאישער קולטור. ער האָט געהערט צו דער פריערדיקער פּ. פּ. ס. לע־וויצא און איז באַקאַנט געווען מיט זיין גלענצנדיקער פּובליציסטישער פעדער. אַ זייער וויציקער און שאַרפזיניקער, האָט ער לייכטער געמאַכט די ערנסטע אַטמאָספער, וואָס פלעגט הערשן אויף די זיצונגען פון צ. ק. ער איז אָבער דערצו געווען אַ שווערער שטאַמלער. וועגן אים דערציילט מען, אַז ווען ער האָט קאַנדידירט צום וואַרשעווער שטאָטראַט בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און די וואַל־קאָמיסיע האָט אים געפרעגט, ווי אַזוי וויל ער ווערן אַ ראַטמאַן, בעת ער איז אַ שווערער שטאַמלער, זאָל ער האָבן געענטפערט: „איך וועל נישט רעדן, נאָר פייפן...“

ווייטער האָבן געהערט צום צענטראַל־קאָמיטעט: ראָמאַן יאַבלאָ־נאָווסקי, אַן אַלטער טוער פון דער פּ. פּ. ס. לעוויצא — אַ ספּעציאַליסט אין דער אַגראַר־פראַגע. וועגן אים פלעגט מען זאָגן, היות ווי זיין פרוי

שטאַמט פון דער העכסטער פוילישער ערד־אַריסטאָקראַטיע (פון דער היים איז זי געווען אַ סאַנגושקאָ), איז יאַבלאָנאָווסקי געוואָרן אַ ספּע־ציאַליסט אין דער אַגראַר־פראַגע. מ. זדזשאַרסקי, אויך פון דער פּ. פּ. ס. לעוויצאַ, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אין די פּראָפעסיאָנעלע ענינים און אָנגעשריבן אַ וואָגיק ווערק וועגן דער פוילישער פּראָפעסיאָנעלער באַווע־גונג. ער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן צוליב זיין סענסאַציאָנעלן אַנט־לויפן פון וואַרשעווער טורמע „פּאַוויאַק". קאַראָל לאנדי, וואָס איז געווען פריער אַן אָנגעזעענער טוער ביי דער פּ. פּ. ס. אין לובלין און האָט איצט אַרויסגעוויזן נישט קיין דורכשניטלעכע פעאיקייטן אויפן אָרגאַניזאַציאָ־נעלן געביט. י. סאַכאַצקי, אַן ערנסטער און זאַכלעכער מענטש און אַ גוטער קענער פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין פוילן, ווייל ער האָט געשטאַמט פון די „פוילישע קרעסן". צום צ. ק. האָט אויך געהערט גזשעד־קאָ־וואַלסקי, וועגן וועלכן עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן. ביים צ. ק. האָבן עקזיסטירט אַ רייע צענטראַלע אָפּטיילונגען: אַ צענטראַלע רעדאַקציע פאַר אומלעגאַלע און לעגאַלע אויסגאַבעס. צו איר האָבן געהערט אַ חוץ פידלער־טרוסקער און וורובלעווסקי אויך יאַן העמפּעל, אַן אָנגעזעענער פוילישער שרייבער און דענקער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט קולטור־אַרבעט און אָנגעפירט מיטן פאַריין פון פריידענקער. אין דער פּאַרטיי האָט מען אים גערופן דער „הייליקער יאַן".

צו דער צענטראַלער אָפּטיילונג פאַר פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט האָבן געהערט: יאַקוב דוטלינגער, סעקרעטאַר פון גרויסן וואַרשעווער האַנדלס־אָנגעשטעלטע־פאַריין אויף זשעלנאַ גאַס. אַ גוטער מאַסן־רעד־נער, איז ער שטאַרק פּאָפּולער געווען ביי די וואַרשעווער האַנדלס־אָנ־געשטעלטע. „אַרט" (בערנשטיין), אַ נאָבעלער מענטש און גרויסער קענער פון די פוילישע ווירטשאַפטלעכע פראַגן. אַ חוץ זיי, עטלעכע פוילישע אַרבעטער פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען ווי גאַלענדזשינאָווסקי, קרו־פּאַ, פּרושינסקי און אַ יידישער טוער פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַווע־גונג.

עס האָט עקזיסטירט אַ צענטראַלע אָפּטיילונג צו העלפן די פּאָלי־טישע אַרעסטירטע, וועלכע האָט געאַרבעט אונטער דער לעגאַלער אָנפי־רונג פון דער באַקאַנטער אין פוילן געזעלשאַפטלעכער טוערין סטעפּאַניאַ

סעמפּאָלאָווסקאַ (די געוועזענע פרוי פון פּוילישן אויסערן־מיניסטער סטאַניסלאַוו פּאַטעק, אַ פּילסודסטשיק). זי האָט געהאַט צו הילף אַנגע־שטעלטע, באַשטימטע פון דער קאָמפּאַרטיי. אויך אַ גרויסער טייל פון איר בודזשעט איז געדעקט געוואָרן פון דער פּאַרטיי־קאַסע.

אַן אָפּטיילונג פאַר דער אַרבעט צווישן דער יוגנט און אַ מיליטע־רישע אָפּטיילונג פאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע צווישן פּוילישן מי־ליטער. אַ געוויסע צייט האָט אויך עקזיסטירט אַ פּרויען־אָפּטיילונג. אַן אָפּטיילונג פאַר דער פּאַרטיי־טעכניק, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט אַרויסגעבן און דער פאַרשפּרייטונג פון דער אומלעגאַלער פּאַרטיי־ליטע־ראַטור און לעגאַלע פּאַרטיי־אויסגאַבעס, מיט אָרגאַניזירן אומלעגאַלע ריי־זעס קיין אויסלאַנד, מיט באַזאָרגן נישט־לעגאַלע וווינונגען, איינאָרדענען נישט לעגאַלע פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן און מיט דער צושטעלונג פון פאַלשע דאָקומענטן און פּאַפּירן.

אַן אָפּטיילונג פאַר דער אַרבעט אין דאָרף, פאַר דער טעטיקייט אויפן באָדן פון סיים, אַ יידישע סעקציע, און אין אויסלאַנד: אַ פּערמאַנענ־טע דעלעגאַציע ביים קאָמינטערן, אַ פאָרשטייער ביי דער דייטשער קאָמ־פּאַרטיי, ביי דער פראַנצויזישער א״א.

מיט דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון צ. ק. האָט אָנגעפירט צו יע־נער צייט אַ ביוראָ אָדער סעקרעטאַריאַט פון צ. ק., וואָס איז באַשטאַנען פון דריי מיטגלידער. גזשעלטשאַק, שטיין און לאַנדי. דאָס דאָזיקע ביוראָ איז געשטאַנען אין אַ שטענדיקער פאַרבינדונג מיט די ראַיאָן־קאָמיטעטן און מיט די פאָרשטייער פון די צענטראַלע אָפּטיילונגען. דאָס ביוראָ האָט פונקציאָנירט דריי מאָל אַ וואָך און יעדער ראַיאָן־קאָמיטעט אָדער צענ־טראַלע אָפּטיילונג איז געווען פאַרפליכטעט איינמאָל אין חודש אָפּצו־געבן מינדלעכע און שריפטלעכע באַריכטן פון זייער פּאָליטישער און אָר־גאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט און דערליידיקן די פינאַנציעלע חשבונות. וועגן אָט די פינאַנסן אָדער בודזשעטן פלעגט אָפט פאָרקומען אַ לאַנגער האַנדל מיטן קאַסיר. פון דער פּראָווינץ פלעגן געוויינלעך קומען די פּאַר־טיי־פונקציאָנאַרן.

אַ חוץ דעם האָט דער צ. ק. געהאַט אַ ספּעציעלן פאַרבינדונגס־מאַן מיט דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין וואַרשע, דורך וועלכן עס פלעגן

געשיקט ווערן די באַריכטן וועגן דער טעטיקייט פון צ. ק. קיין מאָסקווע און מען האָט באַקומען די קאָרעספּאָנדענץ פון מאָסקווע, פון קאָמינטערן, פון דער פוילישער סעקציע אד״גל. אַ געוויסע צייט איז דאָס געווען קאָראָל לאַנדי.

די דאָזיקע באַריכטן, וואָס די פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן פלעגן צושטעלן יעדן חודש דעם ביוראָ, זענען, אַ חוץ אין אויסנאַם־פאַלן, פריער נישט באַשטעטיקט געוואָרן דורך די אינסטאַנצן, אין וועמענס נאָמען זיי זענען געמאַכט געוואָרן, און עס איז אַנטשטאַנען אַ סיסטעם פון פאַלשע באַריכטן. די פונקציאָנאַרן ווידער, אַ חוץ אויסנאַמען, האָבן אַזוי צוזאַמענגעשטעלט זייערע באַריכטן, אַז מען זאָל זיי נישט צופיל קריטיקירן אויפן ביוראָ און נישט פאַרקלענערן זייערע חודשלעכע בודזשעטן.

מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט, אַז די דאָזיקע חודשלעכע צוזאַמענטרעפן זענען פאָרגעקומען ביי שטרענג קאָנספּיראַטיווע באַדינגונגען און מען האָט נישט געקענט פאַרלירן צופיל צייט מיט יעדן באַזונדערן פּאַרטיי־פונקציאָנאַר.

גזשעלטשאַק (מאַרטשין), וואָס האָט געהאַלטן די פּאַרטיי־קאַסע, איז געווען אַ שטימונג־מענטש און האָט זייער ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. אַז ער איז געקומען אין ביוראָ אין אַ שלעכטער שטימונג, האָבן שוין די פונקציאָנאַרן געוווסט, אַז היינט וועט זיין אַ שחיטה אויף די בודזשעטן און אַז מען וועט געבן בלויז אַ טייל פון בודזשעט. בכלל אָבער איז דאָס געווען אַן אַלטער רעוואָלוציאָנער מיט אַ גרויסער פּאַרטיי־פּאָליטישער דערפאַרונג און מען האָט געקאָנט מיט אים אַדורכקומען.

די פאַרבינדונג מיט מאָסקווע איז געווען אַ נאָרמאַלע. מען איז דאָרט געפאָרן און פון דאָרט געקומען, נישט געקוקט אויף דער שטרענגער גרעניץ־קאָנטראָל צווישן פוילן און סאָוועט־רוסלאַנד.

צוויי וועגן זענען דערצו באַנוצט געוואָרן: איינער איבער דאַנציק און די באַלטישע לענדער און דער צווייטער איבער אויבערשלעזיע קיין דייטשלאַנד. אין ביידע ערטער האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן דערליידיקט דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט. צוריקפאָרנדיק האָט מען אָפּגעגעבן די פאַלשע פּאַפּירן און צוריק באַקומען די אייגענע.

די גאַנצע אַרבעט פון צ. ק. איז פינאַנסירט געוואָרן דורכן קאָמינ־

טערן. די געלטער האָט דער צ. ק. באַקומען דורך דער פאַרמיטלונג פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין וואַרשע אָדער אין דאַנציק. די בודזשעטן זענען צונויפגעשטעלט געוואָרן אין אַמעריקאַנער דאָלאַרן. עס פלעגט טרעפן, אַז נאָך דער באַשטעטיקונג פון בודזשעט זאָל ער אין מאָסקווע געשניטן ווערן און דעמאָלט האָט זיך די פאַרטיי געפונען אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע, ווייל די אייגענע פאַרטיי־הכנסות זענען געווען ניש־טיקע.

אויף די פלענאַרע זיצונגען פון צ. ק. האָט מען געלייענט די שריפט־לעכע באַריכטן פון מאָסקווע, וועלכע ווערא קאָסטזשעווא פלעגט רעגולער שיקן. זיי האָבן אַנטהאַלטן אינפאָרמאַציעס וועגן דער טעטיקייט פון עקזע־קוטיוו פון קאָמינטערן, וועגן דער לאַגע אין רוסלאַנד און אין דער וו. ק. פּ. און וועגן דעם פערזענלעכן גורל פון די פוילישע חברים, וואָס צוליב די אָדער אַנדערע סיבות האָבן זיך דאָרט געפונען.

אויף די זיצונגען פון צ. ק. פלעגן תמיד באַהאַנדלט ווערן די לויפנ־דיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע און פּאָליטישע פראַגן, זעלטן אַלגעמיין פּאָלי־טישע פראַגן פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן באַדייט. אין אַלגעמיין האָט דער צ. ק. אויסגעמיטן צו נעמען אַ שטעלונג צו די גרויסע קאָמוניסטישע פּראָבלעמען פון יענער צייט, ווי למשל, רוסלאַנד אָדער דייטשלאַנד. דאָס האָט זיך דערקלערט דערמיט, וואָס ער איז געווען אָפּגעריסן פון די דאָ־זיקע לענדער און נישט געקאָנט פון דער נאָענט נאָכפאָלגן זייער אַנטוויק־לונג. האָט זיך דעריבער דער צ. ק. פולשטענדיק פאַרלאָזט אויף דעם, וואָס די אויסלענדישע פאָרשטייער זיינע האָבן געזאָגט אָדער געשריבן אין די דאָזיקע פראַגן.

אין צ. ק. האָבן דעמאָלט (1923) נישט עקזיסטירט קיין אויסגע־שפּראָכענע פראַקציעס. די אולטראַ לינקע זענען שטיל געוואָרן, נאָכדעם ווי זייער קאָפּ — גזשעד־קאָוואַלסקי איז געפאָרן קיין בערלין און דאָרט אָנגענומען אַ סאָוועטישן פּאָסטן.

ביבליאָטעק אין אנדענק די קדושים פון לודמיר און אומגעגנט ביים לודמיר'ער לאַנדסלייט פאַריין אין בוענאָס איירעס

דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־אַפּאַראַט

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פּוילן איז קיינמאָל נישט געווען קיין מאַסן־פּאַרטיי אין דעם אייגנטלעכן זין פון וואָרט. דער פּאַרטיי־אַקטיוו איז הויפּטזעכלעך באַשטאַנען פון פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן, דאָס מיינט פון פּאַרטיי־אַקטיוויסטן, וואָס זענען אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דער פּאַרטיי־קאַסע און זיך געדאַרפט ווידמען אַ גאַנצן טאָג דער פּאַרטיי־אַרבעט. זיי האָבן געבילדעט דעם רוקנביין פון אומלעגאַלן פּאַרטיי־אַפּאַראַט. פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען אויך געווען נישט־געצאָלטע פּאַרטיי־אַקטיוויסטן, וואָס האָבן אָפּגעגעבן פאַר דער פּאַרטיי זייער פרייע צייט און אָפטמאָל ריזיקירט מיט זייער פרייהייט און מאַטעריעלער עקזיסטענץ אין די אינטערעסן פון דער פּאַרטיי. דער צענטראַל־קאָמיטעט מיט זיינע אָפּטיילונגען האָבן אָבער געמוזט זיין צוזאַמענגעשטעלט פון געצאָלטע פונקציאָנאַרן. דאָס זעלביקע אויך די עקזעקוטיוון אָדער סעקרעטאַריאַטן פון די ראַיאָן־קאָמיטעטן פון די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַציעס ווי, למשל, וואַרשע, לאָדזש, דער דאָמבראָווער קוילן־ראַיאָן אָדער אויבערשלעזיע. און דאָס איז פאַרשטענדלעך, ווייל אַזאַ עקזעקוטיוו אָדער סעקרעטאַריאַט האָט זיך צונויפגעשטעלט: פון פּאַרטיי־סעקרעטאַר, וואָס איז באַשטימט געוואָרן דורכן ביוראָ פון צ. ק.; פון דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט, באַשטימט דורך דער צענטראַלער אָפּטיילונג פאַר פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט; פון דעם פאַראַנטוואָרטלעכן פאַר דער טעכניק אין דעם ראַיאָן; פון אַ באַפולמעכטיקטן פאַרן „מאָפּר“, פאַר דער יידישער אַרבעט, פאַר דער אַרבעט צווישן מיליטער אאַז״וו. אַט די דאָזיקע גרופּע פונקציאָנאַרן, צווישן וועלכע די מערהייט האָט גאָרנישט געשטאַמט פון דעם ראַיאָן, ווו זיי זענען געווען טעטיק, האָט פאַקטיש אָנגעפירט מיט דער גאַנצער פּאַרטיי־אַרבעט אויפן אָרט. זיי זענען געווען פרעמדע אין דעם ראַיאָן און זיי האָבן זעלבסטפאַרשטענדלעך געמוזט האָבן פון וואָס צו לעבן. דער ראַיאָן־קאָמיטעט פלעגט זיך פאַרזאַמלען איין מאָל אין חודש. די דאָזיקע צוגערייזטע פונקציאָנאַרן זענען געשטאַנען אין אַ דירעקטער פאַרבינדונג מיט די סעקרעטאַרן פון די פּאַרטיי־קעמערלעך אין די פאַבריקן און פאַקטיש געווען די, וואָס האָבן געגעבן

דירעקטיוון, ווי אַזוי און ווען די פאַבריק־אַרבעטער, קאָמוניסטן, דאַרפן האַנדלען.

דער דאָזיקער געצאָלטער פּאַרטיי־אַפּאַראַט האָט שפּעטער געציילט אין די הונדערטער מענער, פרויען און יוגנטלעכע און זיין צוזאַמענשטעל איז נישט געווען, סאָציאַל גענומען, קיין איינהייטלעכער. צווישן זיי האָבן זיך געפונען מענטשן פון אַ פאַרשיידענער מאָראַלישער און גייסטיקער מדרגה. צאָלמעסיק האָט אין דעם דאָזיקן באַאַמטן־אַפּאַראַט איבערגע־וויגן דער אינטעלעקטועלער און קליינבירגערלעכער אָדער דעקלאַסירטער־עלעמענט. אויב איך דערמאָן דעם דאָזיקן פאַקט איז דאָס צוליב דעם, ווייל שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אין דער פּאַרטיי אַ גרויסע אַקציע פאַר „פּראָלעטאַריזירן" די פּאַרטיי.

וויכטיקער פון דעם דאָזיקן פּרט זענען צו יענער צייט געווען די ענ־דערונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו מערקן אין דער פּסיכיק פון פּאַר־טיי־אַקטיוו. אויף די אָפיציעלע זיצונגען און צוזאַמענטרעפן האָט מען די דאָזיקע ענדערונגען נישט אַזוי שטאַרק געקענט קאָנסטאַטירן, ווי פון די פּריוואַטע געשפּרעכן.

איך האָב שוין באַטאָנט, אַז אין יענע יאָרן האָט נאָך געהערשט אַ גרויסע פרייהייט אין דער פּאַרטיי. מען האָט נאָך נישט מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן אַן אויפריכטיק וואָרט צו אַ חבר און צו פאָרמולירן פאַר אים אַן אפּיקורסישן געדאַנק, ווי דאָס איז שוין אוממעגלעך געווען אין די שפּעטערדיקע יאָרן. מיר איז אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט אַנדערע מיטגלידער פון צ. ק. ביי פּריוואַטע אָנגעלעגנהייטן און זייער אָפט צו פאָרן אין דער פּראָווינץ אין שליחות פון צ. ק. איך האָב דעריבער גע־קענט אַלע וויכטיקסטע פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן. דעם פּאַרטיי־אַקטיוו פון די יאָרן 1922 — 1923 קען מען צעטיילן אויף דריי קאַטעגאָריעס: אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך איינגעהאַלטן אין זיך דעם גאַנצן אידעאַליזם פון די אַמאָ־ליקע יאָרן, ווען זיי האָבן נאָך געקעמפט מיטן צאַריזם; אַזעלכע, וואָס האָבן שוין פאַקטיש נישט געגלויבט אין דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און זענען אַרויף אויפן וועג פון קאַריעריזם, פון פּראָפעסיאָנעלע רעוואָלוציאָ־נערן האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין קליינבירגערלעכע ביוראָקראַטן, און אַ דריטע קאַטעגאָריע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ געמיש פון די פריער־

דיקע צווייַ, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט דעם איבערגאַנג־פּעריאָד אין דער פּאַרטיי, ריכטיקער דעם דעגענעראַציע־פּראָצעס, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן אין דער גאַנצער באָלשעוויסטישער באַוועגונג בכלל.

די אידעאַליסטישע עלעמענטן אין דער פּאַרטיי, די וואָס האָבן זיך געהאַלטן ביי דער אַלטער סאָציאַליסטישער מאָראַל און אָפּט אַפּעלירט צו דער אַמאָליקער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט, זענען שוין צו יע־נער צייט געווען אַ מינדערהייט. אָפילו אַ גאָר קליינע מינדערהייט. מען האָט געקוקט אויף זיי מיט רעספּעקט, מען פלעגט אַזאַ אַלטן „סי־ביראַק" אָפּגעבן כבוד, זיך צוהערן צו זיין מיינונג, אָבער אינערלעך האָט מען וועגן אים געטראַכט, אַז ער געהער שוין צו דער וויַיטער פאַרגאַנ־גענהייט. די פּאַרענטפּערונג איז געווען: מען דאַרף זיין רעאַליסטיש, עלאַסטיש און האָבן אַ דיאַלעקטישן צוגאַנג צו די פּראַגן. דער קאַריעריס־טישער און ביוראָקראַטישער עלעמענט איז געוואָרן וואָס אַמאָל ציַנישער און סקרופּוללאָזער אין זיינע האַנדלונגען, אָבער נאָך געניג פאַרזיכטיק, ווייל צו יענער צייט וואָלט ער נאָך נישט געקענט באַהערשן דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט.

אויב די אידעאַליסטישע עלעמענטן האָבן געצויגן זייער יניקה פון דער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנגענהייט פון דער ס. ד. ק. פּ. ל. אָדער פּ. פּ. ס. „לעוויצע" און געלעבט מיט די הערלעכע געשטאַלטן פון די אַמאָליקע יאָרן; אויב זיי האָבן נאָך אַלץ געגלויבט אין דער באַגענטקייט פון דער דייטשער רעוואָלוציע און דורך דעם געהאָפט ווער אויך אַ סך זיך ענדערן אין רוסלאַנד גופא, צום בעסערן — האָבן די קאַריעריסטישע און ביוראָקראַטיזירטע עלעמענטן געצויגן זייער גייסטיקע און מאָראַלי־שע „יניקה" פון דער קעגנוואַרט, פון דער נייער רוסישער „נעפּ"־קעגנ־וואַרט. פאַר זיי איז געוואָרן אַ מוסטער דער באָלשעוויסטישער סאָציאַ־ליזם און די מעטאָדן, מיט וועלכע ער ווערט אויפגעבויט אין רוסלאַנד. און היות ווי זיי האָבן געגלויבט, אַז פון פּוילן וועט ווערן נאָך אַ סאָוועט־טישע רעפּובליק, וואָס וועט אַנטשטיין אין רעזולטאַט פון אַ סאָוועטי־שער אַנעקסיע, האָבן זיי געקוקט אויף דער טאָג־טעגלעכער אומלעגאַלער פּאַרטיי־אַרבעט ווי אויף אַן אָפּקומעניש, ווי אויף אַ מין פאַרזיכערונג־פּאָליסע, וואָס זיי מוזן צאָלן, כדי מיט זיכערקייט צו קענען קוקן אויף

זייער פּערזענלעכער צוקונפט. די דאָזיקע עלעמענטן פּלעגן אויך אויס־נוצן יעטוועדן פּרעטעקסט כדי צו פאָרן קיין מאָסקווע און דאָרט זיך באַמיט וואָס לענגער צו פאַרבלייבן. בכלל איז אין יענע יאָרן געווען אַ גרויסער דראַנג צווישן די פּאַרטיי־מיטגלידער צו פאָרן קיין רוסלאַנד מיטן מיין דאָרט צו פאַרבלייבן.

דאָס האָט זיך דערקלערט מיט די רעפּרעסיעס, אויף וועלכע עס זע־נען אויסגעשטעלט געווען אין פּוילן די קאָמוניסטן, מיט דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע אין לאַנד און נישט צולעצט מיט די ראָזעווע פּערס־פּעקטיוון, וואָס יעדער אַזאַ קאַנדידאַט אויף פאָרן האָט פאַר זיך דאָרט געזען. עס איז אָבער נישט געווען פון די לייכטע זאַכן, אויסצופועלן ביים צ. ק. אַזאַ דערלויבעניש, ווייל בדרך כלל איז זייער זעלטן ווער פון די עמיגראַנטן צוריקגעקומען קיין פּוילן. נאָר אין די פאַלן, ווען עס האָבן פּאַסירט גרויסע אַרעסטן און עס האָט זיך געפילט אַ געוואַלדיקער דוחק אין מענטשן, האָט די פּוילישע דעלעגאַציע אין מאָסקווע צוריקגעשיקט מענטשן אויף אַרבעט.

די דאָזיקע צוריקגעקומענע, אַ חוץ אויסנאַמען, זענען שוין געווען מענטשן אָן אַ פונק פון אַמאָליקן אידעאַליזם, ביוראָקראַטיזירטע עלע־מענטן, וואָס האָבן געוווּסט, אַז זיי דאַרפן אויספירן די באַשטימטע פאַר זיי אַרבעט, אַזוי ווי מען פאַרלאַנגט דאָס פון זיי. עס האָט זיך אויף זיי לחלוטין נישט געמערקט, אַז זיי קומען פון לאַנד פון דער גרעסטער רעוואָלוציע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

דער פּאַראַלעלער אומלעגאַלער סאָוועטישער אַפּאַראַט

פּאַראַלעל צום אומלעגאַלן קאָמוניסטישן פּאַרטיי־אַפּאַראַט האָט עקזיסטירט אין פּוילן נאָך אַן אומלעגאַלער אַפּאַראַט — דער סאָוועטי־שער. וועגן זיין עקזיסטענץ האָט בלויז געוווּסט דער צ. ק. און די נאָענטס־טע מיטאַרבעטער זיינע. וועגן זיין טעטיקייט איז אויך פון צייט צו צייט באַריכטעט געוואָרן אויפן צ. ק., אָבער דאָס איז געבליבן שטרענג קאָנ־ספּיראַטיוו און מען האָט דאָס נישט געטאָרט ווייטער אַרויסטראָגן. אײן

מיטגליד פון צ. ק. איז געווען דער פאַרבינדונג־מאַן מיטן דאָזיקן אומלעגאַלן סאָוועטישן אַפּאַראַט.

דער דאָזיקער אַפּאַראַט, אָדער אָרגאַניזאַציע, האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרשיידענע אַרבעטן. דאָס איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן פון די באַריכטן, וואָס מיר האָבן אויסגעהערט אויפן צ. ק. וועגן זיין טעטיקייט. און איך קען אָן שום איבערטרייבונג פעסטשטעלן, אַז דער סאָוועטישער אַפּאַראַט האָט מער געוווּסט, וואָס עס קומט פאָר אין פוילן, ווי דער צ. ק., וואָס האָט זיך געפונען אין צענטער פון לאַנד און ער האָט אויסגעפירט אַ גאָר וויכטיקע אַרבעט פאַר דער מאָסקווער רעגירונג. איך מוז צוגעבן, אַז ווען איך האָב צום ערשטן מאָל אויסגעהערט דעם באַריכט וועגן דער טעטיקייט פון אָט דעם סאָוועטישן געהיימען אַפּאַראַט, וואָס דער פאַרבינדונג־מאַן האָט אָפּגעגעבן, האָט ער אויף מיר געמאַכט אַ זייער פיינלעכן איינדרוק און איך האָב ווידער איבערגעלעבט אַן ענלעכע עמאָציע, וואָס אין דאַנציק מיט אַ געוויסער צייט צוריק בעת מיינע געשפּרעכן מיטן סאָוועטישן שפּיאָן און קאָמוניסטישן טוער.

פון די דאָזיקע באַריכטן האָבן מיר זיך דערוווּסט, וואָס עס קומט פאָר אין דער פוילישער פּאָליטישער פּאָליציי און אין די פאַרשיידענע פוילישע מיניסטעריומס, וועגן צושטאַנד פון דער פּראָדוקציע אין לאַנד און איר פינאַנציעלן מצב, וועגן צושטאַנד פון דער קריג־פּראָדוקציע אאַז״וו. באַזונדערס אינטערעסאַנט זענען געווען די באַריכטן וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין די אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען און גרופּירונגען אין לאַנד, דאָס מיינט אין זייערע אָנפירנדיקע אינסטאַנצן.

דער סאָוועטישער אַפּאַראַט האָט זיך אויך פאַרנומען מיט טעראָר און סאַבאָטאַזש־אַקטן. אויף אַ זיצונג פון צ. ק. איז אונדז איינמאָל מיטגעטיילט געוואָרן, אַז עס ווערט צוגעגרייט אַן אַטענטאַט אויפן פראַנצויזישן מאַרשאַל פאָש, וואָס האָט דעמאָלט (1923) געדאַרפט באַזוכן פוילן. נאָך די דאָזיקע באַריכטן האָט קיינער פון צ. ק. נישט גענומען קיין וואָרט וועגן זיי. אַלע האָבן געוווּסט, אַז דער צ. ק. האָט נישט קיין שום השפעה אויף דער אַרבעט פון סאָוועטישן אַפּאַראַט און אַז די באַריכטן טראָגן בלויז אַן אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער.

וועגן מיליטערישן שפּיאָנאַזש האָט מען נישט אינפאָרמירט אויפן צ.

ק. מען האָט נאָר געוווסט, אַז עס עקזיסטירן פאַרבינדונגען מיט הויכע מיליטערישע לייט.

דער דאָזיקער סאָוועטישער אַפּאַראַט האָט געפירט אויך אַ פּאַראַ־לעלע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט און זיך באַנוצט אין זיין אַרבעט מיט פאַרשיידענע עלעמענטן, צווישן זיי אויך קאָמוניסטן. מצד דעם צ. ק. האָט נישט עקזיסטירט קיין פאַרבאָט פאַר קאָמוניסטן זיך צו פאַרנעמען מיט מיליטערישן אָדער ווירטשאַפטלעכן שפּיאָנאַזש לטובת רוסלאַנד. עס האָט בלויז עקזיסטירט אַ פאַרבאָט פאַרן אַנגאַזשירטן אין סאָוועטישן אַפּאַראַט זיך גלייכצייטיק צו פאַרנעמען מיט קאָמוניסטישער טעטיקייט. זיין ווינונג האָט נישט געטאָרט באַנוצט ווערן פאַר פּאַרטיי־אַרבעט, ער האָט נישט געקענט קומען אויף קיין שום אומלעגאַלע פּאַרטיי־גרופּעס און בכלל געמוזט זיין איזאָלירט פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. דאָס איז נויטיק געווען צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, כדי ער זאָל נישט פּאָ־ליטיש קאָמפּראָמעטירן די קאָמפּאַרטיי אין פאַל פון אַ פּאָליצייאישן אַרעסט בעת זיין אַרבעט און, צווייטנס, טאָמער ווערט ער אַרעסטירט, זאָל דער סאָוועטישער שפּיאָנאַזש־דינסט לייכטער קענען קומען אויף די שפּורן פון זיין אַרעסט און אויפדעקן זיינע אמתע סיבות.

די גאָר אויפמערקזאַמע צווישן אונדז פלעגן זיך שוין אָנשטויסן: איז אַן אַקטיווער קאָמוניסט פּלוצלונג געוואָרן פּאַסיוו אָן גענוגנדיקע סי־בות, האָט מען שוין בײַ זיך געטראַכט, אַז ער איז אַוועק אויף „אַן אַנ־דערער אַרבעט". בדרך כלל, ווי געזאָגט, איז שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן דער סעפּאַראַטיזם, וואָס האָט עקזיסטירט צווישן דעם סאָוועטישן שפּיאָ־נאַזש און סאַבאָטאַזש־אַפּאַראַט און דער קאָמפּאַרטיי. אַנדערש איז דאָס געווען אין די גרעניץ־געביטן מיט סאָוועט־רוסלאַנד. דאָרט האָט נישט עקזיסטירט אין דער הינזיכט קיין שטרענגע אַרבעט־צעטיילונג צווישן ביידע אַפּאַראַטן. אָבער וועגן דעם וועט מיר נאָך אויסקומען צו רעדן שפּעטער, ווייל אין די יאָרן 1924 און 1927 האָב איך אָנגעפירט מיט דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער טעטיקייט אין מערב־ווייסרוסלאַנד און אין מערב־אוקראַינע.

די צוגרייטונגען צום צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער קאָמפּאַרטיי אין יאָר 1923

די קאָמפּאַרטיי איז געווען אומלעגאַל און עס איז אויסגעקומען צו אַרבעטן ביי זייער שווערע באַדינגונגען. אמת, די רדיפות צו יענער צייט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס מיר פאַרשטייען היינט אונטער דעם וואָרט. היינט, נאָך די שרעקלעכע היטלער־יאָרן און נאָך 37 יאָר טעראָריסטישן רעזשים אין רוסלאַנד, זענען ממש אַ קינדער־שפּיל. אָבער צו יענער צייט האָבן די אומאויפהערלעכע פאַרפאָלגונגען אין אַ גאָר גרויסער מאָס אָפּגעשוואַכט די קאָמוניסטישע באַוועגונג. פאַר דעם צ. ק. האָט זיך דערייבער די גאַנצע צייט געשטעלט די פראַגע: ווי אַזוי פאַרבינדן די אומלעגאַלע טעטיקייט מיט דער לעגאַלער, כדי פון איין זייט נישט פאַרלירן דעם קאָנטאַקט מיט די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן און פון דער אַנדערער זייט קענען אויסאיבן אַ פּאָליטישן איינפלוס אויפן לאַנד.

דער איינציקער אויסוועג איז געווען אויסנוצן די פאַרשיידענע לעגאַל־עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס, אָדער שאַפן נייע אונטער פאַרשיידענע פאַרשטעלטע נעמען.

מען דאַרף נישט די דאָזיקע טאַקטיק אויסמישן מיט דער היינטיקער קאָמוניסטישער טאַקטיק. דעמאָלט האָבן די קאָמוניסטן געוואָלט באַהאַלטן זייער אייגענעם פּנים, כדי אָפּצונאַרן די פּאָליציי. היינט באַנוצן זיך קאָמוניסטן מיט פרעמדע שילדן און לאָזונגען אין די לענדער, ווו זיי זענען פולשטענדיק לעגאַל, כדי אָפּצונאַרן די אַרבעטער־מאַסן.

אַזעלכע קאַמופלירטע אָרגאַניזאַציעס האָט מען געשאַפן באַזונדערס ערב פאַרלאַמענט־וואַלן, ווייל עס איז געווען אין פאָרויס זיכער, אַז קיין קאָמוניסטישע ליסטע וועט די מאַכט נישט דערלויבן. סוף 1922 זענען ווידער פאָרגעקומען סיים־וואַלן אין פּוילן און מיר האָבן זיך אין זיי באַטייליקט אונטערן שילד פון „פאַרבאַנד פון אַרבעטער פון שטאָט און דאָרף״.

נישט געקוקט אויף די רעפּרעסיעס, וואָס אפילו דער „פאַרבאַנד״ האָט געהאַט אויסצושטיין, איז דאָך געלונגען אַדורכצופירן צוויי קאָמוניסטישע קאַנדידאַטן אין די גרעסטע אַרבעטער־צענטערן פון לאַנד: אין

וואַרשע האָט קרוליקאָווסקי, אַן אַלטער אָנגעזעענער מיטגליד פון דער געוועזענער פּ. פּ. ס. „לעוויצע", באַקומען 27 טויזנט שטימען און לאַנ־צוצקי, וואָס האָט פאַרלאָזט די פּ. פּ. ס. אין 1921, איז אויסגעוויילט געוואָרן אין דאָמבראָווער קוילן־ראַיאָן מיט אַ וועלכע 15 טויזנט שטי־מען. בכלל האָט די קאָמפּאַרטיי דעמאָלט אָפּגעהאַלטן אַ באַדייטנדיקן וואַל־זיג און באַקומען מער ווי אַ דריטל שטימען פון די, וואָס עס האָט באַקומען די פּ. פּ. ס.

דאָס האָט זיך דערקלערט נישט נאָר מיט דער שווערער לאַגע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די פּוילישע אַרבעטער־מאַסן, נאָר אויך מיט דער געענדערטער פּאָליטישער ליניע, וואָס די פּאַרטיי האָט אָנגע־נומען אויף דער דריטער קאָנפערענץ אין דאַנציק. די לאָזונגען וועגן פאַר־טיידיקן די אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן און די באַדראָטע דעמאָקראַטיע אין לאַנד, די געענדערטע באַציאונג צו די פּראָפ. פאַריינען און צו די טיילווייזע אַרבעטער־פאָדערונגען און צום איינהייטס־פראָנט מיט די אַנ־דערע אַרבעטער־פּאַרטייען, מיט איין וואָרט — דאָס פאַרוואַרפן די אול־טראַ־לינקע פראַזן וועגן דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט האָט שוין געבראַכט פאַר דער פּאַרטיי גוטע רעזולטאַטן.

אין דער דיסקוסיע אין סיים וועגן מיליטער־דינסט איז שוין נישט אַ קאָמוניסט אַרויסגעטראָטן בכלל קעגן דער פּוילישער אַרמיי און דער פּוילישער מלוכה. נאָר קרוליקאָווסקי האָט אין זיין וואָרט פון דער סיים־טריבונע אַריינגעטראָגן דעם פאָרשלאָג, אַז דער מיליטער־דינסט זאָל פאַר־קירצט ווערן ביז 6 חדשים. דער אַזוי גערופענער רעכטער קורס פון די דריי „וו׳ען" (וואַרסקי, ווערא און וואלעצקי), האָט באַשיינפּערלעך פאַר־שטאַרקט די קאָמוניסטישע איינפלוסן אין פּוילן. די סיים־וואַלן האָבן אָבער גלייכצייטיק באַוויזן, אַז צוויי פון די „דריי לויתנס פון דער רע־וואָלוציע אין פּוילן" קענען נישט געבראַכט ווערן אין באַוועגונג: דאָס פּוילישע דאָרף, וואָס בילדעט קנאַפּע 70 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין לאַנד און די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין די גרעניצן פון פּוילן, וואָס בילדן ביז 40 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

מען האָט געדאַרפט זוכן אַ וועג צו אָט די ריזיקע כוחות, וואָס שפּילן

אַ דעצידירנדיקע ראָל אין קאַמף פאַר דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט אין לאַנד.

די דריטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ האָט נישט געלייזט די אַגראַר־פראַגע און אויך נישט די נאַציאָנאַלע פראַגע אין גייסט פון באָלשעוויזם. כדי ענדגילטיק צו ליקווידירן דעם אַלטן לוקסעמבורגישן שטאַנדפונקט אין אָט די ממש לעבנס־פראַגן פאַר דער ווייטערדיקער פּאַרטיי־טעטיקייט איז נויטווענדיק געווען צונויפצורופן אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

אַ חוץ דעם האָט זיך געפילט, אַז עס וואַקסט אָן אַ נייע רעוואָ־לוציאָנערע כוואַליע אין דייטשלאַנד, וואָס קען ברענגען צו דער מאַכט די דייטשע קאָמפּאַרטיי מיט בראַנדלערן און טאַלהיימערן אין דער שפּיץ.

אין רוסלאַנד איז שוין לעניין געלעגן שווער קראַנק און אין די קרייזן פון צ. ק. האָט מען געשמועסט, אַז סטאַלין און נישט טראָצקי דאַרף פאַר־נעמען זיין פּלאַץ. אמת, לעניין און טראָצקי זענען די סימבאָלן פון דער רעוואָלוציע, אָבער טראָצקי איז נישט קיין אַלטער באָלשעוויק. צווייטנס, דאַרף מען אין רוסלאַנד פירן היינט אַ מער רעאַליסטישע פּאָליטיק, און טראָצקי, האָט מען געהאַלטן, איז נאָר גוט פאַר רעוואָלוציעס. אַ חוץ די אולטראַ־לינקע האָבן אַלע געהאַלטן, אַז עס איז זייער גוט, וואָס עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ „דריילינג" (זינאָוויעוו, סטאַלין און קאַמעניעוו), וואָס האַלטן איצט די פּאַרטיי אין זייערע הענט.

ביי די באַדינגונגען איז מען צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן דעם צווייטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אין האַרבסט 1923.

די צוגרייטונגען האָבן געטראָגן אַ האַלב־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער. קיין דירעקטע וואַלן פון דעלעגאַטן האָבן זיך בכלל נישט פּראַקטיצירט אין דער קאָמפּאַרטיי. עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן ראַיאָנע קאָנפערענצן מיט דער באַטייליקונג פון אַ מיטגליד פון צ. ק. און דאָרט האָט מען גע־ווילט די דעלעגאַטן. אין דער ערשטער ריי האָט מען געוויילט דעם צ. ק. מיטגליד און די פּאַרטיי־פונקציאָנערן און אַלס צוגאָב אויך עטלעכע אַרבעטער פון דער „באַזע". די מערהייט אויף אַלע פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן צו דער קאָנפערענצן האָבן תמיד געבילדעט די פּאַרטיי־פונקציאָנערן — די מענטשן פון אַפּאַראַט. בלויז אַ טייל מיטגלידער פון צ. ק. איז אויס־

געקליבן געוואָרן אַלס דעלעגאַטן. די איבעריקע מיטגלידער פון צ. ק. זענען געפּאָרן מיט באַראַטונג־רעכט. איך האָב זיך באַטייליקט אין אייניקע ראַיאָנע קאָנפערענצן און פאַרטיידיקט די נייע ליניע פון צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכע האָט כמעט אומעטום באַקומען אַ מערהייט שטימען.

איך האָב מיך אָנגעהויבן גרייטן צום צוזאַמענפאָר, וואָס האָט שפּעטער געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי.

געפּאָרן זענען מיר איבער אויבערשלעזיע קיין בערלין און פון דאָרט קיין מאָסקווע.

מיין אַרעסט אויף דער דייטשער גרעניץ

מיין רייזע צום צווייטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז נישט געווען פאַר מיר פון די לייכטע זאַכן, מחמת איך בין שטאַרק געזוכט געוואָרן פון דער פּאָליציי. מיט אַ פאַלשן פּוילישן פּאַס האָב איך געמוזט מאַכן די רייזע ביז צו דער גרעניץ־שטאָט קאַטאָוויץ. דאָרט האָט מען באַדאַרפט איבערלאָזן אויף אַ געהיימער וווינונג די פּוילישע פּאַפּירן און באַקומען אַ מין גרעניץ־רייזע־שיין, מיט וועלכן עס האָבן זיך באַנוצט די אַרבעטער, וואָס האָבן געוווינט אויף איין זייט אויבערשלעזיע, וואָס האָט געהערט צו דייטשלאַנד און געאַרבעט האָבן זיי אין דעם פּוילישן טייל אויבערשלעזיע, אָדער פאַרקערט. אָמבעסטן איז געווען אַדורכצוגיין די גרעניץ אין דער מיטיק־שעה, בעת עס האָט געהערשט אַ פאַרשטאַרקטער גרעניץ־פאַרקער. צו דער גרעניץ איז מען געפאָרן מיט אַ טראַמוויי, וואָס האָט קורסירט אויף ביידע זייטן פון דער גרעניץ. די פאַלשע גרעניץ־שיינען האָט די פּוילישע פּאַרטיי־טעכניק באַקומען פון די דייטשע קאָמוניסטן אין אויבערשלעזיע אין אַ בלאַנקאָ־צושטאַנד און ערשט אויף דער געהיימער וווינונג האָט מען זיי אויסגעפּאַרטיקט מיט אַ פאָטאָ אד״גל.

איך האָב פיגורירט אין „דאָקומענט" אַלס שלעזישער אַרבעטער, וואָס וווינט אין דעם דייטשן טייל אין דעם שטעטל בויטען (פּויליש ביטאָם). איך האָב זיך באַדאַרפט אויף גיך איינחזרן מיין נאָמען און אַדרעס און אַ דייטשער קאָמוניסט האָט ביי מיר צוגענומען מיין וואַליזע, כדי

אויף דער גרעניץ זאָל איך נישט מאַכן דעם איינדרוק פון אַ פרעמדן, נאָר פון איינעם, וואָס גייט אַדורך יעדן טאָג דעם דאָזיקן גרעניץ־פּאַס.

בעת איך בין מיט מיין דייטשן באַגלייטער צוגעקומען צו דער פּאַס־קאָנטראָלע, האָט ביי מיר דער דייטשער וואַכמייסטער צוגענומען מיין פּאַפּיר, אַ קוק געטאָן אויף מיר און מיך געהייסן וואַרטן. מיר איז שוין נישט גוט געוואָרן אויף דער נשמה. מיין באַגלייטער האָט זיך דערווייל אָפּגערוקט אָן אַ זייט. איך בין אַזוי געבליבן שטיין ביז עס האָט זיך גע־ענדיקט די אַלגעמיינע קאָנטראָלע און דערנאָך האָט מיך דער דייטשער וואַכמייסטער איבערגעגעבן אין די הענט פון צוויי אַנדערע דייטשע פּאָ־ליציאַנטן, צו זיי עפּעס אַ מורמל געטאָן און מען האָט מיך אָפּגעפירט אין פּאָליציי־אַרעסט אין בויטען אויף דער נוי־שטראַסע. מיט מיר האָבן זיך געפונען נאָך עטלעכע אַרעסטאַנטן — גרעניץ־שמוגלערס.

איך האָב געהאַט צייט זיך איבערצולייגן, וואָס איך זאָל טענהן, ווי אַזוי זיך פאַרטיידיקן, ווייל מיין דאָקומענט איז דאָך בפירוש געווען אַ גע־פעלשטער.

זאָגן, אַז איך בין אַ פוילישער בירגער, וועט נישט גוט זיין, ווייל די דייטשע פּאָליציי קען מיך שפּעטער צושטעלן צו דער פוילישער גרע־ניץ און אין פוילן ווער איך דאָך געזוכט פון דער פּאָליציי. האָב איך ביי מיר אָפּגעמאַכט, אַז איך וועל זיך אָנגעבן אַלס סאָוועטישער בירגער. עס איז געווען זומער (אויגוסט), וועל איך טענהן, אַז איך בין געקומען פון מאָסקווע קיין בערלין פאַרברענגען מיין אורלויב. היות אָבער ווי איך האָב געהאַט אַ פריינדין אין פוילן, בין איך געקומען זיך מיט איר זען אין קאַטאָוויץ. אין בויטען האָב איך באַקומען דעם דאָזיקן פאַלשן דאָקומענט פאַר געלט אין אַ קאַפע און בין מיט אים געפאָרן מיט עטלעכע טעג צו־ריק קיין קאַטאָוויץ. איצט האָב איך זיך פון דאָרט אומגעקערט. איך האָב געטראַכט דעם דאָקומענט צו פאַרניכטן און פאָרן פון בויטען קיין בער־לין.

ביי דער אויספאָרשונג, וואָס איז נאָך פאָרגעקומען אין טאָג פון אַרעסט, האָב איך טאַקע אַזוי געטענהט און געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז איך קען נישט קיין דייטש און נאָר גערעדט רוסיש. דער ריכטער האָט געברענגט צו מיר אַ דאָלמעטשער און איך האָב אים דערציילט מיין מעשה

מיט דער רייזע קיין קאַטאָוויץ. אויף דער פראַגע פון ריכטער, ווו זענען מיינע ריכטיקע פאַפּירן, האָב איך מיט גרויס זעלבסט־זיכערקייט געענט־פערט, אַז זיי געפינען זיך אין סאָוועטישן קאָנסולאַט אין בערלין „אונטער די לינדען" און אויב ער גלויבט מיר נישט, זאָל ער טעלעגראַפיש אָנ־פרעגן דעם סאָוועטישן קאָנסול אין בערלין און איך וועל באַצאָלן פאַר דער טעלעגראַמע.

איך בין געווען זיכער, אַז וועגן מיין אַרעסט וויים מען שוין אין קאַ־טאָוויץ, ווייל דער דייטשער באַגלייטער מיינער האָט וועגן דעם שוין מיט־געטיילט און במילא וועט מען שוין אויך וויסן אין בערלין. אַ חוץ דעם איז מיט מיר צוזאַמען אַריבער די גרעניץ יצחק גאָרדין (איינער פון די זעלטענע, וואָס האָט נאָך ביז איצט געראַטעוועט זיין קאָפּ און דינט דעם היינטיקן רעזשים אין פוילן) און ער האָט געזען, וואָס מיט מיר האָט פּאַ־סירט. ער איז ווייטער געפאָרן קיין בערלין און דאָרט איבערגעגעבן וועגן מיין מכשול אויף דער גרעניץ, ווייל אַלע דעלעגאַטן וואָס זענען געפאָרן איבער דייטשלאַנד, האָבן זיך געמאָלדן אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַ־דע. דאָרט האָט עקזיסטירט אַ ספּעציעלע ביוראָ פאַר „אינטערנאַציאָנאַ־לע פאַרבינדונגען". מיט די פוילישע ענינים האָט זיך אין דעם ביוראָ פאַרנומען זאָפיע אונשליכט, אַ שוועסטער פון סאָוועטישן וויצע־קאָמיסאַר פאַר מיליטערישע ענינים יוליאַן אונשליכט. זאָפיע אונשליכט, אָדער ווי מען האָט זי גערופן „זאָשקע", איז געווען אַן אַלטע מיטגלידערין פון דער־אַמאָליקער ס. ד. ק. פּ. ל., מיט אַ גרויסער רעוואָלוציאָנערער פאַרגאַנ־גענהייט אין קאַמף קעגן צאַריזם (אין די דרייסיקער יאָרן איז זי אַלס טראָצקיסטקע פאַרשיקט געוואָרן אין אַ סאָוועטישן איזאָלאַטאָר, ווו זי איז מסתמא אומגעקומען).

זאָשקע האָט מיך געקענט פערזענלעך און איך בין זיכער געווען, אַז זי וועט אַלץ טאָן, כדי מיך אַרויסצונעמען פון דער בויטענער תפיסה.

דער ריכטער האָט אַלץ פאַרשריבן, וואָס איך האָב אים דערקלערט, און געהייסן מיך אָפּפירן אין טורמע.

עס איז געווען זומער־צייט און איך האָב געטראָגן אַ בלויען אנצוג, סאַנדאַלן אויף די פיס און אַ שטרויענעם הוט אויפן קאָפּ און אין אַזאַ צו־שטאַנד, אָן שום באַגאַזש, האָט מען מיך אַריינגעזעצט אין אַ תפיסה־קאַ־

מער מיט צענדליקער קרימינעלע פאַרברעכערס און גרעניץ־שמוגלערס. יעדן טאָג זענען צוגעקומען נייע פאַרברעכערס און יעדן טאָג האָט מען באַפרייט אַרעסטאַנטן, ווייל אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט קורץ־טערמי־ניקע אורטיילן, האָט מען געהאַלטן אין דער דאָזיקער טורמע.

דאָס געריכט האָט זיך געפונען אין דער זעלביקער געביידע, וואָס די טורמע און נאָך 8 טעג האָט מען מיך אַרויסגערופן אין דער קאַנצעלאַריע און מיר מיטגעטיילט, אַז איך בין באַשטראָפט געוואָרן מיט דריי וואָכן אַרעסט פאַר „אורקונדע־פעלשונג און גרעניץ־איבערשרייטונג". היות, ווי איך בין שוין געזעסן אַ וואָך צייט איז מיר איבערגעבליבן אָפּצוקומען בלויז נאָך צוויי וואָכן. פאַרשטייט זיך, אַז דער דאָזיקער מילדער אור־טייל האָט אויף מיר נישט געמאַכט דעם מינדסטן איינדרוק. עס האָט מיר נאָר דאָס האַרץ וויי־געטאָן, אַז איך פאַרברענג דאָ מיין צייט אין אַזאַ גע־זעלשאַפט, בעת אין מאָסקווע קומט פאַר דער צוזאַמענפאָר. דייטשן גיבן נישט אומזיסט צו עסן אפילו נישט אין טורמע און אַלס באַשטראָפטער האָב איך געמוזט טאָן אַן אַרבעט. קיין פיזישער אַרבעטער בין איך נישט געווען, האָט מען מיך באַשטימט צו נישט־קוואַליפיצירטער אַרבעט: שלייסן פעדערן...

אין אַ גרויסן זאַל זענען געשטאַנען לאַנגע טישן און אויף זיי האָט מען אויסגעשיט פעדערן, וואָס פאַרשיידענע דייטשע פאַמיליעס פון בוי־טען האָבן געגעבן דער טורמע־אַדמיניסטראַציע צו שלייסן. די אַדמיניס־טראַציע האָט פון דעם געהאַט אַ באַשטימטע הכנסה. דער רעגולאַמין האָט פאָרויסגעזען, אַז יעדער אַרעסטאַנט, וואָס איז באַשעפטיקט ביי פעדערן־שלייסן, מוז מאַכן יעדן טאָג אַ באַשטימטן סכום פוך. יעדער האָט געהאַט זיין באַזונדער זעקל מיט זיין נאָמען און נאָך דער אַרבעט האָט דער קאָנ־טראָלער אָפּגעוויגן די פּראָדוקציע. אויב מען האָט נישט געמאַכט די נאָרמע איז מען באַשטראָפט געוואָרן מיט צונעמען דאָס אָוונט־ברויט און ענלעכע שטראָפן. אויב אָבער מען האָט יאָ אויסגעפירט די נאָרמע, האָט מען געהאַט אַ רעכט צו קויפן פּאַפּיראָסן און ביים פאַרלאָזן די טור־מע האָט מען באַקומען אויסגעצאָלט דעם אַרבעטס־לוין, פאַרשטייט זיך אַ זייער קליינע סומע.

איך האָב פּרובירט פון דער טורמע זיך צו פאַרבינדן מיט דער פריי.

אין בערלין האָב איך געהאַט אַ נאָענטן חבר נאָך פון די צייטן פון „בונד" און שפּעטער פון „קאָמבונד", וואָס האָט צוזאַמען מיט מיר זייער אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער פּאַרטיי־אַרבעט, אָבער האָט געמוזט צוליב פּאָליצייאישע טעמים פאַרלאָזן פּוילן און זיך באַזעצט אין בערלין. דאָס איז געווען מיין חבר יחיאל ניימאַן. צו אים איז מיר געלונגען אַרויסצושיקן אַ בריוול. ווי דערשטוינט בין איך אָבער געוואָרן, ווען איך האָב פון אים דערהאַלטן אַ בריוו, אין וועלכן ער טיילט מיר מיט, אַז ער האָט זיך געזען מיט די אַנטשפּרעכנדיקע מענטשן און זיי האָבן אים פאַרזיכערט, אַז עס איז אַלץ פאַר מיר געטאָן געוואָרן און אַז איך האָב שוין לאַנג געדאַרפט זיין פריי. אויב דאָס האָט נאָך ביז איצט נישט פּאַסירט, איז דאָס מסתמא מיין אייגענע אויסשליסלעכע שולד, האָבן זיי אים דערקלערט. איך האָב דעם דאָזיקן בריוו אונטער אַ באַרג פון פעדערן עטלעכע מאָל איבערגעלייענט און נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר. היות אָבער ווי עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַזאַ קלייניקייט ווי זיצן נאָך אַ פּאָר געציילטע טעג און צום צוזאַמענפאַר וועל איך שוין סיי ווי נישט פאָרן, נו, לוינט זיך שוין נישט צו ברעכן דעם קאָפּ צוליב דעם דאָזיקן בריוו. איך האָב נאָר אינטענסיוו געטראַכט וועגן איין זאַך: צי וועט מיך די פּאָליציי לאָזן פריי, אָדער זי וועט מיך מיטן עטאַפּ אָפּשיקן אַהין, פון וואַנען איך בין געקומען, ד"ה צושטעלן צו דער פּוילישער גרעניץ־וואַך.

מען האָט מיך באַפרייט פּונקט צו דער שעה, ווען איך בין אַרעסטירט געוואָרן: 1 אַזייגער בייטאָג, בעת איך בין געזעסן ביים לאַנגן טיש און צוזאַמען מיט אַנדערע געשליסן פעדערן. עס האָט נישט געהאָלפן מיין ווענדונג, אַז אין טאָג ווען עס ענדיקט זיך מיין שטראָף, זאָל מען מיך שוין נישט פירן צו דער אַרבעט.

אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַט מיט זיך קיין שום זאַכן, איז די פּראָצעדור פון באַפרייען געווען גאָר אַ גיכע. אין דער טורמע־קאַנצעלאַריע האָט שוין אויף מיר געוואַרט אַ הויכער אַנגעזאָפענער פּאָליציאַנט מיט בלאָנדע ביר־וואָנצעס און אַ רויטן קאַרק און אַ באַפרייטן מיך אָפּגעפירט אין דער דייטשער הויפּט־פּאָליציי. יאָ, מען האָט מיר נאָך אויסגעצאָלט פאַר דער אַרבעט עטלעכע צענדליק טויזנט דייטשע מאַרק. בעת איך בין מיטן פּאָליציאַנט געגאַנגען איבער די גאַסן פון בויטען, האָב איך אים גע־

מאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז ער זאָל מיט מיר אַריינגיין אין אַ „ביר־שטובע". איך האָב דערביי געהאַט אַ מיין: אפשר וועל איך אים איבעררעדן און ער וועט מיך לאָזן פריי. דער פּאָליציאַנט האָט אָבער מיך אַ פרעג געטאָן:

— און ווער וועט באַצאָלן?

— נו, פאַרשטייט זיך, אַז איך, — האָב איך אים געענטפערט.

— דיין געלט, וואָס דו האָסט באַקומען, וועט דיר אפילו נישט קלעקן אויף 10 ציגאַרעטן, — האָט ער מיר געענטפערט מיט חוזק.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. פאַרן גאַנצן אַרבעט־לוין האָב איך באַקומען 5 שלעכטע ציגאַרעטן און אַ ציגאַר פאַרן פּאָליציאַנט.

אויפן פּאָליציי־אַמט האָט מען מיר קורץ דערקלערט: „זי האָבען ביינען 24 שטונדען דאָס געביט פרויסען צו פערלאַסען". זיי האָבן מיר דערביי געגעבן אַ פּאַפּיר, אַז איך בין אָפּגעקומען אַזאַ און אַזאַ שטראָף. איך האָב אָנגעהויבן צו טענהן, אַז איך בין אָן אַ גראָשן געלט און ביז איך וועל מיר פאַרשאַפן אויף הוצאות, קען דאָס אַמאָל לענגער דויערן ווי 24 שעה און בעט דעם טערמין צו פאַרלענגערן נאָך אויף אַ פּאָר טעג. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אין תוך גענומען בין איך געווען צופרידן, וואָס איך האָב פאַרלוירן מיין באַגלייטער און קען מיך שוין פריי באַוועגן, זאָל זיין אפילו בלויז איין מעת־לעת.

דאָס ערשטע וואָס איך האָב געטראַכט צו טאָן איז געווען — אויפזוכן דעם לאָקאַל פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. דאָרט האָב איך געהאַפט, וועל איך באַקומען די נויטיקע הילף, כדי צו קענען פאָרן קיין בערלין.

ס'איז נישט שווער געווען צו געפינען דעם קאָמוניסטישן פּאַרטיי־לאָקאַל, מחמת די קאָמפּאַרטיי איז געווען לעגאַל און ביי יעדן צייטונג־קיאָסק האָט מען געקענט קויפן אַ קאָמוניסטיש בלאַט.

דער באַאַמטער, וואָס האָט מיך אויפגענומען אין קאָמוניסטישן פּאַרטיי־לאָקאַל, האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פאַל מיט מיין אַרעסט און מיך אַוועקגעפירט אויף אַ צווייטן לאָקאַל. דאָרט האָט זיך געפונען די פּאַרטייאישע באַצירקס־לייטונג און מען האָט דאָרט זייער באַדויערט מיין פאַל. איך האָב ביי די גענאָסן געבעטן נאָר איין זאַך: מיר באַזאָרגן אַ

באַן־בילעט ביז בערלין און עפּעס געבן אָפּצועסן. אויף דעם האָט די באַ־צירקס־לייטונג איינגעשטימט און מיך געהייסן צוואַרטן.

איינער פון די אַנוועזנדיקע האָט מיך אָוועקגערופן אין אַ זייט און מיך דערציילט, אַז עס זענען פאַר מיר די גאַנצע צייט אָנגעקומען פּעקלעך פון בערלין און אפילו פון פּוילן; אַז מען האָט געשיקט געלט פון בער־לין, כדי מיך אַרויסצונעמען אויף קויציע, אָבער דער סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע האָט אַלץ גענומען פאַר זיך. איך האָב דאָס אַלץ אויסגע־הערט, אָבער מיט אַלע כוחות זיך באַהערשט, כדי נישט אַ פרעג צו טאָן וועגן דעם אויפן אָרט דעם סעקרעטאַר פון דער אָרגאַניזאַציע. איך האָב מורא געהאַט פאַר די קאָנסעקווענצן פון אַזאַ סקאַנדאַל און איך מוז דאָך אין געציילטע שעהן פאַרלאָזן בויטען. איך האָב דעריבער דעם גענאָסע דערקלערט, אַז קומענדיק קיין בערלין, וועל איך דעם גאַנצן ענין אויפ־קלערן און אויך אים געבעטן צו שווייגן.

מען האָט מיך באַזאָרגט אַ באַן־בילעט מיט אַ שלעפּ־צוג און אַן אַ גראָשן געלט אין קעשענע האָב איך מיך געלאָזט אין דעם לאַנגן וועג אַריין, וואָס האָט געדויערט איבער 18 שעה. אַ מידער און הונגעריקער בין איך אָנגעקומען קיין בערלין.

אין בערלין

מיין באַשלוס איז געווען, אַז אין בערלין וועל איך דאָס ערשטע גיין אין סאָוועטישן קאָנסולאַט. דאָרט וועל איך שוין טרעפן די אייגענע. קיין בערלין בין איך אָנגעקומען שפּעט נאָכמיטאָג. און היות ווי קיין גראָשן געלט האָב איך ביי מיר נישט געהאַט, האָב איך דעם וועג געמוזט מאַכן צופוס. פון „שלעזישן וואָקזאַל" ביז „אונטער די לינדען" איז אָבער אַ זייער ווייטער מהלך. ווען איך האָב מיך שוין מיט די לעצטע כוחות דער־שלעפּט צו דעם אָרט, פון וואַנען איך האָב דערוואַרט די ישועה, האָט מיך געטראָפן אַן אומאַנגענעמער סיורפּריז:

בעת איך האָב אָנגעקלונגען ביים טויער פון דער אַמבאַסאַדע, האָט זיך געעפנט אַ קליינע אייזערנע טיר, אָבער ווי נאָר איך האָב באַוויזן אַרויסצוזאָגן אַ פּאָר ווערטער, האָט זי זיך פאַרהאַקט ביי מיין נאָז. קאָנ־

טיק, אַז מיין אויסערלעכער אויסזען איז אין דעם געווען שולדיק. איך בין געווען נאָך די עטלעכע וואָכן זיצן שרעקלעך באַוואַקסן, געטראָגן אויף זיך שמוציקע וועש און אַ צעריסענעם אנצוג. אויף אַזאַ גאַסט אין די שפּעטע שעהן האָט זיך דער סאָוועטישער וועכטער זיכער נישט גע־ריכט און נישט געוואָלט מיך אויסהערן.

אַ פאַרצווייפלטער האָב איך מיך צוגעשלעפּט צו דער רעדאַקציע פון דער „ראָטע פאַנע", דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער דייטשער קאָמ־פּאַרטיי. איך האָב געוווּסט, אַז אין אָוונט וועל איך דאָרט זיכער טרעפן וועמען פון די רעדאַקטאָרן. אַ חוץ דעם, האָב איך אויך געוווּסט, אַז עס אַרבעט אין דער רעדאַקציע וואַלעצקי.

בעת איך בין אַרויף אין דער רעדאַקציע און זיך געפרעגט אויף וואַ־לעצקין, האָט מען מיר מיט פאַרדאַכט געפרעגט פון וואַנען איך קום, ווייל מען האָט אויף מיר גלייך דערקענט, אַז איך בין אַ פרעמדער. איך ווייז דעם באַאַמטן מיין באַפרייאונג־שיין פון דער טורמע און בעט אים וועגן מיר מעלדן וואַלעצקין. זאָגט צו מיר דער באַאַמטער:

— גיין שוין פון דאַנען אַוועק, ווייל אַ ליאַדע רגע קען פּאָליצײ מאַכן אַן איבערפאַל אויף דער רעדאַקציע. אַלס אויסלענדער וועסטו זייער מיאוס אָפּשניידן.

ער האָט מיר אָבער געגעבן דעם אַדרעס פון דער „ראָטע הילפע" — דאָרט קען מען מיר העלפן. איך האָב בײ אים געבעטן אויף אַ טראַמוויי און ער האָט מיר געגעבן געלט.

שפּעט אין אָוונט בין איך אָנגעקומען אין די „ראטע הילפע" און עס איז שוין נישט געווען מיט וועמען צו רעדן. איך האָב געבעטן בײם דיזשורנע־באַאַמטן, אַז ער זאָל מיך לאָזן איבערנעכטיקן און מיר געבן עפּעס צו עסן. אינדערפרי, האָב איך אים פאַרזיכערט, וועט זיך שוין אַלץ אויפקלערן. איך וויל דערביי באַמערקן, אַז אין הויז פון דער „ראָטע הילפע" איז געווען איינגעאָרדנט אַ האָטעל פאַר די פּראָווינצער פּאַרטײ־פונקציאָנאַרן, וואָס זענען געקומען קיין בערלין אין פּאַרטײ־ענינים. עס איז אויך דאָרט געווען אַ קיך.

דער דאָזיקער באַאַמטער האָט זיך מישב געווען מיט נאָך איינעם, וואָס מיט מיר צו טאָן. שלאָפן און עסן קענען זיי געבן נאָר אַזאַ איינעם

פון פּוילן, וואָס ווערט רעקאָמענדירט פון פּוילישן דעלעגאַט ביים דייטשן „מאָפּר". דערביי איז צו מיר דערגאַנגען דער נאָמען „עדזשע".

— אויב ער וואָלט ווירקלעך געווען פון פּוילן, האָט איינער גע־טענהט צום צווייטן, וואָלט ער דאָך געוווּסט, אַז די געגאָסין „עדזשע" פאַרנעמט זיך מיט די פּוילישע פּאָליטישע עמיגראַנטן.

און זיי זענען געקומען צום באַשלוס, אַז איבערנעכטיקן וועלן זיי מיר דערלויבן, אָבער עסן האָבן זיי נישט קיין רעכט מיר צו געבן, ווייל דאָס איז אַן עפעקטיווע אויסגאַבע.

איך בין געווען צופרידן, וואָס איך האָב שוין ווו דעם קאָפּ אַוועק־צולייגן.

אינדערפרי איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך וועל מיך ווענדן צו די דאָ־זיקע לייט און פון זיי פאַרלאַנגען, אַז זיי זאָלן מיר געבן אַ פאַרביג־דונג מיט דער געגאָסין „עדזשע", וואָס פאַרנעמט זיך מיט די פּאָליטישע עמיגראַנטן פון פּוילן.

ווען די פאַרוואַלטער פון דער „ראַטע הילפע" האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי מיר אָנגעהויבן צו מאַכן פאַרוואורפן, הלמאי איך האָב זיי נעכטן אין אָוונט דאָס נישט געזאָגט. איך האָב מיך פאַרטיידיקט, אַז נעכטן אין אָוונט בין איך שטאַרק מיד געווען און ערשט אינדערפרי האָב איך מיך וועגן איר דערמאָנט.

מען האָט שוין מיר געגעבן פרישטיק און אַ פונקציאָנאַר האָט מיך אָפּגעפירט צו דער געגאָסין „עדזשע". זי האָט אַמטירט אין דער סאָוועט־טישער אַמבאַסאַדע, אין דעם זעלביקן בנין, ווו מען האָט פאַר מיר מיט אַ טאָג פריער אַזוי ברוטאַל פאַרהאַקט די טיר. דאָס מאָל אָבער האָט מען אונדזביידע אַריינגעלאָזט און איך האָב אויסגעפילט אַ מעלדע־צעטל, אין וועלכן איך האָב געבעטן אַ זעאונג מיט דער געגאָסין „עדזשע" און אים אונטערגעשריבן מיט מיין פאַרטיי־פּסיידאָנים.

אין דעם דאָזיקן פּרעכטיקן וואַרט־זאַל מיט ווייסן מאַרמאָר, ריזיקע שפּיגלען און לוקסוס־טעפּיכער האָב איך מיט מיין אויסערלעכן אויסזען געוועקט אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. עס האָט אָבער נישט לאַנג גע־דויערט און דער פּאָרטיער האָט באַקומען אַ טעלעפאָן, אַז מען זאָל מיך אַרויפפירן אויף אַ העכערן שטאָק. ווידער פּרעכטיקע סאַלאָנען ביז לסוף

בין איך אַריינגעקומען אין קאַבינעט פון דער גענאָסין „עדזשע".

זי האָט שוין געוווּסט, ווער איך בין און ביי איר אויפן טיש האָט זיך געפונען מיין פּאַס. נאָך עטלעכע מינוט האָב איך אויך שוין געוווּסט, ווער זי איז. „עדזשע" איז געווען די פרוי פון אַן אַקטיוון פּוילישן קאָמו־ניסטישן טוער טענענבוים (יאַשעק), וועלכן איך האָב זייער גוט געקענט. איידער וואָס־ווען האָט זי מיך אַריינגעפירט אין אַ באָד־צימער פון אַ פּרעכטיקן אַפּאַרטאַמענט און מיר געבראַכט וועש, אַן אַנצוג, שיך און אפילו נישט פאַרגעסן אָן אַ קראַוואַט. זי האָט מיר אויך געגעבן עטלעכע דאָלאַרן און געהייסן מאַכן פאָטאָגראַפיעס, ווייל די, וואָס זי האָט פון פּוילן טויגן נישט פאַר בערלינער דאָקומענטן. נאָכמיטאָג, האָט זי צו מיר געזאָגט, וועל איך שוין טרעפן די מענטשן, וואָס וועלן מיט מיר דערליי־דיקן אַלע אַנדערע ענינים.

עס איז דעמאָלט געווען די צייט פון דער שרעקלעכער אינפלאַציע. פאַר אַן אַמעריקאַנער דאָלאַר האָט מען שוין געצאָלט מיליאָנען און שפּע־טער אפילו מיליאַרדן דייטשע מאַרק.

נאָכמיטאָג האָב איך שוין אין דער אַמבאַסאַדע געטראָפן זאָשקע אונשליכט. זי האָט מיך שטאַרק באַדויערט און איך האָב איר געמוזט דער־ציילן אַלע פּרטים פון מיינע איבערלעבונגען. עס האָט זיך אַרויסגע־שטעלט, אַז זי האָט ווירקלעך אַלץ פאַר מיר געטאָן, אַז מען זאָל מיך וויכף באַפרייען, אָבער דער סעקרעטאַר פון דער בויטענער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ שווינדלער און זיין האַנדלונג ווערט שוין באַטראַכט דורך די אַנטשפּרעכנדיקע דייטשע פּאַרטיי־אינסטאַנצן.

דאָס ערשטע דאַרף מען מיר מאַכן פּאַפּירן, ווייל אין גאַס קומען איצט פאַר אָפטע אַבלאַוועס. איך האָב אויפן אָרט באַקומען אַן „איינ־לאַדונג" פון קאָנסולאַט צו קומען אין אַכט טעג אַרום אין שייכות מיט מיין בקשה זיך אומצוקערן קיין רוסלאַנד און אויב מען וועט מיך פרעגן ווו עס געפינען זיך מיינע פּאַפּירן, זאָל איך ענטפערן, אַז אין סאָוועטישן קאָנסולאַט. כדי אויסצומיידן איבעריקע קאָמפּליקאַציעס, האָט מיר זאָש־קע געגעבן אַ פּריוואַטן אַדרעס, ווו איך וועל קענען וווינען. דאָס איז געווען אַ פּרעכטיקע דירה אין דעם בורזשואַזן קוואַרטאַל פון בערלין — אין שאַרלאָטנבורג. מיט עטלעכע טעג פריער האָט דאָרט געוווינט מאַר־

סעל קאַשען פון פּאַריז און זיין וואַליזע, וועלכע מען האָט אים געדאַרפט „נאָכשיקן" קיין פּאַריז, (כדי אויסצומיידן איבעריקע רעוויזיעס און קאָנ־טראָלן) האָט זיך נאָך דאָרט געפונען.

ווי איך האָב שוין פריער באַמערקט, האָט זאָשקע אונשליכט אָנגע־פירט מיט די פּוילישע ענינים אין דעם ביוראָ פאַר „אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען". זי האָט געהאַט צו איר דיספּאָזיציע אַ רייע פאָנדן פון קאָמינטערן, וואָס זענען פאַררעכנט געוואָרן אויף דער קאָנטאָ פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי. אַ חוץ דעם האָט זי געהאַט נאָך אַ הכנסה. די פּוי־לישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געאַרבעט אויף סאָוועטישע פּאָסטנס, זע־נען געווען פאַרפליכטעט צו צאָלן אַ באַשטימטן פּראָצענט פון זייערע לוי־נען אַלס פּאַרטיי־שטייער און אויך פאַרן „מאָפּר". די לוינען זענען גע־צאָלט געוואָרן אין דאָלאַרן און דאָס האָט אויסגעמאַכט אַ היפּשע סומע יעדן חודש. זאָשקע אונשליכט האָט אָבער געהאַט אַ ברייטע האַנט פאַר פּאַרטיי־חברים און זי איז שטענדיק געזונקען אין חובות.

דער צווייטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. — דייטשלאַנד סוף 1923. — דער קריזיס אין קאָמינטערן

אַ טייל דעלעגאַטן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אומקערן פון פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און יעדן טאָג האָב איך געטראָפן אין ביוראָ פון זאָשקען פּריש־אָנגעקומענע פון מאָסקווע. פאַרשטייט זיך, אַז אונדזער הויפּט־טע־מע איז געווען דער צוזאַמענפאָר און די איינדרוקן פון רוסלאַנד. דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געענדיקט אין גרויס איילעניש, ווייל מען האָט געוואָלט וואָס גיכער שוין זיין אין פּוילן. אין מאָסקווע, אין די קרייזן פון קאָמינטערן, האָט מען געהאַלטן, אַז אַ ליאַדע טאָג קען אויסברעכן אין דייטשלאַנד די רעוואָלוציע און מען מוז טאַקע וואָס גיכער זיין אין פּוילן. דאָס איז אויך געווען די סיבה, פאַרוואָס מיר האָבן נישט געקאָנט לאַנג בלייבן אין בערלין.

עס איז געווען האַרבסט 1923. דייטשלאַנד האָט דעמאָלט איבער־געלעבט אַ שווערן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קריזיס. בעת איך בין נאָך געווען אין דער בויטענער טורמע, זענען צו מיר דערגאַנגען ידיעות וועגן

די אָפּטע דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטסלאָזע און די רויבערייען פון שפּייז־קראָמען. אין בערלין האָט מען אין די קאָמוניסטישע קרייזן אָפן גערעדט, אַז מען וועט „לאָסשלאָגן“.

בראַנדלער און טאלהיימער האָבן געשלאָסן איינהייטס־פראָנטן מיט די לינקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין גייסט פון די באַשלוסן פון קאָמינ־טערן און עס זענען אַנטשטאַנען קאָמוניסטיש־סאָציאַליסטישע רעגירונגען אין זאַקסן און טירינגען.

אין דרעזדן האָט געדאַרפט פאָרקומען אַ קאָנפערענץ פון די קאָמו־ניסטישע פראַקציעס ביי די אָרגאַניזירטע באַן־אַרבעטער, וווּ מען האָט געזאָלט פּראָקלאַמירן אַן אַלגעמיינעם שטרייק פון די באַן־אַרבעטער אין גאַנץ דייטשלאַנד. צו דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָב איך געזאָלט פאָרן אַלס דעלעגאַט פון פּוילן, אָבער אין דער לעצטער מינוט איז מיין רייזע אָפּגעלייגט געוואָרן, ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז די באַנען וועלן זיך אויף אַ ספּאָנטאַנעם אופן נאָך פריער אָפּשטעלן און איך וועל בלייבן שטעקן אין מיטן וועג.

בכלל האָט מען צוגעאיילט מיט אונדזער צוריקפאָר קיין פּוילן. איך בין געפאָרן קיין דאַנציק צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע דעלעגאַטן פון צוזאַ־מענפאָר. דאָרט האָבן מיר געדאַרפט אָפּהאַלטן אַ רייע זיצונגען, בייטן די פּאַפּירן און זיך דערוויסן, ווער פון אונדז איז בעת זיין אָפּוועזנקייט אין פּוילן אויפסנייע נישט פאַרמישט געוואָרן אין שייכות מיט נייע אַרעסטן. קיין דאַנציק זענען שוין אויך אָנגעקומען די רעזאָלוציעס פון צווייטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר און איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט זיך מיט זיי צו באַקענען און אויך אויסהערן אַ מינדלעכן באַריכט וועגן פאַר־לויף פון צוזאַמענפאָר.

דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע און זינאָוויעוו האָט אים באַגריסט אין נאָמען פון קאָמינטערן. זיין באַגריסונג איז שפּעטער דערשינען אין דער פאָרם פון אַ בראָשור.

צו די צענטראַלע פּונקטן אויפן צוזאַמענפאָר האָבן געהערט די פראַגן, וואָס זענען געבליבן אָפן נאָך דער דריטער קאָנפערענץ, ווי, למשל, די אַגראַר־פראַגע, די נאַציאָנאַלע, די פּראָבלעמען פון אַרבעטער־ און פּויערים־בונד אָדער אַרבעטער און פּויערים־רעגירונג, אאז״וו. דער צוזאַ־

מענפאַר איז אָבער געשטאַנען אונטערן צייכן פון דער זיך אָנרוקנדיקער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד און די האָפענונגען, וואָס די קאָמוניסטן אין פּוילן דאַרפן מיט איר פאַרבינדן.

מיר אַלע האָבן דעמאָלט געהאַט די טיפע איבערצייגונג, אַז דאָס איז אַ פראַגע פון טעג אָדער וואָכן און אַז אין דייטשלאַנד וועט דער קאָמו־ניזם איצט קומען צו דער מאַכט. מיר האָבן דעריבער גאַנצע טעג גע־שמועסט נאָר וועגן דייטשלאַנד און אויפגעכאַפּט יעטוועדע ידיעה, וואָס מיר האָבן פון דאָרט באַקומען אויפן פאַרטייאישן וועג.

די סאָוועטישע „פּראַוודאַ" האָט געדרוקט לאַנגע באַשרייבונגען וועגן דייטשלאַנד פון איר בערלינער קאָרעספּאָנדענט, אין וועלכע עס האָט אויך דאָמינירט די איבערצייגונג, אַז די רעוואָלוציע דערנענטערט זיך. בראַנדלערס רעדעס אין דער „פּראַוודאַ" האָבן אויך געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דאָס וואָס ער רעדט איז אין הסכם מיט דער ליניע פון קאָ־מינטערן. אויך ראַדעקס אַרטיקלען אין דער „פּראַוודאַ" האָבן מיר אַלע געהאַלטן אַלס דעם אָפיציעלן אויסדרוק פון דער קאָמינטערן־ליניע בנוגע דייטשלאַנד.

אַז די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד קלאַפּט שוין אין דער טיר — דאָס האָט אויך באַקרעפטיקט זינאָוויעוו אין זיין לאַנגער רעדע אויפן צווייטן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון דער ק. פּ. פּ. ער האָט צווישן אַנדערן דערקלערט, אַז די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד איז אַן אומפאַרמיידלעכע און אַז אין דער נאָענטסטער צייט וועלן מסתמא פאָרקומען געשעענישן פון אַן אַנטשיידנדיקן כאַראַקטער. דאָס וועט פאָרקומען, האָט זינאָוויעוו דערקלערט פון דער פאַרטיי־טריבונע, אין עטלעכע חדשים אַרום, עס קען זיין נאָך פריער, גיכער פריער ווי שפּעטער.

זינאָוויעוו האָט אויך פאַרזיכערט, אַז נישט בלויז אַלע קאָמוניסטי־שע פּאַרטייען וועלן העלפן דער דייטשער רעוואָלוציע, נאָר אַז סאָוועט־רוסלאַנד, אפילו ווען זי וואָלט געוואָלט, וואָלט זי נישט געקענט אָפּטיילן איר גורל פון גורל פון דער דייטשער רעוואָלוציע. ער האָט זיך נאָך קלאָ־רער אויסגעדריקט: „עס איז הונדערט פּראָצענט זיכער, האָט זינאָוויעוו געזאָגט, אַז די רוסישע באָלשעוויקעס און דער ראַטנפאַרבאַנד וועלן תיכף דערוויסן, אַז זיי האָבן געוואַרט, געזאַמלט זייערע כוחות, זענען אָפּגע־

טראָטן, האָבן מאַנעווורירט, כדי אין אַ דעצידירנדיקן מאָמענט צו וואַרפן אַלץ, וואָס מיר האָבן, אויף דער וואָגשאָל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע און פון דער דייטשער רעוואָלוציע״.

מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז צו יענער צייט (האַרבסט 1923) איז זינאָוויעוו געווען איינער פון דעם „דריילינג״, וואָס האָט געהאַלטן פּאַקטיש די גאַנצע מאַכט פון רוסלאַנד און פון קאָמינטערן אין זיינע הענט.

מען האָט אויך דעמאָלט געוווסט, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער דייטשער קאָמפּאַרטיי מיט בראַנדלערן און טאַלהיימערן אין דער שפּיץ טוען נישט קיין שום זאַך אָן אַ פריערדיקער פאַרשטענדיקונג מיט מאָסקווע; אַז מאָסקווע פירט אייגנטלעך אָן מיט דער סטראַטעגיע און טאַקטיק פון דער דייטשער רעוואָלוציע. אַזוי, למשל, האָט זינאָוויעוו פאַרלאַנגט פון בראַנדלערן, אַז דער אַנטייל פון די קאָמוניסטן אין די רעגירונגען פון זאַקסן און טירינגען זאָל אָפּהענגיק געמאַכט ווערן דערפון, צי די לינקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן וועלן מסכים זיין, אַז פון 50 ביז 60 טויזנט דייטשע אַרבעטער זאָלן ווערן באַוואָפנט, אַז די בורזשואַזע וווינונגען זאָלן רעקווייזירט ווערן פון דער קאָמוניסטיש־סאָציאַליסטישער רעגירונג פאַר די היימלאָזע; אַז די אַרבעטסלאָזע זאָלן תיכף באַקומען אַ גרויסע אונטערשטיצונג און אַז די גרויס־אינדוסטריע זאָל ווערן נאַציאָנאַליזירט. אַ חוץ דעם, האָט מאָסקווע געהאַלטן, דאַרפן די קאָמוניסטן שטעלן פאַר אַ באַדינג זייערע קאָאַליציע־שותפים, אַז עס זאָלן תיכף אַרעסטירט ווערן אַלע סאַבאָטאַזשניקעס און דער עיקר — עס זאָל געשטעלט ווערן פאַר דער רעגירונג און פאַר די אַרבעטער־מאַסן די תיכפדיקע אויפגאַבע פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין לאַנד. אויף אַ באַראַטונג פון די פאַרשטייער פון קאָמינטערן מיט די דייטשע קאָמוניסטישע פירער זענען די אַלע פאָדערונגען אַקצעפּטירט געוואָרן.

אמת איז, אַז בראַנדלער האָט דעמאָלט געטענהט, אַז די מאַכט קען מען איבערנעמען, נאָר אַז די שוועריקייט באַשטייט אין דעם, ווי אַזוי זי שפּעטער איינצוהאַלטן. אַז בראַנדלער איז געווען גערעכט, האָבן דאָס שפּעטער באַשטעטיקט די טראַגישע געשעענישן אין האַמבורג. טעלמאַן האָט דאָרט אָרגאַניזירט אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד, וועלכער איז אַדורכ־

געפאַלן פשוט דערפאַר, וואָס די דייטשע אַרבעטער־מאַסן האָבן אים נישט אונטערגעהאַלטן.

עס איז אויך אמת, אַז מאָסקווע האָט געשטויסן צו די בלוטיקע גע־שעענישן אין דייטשלאַנד, ווייל אַ חוץ די באַדינגונגען, וואָס בראַנדלער האָט געדאַרפט שטעלן די לינקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן אין זאַקסן און טי־רינגען אויפן פאַרלאַנג פון מאָסקווע, האָט זינאָוויעוו נאָך פאַרלאַנגט פון בראַנדלערן, אַז ער זאָל זיך פאַרפליכטן צו אַ באַשטימטן טערמין, ווען דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד מוז אויסברעכן. בראַנדלער האָט, קענטיק, בעסער געקענט די לאַגע אין דייטשלאַנד און ער האָט נישט געהאַט די זיכערקייט, צי דער דייטשער פּאָליציי וועט נישט געלינגען אַזאַ אויפ־שטאַנד צו אונטערדריקן. עס בלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז די גאַנצע צייט איז דער קאָמינטערן געגאַנגען צוזאַמען מיט דער דייטשער אַנפירונג, דאָס הייסט מיט בראַנדלערן און טאַלהיימערן. דאָס האָט אויך שפּעטער באַשטעטיקט מאַסלאָוו, דער פירער פון די אולטראַ־לינקע, וואָס איז נישט געווען מסכים מיט דער ליניע פון קאָמינטערן און מיט דער מערהייט פון צ. ק. פון דער דייטשער קאָמפּאַרטיי. אָבער וועגן דעם וועט נאָך אויס־קומען צו רעדן. בעת מיר זענען פון דאַנציק צוריקגעפאָרן קיין פוילן, האָט אַלץ נאָך פאַר אונדז אויסגעזען אין ראָזאָווע, ריכטיקער, אין רויטע פאַרבן און מיר זענען געווען באַהערשט פון אַ גרויסן ענטוזיאַזם.

די באַשלוסן פון צווייטן צוזאַמענפאָר האָבן אין יענעם מאָמענט נישט אַרויסגערופן קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט ביים פאַרטיי־אַק־טיוו. מען האָט אין פּריוואַטע געשפּרעכן געמאַכט פּלענער וועגן באַהערשן וואַרשע און זיך אויסגעמאָלט אַ בילד, ווי אַזוי פוילן וועט אויסזען נאָכן זיג פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. עס האָבן ביי אונדז דעמאָלט נישט עקזיסטירט קיין ספקות, אַז דער זיגרייכער דיי־טשער פּראָלעטאַריאַט דאַרף דערקלערן אַ קריג דעם רעאַקציאָנער־בור־זשואַזן פוילן, כדי די פּוילישע אַרבעטער צו באַפרייען פון דער קאַפּי־טאַליסטישער קנעכטשאַפט.

זינאָוויעוו האָט אגב וועגן דעם אויך גערעדט אויפן פאַרטיי־צוזאַ־מענפאָר. ער האָט אָנגעוויזן, אַז לעניניסטן טיילן איין מלחמות אויף גע־רעכטע און אומגערעכטע און נישט אויף אָנגריף־ און פאַרטיידיקונג־מל־

חמות. אין דער פּראַגע, האָט ער געזאָגט, באַנוצן מיר זיך מיט אַ געזעל־שאַפטלעכן קריטעריום — ווער, וועלכער קלאַס און צוליב וואָס טרעט ער אַרויס אין קאַמף. לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז די דייטשע פּראָלעטאַרישע רעפּובליק, כדי זיך צו פאַרהיטן פון אַ מאָרגנדיקן אָנגריף מצד דער פּוי־לישער בורזשואַזיע, טרעט אַרויס די ערשטע צום קאַמף. פון ריין סטראַ־טעגישן שטאַנדפּונקט קען מען אַזאַ אַרויסטריט באַטראַכטן אַלס אַגרעסיע. פּאַקטיש אָבער וואָלט דאָס געווען אַ פאַרטיידיקונג־קריג.

דאָס איז נישט בלויז געווען זינאָוויעווס אַ פּערזענלעכע מיינונג. לאָמיר זיך דערמאָנען, אַז שוין אין 1920 האָט לענין געוואָלט גיין קיין בערלין, כדי דאָרט צו באַפרייען דעם דייטשן פּראָלעטאַריאַט פון דער בורזשואַזער הערשאַפט.

מיר האָבן זיך צו יענער צייט אַזוי שטאַרק איבערגענומען מיט דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד, אַז מיר האָבן דערוויל גאַנץ נישקשהדיק פאַרזען דאָס אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין פּוילן גופא.

אין האַרבסט האָט זיך איבערן גאַנצן לאַנד פונאַנדערגעגאָסן אַ גרויסע שטרייק־כוואַליע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט בלוטיקע קאַמפן און מיט אַן אַרבעטער־אויפשטאַנד אין דער אַלטער פּוילישער שטאָט קראָקע.

אין פּוילן האָט צו יענער צייט געהערשט אַ שטאַרקער אינדוסט־ריעלער און פינאַנציעלער קריזיס און דער יקרות איז געוואקסן מיט יעדן טאָג. דאָס האָט גורם געווען אַ געוואַלדיקע אומצופרידנקייט ביי די ברייטע פאָלקס־מאַסן. אין לאָדזש, אויבערשלעזיע און גאַליציע זענען אויסגעבראָכן גרויסע שטרייקן. עס האָבן געשטרייקט די פּאָסט־אָנגע־שטעלטע און עס זענען פאָרגעקומען שטרייקן אויף די באַנען.

אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער שטרייק־כוואַליע זענען געשטאַ־נען די פּ. פּ. ס. און די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַריינען, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון דער פּ. פּ. ס. אין קראָקע, ווו דער לינקער פליגל פון דער פּ. פּ. ס. איז געווען באַזונדערס שטאַרק, האָט די רעגירונג מורא געקריגן פאַר די ריזיקע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס און האָט אַרויסגערופן מיליטערישע אָפּטיילונגען צו הילף דער פּאָלי־ציי. אַ טייל מיליטער האָט זיך אָבער סאָלידאַריזירט מיט די אַרבעטער

און נאָך אַ בלוטיקן גאַסן־קאַמף מיט פּאָליציי און מיליטער האָבן די אַר־בעטער באַזעצט די וויכטיקסטע פּונקטן פון דער שטאָט.

עס איז געקומען צו אַן אויסגלייך מיט דער רעגירונג־מאַכט און אין שטאָט איז ווידער געוואָרן רואיק.

דער דאָזיקער קראָקעווער אויפשטאַנד האָט אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע לאַנד. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט נישט געהאַט קיין וועזנטלעכע השפּעה אויף דער שטרייק־כוואַליע אין לאַנד און ווען קראָקעווער אויפשטאַנד האָט זי זיך דער־ווּסט ערשט דעמאָלט, ווען ער איז שוין געווען ליקווידירט.

דאָס האָט אָבער נישט געשטערט דער פּאַרטיי־אָנפירונג צו זען אין דער שטרייק־באַוועגונג אין לאַנד און אין די טראַגישע געשעענישן אין קראָקע דעם איבערגאַנג פון מאַסן־שטרייקן צום באַוואָפנטן אויפשטאַנד, דאָס מיינט, אַז אין פּוילן איז די סיטואַציע ענלעך צו דער וואָס אין דייטשלאַנד.

אַ דריטע געשעעניש האָט אונדז דעמאָלט זייער שטאַרק באַאייִנ־פלוסט: די קאַמפן אין בולגאַריע. כמעט אין דער זעלביקער צייט, ווען עס זענען אָנגעוואַקסן די רעוואָלוציאָנערע קאַמפן אין דייטשלאַנד און פּוילן, זענען אויסגעבראָכן בלוטיקע געשעענישן אין בולגאַריע.

אין יוני 1923 איז פאָרגעקומען אַ מלוכה־איבערקערעניש אין בול־גאַריע קעגן סטאַמבולינסקיס פּויערים־רעגירונג און אויף איר אָרט איז געקומען די רעאַקציאָנערע צאַנקאָוו־רעגירונג. גראַד אין בולגאַריע איז די קאָמפּאַרטיי געווען פאַרהעלטנישמעסיק שטאַרק. זי האָט אָבער אין דעם דאָזיקן קאַמף פאַרנומען אַ נייטראַלע פּאָזיציע, טענהנדיק, אַז עס שפּילט זיך אָפּ אַ קאַמף צווישן דער שטאָטישער און דאָרפישער בור־זשואַזיע און צו אַזאַ מין קאַמף דאַרפן די קאָמוניסטן בלייבן נייטראַל און גלייכגילטיק. דער קאָמינטערן האָט תיכף באַפוילן די קאָמוניסטן פון סאָפיע אַרויסצוגיין אין קאַמף, ווייל זייער שטעלונג איז אַן אָפּאָרטוניס־טישע. די קאַמפן האָבן אָנגעהאַלטן דריי טעג און נישט געקוקט דערויף, וואָס אין זייער שפּיץ זענען געשטאַנען אַזעלכע געטרייע באַלשעוויקעס, ווי קאָראַלאָוו און דימיטראָוו, האָבן זיך די דאָזיקע קאַמפן פאַרענדיקט מיט אַ שרעקלעכער מפּלה פאַר די בולגאַרישע קאָמוניסטן.

מיטן יאָר 1923 האָבן זיך אייגנטלעך פאַרענדיקט די רעוואָלוציאָנערע אויפבראיזן אין אייראָפּע, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אין 1917 אין רוס־לאַנד און עס האָט זיך אָנגעהויבן צו מערקן אַ באַשטימטע סטאַבילי־זאַציע.

דער קאָמינטערן האָט געליטן שפּירעוודיקע מפּלות און דאַקעגן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין אייראָפּע האָבן זיך ווידער פאַרשטאַרקט און אויסגעברייטערט זייער השפּעה. אין יאַנואַר 1924 דערגייט עס אין ענגלאַנד צו דער מאַקדאָנאַלד־רעגירונג און אין פראַנקרייך קומט צו דער מאַכט דער לינקער קאַרטעל מיט העריאָ אין דער שפּיץ, ווען עס שטיצן די פראַנצויזישע סאָציאַליסטן. אין די סקאַנדינאַווישע לענדער קומען די סאָציאַליסטן צו דער מאַכט.

פון דער אַנדערער זייט, האָט זיך שוין באַדייטנדיק פאַרפּעסטיקט דער ראַטנפאַרבאַנד סיי אינערלעך און סיי אויסערלעך און די אויסגערו־נגענע האָפענונגען אויף דער דייטשער רעוואָלוציע האָבן נישט געוועקט קיין אומרו ביי די סאָוועטישע פירער וועגן דער עקזיסטענץ גופא פון דעם באָלשעוויסטישן סיסטעם אין רוסלאַנד, ווי דאָס איז געווען אין די פריערדיקע יאָרן. מען דאַרף אָבער דערביי נישט פאַרגעסן אָן אַנדער דערשיינונג, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע באַאומרואיקונג אין די קאָמוניסטישע קרייזן פון רוסלאַנד און פון קאָמינטערן. איך מיין דעם קאַמף מיט טראָצקין און די דעקלאַראַציע פון די „46" צום צ. ק. פון דער סאָוועטישער קאָמפּאַרטיי. טראָצקי און זיינע אָנהענגער האָבן קרי־טיקירט די מערהייט פון פּאָליט־ביוראָ פון דער וו. ק. פּ. פאַר איר עקאָ־נאָמישער פּאָליטיק אין סאָוועט־רוסלאַנד. טראָצקי האָט פאַרגעוואָרפן דעם פּאָליט־ביוראָ פלאַנלאָזיקייט און ער האָט געהאַלטן, אַז אויב עס זענען פאַראַן באַדייטנדיקע ווירטשאַפטלעכע דערפאָלגן, זענען זיי גע־קומען קעגן דעם ווילן פון דער מערהייט פון דער אָנפירונג און אַז דאָס איז נישט זייער פאַרדינסט. די דיסקוסיע האָט זיך אויך געדרייט אַרום דער פראַגע וועגן דער „פּערמאַנענטער רעוואָלוציע" און וועגן דעם, ווי אַזוי מען דאַרף אינטערפּרעטירן דעם לאָזונג פון „אַרבעטער־ און פּויער־רים־בלאָק" און רעאַליזירן די העגעמאָניע פון פּראָלעטאַריאַט איבער די אַנדערע פאָלקס־שיכטן.

זינאָוויעוו און אַנדערע פון דער מערהייט האָבן פאַרגעוואָרפן טראָצ־קין, אַז ער גלויבט נישט אין פויערנטום אַלס דעם פאַרבינדעטן פון אַר־בעטער־קלאַס און איז פאַר אַ שטרענגער באַציאונג צו אים מצד דער ראַטן־מאַכט.

דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך נישט באַגרעניצט בלויז צו די אי־נערלעכע רוסישע פּראָבלעמען. טראָצקי האָט אויך באַרירט די טעטיקייט פון קאָמינטערן און אָנגעוויזן אויף זיינע מפּלות אין דייטשלאַנד. ביידע צדדים, סיי דאָס „דריילינג" און סיי טראָצקי, האָבן געזוכט אַן אָנשפּאַר אין די אויסלענדישע קאָמוניסטישע פּאַרטייען.

טראָצקיס אויטאָריטעט איז נאָך געווען זייער גרויס און קיינער האָט זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז ער זאָל זיך נישט געפינען צווישן די קוואַליפיצירטע פירער פון סאָוועט־רוסלאַנד און קאָמינטערן.

אין די שפּיצן פון דער קאָמוניסטישער יעראַרכיע אין מאָסקווע האָט זיך שוין אָבער געהאַט שטאַרק צעפלאַקערט דער קאַמף קעגן טראָצ־קין, אַ קאַמף וואָס האָט אָנגענומען וואָס אַמאָל אַלץ שאַרפערע פאָרמען.

די קאָמוניסטישע מפּלה אין דייטשלאַנד, די צעפלאַקערטע דיסקוסיע אין די שפּיצן פון דער וו. ק. פּ. און די פאַרשטאַרקטע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־באַוועגונג אין אייראָפּע האָבן גורם געווען אַ פּאָליטישן און אָר־גאַניזאַציאָנעלן קריזיס אין קאָמינטערן, וועלכן מען האָט שוין נישט גע־קענט באַהאַלטן.

די דאָזיקע פּאָליטישע געשעענישן זענען נישט געווען אָפּגעריסן איינע פון דער אַנדערער, נאָר האָבן געהאַט אַ טיפע אינערלעכע שייכות. אויב, למשל, די רוסישע אָפּאָזיציע האָט אַטאַקירט דעם צענטראַליזם פון דער וו. ק. פּ. און די אַלטע באָלשעוויסטישע גוואַרדיע, האָט זי מיט דעם שוין גלייכצייטיק אויך אָנגעגריפן דעם גאַנצן אָרגאַניזאַציאָנעלן בוי פון קאָמינטערן, ווייל זיין יסוד איז אויך געווען דער באָלשעוויסטישער צענטראַליזם.

אויב די אָפּאָזיציע האָט מיט איר קריטיק אונטערגעגראָבן דעם פּאָ־ליטישן און מאָראַלישן אויטאָריטעט פון דער הערשנדיקער „טראָיקע", האָט זי מיט דעם אויך געטראָפן אין דער אָנפירונג פון קאָמינטערן, וואָס איז באַשטאַנען פון רוסישע באָלשעוויקעס און בכלל אָפּגעשוואַכט די

ווירקונג פון דער רוסישער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי אויף די אויסלענ־דישע קאָמפּאַרטייען.

אין דער דייטשער קאָמפּאַרטיי האָט די מפּלה אַרויסגערופן אַ טיפן אינערלעכן קריזיס און אין משך פון חדשים האָט אָנגעהאַלטן אין דער פּאַרטיי אַ פאַרביטערטער קאַמף צווישן די רעכטע, צענטריסטן און לינקע.

אין פּוילן האָבן די געשעענישן אין דייטשלאַנד און רוסלאַנד נישט אויפגעטרייסלט מיט דער גאַנצער פּאַרטיי, ווייל די פּאַרטיי איז געווען אומלעגאַל. אַלע אינפאָרמאַציעס וועגן די אינערלעכע קאַמפן אין רוס־לאַנד אָדער דייטשלאַנד זענען אָנגעקומען מיט גרויס פאַרשפּעטיקונג. נאָר דער פּאַרטיי־אַקטיוו, ריכטיקער, די פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן, האָבן מיטגעלעבט מיט די געשעענישן. אויף אַן אומלעגאַלן פּאַרטיי־קעמערל, וואָס איז זיך נישט רעגולער צונויפגעקומען, איז פּשוט נישט געווען מעג־לעך אַוועקצושטעלן די אַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן געבילדעט דעם קאַמ־פּלעקס שטרייט־פראַגן אין רוסלאַנד און קאָמינטערן. מען וואָלט דער־צו נויטיק געהאַט גאַנצע טעג און נעכט און אַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג האָט נישט געקאָנט לענגער דויערן ווי דריי אָדער מאַקסימום פיר שעה. דאָס דאַרף מען נעמען אין אַכט, ווען מען רעדט וועגן די אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע שטרייטן אין דער קאָמפּאַרטיי פון פּוילן. דאַקעגן זענען די פּוילישע טורמעס געווען דאָס אָרט, וווּ מען האָט דערגאַנצט די פּאָליטישע אויסשולונג.

יעדער פּאָליטישער אָדער אידעאָלאָגישער קריזיס אין דער קאָמ־פּאַרטיי האָט שטענדיק אַרומגעכאַפּט בלויז אַ דינעם שיכט פון דער פּאַרטיי־מיטגלידערשאַפט, דעם אויבערשטן, דעם מער אַקטיוון. די דורכ־שניטלעכע פּאַרטיי־מיטגלידער זענען אין אַ גאָר גרויסער מאָס געבליבן פון אַזאַ קריזיס אומבאַרירט. זיי פלעגן אויספירן די דירעקטיוון און אָנ־ווייזונגען.

ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, האָט די אָנפירונג פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי זיך אונטערשיידט פון אַלע אַנדערע אויסלענדישע סעקציעס פון קאָמינטערן דערמיט, וואָס זי האָט נישט בלויז געהאַט אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער סאָוועטישער אָנפירונג פון קאָמינטערן, נאָר אויך גע־

האָט אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיטן סאָוועטישן מלוכה־אַפּאַראַט, ווייל אַ סך קאָמוניסטן פון פוילן האָבן געאַרבעט אויף הויכע סאָוועטישע מלוכה־שטעלעס. דער איינפלוס זייערער אויף דער פוילישער פּאַרטיי־אָנפירונג איז געווען זייער אַ גרויסער. אַזוי, למשל, האָט דעם דריטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון דער ק. פּ. פּ., וואָס איז פאָרגעקומען סוף 1924, געעפנט יוליאַן אונשליכט, דער דעמאָלטיקער סאָוועטישער וויצע־קריגס־מיניסטער.

די אינפאָרמאַציעס, וואָס דער צ. ק. פלעגט באַקומען אויף דער ליניע פון זיינע פאַרבינדונגען מיט די פויליש־סאָוועטישע דיגניטאַרן, האָבן אָבער אָפטמאָל טייער געקאָסט דעם צ. ק., ווייל ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין די אינערלעכע קליקן־קאַמפן פון דער וו. ק. פּ. און סאָוועטישן מלוכה־אַפּאַראַט. עס פלעגט דעריבער טרעפן, אַז דער צ. ק. האָט באַקומען איבער דער נאָז פאַר אַזאַ מין זיך אַריינמישן. אין אַזאַ פאַל פלעגט ער זיך פאַרטיידיקן, אַז ער איז געווען שלעכט אָדער איינזייטיק אינפאָרמירט.

אַזוי איז דאָס אויך געווען אין דער פראַגע פון דער רוסישער אָפּאָזיציע אין יאָר 1923. דער צ. ק., אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאַנען וואַרסקי, קאָסטזשעווא און וואַלעצקי, האָט אין דעצעמבער 1923 צוגעשיקט צום רוסישן פּאָליט־ביוראָ אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן אויף דער גרויסער ראָל, וואָס טראָצקי האָט געשפּילט בעת דער באָלשעוויסטישער אָקטאָבער־איבערקערעניש און אויף די אינטימע פעדים, וואָס פאַרבינדן אים מיט דעם וועלט־קאָמוניזם. אין דעם דאָזיקן בריוו איז אויך אונטערגעשטראָכן געוואָרן די באַאומרואיקונג צוליב דעם פאַקט, וואָס די דיסקוסיע מיט טראָצקין האָט שוין אָנגענומען אַזעלכע דראַסטישע פאָרמען, דאָס מוז וועקן די ערגסטע פאָרויסזעאונג. — האָט זיך דאָרט ווייטער געזאָגט.

אין דעצעמבער 1923 האָט נאָך קיינער נישט געקענט פאָרויסזען, מיט וואָס עס וועט זיך פאַרענדיקן דער אינערלעכער קאַמף אין דער וו. ק. פּ., אָבער פאַר סטאַלינען גופא איז זיכער שוין געווען קלאָר, ווו עס וועט אין דער צוקונפט זיין דער פּלאַץ פון די, וואָס שרייבן אַזעלכע בריוו. למען האמת דאַרף איך צוגעבן, אַז די פירער פון דער פוילישער קאָמפּאַרטיי און אַלע זייערע אָנהענגער האָבן נישט געהאַט קיין שום שייכות

צו דער אידעאישער פּלאַטפאָרם, וואָס די רוסישע אָפּאָזיציע האָט דע־מאָלט פאַרטיידיקט. מען איז נישט מסכים געווען מיט טראָצקין, אָבער מען האָט געהאַלטן, אַז ער דאַרף ווייטער זיין אין דער אָנפירונג, באַזונדערס ווען לענין איז שוין געווען שטערבלעך קראַנק.

דער דאָזיקער בריוו צום רוסישן פּאָליט־ביוראָ איז שפּעטער באַשטע־טיקט געוואָרן דורכן גאַנצן פּוילישן צ. ק. און אויף אַזאַ אופן האָט זיך די גאַנצע אָנפירונג אַנגאַזשירט קעגן דער דעמאָלטיקער אָנפירונג פון קאָמינטערן, קעגן דעם „דריילינג".

אויך אין דער פראַגע דייטשלאַנד האָט די פּוילישע אָנפירונג זיך געשטעלט אויף דער זייט פון בראַנדלערן און טאַלהיימערן, קעגן וועלכע זינאָוויעוו האָט שוין געהאַט אָנגעהויבן אַן אָפענעם קאַמף.

דאָס מיינט נישט, אַז מיר דעמאָלט האָבן געהאַלטן, אַז אַלץ וואָס בראַנדלער האָט געטאָן איז געווען ריכטיק. די פּוילישע אָנפירונג האָט אָבער געהאַלטן, אַז נישט געקוקט אויף די פעלערן פון בראַנדלערן און טאַלהיימערן, איז נישט דערלאָזבאַר די העצע, וואָס די לינקע אין דער דייטשער קאָמפּאַרטיי פירן קעגן זיי. באַזונדערס אָבער האָט די פּויליש־ע אָנפירונג גענומען אונטער איר שוץ ראַדעקן, וועמען די לינקע האָבן באַשולדיקט אין אָפּאָרטוניזם. דאָס האָבן וואַרסקי און קאָסטזשעווא גע־האַלטן פאַר נישט דערלאָזבאַר, ווייל עס רייסט אַראָפּ דעם פּרעסטיזש פון איינעם פון די אָנגעזעענסטע פירער פון קאָמינטערן. אָט די דאָזי־קע מיינונג האָבן די פּוילישע פירער געבראַכט צום אויסדרוק אין אַ ספּע־ציעלער דעקלאַראַציע אויף דער זיצונג פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פון קאָ־מינטערן אין יאַנואַר 1924.

דאָס שטעלן זיך אויף דער זייט פון ראַדעקן, בראַנדלערן און טאַל־היימערן איז נישט בלויז געווען דיקטירט פון געפילן פון אַכטונג און פּערזענלעכער פריינטשאַפט צו די אויבנדערמאָנטע. עס האָט געהערשט צווישן דער פּוילישער אָנפירונג און די דייטשע פירער אַן אידעאישע און פּאָליטישע געמיינשאַפט. ביי אַן ענלעכער לאַגע אין פּוילן וואָלטן וואַרסקי, קאָסטזשעווא און וואַלעצקי געפירט די זעלביקע פּאָליטיק, וואָס בראַנדלער און ראַדעק אין דייטשלאַנד.

אויף דעם גאָר וואָס אָפּגעהאַלטענעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער

ק. פ. פ. האָבן די דריי „וו" אַדורכגעפירט אַזעלכע רעזאָלוציעס, וואָס האָבן זיך פולשטענדיק געדעקט מיט דער קאָמוניסטישער טאַקטיק אין דייטשלאַנד, נאָר זענען געווען צוגעפּאַסט צו די פּוילישע באַדינגונגען. די דאָזיקע רעזאָלוציעס האָבן זינאָוויעוו און מאַנואילסקי זייער גוט גע־קענט, ווייל מיט זייער הסכם זענען זיי אָנגענומען געוואָרן.

אגב, ווי איך האָב שוין דאָס פריער באַמערקט, האָט דער קאָמינ־טערן פאַקטיש אָנגעפירט מיט די קאַמפן אין דייטשלאַנד און בראַנדלער האָט שטענדיק געהאַנדלט לויט די דירעקטיוון פון מאָסקווע, כאָטש נישט שטענדיק איז ער מיט זיי מסכים געווען.

דער קאָמינטערן, ד"ה די רוסישע באָלשעוויסטישע פירער האָבן אָבער נישט געקענט אויף זיך נעמען די שולד פאַר דער מפּלה אין דייטש־לאַנד (דער קאָמינטערן האָט קיינמאָל נישט געטאָן אַזאַ זאַך) און זי־נאָוויעוו האָט געמוזט האָבן דעם שעיר לעזאזל. צו הילף איז זענען גע־קומען, אָדער ער האָט אויסגענוצט, די עקזיסטירנדיקע לינקע אָפּאָזיציעס אין די מערב־איירָאָפּעאישע קאָמפּאַרטייען.

אין דייטשלאַנד און אין פּוילן האָבן דעמאָלט עקזיסטירט שטאַרקע אָפּאָזיציעס קעגן דער אָפיציעלער טאַקטיק פון קאָמינטערן, וואָס זיי האָבן באַצייכנט אַלס רעכטע ליניע און אפילו אַלס האַלב־מענשעוויסטי־שע. אין דייטשלאַנד איז דאָס געווען די אָפּאָזיציע פון מאַסלאָוו, רוט פישער און די נאָך מער לינקע שאָלעם און קאַץ. דער קאָמינטערן האָט וועגן דעם גאַנץ גוט געוווסט און דאָך האָט ער זיי נישט געשטיצט אין קאַמף קעגן בראַנדלערס רעכטן קורס אין דער פּאַרטיי. אין פּוילן איז דאָס געווען דאָמסקי און זאָפיע אונשליכט, וואָס האָבן אָפן באַקעמפט די ליניע פון די דריי „וו" און די טאַקטיק פון צוויי עטאַפּן פון דער רע־וואָלוציע (אַ בירגערלעך־דעמאָקראַטישער און פּראָלעטאַריש־באָלשעוויס־טישער), דעם לאָזונג פון אַן אַרבעטער־ און פּויערים־רעגירונג און דעם איינהייט־פראָנט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. פאַר דער אידעאישער ריינקייט פון דאמסקין און זאָפיע אונשליכט איז כדאי אונטערצושטרייכן דעם וויכטיקן פאַקט, אַז זיי האָבן אין זייער קריטיק נישט געשוינט דעם קאָמינטערן און אים געמאַכט מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער דייטשער מפּלה. זיי האָבן נישט געוואָלט כאַפּן קיין פיש אין מוטנעם וואַסער און

אָפּן פאַרגעוואָרפן דעם קאָמינטערן, אַז ער איז געוואָרן אַ רעפאָרמיסטי־שער...

נאָך דער קאָמוניסטישער מפּלה אין דייטשלאַנד און דער קאָמפּראָ־מיטאַציע פון די קאָמוניסטן אין פוילן בעת דער גרויסער שטרייק־כוואַליע אין לאַנד און דעם קראָקעווער אויפשטאַנד, זענען די איינפלוסן פון די קאָמוניסטישע אָפּאָזיציעס אין דייטשלאַנד און אין פוילן באַדייטנדיק גע־וואקסן אין די ראַמען פון די דאָזיקע קאָמפּאַרטייען.

פאַר זינאָוויעוון און סטאַלינען האָט זיך געשטעלט די פראַגע, ווי אַזוי צו לייזן דעם קריזיס אין קאָמינטערן, כדי פון איין זייט, די רוסי־שע אָפּאָזיציע זאָל אים נישט אויסנוצן פאַר אירע פראַקציאָנעלע צילן און פון דער אַנדערער זייט ווייטער פעסט האַלטן אין דער האַנט די אָנפי־רונג פון קאָמינטערן.

די רעכטע זענען געווען פולקאָם קאָמפּראָמיטירט. איז נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג, ווי גיין מיט די לינקע, כאָטש זינאָוויעוו האָט גאַנץ גוט געוווסט, אַז זיי קריטיקירן די רעכטע נישט פון אַ באָלשעוויסטישן שטאַנדפּונקט, נאָר גיכער פון אַ לוקסעמבורגישן.

כדי אָבער נישט איינגאַנצן אָנפאַרטרויען די אָנפירונגען פון דער דייטשער און פּוילישער קאָמפּאַרטייען אין די הענט פון די דאָזיקע לינ־קע, האָט דער קאָמינטערן זיך באַמיט אויך אַריינצוציען אין די צענטראַ־לע אָנפירונגען „צענטריסטישע" עלעמענטן, אַזעלכע וואָס זענען נישט איינגאַנצן מסכים געווען מיט די רעכטע, אָבער וואָס האָבן נישט געהאַט דעם מוט זיך זיי אַנטקעגנצושטעלן און זיך פּאָליטיש נאָך זיי נאָכגע־שלעפּט. די פאַרזיכטיקייט־מיטלען זענען דעם קאָמינטערן געווען נוי־טיק, ווייל מען האָט דאָרט געוווסט, אַז נאָך דעם נייעם לינקן קורס קען עס ווידער דערגיין צו אַ קער אויף רעכטס.

בכלל האָט זיך שטענדיק דער קאָמינטערן געהאַלטן ביים פּרינציפּ, אַז אין די צענטראַלע קאָמיטעטן פון די אויסלענדישע קאָמפּאַרטייען זאָלן זיך געפינען פאַרשיידענע עלעמענטן. אַן איינהייטלעכן צענטראַל־קאָמיטעט האָט דער קאָמינטערן פיינט געהאַט. פאַר דעם לאַנגן און קאָמ־פּליצירטן פּראָצעס פון באָלשעוויזאַציע, וואָס די פּאַרטייען דאַרפן נאָך

אַדורכמאַכן איז אַן איינהייטלעכער צענטראַל־קאָמיטעט אַ גרויסער שטער דערין.

מיין אַרעסט אין לאָדזש

סוף דעצעמבער 1923 בין איך פון דאַנציק צוריקגעפאָרן קיין פוילן. איך האָב דאָס געטאָן מיט חשק, ווייל איך האָב געהערט צו דער רעכטער ריכטונג און געוואָלט אויפן אָרט פאַרטיידיקן איר פּאָזיציע. אין פּאַרטיי־אַקטיוו האָט דעמאָלט געהערשט אַ גרויסע קאָנפוזיע: רעכטע, צענטריסטן, לינקע און אולטראַ־לינקע.

די אַלגעמיינע לאַגע אין לאַנד האָט זיך אָנגעהויבן צו בעסערן. עס איז אָבער נאָך געווען גענוג אומצופרידנקייט און פאַרביטערונג און במילא נאָך גענוג באָדן פאַר קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. די פּאַרטיי האָט געפירט אַן אינטענסיווע אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטלאָזע און דער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט ס. לאַנצוצקי האָט יעדע פּאָר טעג באַזוכט אַן אַנדער אַרבעטער־ראַיאָן, כדי דאָרט צו אָרגאַניזירן מיטינגען פון אַרבעטלאָזע און אויב מעגלעך אויך צו דערפירן צו גאַסן־דעמאָנסטראַציעס. אין יאַנואַר 1924 איז געשטאָרבן לענין און די פּאַרטיי־אָנפירונג האָט באַשלאָסן צו פאַרבינדן די אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטלאָזע מיט לעגינס טויט און זיי צוגעבן אַ ספּעציפיש־פּאַרטייאישן כאַראַקטער. אויף איינעם אַזאַ מאַסן־מיטינג אין לאָדזש סוף יאַנואַר, אויף וועלכן עס זענען געקומען גרויסע מאַסן פּוילישע און יידישע אַרבעטער, בין איך ארויסגעטראָטן צוזאַמען מיט לאַנצוצקין. נישט געקוקט דערויף, וואָס דער מיטינג איז געווען אַ לעגאַליזירטער, האָט מען מיך נאָך מיין וואָרט אַרעסטירט. לאַנצוצקין אַלס סיים־דעפּוטאַט האָט מען נישט געטשעפּעט.

בין איך שוין ווידער אין טורמע נאָך אַ קנאַפּן יאָר זיין אויף דער פרייַ. דאָס מאָל אין מיין געבוירן־שטאָט לאָדזש און אַלס פּאָליטיש־אַרעסטירטער.

אין לאָדזש זענען געווען דריי טורמעס, אין וועלכע מען האָט געהאַלטן פּאָליטיש־אַרעסטירטע, מענער און פרויען.

קיין גרויסע אויספאָרשונג האָב איך נישט געהאַט. דער פּאָליציי־

אַגענט, וואָס איז געווען אויפן מיטינג, האָט פעסטגעשטעלט, אַז איך האָב געהאַלטן אַן אַנטי־מלוכהשע רעדע און אויפגעהעצט די פאַרזאַמלטע. אַחוץ דעם בין איך שוין פון לאַנג געווען באקאנט דער פּאָליציי און דאָס איז גענוג געווען, אַז מען זאָל מיך נאָך 24 שעה אין אַרעסט אָפּשיקן אין טורמע. פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט תיכף געמאַכט אַ רעוויזיע אין מיין וווינונג אין וואַרשע, אָבער דאָרט האָב איך פּאַקטיש נישט געוווינט, נאָר געווען איינגעמאָלדן און די באַלעבאַטים האָבן שוין געוווּסט וואָס זיי האָבן צו טאָן. מען האָט דעריבער קיין שום פאַרדעכטיק מאַטעריאַל ביי מיר נישט געפונען.

אין דער לאָדזשער טורמע איז דעמאָלט געזעסן אַ געמישטער עלעמענט. די מערהייט אַרעסטירטע איז באַשטאַנען פון טעקסטיל־אַרבעטער און אַרבעטלאָזע פּוילישע אַרבעטער, צווישן זיי אַ גרויסער פּראָצענט יוגנטלעכע. דער יידישער עלעמענט איז געווען אַ באַדייטנדיקער. פּאַקטישע פּאַרטיי־מיטגלידער זענען געווען אַ מינדערהייט — די מערהייט סימפּאַטיקער. צווישן די אַרעסטירטע האָט זיך אויך געפונען אַ געוויסע צאָל יוגנטלעכע פון בירגערלעכע און אפילו פאַרמעגלעכע יידישע היימען, (צווישן זיי האָט זיך דעמאָלט געפונען דער היינט באקאנטער און פאַרדינסטפולער יידישער היסטאָריקער באָלעסלאַוו לעווין). די באַדינגונגען אין דער טורמע זענען צו יענער צייט געווען דערטרעגלעכע און די אַדמיניסטראַציע האָט נישט געזוכט צו פאַרשווערן דאָס לעבן פון די אַרעסטירטע. עס האָט עקזיסטירט אַן אנערקענטע דורך דער טורמע־מאַכט קאָמונע מיט אַן אָפיציעלער פאַרטרעטערשאַפט, וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן פון אַלע אַרעסטירטע און וואָס האָט אין זייער נאָמען דערלעדיקט אַלע ענינים מיט דער טורמע־אַדמיניסטראַציע. מיר האָבן געהאַט אַ געמיינזאַמע קאַסע, אַן אייגענע ביבליאָטעק און אַ בשותפותדיקעווירטשאַפט. אין דער ביבליאָטעק האָבן זיך געפונען אַ סך ביכער פון אַ סאָציאַלן און אפילו קאָמוניסטישן אינהאַלט און פּאָליטישע און ליטעראַרישע צייטשריפטן אין פאַרשיידענע שפּראַכן. מיר האָבן אפילו געהאַט אַ שטיקל אייגענעם כאָר אויך און אַראַנזשירט טעאַטער־סצענקעס.

איז טאַקע פאַר אַ סך אַרבעטלאָזע געווען די טורמע אַ מין אָפּרוהויז און פאַר דער אַרבעטער־יוגנט — אַ שולע, ווו זיי האָבן באַקומען אַ

פּאָליטישע אויסשולונג און אויך אַן עלעמענטאַרע בילדונג. די אַדמי־ניסטראַציע איז געווען צופרידן פון אַזאַ צושטאַנד, ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין סך אַרבעט ביי אונדז.

אויב עס זענען דעמאָלט אַנטשטאַנען קאָנפליקטן צווישן אונדז און דער אַדמיניסטראַציע איז דאָס אָפטמאָל געווען צוליב אונדזער אייגענער שולד, ווייל מיר האָבן געוואָלט פון דער טורמע מאַכן אַ קאַמף־פּאָזיציע קעגן הערשנדיקן רעזשים אין פוילן.

אַזוי, למשל, האָבן מיר געהאַלטן פאַר נויטיק צו פייערן דעם 1טן מאַי אויף אַ זייער רעוואָלוציאָנערן אופן, ד״ה אָפּהאַלטן אַ מיטינג אויפן טורמע־הויף מיט רעדעס קעגן טעראָר אין פוילן און מיטן געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער. אין פּראָגראַם פון 1טן מאַי איז אויך אַריינגע־גאַנגען דאָס אַרויסהענגען אַ רויטע פאָן פון אַ טורמע־פענצטער אין דער גאַס אַרויס און דאָס וואַרפן לאָזונגען דורך די טורמע־פענצטער. דער „מאָפּר״ האָט, פון זיין זייט, געמאַכט באַמיאונגען, אַז צום 1טן מאַי זאָל פאָרקומען אַ דעמאָנסטראַציע ביי דער טורמע און אַז אַ רעדנער פון דער טורמע זאָל רעדן צו די פאַרזאַמלטע.

וועגן אָט די אַלע פּלענער האָט די טורמע־אַדמיניסטראַציע זיך משער געווען, און זי האָט זיך געווענדט צו דער אָנפירונג פון דער קאָמונע מיט דער בקשה, אַז די פייערונג זאָל טראָגן אַ ריין אינערלעכן און שטילן כאַראַקטער. רויטע קאָקאַרדעס זאָל מען טראָגן און מאַי־אַקאַדעמיעס קען מען אויך אָפּהאַלטן, אָבער נאָר אין די קאַמערן, דאַקעגן קיין פאָן נישט אַרויסהענגען און קיין מיטינג אויפן הויף אויך נישט מאַכן. מיר האָבן אָבער געהאַט דירעקטיוון פון „מאָפּר״ אַדורכצופירן אַ פּאָליטישע אַקציע און מיר האָבן זיך נישט גערעכנט מיט דעם פאַרבאָט פון דער אַדמי־ניסטראַציע. איז טאַקע דערגאַנגען צו צוזאַמענשטויסן אין טאָג פון 1טן מאַי מיט דער אַדמיניסטראַציע און פּאָליציי, וואָס דער טורמע נאַטשאַל־ניק האָט אַרויסגערופן צו הילף. אַן ענלעכע אַקציע האָבן מיר אויך גע־מאַכט צום יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־איבערקערעניש.

קאָנפליקטן מיט דער טורמע־אַדמיניסטראַציע פלעגן אויך אַנט־שטיין אויפן באַדן פון טאָג־טעגלעכן לעבן אין דער טורמע. היינט, נאָכן דייטשן פאַשיזם און קנאַפּע 37 יאָר טעראָריסטישן רעזשים אין סאָוועט־

רוסלאַנד", קלינגען ממש ווי אַ חוזק די אַלע קאָנפליקטן, וואָס מיר האָבן געהאַט מיט דער טורמע־אַדמיניסטראַציע. מיר האָבן געפאָדערט, אַז ליכט אין די קאַמערן זאָל מען אונדז געבן ביז 10 אַזייגער אין אָוונט און נישט ווי ביז איצט בלויז ביז ניין אַזייגער; אַז מען זאָל אונדז פאַרלענגערן דעם שפּאַציר אויפן הויף אויף נאָך אַ האַלבע שעה, אָדער די זעאונגען מיט אונדזערע פאַמיליעס; אַז אַ בריוו אַרויסשיקן זאָל מען קענען יעדן טאָג און נישט איין מאָל אין וואָך און ד. גל. איך בין דעמאָלט געווען דער פאָרשטייער פון דער קאָמונע און געפירט אונטערהאַנדלונגען מיטן פּראָקוראָר פון לאָדזשער קרייז־געריכט, קריכאָווסקי, וועגן אונדזערע פאָדערונגען און איך געדענק, ווי ער האָט צו מיר געזאָגט אין קאַבינעט פון טורמע־נאַטשאַלניק: ווער ווייס, ווי איר וועט מיך באַהאַנדלען, ווען איך וועל מיך געפינען ביי אייך אין טורמע... מיר זעען דאָס אין רוסלאַנד...

ער וואָלט נישט געווען ווייט פון אמת, ווען ער וואָלט געזאָגט: ווער ווייס ווי איר אַליין וועט נאָך אַמאָל באַהאַנדלט ווערן פון אייערע אייגענע חברים...

דאָס מיינט נישט, אַז שטענדיק און אין אַלע טורמעס זענען די באַדינגונגען פאַר די פּאָליטיש־אַרעסטירטע געווען דערטרעגלעכע. געווען צייטן, ווען די פּאָליטיש־אַרעסטירטע האָבן געהאַט אויסצושטיין גרויסע מאָראַלישע און פיזישע ליידן.

דאָס מיינט אויך נישט, אַז ווען מיר האָבן געהאַט גוטע באַדינגונגען אין טורמע, האָט דאָס געקענט אָפּנעמען ביי אונדז דעם נאַטירלעכן דראַנג צו דער אינדיווידועלער פרייהייט. ביי די בעסטע טורמע־באַדינגונגען האָבן מיר געציילט די יאָרן, שפּעטער די חדשים, וואָכן און טעג, ווען מען וועט שוין ווידער זיין פריי.

די טורמע האָט אַ סך פון אונדז אָפּגעשראָקן פון ווייטערדיקער קאָמוניסטישער טעטיקייט און פּאָליציייאישער טעראָר איז אויף אַ געוויסער צייט אַ ווירקזאַם מיטל. נאָר אַ קליינעם טייל פון די אַרעסטירטע האָט די טורמע נאָך מער פאַרהאַרטעוועט און דער דאָזיקער טייל איז ווייטער געווען טעטיק אין דער נישט לעגאַלער אַרבעט.

בלויז אין משך פון איין יאָר זענען דורך די פּוילישע טורמעס דורכגעגאַנגען הונדערטער און הונדערטער אַרעסטירטע אונטערן חשד אין קאָ־

מוניסטישער טעטיקייט. אַ סך האָט מען באַפּרייט אין לויף פון דער אויס־פאַרשונג, וואָס פלעגט זיך ציען בדרך כּלל לאַנגע חדשים און אויף די גרעניץ־געביטן אַפילו יאָרן גאַנצע. אַ סך פלעגן אָפּקומען מיט קליינע שטראָפן, דאָס מיינט „בלויז" מיט 2 אָדער 3 יאָר טורמע־שטראָף. ווען אָט די אַלע אַרבעטער־ פּויערים און אינטעליגענץ וואָלטן ווייטער געבליבן פּאָליטיש אַקטיוו, וואָלט די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין פּוילן געווען אַ מעכטיקע. אין דער אמתן איז די אַבסאָלוטע מערהייט פון די אַלע וואָס האָבן דורכגעמאַכט טורמעס, נאָך דער באַפּרייאונג געוואָרן פּאַסיוו. אין האַרצן האָבן זיי געטראָגן אַ שנאה קעגן די, וואָס האָבן זיי פאַרפאָלגט, אָבער ווייטער זיין טעטיק אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג האָבן זיי נישט געוואָלט.

די פאַרבינדונג פון דער טורמע מיט דער אויסערלעכער וועלט האָט זיך צו יענער צייט אויסגעדריקט אין באַקומען רעגולערע מאַטעריעלע הילף פון „מאָפּר" און פון אַריינבאַקומען אויף אַ נישט־לעגאַלן אופן פּאַרטיי־ליטעראַטור. וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אויף די העכסטע שפּיצן פון פּאַרטיי־בנין, האָט מען זיך דערוווּסט נאָר דעמאָלט, ווען עס איז אַרעסטירט געוואָרן אַ וויכטיקע פּאַרטיי־פיגור. זי האָט אונדז גענוי אינפאָרמירט וועגן אינערלעכן פּאַרטיי־לעבן און וועגן קאָמינטערן. אָבער נאָך עטלעכע חדשים האָט מען זיך שוין ווידער געפילט אָפּגעריסן פון לויפנדיקן פּאַרטיי־לעבן און די דיסקוסיעס אונדזערע האָבן זיך געדרייט אַרום פּראָבלעמען, וואָס האָבן שוין געהאַט פאַרלוירן זייער אַקטואַליטעט. קנאַפּע 8 חדשים האָט זיך געצויגן מיין אויספאָרשונג און ווען זי איז שוין געווען פאַרענדיקט, איז אָנגעקומען פון וואַרשעווער קרייז־געריכט די פאָדערונג מיך צוצושטעלן קיין וואַרשע. ווי איך האָב שוין דערמאָנט, האָב איך געהאַט אויף זיך אַ פּראָצעס פאַר שפּיאָנאַזש לטובת רוסלאַנד און בין באַפרייט געוואָרן אונטער פּאָליציי־אישער אויפזיכט ביזן געריכט. איצט האָט לסוף געדאַרפט פאָרקומען דער פּראָצעס.

די ידיעה, אַז מען טראַנספּאָרטירט מיך קיין וואַרשע, האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער טורמע און אַלע חברים האָבן שטאַרק באַדויערט, וואָס זיי מוזן זיך מיט מיר צעשיידן. מען האָט פאַר מיר געמאַכט, ווי דאָס האָט זיך געפירט אין אַזאַ פאַל, אַ געזעגענונג־

אָוונט און מיר מיטגעגעבן אויפן וועג אַ סך שפּייז און ציגאַרעטן, כאָטש די רייזע פון לאָדזש קיין וואַרשע האָט נישט מער געדויערט ווי 3־4 שעה מיט דער באַן.

באַלד אינדערפרי האָבן שוין אויף מיר געוואַרט אין דער טורמע־קאַנצעלאַריע צוויי פּאָליציאַנטן. זיי האָבן געהאַט אַ באַפעל מיך צו פירן אין קייטן, ווייל איך האָב זיך לאַנג אויסבאַהאַלטן פון דער פּאָליציי. איך האָב מיך אָבער קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אויסצופירן זייער באַפעל (ביי אונדז אין טורמע האָט עקזיסטירט אַ באַשלוס זיך נישט צו לאָזן אָנטאָן קייטעלעך אויף די הענט) און דערקלערט, אַז מיט גוטן וועל איך נישט גיין מיט זיי. לסוף איז געקומען צו אַ קאָמפּראָמיס: מיר וועלן נישט גיין צום וואָקזאַל נאָר פאָרן מיט אַ דראָזשקע.

די לאָדזשער גאַסן האָב איך נישט געזען, ווייל די דראָזשקע איז געווען פאַרמאַכט, אָבער אויפן וואקזאַל האָב איך ווידער דערשפּירט דעם טעם פון דער פרייער לופט און אויף אַ מינוט פאַרגעסן, אַז איך האָב פון ביידע זייטן צוויי „מלאכים״, וואָס היטן מיך.

די פּאַסאַזשירן אין וואקזאַל האָבן געמיינט, ווער ווייסט וואָס פאַראַ פאַרברעכער מען פירט דאָ און מיך מיט נייגיר אָבסערווירט. אַנדערע האָבן מיט באַדויערונג געשאָקלט מיט די קעפּ און זיך מיט מורא פון אונדז אָפּגערוקט. מיר זענען אַריין אין אַ באַזונדער וואַגאָן און די פּאָ־ליציאַנטן האָבן דאָרט קיינעם נישט אַריינגעלאָזט.

אין וואַרשע האָבן מיך די פּאָליציאַנטן אָפּגעשטעלט אין „פּאַוויאַק״, וווּ איך האָב זיך שוין געפונען מיט אַ יאָר צוריק. דער טורמע־נאַטשאַלניק, יאַנקאָווסקי, אַ פאַרביסענער רעאַקציאָנער, האָט מיך נישט געוואָלט אָנ־נעמען. ער האָט געטענהט צו די פּאָליציאַנטן, אַז איך בין אַ בונטאַריי־שער עלעמענט און זאָלן זיי מיט מיר גיין אין אַן אַנדער טורמע.

די פּאָליציאַנטן האָבן נישט געהאַט קיין חשק מיט מיר זיך אַרומ־צושלעפּן איבער דער שטאָט און איינער פון זיי איז אַוועק אין וואַרשע־ווער קרייז־געריכט און פון דאָרט געבראַכט אַ באַשטעטיקונג, אַז איך דאַרף אויפגענומען ווערן אין „פּאַוויאַק״.

די באַדינגונגען אין „פּאַוויאַק״ זענען אין אַ געוויסער הינזיכט געווען בעסער, ווי אין דער לאָדזשער טורמע. מען איז געזעסן צו צווייען

אין אַ קאַמער און נישט ווי אין לאָדזש צו 10 און צו 15 און די טורמע איז געווען אַ סך היגיענישער. דאַקעגן איז דער רעזשים אָפיציעל געווען אַ שטרענגערער: מען האָט זיך נישט געטאָרט קאָמוניקירן מיט אַנדערע קאַמערן און נישט געהאַט קיין איין אַלגעמיינעם פאַרשטייער פאַר דער מאַכט. מען האָט אָבער אַלץ געקענט טאָן אויף אַן אומלעגאַלן אָדער נישט אָפיציעלן אופן.

צו יענער צייט (זומער 1924) איז פאָרגעקומען אַ גרויסער אַרעסט אין וואַרשע. עס איז אַרעסטירט געוואָרן די צענטראַלע פאַרטיי־רעדאַקציע, צו וועלכער עס האָבן צווישן אַנדערע געהערט: פידלער (טרוסקער), יול־יאַן ברון (ספּיס, בראָנאָוויטש) פּראָפעסאָר גראָסמאַן און יעזשי הע־רינג (רינג). פידלערן איז געלונגען אויסצומיידן דעם אַרעסט, דאַקעגן די איבעריקע מיטגלידער פון דער רעדאַקציע זענען אַריינגעפאַלן.

מיר איז אויסגעקומען צו זיצן צוזאַמען אין איין קאַמער מיט יול־יאַן ברון. איך האָב אים געקענט נאָך פון פריער, פון דער פאַרטיי־אַר־בעט און מיר האָבן זיך גאַנץ באַקוועם איינגעאָרדנט. זיין פרוי, אַ שוועסטער פון סאָפיע אונשליכט, האָט געאַרבעט אין דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין וואַרשע און דורך איר האָט ברון אָנגעהאַלטן אַ געניג רעגולערע פאַרבינדונג מיט דער פאַרטיי־אָנפירונג און אויך דערהאַלטן קאָמוניסטישע ליטעראַטור. אַ חוץ דעם האָבן מיר זיך באַנוצט מיטן גוט־באַקאַנטן ביכער־שיפר, ווייל מען האָט געקענט באַקומען ביכער פון דער פריי און אַרויסשיקן די איבערגעלייענטע.

פון אים האָב איך מיך דערוווּסט, וואָס עס הערט זיך אין דער פאַרטיי און אין קאָמינטערן, ווייל ער האָט געהערט צו דער גרופּע, וועמען דער קאָמינטערן האָט איצט געהאַט בדעה איבערצוגעבן די אָנפי־רונג פון דער ק. פּ. פּ. אויפן אָרט פון דער ביז־איצטיקער רעכטער אָנ־פירונג. דאָס איז געווען אַ זייער אינטעליגענטער מענטש מיט אַ סך אַלגעמיינער קולטור און אַ קענער פון דער פוילישער ליטעראַטור. באַזונ־דערס שטאַרק האָט ער זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון דער פראַנ־צויזישער קולטור, ווייל פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער אַ לענגערע צייט געלעבט אין פּאַריז. ער איז געווען מער ליטעראַט, ווי פּאָליטיקער און פאַרטיי־טוער. אַלס ליטעראַט איז ער געווען נישט

דורכשניטלעך באַגאַבט. ער האָט דעמאָלט געשריבן ליטעראַרישע עסייען און איך האָב אים געהאָלפן זיי אַרויסשיקן אויף דער פריי. ער איז נישט געווען אין זיין דענקען קיין אָרטאָדאָקסאַלער מאַרקסיסט אין באַלשע־וויסטישן זין פון וואָרט און זיך געפונען גיכער אונטערן איינפלוס פון סאָרעלן און פראַנצויזישן אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם. ברון האָט פאַרמאָגט די ווערטפולע אייגנשאַפט צו דענקען זעלבסטשטענדיק און דעריבער האָט ער זיך געקאָנט אויסדריקן, אַז די אָפענע בריוו פון קאָמינטערן צו די קאָמוניסטישע פאַרטייען, וואָס זענען דעמאָלט געווען אין דער מאָדע אין מאָסקווע, דערמאָנען אָן די בריוו פון הייליקן פאַולוס צו די גלויביקע...

ער איז אָבער געווען אַ לינקער און שאַרף קריטיקירט די רעכטע פירער פון דער פאַרטיי. פון אים האָב איך מיך דערוווּסט, אַז באַלד נאָך דער מפלה אין דייטשלאַנד איז אין בערלין אַנטשטאַנען אַ גרופּע, צו וועלכער עס האָבן געהערט: דאָמסקי, סאָפיע, אַדאָם פרענדקי (אַ פּוילישער קאָמוניסט פון לאָדזש, וואָס האָט געאַרבעט אין בערלין אויף אַ סאָוועטישן פּאָסטן) און לענסקי, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון מאָסקווע קיין בערלין.

צו דער דאָזיקער גרופּע האָט אויך געהערט ברון. די גרופּע איז געשטאַנען אין ענגער פאַרבינדונג מיט דער דייטשער לינקער גרופּע פון מאסלאוו און רוט פישער און צוזאַמען האָבן זיי געפירט אַ העפּטיקן קאַמף קעגן די רעכטע אין קאָמינטערן. דאָמסקי האָט דערפילט, אַז איצט איז געקומען זיין צייט און ער וועט קענען באַקומען פון קאָמינטערן די אָנפירונג פון דער ק. פּ. פּ. ער איז געווען אין דעם פּולקאָם זיכער נאָכדעם ווי דער פּוילישער צ. ק. האָט אָנגענומען אַ שטעלונג פאַר טראָצקין און גענומען אונטערן שוץ בראַנדלערן.

די „בערלינער גרופּע” האָט זיך נישט באַגרעניצט בלויז צום קאַמף אין די שפּיצן פון דער פאַרטיי קעגן די רעכטע, נאָר האָט אויך אָן וויסן און דערלויבעניש פון צ. ק. פאַרשפּרייט אין דער פאַרטיי פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור קעגן די רעכטע. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז די רעכטע פירער האָבן נישט נאָר אָפּיציעל פאַראורטיילט די דאָזיקע אַנטי־אָרגאַניזאַציאָנעלע האַנדלונג פון דער „בערלינער גרופּע” נאָר אפילו געוואָגט

די „בערלינער" צו באַזייטיקן פון די פאַרנומענע דורך זיי פּאַרטיי־פּאָסטנס.

דאָס איז געווען אין מערץ 1924, ווען די טעג פון דער רעכטער הערשאַפט אין דער פּאַרטיי זענען שוין פּאַקטיש געווען געציילטע, ווייל גאָר אינגיכן וועט פאָרקומען דער 5טער קאָנגרעס פון קאָמינטערן, וואָס וועט ווערן אַ קבר פאַר אַלע רעכטע פון קאָמינטערן.

מיר אין טורמע האָבן באַקומען די ליטעראַטור, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט די פראַקציאָנעלע קאַמפן אין קאָמינטערן און אין דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי און אויף די שפּאַציר־געגנג פון טורמע־הויף האָבן מיר ליידנשאַפטלעך צווישן זיך דיסקוטירט. אַלס רעכטער האָב איך דעמאָלט געהאַט זייער ווייניק אָנהענגער, די אַבסאָלוטע מערהייט אין דער טורמע איז געווען אויף דער זייט פון דער אָפּאָזיציע. די אינערלעכע קאַמפן האָבן אָבער אין יענע יאָרן נישט אָנגענומען די פאָרמען, וואָס איז די שפּעטערדיקע יאָרן. נאָך די העפטיקסטע דיסקוסיעס איז מען ווידער געבליבן גוטע פריינט און רעספּעקטירט דעם צווייטנס מיינונג. נישט געקוקט אויף די חילוקי דעות זענען מיר דאָך אַלע געווען פאַרן באַלשעוויסטישן רעזשים אין רוסלאַנד און קיינער פון אונדז האָט נישט אָפּגעפרעגט דאָס רעכט פון מאָסקווע צו דעצידירן אין די פראַגן פון דער סטראַטעגיע און פראַקטיק פון דער רעוואָלוציע. דער פּאָליטישער און מאָראַלישער אויטאָריטעט פון מאָסקווע איז געווען אַ קאָלאָסאַלער און אַלע זענען גרייט געווען איר אַלץ מוחל צו זיין, נישט געקוקט דערויף וואָס נישט אין אַלע פראַגן איז מען געווען מסכים מיטן קאָמינטערן. פאַר אונדז איז רוסלאַנד געווען דאָס ערשטע לאַנד פון דער פּראָלעטאַרישער הערשאַפט און מיר זענען גרייט געווען מיט אַלע כוחות צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד פון די סאָוועטן.

מיין אַנטלויפן פון דער טורמע

עס האָט זיך דערנענטערט די דאַטע פון מיין פּראָצעס אין שייכות מיט מיין אַרעסט פון זומער 1922 און סוף אָקטאָבער 1924 האָב איך מיך געדאַרפט שטעלן פאַרן וואַרשעווער קרייז־געריכט צוזאַמען מיט

אַלע אַנדערע באַשולדיקטע, וואָס האָבן זיך שוין איבער צוויי יאָר גע־פונען אין דער טורמע ביזן געריכט.

ווי נאָר איך האָב באַקומען דעם טערמין פון פּראָצעס, האָב איך וועגן דעם מיטגעטיילט די חברים אויף דער פריי און דער „מאָפּר“ האָט פאַר מיר באַשטימט אַ פּאַרטיידיקער. דאָס איז געווען דער פּאָ־פּולערער אין וואַרשע און אין גאַנץ פּוילן פּאַרטיידיקער אין פּאָליטישע פּראָצעסן אַדוואָקאַט לודוויק האַניגוויל. ער האָט געהערט צו דער פּלע־יאַדע לינקע, סאָציאַליסטישע אַדוואָקאַטן אין וואַרשע און איז אויך גע־ווען געזעלשאַפטלעך טעטיק אַלס מיטגליד פון „בונד“.

ער האָט, וואָס אַן אמת, נישט געהאַט קיין שווערע אויפגאַבע מיך צו פּאַרטיידיקן, ווייל דער אַרטיקל 102 פון צאַרישן שטראָף־קאָדעקס, וואָס האָט נאָך דעמאָלט פּאַרפליכטעט אין פּוילן, איז פון פּראָקוראָר אַליין פון מיר אַראָפּגענומען געוואָרן, ווייל קיין שום זאַכלעכע באַווייזן האָט ער נישט געהאַט קעגן מיר, אַז איך בין אַ סאָוועטישער שפּיאָן. איז געבליבן דער אַרטיקל 129 פאַר פירן אַן אַגיטאַציע קעגן דער פּוי־לישער מלוכה. דערויף זענען אויך נישט געווען גענוגנדיקע באַווייזן, ווייל זומער 1922 האָב איך פאָרמעל נאָך נישט געהערט צו דער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי. דער פּראָצעס האָט זיך געצויגן 8 טעג. יעדן טאָג איגדערפרי האָט מיך אַ פּאָליציאַנט געגומען פון „פּאַוויאַק“ און צוגע־שטעלט צום געריכט אויף פּלאַץ קראַשינסקי. סיי דאָס געריכט און סיי דער „פּאַוויאַק“ האָבן זיך געפונען אין דעם געדיכטן יידישן קוואַרטאַל פון וואַרשע. (עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז בעת דעם הערשאַישן גע־טאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע האָבן די אַכזריותדיקע נאַציסטן צעשטערט אַלע יידישע גאַסן און נאָר דעם „פּאַוויאַק“ האָבן זיי פאַרשוינט...).

מיינע חברים פון דער פּאַרטיי, באַזונדערס יוסף לעוואַרטאָווסקי (ער איז אומגעקומען אין וואַרשע אין אונטערערדישן קאַמף קעגן נאַ־ציזם און די קאָמוניסטן אין פּוילן האָבן איצט געשאַפן אויף זיין נאָ־מען אַ רייע אינסטיטוציעס) האָט מיר מיטגעטיילט, אַז מען גרייט צו אַ גרופּע, וואָס וועט מיך אָפּשלאָגן פון דער פּאָליציי, בעת מען וועט מיך פירן אין געריכט. דער פּלאַן האָט באַדאַרפט באַשטיין אין דעם, וואָס אַ גרופּע פּלייצע־טרעגערס און בעקער־אַרבעטער וועלן זיך צונויפזאַמ־

לען אויף אַ נעבען־גאַס און בעת איך וועל גיין אונטער דער שמירה פון פּאָליציאַנט, וועלן זיי אינסצעניזירן אַ גרויס געשלעג צווישן זיך און אַריינעמען דעם פּאָליציאַנט אין זייער קרייז, כדי איך זאָל קענען פאַר־שווינדן. פאַר מיר וועט שוין זיין צוגעגרייט אַ וווינונג און איך האָב שוין געוווסט וווהין איך דאַרף גיין.

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. בעת איך בין געקומען צו דער דזשיקע גאַס, האָט שוין געוואַרט אויף מיר אַ גרעסערע גרופּע, צווישן וועלכע איך האָב געזען באַקאַנטע פּנימער און פון דערווייטנס איז גע־שטאַנען לעוואַרטאָווסקי, וואָס האָט דיריגירט מיט דער גאַנצער אימ־פּרעזע. ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס וויסטע געשלעג אַרום מיר האָט דער פּאָליציאַנט מיך שטאַרקער אַ נעם געטאָן פאַרן אָרעם און אַרויסגעפירט פונעם קרייז שלעגערס און די גאַנצע אונטערנעמונג איז אַדורכגעפאַלן.

חברים האָבן מיר שפּעטער געמאַכט פאָרוורפן, אַז איך האָב צו לאַנג געוואַרט מיטן לויפן; אַז די זאַך האָט געדאַרפט געמאַכט ווערן אין געציילטע סעקונדעס. מעגלעך, אַז זיי זענען געווען גערעכט. אין דעם טאָג בין איך געווען זייער נידערגעשלאָגן פון דער גאַנצער זאַך. צו־מאָרגנס האָב איך דורך מיין אַדוואָקאַט באַקומען אַ בריוועלע פון סאָ־פיע אונשליכט, אין וועלכן זי האָט מיר אויך געמאַכט פאָרוורפן.

דער פּאָליציאַנט האָט, צום גליק, זיך נישט געכאַפּט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און צו מיר זיך אָנגערופן, אַז די טרעגערס זענען אַ זייער קריגערישער עלעמענט און פּאָליציי האָט שטענדיק מיט זיי צו טאָן.

דער פּראָצעס, ווי געזאָגט, האָט זיך געצויגן גאַנצע אַכט טעג און מיין שוועסטער פון לאָדזש איז געקומען צום פּראָצעס, כדי צו זיין מיט מיר צוזאַמען אין די דאָזיקע טעג, ווייל בעת די איבעררייסן אויפן פּראָצעס האָט מען געקענט צוזאַמען פאַרברענגען. זי האָט אויך יעדן אָוונט נאָכן פאַרענדיקן די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען מיך באַגלייט צו דער טורמע. דער פּאָליציאַנט האָט זיך אָפּט צוגעהערט צו די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען און מיך געטרייסט, אַז איך וועל באַפרייט ווערן. ער האָט שוין בייגעוווינט אַ סך פּאָליטישע פּראָצעסן און ווייסט אויף זי־כער, אַז אַזוי וועט עס זיין. איך האָב אים דערויף געענטפערט האַלב

אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט, אַז אויב דאָס וועט טאַקע אַזוי זיין, וועלן מיר נאָכן געריכט־אורטייל גיין אין אַ רעסטאָראַן. און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען.

דאָס געריכט האָט נאָך דער גלענצנדיקער פאַרטיידיקונגס־רעדע פון אַדוואָקאַט האַניגוויל מיך געגנצלעך באַפרייט. אַנדערע דאַקעגן האָבן באַקומען שווערע שטראָפן: צו 8 און צו 5 יאָר תפיסה. עס איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן די שטימונג, וואָס עס האָט געהערשט ביי מיינע מיט־באַשולדיקטע.

דער פּאָליציאַנט איז געווען זייער צופרידן פון דעם אויסגאַנג פון פּראָצעס. לויט די געריכט־פאָרשריפטן מוז דער באַפרייטער צוריק אָפּ־געשטעלט ווערן אין טורמע און ערשט פון דאָרט ווערט ער באַפרייט אויפן סמך פון אַ פאַראָרדענונג פון געריכט. אַ חוץ דעם פרעגט נאָך אַן טעלעפאָניש דער טורמע־נאַטשאַלניק דעם געריכט־סעקרעטאַר, צי דער באַפרייאונגס־צעטל איז טאַקע אַן אויטענטישער, ווייל עס האָבן שוין פּאַסירט פאַלן, אַז די באַפרייאונגס־צעטלען זענען געווען געפעלשט.

מיין פּראָצעס האָט זיך געענדיקט זייער שפּעט אין אָוונט און איך האָב נאָך געמוזט איבערנעכטיקן אין טורמע, ווייל די טורמע־אַדמיניס־טראַציע באַפרייט נאָר ביז 6 אַזייגער פאַרנאַכט. מיין שוועסטער, דער פּאָליציאַנט און איך זענען אַוועק אין אַ רעסטאָראַן, וועלכן איך האָב גוט געקענט. נאָכן עסן האָב איך דערקלערט דעם פּאָליציאַנט, אַז איך גיי נאָר אַרויס אויף אַ מינוט און דורך אַ הינטער־טיר בין איך אַוועק. דער פּאָליציאַנט און מיין שוועסטער האָבן אויף מיר געוואַרט און גע־וואַרט ביז מען האָט שוין אָנגעהויבן צו שליסן דעם רעסטאָראַן. מיין שוועסטער האָט באַרואיקט דעם פּאָליציאַנט: „מסתמא האָט מיין ברו־דער שוין נישט געוואָלט איבערנעכטיקן אין טורמע און מאָרגן איינ־דערפרי וועט ער זיך אַליין צושטעלן".

דער פּאָליציאַנט האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי גיין אין טורמע און דאָס זעלביקע דאָרט דערקלערן. ער האָט אָבער מיטגענומען מיין שוועסטער, כדי זי זאָל אויך פאַרזיכערן, אַז מאָרגן אינדערפרי וועל איך מיך צושטעלן און דערליידיקן אַלע פאָרמאַליטעטן.

אויפן אָרט האָט זיך אָבער גלייך אַרויסגעשטעלט, אַז איך האָב

אויף זיך נאָך אַ פּראָצעס און דאַרף צוריקגעשטעלט ווערן קיין לאָדזש צו דער דיספּאָזיציע פון לאָדזשער קרייז־געריכט. מיין שוועסטער האָט מען געמוזט אָפּלאָזן, ווייל זי האָט נישט אָנגעווענדט קיין שום גע־וואַלד־מיטלען בעת מיין אַנטלויפן און דעם פּאָליציאַנט האָט מען גע־געבן אַ שטראָף פאַר פאַרנאַכלעסיקן זיינע דינסט־פליכטן. ער האָט באַ־קומען 6 חדשים טורמע און שפּעטער געזעסן אין דעם זעלביקן „פּאַוו־יאַק". איך האָב זיך באַמיט, אַז מען זאָל אים שיקן שפּייז־פּעקלעך און אַז דער „מאָפּר" זאָל שטיצן זיין פאַמיליע. אין טורמע איז ער געוואָרן אַ סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם.

וועגן גרויסן טומל, וואָס מיין אַנטלויפן האָט אַרויסגערופן אין „פּאַוויאַק", האָב איך זיך דערוווּסט שפּעטער פון ברונען, ווען איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אין דאַנציק.

דער רעאַקציאָנערער און ברוטאַלער טורמע־נאַטשאַלניק יאַנקאָווסקי איז געוועזן קאָמפּראָמיטירט, ווייל די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט פריער נישט אויפמערקזאַם געמאַכט דער פּאָליציי־עקסקאָרטע, אַז איך האָב אויף זיך נאָך אַ פּראָצעס. יאַנקאָווסקי איז געווען שרעקלעך אין כעס און זיין צאָרן אויסגעלאָזט צו די פּאָליטיש־אַרעסטירטע. וועגן מיין אַנטלויפן האָט מען זיך באַלד צומאַרגנס אינדערפרי דערוווּסט אין „פּאַוויאַק", ווייל „קלוטשניקעס" זענען אַריינגעקומען אין מיין קאַמער צונעמען מיינע זאַכן, מיינע ביכער און נאָטיצן און דערביי געלאָזט פאַלן אַ וואָרט: „דער פויגל איז אַוועקגעפלויגן"...

פון רעסטאָראַן בין איך אַוועק אין דער וווינונג פון אַן אָנגעזעענעם טוער פון די לינקע פּועלי־ציון, רייכמאַן, אויף גזשיבאָווסקע גאַס, כדי דאָרט איבערנעכטיקן און אַביסל בייטן מיין אויסערלעכן אויסזען. די פרוי זיינע איז געווען אַ סימפּאַטיקערין פון קאָמוניזם און געהאַט אַ ציימונגס־ביוראָ. זי האָט מיך זייער גוט אויפגענומען. אינדערפרי האָט זי צוויסן געטאָן די חברים, אַז איך געפין זיך ביי איר און אַ גאַנצן טאָג האָב איך געהאַט טעלעפאָנען און גראַטולאַציעס. פון קאָנספּיראַטיוון שטאַנדפּונקט איז די וווינונג נישט געווען קיין גוטע און דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אַריבערגיין אין אַ וווינונג, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון „פּאַוויאַק". די דאָזיקע דירה האָט געהערט צו אַן אַקטיוון יידישן קאָ־

מוניסט, אהרן הענעך קעניג. ער און זיי פרוי, דבורה, אַ שטילע, באַשיידע־נע און אינטעליגענטע יידישע אַרבעטס־פרוי, האָבן געשטעלט זייער קליינע ווינונג צו דער דיספּאָזיציע פון דער פּאַרטיי. אין זייער ווינונג זענען פאָרגעקומען אומצאָליקע זיצונגען פון די פּאַרטיי־אינסטאַנצן און אָפט אפילו האָבן זיי אָפּגעגעבן זייער בעט פאַר אַן אומלעגאַלן פאַרטיי־טוער, וואָס האָט נישט געהאַט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

די וואַרשעווער צייטונגען האָבן געמאַכט אַ סענסאַציע פון מיין אַנט־לויפן און דערביי געשריבן אַ סך נאַרישקייטן. היות ווי איך בין געווען באַקאַנט אין וואַרשע, האָב איך געמוזט בלייבן אויף דער דאָזיקער ווינונג אַזוי לאַנג, ביז עס וועט מיר אָנוואַקסן אַ באָרד און איך וועל קענען באַקומען אַן אומלעגאַלן פּאַס מיט אַ פאַרענדערטער פאָטאָגראַפיע.

דער פינפטער קאָנגרעס פון קאָמינטערן

די דאָזיקע דירה, ווי געזאָגט, איז געווען אַ צענטער פון קאָנספּיראַ־טיווער טעטיקייט פון דער קאָמפּאַרטיי און די פירער סאָפיע אונשליכט, דאַמסקי, סקולסקי א״א פלעגן זיך דאָרט אָפט צונויפקומען. איך בין דע־ריבער אַריינגעפאַלן אין סאַמע צענטער פון דער אַרבעט. דאָס איז געווען סוף 1924, ד״ה שוין נאָכן 5טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן און ערב דעם 3טן צוזאַמענפאָר פון דער ק. פּ. פּ. בעת די עטלעכע וואָכן, וואָס איך האָב זיך געפונען אויף אָט דער דירה, האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט אַלע מאַטעריאַלן און רעזאָלוציעס, וואָס זענען אָנגע־נומען געוואָרן אויפן 5טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן און זיך צו באַטיי־ליקן אין אַלע זיצונגען פון פאַרטיי־סעקרעטאַריאַט. אין די פּריוואַטע גע־שפּרעכן מיט דאַמסקין און סאָפיען האָב איך זיך אויך דערוווּסט וועגן גורל פון די רעכטע, וואַרסקי און קאָסטשעוואַ.

איך וויל זיך אַביסל לענגער אָפּשטעלן אויפן 5טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן, ווייל אויף אים האָט פאַרנומען אַ גרויס אָרט דער קריזיס פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פּוילן.

פּאָליטיש גענומען, איז די הויפּט־באַדייטונג פון 5טן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען זומער 1924, באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט ליק־

ווידירט דעם טראַצקיזם אויפן באַדן פון קאָמינטערן; וואָס ער האָט דער־קלערט זיין הויפּט־קאַמף קעגן די רעכטע אין דער פּאַרטיי און ראַדיקאַל געענדערט זיין טאַקטיק פון אייניקייט־פראָנט מיט דער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע. די רוסישע באָלשעוויקעס האָבן אויף דעם קאָנגרעס דערגרייכט נאָך אַ זייער וויכטיקן פּאַר זיי ציל: דער קאָנגרעס איז געווען אַ גרויסער שריט פאָרויס אין דער ריכטונג פון באַהערשן די אויסלענדישע סעקציעס דורכן מאָסקווער פּאָליט־ביוראָ.

דאָס איז געקומען צום אויסדרוק דורך דעם, וואָס דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען די באַרימטע טעזן וועגן „באָלשעוויזאַציע פון די קאָמפּאַר־טייען" און די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרשלאָגן פון פּיאַטניצקין וועגן די באַ־ציאונגען צווישן קאָמינטערן און זיינע סעקציעס.

אָבער לאָמיר גיין כסדר.

וואָס שייך דער וועלט־לאַגע האָט דער קאָמינטערן פעסטגעשטעלט, אַז מיר געפינען זיך אין אַ פּעריאָד פון צווישן צוויי רעוואָלוציעס. אין דער דעמאָקראַטיש־פּאַציפיסטישער פאַזע. אין אָט דעם פּעריאָד דאַרף דער הויפּט־קאַמף געפירט ווערן קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אַלס די דריטע פּאַרטיי פון דער בורזשואַזיע. וואָס איז נוגע די קאָמוניסטישע פּאַרטייען גופא, דאַרפן זיי דעם הויפּט־קאַמף פירן קעגן די רעכטע אין דער פּאַרטיי. מען דאַרף אָבער דערביי אויך נישט פאַרנאַכלעסיקן דעם קאַמף קעגן די אולטראַ־לינקע.

נאָכן 5טן קאָנגרעס האָט דער פירער פון קאָמינטערן מאַנוילסקי דערקלערט, אַז ביז איצט האָבן די קאָמוניסטן געפירט זייער קאַמף קעגן דער ס. ד. הויפּטזעכלעך אין די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די דעמאָקראַ־טיש־פּאַציפיסטישע ערע אָבער ענדערט לויט אים דעם וועזנטלעכן כאַ־ראַקטער און דאָס בילד פון דעם דאָזיקן קאַמף. אויב, למשל, האָט ער ווייטער דערקלערט, דער קאָמינטערן האָט זיין אָנשפּאַר אין דער סאָווע־טישער מלוכה, וואָס איז אַנטשטאַנען אין רעזולטאַט פון דער זיגרייכער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, געפינט דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל אין דער איצטיקער עפּאָכע זיין באַזע אין די בורזשואַזע מלוכות, ווו די מכלומר־שטע אַרבעטער־פּאַרטייען זענען געקומען צו דער מאַכט אויף אַ פּאַרלאַ־מענטאַרישן אופן. אונדזער קאַמף מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, האָט

מאַנוילסקי ווייטער דערקלערט, איז נישט בלויז מיטן ציל צו באַהערשן דעם אָדער יענעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, אָדער קאָאָפּעראַטיוו, צי לאָקאַלע אָרגאַניזאַציע, וואָס געהער צו דער ס. ד. איצט פירט זיך אַ קאַמף צווישן צוויי מלוכה־סיסטעמען. מאַנוילסקי האָט נאָך קלאָרער דערקלערט, וואָס ער מיינט דערמיט.

די מלחמה צווישן צווייטן און דריטן אינטערנאַציאָנאַל באַגרעניצט זיך נישט בלויז צו אַן אידעאָלאָגישער קריטיק; זי טרעט אַריין אין אַ מער פאַרשאַרפטער פאַזע. דאָס איז אַ מלחמה מיט געווער אין האַנט, מיט פּולעמיאָטן, טאַנקען, גאַזן און אַוויאָנען. און ער זאָגט ווייטער: דאָס איז נישט דער קינדער־פּעריאָד אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, ווען דער בירגער־קריג נעמט אָן אַ כאַראַקטער פון אויפשטאַנד, פון צעשטויבטע באַריקאַדן־קאַמפן קעגן די הערשנדיקע קלאַסן אין דעם אָדער יענעם צענטער. דער קאַמף קעגן די אינטערנאַציאָנאַלע קאַפּיטאַליסטישע אַגענטורן הייבט זיך אָן אויסצודריקן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע אין אַ מלחמה צווישן צוויי טיפּן מלוכות. דאָס באַדייט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז דער אידעאָלאָגישער קאַמף און דער באַריקאַדן־קאַמף דאַרפן אַוועקגעלייגט ווערן אין אַרכיוו; ניין, דאָס באַווייזט בלויז די גרונטלאָזיקייט פון די קליינבירגערלעכע אוטאָפּיסטן, וואָס זענען גענייגט צו זען אין דעם קומען צו דער מאַכט פון דער ענגלישער לייבאָר־פּאַרטיי אַ זיג פון אַרבעטער־קלאַס און טריאומף פון דער אַרבעטער־דעמאָקראַטיע (מאַנוילסקי אין אַן אַרטיקל אין „קאָמוניסטיטשעסקי אינטערנאַציאָנאַל" פון סעפּטעמבער 1924).

אין הסכם מיט אַזאַ אָפּשאַצונג פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע זענען טאַקע פאָרגעקומען די ענדערונגען אין דער טאַקטיק פון אייניהייטס־פראָנט, וואָס דער 5טער קאָנגרעס האָט אָנגענומען. דאָס אָנווענדן די טאַקטיק פון אייניהייטס־פראָנט מיט דער באַזע פון דער ס. ד. איז נויטווענדיק שטענדיק און אומעטום. אייניהייטס־פראָנט מיט דער באַזע און גלייכצייטיק אויך מיט די שפּיצן פון דער ס. ד. איז נויטווענדיק נאָר דאָרט, ווו די ס. ד. איז נאָך שטאַרק. דערביי אָבער דאַרף מען אָפּהיטן פאָלגנדיקע באַדינגונגען: איינהאַלטן און פאַרזיכערן אין אַזאַ פאַל די פולשטענדיקע אומאָפּהענגיקייט און זעלבסטשטענדיקייט פון דער קאַמ־

פּאַרטיי און שטענדיק אינפאָרמירן די מאַסן וועגן פאַרלויף פון די אונטער־האַנדלונגען און וועגן דעם אָפּגעשלאָסענעם מיט דער ס. ד. איינהייטס־פּאַקט. די טאַקטיק פון איינהייטס־פראָנט בלויז מיט די שפּיצן פון דער ס. ד. איז פון קאָנגרעס אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

דערמיט איז פאַראורטיילט געוואָרן די טאַקטיק אין דייטשלאַנד, וואָס בראַנדלער און ראַדעק האָבן געפירט אין 1923. דערביי האָט מען זיך שוין אויך אָפּגעגרעניצט פון די אולטראַ־לינקע און זייער טאַקטיק אַרויסצוטרעטן פון די רעפאָרמיסטישע פראָפעסיאָנעלע פאַריינען און צו שאַפן אייגענע, רויטע פאַריינען, ווי דאָס האָבן געפאָדערט רוט פישער און מאַסלאָוו אין דייטשלאַנד, דאמסקי אין פוילן, און פון זייער איינ־הייטס־פראָנט־טאַקטיק, וואָס האָט געשטרעבט צו שאַפן די איינהייט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער נאָר איבער די קעפּ פון זייערע פי־רער. דער עיקר איז אָבער געגאַנגען די רוסישע באָלשעוויקעס אויפן 5טן קאָנגרעס — שטאַרקער צו נעמען די אויסלענדישע קאָמפּאַרטייען אין דער האַנט אַריין. מען האָט זיך גערעכנט מיט אַ לענגערן פּעריאָד פון טיילווייזער און רעלאַטיווער סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם און די רו־סישע באָלשעוויקעס האָבן דעם דאָזיקן פּעריאָד געוואָלט אויסנוצן פאַר דער ווייטערדיקער „באָלשעוויזאַציע" פון די דאָזיקע פּאַרטייען.

פּיאַטניצקי, דער קאַסירער פון קאָמינטערן, האָט אָפן דערקלערט אין וואָס עס גייט:

אין קאָמינטערן־אָרגאַן „קאָמוניסטיטשעסקי אינטערנאַציאָנאַל" פון יוני 1924, ד"ה ערב דעם 5טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן, האָט ער פאַר־עפנטלעכט אַן אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט פאָרגעשלאָגן פאָלגנדיקע אָר־גאַניזאַציאָנעלע ענדערונגען אין סטאַטוט פון קאָמינטערן: די אָרגאַני־זאַציאָנעלע ביוראָ פון אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן דאַרף באַקו־מען די פולמאַכט צו קאָנטראָלירן די אויסלענדישע פּאַרטייען, צי זיי פירן אַדורך די רעזאָלוציעס פון די קאָנגרעסן פון קאָמינטערן און פון אויספיר־קאָמיטעט וואָס שייך די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגן.

לאָמיר דערביי דערמאָנען, אַז די פּאַקטישע אָנפירונג מיטן אויס־פיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן האָט זיך שטענדיק געפונען אין די הענט

פון די רוסישע באָלשעוויקעס, פאַקטיש פון סאָוועטישן פּאָליט־ביוראָ און פון זיין דעמאָלסטיקער מערהייט.

דאָס איז אָבער נאָך געווען ווייניק. פּיאַטניצקי פאָדערט ווייטער, אַז די אָרגאַניזאַציע־ביוראָ ביים קאָמינטערן דאַרף האָבן דאָס רעכט צו שיקן אינסטרוקטאָרן צו די באַזונדערע פּאַרטייען אין אויסלאַנד. די אינסטרוקטאָרן דאַרפן זיך באַטייליקן אין די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען און אויך אַריינדרינגען אין די אָרטיקע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס מיטן ציל צו אינסטרואירן, ווי אַזוי די באַשלוסן פון קאָמינטערן דאַרפן אויסגעפירט ווערן און צו קאָנטראָלירן דאָס אויספירן גופא פון די דאָזיקע באַשלוסן אין דער פּראַקטיק. פּיאַטניצקי האָט געפאָדערט, אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרשלאָגן זאָלן באַהאַנדלט ווערן אויפן קאָנגרעס פון קאָמינטערן. עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז אַלע זיינע פאָרשלאַגן זענען אָנגענומען געוואָרן פון קאָנגרעס. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די דאָזיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע מאָסמיטלען האָבן אויך געצילט דערצו, אַז די אָפּאָזיציע אין קאָמינטערן זאָל נישט אויסברייטערן אירע איינפלוסן. אין אָנבליק פון אינערלעכן קריזיס, וואָס דער קאָמינטערן האָט דעמאָלט איבערגעלעבט, האָט מען באַדאַרפט פאַרשטאַרקן די קאָנטראָל און די אָפּהענגיקייט פון די אויסלענדישע פּאַרטייען פון מאָסקווע. דער 5טער קאָנגרעס פון קאָמינטערן איז טאַקע אַדורך אונטערן צייכן פון אַ רוסישער „באָלשעוויזאַציע".

וועלכע זענען דאָס די סימנים פון אַ באָלשעוויסטישער פּאַרטיי? איר מאַסן־כאַראַקטער, איר פעאיקייט צו מאַנעווורירן, איר געטריישאַפט צום רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם און דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, איר צענטראַליזירטקייט און איר סיסטעמאַטישע אַרבעט אין דער אַרמיי.

באָלשעוויזאַציע האָט אויך באַדייט איבערבויען די פּאַרטיי לויטן סיסטעם פון פאַבריק־קעמערלעך, אַז יעדער פּאַרטיי־מיטגליד איז מחויב אויסצופירן אַ באַשטימטע פּאַרטיי־פונקציע און אַז די פּאַרטיי־אָנפירונג האָט איבער אים אַן אומבאַגרעניצטע מאַכט. אפילו זיין פּריוואַט לעבן שטייט אונטער אַ פּאַרטיי־קאָנטראָל.

מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט פאָרויסגעזען צו וואָס אַזאַ באָלשעוויזאַציע וועט דערפירן די קאָמפּאַרטייען און דעם קאָמינטערן און איך

אַליין האָב דעמאָלט נאָך געגלויבט, אַז אַזאַ שטרענגע צענטראַליזאַציע ליגט אין די אינטערעסן פון דער וועלט־רעוואָלוציע און אַז אונטער דעם קאָנטראָל פון מאָסקווע דאַרף זי אַדורכגעפירט ווערן, ווייל די באָלשעוויקעס האָבן די גרעסטע דערפאַרונג אויף דעם דאָזיקן געביט.

די פּוילישע קאָמיסיע פון קאָמינטערן

דער 5טער קאָנגרעס האָט געדאַרפט לייזן דעם אינערלעכן קריזיס אין דער פוילישער קאָמפּאַרטיי און ביידע צדדים, סיי די רעכטע אָנפירונג און סיי די „בערלינער גרופּע״, האָבן זיך צו אים זייער שטאַרק געגרייט.

די רעכטע אָנפירונג, אַלס די שולדיקע פאַר דעם צושטאַנד, אין וועלכן די פּאַרטיי געפינט זיך און פילנדיק שוין די אַטמאָספער, וואָס עס הערשט אין קאָמינטערן, איז געווען אינערלעך געבראָכן און פאַרנומען אַ דעפענסיווע־פּאָזיציע. דאָקעגן זענען די אולטראַ־לינקע געווען ביי זיך זייער האָפערדיק און זיך געפילט שוין ווי די באַלעבאַטים פון דער פּאַרטיי.

אויפן פּלענום פון 5טן קאָנגרעס האָט זינאָוויעוו זייער שטאַרק אָנגעגריפן אין זיין באַריכט די פּוילישע אָנפירונג און אָפן באַשולדיקט וואַרסקין, קאָסטזשעוואַן און אַנדערע, אַז זיי פירן אַ טאָפּלטע און אומערלעכע פּאָליטיק בנוגע דעם קאָמינטערן. ער האָט אָנגעוויזן, אַז אין דער שטיל שטיצן זיי טראָצקין אין רוסלאַנד און בראַנדלערן אין דייטשלאַנד.

עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע וועגן פּוילן, אין וועלכער עס ווערט פאַרגעוואָרפן דער אָנפירונג, אַז אין האַרבסט 1923 האָט זי נישט אַרויסגעוויזן קיין רעוואָלוציאָנערע אַקטיוויטעט און זיך נאָכגעשלעפּט נאָך די געשעענישן. עס איז באַשטימט געוואָרן, ווי עס פּלעגט זיך פירן, אַ ספּעציעלע פּוילישע קאָמיסיע.

אַלס פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע איז באַשטימט געוואָרן סטאַלין. דאָס איז געווען זיין ערשטער אַרויסטריט אויפן באָדן פון קאָמינטערן.

דאָס איז אָבער נישט געווען קיין גוטער סימן פאַר די רעכטע פון פּוילן, ווייל אין יולי האָט סטאַלין פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל, אין וועלכן

ער האָט באַשולדיקט די פוילישע אָנפירונג, אַז זי איז געוואָרן דער צענ־
טער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָפּאָזיציע אין קאָמינטערן. צו דער
דאָזיקער קאָמיסיע האָבן אויך געהערט מצד דער רוסישער דעלעגאַציע
אין קאָמינטערן: מאָלאָטאָוו, דזשערזשינסקי, אונשליכט, פּאָדוואָיסקי, מי־
לוטין און פּיאַטניצקי. פון דער אוקראַינישער דעלעגאַציע: מאַנואילסקי,
סקריפּניק און שומסקי. סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע איז געווען קאַפּצו־
קאַס־מיצקעוויטש, דער פאָרשטייער פון דער ליטווישער קאָמפּאַרטיי, פון
די דייטשן — ערנסט טעלמאַן און רוטע פישער און נאָך צו אייבצלנע
פאָרשטייער פון דער איטאַליענישער, ענגלישער, פינלענדישער, אַמערי־
קאַנער א״אַ פאָרשטייער.

פאַרשטייט זיך, אַז די הויפּט־ראָלע אין דער קאָמיסיע האָבן גע־
שפּילט די רוסן און די רוסיפיצירטע פּאָלאַקן, ווי דזשערזשינסקי און אונ־
שליכט.

די פוילישע דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון אַ געמיש פון פאַרשיי־
דענע עלעמענטן. די איבערוואָג האָט אָבער געהערט צו די רעכטע. די
„בערלינער גרופּע" איז אויך געווען פאַרטראָטן, כאָטש דער צ. ק. האָט
זיי פריער געהאַט אָפּגעשטעלט אין זייער פאַרטיי־אַרבעט פאַר פראַקציאָ־
נעלער טעטיקייט. די האַלטונג פון די פוילישע דעלעגאַטן האָט געמאַכט
אַ שלעכטן איינדרוק צוליב די אינערלעכע רייסערייען און קעגנזייטיקע
באַשולדיקונגען. אַזוי, למשל, האָט לענסקי, איינער פון דער „בערלינער
גרופּע", אָפּן דענונצירט וואַרסקין, אַז אין 1918 איז ער געווען אַ פיינט
פון די באָלשעוויקעס; אַז די דריי „וו׳ען" זענען רעפאָרמיסטן און אָפּאָר־
טוניסטן און שאַצן איבער די באַדייטונג פון דער בירגערלעכער דעמאָ־
קראַטיע. אַן אַנדער קאָמוניסטישער טוער, סקולסקי, וואָס איז די גאַנצע
צייט געגאַנגען פּאָליטיש צוזאַמען מיט וואַרסקין, האָט זיך פאַרטיידיקט
פאַר דער קאָמיסיע, אַז ער איז געווען שלעכט אינפאָרמירט, אַז ער האָט
זיך שפּעטער ניט אָפּגעגרעניצט פון די רעכטע דערפאַר, וואָס עס איז
נישט געווען מיט וועמען צו פאַרבייטן די רעכטע פירער. ער האָט דער־
ביי אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט מיט דער דיסקוסיע אין דער רוסי־
שער און דייטשער פראַגע, ווייל אַזוי אַרום איז אויפגעדעקט געוואָרן דער
אמתער פּרצוף פון די רעכטע פירער. דער זעלביקער סקולסקי האָט דע־

גונצירט אין זיין וואָרט קאָסטזשעוואַן, אַז זי האָט אויף אַ געשלאָסענער זיצונג פון דער פוילישער דעלעגאַציע אין מאָסקווע, בעתן 5טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן, דערקלערט, אַז די באַציאונג פון רוסישן פּאָליטביוראָ צו טראָצקין און פון קאָמינטערן צו בראַנדלערן איז נישט קיין ריכטיקע. זי איז אפילו געגאַנגען נאָך ווייטער און געזאָגט, אַז דאָס זענען גרויסע היסטאָרישע פעלערן, דאָס זענען קאַטאַסטראָפעס פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן קאָמוניזם. די דאָזיקע אַרויסטרעטונגען פון סקולסקין אין דער פוילישער קאָמיסיע האָבן געמאַכט אַ גוטן איינדרוק אויף איר פאָרזיצער — אויף סטאַלינען — און סקולסקי איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן.

איך האָב פּערזענלעך סקולסקין זייער גוט געקענט. מיר האָבן אַ געוויסע צייט צוזאַמען געאַרבעט אין לאָדזש. דאָס איז געווען אַ גרויסער אינטריגאַנט, אַ ברוטאַלער מענטש, וואָס איז פעאיק געווען זיינע נעכ־טיקע פריינט אויף אַ ציניש אופן היינט צו פאַרראַטן און צו באַזיי־טיקן פון דער פּאַרטיי־אַרבעט.

וואַרסקי און קאָסטזשעווא האָבן נאָך אַרויסגעוויזן אין דער קאָמיסיע אַביסל מוט און פּאָליטישן כאַראַקטער, ווען מען נעמט אין באַטראַכט די אַטאַקעס, וועלכע האָבן זיך אויף זיי געשאָטן נישט בלויז מצד דער רוסי־שער דעלעגאַציע, נאָר אויך מצד זייערע אייגענע פוילישע חברים און נעכטיקע אָנהענגער.

וואַרסקי האָט דערקלערט, אַז זיין שטעלונג אין דער רוסישער פראַגע איז געווען דיקטירט אויסשליסלעך פון דער מורא, אַז אַ פאַרשאַרפטע דיסקוסיע אין דער רוסישער פּאַרטיי וועט דערפירן צו דער אַנטשטייאונג פון פראַקציעס, וואָס וועלן זיך קעגנזייטיק באַקעמפן און דאָס וועט אָפּ־שוואַכן די איינהייטלעכע פּאַרטיי־אָנפירונג פון דער וועלט־רעוואָלוציע. די דאָזיקע מורא, האָט ער ווייטער דערקלערט, איז נישט קיין אויסדרוק פון אָפּאָרטוניזם, זי איז ווערדיק פאַר אַ רעוואָלוציאָנער. וואַרסקי האָט אויך נאָך געהאַט דעם מוט אין דער אָנוועזנהייט פון סטאַלינען צו דערקלערן, אַז ער שטעלט זיך נישט פאַר די העכסטע באָלשעוויסטישע אָנפירונג אָן טראָצקין. היינט קען אַזאַ דערקלערונג קלינגען זייער מאָדנע, אָבער צו יענער צייט האָבן גאָר אַ סך קאָמוניסטן אַזוי געטראַכט. וואַרסקי האָט דעמאָלט נאָך נישט געהאַט די מינדסטע פאָרשטעלונג און מיר מיט אים

אויך נישט, אַז סטאַלין וועט אים נישט מוחל זיין זיין דערקלערונג וועגן טראָצקין.

אין סאַמע ברען פון דער אַרבעט פון דער קאָמיסיע האָט אויפגע־ריסן אַ באָמבע, וואָס האָט דעמאָלט שווער געטראָפן זינאָוויעוון.

אין סאָוועטישן אויסערן־מיניסטעריום, וואָס איז דעמאָלט אָנגעפירט געוואָרן פון טשיטשערינען, האָט פאַרנומען אַ גרויסן פּאָסטן דער פּויליי־שער קאָמוניסט פּיאָטראָווסקי, — דער זעלביקער, וואָס איז אין די שפּע־טערדיקע יאָרן געווען סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין די באַלטישע לענ־דער. אין די יאָרן 1918 — 1919 איז ער געווען אין פּוילן און געשפּילט אַ ראָל אין די אַרבעטער־ראַטן אַלס פאָרשטייער פון די קאָמוניסטן. ער איז אויך צו יענער צייט געווען טעטיק אין לאָדזש און אָפט אַרויסגע־טראָטן אין אַרבעטער־ראַט. דאָס איז געווען אַ פלאַמענדיקער רעדנער און האָט געהערט צו די אָנפירנדיקע קרייזן פון די אַמאָליקע עסדעקעס. זיין פרוי איז געווען די באַרימטע זינגערין סטעלאַ בירנבוים, אַ טאָכטער פון טשענסטאָכאָווער הזן בירנבוים. אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן האָט ער צוליב פּאָליציי־אישע רדיפות פאַרלאָזט פּוילן און שפּעטער צו־ליב זיין בילדונג און שפּראַך־קענטענישן געאַרבעט ביי טשיטשערינען. פונדעסטוועגן האָט ער נישט איבערגעריסן זיינע אַלטע פּאָליטישע און פערזענלעכע פאַרבינדונגען מיט די געוועזענע פּוילישע עסדעקעס. אין אַ פריוואַטן געשפּרעך מיט זיין אַלטן פריינט שטיין־קראַיעווסקי, וואַרסקיס איידעם, האָט פּיאָטראָווסקי אים דערקלערט, אַז די טאַקטיק פון אייג־הייטס־פראָנט איז אייגנטלעך נישט מער ווי אַ בלאָף, וואָס איצט איז זי גילטיק דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָליטיק. שטיין־קראַיעווסקי איז נישט געווען קיין גרויסער חכם און ער האָט דאָס אין זיין אַרויסטריט אויף דער קאָמיסיע אויסגענוצט. די דאָזיקע רעוועלאַציע זיינע האָט אַרויס־גערופן אַ גרויסן טומל און צעמישונג אין דער פּוילישער קאָמיסיע. און דאָס איז פאַרשטענדלעך. מען דיסקוטירט אַזוי פיל וועגן איינהייטס־פראָנט פון אויבן אָדער פון אונטן, מען באַשולדיקט די רעכטע אין אָפּאָר־טוניזם און דאָ קומט אַ דערקלערונג, אַז די גאַנצע זאַך איז נישט מער ווי אַ בלאָף, אין וועלכן עס נויטיקט זיך איצט דער רוסישער אויסערן־מיניסטער. אמת, ווי מען האָט שפּעטער איבערגעגעבן, האָט פּיאָטראָווסקי

געהאַט צוליב דעם פאַל אַ שפּאַר ביסל אומאַנגענעמלעכקייטן, אָבער מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז עס איז נאָך געווען אין יענער תקופה פון באָלשעוויזם, ווען עס איז נאָך דערלויבט געווען, אַז קאָמוניסטן צווישן זיך זאָלן קענען דיסקוטירן און קיין מכשפה־פּראָצעסן האָט מען נאָך דער־מאָלט אויך נישט געקענט. טשיטשערין האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון פּיאַטראָווסקין און ער איז ווייטער געבליבן אויף זיין פּאָסטן.

אינטערעסאַנט איז אויך געווען דער אַרויסטריט פון קאָסטזשעווא אין דער דאַזיקער קאָמיסיע.

זי האָט אָנגעוויזן דערויף, אַז דער גאַנצער קאַמף, וואָס די פּוילישע לינקע פירן קעגן די רעכטע, איז בלויז געצילט דערצו, כדי צו באַהערשן די פּאַרטיי־אָנפירונג.

וועגן דער באַציאונג פון די רעכטע צו דער רוסישער אָפּאָזיציע האָט זי געבערענגט פאַר דער קאָמיסיע אַן אויסצוג פון בריוו, וואָס דאָס פּוי־לישע פּאָליט־ביוראָ האָט צוגעשיקט אין יאַנואַר 1924 צום צענטראַל־קאָ־מיטעט פון דער רוסישער קאָמפּאַרטיי.

אין דעם בריוו האָט זיך צווישן אַנדערן געזאָגט, אַז טראָצקי באַ־מערקט אַליין נישט, אַז ער קאָן ווערן דער פירער פון קלאַסן, וואָס זענען אונדז פרעמד און פון פיינטלעכע געזעלשאַפטלעכע טענדענצן. די געפאַר ווערט נאָך גרעסער דערמיט, וואָס טראָצקי איז היינט אין רוסלאַנד דער איינציקער מענטש, וואָס וואָלט געקענט ווערן פאַרגעטערט פון די מאַסן. מיטן טויט פון לענינען, האָט קאָסטזשעווא ווייטער ציטירט דעם בריוו, קען אַנטשטיין אַ באַדערפעניש צו געפינען אַזאַ מענטש. דאָס דרינגט אַרויס פון דער רוסישער טראַדיציע און פון גייסט פון אונדזער עפּאָכע. צו טראָצקין וועלן זיך ווענדן די אויגן פון די מאַסן. אָבער אין דער פּאַרטיי קען ער נישט ווערן דאָס, וואָס עס איז געווען לענין. פון דאַנען נעמט זיך דער קאָנפליקט. די געפאַרן וועט מען נישט באַזייטיקן דורך אַ פּערמאַנענטן קאַמף מיט טראָצקין, האָט קאָסטזשעווא ווייטער דערקלערט.

וואָס שייך דער פראַגע דייטשלאַנד, האָט זי געזאָגט, אַז די פעלערן איז די דייטשע אָנפירונג באַגאַנגען צוזאַמען מיטן קאָמינטערן און זי האָט פּאַרציטירט אויך וואָרט מיט דער וואָרענונג, אַז דער קאַמף פון די

ביבליאָטעק אין אָנדענק ד... קדושים פון לודמיר אומגעקומען ביים לודמיר'ער ל. ל. פאַריין אין בוענאָס איירעס

לינקע אין פוילן קען ווערן פאַר דער פוילישער קאָמפּאַרטיי קאַטאַסטראָ־פאַל.

די קאָמיסיע האָט געאַרבעט עטלעכע טעג און במשך פון דער צייט איז די מערהייט פון דער פוילישער קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון רעכטע, געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער. צום סוף זענען געבליבן בלויז די דריי „וו'ען" (ווערא קאָסטזשעווא, וואַרסקי און וואַלעצקי). אייגנטלעך האָבן אַלע רעכטע קאַפּיטולירט פאַר דער פוילישער קאָמיסיע. עס זענען בלויז געווען אונטערשיידן אין דער פאָרעם פון קאַפּיטולאַציע. אייניקע רעכטע, ווי למשל סקולסקי, האָט געוואָרפן די שולד אויף די נעכטיקע פריינט זיינע; אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז מען איז טאַקע באַגאַנגען פע־לערן, אָבער מען דאַרף נישט באַזייטיקן פון דער אָנפירונג די רעכטע. אויך די דריי „וו'ען" זענען גרייט געווען אָנצונעמען דעם אורטייל, וואָס די קאָמיסיע וועט אויף זיי אַרויסטראָגן. אין פאַרגלייך אָבער מיט אַנדערע רעכטע פון דער פוילישער קאָמיסיע האָבן וואַרסקי און קאָסטזשעווא איינגעהאַלטן אַ באַשטימטע זעלבסטווערדע און אַרויסגעוויזן אַ געוויסע פּאָליטישע שטאַנדהאַפטיקייט.

ביז סטאַלינס אַרויסטריט אין דער קאָמיסיע איז זייער פּאָליטישער גורל נאָך נישט געווען קיין געחתמעטער. און אַלע האָבן געוואַרט אויף זיין וואָרט. פאַר זיין וואָרט האָט ער נאָך געהאַט אַ באַראַטונג מיט די מיטגלידער פון דער רוסישער דעלעגאַציע.

סטאַלין האָט צווישן אַנדערן אין זיין וואָרט דערקלערט, אַז די רו־סישע פראַגע האָט אַ דעציזידירנדיקע באַדייטונג פאַר דער גאַנצער קאָמו־ניסטישער באַוועגונג אין מערב און אין מזרח, ווייל די ראַטן־מאַכט אין רוסלאַנד איז דער פונדאַמענט און די פעסטונג פאַר דער רעוואָלוציאָנע־רער באַוועגונג אין דער גאָרער וועלט. דער אונטערגאַנג פון דער ראַטן־מאַכט, האָט סטאַלין אונטערגעשטראָכן, וואָלט באַדייט דער אונטערגאַנג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער וועלט.

בנוגע דער דייטשער פראַגע, האָט סטאַלין געהאַלטן, אַז זי איז נאָך דער רוסישער די וויכטיקסטע פאַרן קאָמינטערן. ערשטנס דערפאַר, ווייל פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער איז דייטשלאַנד אַמנאָענטסטן צו דער רעוואָלוציע און, צווייטנס, ווייל דער זיג פון דער דייטשער רעוואָלוציע

וועט באַדייטן דער זיג פון דער רעוואָלוציע אין גאַנץ אייראָפּע. פון דייטשלאַנד וועט זיך אָנהייבן די רעוואָלוציאָנערע אויפטרייסלונג פון גאַנץ אייראָפּע — האָט סטאַלין אונטערגעשטראָכן. נאָר די דייטשן קע־נען אין דער הינזיכט נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו. דער זיג פון דער דייטשער רעוואָלוציע וועט פאַרפעסטיקן דעם פולקאָמען זיג פון דער אינ־טערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע.

סטאַלין, אין נאָמען פון דער רוסישער דעלעגאַציע, האָט אַריינגע־טראָגן אין דער קאָמיסיע אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער עס ווערט אויף אַ שאַרפן אופן פאַראורטיילט די טעטיקייט פון רעכטן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי. עס ווערט אויך אין איר אָנגעוויזן, אַז די דריי „וו'ען" זענען געווען אַן אינסטרומענט אין די הענט פון די רעכטע אין קאָמינטערן, פון דער רוסישער פּאַרטיי און פון דער דייטשער. דאָס האָט דערפירט צו אַ קאַטאַסטראָפאַלן צושטאַנד די פּוילישע קאָמפּאַרטיי, שטעלט פעסט די דאָזיקע רעזאָלוציע. אויפן סמך פון די דאָזיקע פעסט־שטעלונגען האָט די רעזאָלוציע פון דער רוסישער דעלעגאַציע געמאַכט פאָלגנדיקע פאָרשלאָגן: דער קאָמינטערן זאָל שיקן אַן אָפענעם בריוו צו דער קאָמפּאַרטיי פון פּוילן, עס זאָל צונויפגערופן ווערן אַ פּאַרטיי־קאָנ־פערענץ, באַזייטיקן פון פּאָליטביוראָ וואַרסקין, קאָסטשעוואַ, וואַלעצקין און פּרוכניקן, און צוזאַמען אויך מיט בראַנדן אַלע זיי פאַרהאַלטן אין מאָסקווע, די פּאַרטיי־אָנפירונג אַריבערטראָגן אין לאַנד און פון דער איצ־טיקער פּוילישער דעלעגאַציע צום קאָמינטערן און די מיטגלידער פון דער „בערלינער גרופּע" צונויפשטעלן אַ נייעם צענטראַל־קאָמיטעט.

קאָסטשעוואַ האָט נאָך געהאַט דעם מוט צו האַלטן אַ פּאַרטיידיקונג־רעדע און זי האָט צווישן אַנדערן דערקלערט, אַז צוליב אירע אַרויסטרע־טונגען און קריטישע באַמערקונגען בנוגע אייניקע באַשלוסן פון אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן ביי אַ פריערדיקער געלעגנהייט האָט דעמאָלט שוין זינאָוויעוו אָפן דערקלערט, אַז מיר וועלן אייך צעברעכן די ביינער, אויב איר וועט פּרובירן אַרויסצוטרעטן קעגן דער רוסישער אָנפירונג. איר קענט דאָס לייכט טאָן, האָט זי ווייטער געזאָגט, ווייל איר ווייסט, אַז דער קאַמף מיט אייך ביי די איצטיקע באַדינגונגען איז אַן אוממעג־לעכע זאַך. ווען איר וואָלט איצט געשטעלט די פראַגע די פּוילישע אַר־

בעטער, מיט ווענען זיי ווילן גיין: מיט אונדז צי מיט אייך, וואָלט אונדז נישט געבליבן עפּעס אַנדערש צו טאָן, ווי זיי הייסן גיין מיט אייך. און דעריבער אויב צוליב די אַנטשטאַנענע חילוקי־דעות וועט איר איצט אונדז דערקלערן אַ מלחמה, דאַן קען נישט זיין קיין רייד נישט וועגן קאַמף, נישט וועגן אַ מפּלה און נישט וועגן אַ זיג. אַזאַ איז שוין אייער פּריווי־לעגיע, האָט זי געזאָגט אויפן אַדרעס פון די רוסן אין דער קאָמיסיע, און דאָס איז אויך אייער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס עס לייגן אויף אייך אַרויף די דאָזיקע פּריווילעגיעס. נאָך דער דאָזיקער קאַפּיטולאַנטישער דערקלערונג האָט אָבער קאָסטזשעווואַ געהאַט דעם מוט צוצוגעבן, אַז דער געוואַלדיקער אויטאָריטעט, פון וועלכן עס געניסן די רוסישע חברים, איז פאַר אונדז אַלעמען אַ גרויסער פּלוס, עס וואָלט אָבער געווען געפערלעך ווען מען וואָלט אים פאַלש פאַרשטאַנען; ווען דער דאָזיקער אויטאָרי־טעט וואָלט דערהרגעט יעטוועדן זעלבסטשטענדיקן געדאַנק אין דער פאַרטיי.

צום סוף האָט זי נאָך געהאַלטן פאַר נויטיק אַריינצוזאָגן די אַלע מיטגלידער פון דער פּוילישער דעלעגאַציע, וואָס גרעניצן זיך איצט אָפּ פון די רעכטע.

דאָס פאַטאַלסטע איז, האָט קאָסטזשעווואַ געזאָגט, וואָס אין דער פּוילישער דעלעגאַציע צום קאָנגרעס פון קאָמינטערן איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק און די חברים האָבן שוין פאַרלוירן יעטוועדן גלייכגעוויכט. עס איז ביי זיי פאַרשוואונדן דער גאַנצער פּאַרטיי־פּאַטריאָטיזם און דאָס גע־פיל פון פאַרטיי־ווערדע, אָן וועלכן עס איז קיין גראָשן נישט ווערט אַ פאַרטיי־מיטגליד.

דער גורל פון די רעכטע פירער איז שוין געווען אַ געחתמעטער און דער קאָנגרעס האָט בלויז פאָרמעל געדאַרפט באַשטעטיקן די דאָזיקע רע־זאָלוציע, וואָס די קאָמיסיע האָט אָנגענומען אויפן פאָרשלאָג פון סטאַ־לינען.

עס האָט זיך אָבער נישט בלויז געהאַנדלט אין אויסגלייכן די פּאָלי־טישע ליניע פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי, מען האָט אויך אַדורכגע־פירט אַ כירורגישע אָפּעראַציע: עס איז באַזייטיקט געוואָרן די רעכטע אָנפירונג.

אין דעם אָפענעם בריוו צו די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, וואָס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרעפנטלעכן, האָט זיך געזאָגט, אַז די דריי „וו׳ען״ האָבן ניט געוואָלט דערציען די פּאַרטיי אין גייסט פון באָלשעוויזם; אַז זיי האָבן אַריבערגעטראָגן זייערע אַנטי־באָלשעוויסטישע טענדענצן אויפן באָדן פון ראַטנפאַרבאַנד און זיך פאַרמאָסטן צו געבן אַ קלאַפּ דעם רוסישן צענטראַל־קאָמיטעט אין אַ מאָמענט פון לענינס אַוועקגיין און בעת די רוסישע אָפּאָרטוניסטישע אָפּאָזיציע האָט געפּרוווט אונטערצו־גראָבן די יסודות פון דער רוסישער קאָמפּאַרטיי.

די באַשלוסן פון דער פּוילישער קאָמיסיע זענען שפּעטער באַשטע־טיקט געוואָרן פון קאָנגרעס און וואַרסקי, ווערא און וואַלעצקי זענען פּאָ־ליטיש פולשטענדיק געוואָרן איזאָלירט.

אין דער פּאַרטיי האָט נאָך אָנגעהאַלטן די דיסקוסיע צווישן די רעכ־טע און לינקע, אָבער ווי נאָר עס זענען באַקאַנט געוואָרן די באַשלוסן פון קאָמינטערן איז זי תיכף איבערגעריסן געוואָרן. עס איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק ביי די רעכטע אין די ערשטע וואָכן נאָכן 5טן קאָנגרעס, וואָס האָט זיך שפּעטער פאַרוואַנדלט אין אַן אַפּאַטיע און אָפּהענדיקייט ביי אַ טייל רעכטע. אַנדערע ווידער האָבן מיט פאַרביטערונג אויפגענומען די באַשלוסן פון קאָמינטערן, אָבער געשוויגן.

די פּאַרטיי־אָנפירונג האָבן איבערגענומען מענטשן, וואָס זענען פּאַקטיש פון קיינעם נישט געוויילט געוואָרן, און זיי האָבן איצט גע־דאַרפט אָדורכפירן אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ, וואָס זאָל סאַנקציאָנירן די באַ־שלוסן פון קאָמינטערן.

דאָס ביסעלע דעמאָקראַטיע, וואָס האָט נאָך עקזיסטירט אין דער פּאַרטיי בעתן צווייטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר איז איצט שוין אויך פאַר־שוווּנדן.

סאָפיע אונשליכט און דאמסקי האָבן צוגעגרייט דעם צוזאַמענפאָר און האָבן שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז קיין איינציקער אָנהענגער פון די דריי „וו׳ען״ זאָל נישט האָבן קיין מאַנדאַט. מען האָט גענומען בלויז איי־גענע מענטשן און כדי דעם צוזאַמענפאָר צוצוגעבן אַ פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער, האָט מען אויך געשיקט עטלעכע אַרבעטער פון וואַרשע, לאָדזש און פון דאָמבראָווער קוילן־ראַיאָן. דאמסקי האָט געוואָלט פאַר

די דריי „וו'ען" צוגרייטן אויפן צוזאַמענפאָר אַן ערשטקלאַסיקע לוויה.
די אולטראַ־לינקע און צענטריסטן האָבן זיך נישט באַגרעניצט בלויז מיט די אָרגאַניזאַציאָנעלע צוגרייטונגען צום צוזאַמענפאָר. נאָר האָבן אויך געפירט אַ ווילדע העץ־קאַמפּאַניע קעגן טראָצקין, ראַדעקן און בראַנדלערן און שטאַרקט געלויבט סטאַלינען און זינאָוויעוון.
דאָס איז געווען די אַטמאָספער, וועלכע איך האָב געטראָפן בעת מיין אַנטלויפן פון דער טורמע סוף האַרבסט 1924.

מיין אַרבעט אין מערב־ווייסרוסלאַנד

זאָפיע אונשליכט און דאַמסקי האָבן געוווּסט, אַז איך בין אַ רעכטער און עס האָט דעריבער נישט געקאָנט זיין קיין רייד דערפון, אַז זיי זאָלן מיך שיקן צום דריטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד, אָדער מיך צולאָזן צום צענטראַלן פּאַרטיי־אַפּאַראַט, כאָטש עס איז געווען אַ גרויסער דוחק אין מענטשן. האָבן זיי פאַר מיר געפונען אַן אויסוועג: זיי וועלן מיך שיקן אויף פּאַרטיי־אַרבעט קיין מערב־ווייסרוסלאַנד, קיין ביאַליסטאָק.

גראָד דעמאָלט איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג אין דער ווייס־רוסישער קאָמפּאַרטיי און עס האָט געדראָאָט אַ געפאַר, אַז די פּאַרטיי זאָל באַהערשט ווערן פון די „סעצעסיאָניסטן". פאַר מיר איז דאָס געווען אַן אויסוועג, ווייל איך האָב נישט געגלויבט, אַז דער נייער אולטראַ־לינקער קורס וועט לאַנג אָנהאַלטן. איך האָב געדאַרפט צוקאָאָפּטירט ווערן צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ווייס־רוסישער קאָמפּאַרטיי אויפן אָרט פון אַ צווייטן „פּאָליאַק" מיראָן, וועלכער איז „אַריינגעפאַלן" אין ווייסרוס־לאַנד.

„מיראָן", וועמענס אמתער נאָמען איז געווען מענדל מיכראָווסקי, האָט אַמאָל פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ ביי די לינקע „פּועלי־ציון", און אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן איז ער מיט אַ גרופּע לינקע פּועלי־ציוניסטן אַריבערגעגאַנגען צו די קאָמוניסטן. פון פאַך אַ דענטיסט, האָט ער געהאַט אין לאָדזש אַ דענטיסטישן קאַבינעט, וואָס איז פאַקטיש

געווען דער צענטער פון דער קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט פון די לאָדזשער קאָמוניסטן.

בעת מען האָט אים געפירט צום ריכטער צו דער אויספאָרשונג איז אים געלונגען צו אַנטלויפן פון דער געריכטס־געביידע אין וואַרשע און ער איז אויך געקומען אויף דער זעלביקער קאָנספּיראַטיווער וווינונג, וווּ איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן.

מיר האָבן זיך זייער שטאַרק דערפרייט, ווייל ער איז נאָך געווען מיין שול־חבר פון לאָדזש. פון אים האָב איך באַקומען אַ סך נוצלעכע אָנווייזונגען, ווי אַזוי זיך אומלעגאַל איינצואָרדענען אין ווייסרוסלאַנד. ער איז געפאָרן קיין רוסלאַנד אין אַ פּאַרטיי־שולע און שפּעטער אַרומגעפאָרן אין דער וועלט אַלס שליח פון קאָמינטערן און פּראָפינטערן. אַ געוויסע צייט איז ער אויך געווען אין דרום־אַמעריקע. שפּעטער האָב איך פאַרלוירן זיינע שפּורן און מען האָט אָנגענומען, אַז ער איז „פאַרשוואונדן", אַזוי ווי אַ סך אַנדערע פּאָליאַקן בעת די גרויסע רייניקונגען, וואָס יעזשאָוו האָט אַדורכגעפירט. ער און זיין שוואָגער „יוליאַן" (פּ. בוקסהאָרן), אויך אַ לאָדזשער, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו דער ס. ס. און שפּעטער געווען אַ טעטיקער מיטגליד פון דער יידישער סעקציע אין פּוילן*). אויך ער איז אַוועק קיין רוסלאַנד, דאָרט געווען אַ מיטאַרבעטער פון מאָסקווער „עמעס" און שפּעטער אויסגערייניקט געוואָרן.

איך האָב אָנגענומען דעם פאָרשלאַג צו פאָרן קיין ביאַליסטאָק און אין דעצעמבער 1924 האָב איך פאַרלאָזט וואַרשע.

עס רעדט זיך אַזוי — פאָרן קיין ווייסרוסלאַנד. צו יענער צייט האָט נאָך געקאָכט און געברויזט אין מערב־ווייסרוסלאַנד. פּאַרטיזאַנער־קאַמפן, סאַבאָטאַזש־אַקטן, אונטערצינדונגען פון פּוילישע פּריצישע גיטער פון איין זייט און פּאָליצייאישער טעראָר און מיליטערישע שטראָף־עקספּעדיציעס פון דער אַנדערער זייט. פּאַקטיש האָט עקזיסטירט אַ קליינער פּערמאַנענטער בירגער־קריג, וואָס איז אונטערגעהאַלטן געוואָרן פון יענער זייט גרעניץ. ניט די קאָמוניסטישע צענטערן אין וואַרשע אָדער

*) אין די יונגע יאָרן געווען אַ שטיקל פּאָעט און אַרויסגעגעבן אַ ביכל באַעזיע „ויאַזיקע זוואַלן".

ביאַליסטאָק האָבן אָנגעפירט מיט די דאָזיקע קאַמפּן, נאָר מינסק — די הויפּטשטאָט פון סאָוועט־ווייסרוסלאַנד. פון דאָרט זענען געקומען די אינ־סטרוקציעס צוזאַמען מיט די אינסטרוקטאָרן, וואָס האָבן אָנגעפירט דעם קאַמף מיט דער פּוילישער מאַכט. אינסטרוקטאָרן אין ציווילער קליידונג, אָבער וואָס זענען ביי זיך אין סאָוועט־ווייסרוסלאַנד געווען פון דער ראַנ־גע גענעראַלן, ווי דאָס איז, למשל, געווען דער פּאַרטיי־טוער „אַרטור". פון אַ געשפּרעך מיט אים האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז געווען פון סמאָלענסקער גענעראַל־שטאַב.

בכלל האָב איך נישט געקענט אונטערשיידן צווישן די פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן, ווער עס האָט געהערט צו דער ג. פּ. או. (סאָוועטישע גע־היים־פּאָליציי) און ווער צו דער רויטער אַרמיי, ווער צום שפּיאָנאַזש־דינסט און ווער צום אייגנטלעכן פּאַרטיי־אַפּאַראַט.

געלט און פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור אין דער ווייסרוסישער שפּראַך פלעגט אָנקומען פון יענער זייט גרעניץ און אַהין האָט מען געשיקט יונגע ווייסרוסן און אויך יידישע יוגנט אין די פּאַרטיי־שולעס אין מינסק, אָדער אַזעלכע וואָס זענען שוין גאָר שטאַרק געזוכט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. אויך ווייסרוסישע פּויערים זענען צוליב פּאָליציייאישע רדיפות געלאָפן איבער דער סאָוועטישער גרעניץ.

פאָרמעל איז די ווייסרוסישע קאָמפּאַרטיי געווען אויטאָנאָם און אין הסכם מיט די באָלשעוויסטישע פּרינציפּן פון דעמאָקראַטישן צענטראַליזם האָט זי געהאַט אירס אַ פאָרשטייער אין פּוילישן צענטראַל־קאָמיטעט און אַ פאָרשטייער פון פּוילישן צ. ק. איז געווען פאַרטרעטן אין ווייס־רוסישן צ. ק. פאַקטיש אָבער איז די גאַנצע פּאַרטיי־אַרבעט אויפן טערען פון מערב־ווייסרוסלאַנד געלעגן אין די הענט פון מינסקער פּאָליט־ביוראָ, ריכטיקער פון מאָסקווע.

איך וויל זיך אָבער איצט אַביסל גענויער אָפּשטעלן אויף דער לאַגע אין מערב־רוסלאַנד, בעת איך האָב דאָרט אָנגעהויבן מיין אַרבעט.

די באַפעלקערונג פון ווייסרוסלאַנד איז הויפּטזעכלעך באַשטאַנען פון ווייסרוסישע פּויערים. דער אַרבעטער־עלעמענט איז ביי איר געווען זייער שוואַך פאַרטראָטן, שוין אָפּגערעדט פון אינדוסטריעלן פּראָלע־טאַריאַט. דאָס דאָרף איז געווען ווייסרוסיש, דאַקעגן די שטעט נישט. אין

די שטעט און באַזונדערס אין די שטעטלעך האָט דאָמינירט דער יידי־שער עלעמענט. אין ביאַליסטאָק, גראָדנע א״א איז די באַפעלקערונג גע־ווען אַ יידישע אוּן פּוילישע. די אַרבעטער אין די שטעט זענען באַשטאַנען פון יידן און פּאָלאַקן. יידישע אַרבעטער זענען הויפּטזאכלעך געווען באַ־שעפטיקט אין דער מיטעלער און קליין־אינדוסטריע און די פּוילישע אַר־בעטער אין די מלוכהשע, ווי אייזנבאַנען, קאָמונאַלע ווירטשאַפט און צום טייל אין דער טעקסטיל־ און כעמישער אינדוסטריע. דער האַנדל איז אין אַ גאָר גרויסער מאָס געלעגן אין יידישע הענט און די פּאָליאַקן מיט דער הילף פון די פּוילישע מלוכה־אָרגאַנען האָבן געשטרעבט אַרויסצושטויסן די יידן פון האַנדל און מלאכה, באַנוצנדיק זיך מיט די ראַפינירטסטע מעטאָדן און די עקלהאַפטסטע אַנטיסעמיטישע לאָזונגען. די פּוילישע רעאַקציאָנער־אַנטיסעמיטישע רעגירונגען האָבן אויך אַרויסגעשטויסן די יידישע אינטעליגענץ פון די פרייע פּראָפעסיעס און מען האָט זיי נישט צוגעלאָזט צו קיין שום רעגירונגס־פּאָסטן.

די ווייסרוסישע דאָרפישע באַפעלקערונג האָט נישט געהאַט קיין שטאַרקע פאַרבינדונג מיט די גרעסערע שטאָטישע צענטערן און ווייניק זיך אינטערעסירט מיטן לעבן און קאַמף, וואָס פלעגט זיך דאָרט אָפּ־שפּילן. איר הויפּט־אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווענדט קעגן אירע צוויי מעכטיקע שונאים אויפן אָרט: דעם פּוילישן מלוכה־אַפּאַראַט און די פּוילישע פּריצים.

אין ווייסרוסישן דאָרף האָבן נאָך צו יענער צייט עקזיסטירט האַלב־פעאָדאַלע פאַרהעלטענישן. דער גרעסטער טייל פון דער ווייסרוסישער ערד האָט נישט געהערט צו קיין ווייסרוסישע פּריצים, נאָר צו דער אַל־טער פּוילישער שליאַכטע און די ווייסרוסישע פּויערים זענען פון זיי באַ־האַנדלט געוואָרן כמעט ווי לייב־אייגענע. ווען אַ פּריץ האָט באַמערקט אַ פּויער אויף זיין פעלד, האָט ער אויף אים געשאָסן און דערפאַר קיין שום שטראָף נישט באַקומען.

די געריכטן זענען געווען פּוילישע און דער פּויער איז שטענדיק גע־ווען דער שולדיקער. דער ווייסרוסישער פּויער איז געווען רעכטלאָז און שוצלאָז און די גויט אין דאָרף איז געווען אַן אומבאַשרייבלעכע.

מיר איז אויסגעקומען אויסצומעסטן דאָס לאַנד אין דער לענג און

אין דער ברייט און נישט איינמאָל איבערצונעכטיקן ביי אַ ווייסרוסישן פויער. מען קען זיך נישט פאָרשטעלן די שרעקלעכע נויט און דעם שמוץ, אין וועלכן עס האָט געלעבט דער פויער. אָפט האָבן צען נפשות געלעבט אין איין שטוב בעתן ווינטער. נישט קיין שטוב איז דאָס געווען, נאָר אַ צונויפגעקלעפּטע כאַטע פון ליים. פרויען, מענער און קינדער זענען אָפט געשלאָפן צוזאַמען מיט זייערע בהמות. קינדער האָט מען ווינטער גע־האַלטן אַ גאַנצן טאָג אין שטרוי־זעק, אָנגעפולט מיט שעטשקע צוליב די גרויסע קעלטן, און עס האָט נישט איינמאָל געטראָפן, אַז אַ חזיר האָט אויפגעפרעסן אַן עופהלע.

די שרעקלעכע היגיענישע באַדינגונגען זענען ממש נישט צו באַ־גרייפן. זייף איז אין ווייסרוסישן דאָרף געווען אַ זעלטנקייט און מען האָט זיך ביים שכן געבאָרגט אַביסל שמוציק זייף־וואַסער. פויערים האָבן גע־שפּאָלטן אַ שוועלבעלע אויף צוויי, אָדער געגאַנגען צום שכן נעמען אַביסל פייער. נאָפט האָט דער פויער אויך נישט גענוצט. ער האָט געברענט קינדלעך און די כאַטע איז געווען פול מיט רויך. זאַלץ־וואַסער האָט מען זיך אויך געבאָרגט איינער ביים צווייטן. און אַזוי האָט אויסגעזען די פויערישע קאָנסומציע פון אַ סך אַנדערע פּראָדוקטן, וואָס ער האָט גע־דאַרפט קויפן אין שטאָט ביים יידישן קרעמער.

לייוונט האָט ער אַליין געוועבט פון פלאַקס און אנשטאָט שיך האָט ער געטראָגן לאַפּטשעס, וואָס ער האָט אַליין געפלאָכטן. איין פּאָר שיך אין דער פאַמיליע איז געווען אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג. פויערים האָבן געהאַט אַ סך קינדער און דאָס ווייסרוסישע דאָרף איז געווען איבערבאַ־פעלקערט. אַ יונגע פויערטע האָט אַליין געבוירן איר קינד אין פעלד און אַליין עס אהיימגעבראַכט אין פאַרטעך. דערפאַר אָבער איז אויך די שטערבלעכקייט אין דאָרף געווען אַ גרויסע.

אין דער קירך איז מען געגאַנגען זונטיק, אָבער דעם פּוילישן גלח האָט מען נישט ליב געהאַט (די ווייסרוסן זענען אין זייער מערהייט גע־ווען פון קאַטוילישן גלויבן). מען איז געגאַנגען אין דער קירך און מען איז געווען שרעקלעך אבערגלויבעריש. דאָרפישע „זנאַכערס" האָבן גע־היילט קראַנקע מיט די פאַנטאַסטישע מיטלען און פאַרשטאַרקט די ליידן און פאַרגרעסערט די שטאַרביקייט אין דאָרף. דער פויער האָט נישט גע־

האָט קיין געלט צו באַצאָלן אַ דאָקטער אָדער צו קויפן די פאַרשריבענע מעדיקאַמענטן. די מער־פאַרמעגלעכע פלעגן באַצאָלן דעם דאָקטער אין נאַטור: מיט אַ הון, פּוטער אָדער אייער.

מיין שוועסטער מיט איר מאַן האָבן אין די דרייסיקער יאָרן געלעבט אין אַ קליין ווייסרוסיש שטעטל — פּאַראָזאָווע, וואָלקאָוויסקער פּאָוויאַט, און דאָרט פּראַקטיצירט אַלס דאָקטוירים. ער איז געווען אַ גינעקאָלאָג און זי אַ קינדער־דאָקטאָרין. איך בין ביי זיי געווען עטלעכע וואָכן און געהאַט די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן די שרעקלעכע נויט, וואָס עס האָט געהערשט אין מערב־ווייסרוסלאַנד.

דער הויפּט־אומגליק פון ווייסרוסישן פּויער איז געווען דער דוחק אין ערד, דער ערד־הונגער. פּויערים האָבן געהאַט קליינע ערד־פּאַרצעלן, אָבער די מערהייט איז געווען ערדלאָז. נאָר אַ דינינקער שיכט איז שוין באַשטאַנען פון מיטעלע פּויערים. דאַקעגן האָבן די פּוילישע פּריצים געהאַט ריזיקע לאַטיפונדיעס און וועלדער.

פּאָר קלייבן טרוקענע צווייגן אין פּריצישן וואַלד אָדער שוואָמען האָט דער וועכטער געמעגט שיסן אויף די אָרעמע פּויערים אָדער זייערע קינדער. ערד — דאָס איז געווען דער אייניציקער באַגער און חלום פון ווייסרוסישן פּויער.

די צווייטע פּלאָג פון ווייסרוסישן דאָרף איז געווען די פּוילישע רעגירונג מיט אירע פּאָליציאַישע מאַכט־אָרגאַנען.

מען האָט ביים פּויער אַוועקגענומען די קו און דעם חזיר פּאַר די נישט־באַצאָלטע שטייערן. און די קו איז אָפטמאָל געווען די איינציקע שפּייזערין פון דער גאַנצער פאַמיליע. פלעגט זיך אין אַזעלכע פאַלן טאָן חושך. די אויפגערעגטע פּויערים פלעגן דעם עקזעקוטאָר מיט כּוח פאַרטרייבן פון דאָרף. נו, איז געקומען פּאָליציי און ווען עס איז נויטיק געווען אפילו פּוילישע מיליטערישע אָפּטיילונגען און האָבן אַדורכגעפירט אַ בלוטיקן איבערפאַל איבערן דאָרף.

אַנדערע פּויערים האָבן נישט געוואַרט ביז מען וועט צו זיי קומען אַוועקנעמען די קו, נאָר זיי זענען באַצייטנס אַוועק מיט זייערע בהמות אין די וועלדער.

עס איז דעריבער נישט געווען רואיק אויף די וועגן, וואָס האָבן זיך

געצויגן צווישן די ווייסרוסישע וועלדער, און די פּאָליציי און מיליטער זענען שטענדיק געווען אין אַן אַלאַרם־צושטאַנד. דער אַגראַר־פּראָבלעם איז אין גאַנץ פּוילן געווען איינער פון די הויפּט־קוואַלן פון דער רעוואָלוציאָנערער ענערגיע, וועלכע די קאָמוניסטן האָבן געשטרעבט אויסצונוצן פאַר זייער סטראַטעגיע און טאַקטיק.

אין ווייסרוסלאַנד (און אין מערב־אוקראַינע) איז אָבער די אַגראַר־פּראַגע געווען ענג פאַרבונדן מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע. אין פּוילן האָט אַ ראַדיקאַלע אַגראַר־רעפאָרם לחלוטין נישט באַדייט, אַז דערמיט פאַרלירט דאָס דאָרף זיין נאַציאָנאַל־פּוילישן כאַראַקטער.

אַנדערש אָבער איז געווען די לאַגע אין ווייסרוסלאַנד. אַ ווייטגייענדיקע אַגראַר־רעפאָרם וואָלט דערפירט צו דער ליקווידאַציע פון דעם פּוילישן ערד־באַזיץ און במילא פון די פּוילישע אינדזלען אין ווייסרוסישן ים, ווייל נאָר די פּריצים זענען דאָרט געווען די באַזע פאַר דער פּוילישער הערשאַפט איבער ווייס־רוסלאַנד.

אַן ערד־רעפאָרם וואָלט באַדייט אַ פאַרשטאַרקונג פון עקאָנאָמישן, סאָציאַלן און קולטורעלן לעבן פון ווייסרוסישן פאָלק און זי וואָלט דעריבער דערפירט דערצו, אַז די ווייסרוסן זאָלן באַקומען אַ ברייטערע פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, אויב נישט נאָך מער. צוליב די אַלע סיבות האָבן די פּוילישע הערשנדיקע קרייזן בשום אופן נישט געקאָנט איינגיין אפילו אויף אַן אַרומגעשניטענער אגראַר־רעפאָרם און געהאָט נאָר איין מיטל אין קאַמף קעגן דער שרעקלעכער נויט אין ווייסרוסישן דאָרף: פּאָליצייאישע מאַסמיטלען און טעראָר.

דער לאָזונג, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אָנגענומען אויף איר צווייטן צוזאַמענפאַר וועגן זעלבסטבאַשטימונג־רעכט פאַר די ווייסרוסן און אוקראַינער ביזן אָפּרייסן זיך פון פּוילן און פאַראייניקן זיך מיט סאָוועט־רוסלאַנד, האָט טאַקע געצילט אויסצונוצן די שווערע לאַגע אין ווייסרוסלאַנד אין די אינטערעסן פון סאָוועט־רוסלאַנד. דערביי האָט מען, פאַרשטייט זיך, פאַרגעשטעלט די לאַגע פון די פּויערים אין סאָוועט־רוסלאַנד אין די ליכטיקסטע פאַרבן. דאָרט האָט דער פּויער צוגענומען די ערד ביי די פּוילישע פּאַנעס; דאָרט עקזיסטירט שוין מער נישט קיין נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג; אַ באַווייז, עס איז פאַראַן אויף יענער זייט

גרעניץ אַ ווייסרוסישע סאָוועטישע רעפּובליק, אַ ברייט פאַרצווייגט שול־וועזן אין דער ווייסרוסישער שפּראַך א״אַ.

אין יענע יאָרן (דאָס איז נאָך געווען פאַר דער צוואַנג־קאָלעקטיווייזאַציע און רוסיפיקאַציע אין סאָוועט־ווייסרוסלאַנד) האָט אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע אויסגענומען נישט נאָר ביי די אָרעמע פּויערים, נאָר אויך ביי דער ווייסרוסישער אינטעליגענץ.

די ווייסרוסישע מאַסן האָבן געהאַט גרויסע סימפּאַטיעס פאַרן ראַטנפאַרבאַנד און געהאָפט, אַז די רויטע אַרמיי וועט זיי העלפן זיך באַפרייען פון דער פּוילישער הערשאַפט. דער באָדן איז געווען אַ גיגציקער פאַר אַ קאָמוניסטישער טעטיקייט.

עס האָבן אויך צווישן די ווייסרוסן עקזיסטירט קרייזן, וואָס זענען געווען פיינטלעך געשטימט צום באָלשעוויזם און סאָוועטישן סיסטעם. צו זיי האָבן געהערט די אַלע, וואָס זענען געווען אין רוסלאַנד בעת דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש און אויף דער אייגענער הויט דערשפּירט דעם טעם פון דער באָלשעוויסטישער הערשאַפט. זיי זענען פון דאָרט אַנטלאָפן און פון זיי האָט זיך אויסגעבילדעט דער אַנטי־באָלשעוויסטישער קערן אין ווייסרוסלאַנד. די פּראָ־סאָוועטישע סימפּאַטיעס אין ווייסרוסישן דאָרף האָבן אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ מין נאַציאָנאַל־באָלשעוויזם, געמישט מיטן שטאַרקן דראַנג פון פּויער צו אַן אייגענער באַלעבאַטישקייט.

אין דעם באַוווסטזיין פון דעם אָפּגעשטאַנענעם ווייסרוסישן פּויער האָט דער רוסישער באָלשעוויזם באַקומען דעם אויסדרוק פון אַ זאַטן אַרבעטס־פּויער, וואָס לעבט נאַציאָנאַל און פּאָליטיש פריי ביי זיך אויף דער ערד. זיין פאַרשטעלונג־קראַפט האָט נישט דערגרייכט ווייטער פון זיין דאָרף אָדער גמינע און ער האָט נישט געקענט זען דעם באָלשעוויזם אין די אַלע פאָרמען זיינע, אין וועלכע ער האָט זיך שוין צו יענער צייט אַנטפּלעקט סיי אין רוסלאַנד און סיי אין אויסלאַנד, אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און אין די קאָלאָניאַלע לענדער.

אַ טייל פון דער ווייסרוסישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ האָט געהאַט איר אויסרעכענונג: זי האָט געהאָפט, אַז אַ פאַרייניקט ווייס־

רוסלאַנד וועט זיך שפּעטער באַפרייען פון דער מאָסקווער הערשאַפט און ווערן אַ דעמאָקראַטישע פויערים־רעפּובליק. דאָס האָט נישט גע־שטערט מאָסקווע צו שאַפן אַ ברייטן נאַציאָנאַלן פראָנט אין מערב־ווייסרוסלאַנד, וואָס זאָל זיין מיט זיין שפּיץ געווענדט קעגן דער וואַר־שעווער רעגירונג.

דער באַדן פאַר אַ סאָוועטישער אַגיטאַציע איז געווען, ווי געזאָגט, אַ גינציקער. עס האָט אָבער געפעלט דער אינסטרומענט, אַן וועלכן מען קען נישט פירן קיין שום אַקטיווע פּאָליטיק. עס האָט געפעלט אַ ווייס־רוסישע קאָמפּאַרטיי. אַ קאָמפּאַרטיי איז יאָ געווען, נאָר זי איז נישט געווען קיין ווייסרוסישע און נישט געהאַט קיין צוטריט צום ווייסרו־סישן דאָרף.

די ווייסרוסישע קאָמפּאַרטיי איז אין איר מערהייט באַשטאַנען פון יידישע און פּוילישע עלעמענטן און נאָר געציילטע האָט זי געהאַט אין איר אָנפירונג אמתע ווייסרוסן. עס איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון שטאָטישע עלעמענטן, וואָס האָבן געהאַט אַ גאָר שוואַכע פאַרבינדונג (איך מיין אין אָרגאַניזאַציאָנעלן זין) מיטן דאָרף.

ביי די ווייסרוסן האָבן עקזיסטירט אָרגאַניזאַציעס און קולטור־גע־זעלשאַפטן מיט אַ ראַדיקאַל־פּאָליטישער באַפאַרבונג, באַזונדערס אָנגע־זען איז געווען די ווייסרוסישע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אידעאיש געשטאַנען זייער נאָענט צו די רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָ־נערן. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע און ענלעכע צו איר האָט זיך נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש דערנענטערט צום באָלשעוויזם, באַ־זונדערס צוליב דעם, ווייל די באָלשעוויקעס האָבן איבערגענומען דעם עסערישן לאָזונג פון פאַרטיילן די ערד צווישן די פויערים. אָט די דאָ־זיקע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געהאַט שטאַרקע איינ־פלוסן אין ווייסרוסישן דאָרף, האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער ווייסרוסי־שער קאָמפּאַרטיי. אַ דאַנק דעם האָט די פּאַרטיי באַקומען אַ שטיקל אַנדערן אויסזען און געווונען אַ ברייטערע באַזע אין ווייסרוסישן דאָרף.

די לאַגע אין ווייסרוסלאַנד (און אין מערב־אוקראַינע) איז געווען אַ שטאַרקער אַטוט אין די הענט פון דער סאָוועטישער דיפּלאָמאַטיע אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע און זי האָט אים פאַרשטאַנען

אויסצונוצן קעגן דער פּוילישער רעגירונג, ווי דאָס איז דעמאָלט געווען דער פֿאַל אויף דער קאָנפערענץ אין לאָקאַרנע.

לאָיד דזשאָרזש האָט בעת אַ דיסקוסיע אין ענגלישן פּאַרלאַמענט אין מערץ 1925 זיך אויסגעדריקט, אַז די רעאַלע געפאַר פאַרן שלום אין אייראָפּע באַשטייט אין דעם, וואָס 9 מיליאָן מענטשן זענען געשטעלט געוואָרן אונטער דער מאַכט פון פּוילן מיטן כוח פון געווער און קעגן דעם פּראָטעסט פון „פעלקער־בונד" און דעם אויבערשטן ראַט פון די פאַרבינדעטע. ער האָט נאָך צוגעגעבן: עלזאַס־לאָטרינגען האָט אַרויסגערופן די מלחמה אין אייראָפּע, אָבער פּוילן האָט 5 עלזאַס־לאָטרינגענס: מזרח־גאַליציע, ווייסרוסלאַנד, ווילנע, דער דאַנציקער קאָרידאָר און אויבער־שלעזיע.

היינט ווייסן מיר שוין, אַז נישט פּוילן האָט אַרויסגערופן די לעצטע וועלט־מלחמה, נאָר היטלער און זיין שותּף סטאַלין און אַז פּוילן איז געפאַלן דער ערשטער קרבן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. מאָסקווע האָט אָבער שטענדיק פאַרשטאַנען אויסצונוצן די שווערע לאַגע אין קעגנערישן לאַגער פאַר אירע אייגענע אימפּעריאַליסטישע צילן.

סוף 1923, ווען דער קאָמינטערן האָט אַזוי שטאַרק געהאָפט אויף אַ זיגרייכער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד און דערביי נישט פאַרגעסן אָן בולגאַריע און אָן עסטאָניע, האָט מען אויך נישט פאַרנאַכלעסיקט דעם טערען אין פּוילן און געפּרווט אָנצוצינדן אַ פייער אין מערב־ווייסרוסלאַנד.

לויט די פריערדיקע דירעקטיוון פון מינסק האָט מען געדאַרפט צוגרייטן אַן אויפשטאַנד. אין די ווייסרוסישע וועלדער און ביי פּויערים האָט זיך געפונען אַ סך געווער. אַ געוויסער טייל איז אַריינגעשמוגלט געוואָרן איבער דער סאָוועטישער גרעניץ און אַ טייל געווער האָבן די פּויערים נאָך געהאַט באַהאַלטן פון דער צייט, ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן פון פּוילן אין יאָר 1920.

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ווייסרוסישער קאָמפּאַרטיי האָט געשטויסן צו אַן אויפשטאַנד. דער פּוילישער צענטראַל־קאָמיטעט, ווי איך האָב דאָס שוין פריער באַמערקט, האָט נישט געהאַט קיין גרויסע

השפּעה אויף דער ווייסרוסישער פּאָליטיק, ווייל אַלץ איז אָפּהענגיק געווען פון מינסק.

בעת איך בין אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק, האָב איך נאָך נישט געהאַט קיין גאַנץ קלאָר בילד וועגן דער קאָנקרעטער לאַגע אויפן אָרט. אמת, בעת מיין אויפהאַלט אויף דער קאָנספּיראַטיווער דירה אין וואַרשע האָב איך זיך באַקענט מיט אַ סך פּאַרטיי־מאַטעריאַל און באַקומען גענוג אינפאָרמאַציעס וועגן דער לאַגע אין ווייסרוסלאַנד. עס איז אָבער תמיד פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם וואָס מען הערט און דעם וואָס מען זעט מיט די אייגענע אויגן און מען לעבט אַליין איבער.

די אייגנטלעכע מיסיע מיינע, מיט וועלכער איך בין געפאָרן קיין ביאַליסטאָק, איז געווען — ליקווידירן די שפּאַלטונג, וואָס עס האָבן אַדורכגעפירט די געוועזענע מיטגלידער פון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, וואָס זענען מיט אַ קורצער צייט פריער אַריינגעטראָטן אין דער קאָמפּאַרטיי. אַ חוץ דעם האָב איך געדאַרפט פאַרטרעטן די אַלע, וואָס זענען אַוועקגעפאָרן אויפן דריטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

די גאַנצע צענטראַלע אָנפירונג אויפן אָרט, אָדער דער אַזוי גערופענער לאַנד־סעקרעטאַריאַט, איז באַשטאַנען פון דריי פּערזאָן: צוויי פּאָלאַקן און איין ווייסרוס. איך בין צוקאָאָפּטירט געוואָרן אַלס פערטער. פּאַקטיש איז איינער פון די צוויי פּאָלאַקן געווען אַ ייד (ראָלאַנד איז געווען זיין פּאַרטיי־פּסעוודאָנים).

מיר האָבן באַשלאָסן צו רופן אַ פּויערים־קאָנפערענץ אין פּינסק, אויף וועלכער איך האָב געדאַרפט אַרויסטרעטן קעגן „די סעצעסיאָניסטן" און איבערצייגן די פּויערים־דעלעגאַטן, אַז זיי דאַרפן בלייבן געטריי דער פּאַרטיי, וואָס איז די איינציקע באַרופן צו פירן דעם קאַמף פאַר ערד און נאַציאָנאַלער פרייהייט. דאָס האָט געדאַרפט זיין מיין ערשטער קאָנטאַקט מיטן ווייסרוסישן דאָרף.

די רייזע איז געווען אַ זייער שווערע, מחמת אויף יעדער באַןסטאַציע האָט געשווידלט און געגריבלט פון געהיים־אַגענטן און אַ פרעמד פּנים האָט גלייך אַרויסגערופן אַ חשד, בפרט אַז איך בין געפאָרן אויף פאַלשע פּאַפּירן און האָב אפילו נישט געקענט אָנווייזן, וואָס איך האָב

בדעה געהאַט צו טאָן און צו וועמען איך בין געפאָרן. מען דאַרף אויך נעמען אין אַכט, אַז אַן אויספאָרשונג אויף די אַזוי גערופענע קרעסן האָט אַ שפּאָר ביסל אַנדערש אויסגעזען ווי אין צענטראַל־פּוילן. קודם האָט מען דעם פאַרהאַלטענעם גוט אָנגעבראַכן די ביינער, אָדער אים צעהר־געט ביזן נישט דערקענען, איידער עס איז נאָך געקומען צום אויספאָרש־ריכטער.

איך בין אָבער בשלום אָנגעקומען קיין פּינסק און אַוועק אויף דער קאָנספּיראַטיווער וווינונג, וווּ עס האָט געדאַרפט פאָרקומען די דאָזיקע קאָנפערענץ. אויך ראַלאַנד איז בשלום אָנגעקומען.

איך האָב פאַר די פּויערים־דעלעגאַטן געהאַלטן אַן אינפאָרמאַטיוון רעפעראַט וועגן דער לאַגע אין פּוילן און שפּעטער איבערגעגאַנגען צו דער לאַגע אין דער פּאַרטיי און שטאַרק אָנגעגריפן די „סעצעסיאָניסטן". נאָך מיין וואָרט האָט אַ פּויער געבעטן אַ וואָרט און אנשטאט צו רעדן צו דער טעמע האָט ער אַרויסגענומען פון דער בוזים־קעשענע אַ שטיקל שמור־ציק פּאַפּיר און זיך צו מיר געווענדט:

— איר קומט איצט פון מינסק, ווילן מיר פון אייך פאַרלאַנגען פּאַל־גענדיקע מינים געווער און קוילן.

און דערביי האָט ער אין דער רוסישער שפּראַך (איך האָב גערעדט צו די פּויערים רוסיש) אָנגערופן די טיילן פון געווער, וואָס עס פעלן אים.

איך האָב אין פלוג נישט געגעבן פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדלט זיך און האָב אים געענטפערט, אַז נישט וועגן דעם זענען מיר זיך היינט ד'אָ צונויפגעקומען, נאָר מיר ווילן דיסקוטירן די פראַגע וועגן דער שפּאַל־טונג. די פּויערים האָבן אָבער אָנגעהויבן צו מורמלען פון אַלע זייטן, אַז זיי האָבן שוין גענוג די דיסקוסיעס; אַז מען דאַרף אַרויס אין קאַמף און אַז די פּויערים אויף די ערטער פאַרלאַנגען דאָס פון זיי.

ראַלאַנד, אַנשטאט מיך צו אונטערשטיצן, האָט אויך געטענהט, אַז מען דאַרף זיך גרייטן צום קאַמף. איך בין דעריבער געווען געצוווּנגען אויף אייגענער האַנט אַרויסצוטרעטן קעגן דער דאָזיקער שטימונג אויף דער קאָנפערענץ און האָב אָנגעוויזן, אַז די אַרבעטער־מאַסן אין פּוילן וועלן איצט אַזאַ אויפשטאַנד נישט אונטערשטיצן און אויב אַזוי וועט ער לייכט דערשטיקט ווערן אין בלוט. צווייטנס, האָב איך אָנגעוויזן, קען אַן

אויפשטאַנד נאָר דעמאָלט האָבן אַ דערפאָלג, ווען ער ווערט אָרגאַניזירט און אַדורכגעפירט פון דער קאָמפּאַרטיי, דאָס מיינט, אַז אַ שטאַרקע קאָמפּאַרטיי איז דער ערשטער באַדינג פאַר אַ דערפאָלגרייכן קאַמף. און דאָ האָב איך ווידער אָנגעוויזן אויף דער „סעצעסיע" און איר שעדלעכע באַדייטונג פאַרן באַפרייאונגס־קאַמף פון ווייסרוסישן פאָלק.

ראָלאַנד, וואָס איז געווען אַן אָנהענגער פון דאמסקיס פּראַקציע, איז שטאַרק אויף מיר אָנגעפאַלן און געזען אין מיין אַרויסטריט אַ די־ווערסיע מצד די רעכטע.

די קאָנפערענץ האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די פויערים זאָלן נישט צאָלן קיין רעגירונגס־שטייערן און נישט שטעלן זיך צום מיליטער־דינסט און אַזוי אַרום ווייטער אונטער־האַלטן דעם ווידערשטאַנד־גייסט אין דאָרף קעגן דער פוילישער מאַכט.

מיין אַרויסטריט אויף דער קאָנפערענץ איז נישט געבליבן אָן קיין עכאָ. ראָלאַנד האָט די פראַגע אויפגעהויבן אין לאַנד־סעקרעטאַריאַט און מיך באַשולדיקט אין אָפּאָרטוניזם. ער איז געווען גערעכט, ווייל מיט עט־לעכע חדשים צוריק איז טאַקע געקומען אַ דירעקטיוו פון זינאָוויעוון צוצו־גרייטן אַן אויפשטאַנד און פון דער סאָוועטישער גרעניץ האָבן געזאָלט קומען ווייסרוסישע רויטאַרמייער אין ציווילער קליידונג, כדי צוצוהעלפן דעם אויפשטאַנד. שפּעטער אָבער, נאָך דעם דורכפאַל אין דייטשלאַנד און בולגאַריע, האָט מען אין מאָסקווע געענדערט די מיינונג. אַן אויפ־שטאַנד אין ווייסרוסלאַנד מיט סאָוועטישער הילף, ביי דער געענדערטער לאַגע וואָלט געווען פאַר מאָסקווע אַ צו גרויסע ריזיקע און דערפאַר האָט זיך זינאָוויעוו צוריקגעצויגן. דער אָרעמער ראָלאַנד האָט דאָס נישט גע־ווּסט און ער האָט זיך נאָך געהאַלטן ביי דער פאַרעלטערטער דירעקטיוו.

ביז דער פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט האָט זיך געדאַרפט נאָכאַמאָל צו־נויפקומען, כדי אָנצונעמען אַ רעזאָלוציע אין דער פראַגע, זענען דער־ווייל שוין אָנגעקומען אַ טייל דעלעגאַטן פון דעם דריטן פּאַרטיי־צוזאַ־מענפאָר און זייערע באַריכטן וועגן די באַשלוסן, וואָס זענען דאָרט אָנ־גענומען געוואָרן, זענען געווען גאָר גינציק פאַר מיין שטעלונג אין דער ווייסרוסישער פראַגע. במילא האָב איך מיך פעסטער געפילט אויף מיין פּאָזיציע.

צו ליקווידירן די שפּאַלטונג איז מיר נישט געלונגען און די „סע־צעסיע" האָט ביז גאָר אָפּגעשוואַכט אָרגאַניזאַציאָנעל און פּאָליטיש די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

די טענות פון די „סעצעסיאָניסטן" זענען הויפּטזעכלעך געווען גע־וואָנדן קעגן דער פּוילישער קאָמוניסטישער אָנפירונג, פּאַרוואָס זי מישט זיך צופיל אַריין אין די ענינים פון ווייסרוסלאַנד און זיי האָבן געפּאָ־דערט מער זעלבסטשטענדיקייט.

אין תוך גענומען זענען דאָס געווען פאַרשטעלטע טענות קעגן מאָסקווע, אָבער פויערים זענען כיטרע און זאָגן נישט אַלץ, וואָס זיי מיי־נען באמת. די „סעצעסיאָניסטן" זענען אויך געווען אָנגעשטעקט פון דער טעאָריע, אַז דאָס ווייסרוסישע פּאָלק פאַרמאָגט נישט קיין בורזשואַזיע און זיי האָבן געהאַלטן, אַז די ווייסרוסישע רעוואָלוציע וועט גיין מיט אַנדערע וועגן און האָבן אָפּגעוואָרפן די לענינסטישע קאָנצעפּציע פון ד'ער העגעמאָניע פון אַרבעטער־קלאַס.

דער גרעסטער טייל ווייסרוסן־קאָמוניסטן זענען צוזאַמען מיט זיי אַוועק פון דער פּאַרטיי און עס איז אפילו געלונגען די „סעצעסיאָניסטן" צו פאַרכאַפּן די אומלעגאַלע צענטראַלע פּאַרטיי־דרוקעריי. מען האָט זי אָבער שפּעטער פון זיי אָפּגענומען, מחמת איינער פון די „סעצעסיאָ־ניסטן" האָט זיך פון זיי אָפּגעקערט און דערמעגלעכט צוריק צו באַקו־מען די דרוקעריי.

אין משך פון די עטלעכע חדשים, וואָס איך בין געווען אין ווייס־רוסלאַנד, האָב איך באַוויזן צו באַזוכן אַלע ראַיאָנען־אָרגאַניזאַציעס.

ווי געזאָגט, איז די אַרבעט אין ווייסרוסלאַנד געווען פאַרבונדן מיט גרויסע פּערזענלעכע געפאַרן. יעדע באַוועגונג און יעדער טריט האָט גע־דאַרפט זיין אַן אויסגערעכנטער. שוין דעם ערשטן טאָג פון מיין אָנקום קיין ביאַליסטאָק, האָב איך „געשפּילט מיטן לעבן". איך בין אָנגעקומען שפּעט ביינאַכט פון וואַרשע און פאַרפאָרן אין אַ האָטעל.

בעת איך בין אַריין אין האָטעל איז אין דעם דיזשורנע־צימערל גע־זעסן דער האָטעל־דינער און ביי אַן אייוועלע האָט זיך „געוואַרעמט" אַ פּאָליציאַנט. מיר איז די זאַך שטאַרק נישט געפעלן געווען, אָבער זיך צוריקציען האָב איך מיך שוין נישט געקענט, בפרט אַז איך בין געווען

מיט אַ וואַליזע אין האַנט. האָב איך שוין געפרעגט אויף אַ צימער און אַזאַ איז גראָד פריי געווען. אַרויפקומענדיק אין צימער בין איך אָבער נישט געווען רואיק. איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז מיין פאַס, וואָס איז געבליבן ליגן אויפן טיש, קען אַמאָל וועקן אַן אינטערעס ביים פּאָליציאַנט און ער קען אים אָנהויבן צו שטודירן. רואיק שלאָפן וועל איך שוין נישט. איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך וועל אַראָפּ צום דינער און אים בעטן אַ געהייצטן צימער, מחמת איך בין אַ קראַנקער מענטש. גלייכצייטיק וועל איך זען צי דער פּאָליציאַנט איז נאָך דאָ. ווען איך בין אַראָפּ האָט טאַקע דער פּאָליציאַנט שטודירט מיין דאָקומענט. איך האָב גאַנץ רואיק געבעטן אַן אַנדער צימער, אָבער עס איז נישט געווען. די באַהייצטע צימערן זענען טאַקע אַלע געווען פאַרנומען. איך האָב זיך געווענדט צום פּאָליציאַנט מיט דער פראַגע, צי ווייסט ער נישט אין דער נאָענט וועגן אַ צווייטן האָטעל. ער האָט מיך געפרעגט אויף ווי לאַנג דאַרף איך האָבן אַ האָטעל־צימער. האָב איך אים געענטפערט, אַז נאָר אויף אַ טאָג, צוויי, ווייל איך האָף מיין ענין אין שטייער־אַמט גאָר גיך צו דערליידיקן. און כ׳בין טאַקע אַוועק אין דעם האָטעל, וווּ ער האָט מיר אָנגעוויזן.

נאָך די זיצונגען פון דער צענטראַלער פּאַרטיי־אָנפירונג, וואָס פלעגן פאָרקומען נאָכמיטאָג, פלעג איך מיך נישט אומקערן אויף מיין אומלעגאַלער דירה, נאָר אַריינגיין אין אַ קינאָ, שפּעטער צו קענען קאָנטראָלירן, צי מען גייט מיר נישט נאָך. איך פלעג באַזוכן נאָך אַן אומלעגאַלער אַרבעט אַ פאַרזאַמלונג אָדער עפּעס אַן אַנדערע פאַראַנשטאַלטונג פון אַ בירגערלעכן כאַראַקטער אַלץ כדי צו זען, צי עס איז נאָך מיר ריין די גאַס. געזען אַ לוויה אויף דער גאַס, האָב איך זיך אויך צו איר פאַרבייגיקט און מיטגעגאַנגען אַ פּאָר גאַסן. ווען אימיצער וואָלט מיך געפרעגט, ווער עס איז דער געשטאָרבענער, צי איז דאָס אַ פרוי אָדער אַ מאַן, וואָלט איך נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. אַריינגעכאַפּט זיך אין אַ שול בין־מנחה־למעריב און שפּעטער אָבסערווירט די אַרומיקע הייזער.

איינמאָל האָט פּאַסירט אַ מאָדנע זאַך. דאָס איז געווען אין גראָדנע. איך האָב זיך געדאַרפט באַטייליקן אין אַ זיצונג פון ראַיאָן־קאָמיטעט. דער לאָקאַל האָט זיך געפונען אויף אַ קליין געסל, פּאַרטער, און די פענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס. בעת איך האָב אָפּגעזוכט די דירה

און געוואָלט דאָרט אַריינגיין, האָב איך באַמערקט, אַז אויפן פענצטער ליגט אַ פּאָליצייאיש היטל. דאָס האָט מיך אָפּגעהאַלטן דאָרט אַריינצוגיין און איך האָב מיך פאַרקירעוועט אויף צוריק און ווידער אַוועק אויפן טרעף־פּונקט. נאָך אַ געוויסער צייט, אַז די חברים האָבן געזען, אַז איך קום נישט, זענען זיי געקומען מיך זוכן. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז צווישן די באַטייליקטע אין דער אומלעגאַלער זיצונג האָט זיך געפונען איינער, וואָס האָט געהאַט אַ באַקאַנטן פּאָליציאַנט, אָדער גאָר אַ קרוב און יענער האָט אַוועקגעלייגט זיין היטל אַלס אַ שמירה. חברה האָט גע־טראַכט, אַז געהיים־פּאָליציי וועט זען אַ פּאָליצייאיש היטל, וועט זי נישט אָבסערווירן אַזאַ שטוב און מען וועט קענען דאָרט רואיק זיצן...

דאָס איז אַלץ געזאָגט געוואָרן, ווען עס געפינען זיך נישט קיין פּראָ־וואָקאַטאָרן אין די אייגענע רייען. עס האָבן זיך אָבער אָנגעהויבן צו מערן די פאַלן פון פּראָוואָקאַציע.

איינער פון די פירער פון דער „סעצעסיע", וואָס האָט פאַר דער שפּאַלטונג פאַרנומען אַ פירנדיקן פּאָסטן אין דער פּאַרטיי, איז דערהער־געט געוואָרן אַלס פּראָוואָקאַטאָר. צי ער איז דאָס טאַקע געווען, איז מיר שווער געווען פעסטצושטעלן, ווייל איך האָב זיך נישט פאַרנומען די־רעקט מיט דעם דאָזיקן ענין. עס האָבן זיך געמערט די אַרעסטן און עס איז שוין אוממעגלעך געוואָרן פעסטצושטעלן, צוליב וועלכע סיבות.

איך האָב באַשלאָסן צו פאַרלאָזן ביאַליסטאָק כל־זמן עס איז נאָך נישט געווען צו שפּעט. פּערזענלעך איז מיר געווען אַ גרויסער שאָד צו פאַרלאָזן די אַרבעט אין ווייסרוסלאַנד. די סביבה איז געווען אַ פּראָ־לעטאַרישע און האַרציקע און אין אַ סך פּרטים דערמאָנט אָן מיין היימ־שטאָט לאָדזש. די יוגנט איז געווען אַ פּרעכטיקע און אַ דרייסטע.

איך וויל ענדיקן דאָס קאַפּיטל ביאַליסטאָק מיט אַ קאָמישן עפּיזאָד.

בעת איך בין געזעסן אין „פּאַוויאַק" (צום צווייטן מאָל) האָב איך אָנגעהאַלטן כמעט אַ טאָג־טעגלעכע געהיימע קאָרעספּאָנדענץ מיט דער פרויען־אָפּטיילונג, אָדער ווי מען האָט דאָס גערופן: מיט „סערביע". אַלס פאָרשטייער פון די מענער האָב איך שטענדיק געהאַט פאַרשיידענע ענ־ינים מיט די פרויען, און פאַרקערט, די פרויען האָבן געדאַרפט זיין אינ־פאָרמירט וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך ביי אונדז. חדשים־לאַנג האָב איך

קאָרעספּאָנדירט מיט דער דעלעגאַטקע פון „סערביע“ און מיר ביידע האָבן זיך פערזענלעך נישט געקענט. אפילו ווען די דעלעגאַטקע וואָלט מיך יאָ שוין אַמאָל צופעליק געזען אין טורמע, וואָלט זי מיך איצט אויך נישט דערקענט, מחמת איך האָב געטראָגן אַ קופערנע בערדל און אָנגעגאַנגען אַלס „חבר באָריכ“.

נאָך אַ זיצונג פון יידישן ביוראָ אין ביאַליסטאָק פרעגט מיך אַמאָל אַ חברטע, צי איך ווייס נישט וואָס עס מאַכט דער חבר, וואָס איז אַנט־לאָפן מיט עטלעכע חדשים צוריק פון „פּאַוויאַק“ און וואָס איז געווען דער „סטאַראָסטאַ“? זי זאָגט צו מיר, אַז זי איז גראַד אין יענער צייט גע־זעסן אין „פּאַוויאַק“. פרעג איך זי, צי ווייס זי נישט אַמאָל וואָס עס מאַכט די חברטע, וואָס איז געווען זייער דעלעגאַטקע? אויף דעם ענט־פערט זי מיר, אַז די דעלעגאַטקע איז זי דאָס טאַקע געווען.

— נו, — זאָג איך, — דער סטאַראָסטע“ — דאָס בין איך גע־ווען...

און מיר האָבן זיך האַרציק צעלאַכט.

זי און איר שוועסטער (קאָוועַנסקיס) זענען געווען ווייטער זייער איבערגעגעבן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

דער דריטער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר

מיין רייזע קיין בערלין

בעת איך בין צוריקגעקומען קיין וואַרשע, האָט זיך די אינערלעכע לאַגע אין דער פּאַרטיי שוין געהאַט נאָך מער פאַרערגערט. עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די דעפּרעסיע־שטימונגען ביי די רעכטע און די פאַרביטער־רונג קעגן דער באַזייטיקונג פון די רעכטע פירער. דאַקעגן האָבן זיך די דאַמסקי־אָנהענגער אויפגעפירט זייער האָפערדיק, ווייל פאַקטיש האָבן זיי איצט געהאַט דעם גאַנצן פּאַרטיי־אַפּאַראַט אין זייערע הענט. זייער הער־שאַפט האָט זיך נישט בלויז געלאָזט שטאַרק מערקן אין דער פּאַרטיי גופא נאָר אויך אויף דער גאַס. די נייע פּאָליטישע ליניע, וואָס עס האָט אָנ־גענומען די פּוילישע קאָמיסיע אונטער סטאַלינס פאָרזיץ איז איצט באַ־

שטאַנען אין פּאַלגנדיקעס: איינהייטס־פראָנט נאָר מיט דער באַזע פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פון „בונד"; קיין שום וואַל־בלאָקן מיט די דאָזיקע פּאַרטייען; „אַן אַרבעטער־ און פּויערים־רעגירונג", אַלס קאָמוניסטישער לאָזונג, דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אַלס סינאָנים פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און נישט אַלס אויסדרוק פון צוויי עטאַפּן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. וואָס שייך די טיילווייזע פאָדערונגען, וואָס די קאָמפּאַרטיי שטעלט אַרויס פאַר די אַרבעטער־מאַסן, ווי, למשל, אַ קירצערער אַרבעטס־טאָג, העכערע לוינען, אָדער ברייטערע דעמאָקראַטישע רעכט פאַר די אַרבעטער. — דאַרף מען אויף זיי קוקן ווי אויף מאָביליזאַציע־פאָדערונגען, ווי אויף רעוואָלוציאָנערע איבונגען, ווי אויף קאַמף־מיטלען, אין ענגן שייכות מיטן קאַמף פאַר דער דעראָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט אין לאַנד. די סטראַטעגיע איז געווען: פון טייל־ווייזע שטרייקן צו אַלגעמיינע, ביזן באַוואָפנטן אויפשטאַנד. כדי די אַרבעטער צו דערציִען אין רעוואָלוציאָנערן גייסט, דאַרפן די גאַסן־דעמאָנסטראַציעס טראָגן אַ באַוואָפנטן כאַראַקטער. צו דעם צוועק דאַרפן געשאַפן ווערן באַוואָפנטע קאַמף־דרוזשינעס א. ד. גל.

אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דאַרף געלייגט ווערן אויף דער אַרבעט צווישן מיליטער. מען דאַרף געדענקען, אַז צו יענער צייט (1925), בעת די אולטראַ־לינקע האָבן פּרובירט צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן נייעם קורס פון רעוואָלוציאָנערער גימנאַסטיק (וואָס האָט געדאַרפט זיין אַן ענטפער אויפן פריערדיקן רעכטן קורס), איז די פּאַרטיי שוין געווען זייער אָפּגעשוואַכט. די טיילווייזע דערפּאָלגן, וואָס זי האָט געהאַט צו פאַרצייכענען בעת די סיים־וואַלן מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק, זענען שוין געווען אויסגערונען. האָט זיך פון דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק באַקומען אַ קאַריקאַטור פון קאַמף פאַר דער מאַכט.

עס זענען פאָרגעקומען אין וואַרשע אויפן רוף פון דער נייער אולטראַ־לינקער אָנפירונג דעמאָנסטראַציעס פון אַרבעטסלאָזע, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט קליינע גרופּעס פון אַרבעטסלאָזע און די פּאָליציי האָט זיי אָן גרויסע שוועריקייטן פונאַנדערגעטריבן. די „רעוואָלוציאָנערע איבונגען" זענען באַשטאַנען אין דעם, וואָס די דעמאָנסטראַנטן זענען באַפאַלן שפּייז־קראָמען און דאָרט „עקספּראָפּריאירט" פּושקעלעך

שפּראָטן און אַנדערע פּראָדוקטן. מען האָט דאָ און דאָרט אַרויסגעהאָנ־גען אַ רויט פענדל אויף אַ טעלעגראַפן־דראָט, אָדער בײנאַכט אויף אַ פּאַב־ריקס־קוימען א. ד. גל. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק האָט דאַמסקי און זאַשקע אונשליכט געריפן די מאַסן צו אַן אַלגעמײנעם שטרײק, וואָס האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן אָפּקלאַנג אין לאַנד.

אַנשטאָט אַלײן אײנצוזען די דורכפאַלן און זיך צוריקציען פון דער דאַזיקער אַוואַנטוריסטישער טאַקטיק, האָט מען אַלץ טיפער אין איר גע־זונקען און זיך דערקײקלט צו דער „טעאָריע" פון באַוועגן און אַקטיווי־זירן די מאַסן מיט דער הילף פון טעראָר און סאַבאָטאַזש־אַקטן. צום קאָ־מינטערן האָבן די אולטראַ־לינקע פירער געשיקט געפעלשטע באַריכטן וועגן זײערע רעוואָלוציאָנערע אַקציעס און זיך געגרויסט מיט די דער־פאָלגן פון דער נײער רעוואָלוציאָנערער טאַקטיק. אויך די גאַסן־שיסערײ אין וואַרשע אין שײכות מיטן פּראָוואָקאַטאָר צעכנאָווסקי, וואָס איז גע־ווען אַן אַקטיווער קאָמוניסט, האָט געהערט צו דער דאָזיקער טאַקטיק. צעכנאָווסקין האָט מען נישט אַוועקגעלײגט, אָבער דערפאַר זענען אומגע־בראַכט געוואָרן דרײ קאָמוניסטישע אַקטיוויסטן: היבנער, רוטקאָווסקי און קניעווסקי, וואָס האָבן אין מיטן העלן טאָג אויסגעפירט דעם אַטענ־טאַט אויף צעכנאָווסקין. (שפּעטער איז דער זעלביקער צעכנאָווסקי גע־פאַלן פון אַ קויל פון דעם יונגטלעכן קאָמוניסט נפתלי באָטווין און אויך ער האָט דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן).

דער קאָמינטערן האָט גאַנץ גוט געוווּסט וועגן דער אמתער לאַגע און וועגן די רעזולטאַטן פון דעם אולטראַ־לינקן קורס אין פּוילן; אָבער צו יענער צײט איז ער געווען פאַראינטערעסירט, ווי איך האָב דאָס שוין פריער באַטאָנט, אַז די קאָמפּאַרטײען אין פּוילן, דײטשלאַנד א״אַ, זאָלן אַדורכמאַכן אַן אולטראַ־לינקע קוראַציע. אין דײטשלאַנד איז דעמאָלט שוין געשטאַנען בײ דער אָנפירונג פון דער קאָמפּאַרטײ מאַסלאָוו און רוט פישער, די נאָענטע פּאָליטישע פרײנט פון דאַמסקין און זאָפיע אונ־שליכט.

אין די באַדינגונגען איז פאָרגעקומען דער דריטער פּאַרטײ־צוזאַמענ־פאָר, וואָס דאַמסקי האָט צונויפגערופן.

איך האָב שוין אָנגעוויזן אויף דעם אַנטי־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער

פון די צוגרייטונגען צום צוזאַמענפאָר. מיר, דאָס הייפל רעכטע אין לאַנד, האָבן זיך שטאַרק באַקלאָגט אויף דעם אַנטי־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער און אַנגעוויזן, אַז זאַשקע אונשליכט טראָגט אַלע דעלעגאַטן אין איר האַנט־בייטל. מיר האָבן געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז דער קאָמינטערן וועט זיך אַריינמישן אין דער זאַך, אָבער דאָס איז געווען מצד אונדז בלויז אַן אילוזיע.

דער קאָמינטערן איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגן דער דאָזיקער לאַגע, אָבער ער האָט נויטיק געהאַט אַזאַ צוזאַמענפאָר צוליב צוויי טע־מים: ערשטנס, קעגן דער רוסישער אָפּאָזיציע און, צווייטנס, כדי צו באַ־קומען אַ פאָרמעלע באַשטעטיקונג אויף דער כירורגישער אָפּעראַציע, וואָס ער האָט אַדורכגעפירט איבער דער פאַריקער אָנפירונג אויפן 5טן קאָנ־גרעס פון קאָמינטערן.

אין צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט: בוכאַרין, זינאָוויעוו און מאַ־נואילסקי.

אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער רוסישער פאַרטיי איז אַרויסגעטראָטן בוכאַרין מיט אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: לעניניזם און טראָצקיזם. זינאָוויעוו האָט רעפרעזענטירט דעם קאָמינטערן און מאַנו־אילסקי האָט גערעדט וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

זינאָוויעוו האָט אין זיין וואָרט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער ראָל פון פוילן און אָנגעוויזן, אַז פוילן געהער צו די לענדער, ווו מיר טאָרן נישט ליידן קיין מפלה. אין פוילן מוזן מיר מיט איינמאָל געווינען די שלאַכט, האָט ער געזאָגט. מיר האָבן שוין איינמאָל פאַרלוירן אין פוילן (געמיינט די באָלשעוויסטישע אינוואַזיע אויף פוילן אין 1920) און נאָך אַמאָל ריזי־קירן טאָרן מיר נישט.

דאָס איז שוין געווען אַ קלאָרע אָנדייטונג דערויף, אַז וואָס שייך אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד אין מערב־ווייסרוסלאַנד אָדער אוקראַינע, וועט זיך איצט מאָסקווע אין דעם נישט אַנגאַזשירן.

דאַמסקי האָט אין זיין פּאָליטישן רעפעראַט וועגן פוילן אונטערגע־שטראָכן דעם מאָמענט פון קאָנסאָלידאַציע פון דער פוילישער בורזשו־אַזיע. ער איז אָבער געווען אַ שאַרפער קאָפּ, נישט געקוקט אויף זיין לינ־קיזם, און שוין דעמאָלט פאָרויסגעזאָגט, אַז עס וועט קומען צו אַ שאַרפן

קאַמף אין בירגערלעכן לאַגער צווישן די אָנהענגער פון גענעראַל שי־קאָרסקי און מאַרשאַל פּילסודסקי.

אין צוזאַמענפּאַר האָט זיך אויך באַטייליקט דער אוקראַינישער פאָלקס־קאָמיסאַר מיקאָלאַי סקריפּניק, אַן אַלטער באָלשעוויק און פער־זענלעכער פריינט פון לענינען.

ער האָט געהאַלטן, אַז מען קאָן נישט רעדן וועגן אַ קאָנסאָלידאַציע פון דער פוילישער מלוכה, בעת אין איר אָרגאַניזם געפינען זיך אַזעלכע שפּליטערס ווי מערב־אוקראַינע, מערב־ווייסרוסלאַנד, ווילנע און דאַנציק.

דער צוזאַמענפּאַר האָט דערגרייכט זיין ציל: די רעכטע זענען ליק־ווידירט געוואָרן. דער קאָמינטערן, געטריי זיין טאַקטיק, האָט נישט גע־וואָלט אָנפּאַרטרויען דעם גאַנצן פּאַרטיי־אַפּאַראַט בלויז די אולטראַ־לינ־קע און אין נייעם צענטראַל־קאָמיטעט זענען אויך אַריינגעגאַנגען אַ רייע מענטשן, ווי יוליאַן לענסקי (לעשטשינסקי), לעאָן פורמאַן, סקולסקי (מאַרטענס) א״אַ, וואָס האָבן געדאַרפט זיין אַ מין קעגנגעוויכט צו דאמסקין און זאָפיע אונשליכט.

עס האָט אָבער אַזוי פּאַסירט, אַז לענסקי אומקערנדיק זיך קיין פוילן, איז אַרעסטירט געוואָרן און די פּאַקטישע אָנפירונג איז ווייטער געבליבן אין די הענט פון די אולטראַ־לינקע און פון פורמאַנען.

פורמאַן איז צו יענער צייט געווען זייער געשעצט און באַליבט אין דער פּאַרטיי. נאָך זיין סענסאַציאָנעלן אַנטלויפן פון „פּאַוויאַק" צוזאַמען מיט זדזשאַרסקין איז זיין פּאָפּולאַריטעט נאָך מער אויסגעוואַקסן. כאָטש פורמאַן איז געווען אַ תלמיד פון קאָסטזשעווא, האָט ער זיך אָבער דיס־טאַנצירט פון די רעכטע און פאַרנומען אַ צענטריסטישע פּאָזיציע צווישן די רעכטע און אולטראַ־לינקע.

מיטן יאָרן שפּעטער, בעתן בירגערקריג אין שפּאַניע, איז ער גע־שיקט געוואָרן פון קאָמינטערן קיין באַרצעלאָנאַ און פאַרנומען דאָרט אַ זייער וויכטיקע פּאָזיציע. צוריקקומענדיק קיין מאָסקווע האָט ער אָפּגע־געבן אַ באַריכט וועגן דער לאַגע אין שפּאַניע. דער דאָזיקער באַריכט האָט מסתמא נישט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק, ווייל באַלד נאָך זיין באַריכט איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

פורמאַן האָט געשטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער און אַסימילירטער

יידישער פאַמיליע פון װלאָצלאַװעק. ער איז געװען אַ זייער באַגאַבטער מענטש מיט אַ סך מאַרקסיסטישן װיסן. אַ חוץ דעם — אַן אויסגעצייכנ־טער אָרגאַניזאַטאָר און גלענצנדיקער מאַסן־רעדנער.

זיין פּאָליטישע קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן אין דער פּ. פּ. ס. (לינקע) און בעת דער ערשטער װעלט־מלחמה האָט ער געאַרבעט פּאַר־טייאיש אין לאָדזש און אין קױלן־ראַיאָן פון זאַגלעמביע. אויך זיין פרוי, אַ פּשוטע לאָדזשער טעקסטיל־אַרבעטערין, בראָנקע היבנער, (אַ שװעס־טער פון דעם אויבנדערמאָנטן היבנער) איז אויך געװען זייער אַקטיװ אין דער קאָמפּאַרטיי. װעגן זיין זעלבסטמאָרד האָט מען, פאַרשטייט זיך, גע־מאַכט אַ שװייג אין דער פּאַרטיי.

מיין צװייטע רייזע קיין בערלין

די סאָװעטישע רעפּרעזענטאַטיװע קערפּערשאַפטן אין בערלין

בעת איך האָב זיך אומגעקערט פון ביאַליסטאָק קיין װאַרשע איז שוין געװען נאָכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און דאמסקי האָט נישט געזען פאַר מיר קיין נייע פּאַרטיי־אַרבעט.

װען איך װאָלט גאָר שטאַרק געדריקט אויף אים, װאָלט ער דאָך פאַר מיר עפּעס אויסגעפונען, װייל עס איז געװען, װי תמיד, אַ גרויסער דוחק אין פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן. אָבער איך אַליין האָב שוין דעמאָלט נישט געהאַט קיין חשק און קיין װילן מיטצומאַכן דעם משונהדיקן אול־טראַ־לינקן קורס מיט די אַלגעמיינע שטרייקן, גאַסן־דעמאָנסטראַציעס און דירעקטן קאַמף מיט דער פּאָליציי.

האָט מיר זאָפיע אונשליכט פאָרגעשלאָגן צו פאָרן קיין דייטשלאַנד, ד״ה מען האָט מיר געגעבן אַ מין פּאָליטישן אורלויב און איך האָב דעם דאָזיקן פאָרשלאַג אָנגענומען.

פאָרן אין 1925 קיין דייטשלאַנד האָט געמיינט צוערשט זיך שמוג־לען אויף פאַלשע פּוילישע פּאַפּירן קיין דאַנציק און דאָרט װאַרטן אויף דייטשע פּאַפּירן.

אין דאַנציק האָט עקזיסטירט אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער און טעכנישער צענטער, װאָס האָט דערליידיקט די דאָזיקע ענינים.

אַ סך פּאָליטיש־פּאַרפּאָלגטע, באַזונדערס צווישן דער יוגנט, פלעגן אַנטלויפן קיין דאַנציק, אָבער ווי איז געווען צו די, וואָס האָבן געהאָפט, אַז די פּאַרטיי וועט זיי דאָרט העלפן ווייטער פאָרן קיין רוסלאַנד אָדער זיי געבן אַ מאַטעריעלע שטיצע. בעתן אולטראַ־לינקן קורס האָט מען נאָר אין זעלטענע פאַלן דערלויבט צו פאַרלאָזן פוילן און נאָר די ווינציקע, וואָס זענען געפאָרן מיט אַ דערלויבעניש פון דער פּאַרטיי, האָבן געקענט רעכענען אויף אַן אונטערשטיצונג. האָבן זיך טאַקע אין דאַנציק אַרומ־געוואַלגערט פּויליש̇ע קאָמוניסטן אַן פּאַפּירן און אָן הילף, ווייל זיי זע־נען דאָרט געקומען אָן אַ פּאַרטיי־דערלויבעניש. זייער לאַגע איז אָפט־מאָל געווען אַ זייער שווערע. דער פאָרשטייער פון דער פּאַרטיי האָט גע־האַט פאַר זיי נאָר איין ענטפער: איר זענט געקומען אָן אַ דערלויבעניש פון דער פּאַרטיי, זענט איר דעזערטירערס און איך קען אייך נישט העלפן.

אַ טייל פון זיי פלעגן זיך פאַרצווייפלטע אומקערן קיין פוילן, אַנ־דערע ווידער האָבן געזוכט אַ וועג ווייטער צו פאָרן.

איך האָב געמוזט וואַרטן עטלעכע וואָכן צייט אין דאַנציק, כדי צו פאָרן קיין בערלין, ווייל די רייזע־פּאַפּירן זענען פאַבריצירט געוואָרן אין בערלין.

דער צענטער אין דאַנציק האָט געהאַט ווייניק אַרבעט און זיין פאָר־שטייער האָט אייגנטלעך באַטראַכט זיין אַרבעט ווי אַ מין אורלויב פון דער פּאַרטיי־אַרבעט. דעמאָלט איז דאָס פּונקט געווען קאַראָל לאַנדי, אַ געוועזענער מיטגליד פון צ. ק. אויך אַנדערע אָנגעזעענע טוער, ווי וואַצ־לאַוו וורובלעווסקי און פאָרשטייער פון דער אוקראַינישער קאָמפּאַרטיי, האָבן זיך דאָרט געפונען. זיי זענען שטאַרק צופרידן געווען, וואָס עס איז געקומען אַן אייגענער און צוזאַמען געקענט פאַרטרייבן די פרייע צייט. זענען מיר טאַקע גאַנצע טעג און נעכט געזעסן און געשפּילט אין קאָרטן. פון צייט צו צייט האָבן זיך אויך עטלעכע פון אונדז אַריינגעכאַפּט אין צאָפּאָטער קאַסינאָ און דאָרט געשפּילט אין רולעטקע. ווי זיי פלעגן מיר פאַרזיכערן, האָבן זיי דאָרט נישט געשטעלט קיין גרויסע סומעס און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען, מחמת די גאָר גרויסע געלטער פאַר דער פּאַרטיי־אַרבעט זענען דעמאָלט געפלאָסן קיין פוילן דורך אַנדערע קאַנאַלן.

מיינע דייטשע פּאַפּירן האָט מען נישט געקענט פון בערלין שיקן מיט

דער געוויינלעכער פּאָסט און עס האָט געמוזט נעמען צייט, ביז עס איז מיט זיי געקומען אַ קוריער פון בערלין. לסוף האָב איך זיי באַקומען. אַ דייטשער פּערסאָנאַל־אויסווייז מיט אַ קראַנקן־קאַסע־צעטל און אַ מעלד־שיין פון אַ בערלינער אָנגעשטעלטן. אויף די דאָזיקע פּאַפּירן האָב איך פראַנק און פריי געקענט פאָרן קיין דייטשלאַנד, ווייל דייטשע בירגער־האָבן נישט נויטיק געהאַט קיין שום וויזעס און ד. גל. איך האָב אָבער ואָך געהאַלטן פאַר צוועקמעסיקער אויסצומיידן דעם פּוילישן קאָרידאָר.

קיין בערלין בין איך אָנגעקומען ערב־פרילינג 1925 און די שטאָט האָט אויף מיר אויסערלעך געמאַכט שוין אַ גאָר אַנדערן איינדרוק ווי אין האַרבסט 1923. סיי די פינאַנציעלע און סיי די סאָציאַלע לאַגע איז שוין געווען אָן אַ פאַרגלייך מער סטאַביליזירט. איך האָב דאָס שוין באַמערקט פאָרנדיק מיט דער באַן ביז בערלין. דאָס האָב איך אויך אַרויסגעפילט פון דער דייטשער פרעסע, וואָס איך האָב געקויפט אויף די פאַרשיידענע באַן־סטאַציעס.

דער פאָרשטייער פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי אין בערלין (ער איז גלייכצייטיק געווען פאָרשטייער ביים צ. ק. פון דער דייטשער קאָמפּאַרטיי און ביי דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין בערלין) האָט שוין געוווסט ווען איך דאַרף אָנקומען און ער האָט מיך אָפּגעוואַרט אויפן וואקזאל. דאָס איז געווען אַ יינגערער ברודער פון באקאנטן צו יענער צייט פירער פון די רעכטע — בראַנד. אַ יונגער אינזשיניער. ער האָט סימפּאַטיזירט מיט די אולטראַ־לינקע. דאָס האָט זיך גלייך אַרויסגעשטעלט ביים ערשטן גע־שפּרעך׳, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט.

ער האָט פאַרנומען אַ באַזונדער צימער אין דער סאָוועטישער אַמבאַ־סאַדע „אונטער דען לינדען״ און יעדן טאָג דאָרט אַמטירט. ער האָט גע־האַט אַ סך פונקציעס: זיין דער טעכנישער פאַרמיטלער צווישן דער פּאַר־טיי־אָנפירונג אין פּוילן און דעם קאָמינטערן; דורך אים זענען געגאַנגען די שריפטלעכע באַריכטן צום קאָמינטערן וועגן דער פּאַרטיי־טעטיקייט אין פּוילן; ער האָט ווייטער באַזאָרגט די מענטשן, וואָס זענען געקומען פון מאָסקווע קיין פּוילן, און פאַרקערט, צוגעהאָלפן די מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט פון פּוילן פאָרן איבער דייטשלאַנד קיין מאָסקווע. ער האָט אָנגעפירט מיט דער גרופּע פּוילישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן גע־

לעבט אין בערלין און אַלע געהאַלטן אונטער זיין קאָנטראָל. נאָר דורך אים האָט מען געקענט באַקומען אַ באַשעפטיקונג אין די סאָוועטישע רע־פּרעזענטאַטיווע קערפּערשאַפטן און נאָר ער איז געווען באַפולמעכטיקט צו פאַרהאַנדלען וועגן דעם מיטן סעקרעטאַר פון דער רוסישער „יאַ־טשעיקע", אָדער מיטן אַמבאַסאַדאָר, וואָס צו יענער צייט איז דאָס גע־ווען ניקאָלאַי קרעסטינסקי. נאָר מיט זיין רעקאָמענדאַציע האָט אַ קאָמו־ניסט פון פוילן געקענט ווערן אַ מיטגליד אין דער דייטשער קאָמפּאַרטיי. ער האָט זיך באַטייליקט אין די זיצונגען פון דייטשישן צ. ק. און דאָרט אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע אין פוילן און דער טעטיקייט פון דער פוי־לישער קאָמפּאַרטיי. דער דאָזיקער פאָרשטייער האָט אויך אָנגעפירט מיט דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער פוילישער באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד, אונטער דער אַלגעמיינער קאָנטראָל פון דייטשישן צענ־טראַל־קאָמיטעט און זיין אָפּטיילונג פאַר אַרבעט צווישן דער נישט־דיי־טשישער באַפעלקערונג. פאַר דער אַרבעט פון דער פוילישער אָפּטיילונג איז געווען מצד דעם דייטשישן צענטראַל־קאָמיטעט באַשטימט דער גע־נאָסע „אַנטאָן", אַן אָנהענגער פון דער טעלמאַן־גרופּע.

אין אַלגעמיין זענען די קאָמוניסטישע איינפלוסן צווישן דער פּוילי־שער באַפעלקערונג, ריכטיקער עמיגראַציע, געווען גאַנץ שוואַכע. אַביסל שטאַרקער זענען זיי געווען אין דעם דייטשן טייל פון אויבערשלעזיע. די מערהייט פּאָלאַקן זענען באַהערשט געווען פון פוילישע נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס, קריסטלעכע פאַריינען און קירכלעכע קאָנגרעגאַציעס. ביז איך בין נאָך נישט געווען איינגעאָרדנט האָט מיך דער פוילישער פאָר־שטייער אויסגענוצט פאַר דער דאָזיקער אַרבעט צווישן דער פוילישער עמיגראַציע און איך האָב געלעבט פון פאַרטיי־אונטערשטיצונג.

די איינציקע נאָרמאַלע הכנסה פאַר אַ פּאָליטישן עמיגראַנט אין בער־לין האָט נאָר געקענט זיין אַ פּאָסטן אין אַ סאָוועטישער אינסטיטוציע.

מיינע חברים און פריינט פון פוילן האָבן פאַרנומען אין דער סאָווע־טישער האַנדלס־פאַרטרעטונג, אין דער אַמבאַסאַדע אָדער אין די אַזוי גע־רופענע סאָוועטיש־דייטשע געמישטע האַנדלס־געזעלשאַפטן, גאָר וויכטי־קע פּאָסטנס מיט גרויסע געהאַלטן און געמאַכט אַ לעבן. ביז איך האָב נישט געהאַט נאָך קיין אייגענע דירה האָב איך געלעבט ביי אַזאַ נייעם

„סאָוועטישן בורזשוי". בכלל איז דער ביוראָקראַטיזירונג־פּראָצעס דעמאָלט שוין געגאַנגען מיט ריזיקע שריט פאָרויס און מיינע באַזוכן אין דער סאָ־וועטישער אַמבאַסאַדע אָדער האַנדלס־פאַרטרעטונג האָבן אויף מיר גע־מאַכט אַ נישט אַנגענעמען איינדרוק. אמת, עס איז שוין געווען קנאַפּע 8 יאָר נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש; אמת, שוין פריער אין רוסלאַנד האָב איך אויך באַמערקט דעם דאָזיקן פּראָצעס, אָבער פאַר איי־נעם, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען פון פּוילן, וואָס האָט דאָרט דורכגע־מאַכט טורמעס און אַ געפאַרפול לעבן אויף דער פריי, האָט דאָס לעגאַלע און זאָרגלאָזע לעבן פון די סאָוועטישע באַאַמטע אַרויסגערופן אַ מאָדנע געפיל. איך האָב נישט געזשאַלעוועט קיין רייד פון קריטיק אויפן אַדרעס פון מיינע חברים, אָבער זיי האָבן זיך אויף מיר נישט באַליידיקט. אפשר איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז איך וועל לאַנג דאָ נישט בלייבן און אפשר אויך דערפאַר, ווייל זיי האָבן ביי זיך געפילט, אַז זייער געוויסן איז נישט אינגאַנצן אין אָרדענונג.

אין דער אמתן האָב איך נישט געטראַכט לאַנג צו פאַרבלייבן אין בערלין. איך האָב געגלויבט, אַז די רעכטע וועלן צוריקקומען צו דער מאַכט.

איך האָב דעריבער פאַרלאַנגט פון פּוילישן פאַרשטייער, אַז ער זאָל מיר פאַרשאַפן אַ דריטראַנגיקן פּאָסטן אין דער האַנדלס־פאַרטרעטונג און אַזאַ אַרבעט, וואָס פאָדערט נישט קיין באַזונדערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און ביי וועלכער מען קען האָבן אַ סך פרייע צייט.

איך האָב באַקומען אַן אַרבעט אין דער בוכהאַלטעריע־אָפּטיילונג און דאָרט געטאָן אַן איינפאַכע אַרבעט פון איבערשרייבן קאָנטעס און זיי טומירן. מיין שעף איז געווען אַ לעטישער קאָמוניסט און ער האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז איך בין נישט קיין בוכהאַלטער פון פאַך און גע־ווּוסט, פאַרוואָס איך בין געקומען קיין בערלין. ער האָט מיר געגעבן די פולקאָמע פרייהייט צו גיין און צו קומען, ווען איך האָב נאָר געוואָלט. ער האָט זיך נישט גאָר שטאַרק גענייטיקט אין מיין אַרבעט. אויך ביי דער אַרבעט האָב איך זיך פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש: געמאַכט פּרע־סע־איבערזיכטן און געשריבן אַרטיקלען. אגב האָט ער נישט געהאַט אי־בער מיר קיין שליטה און נישט געקענט מיך אָפּזאָגן פון דער אַרבעט. דערצו איז נייטיק געווען אַ באַשלוס פון סאָוועטישן פאַרטיי־קאָמערל.

גאָר זי האָט דעצידירט, ווען מען אָנצונעמען אָדער אָפּצוזאָגן פון דער אַר־בעט. פאַקטיש איז דאָס רוסישע פּאַרטיי־קאָמערל געווען דער אמתער באַלעבאָס איבער אַלץ און אַלעמען. אַפילו קרעסטינסקי האָט גאָרנישט געקענט טאָן אויפן באָדן פון זיין אַמבאַסאַדע וואָס שייך פּערסאָנאַלע ענינים אָן אַ הסכם פון סעקרעטאַר פון פּאַרטיי־קאָמערל.

יעדער רוסישער קאָמוניסט, וואָס איז געקומען פון מאָסקווע אָדער פון אַן אַנדערער סאָוועטישער רעפּובליק קיין בערלין, האָט דאָס ערשטע זיך געמוזט מעלדן אין סעקרעטאַריאַט פון פּאַרטיי־קאָמערל (יאַטשעיקאַ). דאָס זעלביקע אויך ביים פאַרלאָזן זיין אויסלענדישע „פּלאַצוווקע". מיר, פּאָלאַקן, האָבן גענאָסן פון אַ דרייפאַכיקער פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט: מיר האָבן געהערט צו דער פּוילישער פּאַרטיי־גרופּע, געווען מיטגלידער אין דער דייטשער פּאַרטיי און געהאַט אַ רעכט זיך צו באַטייליקן אין אַלע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען פון די סאָוועטישע קאָמוניסטן. דאָס זעלביקע רעכט האָבן אויך געהאַט די אונגאַרישע און רומענישע קאָמוניסטן־פּליטים. אַמאינטערעסאַנטסטן זענען, פאַרשטייט זיך, געווען די רוסישע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען און איך האָב זיי קיינמאָל נישט אַדורכגעלאָזט. זיי זענען פאָרגעקומען אין אַ גרויסן זאַל פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע און אַלע, פון אַמבאַסאַדאָר ביזן קאָמוניסטישן וועכטער פון דער אַמבאַסאַדע, האָבן זיך אין זיי באַטייליקט. עס האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע הונדערט פּערזאָן, פרויען און מענער.

פאַרשטייט זיך, אַז אויף די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען האָט מען נישט באַריכטעט וועגן דער דיפּלאָמאַטישער טעטיקייט פון קרעסטינסקין אָדער וועגן דער האַנדלס־פּאָליטיק פון בעגע, וואָס איז דעמאָלט געווען דער האַנדלס־פאַרטרעטער (טאָרג־פּרעד). זיי האָבן אָפּט גענומען ווערטער אויף אַזאַ פּאַרטיי־פאַרזאַמלונג, אָבער זיך הויפּטזעכלעך אַרויסגעזאָגט וועגן די בלויזן פון סאָוועטישן אַפּאַראַט אויפן אָרט און ווי אַזוי זיי צו באַזייטיקן. וועגן דער לאַגע אין רוסלאַנד אָדער אין דער רוסישער פּאַרטיי האָבן גערעדט אַנדערע.

די פאַרזאַמלונגען זענען אויך אינטערעסאַנט געווען דערמיט, וואָס אויף זיי זענען אַרויסגעטרעטן כמעט אַלע אָנגעזעענע באָלשעוויסטישע פירער, וואָס האָבן באַזוכט דייטשלאַנד.

אַט האָבן מיר געהאַט אַ געלעגנהייט צו הערן אַ פלאַמענדיקע רעדע פון לאַזאַר קאַגאַנאָוויטש, וואָס האָט אגב אויף אונדז פּאַלאַקן געמאַכט אַ גאַר שוואַכן איינדרוק מיט איר איבערפלעכלעכקייט און גאָרנישט זאָגנדיקע פראַזן. מאַנויליסקיס אַן אַרויסטריט, וואָס איז געווען אַדורכגעפלאָכטן מיט אַ סך וויץ און שאַרפזין; גרוזינער מיט זייער ספּעציפישן רוסישן אַקצענט א. א. אויך פאָרשטייער פון דייטשן צענטראַל־קאָמיטעט זענען געקומען צו די פאַרזאַמלונגען, ווי ווילהעלם פּיק, רעמעלע אָדער ווילי מינצנבערג מיט רעפעראַטן וועגן דער לאַגע אין דייטשלאַנד. די דייטשן האָבן דערביי אַרויסגעוויזן אַ באַשטימטע פאַרלוירנקייט. רעדן אויף רעוואָלוציאָנער־באָלשעוויסטישע טעמעס און ציטירן לענינען אין דער אָנוועזנקייט פון אַלטע רוסישע באָלשעוויקעס האָבן זיי זיך אַביסל זשעגירט. דאַקעגן זענען די פּאָלאַקן אַרויסגעטראָטן אויף די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען מיט מער זעלבסטזיכערקייט.

אַ חוץ אין פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען האָבן מיר זיך אויך באַטייליקט אין ספּעציעלע אימפּרעזעס, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער היסטאָרישער געשעעניש אין לעבן פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אָדער פון דער סאָוועטישער רעגירונג, און אין ספּעציעלע פייערלעכע אויפנאַמעס, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די פּרעכטיקע זאַלן פון אַמאָליקן צאַרישן פּאַלאַץ. די דאָזיקע לוקסוסיעזע באַנקעטן האָבן אויפגעדעקט די צווייטע זייט פון דער סאָוועטישער מטבע. שיינע רוסישע און גרוזינישע פרויען האָבן געטאַנצט מיט דייטשע דירעקטאָרן און יונקערס. די דאָזיקע קרובהשאַפט איז נישט געווען קיין צופעליקע. עס האָט שוין צו יענער צייט עקזיסטירט אַן ענגע צוזאַמענאַרבעט מיט דער דייטשער קריגס־אינדוסטריע. צו דער בוכהאַלטעריע פון דער האַנדלס־פאַרטרעטונג האָבן נישט אַלע געהאַט אַ פרייען צוטריט. אַ חוץ דעם האָבן אַ סך פּאָזיציעס אין די ביכער פיגורירט אונטער פאַלשע באַצייכענונגען, אַזוי אַז מען האָט נישט געקענט וויסן וועלכע טראַנזאַקציעס מיט די דייטשן ווערן פאַקטיש אַדורכגעפירט.

דער סאָוועטישער אַפּאַראַט האָט זיך פאָרמעל געהאַלטן ביי אַלע כללים פון לעגאַליטעט און זיין טעטיקייט געפירט אין די ראַמען און אין

גייסט פון די רעכט, פון וועלכער עס געניסן אַלע אַנדערע אויסלענדישע מלוכהשע פאַרטרעטונגען.

עס האָט אָבער עקזיסטירט נאָך אַ מין טעטיקייט, וועלכע דאָס פּשוטע אויג האָט נישט באַמערקט.

איך האָב אַמאָל אויף אַ פאַרזאַמלונג אין דער אַמבאַסאַדע צופעליק געטראָפן מיינעם אַ פריינט נאָך פון די יוגנט־יאָרן און וועגן וועלכן איך האָב געוווּסט, אַז נאָך אין 1918 איז ער פון לאָדזש אַוועק קיין רוסלאַנד. ער האָט זיך געפונען אין בערלין שוין אַ היפּשע צייט און נישט געאַרבעט אויף קיין איינעם פון די אָפיציעלע סאָוועטישע פּאָסטנס. מיר איז די זאַך געווען אַביסל מאָדנע, אָבער איך האָב אים נישט געפרעגט וואָס ער טוט.

מיר האָבן פאַרפירט אַ דיסקוסיע וועגן די פּרעזידענט־וואַלן אין דייטשלאַנד און ער איז נישט געווען מיט מיר מסכים, אַז אין צווייטן וואַל־גאַנג דאַרפן די קאָמוניסטן צוריקציען טעלמאַנען און שטימען פאַרן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן קאַנדידאַט — בראַון. ער איז מסכים געווען מיט דער אָפיציעלער ליניע: איןביידע וואַל־געגנ דאַרפן מיר שטימען פאַרן אייגענעם קאַנדידאַט, נישט געקוקט דערויף, וואָס הינדענבורג קאָן זיגן.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך אים ווידער געטראָפן און צו מיין איבעראַשונג האָט ער געענדערט זיין מיינונג און מיט מיר שוין געווען מסכים. דערביי האָט ער מיך פאַרזיכערט, אַז דאָס וועט זיין די אָפיציעלע שטעלונג פון קאָמינטערן און אַז די דייטשע אָנפירונג וועט טייער באַצאָלן פאַר אירע אולטראַ־לינקע פעלערן. און אַזוי איז דאָס טאַקע שפּעטער געווען. ער האָט זיינע אינפאָרמאַציעס אויך געשעפּט פון מאָסקווע, אָבער גאָר פון אַן אַנדער קוואַל...

אין בערלינער סאָוועטישן האַנדלס־אַפּאַראַט האָט געהערשט אַ גרויסע קאָרופּציע און די, וואָס זענען געשטאַנען מיט אים אין פאַרבינדונג, זענען רייך געוואָרן. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז צו יענער צייט האָט רוסלאַנד געהאַט כמעט דעם גרעסטן האַנדלס־בילאַנס מיט דייטשלאַנד. מען איז רייך געוואָרן אויפן לעגאַלן און נישט־לעגאַלן אופן. דערפאַר טאַקע איז עס תמיד געווען אַ טראַגעדיע פאַר די אַלע סאָוועטישע אָנגעשטעלטע, קאָמוניסטן און „ספּעצן" אומפּאַרטייאישע, וואָס האָבן

געמוזט זיך אומקערן אַהיים. אַ סך האָבן אָפּגעשלעפּט זייערע רייזעס, ווי לאַנג זיי האָבן נאָר געקענט. אין איין פּרט זענען אַ סך פון אונדז דע־מאָלט מסכים געווען מיט טראָצקין. מאָסקווע דאַרף דינען דעם קאָמינ־טערן און נישט פאַרקערט און די לאַגע וועט זיך ראַדיקאַל ענדערן.

אין דער פּוילישער רעוואָלוציע האָב איך נישט געגלויבט און האָב געהאַלטן, אַז עס איז געגנוג, עס זאָל עקזיסטירן אין פּוילן אַ קאָמור־ניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע וועט מיט דער הילף פון דער רויטער אַר־מיי איינשטעלן אַ סאָוועטיש פּוילן.

דייטשלאַנד דאַקעגן איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. דאָרט וועט בלויז די רויטע אַרמיי נישט קענען איינשטעלן אַ סאָוועטישן רעזשים. אין פאַ־טערלאַנד פון מאַרקסן און ענגעלסן מוז אויפן אָרט פאָרקומען אַ מעכ־טיקע סאָציאַלע איבערקערעניש. צו יענער צייט איז דאָס פון מיין זייט געווען אַ גרויסע נאַאיוויקייט.

ווי האָט אָבער צו יענער צייט אויסגעזען די דייטשע קאָמפּאַרטיי?

מאַסלאָוו, רוט פישער און טעלמאַן האָבן אין 1924 אָפּגעהאַלטן אַ זיג איבער די רעכטע בראַנדלער־טאַלהיימער און אין דייטשלאַנד, פּונקט אַזוי ווי אין פּוילן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה אולטראַ־לינקע אַקציעס, וואָס האָבן אָפּגעשטויסן די דייטשע מאַסן פון דער פּאַרטיי. די טאַקטיק פון שאַפן אייגענע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די איזאָלאַציע פון די קאָמוניסטן אין אַרבעטער־לאַגער. די אָנפירונג האָט אָבער געהאַלטן אין איין בלאָפן וועגן די געלונגענע אַקציעס אירע.

אין זומער 1925 איז פאָרגעקומען דער צוזאַמענפאָר (פּאַרטיי־טאָג) פון די דייטשע קאָמוניסטן אין בערלין אין דער געביידע פון פּרייסישן לאַנד־טאָג. ער האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג און איך בין אויף אים געווען אַלס מיטגליד פון דער פּוילישער דעלעגאַציע.

איך האָב געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צוצוהערן צו די דעבאַטן און אַביסל נענטער זיך צו באַקענען מיטן דייטשן פּאַרטיי־אַקטיוו. אַ חוץ דעם האָב איך געוווינט ביי אַן אַקטיוון דייטשן קאָמוניסט און פון די לאַנגע געשפּרעכן מיט אים האָב איך אויך באַקומען אַ שטיקל פאַרשטע־לונג וועגן אינערלעכן פּאַרטיי־לעבן. איך האָב אויך רעגלמעסיק באַזוכט די פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען פון מיין פּאַרטיי־באַצירק און געטאָן דייטשע

פּאַרטיי־אַרבעט. איך בין דעריבער נישט געקומען צום פּאַרטיי־טאָג אינ־גאַנצן אַ „גרינער".

אויפן פּאַרטיי־טאָג האָט דאָמינירט די גרופּע רוט פישער ־ מאַס־לאוו. די רעכטע זענען געווען נידערגעשלאָגן. אין נאָמען פון קאָמינטערן איז אַרויסגעטראָטן אונטער אַ פרעמדן נאָמען מאַנואילסקי. דאָס גאַנצע פייער איז געווען געריכטעט קעגן די רעכטע. מאָמענטנווייז איז אויך אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט צווישן רוט פישער און די נאָך מער לינקע, ווי שאלעם, קאַץ און ראָזנבערג. אין אַלגעמיין האָט דער פּאַרטיי־טאָג גע־מאַכט אַ נעבעכדיקן איינדרוק. מען האָט געפילט, אַז עס פעלט די אמתע אָנפירונג. נאָך צוויי טעג האָב איך פאַרלוירן דעם אינטערעס צום פּאַר־טיי־טאָג. מיין איינדרוק איז געווען, אַז די אָנפירונג וועט נישט מאַכן די רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד.

דער סוף פון אולטראַ־לינקן קורס

די רעכטע ווידער ביי דער מאַכט אין דער פּאַרטיי

פון פוילן זענען אָנגעקומען טרויעריקע ידיעות וועגן גרויסע אַרעסטן. אין מאַי 1925 איז אַרעסטירט געוואָרן לעאָן פורמאַן און די גאַנצע אָנ־פירונג איז שוין איצט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דאָמסקין און זיין גרופּע.

דאָמסקי איז געווען אַן אולטראַ־לינקער, אָבער ער האָט פאַרמאָגט צו יענער צייט נאָך אַ גרויסע דאָזע פון זעלבסטשטענדיקייט און דרייסט־קייט און געוואַגט אַרויסצוטרעטן אָפן קעגן קאָמינטערן.

נאָכן 4טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן (1924) און ביז 1928 איז נישט פאַרגעקומען קיין קאָנגרעס. אין משך פון די דאָזיקע 4 יאָר זענען אָפּגע־האַלטן געוואָרן אויסגעברייטערטע פּלענומס פון אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן, וואָס האָבן אָנגענומען זייער וויכטיקע באַשלוסן מיט דער גילטיקייט פאַר אַלע סעקציעס.

אין אַפּריל 1925 איז פאָרגעקומען אַזאַ פּלענום, אויף וועלכן די פירער פון קאָמינטערן האָבן זיך פאַרנומען מיט דער אָפּשאַצונג פון דער וועלט־לאַגע אין שייכות מיט דער טיילווייזער און רעלאַטיווער סטאַבי־

ליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם, לויטן אויסדרוק פון זינאָוויעוון, און עס איז אַרומגערעדט געוואָרן די ווייטערדיקע פּערספּעקטיוון פון קאָמינטערן.

מען האָט שוין איינגעזען, אַז ווייטער פאָרזעצן דעם קורס פון אייני־הייטס־פראָנט נאָר פון אונטן, איבער די קעפּ פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פירער, אַז די סעקטאַנטישע טאַקטיק אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אָדער דאָס אָרגאַניזירן אַרבעטסלאָזע־דעמאָנסטראַציעס, כדי צו־צוגרייטן די מאַסן צום באַוואָפנטן אויפשטאַנד, — וועט פולקאָם איזאָלירן די קאָמפּאַרטייען פון די מאַסן, באַזונדערס אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, פוילן א״אַ.

דאַמסקי האָט אויך געהאַלטן, אַז עס איז אַריינגעטראָטן אַ באַשטימטע סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם. ער האָט אָבער דערפון געמאַכט גאָר אַנדערע אויספירונגען פאַר דער סטראַטעגיע און טאַקטיק פון קאָמינטערן. פּונקט ווי באָרדיגאַ אין איטאַליע, האָט ער געהאַלטן, אַז אַן אַקטיווע מינדערהייט קען אַקטיוויזירן און רעוואָלוציאָניזירן די מאַסן און זיי ברענגען אונטער דער קאַמפּס־פאָן פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

האָט ער טאַקע מיט דער גאַנצער קראַפט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם נייעם רעכטן זיג־זאַג פון קאָמינטערן. אין אַ רעזאָלוציע, וואָס דער פּוילישער צענטראַל־קאָמיטעט האָט אָנגענומען, ווערט טאַקע פאַראורטיילט די וואַל־טאַקטיק אין דייטשלאַנד וועגן שטיצןביים צווייטן וואַל־גאַנג די קאַנדידאַטור פון סאָציאַל־דעמאָקראַט בראַון, ווי דאָס האָט פאַרלאַנגט דער קאָמינטערן. אין דער זעלביקער רעזאָלוציע ווערט אויך פאַראורטיילט די טאַקטיק פון די פראַנצויזישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געשטימט פאַר סאָציאַליסטן, בעת די קאָמונאַלע וואַלן אין פראַנקרייך. דאָס איז נאָך נישט אַלץ. דער צ. ק., אונטער דאַמסקיס אָנפירונג, האָט אויך פאַראורטיילט דעם רוסיש־ענגלישן סינדיקאַלן קאָמיטעט אַלס אויסדרוק פון אייניקייטס־פראָנט מיט די פאַררעטערישע שפּיצן פון די ענגלישע טרייד־יוניאָנען.

איך געדענק, ווי היינט, ווי אין אַן אָוונט, שוין אין די גאָר שפּעטע שעהן, טעלעפאָנירט צו מיר דער פאַרשטייער פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי, אַז איך זאָל תיכף צו אים קומען, ווייל ער האָט מיר עפּעס אַזוינס איבערצוגעבן, וואָס ער קאָן דאָס נישט טאָן דורכן טעלעפאָן. איך

האָב געכאַפּט אַ טאַקסי און גלייך צו אים אַוועק. ער האָט מיר געוויזן די דאָזיקע רעזאָלוציע, וואָס ער האָט אָקאָרשט באַקומען. איך האָב זי געלייענט איינמאָל און נאָכאַמאָל און באַוואונדערט דאמסקיס קוראַזש, אָבער גלייך באַמערקט: דאמסקי מיט זיין גרופּע זענען שוין איצט פאַרלוירן. צו יענער צייט פאַרלוירן האָט נאָך נישט באַדייט, אַז מען וועט דאמסקין אָדער זאָפּיע אונשליכט מאָראַליש און פיזיש פאַרניכטן. דאָס איז געקומען מיט יאָרן שפּעטער. דאָס האָט דעמאָלט נאָר באַדייט, אַז זיי זענען פּ אָ ל י ט י ש ליקווידירט.

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. נאָכדעם, ווי די רעזאָלוציע איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע, האָט זינאָוויעוו אַרויסגערופן דאמסקין און סקולסקין צום קאָמינטערן. זיי זענען פאַרשטענדלעך גלייך געפאָרן. דאָרט האָט מען זיי שטאַרק אויסגעזידלט. עס איז ווידער געשאַפן געוואָרן אַ פּוילישע קאָמיסיע און דער באַשלוס איז געווען צונויפצורופן אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ. איצט האָט מען געהייסן דאמסקין בלייבן אין מאָסקווע און סקולסקין צוריקגעשיקט קיין וואַרשע מיטן דאָזיקן אורטייל אין קעשענע.

אייגנטלעך האָבן אויך רוט פישער און מאַסלאָוו, וואָס זענען געגאַנגען מיט דאמסקין, געדאַרפט באַקומען דעם זעלביקן פּסק־דין, אָבער ווי מען האָט דעמאָלט איבערגעגעבן, האָבן זיי זיך בייציייטנס אָנערקענט צו די באַגאַנגענע פעלערן און מען האָט זיי דערוויייל געלאָזט צורו. עס איז שוין געווען קלאָר, אַז איצט קומט ווידער אַ גוטע קאָניונקטור פאַר אונדז רעכטע און די שטימונג ביי די פּאַרטיי־ביוראָקראַטן, סיי רוסישע און סיי דייטשע, מיט וועלכע איך בין געקומען אין באַרירונג אויפן באָדן פון די סאָוועטישע „פּלאַצוווקעס" אין בערלין, האָט זיך געענדערט צו אונדזער גונסטן. אומעטום האָבן די אַקציעס פון די רעכטע אָנגעהויבן צו וואַקסן.

די פּערטע פּאַרטיי־קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען סוף זומער 1925 אין מאָסקווע. פּאַקטיש איז דאָס געווען אַ קאַריקאַטור אויף אַ פּאַרטיי־קאָנפערענץ. קיין שום דיסקוסיעס זענען פריער נישט פאָרגעקומען אין דער פּאַרטיי וועגן די פראַגן, וואָס האָבן געדאַרפט אויף איר באַהאַנדלט ווערן און דער אַנטייל פון דעלעגאַטן אין איר איז געווען זייער אַ שוואַכער. מען האָט זי צונויפגערופן הויפּטזעכלעך צוליב דעם, כדי צו ליק־

ווידירן דעם אולטראַ־לינקן קורס אין דער פּאַרטיי און דאַמסקין מיט זיין גרופּע.

אויב פאַר די רעכטע האָט דער קאָמינטערן נאָך געמאַכט אַן אַנ־שטענדיקע לוויה, זענען די לינקע באַגראָבן געוואָרן אָן שום פּאַראַד.

די 4טע קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער עס איז פאַרגעוואָרפן געוואָרן דאַמסקין, אַז ער האָט אַטאַקירט דעם קאָמינ־טערן, כדי צו העלפן דערמיט די אולטראַ־לינקע אין דייטשלאַנד און דאָס וויכטיקסטע — ער האָט פּרובירט אַנטקעגנצושטעלן דעם קאָמוניזם אין מערב־אייראָפּע דעם סאָוועטישן קאָמוניזם. עס איז אויך ליקווידירט גע־וואָרן די אולטראַ־לינקע טאַקטיק אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען.

די פירער פון קאָמינטערן האָבן שוין פאַרגעסן וועגן דעם אָפענעם בריוו, וואָס זיי האָבן געשיקט צו די מיטגלידער פון דער פּוילישער קאָמ־פּאַרטיי אין נאָמען פון 5טן קאָנגרעס פון קאָמינטערן וועגן דער שעד־לעכער ראָל פון וואַרסקין, קאָסטזשעווא און אַנדערע רעכטע און איצט רעקאָמענדירט, אַז וואַרסקי זאָל צוריק אַריין אין צענטראַל־קאָמיטעט און קאָסטזשעווא אין דער צענטראַלער פּאַרטיי־רעדאַקציע. די דאָזיקע קאָנ־פערענץ האָט „אויסגעוויילט" אַ נייעם צענטראַל־קאָמיטעט, אין וועלכן אַ חוץ וואַרסקין איז נאָך אַריין אַ צווייטער זייל פון די רעכטע, סעווער פּרוכניאַק. די איבעריקע מיטגלידער פון צ. ק. האָבן געהערט צו די מעסיק־לינקע, ווי, למשל, יוליאַן לענסקי - לעשטשינסקי, פון די אוקראַי־נער — וואַסילקיוו (קריליק) און פון די ווייסרוסן — פּאַוולאַ קאָרטשיק. צוליב די פאַרשטאַרקטע רדיפות אין פוילן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער נייער צ. ק. וועט זיך געפינען אין דאַנציק.

עס איז נישט געווען פאַר אונדז רעכטע אַזוי וויכטיק, וואָס דער קאָמינטערן האָט אונדז נישט געגעבן קיין מערהייט אין צ. ק. דער פאַקט, וואָס די אולטראַ־לינקע זענען באַזייטיקט געוואָרן און וואַרסקי איז ווידער אַריין אין דער אָנפירונג, דאָס אַליין האָט שוין באַדייט אַ גרויסער מאָ־ראַלישער און פּאָליטישער זיג. אין דער פּראַקטיק האָט זיך די צענטריס־טישע מערהייט פון צ. ק. פּאַקטיש נאָכגעשלעפּט נאָך די רעכטע.

מיין פּאָליטישע עמיגראַציע האָב איך שוין ביי די נייע באַדינגונגען געהאַלטן פאַר אַ פאַרענדיקטע און זיך געגרייט צוריקצופאָרן קיין פוילן.

היות ווי איך בין שוין געווען פּאָליציייאיש שטאַרק קאָמפּראָמע־טירט אין פּוילן און אין ווייסרוסלאַנד, האָט זיך פאַרן צענטראַל־קאָמי־טעט געשטעלט די פראַגע מיך צו שיקן קיין מערב־אוקראַינע, — אַן אָרט, וווּ איך בין נאָך נישט געווען באַקאַנט.

דאָס שיקן דאָרט אַ מענטש אויף אַרבעט איז נישט בלויז אָפּהענ־גיק געווען פון פּוילישן צענטראַל־קאָמיטעט. אויב עס האָט זיך גע־האַנדלט וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראַגן, האָט אַ גאַר גרויסע דעה געהאַט אויך דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער מערב־אוקראַינישער קאָמפּאַרטיי, וואָס האָט גענאָסן פון אַ ברייטער אויטאָנאָמיע אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי. די אוקראַינער זענען אָבער אין אַזעלכע פאַלן געווען זייער פּאַרזיכטיק און האָבן געהאַט אַ טענדענץ וואָס מער צו זיין אומ־אָפּהענגיק פון וואַרשע.

די פּאַרשטייער, וואָס דער פּוילישער צ. ק. האָט דאָרט געשיקט, האָבן געהאַט אַ פּאַרקערטע טענדענץ וואָס ענגער פאַרבינדן מערב־אוּ־קראַינע מיט וואַרשע. אויף דעם באָדן זענען אַנטשטאַנען קאָנפליקטן און זיגן פלעגט דער מערב־אוקראַינישער צ. ק., ווייל ער האָט געהאַט די אונ־טערשטיצונג פון כאַרקאָוו און ווייל פינאַנציעל איז ער נישט אָפּהענגיק געווען פון וואַרשע.

אין מיין פאַל האָבן די אוקראַינער נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן. איך האָב נאָך אין בערלין געהאַט דעם ערשטן צוזאַמענטרעף מיט די אוּ־קראַינער און אין אָנהויב 1926 בין איך געפאָרן קיין דאַנציק, כדי פון דאָרט שפּעטער צו פאָרן קיין לעמבערג. איך האָב זיך אין דאַנציק אויפגע־האַלטן עטלעכע וואָכן צייט, כדי זיך צו באַקענען מיט דער אינערלע־כער לאַגע אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון מערב־אוקראַינע (ק. פּ. ז. אוּ.) און זיך באַטייליקן אין אַ זיצונג פון צ. ק. אויף וועלכער עס איז אַרומגערעדט געוואָרן וועגן מיין אַרבעט אויפן אָרט.

די לאַגע אין פּוילן סוף 1925

אין פּוילן האָט זיך סוף 1925 זייער שטאַרק פאַרערגערט די עקאָ־נאָמישע לאַגע און עס איז אָנגעוואַקסן אַ פּאָליטישער קריזיס אין לאַנד.

די וואַלוטע, וואָס עס איז טיילווייז געלונגען דעם פינאַנץ־מיניס־טער גראַבסקי צו סטאַביליזירן, האָט זיך ווידער אַ וואַקל געטאָן. דאָס פאַלן פון עקספּאָרט קיין דייטשלאַנד צוליבן צאָל־קריג — און דייטש־לאַנד איז געווען דער גרעסטער אימפּאָרטער פון פּוילן, — דער וווקס פון דער אַרבעטלאָזיקייט און די נישט סטאַבילקייט פון דער רעגירונג — דאָס אַלץ האָט אַריינגעטריבן דאָס לאַנד אין אַ טעמפּן ווינקל אָן אַן אויס־וועג. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך אויף די פּוילישע קרעסן אַביסל באַרואיקט. די פּויערים־מאַסן פון ווייסרוסלאַנד, וואָלין און מזרח־גאַליציע האָבן פאַרלוירן די האָפענונג אויף אַ באַלדיקן אויפשטאַנד און דער קאַמף מיט דער פּוילישער מאַכט האָט אָנגענומען מילדערע פאָרמען.

עס זענען אַנטשטאַנען מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון די פּויערים, ווי, למשל, די ווייסרוסישע „הראָמאַדאַ" און די „פּויערים־ און אַרבעטער־פאַרייניקונג" („סעל־ראָב") ביי די אוקראַינער. אין דער פּוילישער דע־מאָקראַטישער פּויערים־פּאַרטיי איז אַנטשטאַנען אַ שפּאַלטונג און עס האָט זיך פון איר אָפּגעריסן אַ טייל מיט די דעפּוטאַטן וואָיעוודזקי און פידערקעוויטש און זיך דערנענטערט צו דער קאָמפּאַרטיי פון פּוילן.

די אַלע פּויערים־אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט דעפּוטאַטן אין פּוי־לישן סיים און צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון פּוילישן פּאַרלאַ־מענט האָט די קאָמוניסטישע פראַקציע געציילט 23 דעפּוטאַטן פון פּאָ־לאַקן, אוקראַינער און ווייסרוסן. אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער פראַק־ציע זענען געשטאַנען וואַרסקי און סאָכאַצקי, וואָס זענען דעמאָלט אַריין אין סיים. אין דער פּוילישער אינדוסטריע זענען פאָרגעקומען גרויסע עקאָנאָמישע שטרייקן און אין פּוילישן דאָרף האָט אָנגעהאַלטן אַ ראַדי־קאַליזירונג־פּראָצעס.

די פּוילישע רעגירונגען האָבן זיך געהאַלטן אין איין בייטן, ווייל אין פּוילישן סיים האָט עקזיסטירט אַ גרויסע צעשפּליטערונג צווישן די פּאַרטייען און קיין רעגירונג האָט נישט געקענט רעכענען אויף אַ סטאַבי־לער מערהייט אין פּאַרלאַמענט. דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעזשים האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומפעאיק אָנצופירן מיטן לאַנד און זיך קאָמפּראָ־מעטירט אין די אויגן פון די מאַסן. אין בורזשואַזן לאַגער האָט זיך פאַר־טיפט דער קעגנזאַץ צווישן דער רעאַקציאָנערער און אַנטיסעמיטישער נאַ־

ציאָנאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און די אָנהענגער פון מאַרשאַל פּיל־סודסקי, וואָס האָבן אויסגענוצט סיי די מאַכטלאָזיקייט פון פּוילישן פּאַר־לאַמענטאַרישן סיסטעם און סיי די אומצופרידנקייטן פון די מאַסן.

אויך די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע איז דעמאָלט נישט געווען גינציק פאַר פּוילן.

דייטשלאַנד, דער אַלטער שונא פון פּוילן, איז צו יענער צייט גע־שטיצט געוואָרן פון ענגלאַנד קעגן פּוילן, און כאָטש עס האָט עקזיסטירט אַ מיליטערישער אָפּמאַך צווישן פראַנקרייך און פּוילן, האָט אָבער די לאָ־קאַרנער קאָנפערענץ נישט געגעבן קיין רעכט פראַנקרייך צו קומען צו הילף פּוילן אין פאַל ווען דייטשלאַנד וועט אָנרירן פּוילנס מערב־גרעניצן.

סיי די אינערלעכע און סיי די אויסערלעכע פּאָליטיק אין פּוילן האָט געמוזט ראַדיקאַל געענדערט ווערן. די קאָמפּאַרטיי האָט געהאַט איר ענט־פער פאַר פּוילן: זאָל זי ווערן סאָוועטיש און אַלע שוועריקייטן, סיי אי־נערלעכע און סיי אויסערלעכע, וועלן געלייזט ווערן אויף דעם איינציק מעגלעכן אופן. די פּוילישע לינקע אַרבעטער־ און פּויערים־פּאַרטייען האָבן געזען פאַר זיך אַן אַנדערע לייזונג: זיי האָבן זייערע האָפענונגען פאַרבונדן מיטן „דזשאַדעק" — מיט פּילסודסקין. ער האָט נאָך געלעבט אין אָרעאָל פון דעם נאַציאָנאַלן העלד און ער וועט מאַכן אָרדענונג אין לאַנד.

עס איז רייף געוואָרן דער קאָנפליקט צווישן דעם רעאַקציאָנערן און קאָנסערוואַטיוון טייל פון דער פּוילישער בורזשואַזיע און פּריצים, פון איין זייט, און דעם דעמאָקראַטישן טייל פון פּוילישן פאָלק מיט פּיל־סודסקין בראש, פון דער צווייטער זייט.

דער צ. ק. האָט אויסגענוצט די שווערע לאַגע אין לאַנד און אַנט־וויקלט אַן אינטענסיווע פּראָפּאַגאַנדע. אין דער פּראָפּאַגאַנדע האָט די בייע רעכט־צענטריסטישע אָנפירונג פּרובירט זיך צוצופּאַסן צו די שטימונגען אין לאַנד. די פּאַרטיי־אָנפירונג איז אָבער צו שטאַרק געווען אָפּגעריסן פון פּאָליטישן לעבן, אַז זי זאָל קענען פאָרויסזען די גרויסע פּאָליטישע געשעענישן, וואָס וועלן זיך גאָר גיך אָפּשפּילן אין האַרץ פון פּוילן, אין וואַרשע. אמת, אין דער פּאַרטיי האָט מען גערעדט וועגן צוויי מינים פון פאַשיזם: פון אַ רעכטן און לינקן פאַשיזם; אָבער מען האָט נישט פאָרויס־

געזען, אַז גאָר אינגיכן וועט פּויליש מיליטער מאַרשירן צום סיים, און די מאַי־איבערקערעניש פון 13טן מאַי 1926, וואָס האָט אַרויסגעטראָגן פּיל־סודסקין צו דער מאַכט, האָט די גאַנצע פּאַרטיי געטראָפן נישט צוגע־גרייט. זי איז פאַר אונדז אַלעמען געווען ווי אַ דונער פון העלן הימל.

נאָך אַ געשעעניש איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער סיורפּריז פאַר ד'ער פּוילישער קאָמפּאַרטיי: דער שאַרפער קאַמף, וואָס האָט שוין דע־מאָלט זיך צעפלאַקערט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָוועטיש־אוקראַינישער קאָמפּאַרטיי אין כאַרקאָוו אַרום דער פראַגע פאַר אָדער קעגן מאָסקווער צענטראַליזם. דער דאָזיקער קאַמף האָט זיך אויך אַריבערגע־טאָגן קיין מערב־אוקראַינע און דערפירט צו דער שפּאַלטונג פון דער אוקראַינישער קאָמפּאַרטיי.

איך מוז אָבער אָנהייבן פון מיין רייזע קיין לעמבערג און מיינע ערשטע אַרבעטן אויפן אָרט.

נאָך אין דאַנציק האָבן מיך די אוקראַינער צוקאָאָפּטירט צום צענ־טראַל־קאָמיטעט און מיך באַשטימט אַלס מיטגליד פונעם צענטראַלן לאַנד־סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַרטיי. ער האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנ־צער אומלעגאַלער און לעגאַלער אַרבעט אויפן אָרט און זיין זיץ־אָרט צו יענער צייט איז געווען לעמבערג.

מען האָט מיר ווידער באַזאָרגט פאַלשע פּוילישע פּאַפּירן און איך בין געפאָרן קיין לעמבערג אַלס רעפּרעזענטאַנט פון לאָדזשער טעקסטיל־פירמעס.

לעמבערג, דער 1טער מאַי

איך בין אָנגעקומען קיין לעמבערג אָנהייב אַפּריל 1926. מיין ערש־טע אַרבעט האָט געדאַרפט זיין — צוגרייטן די 1טע מאַי־פייערונגען.

פאַר מיין אָפּפאָר פון דאַנציק איז די דאָזיקע פראַגע אַרומגערעדט געוואָרן אויפן אוקראַינישן פּאָליט־ביוראָ און איך האָב געפירט מיט זיך די דירעקטיוון, ווי אַזוי די אַקציע צו אָרגאַניזירן.

מיין ערשטער צוזאַמענטרעף מיט די אוקראַינישע חברים האָט אויף מיר נישט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק. דער סעקרעטאַריאַט איז באַ־

שטאַנען פאַקטיש פון 5 פּערזאָן, שוין מיט מיר: פון צוויי אוקראַינער, איין אוקראַיניזירטן פּאָלאַק, אַ לעמבערגער יידישן קאָמוניסט (ד״ר מאַ־רעק מאַנדעל) און איך. מיר האָבן באַהאַנדלט דעם „1טן מאַי״ און אָנגע־נומען אַ רייע אָרגאַניזאַציאָנעלע באַשלוסן. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער קאָנטאַקט מיט די פּוילישע אַרבעטער אין לעמבערג איז געווען אַ זייער שוואַכער און אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן מיר געהאַט בלויז אַ באַדייטנדיקן איינפלוס אין דעם דערנער־פאַריין. עס האָט שוין אָנגעהאַלטן דער נייער קורס און פאַר אונדז האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן מאַכן ווענדונגען צו אַנדערע פּאַרטייען וועגן אַן איינהייטלעכער 1טע־מאַי־אַרויסטרעטונג אין לעמבערג און אין גאַנץ מערב־אוקראַינע. עס זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן בריוו צו דער פּ. פּ. ס., אוקראַיני־שער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע און צום יידישן אַרבעטער־„בונד״ אין לעמבערג. מיר זענען אין פאָרויס געווען זיכער, אַז פון די דאָזיקע ווענדונגען וועט גאָרנישט אַרויסקומען און דערפאַר האָבן מיר געגעבן אָנווייזונגען אונדזערע פּאַרטיי־קרייזן, זיך אָנצושליסן אין פּעפּע־סישן מאַי־צוג, אויב מעגלעך אונטער אייגענע טראַנספּאַרענטן. אויב פּ. פּ. ס. וועט דאָס נישט דערלויבן, נישט פּראָוואָצירן קיין געשלעגן, נאָר זיך באַגרעניצן מיט וואַרפן לאָזונגען צווישן די דעמאָנסטראַנטן. אַ חוץ דעם האָבן מיר אין אונדזער מאַי־אויפרוף געוואָרפן דעם לאָזונג פון אַל־געמיינעם שטרייק.

ווי געוויינלעך, זענען פאַרן 1טן מאַי פאָרגעקומען אַרעסטן צווישן פּאַרדעכטיקע אין קאָמוניזם און אַ טייל פון אונדזערע מאַי־פּלענער זענען געבליבן אויפן פּאַפּיר. דער מאַי־אויפרוף איז אויך אין אַ גאָר גרויסער מאָס געבליבן ליגן אויפן געהיימען סקלאַד, ווייל מען האָט שוין נישט געקענט צו אים צוקומען פאַרן 1טן מאַי.

אויף מיר האָט דער 1טער מאַי נישט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק. אין דאַנציק האָב איך געהאַט אַ בעסערע מיינונג וועגן דער אוקראַיני־שער קאָמפּאַרטיי. אין משך פון דער צייט ביזן ערשטן מאַי האָב איך גע־האַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט די פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן פון די ראַיאָן־קאָמיטעטן, וואָס זענען געקומען צום סעקרעטאַריאַט און איך האָב באַמערקט, אַז דאָס זענען יונגע מענטשן אָן פּאַרטיי־סטאַזש און

אָן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלער פּראַקטיק. כּדי אָבער צו באַקומען אַ פולקאָם בילד וועגן דער אוקראַאינער קאָמפּאַרטיי, האָב איך געוואָלט באַזוכן די פּראָווינץ־אָרגאַניזאַציעס און דעם נאַפט־ראַיאָן פון דראָהאָביטש־באָריסלאַוו. איך האָב מיך דעריבער אָפּגעהאַלטן צו שיקן אַ באַריכט קיין דאַנציק און איבערגעלאָזט דאָס פאַר אַנדערע.

איך האָב באַזוכט סטאַניסלאַוואָוו, פּשעמישל, סאַמבאָר, דעם נאַפט־ראַיאָן, טאַרנאָפּאָל ביז דער סאָוועטישער גרעניץ און קאָלאָמיי און סניאַטין ביז דער רומענישער גרעניץ. די רייזעס זענען געווען ריזקאַלישע, אָבער אינטערעסאַנטע און באַלערנדיקע. איך האָב געזען דאָס אוקראַאינישע דאָרף מיט זיין אָרעמקייט אונטער דער הערשאַפט פון די פּוילישע פּריצים און די קאָלאָניאַלע עקספּלואַטאַציע פון די אוקראַאינישע אַרבעטער פון דער נאַפט־ און האָלץ־אינדוסטריע. אויף טריט און שריט האָט זיך געפילט דער טעראָר פון דער פּוילישער פּאָליציי.

דער קולטור־ניוואָ פון די אוקראַאינישע מאַסן אין מזרח־גאַליציע איז געווען אַ העכערער ווי דער פון די ווייסרוסן. דאָך געלעבט דורות לאַנג אונטער דער הערשאַפט פון דער עסטרייך־אונגאַרישער מאָנאַרכיע און נישט אונטערן פינצטערן צאַר.

אויך דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין איז געווען ביי די אוקראַאינער אַ סך שטאַרקער ווי ביי ווייסרוסישע פּויערים און דער קאַמף קעגן דער פּאָלאָניזאַציע און פּוילישער קאָלאָניזאַציע אינטענסיווער. אין גרונט גענומען אָבער האָבן אין מערב־אוקראַינע און אין מערב־ווייסרוסלאַנד עקזיסטירט די זעלביקע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען: די שטרעבונג צו נאַציאָנאַלער פרייהייט און דער דראַנג נאָך ערד. מיט דעם אונטערשייד, וואָס עס האָבן געלעבט אונטער דער פּוילישער הערשאַפט ביז 6 מיליאָן אוקראַאינער און נישט מער ווי אַ צוויי מיליאָן ווייסרוסן; וואָס די אוקראַאינער האָבן זיך געפונען אויף אַ העכערן שטאַפּל פון פּאָליטישער אַנטוויקלונג, האָבן שוין געהאַט אַן אַלטע און רייכע טעגלעכע פּרעסע און פעריאָדישע אויסגאַבן, אַ פאַרהעלטנישמעסיק שטאַרקע אינטעליגענץ און אַ טראַדיציע פון קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט. אַ חוץ דעם דאַרף מען אויך נישט פאַרגעסן, אַז אוקראַאינע להיפּוך צו ווייסרוסלאַנד איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה שוין געוואָרן אַן אינטער־

נאַציאָנאַלער פּראָבלעם, אַ דאַנק אירע עטלעכע און דרייסיק מיליאָן או־קראַינער, איר געאָגראַפישער לאַגע און נאַטירלעכע אוצרות.

דייטשלאַנד האָט שוין פון לאַנגע יאָרן געשאַרפט אירע ציין אויף אוקראַינע פון ביידע זייטן דניעסטער און אויך דער יונגער פוילישער אימפּעריאַליזם האָט שוין געהאַט הינטער זיך דעם מאַרש אויף קיעוו. וועגן מאָסקווע איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

נאָך מיינע באַזוכן אין דער פּראָווינץ בין איך אַרויסגערופן געוואָרן קיין דאַנציק, ווו עס האָט געדאַרפט פאַרקומען אַ זיצונג פון פלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אוקראַינישער קאָמפּאַרטיי און אין יוני האָב איך פאַרלאָזט לעמבערג.

די מאַי־איבערקערעניש און דער קריזיס אין דער קאָמפּאַרטיי פון פוילן

בשעת דער מאַי־איבערקערעניש אין 1926 האָב איך זיך געפונען אין לעמבערג.

אויב אין וואַרשע איז דער פאַרלויף פון דער דאָזיקער איבערקערע־ניש געווען אַ דראַמאַטישער (און גלייכצייטיק אַ ספּעקטאַקולאַרער), האָט מען אין לעמבערג דאָס אַלץ נישט באַמערקט. ווען נישט די וואַרשעווער פּרעסע און ווען נישט דער פרידלעכער מיליטערישער פּאַראַד מיט גאָר שוואַכער באַטייליקונג פון פּילסודסקיס געטרייע לעגיאָנערן, וואָלט מען נישט געהאַט קיין אָנונג וועגן דעם ספּעקטאַקל, וואָס פּילסודסקי האָט געגעבן פאַר דער וואַרשעווער באַפעלקערונג און פאַר די אַלטע סיים־פּאַר־טייען.

נישט געקוקט אויף איר בליצאַרטיקן כאַראַקטער, האָט די מאַי־אי־בערקערעניש אין וואַרשע אַרויסגערופן גרויסע אילוזיעס ביי אונדז אַלע־מען. נישט בלויז ביי אונדז, נאָר אפילו אויך ביי די אַלע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען אין די פוילישע טורמעס, און ביי דער צענטראַלער פּאַרטיי־אָנפירונג וואָס האָט געלעבט אין דאַנציק.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז פאַר דער מאַי־איבערקערעניש האָט געהערשט אין דער קאָמפּאַרטיי די מיינונג, אַז דער קאַמף צווישן

דעם רעכטן, ענדעקישן לאַגער, און פּילסודסקין איז אַ קאַמף צווישן צוויי סאָרטן פון פאַשיזם. דערמיט איז אייגנטלעך שוין גאָר קלאָר געזאָגט גע־וואָרן, וואָסערע טאַקטיק די קאָמפּאַרטיי וואָלט געדאַרפט אָנווענדן אין פאַל פון אַן אָפענעם קאַמף צווישן אָט די ביידע רעאַקציאָנערע לאַגערן. ווען עס איז אָבער אויסגעבראָכן דער דאָזיקער קאַמף האָט די צענטראַלע אָנפירונג אינגאַנצן פאַרלוירן דעם קאָפּ און פאַרגעסן אָן דער דאָזיקער אָפּשאַצונג. נאָך מער, די קאָמוניסטן אין וואַרשע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם מאַרש פון די פּילסודסקיסטן צום בעלוועדער און דער צענ־טראַל־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן, אַז די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן אין סיים דאַרפן שטימען פאַר פּילסודסקין אַלס פּרעזידענט פון פּוילן.

דאָס איז געווען אַ געגנוג בולטער באַווייז, ווי אידעאָלאָגיש שוואַך און פּאָליטיש נישט זעלבסטשטענדיק די פּאַרטיי־אָנפירונג איז שוין דע־מאָלט געווען.

דעם 17טן מאַי, ד. ה. ווען די איבערקערעניש איז נאָך פאָרגעקומען, האָט זיך פאַרזאַמלט אין דאַנציק דער צענטראַל־קאָמיטעט און ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז זיין ליניע וועגן שטיצן פּילסודסקין איז געווען אַ ריכטיקע און ער האָט באַשלאָסן צו שטימען פאַר פּילסודסקין אין סיים צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אָנהענגער פון פּילסודסקין.

ווען אין מאָסקווע האָט מען זיך דערוווּסט וועגן דעם דאָזיקן באַ־שלוס און בכלל וועגן דער גאַנצער טאַקטיק פון די פּוילישע קאָמוניסטן, האָט מען דאָרט תיכף געשאַפן אַ פּוילישע קאָמיסיע, אין וועלכער עס זענען אַריינגעגאַנגען: זינאָוויעוו, בוכאַרין און מאַנואילסקי. די דאָזיקע קאָמיסיע האָט אַרויסגעשיקט אַ דרינגענדיקע טעלעגראַמע קיין דאַנציק, אַז די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן זאָלן בשום אופן נישט שטימען פאַר פּיל־סודסקין. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע צערודערונג אין צ. ק. עס איז אָנגעקומען אַ צווייטע טעלעגראַמע פון מאָסקווע, וואָס האָט שוין געדראָט מיט אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָנסעקווענצן, אויב די דאָזיקע אָנווייזונג וועט נישט אויסגעפירט ווערן. וואַיקאָוו, דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַרשע, האָט אַליין איבערגעגעבן די דאָזיקע טעלעגראַמע דעם פאַרבינד־לער מיטן צ. ק.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די קאָמוניסטישע דעפּוטאַטן וועלן

נישט שטימען פאַר פּילסודסקין; דאַקעגן די דעפּוטאַטן פון דער פּויערים־פּאַרטיי, פון „סעל־ראַב" און פון דער „הראַמאַדאַ" זאָלן יאָ פאַר אים שטימען. פּילסודסקי האָט אָבער, ווי באַוווסט, צוריקגעצויגן זיין קאַנ־דידאַטור און אַרויסגעשטעלט אויף זיין אָרט דעם פּראָפעסאָר מאָשציצקי. אין דעם פאַל האָבן שוין די קאָמוניסטישע פּויערים־דעפּוטאַטן געשטימט פאַר אַן אייגענעם קאַנדידאַט — דעם ד"ר פידערקעוויטש.

דעם 8טן יוני איז סטאַלין אין זיינער אַ רעדע אין טיפליס שוין אָפן אָנגעפאַלן אויף דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי פאַר איר גראָבן פעלער צו שטימען פאַר פּילסודסקין און בכלל פאַר שטיצן די מאַי־איבערקערעניש. ערנסט טעלמאַן, דער פירער פון די דייטשע קאָמוניסטן, האָט אין אַ לאַנגן אַרטיקל אין דער סאָוועטישער „פּראַוודאַ" געטאָן דאָס זעלביקע.

די פּוילישע קאָמיסיע פון קאָמינטערן אונטערן פאָרזיץ פון זינאָ־וויעוון האָט אָפּגעשאַצט דעם מאַי־פעלער און פעסטגעשטעלט, אַז די פּאַרטיי־ליניע איז, אמת, געווען אַ ריכטיקע און אין הסכם מיט דער 4טער קאָנפערענץ, אָבער שפּעטער האָט די אָנפירונג אַליין פאַרגעסן אָן די ריכ־טיקע באַשלוסן און ווען זי איז געשטעלט געוואָרן פאַרן פאַקט פון דער איבערקערעניש, האָט זי פאַרלוירן דעם קאָפּ און איז באַהערשט געוואָרן פון דעם ענטוזיאַזם פון די מאַסן אין וואַרשע. דעם צ. ק. האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז דאָס איז נישט דער פאַשיזם. ער האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. די פּאַרטיי איז באַהערשט געוואָרן פון דער קליינבירגער־לעכער סטיכיע און איז געשווומען מיטן פאַשיסטישן שטראָם.

מיט אַ רעזאָלוציע פון אַזאַ אינהאַלט וועגן דער ראָל פון דער פּאַר־טיי־אָנפירונג בעת דער מאַי־איבערקערעניש האָבן זיך די צ. ק.־מיטגלי־דער אומגעקערט פון מאָסקווע קיין דאַנציק. אַלע האָבן זיך דערקלערט איינשטימיק מיט אָט דער רעזאָלוציע פון קאָמינטערן און יעדער פון די פּוילישע אָנפירער האָט דעם צווייטן געוואָלט איבערשטייגן אין געטריי־שאַפט צו מאָסקווע.

אין די שפּיצן פון דער פּאַרטיי האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרביסענער קאַמף, וואָס האָט אָנגעהאַלטן יאָרן־לאַנג.

די צוריקגעקומענע דעלעגאַציע פון צ. ק. האָט צונויפגערופן אַ פּלע־

נאָרע זיצונג און עס איז אויף איר פאָרגעקומען אַ לאַנגע און ליידנשאַפט־לעכע דיסקוסיע וועגן „מאַי־פעלער“ אין גייסט פון דער רעזאָלוציע פון דער פּוילישער קאָמיסיע אין מאָסקווע. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט זיך געשפּאָלטן אויף דריי טיילן: אַ שוואַכע מערהייט מיט וואַרסקין און קאָסטזשעווא, אַ לינקע מינדערהייט מיט לענסקין און פידלערן און אַ דריטע קליינע גרופּע מיט סאַכאַצקין, וואָס האָט פאַרנומען אַ מיטעלע פּאָזיציע צווישן די ביידע הויפּט־גרופּעס אָדער פראַקציעס. דער דאָזיקער פּלענום פון צ. ק. איז אַריין אין דער געשיכטע פון דער קאָמפּאַרטיי אונ־טערן נאָמען: „סעפּטעמבער־פּלענום“ און אַרום זיינע רעזאָלוציעס פון דער מערהייט און דער מינדערהייט האָט זיך צעפלאַקערט אַ העפטיקער קאַמף אויף אַלע שטאַפּלען פון פּאַרטיי־אַפּאַראַט, — אַ קאַמף, וואָס האָט זיפּטמאָל אָנגענומען זייער דראַסטישע פאָרמען.

דער שטרייט צווישן די פראַקציעס האָט זיך געפירט אַרום די פראַגן וועגן כאַראַקטער פון דער פּילסודסקי־איבערקערעניש, וועגן דעם, צי די פּילסודסקי־רעגירונג איז אַ קליינבירגערלעכע מיט דער טענדענץ אַריבערצוואַקסן אין אַ פאַשיסטישן רעזשים, אָדער אַז די מאַי־איבערקע־רעניש איז געווען אַ פאַשיסטישע. וואַרסקי און זיין פראַקציע האָבן גע־האַלטן, אַז דער פּילסודסקי־רעזשים איז אַ פאַשיסטישער. אַ קליין קינד, האָט ער געזאָגט, האָט שוין אַלע שטריכן פון אַ קינפטיקן מענטש. שטאַרק איז אין שייכות דערמיט דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע וועגן דער ראָל פון קליינבירגערטום אין דער היינטיקער עפּאָכע. צי איז דאָס קליינביר־גערטום אַ זעלבשטענדיקער פּאָליטישער און סאָציאַלער כוח, אָדער עס קען שפּילן אַ וויכטיקע ראָל נאָר דעמאָלט, ווען עס גייט אָדער אונטער דער העגעמאָניע פון אַרבעטער־קלאַס אָדער פון דער גרויסער בורזשו־אַזיע. ווייטער איז הייס דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע וועגן פּראָבלעם פון צוויי עטאַפּן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע: דעם בירגערלעך־דעמאָ־קראַטישן און פּראָלעטאַרישן; די באַציאונג צום פּויערטום — גיין מיטן גאַנצן דאָרף, דאָס מיינט אויך מיטן קולאַק, קעגן די פּריצים, אָדער בלויז מיט מיטעלע פּויערים און די לאַנד־אַרבעטער קעגן די גרויסע ערד־באַ־זיצערס און די קולאַקן, אָדער רייכע פּויערים; ווי אַזוי פאַרשטיין דעם לאָזונג פון „אַרבעטער־ און פּויערים־רעגירונג“, צי אַלס אויסדרוק פון

ערשטן עטאַפּ פון דער רעוואָלוציע אָדער אַלס סינאָנים פון דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט?

צום ערשטן מאָל איז דעמאָלט פאָרמולירט געוואָרן דער שפּעטער אַזוי טרויעריק באַרימטער לאָזונג פון סאָציאַל־פאַשיזם אויפן אַדרעס פון דער פּ. פּ. ס. און „בונד“. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז זיי זענען סאָציאַל־פאַשיסטישע פּאַרטייען און אין שייכות דערמיט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן די טאַקטיק פון איינהייטס־פראָנט מיט די דאָזיקע פּאַרטייען. אַ גרויסער שטרייט האָט אויך אַרויסגערופן די פראַגע, ווי אַזוי דאַרף אויסגענוצט ווערן דורך די קאָמוניסטן דער פּאַרלאַמענטאַרישער רעזשים בכלל און די רעשטלעך פון דער דעמאָקראַטיע אונטער דער פּילסודסקי־הערשאַפט. אַ גרויסן פּלאַץ אין דער דיסקוסיע האָט פאַרנומען די פראַגע וועגן ווירטשאַפטלעכן אונטערשלאַג פון דער מאַי־איבערקערעניש, וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון פּילסודסקי־רעזשים, און זיין באַציאונג צום ראַטנפאַרבאַנד. אַט אַרום די אַלע פראַגן האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַמערישער קאַמף, וואָס האָט אָנגעהאַלטן יאָרן־לאַנג און אָרגאַניזאַציאָנעל רואינירט די אַזוי אויך שוין גענוג שוואַכע קאָמפּאַרטיי, ווייל דער דאָזיקער קאַמף האָט נישט בלויז געטראָגן אַן אידעאָלאָגישן כאַראַקטער, נאָר גלייכצייטיק אויך אָנגענומען אַ פּערזענלעכן כאַראַקטער. מענטשן, וואָס עס האָט יאָרן־לאַנג פאַרבונדן אַן אינטימע פריינטשאַפט, זענען זיך געוואָרן שונאים און איבערגעריסן צווישן זיך די פּערזענלעכע באַציאונגען.

די דיסקוסיע האָט אין אַ גרויסער מאָס אָנגענומען די פאָרמען פון אַ סכאָלאַסטישן וויכוח. מען האָט דעם קעגנער געכאַפּט פאַר אַ וואָרט, אַריינגעלייגט אין זיין פאָרמולירונג אַן אַנדערן זין און באַדייט. דער שטאַרקערער צד איז געווען אין דער דיסקוסיע דער, וואָס האָט געקענט ברענגען מער ציטאַטן פון לענינען. מען האָט ביים צווייטן צד איבערגעכאַפּט דאָקומענטן, כדי זיי אויסצונוצן פאַר טרייבן רכילות אָדער פאַר מסרן פאַר מאָסקווע, א. ד. גל. מען האָט זיך באַנוצט מיט קאָרופּציע, כדי צו געפינען אָנהענגער צווישן די פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן. איבער אַלץ האָט אָבער ביי ביידע צדדים דאָמינירט די שטרעבונג צו געווינען פאַר זיך די סימפּאַטיעס פון מאָסקווע. יעדער צד האָט געהאַט זיינע פּראָטעקטאָרן

אין קרעמל (אַזוי האָט מען געגלויבט). דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז די פּאַרטיי איז געשפּאָלטן געוואָרן אויף צוויי פייַנטלעכע לאַגערן.

מיט די רעכטע, אָדער מערהייט־פּראַקציע, איז געגאַנגען דער גרעס־טער טייל פון די ראַיאָנע אָרגאַניזאַציעס און פון די פּאַרטיי־פונקציאָנאַרן און דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער אוקראַינישער קאָמפּאַרטיי; מיט דער מינדערהייט — די גרויסע אָרגאַניזאַציעס פון וואַרשע און אויבער־שלעזיע, דער צ. ק. פון דער ווייסרוסישער קאָמפּאַרטיי און די אָנפירונג פון דער יוגנט. אויך די מערהייט פון דער צענטראַלער יידישער סעקציע איז געווען פאַר דער מינדערהייט. מיט דער מינדערהייט האָבן אָנגעפירט מענטשן מיט אַ לאַנגן פּאַרטיי־סטאַזש, ווי לענסקי, פידלער, טאָמאַראָ־וויטש, זאקס, פּאַשין און הענריקאָווסקי (שאול אמסטערדאַם).

לויטן באַשלוס פון קאָמינטערן, האָט דער צ. ק. געדאַרפט צונויפ־רופן אַ פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, דעם פערטן לויט דער ריי זינט דער גרינ־דונג פון דער קאָמפּאַרטיי.

די דיסקוסיע אין דער פּאַרטיי איז טאַקע פאַרגעקומען אונטערן צייכן פון געווינען וואָס מער דעלעגאַטן פאַר יעדן צד. דער צוזאַמענפאָר איז באַשטימט געוואָרן אויף אַפּריל 1927 אין מאָסקווע און איז אָרגאַניזירט געוואָרן אונטער דער קאָנטראָל פון קאָמינטערן.

די קאַמפּן אין דער אוקראַינישער קאָמפּאַרטיי. — סקריפּניק אין דאַנציק

ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, איז אָנגעוואַקסן אין דער או־קראַינישער קאָמפּאַרטיי פון מערב־אוקראַינע אַ שווערער קריזיס, וועגן וועלכן נישט די פּאַרטיי־מיטגלידער און אפילו אויך נישט די אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן האָבן געוווסט. גראַד אין סאַמע מיטן ברען פון די אינערלעכע פראַקציאָנעלע קאַמפּן אין דער פּאַרטיי האָט זיך באַוויזן אין דאַנציק מ. סקריפּניק, דער קאָמיסאַר פאַר פאָלקסבילדונג פון דער כאַרקאָווער רעגירונג און מיטגליד פון פּאָליט־ביוראָ פון דער סאָוועט־אוקראַינישער קאָמפּאַרטיי. דאָס האָט אַרויסגע־רופן אַ גרויסע סענסאַציע. נאָך גרעסער איז געווען די איבערראַשונג ווען

מען האָט זיך דערוווסט, אַז כמעט דער גאַנצער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער מערב־אוקראַינישער קאָמפּאַרטיי איז אין דער אָפּאָזיציע צו דער אָפיציעלער ליניע פון מאָסקווע אין סאָוועט־אוקראַינע, דאָס מיינט אַז ער שטיצט די אָפּאָזיציע פון שומסקין און דעם אוקראַינישן דיכטער כווילע־ווי. סקריפּניקס פּלוצלונגע דערשיינען אין דאַנציק האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט ביי די אוקראַינער אין דאַנציק, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, אַז ער מיט זיין פּערזענלעכן איינפלוס קאָן אין אַ גאַר גרוי־סער מאָס אָפּשוואַכן זייער פּאָזיציע אין דער מערב־אוקראַינישער פּאַרטיי און עווענטועל גורם זיין אַ שפּאַלטונג אין זייערע אייגענע רייען. זיי האָבן אָבער נישט געהאַט קיין עצה און געמוזט צונויפרופן אַ פּלענאַרע זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט.

בעת מיר זענען זיך צונויפגעקומען און סקריפּניק האָט אַרויסגע־צויגן פון זיין לעדערנער טעקע די פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען פון פּאָ־ליט־ביוראָ אין כאַרקאָוו און אונדז באַקענט אין קורצע שטריכן מיט די קאַמפּן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אויפן כאַרקאָווער פּאָליט־ביוראָ און אין צענטראַל־קאָמיטעט צווישן קאַגאַנאָוויטשן און סקריפּניקן, פון איין זייט, און שומסקין, כווילעווין און מאַקסימאָוויטשן פון דער אַנדערער, איז אונדז ממש פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. כדי צו זיין מער איבער־צייגנדיק, האָט ער אונדז געוויזן איין דאָקומענט נאָכן צווייטן. בלויז דאָס לייענען פון די פּראָטאָקאָלן האָט פאַרנומען עטלעכע זיצונגען. דער־נאָך האָט נאָך סקריפּניק אין אַ לאַנגער עקספּאָזע, וואָס האָט געדויערט עטלעכע שעה, אונדז אַלזייטיק באַקענט מיטן גאַנצן ענין. ער איז געווען פון פאַך אַן אַדוואָקאַט און זיין גוט־געבויטער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן דער שומסקיסטישער אָפּאָזיציע, וואָס איז גלייכצייטיק אויך געווען אַ באַשול־דיקונג קעגן מערב־אוקראַינישן צענטראַל־קאָמיטעט, האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון סאָוועט־אוקראַינע קומט פאָר אַ פאַרביסענער קאַמף, וואָס האַלט שוין אַן עטלעכע יאָר. געהייסן האָט דאָס, אַז שומסקי מיט זיין גרופּע (צו וועלכער עס האָבן געהערט אַ סך פון די מערב־אוקראַינישע קאָמוניסטן, וואָס האָבן געלעבט אין כאַרקאָוו) האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן מאָסקווע

און איר רוסיפיקאַטאָרישער פּאָליטיק און קעגן דער שטרעבונג פון מאָסקווע צו פאַרוואַנדלען מזרח־אוקראַינע אין אירס אַ קאָלאָניע. סקריפּ־ניק האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרטיידיקט מאָסקווע און צוליב דעם טאַקע איז ער געקומען קיין דאַנציק. ער האָט שוין געהאַט מיט זיך אַ פאַרטיקע רעזאָלוציע פון קאָמינטערן אין דער דאָזיקער פראַגע.

דער פאַרשטייער פון דער אָפּאָזיציע, מאַקסימאָוויטש, האָט געהאַלטן דעם קאָרעפעראַט (ער איז געווען אין כאַרקאָוו דער דעלעגירטער פון מערב־אוקראַינישן צ. ק.). אין זייער שאַרפע ווערטער האָט ער גע־שטעמפּלט די פּאָליטיק פון מאָסקווע אין סאָוועט־אוקראַינע. מיט ציי־פערן האָט ער באַוויזן, ווי ווייט עס איז שוין אַוועק דער פּראָצעס פון רוסיפיקאַציע אייפן געביט פון בילדונגס־וועזן, אין מלוכהשן און אין פאַרטייאישן אַפּאַראַט. פאַרשטייט זיך, אַז סקריפּניק האָט געבערענגט אַנ־דערע ציפערן. אַלנפאַלס האָט זיך אין דער רעזאָלוציע פון מאָסקווע קלאָר געזאָגט: פּילסודסקי איז אַן אַגענט פון ענגלאַנד און שומסקי — אַן אַגענט פון פּילסודסקין.

אין צענטראַל־קאָמיטעט האָט נאָך לאַנגע דיסקוסיעס סקריפּניק גע־וווּנען פאַר זיין רעזאָלוציע בלויז צוויי מיטגלידער — אַ יידישן אַרבעטער פון דראָהאָביטשער נאַפט־ראַיאָן און מיך. אַלע אַנדערע — איבער 15 מיטגלידער און כמעט דער גאַנצער פאַרטיי־אַפּאַראַט — זענען געווען קעגן סקריפּניקן און פאַר שומסקין.

פאַר דער צערייצטער אַטמאָספער, וואָס עס האָט געהערשט אויף די דאָזיקע זיצונגען, איז כאַראַקטעריסטיש פאָלגנדיקער עפּיזאָד: אין אַ באַשטימטן מאָמענט האָט סקריפּניק אַרויסגענומען פון זיין קעשענע אַ קליינעם רעוואָלווער און זיך אָנגעהויבן מיט אים צו שפּילן. מען האָט דאָס געקענט באַטראַכטן פאַר אַ גאַרנישט זאָגנדיקע זאַך, אָבער די צעהיצטע אוקראַינער מיט מאַקסימאָוויטשן בראש האָבן געמאַכט אַ וויסטן סקאַנ־דאַל: „סקריפּניק וויל אונדז טעראָריזירן", — האָבן זיי געשריגן.

סקריפּניק האָט זיך פאַרטיידיקט, אַז ער האָט דערמיט גאָרנישט גע־מיינט און לסוף האָבן זיך די אוקראַינער באַרואיקט. דער אָרעמער סקריפּ־ניק האָט נאָך דעמאָלט נישט געאַנט, אַז דעם דאָזיקן קליינעם שוואַרצן

ביבליאָטעק ... קדושים פון לודזש ... און אומגעגנט ... ביים לודזשער ...

קעשענע־רעוואָלווער וועט ער אַליין מיט עטלעכע יאָר שפּעטער באַנוצן נישט קעגן די „שומסקיסטן“, נאָר קעגן זיך אַליין.

ווען די שומסקיסטישע אָפּאָזיציע איז שוין געווען ליקווידירט אין סאָוועט־אוקראַינע און אין מערב־אוקראַינע, האָט מען סקריפּניקן אַרויס־גערופן קיין מאָסקווע. מסתמא האָט ער שוין געזען מיט וואָס די רייזע שמעקט און ער האָט זיך דערשאָסן אין זיין האָטעל־צימער.

אויך ער איז שוין מער נישט געווען כשר אין די אויגן פון סטאַלי־נען.

סקריפּניק האָט געהערט צו די ערשטע באָלשעוויקעס אין רוסלאַנד. ער איז געווען אַ מענטש מיט כאַראַקטער, האָט ער אויסגעקליבן דעם ווערדיקן וועג פון באַגיין זעלבסטמאָרד.

צוריקקערנדיק זיך צו דער דאָזיקער סעסיע פון צענטראַל־קאָמיטעט, מוז איך קאָנסטאַטירן, אַז צו יענער צייט האָט נאָך אַלץ געהערשט אין דער קאָמבאַוועגונג אַ שטיקל דעמאָקראַטיע. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט גאָך לאַנגע טעג און נעכט פון דיסקוסיעס אָפּגעוואָרפן סקריפּניקס רעזאָלוציע וועגן אָפּגרעניצן זיך פון שומסקין און עס איז געבליבן, אַז דער גאַנצער ענין גייט אַריבער צום קאָמינטערן. און דאָ איז ווידער כדאי צו באַמערקן, אַז צו יענער צייט האָבן שומסקיס אָנהענגער נישט געהאַט קיין מורא צו פאָרן קיין מאָסקווע, כאָטש זיי האָבן געשטימט קעגן דער רעזאָלוציע פון קאָמינטערן. זענען טאַקע אַלע אָנגעזעענע פירער פון דער אוקראַינישער קאָמפּאַרטיי געפאָרן קיין מאָסקווע. אַזוי ווי גלייכצייטיק האָט געדאַרפט פאָרקומען דער פערטער פאַרטיי־צוזאַמענפאָר פון דער ק. פּ. פּ., זענען זיי שוין אויך געפאָרן אַלס דעלעגאַטן צו דעם דאָזיקן צו־זאַמענפאָר. די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון 6 פּערזאָן: 4 אָנהענגער פון שומסקין און צוויי פון דער רעזאָלוציע פון קאָמינטערן; דאָס מיינט דער יידישער אַרבעטער פון דראָהאָביטש און איך. ביז דער רייזע קיין מאָסקווע איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַזוכן די לאָקאַלע און ראַיאָנע פּאַר־טיי־אָרגאַניזאַציעס אין מערב־אוקראַינע און דאָרט אָוועקשטעלן צו דער דיסקוסיע די פראַגע וועגן „שומסקיזם“. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ מאָדוס, אַז יעדער צד האָט די גלייכע רעכט צו רעפערירן די פראַגע און

עס טאָרן נישט אָפּגעהאַלטן ווערן קיין פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען אָן דעם וויסן און הסכם פון צווייטן צד.

נישט אומעטום האָט מען געקענט צוליב לעגאַלע טעמים צונויפרופן ראַיאָנע קאָנפערענצן און פּאַרטיי־גרופּעס. דאָרט, ווו דאָס איז אָבער יאָ מעגלעך געווען, איז דער רעזולטאַט פון די אָפּשטימונגען נישט געווען קיין גוטער פאַר אונדז, די אָנהענגער פון מאָסקווע. אַלע כמעט אוקראַי־נער האָבן געשטימט פאַר די שומסקיסטן, יידן און פּאָלאַקן קעגן די „שומסקיסטן" און פאַר אונדז.

בלי שום ספק האָבן זיך אַרום שומסקין און זיין פראַקציע גרופּירט אַלע נאַציאָנאַל־געשטימטע אוקראַינער פוןביידע טיילן אוקראַינע און אויך גאָר אַ סך פון די אוקראַינער, וואָס זענען נאָך דער אָקטאָבער־רע־וואָלוציע אַריבער צו די באָלשעוויקעס. גלויבנדיק אין דעם באָלשעוויס־טישן פּראָגראַם בנוגע דער נאַציאָנאַלער פראַגע, דאָס מיינט, אַז סאָוועט־אוקראַינע וועט בילדן אַ גלייכבאַרעכטיקטן טייל אין דעם אַלפאַרבאַנ־דישן ראַט פון די סאָוועט־רעפּובליקן. עס האָבן זיך צו די שומסקיסטן אויך צוגעשאַרט אַ רייע אויסגעשפּראָכענע נאַציאָנאַליסטישע און אַנטי־סעמיטישע עלעמענטן. היינט וואָלט מען שומסקין געקענט באַצייכענען ווי אַ טיטיסט.

דער קאַמף מיט די שומסקיסטן אויפן באָדן פון מערב־אוקראַינע איז נישט געווען קיין לייכטער, ווייל זיי האָבן געהאַט צו זייער דיספּאָ־זיציע כמעט דעם גאַנצן פּאַרטיי־אַפּאַראַט און אויך גרויסע געלט־מיטלען, ווייל כאַרקאָוו, אין דער האָפענונג זיי צו געווינען, האָט נאָך נישט אויפ־געהערט צו שיקן זיינע סובסידיעס.

דער דאָזיקער קריזיס אין דער אוקראַינישער קאָמפּאַרטיי האָט אויך שווער געטראָפן די מערהייט־פראַקציע פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי, ווייל אַלע אוקראַינער דעלעגאַטן צום 4טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר זענען געווען אָנהענגער פון דער מערהייט און די מינדערהייט האָט געוואָלט אויסנוצן דעם מאָמענט, וואָס די אוקראַינער זענען קעגן מאָסקווע, כדי צו פּסלען זייערע מאַנדאַטן, לכל הפחות כדי פּאָליטיש צו קאָמפּראָמע־טירן די רעכטע אין די אויגן פון מאָסקווע. די מערהייט האָט נישט גע־קאָנט רעזיגנירן פון די אוקראַינישע מאַנדאַטן, ווייל פון זייערע שטימען

איז בכלל אָפּהענגיק געווען זייער מערהייט אויפן צוזאַמענפאָר. האָט זיך טאַקע אין שייכות מיטן קריזיס ביי די אוקראַינער זייער שלעכט געפּילט די מערהייט־פראַקציע און אירע אַקציעס אין מאָסקווע זענען געפאַלן.

מיין רייזע פון דאַנציק קיין מערב־אוקראַינע נאָך דער פּלענאַרער זיצונג פון צ. ק. איז געווען פון פּאָליציייאישן שטאַנדפּונקט אַ זייער גע־פערלעכע אונטערנעמונג. תמיד ווען אין אַן אומלעגאַלער פּאַרטיי צע־פּלאַקערט זיך אַן אינערלעכער פראַקציאָנעלער קאַמף, שטעלט דאָס אין אַ גרויסער געפאַר דעם אומלעגאַלן פּאַרטיי־אַפּאַראַט. די דיסציפּלין ווערט אָפּגעשוואַכט, מען קומט זיך צוזאַמען צו אָפט און די זיצונגען אָדער פאַרזאַמלונגען דויערן לענגער ווי געוויינלעך. יעדער צד וויל אויסנוצן אַלע אומלעגאַלע קאָנטאַקטן און פאַרבינדונגען אויסשליסלעך נאָר פאַר זיינע פראַקציאָנעלע צילן און רעכנט זיך שוין ווייניקער מיט די אַלגע־מיינע כּללים פון קאָנספּיראַציע. אין רעזולטאַט האָט די פּאָליציי אַ לייכ־טערע אַרבעט ביים דורכפירן אַרעסטן צווישן די קאָמוניסטן.

דאָס אַלץ האָב איך געפילט, בעת איך בין געפאָרן קיין מערב־אוי־קראַינע, אָדורכצופירן די דיסקוסיע ערב דעם פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

די שומסקיסטן האָבן נישט געהאַט קיין גרויסן אינטערעס אָדורכ־צופירן ראַיאָן־קאָנפערענצן, אַזוי ווי דאָס איז באַשטימט געוואָרן, ווייל זיי האָבן געקענט אַלע אוקראַינער פון דער אָרגאַניזאַציע און געפירט צווישן זיי אַן אינדיווידועלע אויפקלערונגס־אַרבעט.

איך האָב דעריבער באַזוכט בלויז עטלעכע ראַיאָנע קאָנפערענצן, אָבער ווי געזאָגט, האָבן די שומסקיסטן אומעטום געהאַט כמעט אַלעמען אויף זייער זייט. איך האָב זיך דעריבער אין אַ גאַר נישט געהויבענער שטימונג אומגעקערט קיין דאַנציק.

יעדעס מאָל איז דאָס שוואַרצן די גרעניץ צווישן פּוילן און דאַנ־ציק געווען פאַר מיר אַ געפערלעכע זאַך, ווייל עס האָט דאָרט געשווימלט און געגריבלט פון פּוילישע און דאַנציקער געהיים־אַגענטן. איך האָב דע־ריבער שטענדיק געמוזט זיך אַזוי אויפפירן, אַז איך זאָל מיך נישט וואַרפן אין די אויגן.

איך האָב פּראַקטיצירט דאָס שוין צו גוט באַקאַנטע מיטל פון שליסן באַקאַנטשאַפטן אין צוג מיט די פּאַסאַזשירן, וואָס זענען אויך געפאָרן ביז

דאַנציק, באַזונדערס מיט פרויען, און ביים אויסשטייגן פון צוג העלפן זיי טראָגן זייערע באַגאַזשן און במילא זיך געפינען אין זייער געזעל־שאַפט, בעת מען גייט אַדורך די גרעניץ־קאָנטראָל, אָדער זיך מיט זיי געפינען אין רעסטאָראַן־וואַגאָן, בעת דעם פּאַס־קאָנטראָל.

דאָס מאָל איז פאַר מיר באַזונדערס געווען וויכטיק נישט אַריינצו־פאַלן. עס האָט זיך דאָך געהאַנדלט וועגן מאַכן אַ רייזע קיין רוסלאַנד און זיך באַטייליקן אין זיצונגען פון קאָמינטערן און אין פּאַרטיי־צוזאַמענ־פאָר.

אין מאָסקווע ערב דעם 4טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר

אין פעברואַר 1927 בין איך שוין געווען אין דאַנציק. עס האָט גע־קאָכט און געזידט אין די פּאַרטיי־קרייזן ווי אין אַ קעסל. נישט בלויז דערפאַר, וואָס מען האָט זיך געגרייט צום פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, און אין אַ ווייטן וועג אַריין, נאָר ווייל אַלע פראַקציעס האָבן זיך געגרייט צו דער ענדגילטיקער שלאַכט פאַר דער באַהערשונג פון דער פּאַרטיי. די שטי־מונג איז געווען אַ זייער צערייצטע און די אַטמאָספער אַ פאַרפעסטעטע פון רכילות, קאָרופּציע און וואַל־פעלשונגען. די צדדים האָבן געקעמפט צווישן זיך ווי אמתע באַלשעוויקעס און אויך איך בתוכם.

גאַנצע טעג איז מען געזעסן אין רעסטאָראַנען און קאַפעס פון צאָ־פּאָט אָדער אין פּריוואַטע דירות, דאָרט געטריבן רכילות, קאָלפּאָרטירט ריכטיקע און פאַלשע ידיעות פון מאָסקווע און באַאַרבעט די וואַקלדיקע עלעמענטן.

פאַקטיש האָט שוין נישט עקזיסטירט קיין איין פּאַרטיי, נאָר צוויי פּאַרטייען. יעדע פראַקציע האָט געהאַט איר אייגענעם אומלעגאַלן אַפּאַ־ראַט אין לאַנד און אירע באַזונדערע פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד און אירע סעפּאַראַטע פאָנדן. און מאָדנע: מאָסקווע האָט דאָס אַלץ טאָלערירט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער קאָמינטערן איז אפילו פאַראינ־טערעסירט אין דער דאָזיקער צעשפּאַלטנקייט פון זיין פּוילישער סעק־ציע.

אַלע האָבן דעריבער מיט גרויס שפּאַנונג געוואַרט אויפן 4טן צו־

זאַמענפֿאַר. ער האָט געדאַרפֿט ברענגען די ישועה און קאָנסאָלידירן די צעריסענע אויף שטיקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. און דער עיקר, ער, דער קאָמינטערן, האָט לסוף געדאַרפֿט לאָזן הערן, אויף וועלכן צד ער שטעלט זיך, ווען פֿון די ביידע פֿראַקציעס וויל ער ווייטער אָנפֿאַרטרויען די פּאַרטיי־אָנפֿירונג.

עס איז דערביי כדאי אונטערצושטרייכן דעם פֿאַקט, אַז גראָד אין דער דאָזיקער צייט פֿון גרויסער אינערלעכער צעריסנקייט זענען גע־וואַקסן די פּאָליטישע איינפֿלוסן פֿון דער קאָמפּאַרטיי. דאָס האָבן באַוויזן די וואַלן צו די שטאָט־ראַטן און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק בעת די גרויסע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אַקציעס אין וואַרשע און אין אוי־בערשלעזיע. אויך אין פּוילישן דאָרף האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט די פּראָ־קאָמוניסטישע פּויערים־אָרגאַניזאַציעס. דאָס זעלביקע אויך צווישן די אוק־ראַינער און ווייסרוסן.

דאָס מאָל בין איך געפֿאָרן קיין מאָסקווע נישט איבער דייטשלאַנד, נאָר איבער די באַלטישע לענדער, ריגע־מאָסקווע. אין דאַנציקער קאָנסו־לאַט האָב איך אויף מיינס אַ טשעכישן פּאַס באַקומען די נויטיקע טראַנ־זיט־וויזעס — נאָכדעם, ווי איך האָב שוין געהאַט די סאָוועטישע וויזע.

עס האָבן באַדאַרפֿט פֿאָרן אַ גרויסע צאָל דעלעגאַטן, האָט מען אַזוי פֿאַרטיילט די בילעטן, אַז אין יעדן צוג זאָלן זיך געפֿינען בלויז צו עטלע־כע דעלעגאַטן. די רייזע איז געווען אַ זיכערע, מחמת די באַלטישע לענדער האָבן זיך נישט קיין סך געקימערט וועגן די פּאַסאַזשירן וואָס זענען בלויז אַדורכגעפֿאָרן זייערע טעריטאָריעס.

אין ריגע בין איך אָראָפּגעגאַנגען אויפֿן וואָקזאַל שפּעט בייַנאַכט, כדי צו קויפֿן צייטונגען. עס האָט געהערשט אַ גענוג שטאַרקע באַוועגונג פֿון רייזנדע און עס האָט נאָך געשמעקט מיט אייראָפּע.

וואָס נענטער מיר זענען אָנגעקומען צו דער סאָוועטישער גרעניץ, אַלץ שיטערער איז געוואָרן אין די וואַגאָנען. אונדזערע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך געפֿונען צעזייט און צעשפּרייט איבערן צוג, האָבן זיך אָנגעהויבן צו געבן צייכנס, אַז אָט באַלד וועלן מיר שוין זיין ביי דער סאָוועטישער גרעניץ. די קאָנטראָל מצד דעם טראַנזיט־לאַנד ביי דער סאָוועטישער גרעניץ איז געווען אַ זייער לייכטע און נאָך אין וואַגאָן האָט מען

געשטעמפּלט אונדזערע פּאַפּירן. דאָקעגן האָבן די סאָוועטישע גרעניץ־באַאַמטע שטאַרק קאָנטראָלירט די פּאַפּירן און אונדזערע באַגאַזשן. איך האָב מיט זיך געפירט מתנות פאַר פריינט און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן חשד. עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און מען האָט מיר אַלץ צוריקגעגעבן. דאָס זעלביקע האָט אויך פּאַסירט מיט די אַנדערע דעלע־גאַטן פון מיין צוג. זעט אויס, אַז די גרעניץ־מאַכט איז געווען אינפאָר־מירט וועגן אונדזער רייזע. איך האָב געענטפערט אין רוסיש און די אַנ־דערע אין פּויליש אויף די פראַגן, וואָס מען האָט זיי געשטעלט. אָבער, ווי געזאָגט, האָט מען אונדז שוין נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן.

דעם וועג קיין מאָסקווע האָב איך שוין געקענט פון אַמאָל און עס איז געווען פאַר מיר אינטערעסאַנט צו וויסן וואָסערע ענדערונגען מען קאָן איצט באַמערקן פון וואַגאָן־פענצטער.

פאַרשטייט זיך, אַז פון די אַמאָליקע אָפּגעריסענע פּאַסאַזשירן און באַלאַגערטע פון הענדלערס סטאַציעס, ווי דאָס איז געווען אין יאָר 1921, איז שוין איצט קיין שפור נישט געבליבן. די באַן־סטאַציעס זענען געווען ריין און פאַרזען מיט אָרעמע בופעטן, אין וועלכע מען האָט געקענט באַ־קומען פּאַפּיראָסן און עפּעס צו טרינקען. די פּאַסאַזשירן זענען באַשטאַ־נען הויפּטזעכלעך פון באַאַמטע און צווישן זיי זייער אַ קליינער פּראָצענט פּויערן. מען האָט ווייניק צווישן זיך גערעדט.

אָנקומענדיק קיין מאָסקווע, האָט מען אונדז גלייך אָפּגעפירט אין דער געביידע פון קאָמינטערן: יעדן איינציקן באַזאָרגט מיט סאָוועטישע רובלס און מיט אַן אָרט אין אַ האָטעל, אגב אַזאַ באַקוועמער ווי אין די שטעט פון מערב־אייראָפּע.

ווען דער צוזאַמענפאָר וועט זיך אָנהייבן — דאָס איז נאָך נישט געווען באַשטימט, מחמת דאָס אָנקומען פון די דעלעגאַטן האָט זיך גע־צויגן און, צווייטנס, קומט נישט פאַר קיין קאָמוניסטישער צוזאַמענפאָר אויף אַ „ספּאָנטאַנעם" אופן, נאָר ער ווערט גוט צוגעגרייט.

מיר דעלעגאַטן האָבן דעריבער געהאַט גענוג צייט. איך האָב זי אויס־גענוצט, כדי זיך צו זען מיט מיינע אַלטע, גוטע פריינט, סיי פון דער פּאַרטיי־אַרבעט און סיי פון די טורמע־יאָרן, וואָס האָבן זיך שוין זינט אַ לאַנגער צייט געפונען אין מאָסקווע.

אַ טייל פון זיי זענען געפאָרן אין די פּאַרטיי־שולעס, אַנדערע ווי־דער אויף אורלויב און דערווייל דאָרט געאַרבעט אין סאָוועטישן אָדער קאָמוניסטישן פּאַרטיי־אַפּאַראַט. מיר האָבן זיך טאַקע גאָר גיך אויפגעזוכט און שעהן־לאַנג פאַרברענגט צוזאַמען. מיר האָבן זיך געהאַט אַ סך צו דער־ציילן, סיי וועגן פּוילן און סיי וועגן חברים און פריינט. אין די יאָרן 1927 — 1928 האָט נאָך געהערשט אין מאָסקווע אַ געוויסע אַטמאָספער פון פרייהייט. מען האָט זיך נישט געהיט מיט קיין וואָרט און זיך פריי אויסגעדריקט אפילו פון די אָפיציעלע טריבונעס פון קאָמינטערן אָדער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן.

דערפאַר טאַקע האָבן מיינע פריינט גערעדט מיט מיר גאַנץ אָפן וועגן אַלץ און אויך איך האָב דאָס זעלביקע געטאָן. עס איז נאָך דעמאָלט קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז מען קען ליידן „צוליב דער צונג". יאָ, איין זאַך האָט מען שוין דעמאָלט פּראַקטיצירט אין מאָסקווע: מען האָט אַראָפּגענומען פון דער פּאָליטישער אַרבעט אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן די באַשלוסן פון קאָמינטערן, אָדער וואָס האָבן זיך נישט אָפּגעזאָגט ווייטער צו פירן אַ שאַרפן אָפּאָזיציאָנעלן קאַמף, באַנוצנדיק זיך מיט פראַקציאָנעלע מיטלען. אָבער אויך די דאָזיקע פאַר־ביסענע אָפּאָזיציאָנערן האָט מען געגעבן אַרבעט אין סאָוועטישן אַפּאַ־ראַט אין מאָסקווע אָדער אין דער פּראָווינץ. די מענטשן פון דער אָפיציע־לער ליניע האָבן אָבער צוליב דעם נישט איבערגעריסן זייערע פערזענ־לעכע פאַרבינדונגען מיט זייערע פריינט פון דער אָפּאָזיציע. אין די אָפּי־ציעלע פּאַרטיי קרייזן האָט מען נישט שיקאַנירט און אויך נישט באַיקאָ־טירט די אָפּאָזיציאָנערן.

איך דערמאָן זיך פאָלגנדיקן עפּיזאָד פון יענער צייט.

אַרויסגייענדיק פון קאָמינטערן, האָב איך צופעליק געטראָפן אויף דער גאַס דאַמסקין און זאָפּיע אונשליכט. איך האָב אויף זיי געהאַט אַ האַרץ נאָך פון יאָר 1924, ווען זיי האָבן געטרייסלט מיט דער פּאַרטיי און מיך אַלס רעכטן געשיקט קיין בערלין. איך וויל דאָ נישט שלעכט פאַר־שטאַנען ווערן. פערזענלעך האָב איך געהאַט גרויס רעספּעקט פאַר אָט די צוויי אַלטע רעוואָלוציאָנערן און זייער הויך אָפּגעשאַצט זייער אידעאַ־ליזם און קרבנות־גרייטקייט פאַר דער פּאַרטיי, אָבער פּאָליטיש האָבן מיר

זיך שטאַרק אַרומגעריסן. האָב איך נישט אָן אַ געפיל פון אינערלעכער סאַטיספאַקציע זיי אַ פרעג געטאָן: „נו, ווען טראַכט איר זיך אומצוקערן קיין פוילן?״ אויף דעם האָט מיר דאמסקי געענטפערט: „אַזוי לאַנג ווי סטאַלין וועט זיצן אין קרעמל, וועט דאָס נישט פּאַסירן״. און זאַשקע האָט צוגעגעבן: „און כל זמן מיר זענען דאָ, וועלן מיר אַלץ טאָן, כדי צו שטערן דעם אויפבוי פון מלוכה־קאַפּיטאַליזם״...

וואָס עס איז געוואָרן פון די דאָזיקע צוויי מענטשן איז באַקאַנט: זיי זענען אומגעקומען אין סאָוועטישע איזאָלאַטאָרן, אָבער דאָס איז ערשט געשען מיט יאָרן שפּעטער.

איינמאָל אין אַ וואַרעמען זונטיק האָב איך באַזוכט מיינע אַ פריינדין פון לאָדזש, וואָס האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן אַמט אין מאָסקווער פּאַרטיי־אַפּאַראַט. דער באַזוך האָט געטראָגן אַ ריין־פּריוואַטן כאַראַקטער, אָבער גאָר גיך האָט ער אָנגענומען פאַר מיר אַ נישט פאָרויסגעזעענע ווענדונג. צופעליק האָבן זיך גראָד אין דעם זעלביקן זונטיק נאָכמיטאָג ביי איר צונויפגעקליבן אַ רייע אָנגעזעענע טוער פון דער דעמאָלסדיקער זי־נאָוויעוו־אָפּאָזיציע, צווישן זיי אוגלאַנאָוו א״אַ. זיי האָבן זיך נישט זשע־נירט פאַר דעם גאַסט פון פוילן און אויסגערעדט אסור לדבר אויף סטאַ־לינען און זיינע דעמאָלסטיקע פריינט פון בוכאַרינס גרופּע. מען האָט געזונגען סאַטירישע לידלעך, וואָס זענען פאַרפאַסט געוואָרן קעגן די פּי־רער און גאַנץ אָפן גערעדט וועגן אומגליק, וואָס סטאַלין באַדייט פאַרן סאָציאַליזם און דער רעוואָלוציע אין וועלט־מאַסשטאַב. צווישן די געסט זענען אויך געווען הויכגעשטעלטע לייט פון דער ג. פּ. או., וועלכע האָבן זיך נאָך געוואַקלט צווישן דער אָפיציעלער ליניע און דער אָפּאָזיציע.

מיין פריינדין האָט אויך געהערט צו דער אָפּאָזיציע און שפּעטער האָט זי מיר געגעבן אַ שטיקל בילד וועגן די איינפלוסן זייערע אין מאָסקווע, לעגינגראַד און אַנדערע צענטערן פון לאַנד. איך ברענג דאָס אַלץ אַלס באַווייז, אַז צו יענער צייט האָט נאָך עקזיסטירט אַ געוויסע פרייהייט אין דער קאָמפּאַרטיי.

וועגן דער קאָרופּציע, וואָס האָט געהערשט אין מלוכה־אַפּאַראַט, וועגן קאַריעריזם, סערוויליזם און דעמאָראַליזאַציע אויף אַלע שטאַפּלען פון ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט האָבן מיר מיינע פריינט זייער אַ סך דער־

ציילט. אַ טייל האָט וועגן דעם גערעדט מיט גרויס פאַרביטערונג, אָבער זיי האָבן געהאַט דעם גלויבן, אַז דאָס קען זיך ענדערן. אַנדערע האָבן גע־רעדט וועגן דעם מיט רעזיגנאַציע. צוריקפאָרן קיין פוילן האָבן זיי נישט געקענט, צוליב די געריכטלעכע פּראָצעסן, וואָס עס האָט זיי דאָרט דער־וואַרט, אָדער צוליב פאַמיליע־אַנגעלעגנהייטן. געהאַט שוין פרויען און קינדער. האָט מען געפונען אַ קאָמפּראָמיס: מען האָט אַנגענומען אַ פּשוטן רעגירונגס־פּאָסטן און געבליבן אַן אָפיציעלער קאָמוניסט.

די דאָזיקע רעזיגנירטע און פאַרביטערטע האָבן מיך מקנא געווען — איך פאָר צוריק. איך האָב דאָס גאָר גיך פאַרשטאַנען. אַ פּאָליטישער עמיגראַנט האָט שוין אין יענע צייטן נישט געהאַט קיין גרויסע חשיבות אין די אָפיציעלע קרייזן. איך געדענק ווי אַ רייע מיינע פריינט, וואָס האָבן אין פוילן אַלץ אַוועקגעגעבן פאַר דער פאַרטיי, האָבן זיך אין מאָסקווע אַרומגעדרייט ווי איבעריקע מענטשן. די „פוילישע סעקציע" ביים קאָמינ־טערן האָט זיך מיט זיי נישט אינטערעסירט און מיט דער צייט זענען זיי געוואָרן אָפּגעריסן פון דער פוילישער קאַמבאַוועגונג. זיי האָבן געפירט אַ קליינבירגערלעך לעבן פון אַ מלוכה־באַאַמטן און געלעבט מיט די זכרונות פון אַמאָל.

אויף מ׳ר האָט דאָס געמאַכט אַ פיינלעכן איינדרוק און איך האָב זיי געראַטן זיך אומקערן קיין פוילן.

אַ שלעכטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די רויטע אַרמיי, ווייל זי האָט מיך דערמאָנט אָן די אַרמייען פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. איך האָב זי געקענט פון יאָר 1921, ווען אין רוסלאַנד האָט נאָך געהערשט דער קריגס־קאָמוניזם. אין יענע צייטן האָט זי אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי אַ פּראָלעטאַרישע אַרמיי, וואָס איז דער אַוואַנגאַרד פון דער וועלט־רעוואָלוציע. איצטער ווען איך בין געשטאַנען אויף דער גאַס און געזען אַדורכמאַרשירן מיליטערישע אָפּטיילונגען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי זענען ענלעך צו די מיליטערישע אָפּטיילונגען פון וואַרשע. און בעת די רויטאַרמייער האָבן געזונגען די „רויטע פאָן", דאָס אַלטע רעוואָלוציאָ־נערע ליד, וואָס איז אַזוי פּאָפּולער געווען ביי די פוילישע אַרבעטער, האָב איך דערפילט די פּראָפּאַגאַציע, וואָס עס ווערט דאָ באַגאַנגען. סאָלדאַטן מיט די באַגנעטן אויף די ביקסן זינגען דאָס ליד, וואָס איז דער סימבאָל

פון קאַמף קעגן פּאָליציייאישן טעראָר, קעגן מיליטאַריזם און פאַרשקלאַ־פונג.

איך בין בכן אין מאָסקווע אונטערן דרוק פון דער נייער ווירקלעכ־קייט געוואָרן אָפּאָזיציאָנעל געשטימט, אָבער קיין אָפּאָזיציאָנער בין איך נישט געוואָרן. איך האָב נאָך אַלץ געגלויבט, אַז די אָנפּירונג וועט אייב־זען אירע פעלערן און צוריק אַרויף אויפן רעוואָלוציאָנערן וועג. איך האָב וועגן מיינע איינדרוקן געשריבן צו מיין פרוי קיין דאַנציק און די בריוו זענען באַזאָרגט געוואָרן דורכן פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט. מען האָט די דאָ־זיקע בריוו געלייענט און געוועזן אומצופרידן פון זיי, אָבער מען האָט מיר נישט געשטערט צו שרייבן אַזוי ווי איך האָב געהאַלטן פאַר נויטיק. עס האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אַ שטרענגע קאָנטראָל פון בריוו, אָבער מען האָט זיך נאָך נישט באַנוצט מיט רעפּרעסיעס קעגן די מחברים פון בריוו, אין וועלכע מען האָט שאַרף קריטיקירט די רוסישע פאַרהעלטע־נישן. דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרן אין באַצוג צו קאָמוניסטן, בנוגע אַנדערע עלעמענטן, דאָס מיינט, געוועזענע מיטגלידער פון די עסערן, מענשעוויקעס, בונדיסטן, אַנאַרכיסטן, פּועלי ציוניסטן און סתם פרעמדע עלעמענטן, איז די באַציאונג געווען גאָר אַן אַנדערע.

איך האָב זיך אויך נישט געפילט באַגרעניצט אין מיינע באַוועגונ־גען און זיך פראַנק און פריי באַוועגט איבער מאָסקווע. אין אַ הייסן זו־מער־פרימאָרגן, אין אַ זונטיק, בין איך אַוועק אויף אַ פאָלקס־פאַרוויילונג. כדי נישט אַרויסרופן קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט, האָב איך אויך אָנגעטאָן אַ רוסישע „רובאַשקע" (העמדל) און ווי די מאָסקווער האָבן זיך געפירט, פאַרקאַשערט די אַרבל ביז איבערן עלנבויגן. אויף דער דאָזיקער פאָלקס־פאַרוויילונג האָבן זיך געפונען אַ סך אַרבעטער מיט זייערע פרויען און קינדער. זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט עסן און זיך אויסגעזעצט ביי לאַנגע טישן מיט בענק און יעדע פאַמיליע האָט באַשטעלט אַ סאַמאָ־וואַר. דער פרייז איז געווען דעמאָלט פאַר אַזאַ סאַמאָוואַר הייס וואַסער אַ רובל. אויפן פּלאַץ זענען פאָרגעקומען פאַרשיידענע פאָלקס־שפּילן און דער עולם האָט גוט פאַרברענגט. ווען נישט די ריזיקע לייוונט־אויפ־שריפטן, וואָס האָבן געהאָנגען, ווען נישט די פאַרשיידענע לאָזונגען, מיט וועלכע עס זענען געווען באַצירט די קיאָסקן, וואָלט מען געקאָנט האָבן

דעם איינדרוק, אַז מען געפינט זיך אויף אַ פּאַרוויילונגס־פּלאַץ אין אַן אַרבעטער־קוואַרטאַל פון אַ גרויסער שטאָט אין אייראָפּע. מיט דעם אונטערשייד, וואָס די אַרבעטער דאָרט מיט זייערע פרויען און קינדער זענען געווען בעסער אָנגעטאָן און אויך געגעסן בעסער, ווייל דער הויפּט־מאכל ביים בופעט איז געווען זיס־זויערע אוגערקעס, ווורשט, פלעצלעך און שיטער ביר אָדער אַ סאַמאָוואַר. פרוכטן און זיסיקייטן זענען געווען זייער טייער.

איך האָב מיך צוגעזעצט צו אַ לאַנגן טיש, באַשטעלט אַ סאַמאָוואַר, כאָטש די היץ איז געווען גרויס און אָנגעקניפּט אַ געשפּרעך מיט אַ פרוי, וואָס איז אַליין געזעסן ביי איר סאַמאָוואַר. ווי יעדע פרוי אין אַזאַ פאַל, איז זי פון אָנהויב געווען זייער צוריקגעהאַלטן, אָבער ווען איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין נישט קיין מאָסקווער, נאָר קום בלויז אויף עטלעכע טעג פון ווייסרוסלאַנד, איז זי געוואָרן צוגעלאָזענער. איבעריקנס, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי האָט גלייך באַמערקט, אַז איך רעד נישט מיטן מאָסקווער אַקצענט.

מיר האָבן לאַנג צווישן זיך גערעדט און אַרויף אויף דער אַקטועלער טעמע וועגן דער אָפּאָזיציע. די דאָזיקע מאָסקווער אַרבעטערין האָט מיר אין אַ מאָמענט דערקלערט, אַז אַלץ וואָלט ביי אונדז געווען בעסער, ווען נישט די יידן, און זי האָט צוגעגעבן: די אָפּאָזיציע באַשטייט פון יידן. אויך אין איר פאַבריק טראַכט מען אַזוי. און זי האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אין דער פאַבריק, וווּ עס אַרבעט איר שוואָגער, האָט מען נישט געלאָזט רעדן ראַדעקן, בעת ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן צ. ק. פון דער פּאַרטיי. אויף מיין פראַגע, פון וואַנען ווייסן די אַרבעטער, אַז ראַדעק איז אַ ייד, האָט זי געענטפערט, אַז דער סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי־„יאַטשעיקאַ” ווייס וואָס ער רעדט. די דאָזיקע אַרבעטערין איז געווען איבערצייגט, אַז די אינערלעכע לאַגע אויפן ווירטשאַפטלעכן פראָנט איז שוין געוואָרן לייכטער און וועט ווערן נאָך אַ סך בעסער.

איך האָב וועגן דעם צופעליקן געשפּרעך שפּעטער איבערגעגעבן מיינע פריינט און זיי האָבן געהאַלטן, אַז די דאָזיקע אַרבעטערין איז נישט קיין פאַראיינצלטער פאַל. סטאַלין האָט זיך שוין דעמאָלט אין דער שטיל

באַנוצט מיטן אַנטיסעמיטישן אַרגומענט אין קאַמף קעגן דער אָפּאָזיציע. ער האָט עס אָבער נאָך געמאַכט געניוג פאָרזיכטיק.

נאָך אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד האָב איך איבערגעלעבט.

אין מאָסקווע זענען אַ סך וועשערייען געלעגן אין די הענט פון כינעזערס. זיי האָבן שוין קאָנטיק פון לאַנג געוווינט אין מאָסקווע און גערעדט אַ פּליסיקן רוסיש. אין אַזאַ וועשעריי האָב איך געגעבן מיינע וועש צו וואַשן. אייניקע זאַכן מיינע האָט מען אָבער געדאַרפט רעפּערירן, האָב איך געפרעגט בייִם כינעזער, צי מען וואָלט דאָס נישט געקאָנט טאָן אין זיין וועשעריי. אויף דעם האָט ער מיר געגעבן אַן אַדרעס, וווהין איך זאָל מיך ווענדן. איך בין דאָרט אַוועק. עס איז שוין געווען אין אַ שפּעטער נאָכמיטאָג־שעה. אַן אַלט הויז, מיט שווערע טרעפּ. כ'האָב מיך דערשלאָגן צו דער וווינונג. בעת איך האָב אָנגעקלאַפּט, האָט מיר געעפנט אַן עלטערע פרוי מיט אַ צעקנייטשט פּנים און געציילטע ציין אין מויל און אין אַ גרויען שאַל אויפן קאָפּ.

זי האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסן צימער, אין וועלכן עס זענען געזעסן אַרום אַ לאַנגן טיש מענער און פרויען פון פאַרשיידענעם עלטער ביי אָפענע ספרים. די דאָזיקע סצענע האָט מיך אַביסל איבערראַשט די פרוי האָט מיך גאַנץ רואיק געפרעגט, אויף ווען איך דאַרף האָבן די וועש? זי האָט מיר געהייסן קומען אין עטלעכע טעג אַרום און ביי מיר צוגענומען דאָס פּעקל וועש. אויס נייגעריקייט האָב איך זי אַ פרעג געטאָן, וואָסערע לעקציעס קומען דאָ ביי איר פאָר? זי האָט מיר פשוט או רואיק געענטפערט: מיר אַלע דאָ געהערן צו דער סעקטע ביבל־פאָרשער און יעדן מיטוואָך נאָכמיטאג קומט מען זיך צונויף ביי אַן אַנדער מיטגליד פון דער סעקטע. אין פלוג האָב איך פאַרגעסן, אַז איך געפין זיך אין מאָסקווע און זי נישט אַ פרעג געטאָן, צי זי האָט נישט קיין מורא פאַר אַזעלכע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען, נאָר בין אַריין מיט איר אין אַ געשפּרעך וועגן די ביבל־פאָרשער. אין פּוילן און אין דייטשלאַנד האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף די ביבל־פאָרשער און געווען אַביסל באַהאַוונט מיט זייערע אָנשויאונגען.

עס האָט זיך צווישן אונדז אַנטוויקלט אַ געשפּרעך וועגן זייער לערע און וועגן רוסישן רעזשים. די דאָזיקע פרוי האָט אין שאַרפע ווער־

מער, גאָרנישט רעכענענדיק זיך מיט דעם, וואָס עס שטייט פאַר איר אַ גאַנץ פרעמדער מענטש, גערעדט וועגן „אַנטיכריסט און דער הערשאַפט פון שלעכטס" אין רוסלאַנד. איך האָב, פאַרשטייט זיך, נישט מסכים גע־ווען מיט איר. כדי איר דאָך אָנטאָן אַ שטיקל פאַרגעניגן, האָב איך איר איבערגעגעבן, אַז אין אַ לאָדזשער טורמע בין איך געזעסן צוזאַמען מיט אַ טעקסטיל־אַרבעטער, וואָס האָט אויך געהערט צו די ביבל־פאָרשער און ער האָט זיך זייער גוט אויפגעפירט אין טורמע. איך האָב איר אויך דער־ציילט, אַז אין דייטשלאַנד זענען פאַראַן ביבל־פאָרשער, וואָס גיבן אפילו אַרויס אַן אייגענע צייטשריפט. די פרוי איז, קענטיק, געווען צופרידן פון מיין באַזוך, ווייל ביים געזעגענען זיך האָט זי צו מיר געזאָגט, אַז דאָס צווייטע מאָל וועלן מיר נאָך מער שמועסן וועגן די אַלע זאַכן.

איך וויל ברענגען נאָך אַן עפּיזאָד, וואָס באַשטעטיקט, אַז צו יענער צייט איז סאָוועט־רוסלאַנד נאָך נישט געווען אין גאַנצן גלייכגעשאַל־טעט.

מען האָט נישט שלעכט געגעסן אין די רעסטאָראַנען און פאַר אַ סך געלט האָט מען אַלץ געקענט באַקומען. אין די מלוכהשע קראָמען האָבן זיך געפונען אַ סך פּראָדוקטן. ווען מען האָט אָבער געוואָלט גוט אָפּעסן, אויף אַן אַלטן און היימישן אופן, איז מען אַוועק אויפן אַרבאַט (אַ קוואַר־טאַל אין מאָסקווע), וווּ עס האָבן זיך געפונען יידישע רעסטאָראַנען. דעם אַדרעס פון אַ יידישן רעסטאָראַן האָבן מיר געגעבן מיינע יידישע פריינט. און באמת, איך בין אַריין אין אַ רעסטאָראַן, וואָס האָט אויבנאויפיק גע־מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פּריוואַטער דירה, אָבער ווען מען איז אין איר אַריין, איז דאָס געווען אַן אמתער רעסטאָראַן מיט אַ בופעט, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען געשמאַקע יידישע מאכלים און נאָך אים עטלעכע צימערן סערווירט פאַר די געסט. שוואַרצע באַחנטע יידישע מייד־לעך האָבן דערלאַנגט צום טיש און דאָס עסן איז געווען כשר. צווישן די געסט האָט מען באַמערקט פאַרשיידענע עלעמענטן: סוחרים, באַאַמטע און קאָמוניסטישע טוער, ווייל פּונקט אַזוי ווי איך בין דאָרט געגאַנגען איב־קאָגניטאָ, אַזוי האָבן דאָס געטאָן אויך אַנדערע דעלעגאַטן צום 4טן פאַר־טיי־צוזאַמענפאָר.

קיין שטראָף דערפאַר וואָלטן מיר נישט באַקומען, אָבער עס האָט

נישט געפּאַסט פאַר קאָמוניסטישע טוער אויפצוזוכן אין מאָסקווע אַ יידישן כשרן רעסטאָראַן.

די באַלעבאַטים פון רעסטאָראַן האָבן געמאַכט גאַנץ גוטע געשעפטן, ווייל מענטשן האָבן געוואַרט אויף אַ פרייען פּלאַץ. אויך שבת האָט מען געקאָנט דאָרט עסן, אָבער מען האָט געדאַרפט פרייטיק באַצאָלן פאַרן מאָלצייט.

נאָך עטלעכע טעג בין איך שוין דאָרט געוואָרן אַ שטיקל איינגייער. קיין גרויסן צוטרוי האָט מען דאָך דאָרט צו מיר נישט געהאַט. געהערט געקומען פון פּוילן, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַ „קאָמוניסטל״, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט.

די באַלעבאַטים האָבן געמעגט פירן דעם רעסטאָראַן אין הסכם מיטן דעקרעט וועגן „פּריוואַטן סעקטאָר״. יידן האָבן דאָרט צווישן זיך גע־רעדט וועגן קרובים אין אויסלאַנד און וועגן עמיגראַציע־מעגלעכקייטן. דעמאָלט האָט מען נאָך געקענט, כאָטש אויף אַ זייער באַשווערטן אופן, פאַרלאָזן רוסלאַנד.

איך האָב זיך אויך ביי מיינע חברים באַקענט מיט יונגע רוסישע פרויען־אינטעליגענטקעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין סאָוועטישן פאַרלאַג־וועזן אָדער אויפן שול־געביט. צווישן די דאָזיקע פרויען האָט נישט גע־הערשט קיין גרויסער אינטערעס פאַר פּאָליטיק. אין די לאַנגע דיסקוסיעס מיט זיי האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַ טייל פון זיי האָט פאַרהערלעכט יעסענינען און פאַרטיידיקט זיין האַנדלונג (ער איז באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד). אַנדערע האָבן געלעבט מיט די רוסישע קלאַסיקער. בכלל האָט געהערשט ביי זיי אַ מידקייט און דעפּרעסיע־שטימונג. מיטן גרעסטן אינ־טערעס האָבן זיי זיך צוגעהערט צו דעם אַלעמען, וואָס איך האָב זיי דער־ציילט וועגן לעבן אין פּוילן, דייטשלאַנד און באַזונדערס וועגן פּאַריז. זיי האָבן פאַר מיר מער ווי איינמאָל אויסגעדריקט דעם הייסן פאַרלאַנג צו פאַרלאָזן רוסלאַנד און לעבן אַ געוויסע צייט אין אויסלאַנד. דאָס זענען געווען אינטעליגענטע און צאַרטע רוסישע פרויען.

פאָרן קיין אויסלאַנד — דאָס איז דעמאָלט געווען אַ פאַנטאַזיע פאַר אַ רוסישער פרוי. נאָר פרויען פון רוסישע באַאַמטע, וואָס ווערן געשיקט קיין אויסלאַנד, אָדער פרויען אַלס באַאַמטע אויף סאָוועטישע „פּלאַצוור־

קעס" אין אויסלאַנד, אָדער אַלס וויסנשאַפטלעכע אַרבעטערינס פאַר שטודיע־צוועקן, האָבן געקאָנט פאָרן קיין אויסלאַנד. אָט די אַלע קוואַלי־פיקאַציעס האָבן זיי נישט געהאַט.

עס וואָלט אָבער פאַלש געווען צו מיינען, אַז דעמאָלט האָט נאָך נישט געהערשט קיין פּאָליצייאישער רעזשים.

בעת איך האָב אַמאָל מיט מיינעם אַ חבר אַ לענגערע צייט שפּאַ־צירט הין און צוריק איבער דער גאַס, ווו עס האָט זיך געפונען דער בנין פון קאָמינטערן, פאַרטיפט אין אַ פּאָליטישן געשפּרעך, גיט זיך מיין פריינט פלוצלונג אַ רוף אָן: „דו זעסט דאָרט אין ראָג דעם יונגנמאַן? אָט דאָס איז איינער פון די „דריי אותיות־לעך" (ג. פּ. או.־אַגענט). מיר דרייען זיך שוין דאָ איף דער גאַס צו לאַנג און ער אָבסערווירט אונדז".

שפּעטער אַביסל זענען מיר אַראָפּ פון דער גאַס.

— עס איז נישט אַנגענעם זיך צו געפינען אונטער אָבסערוואַציע, זאָל זיין אפילו פון דער אייגענער ג. פּ. או., — האָב איך געזאָגט צו מיין חבר.

אין דעם האָטעל, ווו איך האָב געוווינט, אין דער ערשטער צייט, בין איך אויך געשטאַנען אונטער אַ פּאָליצייאישער אָבסערוואַציע. נישט פון דער מונדירטער פּאָליציי, נאָר פון די האָטעל־אָנגעשטעלטע און פון די צימער־דינערס און דינערינס. אַלס אַלטער טורמע־זיצער האָב איך באַ־מערקט, אַז אימיצער שטעקט אָפט אַריין זיינע הענט אין מיינע זאַכן, כאָטש פון מיין באַגאַזש איז מיר גאָרנישט אַוועקגענומען. אָט די פּאָלי־צייאישע קאָנטראָל האָט נישט געשטערט, אַז מיר זאָלן זיך צונויפקומען אין האָטעל־צימער פון קאָסטזשעווא און דאָרט אָפּהאַלטן שעהן־לאַנגע פּראַקטיאָנעלע זיצונגען.

דער 4טער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר

עטלעכע וואָכן האָב איך זיך אַזוי אַרומגעדרייט אין מאָסקווע ביזן 4טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. סוף אַפּריל 1927 זענען שוין אַלע דעלעגאַטן געווען אויפן אָרט און מען איז צוגעטראָטן צום צוזאַמענפאָר. ער איז נישט פאָרגעקומען אין מאָסקווע גופא, נאָר אַ פּאָר צענדליק קילאָמעטער

הינטער מאָסקווע אין אַ קליינער אָרטשאַפט, אין אַ געביידע פון דער ג. פּ. או. אָבער איידער איך באַריר דעם דאָזיקן צוזאַמענפאַר, וויל איך נאָך איבערגעבן מיינע איינדריקן וועגן 1טן מאַי אין מאָסקווע.

איך האָב אין מיין לעבן אַ סך מאָל איבערגעלעבט אַן ערשטע־מאַי־פייערונג. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אין פּוילן אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, די אומלעגאַלע מאַי־דעמאָנסטראַציע פון „בונד" און שפּעטער אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, די מאַי־פייערונגען אין בערלין, אין פראַנקרייך, אָבער אַזאַ פייערונג האָב איך נאָך נישט געזען. די מאָסקווער פייערונג האָט מיך איבערראַשט סיי מיט איר צאָל באַטייליקטע און סיי מיט איר גאָר באַזונדערן כאַראַקטער.

מיר, אויסלענדישע דעלעגאַטן, האָבן באַקומען זייער גוטע פּלעצער אויף דער טריבונע נישט ווייט פון די פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער רעגירונג און פון פּרעזידיום פון קאָמינטערן, אַזוי אַז איך האָב געקענט אָבסערווירן דעם גאַנצן פאַרלויף פון דער פייערונג פון דער הייך פון לע־נינס מאַוזאָלעאום.

צוערשט איז אַריינגעפאָרן, ממש אַריינגעפלויגן, אויפן „רויטן פּלאַץ" דער מאַרשאַל וואָראָשילאָוו אויף אַ ווייס פערד, אין אַ פּרעכטיקן מיליטערישן מונדיר און אין ווייסע הענטשקעס. אַ מעכטיקער הורא פון די פאַרזאַמלטע באַגלייט אים ביזן מיטן פּלאַץ. עס הייבן אָן צו דעפּילירן די פאַרשיידנסטע מיליטערישע אָפּטיילונגען. לויט זייער געווער, וואָס זיי רעפּרעזענטירן. נאָך זיי שטראָמען אַרבעטער־מאַסן. לויט זייערע פאַבריקן און קוואַרטאַלן מיט פאַרשיידענע אויפשריפטן און לאָזונגען. די אַרבעטער זענען פריילעך געשטימט און פאַרהילכן די לופט מיט אַרבעטער־ און רוסישע פאָלקס־לידער. נאָך זיי קומען די שולן און פאַרשיידענע קולטור־אָרגאַניזאַציעס מיט זייערע שטאַבן פון אָנגעשטעלטע. ווידער גע־זאַנג און מוזיק פון די בלאָז־אָרקעסטערס. נאָך זיי מאַרשירט אַן עולם פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן מיט אויפשריפטן אין זייערע אייגע־נע שפּראַכן. איבער דער ריזיקער מענטשן־מאַסע, וואָס שטראָמט אָן אויפ־הער און דעפּילירט פאַרביי פאַר דער טריבונע, באַווייזן זיך גאַנצע עסקאַ־דרילעס־אַוויאָנען, וואָס פירן אויס איבער אונדזערע קעפּ פאַרשיידענע אַקראָבאַטישע שטיק.

אין נאָמען פון דער מאָסקווער רעגירונג און פון קאָמינטערן ווערן געהאַלטן די מאַר־רעדעס אין גייסט פון די לאָזונגען, וואָס זענען שוין פריער געווען פאַרעפנטלעכט אין דער סאָוועטישער „פּראַוודאַ“. אַזוי דויערט עס לאַנגע שעהן אויף דעם ריזיקן פּלאַץ אַרום דעם קרעמל מיט זיינע אַלטע טונקל־רויטע געצאַקטע קרעמל־מויערן און די פּרעכטיקע צערקוועס, וואָס שטייען איצט שטום אין אַ בלענדנדיקער פרילינג־זון.

אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אויף דער טריבונע האָט אַרויסגערופן די אַביסל שוין געבויגענע פיגור פון לעוו טראָצקי, וואָס איז פאַרבייגע־גאַנגען דער טריבונע ווי אַ פּשוטער דעמאָנסטראַנט. דאַקעגן האָט מען דערציילט, אַז די אָפּאָזיציאָנערן האָבן פּרובירט אַרויסצוהענגען רויטע פענער אויף עטלעכע געביידעס אין מאָסקווע און די מיליץ האָט זיי אין דעם געשטערט.

דער איינדרוק איז געווען, אַז דאָס פאָלק האָט זיך באמת געפּרייט מיטן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַרישן יום־טוב.

לאָמיר זיך אומקערן צום פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

פאַר די דעלעגאַטן און געסט זענען איינגעאָרדנט געוואָרן געמיינ־זאַמע שלאָפצימערן, אַ קיך און ביבליאָטעק.

עס איז געווען פרילינג און אַלץ אַרום האָט שוין געבליט. מיט קאָ־מיאָנען פון דער ג. פּ. או. האָט מען אונדז דאָרט אָפּגעפירט און שטרענג אונדז אָנגעזאָגט, אַז קיינער טאָר נישט אויף אייגענער האַנט, אָן דערלויּ־בעניש פון פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט, פאָרן קיין מאָסקווע. עס האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק, אַז מיר געפינען זיך עפּעס אין אַ פּענסיאָן, אָדער אין אַן אָפּרו־הויז פאַר אַרבעטער.

געוויינלעך דאַרף אַ צוזאַמענפאָר דויערן עטלעכע טעג. אָבער דאָס מאָל איז עס געווען אַנדערש. עס האָט געדויערט עטלעכע טעג ביז מען האָט געעפנט דעם צוזאַמענפאָר און ער האָט זיך שפּעטער געשלעפּט עט־לעכע חדשים צייט.

צו דער דערעפענונג זענען געקומען אַ סך אָפיציעלע פאַרשטייער. פון דער סאָוועטישער קאָמפּאַרטיי — בוכאַרין, פון קאָמינטערן — מאַנו־אילסקי און קוזינען, פון דער דייטשער קאָמפּאַרטיי — רעמעלע, פון דער

טשעכאָסלאָוואַקישער — סמעראל, פון דער איטאַליענישער — ערקאָלי (טאָגליאַטי) און פון דער פוילישער סעקציע אין מאָסקווע: פעליקס קאָן, אונשליכט, זאָפיע דזשערזשינסקא און נאָך אַנדערע פון דער פוילישער עמיגראַציע. געעפנט דעם צוזאַמענפאָר האָט ס. פּרוכניאַק און בעת דער באַגריסונג פון אונשליכטן, וואָס האָט זיך באַוויזן אויף דער רעדנער־טריבונע אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם, איז עס געקומען צו אַ שטיקל סקאַנדאַל, ווייל די מערהייטלער האָבן אים פיינט געהאַט צוליב זיינע סימפּאַטיעס פאַר דער מינדערהייט. בכלל איז די שטימונג געווען זייער אַ גערייצטע אויפן צוזאַמענפאָר. איין פראַקציע האָט באַיקאָטירט די אַנדערע. מען האָט געגעסן ביי באַזונדערע טישן און גרופּירט זיך באַזונדער. צו דער דאָזיקער צערייצטקייט איז נאָך צוגעקומען דאָס געפיל פון אומזיכערקייט. קיינער פון די צדדים האָט נאָך אַלץ נישט געוווּסט, ווער עס וועט אַרויס אַלס זיגער, ד״ה ווער וועט באַקומען די ממשלה איבער דער פאַרטיי, וואָרום אַלץ איז אָפּהענגיק געווען פון מאָסקווע, פון אירס אַ באַשלוס. ביידע צדדים האָבן דעריבער אַלץ געטאָן, כדי געפעלן צו ווערן מאָסקווע.

עס האָט געמאַכט אַ פּיינלעכן איינדרוק, בעת אַלע פירער פון ביידע פראַקציעס האָבן הייס אַפּלאָדירט בוכאַרינס באַגריסונג־וואָרט, כאָטש עס איז געווען גוט באַקאַנט, אַז אַ טייל פון די פירער פון דער מינדערהייט איז געשטאַנען אין אַ נאָענטער פאַרבינדונג (אידעאישער און אָרגאַניזאַציאָנעלער) מיט דער זינאָוויעוויסטישער אָפּאָזיציע. עס איז געווען טאָפּלט פּיינלעך, ווען סיי די מינדערהייט און סיי די מערהייט האָבן נישט געוואָלט צולאָזן צום צוזאַמענפאָר דאָמסקין און זאָפיע אונשליכט. די דאָזיקע קריכערישע און סערווילי סטישע פּאָליטיק בנוגע דעם סאָוועטישן פּאָליטביוראָ האָבן געפירט ביידע פראַקציעס. דער קרעמל האָט דאָס געזען און טאָלערירט. נאָך מער, עס איז געלעגן אין זיין אינטערעס, אַז די פראַקציאָנעלע קאַמפן אין דער פוילישער פאַרטיי זאָלן אָנהאַלטן און אַז קיינער פון די צדדים זאָל אין דעם איצטיקן מאָמענט נישט באַקומען די אויבערהאַנט איבערן צווייטן צד.

פאַרוואָס? דער קאַמף אין דער רוסישער קאָמפּאַרטיי האָט זיך געפירט אַרום דער כינעזישער פראַגע. עס איז געווען דער מאָמענט, ווען

סטאַלינס און בוכאַרינס אָריענטאַציע אויפן „גאָמינדאַן" און טשאַנג־קאַי־שעקן האָט באַנקראָטירט. דעם קאָמינטערן האָט מען שוין נישט גע־האָט צונויפגערופן עטלעכע יאָר, כאָטש אַמאָל פלעגט ער פאָרקומען יע־דעס יאָר. סטאַלין האָט נישט געוואָלט דערלאָזן דערצו, אַז די רוסישע אָפּאָזיציע זאָל באַאײנפלוסן די אויסלענדישע קאָמוניסטן, דער סטאַלין־בוכאַרין־בלאָק האָט זיך געפונען אין אַ שווערער לאַגע בנוגע דער פוי־לישער סעקציע פון קאָמינטערן. ביידע פראַקציעס זענען געווען פאַרן סטאַלין־בוכאַרין־בלאָק און האָבן אין ספּעציעלע רעזאָלוציעס פאַראור־טיילט די אָפּאָזיציע, טאָ ווי קען מען באַזייטיקן פון דער אָנפירונג איין צד, אָדער איין צד געבן די מערהייט אין דער פּאַרטיי?

אַ חוץ דעם איז נאָך דער קאַמף אין דער רוסישער פּאַרטיי גופא נישט געווען אָפּגעשלאָסן. אמת, די לינקע אָפּאָזיציע איז שוין געווען פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל ליקווידירט. דאָס האָט נאָך נישט באַ־דייט דער ענדגילטיקער זיג פון דער סטאַליניסטישער פראַקציע. זי האָט נאָך געדאַרפט שפּעטער ליקווידירן אויך בוכאַרינען, ריקאָוון און אַנדערע. האָט דער קאָמינטערן געפונען אַן אויסוועג: באַשטימען אַ צענטראַל־קאָ־מיטעט אויף פּאַריטעטע יסודות, ד"ה קיין איינער פון די צעקריגטע צדדים וועט נישט זיין דער באַלעבאָס פון דער פּאַרטיי, דאַקעגן באַשטי־מען צוויי מיטגלידער פון אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן אין פּוילישן צענטראַל־קאָמיטעט (מאַנואילסקין און קוזינען), וואָס זאָלן זאָרגן דערפאַר, אַז דער דאָזיקער פּאַריטעט זאָל אָפּגעהיט ווערן און אַז איין צד זאָל נישט באַעוולהן דעם צווייטן און עס זאָל דערפירט ווערן צו אַ קאָנסאָ־לידאַציע פון דער צעריסענער פּאַרטיי־אָנפירונג. פאַקטיש אָבער האָט זיך די פּאַרטיי־אָנפירונג פון איצט אָן געפונען אין די הענט פון די דאָזיקע צוויי דיגניטאַרן.

דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר האָט זיך פאַקטיש אַזוי אַרום פאַר־וואַנדלט אין אַ פאַרס. מיר האָבן געוווסט, אַז קיין שום באַשלוס פון דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר האָט נישט קיין שום ווערט, און אַז אַלץ ווערט שוין פון פאָרויס באַשטימט פון אויבן דורכן סאָוועטישן פּאָליטביוראָ. די דיסקוסיעס אויפן צוזאַמענפאָר זענען געווען ווערטלאָזע און עס איז דער־גאַנגען צו אַזאַ קוריאָז, אַז ווען אַ מערהייטלעכער האָט גערעדט, האָבי

די מינדערהייטלער פאַרלאָזט דעם זיצונגס־זאַל און פאַרקערט. היות ווי דער קאָמינטערן האָט נאָך נישט געהאַט קיין באַשלוס וועגן דער פּאַר־טיי־אָנפירונג, האָט במילא דער צוזאַמענפאָר נישט געקענט זיך פאַרענ־דיקן, ווי דאָס איז אַלגעמיין אָנגענומען, אין עטלעכע טעג. אויפלייזן האָט מען אים אויך נישט געקענט, האָט ער זיך געשלעפּט חדשים־לאַנג. איינ־מאָל אָדער צוויי מאָל אין וואָך איז זיך צונויפגעקומען דער צוזאַמענפאָר, געפירט אַ דיסקוסיע איבער אַ באַשטימטער פראַגע און ער איז ווידער איבערגעריסן געוואָרן.

בוכאַרין, סמעראַל און אַנדערע פאָרשטייער פון קאָמינטערן פלעגן אָפט אונדז באַזוכן און פירן מיט אונדז פּריוואַטע געשפּרעכן וועגן דער לאַגע אין פּוילן און זיך אומקערן קיין מאָסקווע.

וואָס שייך די רעזאָלוציעס וועגן דער לאַגע אין פּוילן און די אויפ־גאַבן פון דער פּאַרטיי, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט געדאַרפט אָננעמען, האָט דער קאָמינטערן אויך געפונען אַן אויסוועג: מאַנואילסקי און בוכאַ־רין האָבן גענומען שטיקער גאַנצע פוןביידע רעזאָלוציעס, וואָס די מער־הייט און די מינדערהייט האָבן אַזוי ליידנשאַפטלעך פאַרטיידיקט, און פון זיי געמאַכט איין רעזאָלוציע. פאַריטעט איז פאַריטעט. דער סך הכל איז געווען, אַז קיין איין צד איז נישט געווען צופרידן מיט די רעזולטאַטן פון צוזאַמענפאָר און דער קריזיס אין דער פּאַרטיי האָט ווייטער אָנגע־האַלטן.

פאַר אונדז דעלעגאַטן פון מערב־אוקראַינע איז נאָך געבליבן צו דערליידיקן די פראַגע „שומסקיזם" אין הסכם מיטן באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפן דאַנציקער פּלענום פון צענטראַל־קאָמיטעט מיט דער באַטייליקונג פון סקריפּניקן.

עס איז צונויפגערופן געוואָרן אַ זיצונג פון עקזעקוטיוו פון קאָמינ־טערן מיט דער באַטייליקונג פון פּיאַטניצקי, לאָזאָווסקי, סקריפּניק, רע־מעלע, ערקאָלי, סמעראַל, פּייפּער, ראָיא (פון אינדיע); פון פּוילן: פּרוכ־ניאַק, לענסקי און די מערב־אוקראַינישע דעלעגאַציע. אַוועקגעשטעלט די פראַגע האָט סקריפּניק אין נאָמען פון כאַרקאָווער פּאָליטביוראָ און פאַר־געלייגט אָנצונעמען אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער עס ווערט שאַרף פאַר־אורטיילט דער נאַציאָנאַליסטישער אָפּנויג פון שומסקין און עס ווערט

אויפגעפאָדערט די מערב־אוקראַינישע דעלעגאַציע זיך אָפּצוגרעניצן פון „שומסקיזם".

סקריפּניק האָט אויך, כדי צו אַנטוואָפענען די שומסקיסטן, קריטי־קירט דעם רוסאָפילישן אָפּנויג אין סאָוועט־אוקראַינע און באַזונדערס זיך אָפּגעשטעלט אויף מיין אַרויסטרעטונג, אָנווייזנדיק, אַז איך קריטיקיר דעם „שומסקיזם" פון אַ לוקסעמבורגישן שטאַנדפּונקט. קיין גרויסן ווערט האָט שוין די דאָזיקע זיצונג נישט געהאַט, מחמת עס איז שוין פון פאַר־רויס געווען קלאָר, אַז דער שומסקיזם וועט גרינגטלעך ליקווידירט ווערן און די אַלע, וואָס האָבן זיך אַנגאַזשירט אויף דער זייט פון שומסקין, האָבן איצט באַקומען די לעצטע וואָרענונג זיך אָנצושליסן אָן דער רע־זאָלוציע פון סקריפּניקן.

די שומסקיסטן האָבן פאָרמעל אויך געשטימט פאַר דער דאָזיקער רעזאָלוציע, אָבער עס איז געווען קלאָר פאַר מיר, אַז זיי טוען דאָס נאָר כדי צו קענען זיך אומקערן אין לאַנד אַריין. אויך ד ע ר קריזיס איז נישט געלייזט געוואָרן.

מער פאַר אַלץ האָט מאָסקווע דעמאָלט מורא געהאַט פאַר דעם אוק־ראַינישן סעפּאַראַטיזם, וואָס האָט געקאָנט ווערן געפערלעך פאַרן גאַנצן סאָוועטישן רעזשים אין רוסלאַנד. אין דעם קומען צו דער מאַכט פון פּיל־סודסקין מיט דער הילף פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל האָט מאָסקווע געזען אַ פאַרשטאַרקונג פון דער מלחמה־געפאַר קעגן ראַטנפאַרבאַנד און אין שומסקין — דעם אַגענט פון אַנטי־סאָוועטישן פראָנט. גראָד דעמאָלט איז אין וואַרשע דערהרגעט געוואָרן דורך אַ רוסישן עמיגראַנט דער סאָ־וועטישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַרשע וואָיקאָוו און איך דערמאָן זיך, וואָ־סערע פּאַטאַלע שטימונג דער דאָזיקער פאַקט האָט אַרויסגערופן אין קרעמל גופא. די אָנגעזעענסטע און פאַראַנטוואָרטלעכסטע טוער פון דער סאָוועטישער רעגירונג און פון קאָמינטערן האָבן שטאַרק מורא געהאַט, צי דער דאָזיקער אַטענטאַט איז נישט אַמאָל אַ סיגנאַל צו דער אַנטי־סאָוועטישער מלחמה. עס איז דעמאָלט צווישן אונדז שוין אַזוי ווייט דער־גאַנגען, אַז מיר האָבן זיך געשטעלט די פראַגע, צי ווען מיר נאָך באַ־וויזן זיך אומצוקערן קיין פּוילן.

אומזיסט וואָלט מען דעמאָלט געזוכט אין דער „פּראַוודאַ" און „איז־

וועסטיא" אַ שפּור פון דער דאָזיקער שטימונג, וואָס האָט געהערשט אין קרעמל. אָפיציעל האָט מען זיך דעמאָלט געהאַלטן ביי דער ליניע, אַז אַ נייע מלחמה וועט מוזן אויסגענוצט ווערן פון אַלע סעקציעס פון קאָמינטערן אין די אינטערעסן פון דער וועלט־רעוואָלוציע. דאָס געווער, וואָס די מאַסן וועלן באַקומען, דאַרפן זיי אויסנוצן קעגן דער אייגענער בורזשואַזיע, זיך פאַרברידערן מיט דער רויטער אַרמיי, וואָס פאַרטיידיקט דאָס פאָטערלאַנד פון אַלע פּראָלעטאַריער און די קאָמוניסטן דאַרפן פירן אַ דעפעטיסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין אייגענעם לאַנד. אָפיציעל האָט דעמאָלט געגאָלטן בוכאַרינס טעאָריע: אַ נייע מלחמה וועט מאַכן אַ סוף צו דער בורזשואַזער הערשאַפט אין דער גאָרער וועלט און דערפאַר איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די אַנטימיליטאַריסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין אַלע מערבאייראָפּעאישע לענדער און עס איז געגעבן געוואָרן אַ דירעקטיוו צו אַלע פּאַרטייען צו פאַרשטאַרקן די קאָמוניסטישע אַרבעט צווישן מיליטער. פאַקטיש אָבער האָט מען אין די זומער־חדשים פון 1927 זייער שטאַרק מורא געהאַט אין קרעמל פאַר אַ מלחמה.

אויף דער לעצטער זיצונג פון צוזאַמענפאָר זענען פאָרמעל אָנגענומען געוואָרן די רעזאָלוציעס און עס איז באַשטעטיקט געוואָרן דער נייער צוזאַמענשטעל פון צ. ק. און קיינער האָט די דאָזיקע באַשלוסן נישט גענומען ערנסט.

אייגנטלעך זענען שוין אַלע פראַגן „געלייזט" געוואָרן און מיר האָבן זיך אין אויגוסט געגרייט אין וועג אַריין.

איך האָב נאָך אויסגענוצט מיין אָנוועזנהייט אין מאָסקווע, כדי זיך צו זען מיט די מענטשן פון דער יידישער סעקציע ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער וו. ק. פּ. און מאַכן אַ באַזוך אין דער רעדאַקציע פון איר אָרגאַן — דעם „עמעס".

בכלל האָבן די פירער פון דער יידישער סעקציע אַרויסגעוויזן אַ גאָר שוואַכן אינטערעס צו די יידישע דעלעגאַטן פון 4טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר, און דאָס איז געווען די סיבה, פאַרוואָס איך האָב די יידישע סעקציע אַזוי שפּעט באַזוכט. מיין איינדרוק איז געווען, אַז דאָס האָט זיך נישט גענומען דערפון, וואָס די יידישע סעקציע האָט נישט אינטערע־

פירט דאָס יידישע לעבן אין פוילן, ליטע אָדער גאַליציע, נאָר ווייל די טוער פון דער יידישער סעקציע האָבן נישט געהאַט קיין רעכט זיך אָפּי־ציעל צו פאַרבינדן מיט די יידישע דעלעגאַטן פון צוזאַמענפאָר. דערצו האָבן זיי געדאַרפט האָבן אַ דערלויבעניש פון סאָוועטישן צענטראַל־קאָ־מיטעט, ריכטיקער פון צענטראַלן „אגיט־פּראָפּ״ ביים צ. ק. אונטער ווע־מענס אָנפירונג עס איז געשטאַנען די יידישע סעקציע. די ליניע פון סאָ־וועטישן צענטראַל־קאָמיטעט איז שוין אָבער דעמאָלט געווען אַ קלאָרע בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג אין ראַטנפאַרבאַנד און דער ראָל, וואָס די יידישע סעקציע האָט דערביי צו שפּילן. האָט דעריבער מיין באַזוך אין דער רעדאַקציע פון „עמעס״ געטראָגן אַ ריין־פּריוואַטן כאַראַקטער. איך האָב זי באַזוכט צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר פון דער יידישער סעקציע ביים פּוילישן צ. ק. יוסף לעוואַרטאָווסקי (דער לאָמער יוסף). געטראָפן האָבן מיר אין דער רעדאַקציע ס. טשעמערינסקין, וואָס האָט דעמאָלט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין דער יידישער סעקציע. ער האָט אונדז אויפגע־נומען קאַלט און טרוקן. מיר האָבן אים אינפאָרמירט וועגן פוילן און ער האָט אונדז דערציילט וועגן די יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד. איך האָב אַרויסגערוקט דעם פאָרשלאַג וועגן באַזוכן די יידישע קאָלאָניעס אין דרום־רוסלאַנד, אָבער קיין גרויסן אינטערעס האָט דער דאָזיקער פאָר־שלאַג ביי אים נישט אַרויסגערופן. אין אונדזער געשפּרעך האָט טשעמע־רינסקי אונטערגעשטראָכן, אַז די יידישע שפּראַך און קולטור איז נישט קיין ציל פאַר זיך, נאָר אַ מיטל אַריינצוציען די יידישע מאַסן אין אַלגע־מיינעם פּראָצעס פון סאָציאַליסטישער בויאונג פון לאַנד, און ער האָט זיך שטאַרק אויסגעהיט פון גערעדט וועגן אַ צוזאַמענאַרבעט מיט די יידישע קאָמוניסטן פון אַנדערע לענדער. מיין פאָרשלאַג, אַז עס וואָלט געווען נוצ־לעך, אַז ביים קאָמינטערן זאָל אַנטשטיין אַ צענטראַלע יידישע סעקציע פאַר פּראָפּאַגאַנדע צווישן יידן אין דער גאָרער וועלט האָט ער קאַטע־גאָריש אָפּגעוואָרפן. איך האָב געפילט אַז די סאָוועטישע יידישע סעקציע איז אַ קערפּערשאַפט אָן אַ צוקונפט און אַז טשעמערינסקי האָט שוין מיט דעם דאָזיקן געדאַנק שלום געמאַכט. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז עס זאָל אָנגעהאַלטן ווערן אַ קאָנטאַקט צווישן די יידישע סעקציעס אין וואַרשע און אין מאָסקווע. קיין דירעקטער קאָנטאַקט איז נישט דערלויבט געווען,

נאָר דורך די בײדע צענטראַל־קאָמיטעטן. עס איז אָבער פון דעם שפּע־טער גאָרנישט געוואָרן.

עס איז מיר נאָך באַשערט געווען צו האָבן אַן אינצידענט פאַר מײַן פאַרלאָזן מאָסקווע. בעת איך האָב באַקומען מײַנע רײַזע־פּאַפּירן פון קאָ־מינטערן, האָט מען מיר געגעבן אונטערצושרײַבן אַ פּאַפּיר, אַז איך פאַר־פּליכט מיך נאָך מײַן אָנקום קײַן דאַנציק די רײַזע־פּאַפּירן אָפּצוגעבן. וואַרסקי האָט מיר די דאָזיקע פּאַפּירן געבראַנגט און געגעבן אונטערצו־שרײַבן די דאָזיקע קבלה. מיך האָט די זאַך שטאַרק אויפגערעגט. „היתכן? — האָב איך צו אים געטענהט, — מען האָט נישט צו מיר קײַן צוטרוי, אַז איך וועל די רײַזע־פּאַפּירן אומקערן? מען טרויט דאָך מיר מער אָן ווי אַ פאַלשן פּאַס!" און איך האָב מיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט אונטערצו־שרײַבן די קבלה. וואַרסקי איז געבליבן געווען אין אַ פאַרלעגנהײט. ער האָט געפילט, אַז איך בין גערעכט און דאָך האָט ער מיך געוואָלט אײַ־בערצײַגן, אַז איך זאָל אונטערשרײַבן. איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגע־זאָגט דאָס צו טאָן און די חברים האָבן מיר געראָטן נישט צו מאַכן קײַן סקאַנדאַל. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן און דער אַלטער וואַרסקי האָט פאַר מיר אונטערגעשריבן דעם דאָקומענט. עס האָט זיך שוין דע־מאָלט געהאַט אָנגעזאַמלט בײַ מיר אַ סך פאַרביטערונג קעגן ביוראָקראַ־טישן אַפּאַראַט.

אין אַן אַנדער שטימונג, ווי מיט עטלעכע חדשים צוריק, האָב איך איצט פאַרלאָזט מאָסקווע. איך האָב געפילט, אַז אַ סך פעדים, וואָס האָבן מיך ביז איצט פאַרבונדן מיטן קאָמוניזם, האָבן זיך איבערגעריסן. אַנדע־רע ווידער זענען געוואָרן זײַער אָנגעצויגן. מײַן באַזוך אין מאָסקווע האָט מיך רײַכער געמאַכט מיט אַ רײַע דערפאַרונגען, אָבער אויך מיך אָרעמער געמאַכט מיט אַ רײַע אילוזיעס.

איך בין געפאָרן קײַן מאָסקווע מיט די אילוזיעס, וואָס האָבן נאָך אין מיר געלעבט זינט 1921, ווען איך בין דאָרט דאָס ערשטע מאָל געווען און געזען דאָס פּנים פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע, און איצט האָב איך עס נאָך אַמאָל געזען. איך האָב זיך געדרייט אין קיך, ווו עס ווערט צוגעגרייט דאָס עסן, וואָס ווערט שפּעטער סערווירט פאַר די קאָ־מינטערן־סעקציעס און אָבסערווירט די קוכערס.

די דאָזיקע דערפאַרונג, וואָס איך האָב געמאַכט, איז מיר שפּעטער גאָר שטאַרק צונוץ געקומען. עס האָט אָבער נאָך געמוזט נעמען אַ שיינע פּאָר יאָר ביז איך האָב געמאַכט ענדגילטיקע אויספירונגען פון אָט די אַלע אָבסערוואַציעס.

פאַרוואָס אַזוי לאַנג?

מען דאַרף פאַרשטיין די באַדינגונגען, פּסיכישע און סאָציאַלע, אין וועלכע עס האָט געלעבט אַן אומלעגאַלער קאָמוניסטישער טוער אין פּוילן.

דאָס ערשטע, וואָס אַזאַ טוער האָט געדאַרפט פאַרמאָגן, איז געווען — אַן אינערלעך גלייכגעוויכט און זיין תּמיד אין אַ גוטער שטימונג. אי־נערלעכע ספקות און פּעסימיזם האָבן אוממעגלעך געמאַכט צו טאָן אַ פּאַר־טיי־אַרבעט אין באַדינגונגען, בעת מען איז תּמיד געווען געיאָגט פון פּאָ־ליציי ווי אַ חיה. מיט הומאָר האָט מען געמוזט אויפנעמען די שווערקייטן און געפאַרן, אויף וועלכע מען האָט זיך אָנגעשטויסן אין פּערזענלעכן לעבן און מיט אָפּטימיזם קוקן אויף די דורכפאַלן. גריבלענישן און ספקות וואָלטן גורם געווען פּאַסיווקייט אָדער אָפּהענטיקייט און אין אַזאַ צו־שטאַנד וואָלט מען נישט געקענט אַלץ איבערטראָגן און אוודאי אויך נישט אַנדערע באַאיינפלוסן צו אַקטיוויטעט און קרבנות־גרייטקייט. אַן אומלעגאַלער קאָמוניסט האָט געמוזט שפּרודלען מיט ענערגיע און גע־וואַגטקייט, מיט זעלבסטזיכערקייט און עקשנותדיקייט. און די פּאַרטיי־אַרבעט האָט פאַרשלונגען דעם קאָנספּיראַטאָר אפילו דעמאָלט, ווען ער האָט נישט געשריבן קיין אומלעגאַלן אויפרוף, אָדער נישט געגאַנגען אויף אַ געהיימען טרעף־פּונקט.

ער האָט תּמיד געלעבט מיט דער פּאַרטיי, מיט אירע גרויסע און קליינע אויפגאַבן. אַזאַ לעבן האָבן מיר געפירט יאָרן־לאַנג. אַ חוץ דעם זענען מיר געווען איזאָלירט פון דער דרויסנדיקער וועלט, ד״ה אַז אַ חוץ צופעליקע צוזאַמענטרעפן מיט דער אייגענער סאַמע נאָענטסטער פאַ־מיליע האָט מען נישט אונטערגעהאַלטן קיין נאָרמאַלן קאָנטאַקט מיט דער אָפיציעלער געזעלשאַפט. איך רעד וועגן די אומלעגאַלע פּאַרטיי־טוער, וואָס האָבן געלעבט אויף פאַלשע פּאַפּירן און געווען געזוכט פון דער פּאָליציי, און נישט וועגן די האַלב־לעגאַלע אָדער

לעגאַלע קאָמוניסטן, וואָס פּאָליציי האָט געקענט, אָבער נישט געטשע־פּעט (ביז אַ באַשטימטער געלעגנהייט).

דער אומלעגאַלער פּאַרטיי־פונקציאָנאַר, צוליב זיין טאָג־טעגלעכן קאַמף מיט די געפאַרן, וואָס האָבן אויף אים געלויערט אין דער קאָנספּי־ראַטיווער אַרבעט, וועלכע ער האָט געמוזט אויספירן אַלס שרייפל אין דער גאַנצער מאַשין, האָט נישט געקענט זיך פאַרטיפן אין די קאָמו־ניסטישע פּראָבלעמען, און זיין באַהאַוונט מיט דער קאָמוניסטישער ליטעראַטור פון אויסלאַנד און מיט דער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור פון די קעגנער פון קאָמוניזם. וויפיל מאָל פלעגן זיך באַקלאָגן צ. ק.־מיט־גלידער, אַז זיי זענען אָפּגעריסן פון דער וועלט, האָבן נישט קיין מעג־לעכקייט צו לייענען אַ בוך און זענען שוין אינגאַנצן גייסטיק אויסגע־הוילט. ווען מיר זענען געווען אין טורמע, אָדער אויף פּאָליטישער עמי־גראַציע, האָבן מיר גיכער שוין געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרטראַכטן איבער די גרונט־פּראָבלעמען פון אונדזער צייט און אָפטמאָל טאַקע זיך צו דערטראַכטן צו גאָר ווייטע אפּיקורסישע געדאַנקען אויך. נאָר אין די פאַלן, ווען עס איז אונטערגעקומען שוין אַ גאָר גרויסע געשעעניש אין אינערלעכן פּאַרטיי־לעבן, איז מען געווען געצוווּנגען זיך גענויער אָפּצו־שטעלן אויף דעם געשעענעם.

פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די פונקציאָנאַרן און פּאַרטיי־מיטגלידער זענען געווען גאָר אַ סך, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין נייגונג זיך צו טיף צו פאַרטראַכטן איבער די קאָמוניסטישע פּראָבלעמען און זענען גע־האָרכזאַם נאָכגעגאַנגען נאָך דער אָנפירונג.

כאָטש אין מאָסקווע האָב איך מיך אָנגעזאַפּט מיט פאַרשיידענע נע־גאַטיווע איינדריקן און עס וואָלט געווען נאַטירלעך, אַז איך זאָל מיך אַוועקזעצן און זיי אַלע גענויער אַנאַליזירן און פּרובירן זיי פאַרבינדן און אויסאַרבעטן פאַר זיך אַ קריטישע מיינונג וועגן דער נייער סאָוועטישער ווירקלעכקייט און וועגן וועלט־קאָמוניזם, בין איך אָבער אַזוי שטאַרק באַ־לאָדן געווען מיט פּראַקטישע אויפגאַבן, אַז איך האָב דאָס באַוווּסטזיניק אָדער אומבאַוווּסטזיניק איבערגעלאָזט אויף שפּעטער. איך בין געוואָרן אַ מין קאָמוניסטישער רעפאָרמיסט: — די פּראַקטישע אַרבעט, די באַוועגונג איז אַלץ...

אמת, מיט מיין פרוי, רחל, וואָס איז אויך געווען זייער אַקטיוו אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, האָב איך אַ סך גערעדט וועגן מיינע איינדריקן פון מאָסקווע. איך האָב אויך וועגן דעם גערעדט מיט מיינע נאָענטע חברים און פריינט. איך האָב אָבער וועגן אַלץ גערעדט אויף אַ פּראַגמענטאַרישן אופן, אָן אַ וועלכן עס איז סדר און אָן דער כוונה צו פאָרמולירן אַ קריטישע אָפּשאַצונג און אוודאי נישט מיטן ציל אויפצוהייבן אין דער פּאַרטיי אַ קאַמף קעגן דער מאָסקווער אָנפירונג.

שפּעטער האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, וואָס האָט מיר דערמעגלעכט טיפער זיך צו פאַרטראַכטן איבערן וועג, וואָס דער קאָמוניזם האָט אַדורכגעמאַכט. אמת, צו קיין ענדגילטיקע אויספירן בין איך נאָך דעמאָלט (אין 1928) נישט דערגאַנגען, אָבער איך האָב שוין דערגרייכט די מדרגה פון אַ קריטישן קאָמוניסט.

אָנהייב האַרבסט 1927 האָב איך פאַרלאָזט מאָסקווע. חברים, מיינע אַלטע גוטע פריינט, האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן וואקזאל. מיר האָבן זיך געווונטשן וואָס גיכער זיך צו טרעפן אין אַ באַפרייט פּוילן, דאָס מיינט סאָוועטיש פּוילן.

איך זע זיי אַלע פאַר מיינע אויגן. יונגע מענטשן, פרויען און מענער, וואָס האָבן זייער גאַנצע יוגנט אָוועקגעגעבן פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און געלעבט נאָר מיט איין ציל: די וועלט זאָל ווערן אַ קאָמוניסטישע.

ווו זענען זיי איצט? וועגן אַ טייל פון זיי ווייס איך, אַז זיי זענען אומגעקומען בעת די שרעקלעכע „רייניקונגען" פון יעזשאָוון אין די דרייסיקער יאָרן. אַנדערע שמאַכטן אפשר נאָך ביזן היינטיקן טאָג אין סאָוועטישע תפיסות און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. נאָר געציילטע פון זיי לעבן נאָך היינט. איך מיין נישט די, וואָס זענען אַוועק פון קאָמוניזם און לעבן היינט אין די פרייע לענדער, נאָר די, וואָס דינען היינט ווייטער דעם סאָוועטישן רעזשים. „בעסער צו זיין אַ לעבעדיקער הונט, ווי אַ טויטער לייב" — טראַכטן זיי ביי זיך.

קדושים פון לודמיר
ביים לודמירער
פאריין אין בוענאס איירעס

מ. מינץ (אַלעקסאַנדער)

די וואַלן צום סיים. — מיין נייער אַרעסט אויף דער דאַנציק־פּוילישער גרעניץ

צוריקגעפאָרן בין איך מיטן זעלביקן וועג, וואָס קיין מאָסקווע. מיטן זעלביקן צוג זענען געפאָרן נאָך דעלעגאַטן, אָבער מיר האָבן זיך אויסגעהיט צו רעדן אַ וואָרט צווישן זיך אפילו ווען מיר האָבן זיך נאָך געפונען אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע. אַזאַ איז געווען די אָנווייזונג. דער וועג איז ווידער אַדורך אָן שום שטערונגען און מיין טשעכישן פּאַס האָב איך טאַקע תיכף אָפּגעגעבן אין דאַנציק.

מיין פרוי האָט שוין פון פריער געוווּסט, ווען איך דאַרף קומען און זי האָט געדונגען פאַר אונדז אַ באַשיידענעם צימער אין דער געגנט פון צאָפּאָט.

אין דאַנציק האָט מען זיך שוין געגרייט צו דער פּאַרטיי־אַרבעט אין הסכם מיט די באַשלוסן פון קאָמינטערן. פּאַקטיש האָט זיך גאָרנישט געענדערט. נישט געקוקט דערויף וואָס די פירער פוןביידע פראַקציעס האָבן געשטימט דערפאַר, אַז זיי לייזן אויף זייערע פראַקציעס און עס וועט גענומען אַ קורס אויף צו קאָנסאָלידירן די פּאַרטיי, האָט מען זיך פּונקט אַזוי ווי פריער ווייטער באַקעמפט, נאָר מען האָט דאָס איצט געטאָן שטי־ל'ערהייט.

צו דער ערשטער זיצונג פון נייעם צענטראַל־קאָמיטעט זענען געקומען פון מאָסקווע מאַנואילסקי (מאַנקאָווסקי) און קוזינען, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען צו שטיין אויף דער וואַך פון דער „קאָנסאָלידאַציע“. אָבער גראַד דעמאָלט דערגייט עס צו אַ שפּאַלטונג אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. איין פראַקציע וואַרפט די שולד אויף דער צווייטער פאַר דער דאָזיקער שפּאַלטונג. דער קאָמינטערן באַשטימט נאָך דריי קאָמיסאַרן, אָבער וואָס דאַרפן זיך געפינען אויפן אָרט, דאָס הייסט אין דאַנציק: דעם לעט קנאָרין (אונטערן פּסעוודאָנים סאָקאָליק), וואָס גייט אַריין אין פּוילישן פּאָליטביוראָ; דעם ווייסרוס פּאָדובני, צום צ. ק. פון דער ווייסרוסישער קאָמפּאַרטיי און פּאָפּאָוו (לאָוויצקי) פאַר דער מערב־אוקראַיִנישער קאָמפּאַרטיי. דאָס זענען געווען סאָוועטישע ביוראָקראַטן,

דאָס מיט זייער אינטעליגענץ און פאַרטיי־פּאָליטישער דערפאַרונג האָבן זיי נישט דערגרייכט צו די קנאַפּלען פון אַ וואַרסקי אָדער קאָסטזשעווא, פון אַ פידלער אָדער לענסקי. און עס איז געווען באַליידיקנדיק, אַז אָט די דריי האָבן געהאַט דאָס לעצטע וואָרט אין אַלע וויכטיקע פאַרטיי־פראַגן און עס איז געווען טרויעריק צוצוזען, ווי די אויבנדערמאָנטע אַלטע פאַרטיי־פירער האָבן זיך מיט הכנעה געבויגן פאַר די דאָזיקע מאָסקווער קאָמיסאַרן. כאָטש צוויי פון די דאָזיקע לייט האָבן געהאַלטן מיט די מערהייטלער און איינער בלויז מיט די מינדערהייטלער, האָבן זיי אָבער אַלע דריי געהאַנדלט סאָלידאַריש און לויט די דירעקטיוון פון מאָסקווע.

ווען אַלע דעלעגאַטן זענען שוין געווען אויפן פּלאַץ איז צונויפגערופן געוואָרן אַ פּלענאַרע זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט וועגן דער וויכטיקער צו יענער צייט פראַגע: וואַלן צום סיים, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין 1928. מען האָט זיך דעמאָלט פאַרמאָסטן אויף אַ גרויסער וואַל־אַקציע, מחמת די פּראָ־קאָמוניסטישע שטימונגען זענען געוואקסן אין גאַנץ פוילן און באַזונדערס צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

דער בודזשעט פאַר דער וואַל־קאַמפּאַניע, וואָס איז שייך בלויז מערב־אוקראַינע, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אויף 30 טויזנט דאָלאַר. כאַרקאָוו האָט באַשטעטיקט די דאָזיקע סומע און פון קאַגאַנאָוויטש, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער סאָוועטישער קאָמפּאַרטיי אין אוקראַינע, איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע, אַז די ערשטע 10 טויזנט דאָלאַר זענען שוין איבערגעוויזן געוואָרן. איך האָב געדאַרפט מיט זיך מיטנעמען אַ טייל פון די דאָזיקע דאָלאַרן און דעם רעשט האָט מיר געדאַרפט ברענגען קיין לעמבערג די פּאַרטיי־קוריערקע.

איך בין געווען פאַרזען מיט „גוטע פּאַפּירן" און אין יאַנואַר 1928 האָב איך ווידער גענומען דעם וועג קיין לעמבערג. איך האָב מיט זיך נישט געוואָלט מער מיטנעמען ווי טויזנט דאָלאַר און דאָס אין איין באַנקנאָט, כדי אים בעסער קענען באַהאַלטן. פאַר די דעמאָלסטיקע פאַרהעלטענישן אין פוילן איז דאָס געווען אַ באַדייטנדיקע סומע און איך האָב געקענט דערמיט איינפּעדעמען די וואַל־קאַמפּאַניע.

בעת דער פּאַס־קאָנטראָל אויף דער גרעניץ האָט מען מיך פאַרהאַלטן. כלומרשט כדי בעסער נאָכצוקאָנטראָלירן די פּאַפּירן מיינע. איך האָב

גלייך דערפילט, אַז עס איז שלעכט. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אין דער גרעניץ־שטאָט דירשוי (טשעוו) האָט מען מיך אָפּגעהאַלטן אין דער פּאָליציי אַ גאַנצע נאַכט אָן שום אויספאָרשונג און אינדערפרי אַ געשמידטן אין קייטן אָפּגעפירט אונטער אַ פאַרשטאַרקטער שמירה קיין לעמבערג. ביי דער רעוויזיע האָט מען ביי מיר געפונען די טויזנט דאָלאַר, ווייל די געהיים־אַגענטן האָבן געקענט די מלאכה פון זוכן, און אויך אַביסל פויליש געלט.

די פוילישע געהיים־פּאָליציי, וואָס האָט אַלע קאָמוניסטן אין דאַנציק געהאַט אויפן אויג, האָט געהאַלטן אַ שטענדיקע וואַך ביי דער גרעניץ און די קאָמוניסטן, וואָס זי האָט אַרומגעזוכט, האָט זי פאַרהאַלטן אויף דער גרעניץ. עס איז אויך געווען מעגלעך, אַז די פּאָליציי האָט געוווּסט וועגן מיין רייזע פון אירע איגערלעכע אינפאָרמאַטאָרן.

אין דעם פּאָליציי־אַרעסט פון דירשוי האָב איך צייט געהאַט צו באַטראַכטן מיין נייע לאַגע און זיך געפילט שטאַרק געטראָפן פון דעם דאָזיקן דורכפאַל. אַלע מיינע פּאַרטיי־פּלענער האָבן איצט באַקומען אַ טויטקלאַפּ און אַ חוץ דעם וועט מען איצט אויפדעקן מיינע אַלטע חטאים און ווער ווייס, ווען איך וועל ווידער דערזען די פרייהייט. אין מיין קאָפּ האָט אויפגעבליצט איין שטראַל פון האָפענונג: מען וועט זיך באַמיען מיך אויסצוטוישן אויף אַ פוילישן שפּיאָן אין רוסלאַנד, אָבער דאָס קען אויך נאָך נעמען אַ סך צייט.

אויך צוליב מיין פּערזענלעכער לאַגע האָט זיך ביי מיר פאַרשטאַרקט די פאַרביטערונג קעגן דעם אַרעסט. ערשט נישט לאַנג זיך צונויפגעגאַנגען מיט מיין חברטע און ווער ווייס, ווען מיר וועלן ווידער זיין צוזאַמען.

האָב איך אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן מאַכן ויברח. דער וועג איז אַ לאַנגער, אפשר וועט עס מיר געלינגען.

אויפן ערשטן עטאַפּ, ביז לובלין, איז די שמירה געווען גאָר אַ שטאַרקע און נאָר איך מיט די פּאָליציאַנטן האָבן פאַרנומען אין וואַגאָן אַ באַזונדערן קופּע. נאָר ווען איך האָב געוואָלט עפּעס טרינקען אָדער עסן, האָבן זיי מיר אַראָפּגענומען די קייטעלעך פון די הענט. קיין פּאַפּיראָס האָבן זיי מיר נישט דערלויבט צו רויכערן.

קיין לובלין זענען מיר אָנגעקומען שפּעט ביינאַכט. אַ מידער פון דער איבערלעבונג און אַ געפּענטעטער האָב איך שוין וואָס גיכער געוואָלט זיין אין לובלינער פּאָליציי־אַרעסט. דאָרט וועל איך קענען אויסגלייכן מיינע ביינער. איך האָב מיינע באַגלייטער פאַרגעשלאָגן, אַז פאַר מיין געלט זאָלן מיר נעמען אַ דראָזשקע. זיי האָבן אָבער מיר דערקלערט, אַז דער פּאָליציי־אַרעסט געפינט זיך ביי דער באַן און עס איז איבעריק דאָס פאָרן.

אין לובלינער פּאָליציי־אַרעסט האָט מען מיך נישט געפּאָרשט, נאָר גלייך אויף אַ ברוטאַלן אופן אַריינגעשטופּט אין אַ גרויסער, גאָר שוואַך באַלויכטענער קאַמער, וואָס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט פאַרשיידענע פאַרברעכערישע עלעמענטן. די קאַמער איז געווען שרעקלעך שמוציק און די לופט אַזוי געדיכט, אַז מען האָט געקענט אין איר אויפהענגען אַ טינטער. איטלעכע פּאַר מינוט פלעגט די פּאָליציי אַריינשטופּן נאָך אַ גאַסט. שיכורים, גנבים, וואַגאַבונדן, און אַנדערע מינים דעק־מענטשן, זענען געזעסן אויף די הילצערנע נאַרעס. אַ געריש און געפּילדער, אויס־געמישט מיט קללות פון די שיכורים און אונטערוועלט־טיפּן. די ווענט און דער סופיט זענען געווען באַדעקט מיט כמאַרעס וואַנצן און זיי זענען גלייך פון סופיט אַראָפּגעפאַלן אויפן קאָפּ און די הענט.

די דאָזיקע קאַמער איז געווען אַדורכגעטיילט מיט אַ הילצערן ווענטל, הינטער וועלכן עס האָבן זיך געפונען אַרעסטירטע פרויען. אויך פון דאָרט האָבן זיך דערטראָגן הייזעריקע קולות פון גאַסן־פרויען און אַנדע־רע דעק־עלעמענטן.

אין דעם דאָזיקן ווענטל זענען געווען אַ סך לעכער, דורך וועלכע די אַרעסטאַנטן האָבן זיך קאָמוניקירט מיט די פרויען, זיי דערלאַנגט פּאַ־פּיראָסן און שוועבעלעך. אפילו פּאַר סעקסועלע באַציאונגען האָבן זיי אויסגענוצט די דאָזיקע עפענונגען אין דעם ווענטל. אַלץ צוזאַמען — אַ שרעקלעך בילד פון מענטשלעכער געפאַלנקייט.

אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבן די סעלעקציע. פּשוטע שיכורים, וואָס האָבן זיך שוין אויסגעניכטערט, האָט מען אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי, די אַנדערע האָט מען אָפּגעפירט אין טורמע. עטלעכע פון זיי האָט מען געדאַרפט פּונקט אַזוי ווי מיך צושטעלן צום לעמבערגער געריכט.

מען האָט אונדז עקסקאַרטירט צו צוויי. מיך האָט מען צוגעשמידט צו איינעם, וואָס האָט געדאַרפט געמשפט ווערן אין לעמבערג פאַר אַ קרימינעלן פאַרברעך. דאָס איז געווען אַ סיפּיליטיקער מיט אַן אָפּגעפוילטער נאָז. איך האָב פּראָטעסטירט פאַרן פּאָליציי־קאָמיסאַר קעגן אַזאַ האַנדלונג און פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל מיך באַזונדער עקסקאַרטירן. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן און אין אַזאַ געזעלשאַפט בין איך געפאָרן קיין לעמבערג. עס איז מיר איצט געווען שוין אַביסל באַקוועמער, ווייל נאָר איין האַנט מיינע איז געווען צוגעשמידט צו דער האַנט פון מיין שותף און די צווייטע איז געווען פריי. איינגאַנצן מיך באַפרייען פון די קייטעלעך האָט דער פּאָליציאַנט נישט געוואָלט, אָבער ער איז געווען גענוג פריינטלעך צו מיר. ער האָט מיר דערלויבט צו רויכערן און געהאָלפן מיר ביים עסן.

ווידער אין די פּוילישע תפיסות

אין לעמבערג האָט מען מיך אָפּגעשטעלט אין דער טורמע „באַטאָרי". די פּראָצעדור ביים אָננעמען מיך איז צום גליק געווען אַ גאַנץ קורצע און באַלד האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסער קאַמער מיט אַ פענצטער, פאַרשטייט זיך אַ פאַרקראַטעוועטע, צו דער גאַס צו. איך בין אין דער קאַמער געווען איינער אַליין, און האָב ממש אויפגעלעבט. איינער אין אַ קאַמער אפשר פאַר צוואַנציק פערזאָן, מיט אַ סך לופט און דער עיקר מיט אַ סך שטח צו שפּאַצירן. איך האָב מיר אויסגעקליבן דאָס בעסטע בעט און זיך אָנגעהויבן צו ביסעלעך איינצואָרדענען. די וואַליזע מיט זאַכן, וואָס מען האָט ביי מיר אָפּגענומען אין דירשוי, איז נאָכגעקומען, און אַ טייל זאַכן פון ערשטן געברויך האָט מען מיר אַרויסגעגעבן, כאָטש דער טורמע־נאַטשאַלניק האָט אָפּיציעל נישט אנערקענט קיין שום פּריווילעגיעס פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. נאָך אַ געשפּרעך מיט דעם טורמע־נאַטשאַלניק האָט ער מיר דערלויבט צו באַקומען פון אַ רעסטאָראַן מיטיק, יעדן טאָג צייטונגען און צו שרייבן בריוו, פאַרשטייט זיך אונטער אַ צענזור.

די ערשטע אויפגאַבע מיינע איז געווען — זיך שטעלן אין פאַר־

בינדונג מיט דער פריי און צוויסן געבן מיין פרוי און די חברים וועגן מיין אַרעסט, כדי זיי זאָלן אויספאָרשן די סיבות און עווענטועל פּרובירן עפּעס טאָן פאַר מיר. לויט די גערעכטלעכע פאָרשריפטן, האָט אַן אַרעסט־טירטער שוין נאָך דער ערשטער אויספאָרשונג ביים ריכטער, געהאַט אַ רעכט זיך צו זען מיט זיין פאַרטיידיקער. אַזוי איז דאָס געווען אין פוילן. אין מערב־אייראָפּע איז דאָס גערעכט נאָך ליבעראַלער. אין לעמבערג האָב איך געהאַט אַ באַקאַנטן אַדוואָקאַט נאָך פון די צייטן, ווען איך בין געווען אין „בונד" — דאָס איז געווען ד"ר אַקסער. ער איז געווען באַ־קאַנט אין דער שטאָט אַלס פאַרטיידיקער אין פּאָליטישע פּראָצעסן און זייער אָנגעזען אין די געריכט־קרייזן פון לעמבערג. ד"ר אַקסער איז אויך געווען באַפריינדעט מיט מיין פרוי, ווייל זי איז געווען זייער אַקטיוו אין „מאָפּר" (אָרגאַניזאַציע צו העלפן די פּאָליטיש־פאַרפאָלגטע) און אַקסער איז געשטאַנען אין אַ פאַרבינדונג מיטן „מאָפּר".

ד"ר אַקסער האָט מיך באַזוכט און איך האָב אים איבערגעגעבן אַלע פּרטים פון מיין אַרעסט. ער האָט איבערגענומען מיין ענין און מיר פאַר־זיכערט אַלץ מעגלעכעס פאַר מיר צו טאָן. מיט זיין הילף האָט אויך מיין פרוי באַקומען אַ מעגלעכקייט מיך צו באַזוכן און מיר האָבן געקענט אַזוי אַרום דערליידיקן אַ רייע פאַרטייאישע און פערזענלעכע ענינים. בכלל איז דער טורמע־רעזשים אין לעמבערג אין יאָר 1928 נישט געווען קיין שווערער, כאָטש עס איז שוין געווען בעת דער הערשאַפט פון פּילסודסקין אין פוילן.

נאָך עטלעכע וואָכן האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין אַ צווייטער טורמע — „בריגידקי", ווו די באַדינגונגען זענען שוין געווען ערגערע. קודם איז מען דאָרט געזעסן צו 6 פערזאָן אין אַ קליינער קאַמער און דער עלעמענט איז נישט געווען קיין דערטרעגלעכער. עס האָט אָבער גאָרנישט לאַנג געדויערט, סך הכל אַ 4 חדשים, און מען האָט מיך אַרויסגערופן צום ריכטער. ער האָט מיר דערקלערט, אַז אויפן סמך פון פּאָליציי־אישע באַריכטן בין איך אַ לענגערע צייט געווען טעטיק אויפן לעמבערגער באָדן, היות אָבער עס זענען נישט פאַראַן קיין קאָנקרעטע באַווייזן קעגן מיר, קען מען מיך נישט צוציען צו גערעכטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט און ער שטעלט אָפּ די ווייטערדיקע אויספאָרשונג קעגן מיר און מיין ענין

ווערט אַנולירט. מיין איך דאָך שוין, אַז איך בין פריי, שטעלט זיך אַרויס, אַז דאָס לאָדזשער געריכט זוכט מיך שוין עטלעכע יאָר און איצט מוז מען מיך צושטעלן קיין לאָדזש.

אָנהייב מאַי 1928 האָט מען מיך טאַקע אַרויסגעשיקט קיין לאָדזש. פון ד״ר אקסער האָט מיין פרוי זיך דערוווסט, ווען מען וועט מיך אי־בערטראַנספּאָרטירן, און כאָטש זי איז שוין דעמאָלט געווען שוואַנגער אין די גאָר הויכע חדשים, האָט זי זיך באַמיט „צופעליק" זיך צו געפינען אין דעם זעלביקן וואַגאָן, מיט וועלכן איך און דער פּאָליציאַנט זענען געפאָרן קיין לאָדזש. פון אָנהויב האָבן מיר זיך נישט געמאַכט קענען, כדי דער פּאָליציאַנט זאָל זי נישט גלייך משלח זיין פון וואַגאָן; אָבער שפּעטער האָבן מיר אָנגעהויבן צווישן זיך צו רעדן, ווי דאָס פירט זיך צווישן פּאַסאַזשירן, און דער פּאָליציאַנט האָט אויף דעם נישט געלייגט קיין שום אַכט.

איך האָב מיין פרוי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס וואָלט געווען אַ יושר צו אַנטלויפן. און שפּילנדיק זיך מיט איר האַנט־טאַש האָב איך פון דאָרט „אַרויסגענבעט" אַ געוויסע סומע פּוילישע זלאָטעס, כדי שפּעטער צו קענען דערפאָרן צו אַ באַשטימטן פּונקט.

עס איז געווען אַ שבת אינדערפרי, ווען יידן פאָרן וויניק מיט דער באַן. דער צוג האָט זיך געשלעפּט איבער פּוילישע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן נאָך געדרימלט אין די פרימאָרגן־שעהן פון אויפגייענדיקן פרי־לינג־טאָג. דער פּאָליציאַנט האָט פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ דרימל, מחמת מיר זענען שוין געווען אַ גאַנצע נאַכט אין וועג. און אָט אַזאַ מאָ־מענט האָב איך געוואָלט אויסנוצן, כדי זיך שטיל אַרויסשאַרן פון קופּע און אַראָפּשפּרינגען פון צוג. אָבער אין דעם מאָמענט, ווען איך בין שוין גרייט געווען צו מאַכן דעם „שפּרונג אין דער פרייהייט", האָבן זיך ביים פּאָליציאַנט געעפנט זיינע צוויי גרויסע בלויע אויגן. ער האָט קענטיק דערפילט מיט זיין פּאָליציייאישער נאָז, אַז עפּעס גרייט זיך דאָ.

אין ערשטן מאָמענט בין איך געווען זייער אומצופרידן, וואָס דער פּלאַן איז אַדורכגעפאַלן. שפּעטער אָבער האָב איך זיך באַרואיקט און אפילו געקומען צו דעם אויספיר, אַז אפשר איז גאָר גוט, וואָס עס האָט אַזוי פּאַסירט: מיין פרוי איז אין אַנדערע אומשטענדן און דער פּאָ־

ליציאַנט וואָלט געקענט זי שטעלן אונטער אַ פאַרדאַכט, אַז זי האָט צו־געהאָלפן צו מיין אַנטלויפן. ביי אַן אויספאָרשונג וואָלט זיך דאָך גלייך אַרויסגעשטעלט, אַז זי איז שוין אויך געזעסן אין טורמע פאַר פאָליטישע חטאים און אַז זי איז נישט געווען קיין צופעליקער פּאַסאַזשיר אין אונ־דזער וואַגאָן. האָב איך ביי מיר געטראַכט, אפשר וועט נאָך אונטערקו־מען אַן אַנדער געלעגנהייט. און אַזוי טראַכטנדיק זענען מיר אָנגעקומען אַלע דריי אין מיין היימשטאָט לאָדזש.

מיט 4 יאָר צוריק האָט מען מיך אין אַן ענלעכער סיטואַציע טראַנס־פּאָרטירט פון לאָדזש קיין וואַרשע און איצט קום איך צוריק אונטער אַ פּאָליציייִשער שמירה. עס האָט מיך שטאַרק אינטריגירט אין וועלכער טורמע מען וועט מיך צושטעלן: אויף טאַרגאָווע אָדער גדאַנסקע גאַס. מיט מיין פרוי האָב איך זיך געזעגנט אויפן וואָקזאַל און זי האָט מיר צוגעגעבן מוט און געשטאַרקט אין גלויבן, אַז מיר וועלן בקרוב זיין צו־זאַמען. אין אַ געדריקטער שטימונג איז זי אַהיימגעגאַנגען צו איר מוטער, וואָס האָט געוווינט עטלעכע גאַסן ווייטער פון דער טורמע.

די טורמע אויף גדאַנסקע, וווהין מען האָט מיך צוגעשטעלט, איז כמעט אינגאַנצן געווען פאַרנומען פון פּאָליטישע אַרעסטירטע. דאָס איז געווען אַן אויספאָרשונג־טורמע און מען איז דאָ געזעסן בלויז ביזן גע־ריכט. די פאַראורטיילטע פלעגט מען פון דאַנען פונאַנדערשיקן אין די פאַרשיידענע שטראָף־טורמעס. אויך אַן אָפּטיילונג פאַר פרויען, באַ־שולדיקטע אין קאָמוניזם, האָט זיך דאָ געפונען.

אין לעבן פון דער טורמע האָט זיך פאַר די לעצטע פאַר יאָר כמעט גאָרנישט געענדערט. דער זעלביקער טורמע־רעזשים און די זעלביקע אי־נערלעכע אָרדענונג, ביי וועלכער די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן זיך זינט יאָרן געהאַלטן. איך בין אַריין אין אַ קאַמער, וווּ עס זענען גע־זעסן עטלעכע פּוילישע און יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער טערמין פון דער „ספּראַווע".

אויפן ערשטן שפּאַציר־גאַנג האָבן מיך באַגריסט די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון דער „קאָמונע" און פיל אַנדערע אַרעסטירטע, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען אַ סך, מיט וועלכע איך בין געווען צוזאַמען אין פאַרשיידענע טורמעס, אָדער איך האָב זיי געקענט פון דער אומלע־

גאַלער אַרבעט אויף דער פריי. מיר האָבן זיך האַרציק צעקושט און איך ווייס נישט פאַרוואָס מיר אַלע זענען געווען זייער צופרידן, וואָס מיר זיצן שוין ווידער צוזאַמען. מיר האָבן פשוט פאַרגעסן, ווו מיר געפינען זיך...

דער דיכטער וויטאָלד וואַנדורסקי האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די אַקסלען פון צוויי חברים און געהאַלטן אַ קורצע באַגריסונגס־רעדע. די וועכטער, וואָס זענען געשטאַנען אויף די וואַך־טורעמלעך, האָבן נישט רעאַגירט.

די מערהייט אַרעסטירטע איז באַשטאַנען פון אַ יוגנטלעכן עלע־מענט, ס׳רוב פון יונגע פּוילישע און יידישע אַרבעטער. אינטעליגענץ איז געווען רעלאַטיוו זייער ווייניק. דער אָפיציעלער רעפּרעזענטאַנט פון דער „קאָמונע" פאַר דער טורמע־אַדמיניסטראַציע איז געווען וויטאָלד וואַנ־דורסקי. ער איז געווען זייער פּאָפּולער ביי די לאָדזשער טעקסטיל־אַר־בעטער און אַקטיוו אויפן געביט פון פּוילישן טעאַטער־וועזן אין לאָדזש. ער האָט געהערט צו דער לינקער גרופּע פּוילישע שרייבער און דיכטער. אין טורמע האָט ער פאַרפאַסט אַ סך סאַטירישע לידער און טעאַטער־סצענקעס. וואַנדורסקי איז געווען אַ זייער אימפּולסיווע און קעמפערישע נאַטור און אַלס פאַרשטייער פון דער קאָמונע האָט ער געהאַט אָפטע צו־זאַמענשטויסן מיט דער טורמע־אַדמיניסטראַציע ביי פאַרטיידיקן די רעכט פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע. וואַנדורסקי האָט אָבער געהאַט גרויס אָנ־זען, סיי ביי דער אַדמיניסטראַציע און סיי ביי אונדז אַלעמען, און עס איז פאַר אונדז געווען אַ גרויסער „פאַרלוסט" ווען ער איז געוואָרן באַפרייט פון טורמע. ער איז שפּעטער אַוועק קיין רוסלאַנד און לאָמיר ווידער באַ־מערקן, אַז ער איז דאָרט אומגעקומען אַלס „פּוילישער שפּיאָן" און פאַר־רעטער...

אויף די פאַרזאַמלונגען אין די קאַמערן איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייע פאַרוואַלטונג און מיך האָט מען באַשטימט אַלס דעם „סטאַראָס־טע" פון דער קאָמונע אויף וואַנדורסקיס אָרט.

די פרויען־אָפּטיילונג האָט געהאַט איר „דעלעגאַטקע", וועלכע איז געשטאַנען מיט אונדזער אָנפירונג אין אַן ענגן קאָנטאַקט סיי דורך בריוו („גריפסן") און סיי בעת די זעאונגען איינמאָל אַ וואָך, אָדער ווען מען

האָט אַן אַרעסטאַנטקע געפירט צוזאַמען מיט די מענער צום געריכט, אָדער אויספאָרש־ריכטער. אַזעלכע געלעגנהייטן זענען געווען כמעט יעדע וואָך.

די הויפט צרה אין דער דאָזיקער טורמע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי איז געווען „צו קליין". זי איז אויפגעבויט געוואָרן פון די צאַרישע הערשער אין פוילן און אויפן טורמע־הויף האָט מען אין 1905 — 1906 געהאַנגען און געשאָסן פוילישע רעוואָלוציאָנערן. די צאַרישע מאַכט האָט געהאַט ווהין צו פאַרשיקן די פּאָליטיש־אַרעסטירטע, ווען עס איז אויסגעקומען חדשים־לאַנגע און אפילו יאָרן צו וואַרטן אויף זייערע פּראָצעסן. די פּוילישע מאַכט האָט נישט געהאַט די דאָזיקע מעגלעכקייט און דערפאַר איז די טורמע געווען שטענדיק איבערגעפולט. זי איז געווען צו קליין פאַר אַזאַ גרויסן און אומרואיקן אַרבעטער־צענטער ווי דאָס איז געווען לאָדזש מיט זיינע אָפטע קאָמוניסטישע טעקסטיל־שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס. זענען טאַקע די לעבנס־באַדינגונגען אין דער דאָזיקער טורמע געווען שרעקלעכע. מען איז געשלאָפן צוזאַמענגעפּרעסט אויף דער פּאָדלאָגע און פון דעם שטויב פון די אַלטע שטרוי־זעק, בעת מען האָט זיי אויסגעלייגט צום שלאָפן, פלעגט ממש פינצטער ווערן אין דער קאַמער. ביינאַכט איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען און אינדערפרי האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָנצערט פון הוסטן, און געשפיגן האָט מען אין אַלע ווינקעלעך פון דער קליינער קאַמער. צוליב אָט דער שרעקלעכער ענגשאַפט אין דער טורמע האָב איך זייער אָפט אינטערוועניִרט ביים טורמע־נאַטשאַלניק, אַז ער זאָל וואָס גיכער אַרויסשיקן אין פּראָווינצער טורמעס די אַלע, וואָס האָבן שוין געהאַט זייערע פּראָצעסן אין דער ערשטער געריכטס־אינסטאַנץ, אָבער לויט דער געריכטס־פּראָצעדור האָבן זיי זיך נאָך נישט גערעכנט אַלס באַשטראָפטע.

די טראַנספּאָרטן האָבן מיר באַגלייט מיט גרויסע „פייערונגען". עס פלעגט פאָרקומען אַן אָפּשייד־אָוונט ביי אַ גלעזל טיי מיט ברויט און ווורשט און אפילו זיסיקייטן אויך. די, וואָס פלעגן גיין מיטן טראַנספּאָרט, האָט מען געגעבן אַביסל געלט פון דער געמיינזאַמער קאַסע, עסן, ציגאַרעטן, שרייב־מאַטעריאַל און זיי באַגלייט מיטן געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל".

ווי איך האָב שוין באַמערקט, זענען די אַרעסטאַנטן אין זייער מער־הייט באַשטאַנען פון יוגנטלעכע פּוילישע אַרבעטער פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, פון די גרויסע לאָדזשער טעקסטיל־פאַבריקן, ווו זייערע על־טערן און זיידעס האָבן שוין דאָרט געאַרבעט. פון די געשפּרעכן מיט דער דאָזיקער יוגנט האָט מען זיך דערוווסט וועגן דער גרויסער נויט און מאָ־ראַלישן צושטאַנד. אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען גאָר אַ סך פּוילישע אַרבעטער־פאַמיליעס.

אַ משפּחה פון 8 און 10 מיטגלידער האָט געלעבט אין איין צימער אין ווין־הייזער אָן די עלעמענטאַרסטע היגיענישע באַדינגונגען. פליישׁ פלעגט מען זעלטן זען אין אַזאַ שטוב און דער עיקר עסן איז באַשטאַ־נען פון קאַרטאָפל מיט קרויט און אַ צוגעטיילט שטיקל ברויט. נישט אַלע קינדער פון דער שטוב האָבן געהאַט שיך און איין קינד האָט געטראָגן די שיך פון אַ צווייטן ביים אַרויסגיין אין גאַס אַריין. דאָס זעלביקע איז אויך געווען מיט אַ וואַרעמען מלבוש. די דאָזיקע אָרעמקייט האָט זיך נישט נאָר דערקלערט מיט די נידעריקע לוינען פון אַ לאָדזשער טעקסטיל־אַרבעטער, נאָר אויך מיט דעם פאַקט, וואָס נישט אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע האָבן געהאַט אַרבעט. כמעט אין יעדער אַרבעטער־פאַמיליע איז געווען אַ טייל, וואָס איז אין משך פון חדשים געווען אַרבעטלאָז אָדער נאָר געאַרבעט עטלעכע טעג אין וואָך. די אַרבעטלאָזע־אונטערשטיצונג איז געווען אַ זייער נידעריקע און באַגרעניצט בלויז צו אַ געוויסער צייט.

פון די דאָזיקע יוגנטלעכע אַרבעטער האָב איך זיך אויך דערוווסט וועגן דעם שרעקלעכן מאָראַלישן צושטאַנד, וואָס האָט געהערשט אין אַ סך אַרבעטער־פאַמיליעס. ווױנענדיק אין גרויס ענגשאַפט, האָבן די קינדער פון ביידע געשלעכטער געמוזט שלאָפן צוזאַמען אין איין בעט. די אונטערוואַקסנדיקע יינגלעך צוזאַמען מיט די מיידלעך. די מאַמעס, אלמנות מיט זייערע זין און דער פאָטער מיט זיין טאָכטער. עס זענען געבוירן געוואָרן קינדער פון אַזעלכע אומנאָרמאַלע געשלעכטלעכע באַצי־אונגען. דאָס האָט פּאַסירט באַזונדערס אין די פאַלן, ווען דער פאָטער אָדער זון איז אַהיימגעקומען שפּעט ביינאַכט אין אַ שיכורן צושטאַנד. אַן ענלעכער צושטאַנד האָט אויך געהערשט אין פּוילישן דאָרף, ווי דאָס

האָט מיר דערציילט אַ פּויער, מיט וועלכן איך בין געזעסן אין איין קאַ־מער.

הילף פון דרויסן פלעגן די אַרעסטאַנטן־אַרבעטער באַקומען איין מאָל אין וואָך — זונטיק. פּרויען מיט קינדער אויף די הענט פלעגן שטיין ביי דער טורמע־מויער און וואַרטן מיט זייערע קיישלעך ביז דאָס קליינע אייזערנע טירל האָט זיך געעפנט און מען האָט זיי אַריינגעלאָזט אויף אַ זעאונג מיט זייערע מענער אָדער קינדער. אַט די דאָזיקע אַרבעטער־פּרויען האָבן אויף אַ זייער ווערדיקן אופן באַהאַלטן זייער אָרעמקייט פאַר מענטשלעכן אויג און זויבערע און שיין פאַרפּוצטע געקומען זען זייערע נאָענטע. זיי האָבן אַ גאַנצע וואָך עפּעס אָפּגעשפּאָרט, כדי נישט קומען מיט ליידיקע הענט. איז טאַקע זונטיק געווען אין טורמע דער טאָג פון „שפע". דער ווירטשאַפטלעכער פאַרוואַלטער האָט געהאַט אַ סך צו טאָן, ווייל אַלץ, וואָס מיר האָבן באַקומען פון דער פריי, איז געגאַנגען אין דער ווירטשאַפטלעכער קאָמונע.

אין לאָדזש האָט עקזיסטירט פאַר דער אָרעמקייט אַ הונט־מאַרק, וווּ מען האָט פאַרקויפט הינט אויף פלייש. אַ פעטער הונט האָט, פאַרשטייט זיך, מער געקאָסט. האָבן זיך אַרבעטער־פאַמיליעס צונויפגעלייגט און בשותפות געקויפט אַ הונט אויף זונטיק און אַ פעטן חלק געבראַכט אין טורמע. מיר יידישע אַרעסטאַנטן זענען נישט געווויינט געווען צו אַזאַ מאכל און כל זמן מיר האָבן נישט געוווּסט וועגן דעם, האָבן מיר גאַנץ געשמאַק געגעסן דאָס הונט־פלייש. שפּעטער אָבער, ווען מיר האָבן זיך דערפון דערוווּסט, האָבן גאָר אַ סך פון אונדז אויסגעמיטן דאָס דאָזיקע פלייש. פּוילישע יוגנטלעכע, אין אַ גוטער שטימונג נאָכן זונטיקדיקן עסן, האָבן אַביסל חוזק געמאַכט פון אונדז אויף אַ גוטמוטיקן אופן. זיי האָבן זיך געשטעלט אויף אַלע פיר און אויף אונדז „געבילט"...

פאַר אַ סך פון דער פּוילישער און יידישער אַרבעטער־יוגנט איז דאָס טורמע־לעבן געווען אַן אָפּרו, ווייל זיי האָבן בעסער געגעסן ווי אויף דער פריי און געהאַט אַ מעגלעכקייט צו לייענען און זיך צו לער־נען. בכלל אָבער איז דער גייסטיקער ניוואָ פון די פּוילישע אַרעסטאַנטן געווען אין דורכשניט אַ סך אַ נידעריקערער ווי פון די יידישע. דער יידי־שער עלעמענט איז אויך געווען מער דיסציפּלינירט. אויך דער פּאַרטיי־

טטאַזש פון די אַרעסטאַנטן איז געווען אַ נידעריקער אין פאַרגלייך מיט די, וואָס זענען געווען מיט מיר צוזאַמען מיט עטלעכע יאָר צוריק. דאָס איז געווען אַן עלעמענט אַ האַלב רויער פון פאַרטיי־פּאָליטישן שטאַנד־פּונקט.

פאַרן געריכט אין לאָדזש

איך האָב באַקומען אַ מעלדונג פון געריכט, אַז אָנהויב אויגוסט 1928 וועט פאָרקומען מיין פּראָצעס. מיין פרוי האָט געבעטן איר פריינ־דין, די אין וואַרשע און אין גאַנץ פּוילן באַקאַנטע אַדוואָקאַטין פאַר פּאָ־ליטישע פּראָצעסן, פרוי אסתר איווינסקא, אַז זי זאָל מיך באַזוכן אין טורמע און איבערנעמען די פאַרטיידיקונג אין מיין פּראָצעס. אסתר אי־ווינסקא, וואָס איז געווען אַן אָנגעזעענע און אַקטיווע בונדיסטקע, האָב איך נאָך געקענט פון די פריערדיקע יאָרן. אַ מענטש מיט אַ גרויס און וואַרעם האַרץ, איז זי געווען זייער פּאָפּולער ביי דער וואַרשעווער יידי־שער אָרעמקייט און משפחות פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן ביי איר געזוכט יורידישע הילף.

זי איז טאַקע ספּעציעל געקומען פון וואַרשע און אין הסכם מיט די געריכטלעכע פאָרשריפטן האָט אַן אַדוואָקאַט — אַ פאַרטיידיקער גע־האַט אַ רעכט צו בלייבן אויג אויף אויג מיטן אַרעסטאַנט, זיין קליענט.

מיר האָבן טאַקע אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט אין אַ צימער פון דער אַדמיניסטראַציע און אַ חוץ מיין ענין האָבן מיר נאָך אַ סך גערעדט צווישן זיך וועגן אַלגעמיינע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן. די צייט איז גאָר גיך פאַרשוווּנדן און מיר האָבן זיך געמוזט שיידן.

דאָס איז נישט געווען דאָס לעצטע מאָל, ווען איך האָב געדאַרפט אָנקומען נאָך הילף צו דער דאָזיקער נאָבעלער פרוי, וואָס האָט שטענ־דיק אַרויסגעוויזן אַ סך ליבע צו די שוואַכע און הילפלאָזע און איז שטענ־דיק גרייט געווען זיי צו העלפן (אסתר איווינסקא איז אַ שוועסטער פון באַרימטן בונדישן לידער וויקטאָר אלטער, וואָס איז אויף אַן אכזריות־דיקן אופן אומגעבראַכט געוואָרן אין רוסלאַנד אין יאָר 1943).

ווען די דאַטע פון פּראָצעס איז שוין געווען אַ באַשטימטע, האָב

איך אַנגאַזשירט אַלס פּאַרטיידיקער הענריק ערליך, וואָס האָט צוזאַמען מיט די באַרימטע אַדוואָקאַטן לעאָן בערנסאָן, שמיאַראָווסקי, פּיאָטר קאָן, לייב לאנדאו, האָניגוויל און דוראַטש געהערט צו די בעסטע פּאַרטיידיקער אין פּאָליטישע פּראָצעסן. כאָטש ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע פירער פון „בונד" אין פוילן און האָט שטאַרק באַקעמפט סיי אין וואָרט און סיי אין שריפט די קאָמוניסטישע באַוועגונג, האָט דער „מאָפּר" גאָרנישט געהאַט דאַקעגן, אַז ער זאָל איבערנעמען מיין פּראָצעס.

ה. ערליך האָט זיך באַקענט מיט מיין באַשולדיקונגס־אַקט, וואָס מיין פרוי האָט אים איבערגעגעבן, און ער האָט פאַר איר אויסגעדריקט זיין הסכם מיך צו פּאַרטיידיקן פאַרן לאַדזשער קרייז־געריכט.

מיר, פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, האָבן שוין געוווּסט פון דער דערפאַרונג, וועלכער ריכטער־צוזאַמענשטעל איז אַ גוטער און וועלכער אַ שלעכטער, וואָס שיט מיט גרויסע אורטיילן. בכלל איז אין דער קאָמונע ביי אונדז געווען איינגעשטעלט אַזאַ אָרדענונג, אַז מיר פלעגן אינסטרואירן די באַשולדיקטע, ווי אַזוי זיך צו האַלטן אויפן געריכט און זיך באַקענען מיטן באַשולדיקונגס־אַקט, כדי אָנצווייזן דעם באַשולדיקטן, אויף וועלכע פראַגן און ווי אַזוי ער דאַרף ענטפערן פאַרן געריכט. דערהויפּט אָבער איז עס אונדז געגאַנגען אין דעם, אַז דער באַשולדיקטער זאָל זיך האַלטן ווערדיק אויפן פּראָצעס און נישט בעטן גאָרנישט ביי די ריכטערס, אין זיין לעצט וואָרט, ווען אפילו דאָס זאָל זיין פאַר אים פאַרבונדן מיט אַ גרעסערער שטראָף.

פאַר נישט האַלטן זיך געהעריק אין געריכט האָט מען באַשטראָפט ביזן אויסשליסן פון דער קאָמונע און מיט אָפּנעמען די שטיצע פון „מאָפּר" ביי דער פאַמיליע אויף דער פריי.

ה. ערליך האָט זיך מיט מיר געזען אין געריכט־צימער פאַרן אָנהויב פון פּראָצעס און מיר דערקלערט, מיט גרויס באַדויערן, אַז די קאָניונקטור אין געריכט איז פאַר מיר נישט קיין גוטע, מחמת מיטן זעלביקן צוג פון וואַרשע איז מיט אים אויך געפאָרן פּאַגאָזשעלסקי, דער שעף פון דער פּאָליטישער פּאָליציי אין וואַרשע, וואָס וועט אַרויסטרעטן אַלס הויפּט־עדות מצד דער באַשולדיקונג. און ער האָט געקענט מיין פאַרגאַנגענהייט.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען, ווי ה. ערליך האָט פאָרויסגעזען. נאָכן אָפיציעלן צערעמאָניאַל פון לייענען דעם באַשולדיקונגס־אַקט קעגן מיר האָט פּאָגאָזשעלסקי זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן געריכט און אין אַ שעהדי־קער רעדע דערציילט פאַר די ריכטער ווער איך בין, נישט אַרויסלאָזנדיק קיין איין וויכטיקן פּרט פון מיין טעטיקייט אין פּוילן, דייטשלאַנד און רוסלאַנד. אפילו וועגן מיין אַקטיוויטעט אין טורמע האָט ער נישט פאַר־געסן צו דערציילן פאַר די ריכטער. ער האָט באַזונדערס אונטערגעשטראָכן דעם פאַקט וועגן מיין לעצטן אַרעסט אויף דער דאַנציקער גרעניץ און די דאָלאַרן, וואָס מען האָט ביי מיר געפונען און אַז דער צווייטער באַשול־דיקטער אין פּראָצעס (גרשון דוא), געפינט זיך איצט אין מאָסקווע און איז טעטיק אין קאָמינטערן. זיין עדות־זאָגן האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די ריכטער.

ה. ערליך האָט תיכף פאַרלאַנגט אַ וואָרט און געפאָדערט, אַז דער עפּיזאָד מיט די דאָלאַרן זאָל נישט אַריינגעטראָגן ווערן אין פּראָטאָ־קאָל, ווייל דער לעמבערגער אויספאָרש־ריכטער האָט אַנולירט די אויס־פאָרשונג קעגן מיר און פּאָגאָזשעלסקי האָט דעריבער נישט קיין רעכט זיך צו באַנוצן מיט אַזאַ אַרגומענט. די דאָזיקע פעסטשטעלונג האָט אַביסל אָפּגעשוואַכט דעם פריערדיקן איינדרוק און פּאָגאָזשעלסקי איז געווען שטאַרק אין כעס.

ה. ערליך האָט געהאַלטן אַ גלענצנדיקע פאַרטיידיקונגס־רעדע, סיי לויט איר פאָרעם און סיי לויט איר לאָגישן און באַגרינדעטן אינהאַלט. בעת ה. ערליך האָט איינעם נאָכן צווייטן צעקלאַפּט די אַרגומענטן און פאַקטן פון דער באַשולדיקונג, האָב איך ביי מיר געטראַכט, אַז אַלץ איז אייגנטלעך אמת, וואָס דער דעפענזיווע־קאָמיסאַר האָט דערציילט וועגן מיר. אין אַ באַשטימטן מאָמענט פון ערליכס רעדע איז טאַקע צו מיר צוגעשפּרונגען פּאָגאָזשעלסקי און אַ געשריי געטאָן: „הא, איר לאַכט נישט אַליין פון דעם אַלעמען, וואָס אייער פאַרטיידיקער זאָגט וועגן אייך? מיר ווייסן דאָך יאָ דעם אמת!“ איך האָב אים גאָרנישט געענטפערט. נאָכן פאַרטיידיקער האָט גערעדט דער פּראָקוראָר און פאַרלאַנגט פאַר מיר אַ גאָר הויכע שטראָף. ה. ערליך האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ רעפּליק און איך האָב בלויז דערקלערט, אַז איך פיל מיך אומשולדיק.

דאָס געריכט איז אַוועק אויף אַ באַראַטונג, וואָס האָט זיך זייער לאַנג פאַרצויגן. פּאָגאָזשעלסקי האָט מיך „געטרייסט”, אַז איך וועל באַקומען בלויז 4 יאָר. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. דאָס געריכט האָט מיך פאַרמשפּט צו 4 יאָר שווערע תפיסה מיט פאַרלירן אַלע בירגערלעכע רעכט און אפילו מיר נישט פאַררעכנט די צייט, וואָס איך בין געזעסן ביזן געריכט מיטן מאָטיוו, ווייל איך בין אַנטלאָפן פון טורמע.

פּאָגאָזשעלסקי איז קענטיק געווען אומצופרידן פון דעם אורטייל און ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז איך וועל נאָך אַריינפאַלן אין זייגע הענט. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער איז דאָס טאַקע מקוים געוואָרן...

אויף ערליכן האָט דער דאָזיקער אורטייל געמאַכט אַ שווערן איינדרוק, און ער האָט מיך געטרייסט און געהייסן אַפּעלירן צום העכערן געריכט. צו מיין פרוי, וואָס האָט געוואַרט ביי איר מוטער אין שטוב אויפן רעזולטאַט פון געריכט, האָט ערליך נישט געקאָנט גיין און איר ברענגען די דאָזיקע אומאַנגענעמע נייעס. דאָס איז געווען אַ זייער נאָבעלער מענטש און ער האָט נישט געקאָנט ביי זיך דאָס פועלן. אַ חוץ דעם האָט ער זיך אויך גערעכנט דערמיט, וואָס מיין פרוי האָט זיך שוין געפונען אין די „הויכע חדשים” און האָט שוין געדאַרפט אַ ליאַדע טאָג גיין אין קליניק. עס האָבן זיך אָבער אויפן געריכט געפונען פריינט און באַקאַנטע, וואָס האָבן דאָט געטאָן פאַר אים.

איך האָב געמאַכט אַן אַפּעלאַציע און אויף דער אָנווייזונג פון ה. ערליכן איבערגעגעבן די פאַרטיידיקונג דעם באַרימטן אַדוואָקאַט לעאָן בערנסאָן. נאָך עטלעכע חדשים איז מיין ענין באַטראַכט געוואָרן אין אַפּעלאַציע־געריכט שוין אין מיין אָפּוועזנהייט און עס איז מיר פאַרביטן געוואָרן די 4 יאָר שווערע תפיסה אויף 3 יאָר פעסטונג.

אין דער „קאָמונע” האָט מען מיין אורטייל אָפּגעשאַצט אַלס אַ מילדן און אַזוי איז עס טאַקע געווען, באַמענדיק אין אַכט, אַז עס האָט שוין דעמאָלט געהערשט דער פּילסודסקי־רעזשים. אַ טייל האָט דאָס דערקלערט מיט דער גלענצנדיקער פאַרטיידיקונג פון ערליכן און אַנדערע — מיטן גוטן צוזאַמענשטעל פון די ריכטער.

אין טורמע האָט אָנגעהויבן צו קאָכן. קאָנפליקטן אויף קאָנפליקטן האָבן זיך געמערט מיט דער אַדמיניסטראַציע און איך האָב נישט געהאַט

קיין צייט צו טראַכטן וועגן מיין געריכט־אורטייל. פון דער פריי האָב איך באַקומען די ידיעה, אַז מיין פרוי האָט געבוירן אַ ייִנגעלע ביי זייער שווערע באַדינגונגען און מיין פּאַרטיי־פּסיידאָנים האָט זי אים געגעבן אַלס נאָמען. פון אַלע זייטן האָב איך באַקומען „ווינשעוואַניעס״ און איך האָב אַלעמען פאַרטיילט זיסיקייטן.

אין אַ הייסן סעפּטעמבער־טאָג איז ווידער אויסגעבראָכן אַ סקאַנ־דאַל מיטן טורמע־נאַטשאַלניק און אַלס רעפּרעסיע זענען די טורמע־וועכ־טערס באַפאַלן די קאַמערן און אַרויסגעשלעפּט פון זיי מיך מיט נאָך אַ גרופּע פון די סאַמע אַקטיוויסטע. מ'האָט אונדז מיט געוואַלט אַריינגע־וואָרפן אין פּאָליציייאישע קעטשלעך און אַרויסגעפירט צום קאַלישער וואָקזאַל. דאָס ביסל זאַכן האָט מען אונדז נאָכגעוואָרפן אין די קעטשלעך אַריין. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער טומל אין דער טורמע, אָבער ביז וואָס ווען האָט זיך שוין דאָס טורמע־טויער געהאַט הינטער אונדז פאַרקלאַפּט.

מיר האָבן געוואָלט אויפן וואָקזאַל מאַכן אַ טומל, אָבער מען האָט אונדז געהאַלטן פאַרמאַכט אין קעטשל אַזוי לאַנג, ביז עס איז אָנגעקו־מען דער צוג. אַ גרופּע באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן האָבן אונדז אַרומגע־רינגלט און מיט כוח אַריינגעשטופּט אין רעזערווירטן וואַגאָן. וווהין מיר פאָרן — דאָס האָבן מיר נישט געוווּסט און די פּאָליציאַנטן האָבן אויך אונדז נישט געוואָלט דאָס זאָגן. מיר האָבן זיך אַלע געפונען אין אַ טרויעריקן צושטאַנד: אין צעריסענע העמדער, אין שטעק־לאַטשן, מידע נאָכן גרויסן טומל, וואָס מיר האָבן אויפגעהויבן אין טורמע און הייזע־ריקע פון שרייען.

נאָך אַ שעה אַנדערטהאַלבן פאָרן האָבן מיר זיך שוין משער געווען, וווהין מען פירט אונדז. בעת דער שלעפּ־צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אין שעראַדז, האָט מען אונדז באַפוילן אויסצושטייגן. עס איז שוין געווען פאַרנאַכט און אויף דער באַן־סטאַנציע האָט געהערשט אַ גאָר שוואַכע פּאַ־סאַזשירן־באַוועגונג. עס האָט דעריבער נישט געהאַט קיין שום זין, אַז מיר זאָלן מאַכן אַ טומל. האָבן מיר מידע און אויסגעשעפּטע רואיק גענומען דעם וועג פון וואָקזאַל צו דער טורמע.

דאָס איז געווען אַן אַלטע טורמע נאָך פון די צאַרישע צייטן און

אַ סך פון אונדז זענען, אין תוך גענומען, געווען צופרידן פון דער ענדע־רונג, ווייל דאָ וועט מען האָבן מער לופט און רוים. נאָר פאַר די פּאָ־מיליעס וועט זיין ערגער. זיי וועלן נישט קענען אונדז באַזוכן יעדע וואָך.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען אונדז איינגעאָרדנט אין אַלגעמיינע קאַמערן צו עטלעכע פּערזאָן אין יעדער און אונדז דערקלערט דעם טור־מע־רעגולאַמין. איך האָב זיך געמאָלדן צום טורמע־נאַטשאַלניק אין נאָ־מען פון אונדזער גרופּע און געהאַט מיט אים אַ לאַנגן געשפּרעך וועגן די רעכט פון פּאָליטישע אַרעסטירטע. פון דעם דאָזיקן געשפּרעך איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דער טורמע־נאַטשאַלניק האָט נישט קיין אינטערעס צו פירן קאַמפן און צו פּראָוואָצירן קאָנפליקטן. עס האָט אין דער טורמע גע־הערשט אַ טויטע שטילקייט. יעדער טאָג איז געווען ענלעך צום צווייטן און די מענטשן, וואָס זענען דאָ אָפּגעקומען זייערע לאַנג־טערמיניקע שטראָפן פאַר פאַרשיידענע קרימינעלע פאַרברעכנס, האָבן געציילט די יאָרן, חדשים און וואָכן, ווען זיי וועלן שוין באַפרייט ווערן.

דאָ האָבן מיר זיך גאָר שטאַרק געפילט איזאָלירט פון דער וועלט, ווייל אין דער לאָדזשער תפיסה האָט מען זייער אָפט געבערענגט נייע אַרעסטירטע אָדער באַפרייט אַרעסטירטע, בעת דער אויספאָרשונג. האָט זיך אין דער שעראַדזער תפיסה געלעבט רואיקער און מען האָט געקאָנט געניסן פון אַ רייכער ביבליאָטעק, וואָס איז דאָ געווען. אַ חוץ דעם האָט דער „מאָפּר" אונדז באַזאָרגט מיט שפּייז־פּעקלעך און פּאַרטיי־ליטעראַ־טור. די קאָנטראָל אין אַ שטראָף־טורמע איז שטענדיק געווען אַ לייכטע־רע, ווי אין אַן אויספאָרש־טורמע. אין איין פּרט איז מיר געווען ערגער ווי אין דער לאָדזשער טורמע. אין לאָדזש איז מיר געלונגען זיך צו פאַר־בינדן מיט אַ טורמע־וועכטער, וואָס האָט אויסגעדריקט זיין הסכם איינצו־שטעלן אַ רעגולערע פאַרבינדונג צווישן מיר און מיין פרוי. אין די פרייע שעהן נאָך זיין דינסט פלעגט ער זיך אָן איבערגעטוענער אין ציווילע קליידער זען מיט מיין פרוי. זי האָט אים געגעבן פּאַרטיי־ליטעראַטור און מיך שריפטלעך אינפאָרמירט נישט נאָר וועגן פּערזענלעכע ענינים, נאָר אויך וועגן פּאַרטיי־לעבן אויף דער פריי. די דאָזיקע פאַרבינדונג האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע חדשים און איז געמאַכט געוואָרן אויף זייער אַ קאָנ־ספּיראַטיוון אופן, ווייל סיי דעם וועכטער און סיי מיין פרוי האָט דער־

פּאַר גערדראַט מיט שווערע קאָנסעקווענצן (פּאַר איבערקויפן אַ מלוכה־באַ־אַמטן).

דער קאַמף פון קאָמינטערן קעגן די רעכטע

אַ דאַנק דער געהיימער קאָרעספּאָנדענץ און דער אומלעגאַלער פּאַר־טיי־ליטעראַטור, וואָס איך פלעג באַקומען פון דער פריי, האָב איך נישט פאַרלוירן דעם לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט דער פּאַרטיי־אָנפירונג און גע־ווען אינפאָרמירט וועגן דעם אַלעמען, וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי און פון דער אוקראַי־נישער פּאַרטיי.

איך האָב שוין ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט אונטערגעשטראָכן, אַז די אָנפירונג פון דער ק. פּ. פּ. איז געווען ענגער פאַרבונדן מיט די רוסי־שע באָלשעוויקעס, ווי וועלכע עס איז נישט אַנדערע קאָמפּאַרטיי אין אויסלאַנד, און יעדע ענדערונג אין דער ליניע פון דער וו. ק. פּ. אָדער אין דעם פאַרזאַמלעכן צוזאַמענשטעל פון דער רוסישער פּאַרטיי אָנפירונג האָט שטענדיק געהאַט אַ דירעקטן פּאָליטישן איינפלוס און אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָנסעקווענצן אויך פאַר דער אָנפירונג פון דער ק. פּ. פּ. אין קאָמינ־טערן האָט מען גאַנץ גוט געוווסט, אַז די פירער פון דער מערהייט־פראַק־ציע: וואַרסקי, קאָסטשעווואַ, בראַנד, וואַלעצקי א"אַ שטייען נאָענט צו בוכאַרינס גרופּע אין מאָסקווע און צו בראַנדלערן און טאַלהיימערן אין דייטשלאַנד. זיי זענען טאַקע צוליב דעם באַטראַכט געוואָרן אַלס רעכטע. דאַקעגן זענען די פירער פון דער מינדערהייט־פראַקציע: פּידלער, לענסקי, טאָמאַראַווויטש, אַמסטערדאַם א"אַ, געשטאַנען נענטער צו די לינקע אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. דאָס מיינט נישט, אַזביידע פראַקציעס זע־נען נישט גרייט געווען אין יעדן מאָמענט צו קאַפּיטולירן פאַר דער אָפּי־ציעלער אָנפירונג אין מאָסקווע, אומאָפּהענגיק דערפון, ווער עס זאָל נישט אין דעם געגעבענעם מאָמענט שטיין אין דער שפּיץ פון דער מאָסקווער אָנפירונג. ביי אַלע פירער פון דער קאָמפּאַרטיי אין פּוילן האָט דעמאָלט דאָמינירט די דינסט־באַרייטשאַפט צום מאָסקווער רעזשים, אין וועלכן זיי האָבן געזען דעם אַוואַנגאַרד פון דער אינטערנאַציאָנאַלער רעוואָלוציע

און די ערשטע אַרבעטער־רעגירונג אין דער וועלט, וואָס בויט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע אַ נייע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

די אַבסאָלוטע אידעאישע, פּאָליטישע, און מאָראַלישע אָפּהענגיקייט און נישט צו לעצט אויך די מאַטעריעלע האָט פאַרוואַנדלט די פּוילישע קאָמוניסטישע פירער אין אַ ווילנלאָזן אינסטרומענט אין די הענט פון די קרעמלער מושלים. דאָס האָט דאָס רוסישע פּאָליט־ביוראָ גאַנץ גוט גע־וווּסט און געפּילט און איז דעריבער שטענדיק זיכער געווען מיטן פּוילישן פאַרבינדעטן. ביי אַלע געלעגנהייטן, ווען די פאַרביטערונג ביי וואַרסקין אָדער קאָסטזשעוואַן איז געווען זייער שטאַרק קעגן די רוסישע פירער פון קאָמינטערן פלעגן זיי אָבער צוגעבן: מיר מוזן זיך אונטערוואַרפן זייערע באַשלוסן, ווייל זיי, די רוסן, האָבן די ערשטע אַדורכגעפירט די גרעסטע רעוואָלוציע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

סוף 1928 האָט זיך אָנגעהויבן אין מאָסקווע דער קאַמף קעגן דער רעכטער גרופּע: בוכאַרין, ריקאָוו־טאָמסקי. סטאַלין האָט געהאַלטן, אַז איצט איז געקומען דער מאָמענט צו ליקווידירן זיין פאַרבינדעטן אין קאַמף קעגן דער לינקער אָפּאָזיציע פון טראָצקי־זינאָוויעוו־קאַמעניעוו. אָפיציעל האָט עס געהייסן, אַז בוכאַרין און זיין גרופּע זענען קעגן דעם שנעלן טעמפּ פון אינדוסטריאַליזאַציע אויפן חשבון פון די עלעמענ־טאַרסטע באַדערפענישן פון די רוסישע מאַסן. דאַקעגן זענען סטאַלין, מאָ־לאָטאָוו און קאַגאַנאָוויטש געווען פאַר אַן אינטענסיוון פונאַנדערבוי פון דער סאָוועטישער שווער־אינדוסטריע און פון דער קריגס־אינדוסטריע.

בוכאַרין האָט געמוזט פאַרלאָזן זיין הויכן אַמט אין קאָמינטערן און אויף זיין אָרט איז געקומען מאָלאָטאָוו. עס האָבן זיך דעמאָלט אָנגעהויבן „ריינִיקונגען" אין די אויסלענדישע סעקציעס פון קאָמינטערן. פאַרשטייט זיך, נאָך נישט אין דעם זין, ווי מיר פאַרשטייען דאָס היינט. מען האָט באַזייטיקט פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג מענטשן, אָבער פיזיש האָט מען זיי נאָך נישט פאַרניכטעט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אויף דער גאַנצער ליניע אַ קאַמף קעגן רעכטן, בוכאַרישן אָפּנויג.

מאַנואילסקי האָט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט אַ שאַרפן אַרטיקל קעגן די בראַנדלעריסטן אין דייטשלאַנד און מען האָט זיי אויסגעשלאָסן פון דער דייטשער קאָמפּאַרטיי. אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט מאַנואילסקי

אויך דערמאָנט קאָסטזשעוואַן, נו, איז זיך שוין נישט געווען שווער פאַר־צושטעלן וועגן גורל פון די פּוילישע רעכטע.

וואַרסקי און זיין גרופּע האָבן געהאַט די אילוזיע און די פאַלשע אויסרעכענונג, אַז אויב זיי שטיצן סטאַלינען אין די רוסישע ענינים, וועלן זיי קענען רעכענען אויף זיין הילף אין די פּוילישע ענינים. און זיי האָבן פאַרעפנטלעכט אין טעאָרעטישן פּאַרטיי־אָרגאַן „נאָווי פּשעגלאָנד" פּראָ־סטאַליניסטישע אַרטיקלען. זיי האָבן אָבער פאַרגעסן, אַז סטאַלין האָט אַ גאַנץ גוטן זכרון און ער איז קיינעם גאָרנישט מוחל. די רעכטע האָבן אַמאָל שוין געשטיצט בראַנדלערן און בוכאַרינען און דערפאַר האָבן די מינדערהייטלער איצט געהאַט אַ גוטע קאָניונקטור אין קאָמינטערן און מאַלאַטאָוו האָט זיי געשטיצט. די סטראַטעגיע פון וואַרסקין און קאָס־טזשעווא איז גאָר גיך פולקאָם אדורכגעפאַלן.

מיר אין דער טורמע, ווי געזאָגט, האָבן באַקומען די פּאַרטיי־ליטע־ראַטור און זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די פראַקציאָנעלע קאַמפן. אונדזער מיינונג איז געווען פון גרויס באַדייטונג פאַר די קעמפנדיקע צדדים. די רעזאָלוציעס וואָס מיר האָבן אָנגענומען, זענען אויסגענוצט געוואָרן אַלס וואָגיקע אַרגומענטן אין פראַקציאָנעלן קאַמף. אין דער לאָדזשער טורמע האָבן מיר, מערהייטלער, געהאַט אַ מערהייט, ווייל די לאָדזשער קאָמו־ניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַלטן מיט דער מערהייט. די דיסקוסיעס און קאַמפן פלעגן זיך פאַרציען ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַריין און נישט איינמאָל האָט די טורמע־מאַכט אונדז „באַרואיקט", דראָענדיק מיט רעפּרעסיעס פאַר שטערן די רו אין די שפּעטע נאַכט־שעהן.

אין מיינע בריוועלעך, אָדער „גריפסן", ווי מען פלעגט דאָס רופן, האָב איך פאַרטײדיקט די ליניע, אַז די רעכטע דאַרפן נישט קאַפּיטולירן און אפילו דערפירן דערצו, אַז די אָנפירונג זאָל אַריבער אין די הענט פון די מינדערהייטלער. זאָלן זיי טראָגן די אחריות פאַר דער פּאַרטיי אין דער איבערציייגונג, אַז זיי וועלן זיך גאָר גיך קאָמפּראָמיטירן אין די אויגן פון קאָמינטערן. אין דער פּאַרטיי האָט דעמאָלט געהערשט אַ טיי־פער אָרגאַניזאַציאָנעלער קריזיס און די אָנפירונג איז פאַקטיש געווען געשפּאָלטן אויף חלקים. דריי מיטגלידער פון פּאָליטביוראָ האָבן געהערט צו דער מערהייט און דריי צו דער מינדערהייט און דאָס צינגל איז גע־

ווען דער פאָרשטייער פון קאָמינטערן סאקאליק, אייל צום פייער האָט צוגעגאָסן אַ מיטגליד פון צ. ק. דער מערהייטלער סטעפּאַנסקי (דאניע־לוק) מיט זיין אַרטיקל אין „נאָווי פּשעגלאָנד" וועגן דער צווייפּנימדיקער ראָל פון דער פּ. פּ. ס. אין דעם פּילסודסקי־פּוילן. ער האָט געהאַלטן, אַז דער קאַמף וואָס די פּ. פּ. ס. פירט קעגן דעם פּילסודסקי־רעזשים איז ווי אַ מעסער מיט צווי שאַרפן. איין שאַרף איז געווענדט קעגן דעם פּיל־סודסקי־לאַגער און די צווייטע קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס, ווייל די פּ. פּ. ס. איז אַ סאָציאַל־פאַשיסטישע פּאַרטיי. די מינדערהייט האָט זייער שטאַרק אָנגעגריפן סטעפּאַנסקין פאַר דער דאָזיקער באַהויפּטונג זיינער און אָנ־געוויזן דערויף, אַז דער גאַנצער קאַמף פון דער פּ. פּ. ס. קעגן פּיל־סודסקי־רעזשים איז נישט מער ווי אַ מאַנעווער, כדי אָפּצונאַרן די מאַסן, ווייל די פּ. פּ. ס. איז אַ פּיליע פון רעזשים, ווייל די פּ. פּ. ס. איז גע־וואָרן אַ פאַשיסטישע פּאַרטיי דערפאַר, ווייל די בורזשואַזיע אין פּוילן איז געוואָרן פאַשיסטיש. אויפן פּלענום פון צ. ק. אין יאַנואַר 1929 איז פאָרגעקומען אַ זייער שאַרפע דיסקוסיע, אָבער עס איז נאָך נישט דער־גאַנגען צו אַן ענדגילטיקן זיג פון די מינדערהייטלער. דער פּלענום האָט באַשלאָסן, אַז עס זאָל נישט געפירט ווערן אין דער פּאַרטיי קיין דיס־קוסיע איבער סטעפּאַנסקיס אַרטיקל.

אין 1929 איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער עקאָנאָמישער קריזיס אין דער וועלט. די סאָציאַליסטן פון פאַרשיידענע לענדער האָבן דעמאָלט לאַנסירט פּלענער ווי אַזוי איבערצובויען די היינטיקע קאַפּיטאַליס־טישע געזעלשאַפט. די קאָמוניסטן האָבן זייער שאַרף קריטיקירט די דאָזיקע פּלענער און אַנטקעגנגעשטעלט דעם קאַפּיטאַליסטישן סיסטעם מיט זיינע כראָנישע עקאָנאָמישע קריזיסן דעם סאָוועטישן סיס־טעם מיט זיין פּלאַן־ווירטשאַפט.

אויך אין פּוילן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער גאָלדענער רעגן פון אַמעריקע, וואָס האָט געדאַרפט פאַלן אויף פּוילן נאָך דער מאַי־אי־בערקערעניש, ווי דאָס האָבן פאָרויסגעזאָגט קאָסטזשעווא און בראַנד, איז נישט מקוים געוואָרן. עס איז געוואקסן די אומצופרידנקייט ביי די פּוילישע מאַסן פון שטאָט און דאָרף. פּילסודסקי איז ווייטער געגאַנגען אויפן וועג פון אויסבויען זיין טאָטאַליטאַרן רעזשים און עס איז פאַר־

שאַרפט געוואָרן דער קאַמף קעגן די דעמאָקראַטישע כוחות אין לאַנד, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דער פּ. פּ. ס. און דער פּוילישער ראַדי־קאַלער פּויערים־באַוועגונג. פון דער אַנדערער זייט איז אָבער אויך אָנ־געוואַקסן דער סאַמע רעאַקציאָנערער און אַנטיסעמיטישער פליגל פון דער פּוילישער בורזשואַזיע און פּריצים, וואָס זענען אָפּגעשטויסן גע־וואָרן פון זייערע מאַכט־פּאָזיציעס דורכן פּילסודסקי־רעזשים. די קאָמ־פּאַרטיי האָט גישט געהאַט קיין איינפלוס אויף דער דאָזיקער לאַגע אין לאַנד און געלעבט מיט איר איזאָלירט לעבן און געווען אַריינגעטאָן אין די אינערלעכע פראַקציאָנעלע קאַמפן. דער 4טער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און די ווייטער־דיקע פּלענומס פון צ. ק. האָבן נישט דערפירט צו קיין שום קאָנסאָלידאַציע פון דער פּאַרטיי. פאַרקערט, דער אינערלעכער אָר־גאַניזאַציאָנעלער קריזיס האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט.

אין יוני 1929 קומט ווידער פאַר אַ פּלענום, אויף וועלכן דאָס צענטראַלע אָרט פאַרנעמט די פראַגע וועגן דער ראָל פון דער פּ. פּ. ס. נאָך לאַנגע דיסקוסיעס ווערט אָנגענומען די פאָרמולע, אַז די פּ. פּ. ס. איז די גרעסטע געפאַר פאַרן אַרבעטער־קלאַס. אין דער טאַקטיק אויפן פּראָפעסיאָנעלן באַדן ווערט אַריינגעפירט אַ געוויסע קאָרעקטור: נישט שאַפן קיין זעלבסטשטענדיקע רעוואָלוציאָנערע פּראָפעסיאָנעלע פאַריי־נען, נאָר אויסנוצן די עקזיסטירנדיקע פּעפּעסישע און בונדישע פּראָ־פעסיאָנעלע פאַריינען פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און נאָר אין אַזעלכע פאַלן, ווען דאָס ווייזט זיך אַרויס פאַר אַבסאָלוט אוממעגלעך, שאַפן אייגענע פאַריינען. אין אַלע פאַלן אָבער דאַרפן קאָמוניסטן שטרעבן, אַז די „לינקע ריכטונג" אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג זאָל זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון די עקאָנאָמישע שטרייקן אין לאַנד.

אויף דעם דאָזיקן פּלענום איז אויך שוין דערגאַנגען דערצו, אַז קאָס־טזשעווא און בראַנד זענען באַזייטיקט געוואָרן פון פּאָליטביוראָ. עס איז אין איר געבליבן נאָך בלויז איין מערהייטלער — סעווער פּרוכניאַק. פון צענטראַלן פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט, וואָס האָט זיך געפונען אין לאַנד, איז באַזייטיקט געוואָרן „ווזשאָס" (זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען סטאַניסלאַוו הובערמאַן, אַ ברודער פון באַרימטן פידלער בראָניסלאַוו הו־בערמאַן). די אַלע באַזייטיקטע האָט מען געשיקט קיין מאָסקווע. סאָ־

כאַצקי און פורמאַן, וואָס האָבן פאַרנומען אַ באַזונדערע פּאָזיציע צווישן דער מערהייט און דער מינדערהייט, האָבן קאַפּיטולירט פאַר דער מינדער־הייט. די דאָזיקע אָפּעראַציע האָט אָפּגעשטעלט די קאַמפּן אין צענטראַל־קאָמיטעט. פאַקט־ש בלויז אָפיציעל ווייל אין אַ פאַרשטעלטער פאָרעם זע־נען זיי ווייטער אָנגעגאַנגען. אָפיציעל האָבן אַלע אַקצעפּטירט די באַשלוסן פון פּלענום, נאָר מען האָט פאָרמולירט בלויז עטלעכע „פאַרבעהאַלטן", אָדער „רעזערוון", צו די דאָזיקע באַשלוסן. די „קאָנסאָלידירטע" אָנפי־רונג האָט אין דער דאָזיקער טאַקטיק פון די רעכטע געזען אַ געפערלעכן קעגן זיך מאַנעוורער און אָנגעהויבן צו באַזייטיקן די אַלע, וואָס האָבן גע־שטימט פאַר די רעזאָלוציעס מיט רעזערוון. די אָנפירונג האָט געהאַט אין דעם פאַל די אונטערשטיצונג פון קאָמינטערן, ד"ה פון מאָלאָטאָוון.

די דאָזיקע טאַקטיק פון די רעכטע האָט אָבער פון דער אַנדערער זייט געהאַט אַ דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג אויפן פאַרטיי־אַקטיוו. און דאָס צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, דערפאַר, ווייל רעכטע האָבן געשטימט פאַר באַזייטיקן די רעכטע פירער, כאָטש מען האָט זיך ווייטער געהאַלטן פאַר אָנהענגער פון די דאָזיקע פירער; צווייטנס, ווייל מען האָט מורא גע־האַט אויפצוהייבן אַ קאַמף קעגן קאָמינטערן, דעם איינציקן שולדיקן אין דער מפלה פון די רעכטע פירער. אַ סך פון די רעכטע פאַרטיי־פונק־ציאָנאַרן זענען געבליבן אָן פאַרטיי־אַרבעט און עס איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן די לאַגע, אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען. זייענדיק נישט לעגאַל זינט לאַנגע יאָרן (און זינט יאָרן אָפּגעריסן פון אַ פּראָפעסיאָנע־לער אַרבעט, טייל האָבן בכלל נישט געהאַט קיין פאַך), איז פאַר אַן אַר־בעטסלאָזן פאַרטיי־פונקציאָנאַר כמעט ווי אוממעגלעך געווען צו געפי־נען פאַר זיך אַ נייעם הכנסה־קוואַל און זיי זענען טאַקע געווען אויף גרויסע צרות.

אין דער טורמע ווראָנקי

ווי איך האָב שוין איינמאָל באַמערקט, איז מיין שטראָף אין אַפּע־לאַציע־געריכט פאַרקלענערט געוואָרן פון 4 יאָר שווערער תפיסה אויף 3 יאָר פעסטונג.

היות ווי עס איז דערקלערט געוואָרן אַן אַמנעסטיע אין לאַנד, וואָס האָט אויך אַרומגענומען „פּאָליטישע", איז מיר נאָך געבליבן צו זיצן נישט מער ווי אַ יאָר מיט 4 חדשים. אַ חוץ דעם איז דער רעזשים אין דער פעס־טונג געווען אַ סך לייכטער ווי דער פון דער טורמע. כדי אָפּצוקומען די שטראָף, האָט מען מיך געמוזט שיקן אין אַן אַנדערער טורמע, ווו עס האָט עקזיסטירט אַן אָפּטיילונג פאַר פאַרמשפּטע צו פעסטונג. אַזאַ תפיסה האָט זיך געפונען אין אַמאָליקן דייטשן טייל פון פוילן, אין דער געגנט פון פּויזן — אין דעם קליינעם שטעטעלע ווראָנקי.

„ווראָנקי" איז געווען אַ ריזיקע תפיסה געבויט אין דייטשן סטיל מיט פּלאַץ פאַר אַ פּאָר טויזנט „פּענסיאָנערן". זי האָט מיך דערמאָנט אָן דער טורמע אין בויטן אין שלעזיע. דער ווינטער 1928/1929 איז געווען אין פוילן אַן אויסערגעוויינלעך האַרבער. די פרעסט זענען דערגאַנגען ביז 35 גראַד. אין אַזאַ פּראָסטיקן פרימאָרגן האָט דער טור־מע־עלטסטער מיר מיטגעטיילט, אַז איך פאַרלאָז די שעראַדזער טורמע און דאַרף זיין גרייט אין אַ שעה אַרום צום טראַנספּאָרט. איך בין זייער צופרידן געווען פון דער דאָזיקער מיטטיילונג. יעדע נייע ענדערונג אין מאָנאָטאָנעם טורמע־לעבן פלעגט אַרויסרופן אַ שטאַרקע עמאָציע ביים אַרעסטאַנט. באַזונדערס ווען די ענדערונג איז געווען פאַרבונדן מיט אַ רייזע: אַ קליינינקייט, זיין אויף דער פריי, זאָל זיין אפילו אונטער אַ פּאָ־ליציאישער שמירה. מען וועט ווידער זען מענטשן, גאַסן, הייזער, נאָך וועלכע עס האָט זיך אַזוי שטאַרק געבענקט. מען וועט אפשר אויך האָבן אַ מעגלעכקייט אין וואַגאָן צו כאַפּן אַ שמועס מיט אַ פּאַסאַזשיר. עס האָט אויך געוועקט אַ גרויסן אינטערעס ביים אַרעסטאַנט, ווי אַזוי עס זעט אויס דאָס לעבן אין דער פרישער טורמע און דער עיקר: מען וועט זיך דאָרט טרעפן מיט אַלטע באַקאַנטע, וואָס זיצן אָפּ זייערע שטראָפן.

מען האָט מיך געפירט אונטער אַן עסקאָרטע בלויז פון איין טורמע־וועכטער צופוס צום וואָקזאַל און אַן קייטעלעך אויף די הענט. דאָס איז געווען די הנחה, וואָס די טורמע־מאַכט גיט אַ פאַרמשפּטן צו פעסטונג־שטראָף. אַ חוץ דעם איז מיר איבערגעבליבן נאָך צו זיצן אַ וועלכע 16 חדשים און דער טורמע־נאַטשאַלניק האָט געוווּסט, אַז איך וועל צוליב אַזאַ קליינער שטראָף נישט אַנטלויפן און שפּעטער מוזן לעבן אומלעגאַל.

און איך האָב טאַקע גאָרנישט געטראַכט וועגן אַנטלויפן. דערפאַר האָב איך דאָס מאָל געהאַט אַ זייער גוטע רייזע. אויף יעדער סטאַציע זענען מיר אַראָפּגעגאַנגען און קיינער פון די פּאַסאַזשירן האָט נישט באַמערקט, אַז איך בין אַ טורמע־פּענסיאָנער.

אין פויזן זענען מיר שטיין געבליבן לענגער און איך האָב איינגע־קויפט צייטונגען און זשורנאַלן. דער וועכטער איז געווען צו מיר זייער גוט און באַדויערט. מיין „אָרעמען גורל״. צו וואָס טויג דאָס מיר? — האָט ער מיך געהאַלטן אין איין פרעגן און נישט פאַרשטאַנען, אַז מען גייט זיצן פאַר פּאָליטיק. מילא, פאַר שווינדל אָדער גנבה — דאָס פאַר־שטייט ער.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו דעם ריזיקן, רויטן טור־מע־בנין אין ווראָנקי און זיין מאוימדיק אויסזען האָט אויף מיר אָנגע־וואָרפן אַ שווער געמיט. אין די דאָזיקע מויערן וועט מיר אויסקומען אָפּ־צושוואַרצן 16 חדשים פון מיין לעבן און ווער ווייס וואָסערע חדשים, ווייל אין טורמע איז פונקט אַזוי ווי אין לעבן: מען ווייסט נישט וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג קען ברענגען.

אין דעם דיזשורנע־צימער האָט מען מיט מיר נישט געמאַכט קיין גרויס וועזן. אפילו די זאַכן מיינע נישט קאָנטראָלירט, נאָר אָפּגענומען ביי מיר דאָס אַלץ, וואָס איז נישט דערלויבט צו האַלטן אין קאַמער. אַ וועכטער האָט מיך אָנגעהויבן צו פירן איבער לאַנגע און קאָמפּליצירטע קאָרידאָרן מיט תפיסה־קאַמערן און איבער ברוקירטע הייף און דורכגענג. אַן אמתער לאַבירינט. לסוף זענען מיר צוגעקומען צו אַ קליינעם ציכ־טיקן הויף מיט עטלעכע בענק און ביימער. פוןביידע זייטן פון דעם הייפל — צוויי רויטע מויערן מיט אַ סך קליינע פאַרקראַטעוועטע פענצ־טערלעך.

— דאָס איז די פעסטונג — האָט צו מיר געזאָגט דער וועכטער און מיך אַרויפגעפירט אויפן ערשטן שטאָק און געעפנט פאַר מיר אַ שווערע אייזערנע טיר פון אַ פוסטער קאַמער פאַר צוויי פערזאָן. — דאָ וועט זיין אייער אָרט. — האָט ער צו מיר געזאָגט און דערביי צוגעגעבן: — מיט יאָרן צוריק איז אין דער זעלביקער קאַמער געזעסן די באַרימטע ראָזאַ לוק־סעמבורג...

אין דעם מאָמענט האָט אַ פייגעלע מיט אירע שוואַכע פליגעלעך אַ קלאַפּ געטאָן אין אַן אויבערשט שייבל פון פאַרקראַטעוועטן פענצטערל. קענטיק, זי האָט באַמערקט מענטשן אין דער קאַמער און אַ געטריבענע פון דער שרעקלעכער קעלט און הונגער האָט זי געוואָלט צוציען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט. אַ סך פייגעלעך זענען דעמאָלט אויסגעשטאָרבן פון קעלט.

איך האָב שפּעטער ביי זיך געטראַכט: אפשר איז דאָס פייגעלע איינס פון יענער פלעיאַדע פייגל, וואָס ראָזאַ לוקסעמבורג האָט אַזוי שיין און געפילפּול באַשריבן אין אירע בריוו צו סאָניע ליבקנעכט, בעת זי איז דאָ געווען פאַרשפּאַרט דורך דער קייזערלעך־דייטשער פּאָליציי אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה?

איך בין געשטאַנען אין דער קאַמער מיט מיין אָרימען באַגאַזש און געחשבונט: וויפיל יאָר איז עס שוין און ווי לאַנג קען לעבן אַ פייגעלע? איך האָב מיך געוואָלט אַרויפדראַפּען צום פענצטערל און אַרויסוואַרפן קרישקעס ברויט. דאָס פענצטער האָט זיך אָבער געפונען זייער הויך. איך האָב בלויז געקוקט דורך דעם אונטערשטן טייל זיינעם זען אַ פּרעכטיקע פּאַנאָראַמע און אַ וויס־שנייאיקער ווייטקייט, וואָס איז געלעגן אַרום דעם טורמע־בנין און דערפילט די טויטע שטילקייט, וואָס האָט געהערשט. איך האָב זיך דערפילט אין ערשטן מאָמענט, ווי איך וואָלט זיך געפונען איינגאַנצן איזאָלירט פון דער וועלט. די קאַמער איז געווען אַ זוי־בערע. דאָס בעטל האָט זיך צוגעמאַכט צו דער וואַנט ביי טאָג, כדי עס זאָל נישט פאַרנעמען קיין סך פּלאַץ און כדי דער אַרעסטאַנט זאָל נישט קענען ביי טאָג שלאָפן. דאָס קליינטשיקע טישל מיטן רונדיקן בענקל אויף אייזערנע פיסלעך; דאָס אָרעמע ביסל געשיר — דאָס אַלץ האָט מיר דערמאָנט אָן דער דייטשער טורמע אין בויטן, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען מיט עטלעכע יאָר צוריק.

עס איז געקומען צו מיר דער אויבער־וועכטער און מיר דערקלערט אין דער פּוילישער שפּראַך מיט אַ פּויזנער דיאַלעקט דעם סדר פון טורמע־לעבן, ד״ה ווען איך דאַרף זיין גרייט צום פרישטיק, ווען מען גיט מיטיק־עסן און ווען אָוונט־ברויט, ווען איך קען באַקומען פּאָסט און אַנדערע איינ־פאָרמאַציעס. עס איז נאָך געווען פרי און איך האָב שוין מיט אומגעדולד

געוואַרט, ווען מען וועט מיך אַרויספירן צום שפּאַציר־גאַנג. איך האָב שוין געוואָלט אַ קוק טאָן, ווער עס געפינט זיך נאָך אין דער דאָזיקער פעסטונג. לויטן טורמע־רעגולאַמין האָבן מיר, די פאַרמשפּטע צו פעס־טונג־שטראָף, געהאַט אַ רעכט צו בלייבן אויפן טורמע־הויף פון פרישטיק ביז מיטיק, ד״ה אַן ערך פון 8 ביז 12 אַזייגער. דאָס איז געווען אַ גרויסע פּריווילעגיע.

מיט זענען געווען אין יענער צייט אַ גרופּע פון עטלעכע און צוואַנ־ציק פּערזאָן און דער ערשטער צוזאַמענטרעף מיט מיר איז געווען אַ זייער האַרציקער. די מערהייט פון דער גרופּע איז באַשטאַנען פון פּוילישע אַר־בעטער און פּויערים פון פאַרשיידענע עקן פון לאַנד. כמעט אַלע איבער־צייגטע קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין פאַרשיידענע קאָמוניסטישע מאַסן־אַקציעס און נישט איינמאָל אויסגעשטעלט געוואָרן אויף פּאָליציייִשן טעראָר. דער אויסערלעכער אויסזען פון מיינע חברים איז געווען אַ זייער אָרעמער. זיי האָבן געטראָגן אויף זיך אַלטע און צע־ריסענע מלבושים. זיי האָבן נישט געהאַט אין דורכשניט קיין גרויסע אור־טיילן. ווער נאָך אַ יאָר אָדער צוויי אָפּצוזיצן. נאָך אַ האַלבער שעה האָבן מיר געמוזט פאַרלאָזן דעם הויף צוליב דער שרעקלעכער קעלט און זיך פאַרזאַמלט אין דעם לאַנגן קאָרידאָר פון דער טורמע־געביידע, אָדער צו עטלעכע אין די קאַמערן. דאָס איז געווען אונדז דערלויבט. מיר האָבן געהאַט אַ רייכע ביבליאָטעק אין דער פּוילישער, רוסישער, דייטשער און פראַנצויזישער שפּראַך. ביכער אין דער יידישער שפּראַך האָט מען נישט דערלויבט. די דערנערונג איז נישט געווען קיין שלעכטע. אינדערפרי אַ 400 גראַם שוואַרץ ברויט און אַ האַלבן ליטער שוואַרצע קאַווע, זייער שוואַך געצוקערט. מיטיק אַ געדיכטע זופּ מיט נאָך עפּעס אַ מאכל פון קאַשע אָדער גרינצייג. ווען עס איז איבעריק געבליבן אין קעסל, האָט מען נאָך שפּעטער געגעבן אַ צולאָג די, וואָס האָבן עס פאַרלאַנגט. אָוונט־ברויט כמעט דאָס זעלביקע. מיר האָבן געהאַט אַ רעכט צו קויפן עסנוואַרג איינמאָל אין וואָך און פון דער פריי האָבן מיר אויך פון צייט צו צייט באַקומען שפּייז־פּעקלעך. אַלץ איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין דער ווירט־שאַפטלעכער קאָמונע און מיר האָבן זיך גאַנץ גוט דערנערט. דער טורמע־נאַטשאַלניק איז געווען אַן עלטערער מענטש, אַ באַאַמטער מיט אַ פריי־

סישער שולע. ער האָט געהאַנדלט שטרענג און לויט די פאַרשריפטן און אפילו אויף קיין אות נישט געוואָלט מוותר זיין. פלעגט טאַקע אויף דעם באָדן דערגיין צו קאָנפליקטן. וועגן דעם דאָזיקן טורמע־נאַטשאַלניק האָב איך זיך שוין געהאַט אָנגעהערט פאַרשיידענע זאַכן נאָך אין דער לאָדזשער טורמע. ווי עס פירט זיך אין יעדער טורמע, פירט מען דעם ניי־אָנגעקו־מענעם „פּענסיאָנער" צום טורמע־נאַטשאַלניק. ער האַלט פאַר דעם ניי־געקומענעם אַ רעדע וועגן די פליכטן פון פענסיאָנער, וואָס דאַרף אונ־טער זיין, דעם נאַטשאַלניקס, אויפזיכט אָפּקומען די שטראָף.

דער נאַטשאַלניק האָט מיך אויפגענומען מיט אַ שפּיצרוט אין דער האַנט און מיט זיין הונט ביי דער זייט: „איך וועל פאַר אייך זאָרגן ווי אַ פאָטער, — האָט ער זיך צו מיר געווענדט, אָנשטעלנדיק זיין שאַרפן בליק אויף מיר — און איר וועט דאָ צייט האָבן נאָכצוטראַכטן וועגן אייערע פאַרברעכערישע טאַטן, וואָס איר זענט באַגאַנגען. גאָט זאָל אייך העלפן תשובה צו טאָן און צו ווערן אַ גוטער בירגער פון אונדזער לאַנד". דער הונט האָט די גאַנצע צייט נישט אָפּגעריסן זיין בליק פון מיר און בעת דער נאַטשאַלניק, שטייענדיק ביים טיש, האָט פאַרענדיקט זיין רעדע, האָט ער מיט גרויס צופרידנקייט געדרייט מיט זיין עק. ער איז קענטיק צופרידן געווען פון דער לעקציע, וואָס דער באַלעבאָס זיינער האָט מיר געגעבן.

איך האָב דערויף געענטפערט דעם נאַטשאַלניק זייער קורץ, אַז איך באַטראַכט מיך נישט פאַר קיין פאַרברעכער, אַז אין דעמאָקראַטישע לענ־דער וואָלט מען אַזעלכע ווי איך בין נישט גערודפט. איך האָב דעריבער נישט קיין שום סיבה תשובה צו טאָן און ער האָט נישט קיין גרונט צו ווערן מיין דערציער...

דער נאַטשאַלניק האָט געוווסט, אַז מצד קאָמוניסטן וועט ער באַקו־מען אַזאַ ענטפער. אָבער ווי געזאָגט, איז ער געווען אַ פּרייסישער ביוראָ־קראַט און ער האָט געהאַנדלט לויט די פאַרשריפטן, וואָס האָבן אים פאַר־פליכטעט צו האַלטן אַזעלכע רעדעס פאַר יעדן ניי־געקומענעם. מיין טרייסט איז געווען, אַז דאָס איז שוין די לעצטע טורמע און אַז פון דאַ־נען וועל איך שוין באַפרייט ווערן.

בעת איך בין געזעסן אין לאָדזש אָדער שעראַדז האָט מיין פרוי מיך

געקענט אַפּט באַזוכן. פאַרן קיין וואַרנקי און דערצו נאָך מיט אַ קליין קינד — דאָס האָט שוין געפאָדערט גאָר אַ סך אַנשטרענגונגען און עס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע הוצאות. פלעגן טאַקע די באַזוכן אין דער וואַרנקער טורמע זיין זעלטענע. איינמאָל אין אַ האַלב אָדער גאַנץ יאָר. אין דעם דאַזיקן שווערן ווינטער האָט זיך דאָך מיין פרוי דעצידירט מיך צו באַזוכן. זי איז, נעבעך, געקומען צו מיר מיט אַ האַלב־אָפּגעפרוירענעם פּנים. פון איר האָב איך זיך דערוווּסט אַ סך נייעס וועגן פאַרטיי־לעבן, ווייל דער באַזוך איז געווען אַ לאַנגער און קיינער האָט אונדז נישט קאָנטראָלירט וועגן וואָס מיר שמועסן. אַ חוץ דעם האָט דער וועכטער זיך באַצויגן צו מיר מיט דרך־ארץ. פאַרט געווען דער פאַרשטייער פון דער קאָמונע, אָפּט געהאַט צו טאָן מיט דער אַדמיניסטראַציע און פון צייט צו צייט אויך געמאַכט קליינע מתנות די וועכטער.

ווייל די דאַזיקע זעאונגען זענען געווען אַזעלכע פרייע און אַזוי זעלטן, האָבן זיי גאָר שטאַרקער געוועקט די בענקשאַפט נאָך דער פריי־הייט. נאָך יעדער זעאונג פלעגן מיר באַזונדערס שטאַרק בענקען נאָך דער פרייהייט. פון אַן ענלעכער שטימונג זענען מיר אויך באַהערשט געוואָרן, ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער פרילינג און מיט אים די דערוואַכונג פון דער נאַטור. אין די לאַדזשער טורמעס האָבן מיר זיך געפונען ווי אין צוגעמאַכטע קאַסטנס, אָדער אין ברונעמס און געזען איבער זיך בלויז אַ שמאָלן פּאַס הימל. דאַקעגן אין וואַרנקי זענען מיר געווען פרייער און זיך באַוועגט אויף אַ גרעסערן שטח און געזען פאַר זיך פעלדער און לאַנ־קעס. דאָ האָבן מיר אַלע אַ סך שטאַרקער און אוממיטלבאַרער דערפילט די דערוואַכונג פון דער נאַטור. די בענקשאַפט צו דער פרייהייט האָט ממש געגנאָגט ביים האַרצן ביז אַ פיזישן ווייטיק. איך האָב פאַרשטאַנען איצט, פאַרוואָס ראָזאַ לוקסעמבורג האָט אין אירע בריוו פון וואַרנקי אַזוי פיל פלאַץ געווידמעט די פייגל, בלומען און די ביימער.

שוין אין די סאַמע פריסטע פרימאָרגן־שעהן האָט מען דערהערט דעם זילבערנעם קלאַנג פון דעם בציבורדיקן פייגל־געזאַנג. מיר האָבן ליב גע־האָט צו אָבסערווירן דעם פריילעכן אַרויספלי פון די פייגעלעך פון זייערע נעסטן און דאָס פאַרען זיך אַרום זייערע קליינע. די ביימער, די בלומען־בייטן — אַלץ האָט אויפגעלעבט און אָנגענומען פאַרשיידענע פּרעכטיקע

קאָלירן אויפֿן טונקל־גרינעם אונטערגרונט פֿון די גערדיכטע גראָזן, וואָס האָבן איצט באַדעקט דעם גאַנצן שטח אַרום דער טורמע. די פּרעכטיקע סימפאָניע פֿון דעם פֿייגל־געזאַנג קלינגט נאָך איצט אין מיינע אויערן, כאָטש עס זענען שוין פֿאַרפֿלאָסן אַזויפֿיל יאָרן און וואָס פֿאַר אַ טראַגישע!

אויב אין די שווערע ווינטער־חדשים האָט מען זיך געפֿילט וואָרעמער אין די קליינע קאַמערן, זענען זיי איצט, אין פֿרילינג, געוואָרן פֿאַר אונדז אומדערטרעגלעך ענג. כאָטש אַ האַלבן טאָג האָט מען געקענט זיין אין דרויסן, איז דאָס אָבער פֿאַר די איצטיקע לאַנגע פֿרילינג־טעג געוואָרן שוין צו קורץ און מיט אַ שווער געמיט האָט מען פֿאַרלאָזט דעם שפּאַציר־הויף כדי ווידער צו בלייבן פֿאַרשלאָסן ביז מאָרגן אינדערפֿרי.

כדי אויסצונוצן די צייט אויף אַ פּראָכטבאַרן אופֿן, האָט מען איינגעשטעלט פֿאַרשיידענע קורסן מיט אַ פּראָגראַם און אַנטשפּרעכנדיקער ליטעראַטור.

אַזוי זענען געפֿלאָסן די טעג, וואָכן און חדשים. מיר האָבן נישט געזוכט קיין קאָנפֿליקטן מיט דער טורמע־אַדמיניסטראַציע און אויך זי האָט זיך צו אונדז נישט געטשעפּעט.

דער גרויסער הונגער־שטרייק אין דער טורמע

די מינדערהייט האָט שוין צו יענער צייט כמעט אינגאַנצן געהאַט באַהערשט דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט. די מינדערהייט האָט געהאַט, ווי איך האָב דאָס שוין באַמערקט, אַ נייגונג צו אולטראַ־לינקע אַקציעס און אַוואַנטורעס. מען האָט דאָס געדאַרפֿט האָבן צוליב נאָך אַ טעם. ווייזן מאָסקווע, אַז מען איז אַקטיוו און אַקציע־פֿעאיק אָן די רעכטע. איינע פֿון די אָפּשניטן, אויף וועלכע די מינדערהייטלער ביי דער מאַכט האָבן געוואָלט זיין באַזונדערס אַקטיוו, זענען געווען די פּוילישע טורמעס מיט זייערע טויזנטער און טויזנטער פּאָליטישע געפֿאַנגענע. פּאָליטישע אַקציעס אין די טורמעס, נישט געקוקט אויף דער שטרענגער צענזור פֿון פּילסודסקי־רעזשים, פֿלעגן האָבן אַן אָפּקלאַנג אין דער אָפּאָזיציאָנעלער דעמאָקראַטישער פּרעסע אין לאַנד און אפֿילו דערגרייכן קיין אויסלאַנד. די פּאַ־

ליטישע אַקציעס אין די טורמעס האָבן געהאַט אַזאַ גרויסן אינטערעס פאַר דער פּאַרטיי־אָנפירונג, אַז עס זענען געווען אויסגעאַרבעט געוואָרן טאַקטישע ריכט־ליניעס און אָנגעצייכנט געוואָרן די פּאָליטישע לאָזונ־גען, אונטער וועלכע עס דאַרף געפירט ווערן דער קאַמף אין די טורמעס. עס איז אויך געלייגט געוואָרן אַכט דערויף, אַז די פּאָליטישע אַקציעס, אויב דאָס איז נאָר מעגלעך געווען זאָלן אויסברעכן גלייכצייטיק אין פאַרשיידענע טורמעס, אָדער זיי זאָלן זיך אָנהייבן אין איין גרויסער טור־מע און שפּעטער צענטראַליזירט און פאַראַלגעמיינערט ווערן. צו אַזאַ אַק־ציע איז עס דערגאַנגען סוף 1929 אין ווראָנקי. נישט געקוקט דערויף, וואָס מיר האָבן דעמאָלט נישט געהאַט קיין ספּעציעלן גרונט צו פּראָקלאַ־מירן אַזש אַ הונגער־שטרייק און דערצו נאָך אַן אַנטערמיניקן, ד״ה פירן אים אַזוי לאַנג ביז מיר וועלן אים געווינען, האָבן מיר זיך דאָך געגרייט אים צו פּראָקלאַמירן, ווייל אַזאַ איז געווען די דירעקטיוו פון דרויסן.

מיר האָבן דעריבער אין גרויס איילעניש אויסגעאַרבעט אַ רייע פאָ־דערונגען צו דער טורמע־אַדמיניסטראַציע און געפירט די אונטערהאַנד־לונגען אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל נישט מוזן דערגיין צו אַן אויסגלייך.

אומצופרידנקייט פעלט קיינמאָל נישט ביי אַ טורמע־„פּענסיאָנער״ און עס איז גענוג געווען, אַז עטלעכע פון אונדז זאָלן אויפקלערן די נויט־ווענדיקייט פון אַזאַ אַקציע אין לאַנד־מאַסשטאַב אַז אַלע זאָלן אויף איר מסכים זיין. אויב אפילו עס האָבן זיך אין דער קאָמונע געפונען אַזעלכע, וואָס זענען אין האַרצן נישט מסכים געווען, האָבן זיי נישט געוואַגט דאָס אַרויסצוברענגען אויף אַ פאַרזאַמלונג נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיי געוויזן אַ „גריפּס״ פון דער פריי, אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן אַן אַלגעמיי־נער אַקציע אין אַלע טורמעס און אַז די ווראָנקער טורמע דאַרף זיין אַ ביישפּיל. אויך ביי מיר זענען געווען ספקות וועגן דער צוועקמעסיקייט פון דער דאָזיקער אַקציע, אָבער איבער אַלע ספקות איז געשטאַנען דער באַ־פעל פון צ. ק., כאָטש ער איז איצט געווען אַ מינדערהייטלעכער. איך בין נאָך דעמאָלט געווען זייער ווייט דערפון נישט אויסצופירן קיין באַ־שלוסן פון צ. ק., אָדער זיי אויף אַ וועלכן נישט איז אופן צו סאַבאָ־טירן.

האָט זיך אונדזער קאָמונע־אָנפירונג, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ

פאַרוואַלטונג פון דריי חברים, געגומען צו דער אַרבעט. פון דעם דריי־לינג בין איך באַשטימט געוואָרן אַלס רעפּרעזענטאַנט צום פּראָקוראָר און דער אַדמיניסטראַציע פון דער טורמע. אין צווייען זענען מיר געגאַנגען צום טורמע־נאַטשאַלניק און אים פאָרגעשטעלט אונדזערע פאָדערונגען (פאַרבעסערן דאָס עסן, אָפיציעל אנערקענען אונדזער פאָרשטייער, נישט אָפיציעל איז ער אנערקענט געוואָרן, געבן ליכט אין די קאַמערן ביז 10 אַזייגער אין אָוונט א. ד. גל.). מיר האָבן געשטעלט דעם נאַטשאַלניק אַ טערמין ביז וואַנען ער זאָל דערפילן אונדזערע פאָדערונגען. צום גע־שטעלטן טערמין איז נישט געקומען קיין ענטפער פון נאַטשאַלניק און מיר האָבן דערקלערט אַ הונגער־שטרייק אונטערן לאָזונג: „מיר פאָדערן דעם פּראָקוראָר פון פויזן". מיר האָבן אַרויסגעשטעלט פון די קאַמערן דאָס גאַנצע עסנוואַרג און אפילו דאָס וואַסער אויך און מיטן געזאַנג פון „אינ־טערנאַציאָנאַל" אָנגעהויבן דעם הונגער־שטרייק.

אויפן דריטן טאָג פון הונגער־שטרייק איז געקומען דער פּראָקוראָר פון פויזן און די ערשטע פאָדערונג, וואָס ער האָט אונדז געשטעלט איז געווען — איבעררייסן דעם הונגער־שטרייק. כל זמן מיר הונגערן וויל ער מיט אונדז נישט אונטערהאַנדלען. מיר זענען דערויף נישט איינגעגאַנגען און ער האָט אונדז געהייסן פאַרלאָזן זיין קאַבינעט.

האָבן זיך פאַר אונדז אָנגעהויבן שווערע ממש סכנותפולע טעג פון הונגער־שטרייק, ווייל עטלעכע צווישן אונדז זענען געווען פיזיש שוואַכע און קראַנקע און דער הונגער האָט זיי געדראָט מיט די שווערסטע קאָנ־סעקווענצן. אמת, מיר האָבן זיי דערלויבט נישט צו באַטייליקן זיך אין הונגער־שטרייק, אָבער די שוואַכע און קראַנקע האָבן זיך אַליין אָפּגעזאָגט צו געניסן פון דער דאָזיקער דערלויבעניש.

מיר האָבן ביי זיך באַשלאָסן, אַז אויב מען וועט מיך דעם ערשטן מיט כוח איזאָלירן פון דער גרופּע אָדער אַרויסשיקן פון דער טורמע, דאַרף דער הונגער־שטרייק ווייטער אָנגעהאַלטן און אויף מיין אָרט איז שוין באַ־שטימט געוואָרן אַ צווייטער; אויב מען וועט אים אויך אַרויסשיקן, איז אויף זיין אָרט אויך שוין באַשטימט געוואָרן אַ פאַרטרעטער, וועלכער וועט האָבן אַלע רעכט ווייטער אָנצופירן מיט דער אַקציע און זיינע די־רעקטיוון דאַרפן פון אַלע אויסגעפירט ווערן. נאָר מיט זיין הסכם וועט

מען מעגן דעם הונגער־שטרייק איבעררייסן. מיר האָבן אויך באַשלאָסן, אַז אין פאַל, אויב אימיצער וועט באַקומען אַ באַזוך בעתן שטרייק, זאָל ער אים נישט אָננעמען, ווייל מיר רייסן איבער אַלע באַציאונגען מיט דער טורמע־אַדמיניסטראַציע און מיר ענטפערן נישט אויף אירע ווענדונגען צו אונדז. נאָר דער פאַרשטייער פון דער קאָמונע איז באַפולמעכטיקט צו רעדן מיט דער אַדמיניסטראַציע, ווען ער וועט דאָס האַלטן פאַר נויטיק.

אין אונדזער פעסטונג־בנין איז דאָס לעבן אָפּגעשטאָרבן און עס איז שטיל געוואָרן ווי אויף אַ בית־עולם. די דאָזיקע שטילקייט פלעגט נאָר איבערגעריסן ווערן דריי מאָל אין טאָג: אינדערפרי, מיטיק־צייט און אין אָוונט, ווען מען פלעגט עפענען אונדזערע קאַמערן און אונדז ווען געבן עסן. יעדעס מאָל האָבן מיר געענטפערט מיטן געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל".

ווי באַוווסט, איז דער צווייטער טאָג פון אַ הונגער־שטרייק דער שווערסטער. דער אָרגאַניזם ענדערט זיין נאָרמאַל פונקציאָנירן. מען פילט זיך זייער אָפּגעשוואַכט און עס איז פאַראַן אַ מעכטיקער באַגער עפּעס צו עסן, ווייל דער הונגער קוועלט דעמאָלט זייער שטאַרק. פאַר מיר און פאַר אַ סך אַנדערע פון אונדז, וואָס האָבן שוין אַדורכגעמאַכט הונגער־שטרייקן פון 3, 4 און 5 טעג אין אַנדערע טורמעס, איז דאָס ניט געווען קיין סיורפריז און מיר האָבן פאַרמאָגט אין זיך גענוג עקשנות, כדי גובר צו זיין דעם שטאַרקן הונגער. אין די וויטערדיקע טעג פילט מען שוין נישט גאָר שטאַרק דעם הונגער, נאָר אַ בהדרגהדיקע אָפּשוואַכונג פון אָרגאַניזם. מיט יעדן טאָג ווערט דער אָרגאַניזם מער אויסגעשעפּט. אויב אויפן דריטן און פערטן טאָג האָב איך זיך נאָך געקענט נאָרמאַל אָנטאָן און אַ געוויסע צייט שפּאַצירן איבער דער קאַמער, איז דאָס געוואָרן פאַר מיר שווערער אין די וויטערדיקע טעג פון הונגער־שטרייק. אין 6 און 7 טאָג האָב איך זיך שוין אָנגעטאָן מיט גרויסע אָנשטרענגונגען און דאָס צושנורעווען די שיך האָט מיך באַדעקט מיט שווייס. גיין איבער דער קאַמער איז שוין געווען אַ ביז גאָר גרויסע אָנשטרענגונג און איך בין געזעסן אָדער געלעגן. מער געלעגן ווי געזעסן. אויך די פיזיאָלאָגישע באַדערפעענישן זענען ביי מיר פאַרשווונדן געוואָרן און איך האָב זיך געפילט אין דער מדרגה פון אַ

מלאך... אַלע קערפּערלעכע באַדערפענישן זענען ווי אָפּגעשטאָרבן ביי מיר. איך האָב געהאַט אַ געפיל, אַז מיין אָרגאַניזם לעשט זיך בהדרגהדיק אויס, ווייל מיט יעדן טאָג בין איך געוואָרן שוואַכער און מידער. דריי מאָל אין טאָג האָב איך איינגעזאַפּט דעם ריח פון עסן, וואָס די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט אונדז פאַרגעשלאָגן צו נעמען, אָבער מיר זענען גע־בליבן גלייכגילטיק צו אירע פאַרשלאָגן.

איך האָב דעמאָלט געטראַכט וועגן קנוט האַמסונס בוך „הונגער", וואָס איך האָב געלייענט אין מיין יוגנט, און געקומען צום אויספיר, אַז מען קען נישט פאַרגלייכן האַמסונס העלד מיט איינעם פון אונדז. יענער האָט געהונגערט, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צו באַשאַפן עסן און אונדז בעט מען דאָך דריי מאָל אַ טאָג, אַז מיר זאָלן עסן און מיר ווילן נישט. יענער האָט געהונגערט צוליב נויט און מיר הונגערן פרייוויליק, אין נאָמען פון אַ גלויבן.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די פיזישע, קערפּערלעכע אָפּשוואַ־כונג איז נישט געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט דער גייסטיקער אָפּשוואַ־כונג. מען האָט געלייענט ביכער און דער קאָפּ האָט געאַרבעט גאַנץ נאָר־מאָל. אין זעקסטן טאָג פון הונגער־שטרייק האָב איך געשפּילט שאַך מיט אַ צווייטן הונגערנדיקן חבר און דער שפּיל איז געווען אַ גאַנץ נאָרמאַלער.

אויפן זיבעטן טאָג, ווען די טורמע־אַדמיניסטראַציע האָט געזען, אַז קיינער פון אונדז ברעכט זיך נישט איין, איז געקומען די פאַראָרדענונג, אַז מען זאָל אונדז אָנהייבן אויף אַ קינסטלעכן אופן צו דערנערן.

מיר האָבן אויך דאָס פאַרויסגעזען ערב דעם הונגער־שטרייק און עס איז ביי אונדז געווען אַ פעסטער באַשלוס זיך נישט לאָזן מיט גוטן נעמען און אויב עס וועט דאָך געלינגען דער אַדמיניסטראַציע מיט כוח אַדורכ־צופירן דאָס איריקע, דאַרפן מיר תיכף ומיד צוריק אָפּגעבן די דאָזיקע נאָ־רונג (זי איז באַשטאַנען פון געקאָכטע אייער אויסגעמישט מיט מילך).

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס שרעקלעכע געפיל, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, בעת אין מיין קאַמער זענען אַריין פיר טורמע־וועכ־טערס מיט דעם טורמע־פעלדשער בראש און זיי האָבן מיך מיט ברוטאַ־לער קראַפט איבערגעדרייט אויף מיין בעטל מיטן פּנים אַראָפּ. מיט זייערע ברוטאַלע לאַפּעס האָבן די וועכטערס מיך געהאַלטן פעסט ביים קאָפּ און

די פיס און דער פעלדשער האָט מיר אַריינגעשפּריצט די געלע פליסיקייט אין רעקטום. ווען זיי האָבן מיך באַפרייט פון זייערע לאַפּעס בין איך גע־בליבן ליגן מיט אַ געפיל פון שרעקלעכער באַליידיקונג פון מיין פּערזענ־לעכער ווערדע און שטאַרק געליטן פון מיין מאַכטלאָזיקייט קעגן דער דאָזיקער דערנידעריקנדיקער האַנדלונג. אַ פּרווי, וואָס ווערט פאַרגוואַל־דיקט פון אויסוואורפן, לעבט מסתמא איבער ענלעכע געפילן.

אַביסל זיך באַרואיקט, האָב איך גלייך צונויפגענומען מיינע כוחות און צוגעלאָפן צום עמער און אַלץ צוריקגעגעבן, אַזוי ווי עס איז געווען אונדזער באַשלוס. די דאָזיקע פאַרגוואַלדיקונג פון דער מענטשלעכער וויר־דע האָט זיך איבערגעחזרט צוויי מאָל אַ טאָג ביזן צענטן טאָג, ווען דער הונגער־שטרייק איז איבערגעריסן געוואָרן. אויפן זיבעטן און אין די ווייַ־טערדיקע טעג האָב איך שוין נישט געפילט קיין הונגער, נאָר בין געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ שוואַכער און שוין נישט אויפגעהויבן זיך פון בעט. לייע־נען האָב איך אויך שוין נישט געקענט, בין איך געלעגן און געטראַכט וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען און פון צייט צו צייט זיך קאָמוניקירט מיט מיינע שכנים איבער דער וואַנט. מיר האָבן געקענט צווישן זיך רעדן מיט דער הילף פון אויסקלאַפּן דעם ספּעציעלן טורמע־אלף־בית. מיר האָבן דאָס געטאָן אין די שעהן, ווען די וועכטער האָבן זיך נישט געפונען אויפן קאָ־רידאָר, ווייל זיי האָבן געקענט איבערכאַפּן אונדזערע געשפּרעכן. טייל פון זיי האָבן אויך פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן סיסטעם פון פאַרשטענדיקן זיך און מען האָט געמוזט זיין פאָרזיכטיק.

דער „מאַפּר" איז געווען אינפאָרמירט וועגן פאַרלויף פון דער אַק־ציע, ווייל זיינס אַ פאָרשטייער איז ספּעציעל געקומען קיין פויזן און גע־שטאַנען מיט אונדז אין פאַרבינדונג. פון זיינע קאָנספּיראַטיווע באַריכטן האָט די וועלט זיך געדאַרפט דערוויסן וועגן העראָישן קאַמף, וואָס די אומגליקלעכע קרבנות פון ווייסן טעראָר אין פוילן פירן אין דער וראָנ־קער טורמע און די קאָמפּאַרטיי האָט גערופן די אַרבעטער און פויערים צו פּראָטעסט־אַקציעס. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע אַלע אַגיטאַציע־מיטלען האָבן נישט געהאַט קיין ווירקונג אין לאַנד און פאַר אונדז גופא איז דאָס נישט געווען קיין שום ממשותדיקע הילף. אויפן אַכטן טאָג פון דער דאָזיקער שווערער און געפּאַרפּולער פאַרן געזונט אַקציע, איז ביי

מיר רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז דער הונגער־שטרייק איז אַ פאַרשפּיל־טע, והאַ ראיה, דער פּראָקוראָר און די אַדמיניסטראַציע זוכן גאָרנישט קיין וועג, כדי מיט אונדז זיך צו שטעלן אין אַ פאַרבינדונג און פּרובירן נישט צו געפינען אַן אויסוועג פון דער לאַגע.

איך האָב מיך פאַרבונדן מיט די אַנדערע צוויי פאַרשטייער פון דער קאָמונע און אין ד'רייען זיך אַדורכגעשמועסט וועגן דער לאַגע. מיין פאָר־שלאַג איז געווען, אַז אויפן צענטן טאָג דאַרף מען איבעררייסן דעם הונ־גער־שטרייק, נישט ווענדנדיק זיך לחלוטין צו דער אַדמיניסטראַציע וועגן אָנקניפּן אונטערהאַנדלונגען. איך האָב דערביי אָנגעוויזן, אַז פון דער אַק־ציע אין לאַנד־מאַסשטאַב, ווי מען האָט אונדז פאַרזיכערט מצד דעם „מאפר", אַז זי וועט זיין אין אַלע טורמעס אַ שטאַרקע און ווירקזאַמע, איז קאָנטיק גאָרנישט געוואָרן, ווייל נישט דער פּראָקוראָר און נישט קיין דעלעגאַט פון יוסטיץ־מיניסטעריום פון וואַרשע איז נישט געקומען אונדז באַזוכן, ווי דאָס פלעגט זיך פירן אין ענלעכע פאַלן. פון דעם האָב איך געדרונגען, אַז אונדזערע קאָמוניסטישע סיים־דעפּוטאַטן האָבן גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן אין וואַרשע. נישט אין פאַרלאַמענט און נישט אויסער אים. איך האָב דעריבער געהאַלטן, אַז ווייטער קעמפן איז שוין פּאָליטיש צוועקלאָז. אַ חוץ דעם האָט מען שוין עטלעכע פון אונדז אַריבערגעפירט אין טורמע־שפּיטאָל צוליב זייער געפערלעכן צושטאַנד. די אַנדערע חברים זענען מיט מיר מסכים געווען. מיר האָבן באַשלאָסן צו הונגערן נאָך צוויי טעג, טאָמער וועט דאָך נאָך עפּעס אַזוינס פּאַסירן, וואָס זאָל קאָנען דינען פאַר אַן אָנווייז, אַז מיר קענען נאָך געווינען די אַקציע.

אויפן צענטן טאָג האָט, ליידער, גאָרנישט פּאַסירט אויף אונדזער אָפּטיילונג. עס האָט ווייטער געהערשט די טויטע שטילקייט, וואָס איז דריי מאָל אַ טאָג איבערגעריסן געוואָרן דורך אונדזערע „שפּייזערס".

דער צענטער טאָג פון הונגער־שטרייק איז אויסגעפאַלן שבת. אויב ביז מיטיק־שעה וועט נישט קומען קיין שום אָנדייט מצד דער אַדמיניס־טראַציע, אַז זי וויל געפינען אַן אויסוועג צו דער לאַגע, מיינט דאָס, אַז ביז מאָנטיק וועט שוין גאָרנישט פּאַסירן, ווייל די העכערע אַדמיניסטראַ־ציע איז שוין נישט טעטיק ביז מאָנטיק אינדערפרי. האָב איך גערופן צו זיך דעם טורמע־וועכטער און אים איבערגעגעבן, אַז איך וויל רעדן מיטן

פּאָליציי־אינספּעקטאָר, וואָס פאַרטרעט דעם טורמע־נאַטשאַלניק. דער טורמע־וועכטער האָט קענטיק געהאַט עפּעס אַ פאָרגעפיל אָדער אונטער־געכאַפּט פראַגמענטן פון מיינע „טעלעפאָן“־געשפרעכן איבער דער וואַנט, ווייל ער האָט תיכף פון קאָרידאָר צווישן געגעבן דורכן טעלעפאָן אין דער טורמע־קאַנצעלאַריע וועגן מיין וועגדונג. פון דאָרט האָט ער באַקומען די פאַראָרדענונג מיך תיכף ברענגען צום טורמע־אינספּעקטאָר. איך האָב אָבער דערקלערט דעם טורמע־וועכטער, אַז פיזיש בין איך נישט אומ־שטאַנד צו מאַכן אַזאַ לאַנגן וועג איבער דעם לאַבירינט פון די קאָרידאָרן און טורמע־הייף און פאַרלאַנגט, אַז דער אינספּעקטאָר זאָל צו מיר קומען. עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט און דער אינספּעקטאָר מיט זיין געהילף האָבן זיך באַוויזן ביי מיין קאַמער (אַריינגיין צו מיר איז אים פאָרמעל נישט געווען דערלויבט).

איך האָב קורץ דערקלערט, אַז מיר האָבן באַשלאָסן איבערצורייסן דעם הונגער־שטרייק, אָבער אים געוואָרנט, אַז אויב די אַדמיניסטראַציע וועט וועלן איצט אָנווענדן קעגן אונדז רעפּרעסיע־מיטלען, וועט זי זיך אָנטרעפן אויף אַ גאָר שטאַרקן ווידערשטאַנד. איך האָב פון אים פאַר־לאַנגט, אַז ער זאָל מיר דערלויבן צו באַזוכן אַלע חברים מיינע, כדי איך פּערזענלעך זאָל זיי דערקלערן, אַז דער הונגער־שטרייק איז פאַרענדיקט. דער אינספּעקטאָר האָט מיר געענטפערט, אַז ער איז גרייט דאָס צו טאָן, אָבער ער מוז זיך צוערשט וועגן דעם פאַרשטענדיקן מיטן טורמע־נאַ־טשאַלניק.

שפּעטער אַביסל האָב איך באַקומען דעם ענטפער, אַז דער טורמע־נאַטשאַלניק גיט מיר די דאָזיקע דערלויבעניש. איך האָב איצט געפילט, אַז דער גאַנצער שטרייק איז געווען פאַר אים נישט קיין אָנגענעמע זאַך, ווייל ער האָט געוואָלט האָבן רו און אָרדענונג אין זיין „דערציאונגס־אַנשטאַלט“.

איך האָב אויסגעפועלט, אַז מען זאָל צוגרייטן קעסלען מיט הייס וואַסער, ווייל די הונגערנדיקע טאָרן נישט באַלד עסן קיין שווערע זאַכן און אויך נישט קיין סך. דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר האָט אויך מסכים געווען, אַז פון אונדזער אייגענער קאַסע זאָל מען קויפן לייכט געבעקס און אָפּקאָכן מאַנע־קאַשע פאַר דעם ערשטן עסן. אַ חוץ דעם זאָל ער מאַכן

אַ פּלאַץ אין טורמע־שפּיטאָל פאַר אַ ריי שוואַכע חברים, וואָס נייטיקן זיך אין אַ מעדיצינישער אויפזיכט און אין אַ ספּעציעלער דיעטע.

אין אַ געדריקטער שטימונג, פאַרוואָס די דאָזיקע אַקציע האָט זיך אַזוי שלעכט פאַרענדיקט, און מיט מיינע לעצטע כוחות האָב איך אין באַגלייטונג פון אַ טורמע־וועכטער אָנגעהויבן זיך צו שלעפּן איבער די לאַנגע קאָרידאָרן מיט די איינצל־קאַמערן, ווו עס זענען געלעגן די חברים און געצאַנקט ממש ווי ליכט. איך האָב זיך געמוזט אָנהאַלטן ביים וועכטערס אָרעם, ווייל די פּאָדלאָגעס אויף די קאָרידאָרן זענען געווען זייער גליטשיקע פון דעם וואַקס, מיט וועלכן מען האָט זיי יעדן טאָג אויסגעשמירט.

איין קאַמער נאָך דער צווייטער האָט זיך פאַר מיר געעפנט מיט זיין כאַראַקטעריסטישן פאַרזשאַווערטן סקריפּ און אומעטום האָב איך געזען דאָס זעלביקע טרויעריקע בילד. דער הונגערנדיקער איז געלעגן אין זיין בעטל מיט אַ געל־גרין געזיכט און טיפע אויגן־לעכער, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט צעברענטע פון הונגער אויגן. ביי אַ טייל איז דער בליק שוין געווען אַ מאַטער און די ליפּן שוואַרץ. טייל האָבן זיך אַ ריר געטאָן ווי פון אַ דרימל בעת איך בין אַריין אין דער קאַמער. דער וועכטער איז מיט מיר נישט אַריין אין דער קאַמער. איך האָב מיט גרויס באַדויערן דערקלערט דעם הונגערנדיקן, אַז דער שטרייק איז איבערגעריסן געוואָרן, אַז אַלע אַ חוץ איינעם האַלטן זיך ביז איצט זייער גוט און אַז ער דאַרף שוין אָננעמען עסן. וועגן אַלע פּרטים וועלן מיר שוין שפּעטער רעדן. אַ טייל האָבן בלויז צוגענייגט מיטן קאָפּ, נישט אַרויסווייזנדיק קיין באַזונדערע צופרידנקייט מיטן באַשלוס. אַנדערע דאַקעגן יאָ און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זייערע געלע באַוואַקסענע פּנימער.

מיר איז פיזיש געווען אומגעהויער שווער צו באַזוכן עטלעכע און דרייסיק קאַמערן און איך האָב זיך געמוזט אָפּרוען. איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין געדולד צו פאַרלירן קיין צייט און מיט אַ גרויסער אָנשטרענגונג ווייטער געגאַנגען איבער די קאַמערן. נאָר מיט איין חבר האָב איך געהאַט גרויסע שוועריקייטן. דאָס איז געווען אַ פּויער פון דער וואַרשעווער אומגעגנט מיטן נאָמען גיזא. ער איז געלעגן מיט אַ טעמפּן בליק און

מיך אויסגעהערט גלייכגילטיק. זיינע הארטע, שטעכיקע וואנצעס ווי צוויי בערשטלעך פון געלע קארן־זאנגען האבן זיך בלויז נערוועז באוועגט אונטער זיין געשטופלט און פארשארצט פויליש נעזל.

— גיזא, — זאג איך צו אים, — איר דערקענט מיך נישט? מיר האבן באשלאסן איבערצורייסן דעם הונגער־שטרייק.

ער ענטפערט מיר נישט און אין זיין עקשנותדיקן שווייגן האב איך דערפילט די שרעקלעכע פויערישע פארביסנקייט, מיט וועלכער די פוילישע פויערים זענען נישט איינמאל ארויס אין קאמף קעגן דער שליאכטע און זייערע אונטערדריקער. גיזא האט געשוויגן און איך האב אים פארלאזט אין דער האפענונג, אז ווען מען וועט פארטיילן דאס עסן, וועט ער דאך איבעררייסן דעם הונגער־שטרייק. באלד נאך מיין באזוך אין די קאמערן איז די טורמע ווי אויפגעלעבט געווארן. מען האט שוין ווידער געהערט א באוועגונג איבער די קארידארן. מיט שוואכע לאנגזאמע טריט איז מען געגאנגען אין די אוביקאציעס זיך וואשן און ווער כאפן א טרונק קאלט וואסער, כאטש מיר האבן דאס שטרענג פארבאטן. עס האט געהייסן, אז מען גייט זיך אויסשווענקען דאס מויל...

די קרימינעלע ארעסטאנטן אונטער דער השגחה פון די וועכטערס האבן שוין פונאנדערגעטראגן די קעסלען מיט די זופן און א געשמאקער ריח האט זיך פונאנדערגעטראגן איבער די קארידארן.

נאר דער אלטער גיזא איז נאך אלץ געלעגן אן אומבאוועגטער און נישט געוואלט אננעמען די שיסל זופ. דער אינספעקטאר איז צו מיר געקומען און א זאג געטאן:

— דער אלטער גיזא שטשירעט זיינע ציין אויף דער לבנה... (אין דער טורמע־שפראך האט דאס באדייט, אז ער וועט שטארבן).

איך בין נאכאמאל צו אים אוועק שוין צוזאמען מיט נאך א חבר און מירביידע האבן ביי אים סוף־כל־סוף געפועלט, אז ער זאל איבעררייסן דעם הונגער.

די טורמע־אדמיניסטראציע האט נישט געוואלט מער אנערקענען די עקזיסטענץ פון אונדזער קאמונע און אויך נישט איר רעפרעזענטאנץ. נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען און דראאונגען איז געשלאסן געווארן א נישט־אפיציעלער אפמאך: די אדמיניסטראציע וועט נישט־אפיציעל אנערקענען

באַזונדערע קאָמונעס פון יעדער אָפּטיילונג, דאָס מיינט פון יעדן קאָרידאָר און טורמע־שטאָק, אָבער נישט איין אַלגעמיינע קאָמונע. דאָס זעלביקע אויך וואָס נוגע דער פאַרשטייערשאַפט. יעדע אָפּטיילונג האָט געהאַט איר פאָרשטייער.

נאָך לאַנגע טעג פון הונגער האָבן מיר באַקומען מויל־אַנטצינדונגען. מען האָט נישט געקענט נעמען אין מויל אַריין קיין הייס עסן און דאָס וואַרעמע אָדער קאַלטע געמוזט שלינגען. דער גומען און די יאַסלעס האָבן שטאַרק וויי געטאָן. דער טורמע־דאָקטער האָט אונדז געגעבן אַ מין גערלע פליסיקייט און אַ שפּענדל מיט וואַטע און מיר האָבן זיך געשמירט דעם גומען און די יאַסלעס עטלעכע מאָל אין טאָג. אויף מיין פראַגע, צי דעו דאָזיקער לאַנגער הונגער־שטרייק קען האָבן קאָנסעקווענצן פאַרן אָרגאַניזם, האָט דער דאָקטער מיר געענטפערט:

— יעדער געוואַלד־טאַט, וואָס ווערט באַגאַנגען איבער אַ געזונטן אָרגאַניזם, מוז האָבן זיינע קאָנסעקווענצן.

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען שפּעטער ביי אַ סך פון אונדז.

איך האָב זיך געריכט אויף אַ שאַרפער אַטאַקע מצד דער פאַרטיי־אָנפירונג אין שייכות מיט מיין האַנדלען וועגן איבעררייסן דעם הונגער־שטרייק, ווייל אין אַזעלכע פאַלן פלעגט מען זיך צוערשט פאַרשטענדיקן מיט דער פריי. איך האָב דאָס נישט געטאָן מחמת איך האָב געוווסט, אַז די מענטשן פון דער אָנפירונג גייט נישט אַזוי שטאַרק אין דעם, צי מיר וועלן געווינען אָדער פאַרשפּילן דעם הונגער־שטרייק און עס אינטערעסירט זיי אויך נישט, אין וועלכן צושטאַנד מיר געפינען זיך אויפן צענטן טאָג פון דער אַקציע. זיי איז הויפּטזעכלעך געגאַנגען אין שיקן באַריכטן קיין מאָסקווע וועגן די וויכטיקע פּאָליטישע אַקציעס, וואָס די נייע אָנפירונג פירט אַדורך און אויך אין דעם, כדי צו מאַכן אַ טומל אין פּוילן און אין אויסלאַנד.

האָב איך נישט אָנגעפרעגט די אָנפירונג, נאָר געהאַנדלט אַזוי, ווי עס האָט מיר דיקטירט מיין געוויסן און אין הסכם מיט דער אָפּשאַצונג, צו וועלכער איך בין געקומען אויפן זיבעטן טאָג פון דער אַקציע.

די אָנפירונג פון „מאָפּר“, בעת זי האָט זיך דערוווסט, אַז מיר האָבן דעם הונגער־שטרייק איבערגעריסן, האָט אָבער נישט געוואַגט מיך אָנ־

צוגרייפן פאַר מיין האַנדלונג און מיין באַריכט, וואָס איך האָב איר צוגע־שטעלט פון דער טורמע אין אַ שריפטלעכער פאָרעם, געגומען צו קענ־טעניש.

אויך פון אַנדערע טורמעס זענען שפּעטער צו אונדז דערגאַנגען ידיעות, אַז די הונגער־שטרייקן זענען אַדורכגעפאַלן. פּילסודסקי האָט שוין דעמאָלט צוגעגרייט זיין שפּעטער טרויעריק־באַרימטע קאַרטוז־בע־רעזע — אַ פּעכטונג, אין וועלכער מען האָט אויף אַ שווידערלעכן אופן געפּייניקט נישט נאָר קאָמוניסטן, נאָר אויך די סאַמע אָנגעזעענסטע פי־רער פון דער פּ. פּ. ס. און דער דעמאָקראַטישער פויערים־באַוועגונג. גע־וועזענע פּויל׳שע מיניסטאָרן, דעפּוטאַטן און אָנגעזעענע אינטעלעקטואַלן האָט מען באַהאַנדלט אין קאַרטוז־בערעזע ווי שווערע קרימינעלע פאַר־ברעכער און דער טעראָר־סיסטעם, וואָס האָט דאָרט געהערשט, איז גאָר ענלעך געווען צום פאַשיסטישן אין איטאַליע און שפּעטער אין היטלער־דייטשלאַנד. די עפנטלעכע דעמאָקראַטישע מיינונג אין פּוילן האָט זיך שוין דעמאָלט נישט שטאַרק איבערגענומען מיט קאָמוניסטישע אַקציעס אין די טורמעס פאַר אַ לענגערן שפּאַציר־גאַנג, בעסער עסן, אָדער אַז עס זאָל אָנערקענט ווערן דאָס רעכט אין די טורמעס אויף אַן אייגענלעכן קאָ־לעקטיוו לעבן פון די קאָמוניסטן.

אין קאַרטוז־בערעזע האָט מען געפּייניקט די געפאַנגענע אָן אַ פאַר־וואָס. פּילסודסקיס רעכטע האַנט, דער דעגענעראַט און אויסוואורף קאָס־טעק־ביערנאַצקי האָט באַקומען די אויפגאַבע פון מאַרשאַל מיט די מיט־לען פון שרעקלעכסטן טעראָר צו „דערציען און איבערדערציען" די לייי־דערס פון די אָפּאָזיציאָנעלע פאַרטייען אין גייסט פון זיין לאָזונג, וועגן „אַ שטאַרק און מאַראַליש געזונט פּוילן".

נאָכן פאַרשפּילטן הונגער־שטרייק האָט געהערשט אין אונדזער קאָ־מונע אַ גרויסער קאַצניאַמער, וואָס איז אַריבער אין אַ פאַרביטערונג קעגן דער אָנפירונג אויף דער פריי. מיר האָבן דער פאַרטיי־אָנפירונג געמאַכט דעם פאָרוואורף, אַז זי האָט געהאַט אַ בעסערע מעגלעכקייט פון אונדז אָפּ־צושאַצן די אַלגעמיינע פּאָליטישע לאַגע אין לאַנד און זי האָט געדאַרפט וויסן, אַז ביי דער איצטיקער פּאָליטישער קאָניונקטור וועלן קאָמוניסטי־שע הונגער־שטרייקן נישט קאָנצענטרירן אויף זיך די הויפּט־אויפמערק־

זאַמקייט פון די דעמאָקראַטישע כוחות אין לאַנד און נישט אַרויסרופן קיין באַזונדערע סימפּאַטיעס פאַר די קאָמוניסטישע קרבנות פון פּילסודס־קי־רעזשים.

מיר האָבן אויך געהאַלטן, אַז מען טאָר נישט פון די פּאָליטישע גע־פאַנגענע מאַכן דעם אַוואַנגאַרד אין קאַמף קעגן רעזשים אין פּוילן. אַנ־שטאָט צו מאָביליזירן די אַרבעטער־מאַסן איז מען געגאַנגען אויפן לייכטסטן וועג פון אַרויסשיקן אונדז אין קאַמף. מיר האָבן געזען אין דעם אַן אויסדרוק פון דעם אולטראַ־לינקן אָפּנויג פון דער נייער אָנפירונג. ביי זיך האָט יעדער איינער געטראַכט: נאָך דער באַפרייאונג וועל איך שוין די דאָזיקע זאַך אויפהייבן אין דער פּאַרטיי.

בהדרגהדיק האָט מען זיך אָנגעהויבן צוצופּאַסן צו דער נייער לאַגע. דאָס איז אויך אַ מענטשלעכער שטריך.

מיין באַפרייאונג פון ווראָנקער טורמע

איך האָב שוין אָנגעהויבן צו־ציילן די חדשים און שפּעטער די וואָכן, ווען איך וועל שוין פאַרלאָזן די טורמע־קאַמער און ווידער דערזען די פריי־הייט. דאָס איז אַ הערלעך און שטאַרק געפיל, וואָס באַנייט ממש דאָס בלוט אין די אָדערן און פאַרשנעלערט זיין צירקולאַציע. דאָס הערלעכע געפיל, אַז דאָס איז שוין דער לעצטער פרילינג, וואָס מען וועט פאַר־ברענגען אין תפיסה, אַז באַלד וועט מען שוין אויסבייטן דעם לעצטן חודש, מאַכט דעם געפאַנגענעם מיט יעדן טאָג אומגעדולדיקער. די דאָ־זיקע אומגעדולד דריקט זיך אויס אויף אַ פאַרשיידענעם אופן. טייל האָבן געציילט די מאָלצייטן, וואָס זיי וועלן נאָך עסן, וויפיל מאָל הערינג מיט קאַרטאָפל אין די שאָלן, ווייל יעדן פרייטיק פלעגן מיר באַקומען אנשטאט פלייש — הערינג. אַנדערע האָבן געחשבונט, וויפיל בריוו זיי וועלן נאָך שרייבן און אַזוי ווייטער. יעדן טאָג האָט מען שוין גערעדט וועגן דער דאַטע פון באַפרייאונג. געוועזן אַזעלכע, וואָס האָבן זיך „גערייצט" מיט די, וואָס קענען נאָך נישט רעכענען אויף חדשים, נאָר אויף יאָרן.

אויף מיין צעטל אין דער קאַמער איז געווען אויפגעשריבן די דאַטע: „דער 12טער מאַי 1930" און אויף דעם ציפער האָב איך געקוקט יעדן

טאָג אין משך פון 16 חדשים. וואָס נענטער עס איז געוואָרן דער טאָג פון מיין באַפרייאונג, אַלץ שטאַרקער האָבן מיינע געדאַנקען זיך גענו־מען קאָנצענטרירן אַרום דער פראַגע וועגן מיין פאַרטיי־אַרבעט אויף דער פריי. וועגן מיין פריוואַט־לעבן האָב איך נישט געהאַט קיין סך צו טראַכטן. איך האָב געוווּסט, אַז בלויז אַ געוויסע צייט, אפשר אַ פּאָר חדשים וועל איך קענען לעגאַל לעבן. שפּעטער וועל איך ווידער מוזן פירן אַן אונטערערדישע עקזיסטענץ. וועגן אַ נאָרמאַל פאַמיליע־לעבן האָט נישט געקענט זיין קיין רייד פאַר אַן אַקטיוון קאָמוניסט אין פּוילן.

דעם 11טן מאי האָט מען מיך שוין אַריבערגעפירט אין אַן אַנדע־רער געביידע פון דער טורמע און די לעצטע נאַכט האָב איך פאַרברענגט אין אַ קאַמער, וואָס איז באַשטימט פאַרן טראַנזיט פון געפאַנגענע. איך האָב קעגן דעם נישט פּראָטעסטירט. עס איז דאָך שוין די לעצטע נאַכט און מאָרגן מוז מען מיך באַפרייען.

איך האָב זיך האַרציק געזעגנט מיט די חברים און זיי געווונטשן ווי דאָס איז געווען אָנגענומען, אַז מיר זאָלן זיך וואָס גיכער ווידער טרעפן אויף דער פריי און זיי האָבן מיר געווונטשן, אַז די פרייהייט זאָל מיר דינען וואָס לענגער.

אינדערפרי האָב איך נאָך געטרונקען דאָס לעצטע טעפּל קאַווע און שוין האָט געוואַרט אויף מיר אַ טורמע־וועכטער, כדי מיך צו באַגלייטן צום טויער.

נאָך 16 חדשים האָב איך ווידער דערזען די וואַך־בודקע ביים גרויסן הויפּט־טויער. מיין באַגאַזש איז באַשטאַנען פון אַ לייוונט־זעקל מיט עטלע־כע ביכער, וואָס זענען מיר באַזונדערס טייער געווען, ווייל איך האָב זיי באַקומען פון מיין פרוי צו מיינע געבוירן־טעג, און פון אַ סך נאָטיצן, וואָס איך האָב געמאַכט אין טורמע.

דער ערשטער אנגענעמער באַריר מיט דער פרייהייט־לופט האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ מאָדנע שוואַכקייט אין מיינע פיס, ווי זיי וואָלטן ביי מיר געליימט געוואָרן.

דער וועכטער האָט מיך באַגלייט ביזן וואַקזאַל און געוואַרט ביז דער צוג האָט גערירט פון אָרט. ערשט דעמאָלט האָט ער מיך פאַרלאָזט. אַזאַ איז געווען דער טורמע־רעגולאַמין. די דאָזיקע פאַראָרדענונג דער־

קלערט זיך דערמיט, וואָס עס פלעגט פּאַסירן, אַז די קרימינעלע פאַר־ברעכער, פאַרלאָזנדיק די טורמע, האָבן געמאַכט איבערפאַלן אָדער באַ־גאַנגען גנבות אין דער אומגעגנט פון דער טורמע. זיי האָבן שוין גע־וואָלט „פאַרדינען" אַ נייעם גראָשן. די אַרומיקע באַפעלקערונג האָט דע־ריבער געלעבט אין גרויס שרעק און זי האָט אויסגעפועלט ביי דער גע־ריכטס־מאַכט, אַז אַלע באַפרייטע זאָלן פון דער טורמע־אַדמיניסטראַציע באַגלייט ווערן צו דער באַן, כדי צו זיין זיכער, אַז זיי וועלן זיך נישט פאַר־האַלטן אויפן אָרט.

ביוראָקראַטן פון אַלע לענדער און פעלקער באַזיצן אָבער אַ גרויסע דאָזע פון טעמפּקייט, און די וויראַנקער ביוראָקראַטן האָבן די דאָזיקע פאַר־אָרדענונג אָנגעווענדט אויך צו פּאָליטישע אַרעסטאַנטן, כאָטש זיי האָבן גאַנץ גוט געוווסט, אַז עס איז אַן אַבסורד אָנצונעמען, אַז די דאָזיקע קאַ־טעגאָריע פון באַפרייטע האָבן בדעה צו באַגיין קרימינעלע פאַרברעכנס אין דער אומגעגנט פון וויראַנקי.

בעת דער צוג איז אָנגעקומען האָב איך פון טורמע־וועכטער באַ־קומען מיין באַן־בילעט ביז פּויזן און מיין באַפרייאונגס־צעטל. מיט אים האָב איך מיך איצט געפילט ווי דער פרייסטער מענטש אין דער וועלט. וויניקסטנס אין די ערשטע טעג קאָן מיר פּאָליציי גאָרנישט טאָן. און איך ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער עס איז מיר געקומען אויפן זכרון די ערשטע סדר־נאַכט פון פסח, ווען דער פאָטער פלעגט אונדז, קינדער, דערקלערן, אַז „היינט דאַרפט איר נישט לייענען קיין קריאת שמע, ווייל די שלעכ־טע רוחות האָבן היינט נישט אויף אונדז קיין שליטה, אָבער מאָרגן וועט איר שוין ווידער מוזן דאָס טאָן"...

די רייזע פון וויראַנקי ביז פּויזן מיט אַ שלעפּ־צוג נעמט אַ לענגערע צייט, אָבער זי איז פאַר מיר געווען איינע פון די אָנגענעמסטע אין מיין לעבן. אמת, די פּאַסאַזשירן פון צוג האָבן געקוקט אויף מיר און מיין באַ־גאַזש אַביסל קרומלעך, אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין קאָפּ צו זיי, מחמת איך בין באַהערשט געוואָרן פון דער גרויסער עמאָציע, אַז איך בין שוין באמת פריי. אַז איך קאָן מיך באַוועגן אָן אַ שמירה און באַוואונדערן די שיינע רחבותדיקע נאַטור פון פּרעכטיקן פרילינג־פרימאָרגן.

די רעדער האָבן געקלאַפּט אונטערן האַרטן געזעס און זייער טאַקט

איז פאַר מיר איצט געווען אַ זייער אַנגענעמע מוזיק, ווייל מיט יעדן קלאַפּ האָב איך זיך דערווייטערט פון דעם אָרט, וווּ איך האָב אַזוי פיל איבער־געלעבט.

אין פּויזן איז מיין ערשטע אויפגאַבע געווען — שיקן אַ טעלעגראַמע קיין וואַרשע צו מיין פרוי, אַז איך בין שוין פריי און אַז אין אָוונט וועל איך שוין זיין אין דער היים.

פּויזן האָב איך געקענט נאָך פון די ערשטע נאָך־מלחמה־יאָרן. איך האָב דאָרט באַזוכט דעם אוניווערזיטעט און זיין רייכע ביבליאָטעק נאָך פון די דייטשע צייטן. איצט אָבער האָט מיך די שטאָט זייער ווייניק אינטערעסירט. איך האָב געהאַט נאָר איין פאַרלאַנג: וואָס גיכער שוין זיין אין וואַרשע.

אויפן וואָקזאַל אין וואַרשע האָט מיך שוין אָפּגעוואַרט מיין פרוי און מיר זענען פאַרפאָרן אין איר קליין אָרעם צימערל, וואָס זי האָט מיטן קינד און דינסטמיידל פאַרנומען ביי אַ באַקאַנטער פאַמיליע אין אַ הויז אויף סטאַווקע גאַס. אינדערפרי האָט מיין קינד, וואָס איז אַלט געווען אַ יאָר מיט ניין חדשים, דערזעענדיק פאַר זיך אַ „פרעמדן" מענטש, אָנגע־הויבן צו וויינען.

עס האָט זיך געפירט אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, אַז אַ פאַר־טיי־פונקציאָנער פלעגט נאָך דער באַפרייאונג פון טורמע באַקומען אַ באַ־צאָלטן חודש אורלויב און שפּעטער ווידער גיין צו דער אַרבעט.

די לאַגע אין דער קאָמפּאַרטיי און אין קאָמינטערן

איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַ קאָנטאַקט מיט דער צענטראַלער פאַרטיי־לייטונג און עס האָט געמוזט דויערן עטלעכע טעג ביז איך האָב געהאַט דעם ערשטן צוזאַמענטרעף. איך האָב זיך אויך געטראָפן אויף אַן אומלעגאַלן און שטרענג פאַרזיכטיקן אופן מיט אַ רייע אַלטע באַקאַנטע, וואָס האָבן מיך געוואָלט זען. איך בין אויך געפאָרן קיין לאָדזש אויף עטלעכע טעג, כדי צו זיין ביי מיין פאַמיליע און אַדורכשמועסן זיך מיט די לאָ־דזשער חברים. פון די אַלע צוזאַמענטרעפן און שמועסן האָב איך באַקו־

מען אַ בילד וועגן דער אינערלעכער לאַגע אין דער פּאַרטיי און זיך דער־וווּסט, וואָס עס הערט זיך אין מאָסקווע און אין קאָמינטערן.

זינט די צוויי און אַ האַלב יאָר פון מיין אָפּוועזנהייט האָט זיך אַ טאָן געביטן אין דער באַוועגונג.

די לינקע אָדער מינדערהייט האָט פאַר דער צייט באַזייטיקט אַקטי־ווע מערהייטלער פון דער פּאַרטיי־אַרבעט און דער אָרגאַניזאַציאָנעלער צושטאַנד איז געווען ממש אַ קאַטאַסטראָפאַלער אויף אַלע שטאַפּלען פון פּאַרטיי־אַפּאַראַט. צווישן די רעכטע האָבן זיך געפונען אַזעלכע עלעמענטן, וואָס זייענדיק מאַטעריעל אָפּהענגיק פון דער פּאַרטיי־קאַסע, האָבן זיי אָפּ־געגעבן די געפאָדערטע פון זיי שריפטלעכע דערקלערונגען, אין וועלכע זיי האָבן זיך אָפּגעגרעניצט פון דער רעכטער פּראַקטיע און אירע פירער: וואַרסקי, קאָסטזשעווא, בראַנד א״אַ. אַנדערע ווידער האָבן דאָס געטאָן צוליב אינערלעכער שוואַכקייט און פּאָליטישער אָדער מאָראַלישער כאַ־ראַקטערלאָזיקייט.

עס איז אַנטשטאַנען אַ וואַקכאַנאַליע פון „זעלבסט־קריטיק״ און דאָס האָט נאָך מער אַראָפּגענידערט דעם שוין אַזוי אויך גענוג נידעריקן מאָ־ראַלישן ניוואָ פון די פּאַרטיי־אַקטיוויסטן. מען האָט געשריבן דערקלע־רונגען, אין וועלכע מען האָט אַליין נישט געגלויבט. און די, וואָס האָבן דאָס פאַרלאַנגט, האָבן אויך געוווּסט, אַז דאָס זענען נישט קיין אויפריכ־טיקע קאַפּיטולאַציעס.

עס האָט זיך געפילט אַ געוואַלדיקער דוחק אין פּאַרטיי־קאַדרען, ווייל די אַלטע פּאַרטיי־טוער זענען צום טייל געזעסן אין טורמע, צום טייל אין אויסלאַנד, הויפּטזעכלעך אין מאָסקווע, אַנדערע ווידער האָבן זיך גע־פונען אין פּוילן און געווען פּאַסיוו.

אין פעברואַר 1930 איז פאָרגעקומען אַ פּלענום פון צענטראַל־קאָ־מיטעט פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי מיטן ציל צו ליקווידירן די רעכ־טע. קאָסטזשעוואַ האָט נאָך אַרויסגעוויזן גענוג פערזענלעכן מוט און איז צו דעם דאָזיקן פּלענום נישט געקומען. זי האָט דאָס מאָטיווירט מיט איר שלעכטן געזונט־צושטאַנד... דער אויספיר־קאָמיטעט פון קאָמינטערן האָט אין זומער 1930 באַשטימט אַ פּוילישע קאָמיסיע מיטן ציל צו קאָמ־פּלעטירן דעם פּוילישן צ. ק. און צונויפצורופן דעם 5טן פּאַרטיי־צוזאַמענ־

פאַר פון דער פּוילישער קאָמפּאַרטיי. עס איז דעמאָלט פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ווען די אינערלעכע פראַקציאָנעלע קאַמפן זאָלן נישט אָפּגעשטעלט ווערן, קען דאָס דערפירן צו דער פולשטענדיקער רואינירונג פון דער פּאַרטיי. אַזאַ איז געווען די מיינונג פונעם פאָרשטייער פון קאָמינטערן אין פּוילן, קנאָרין.

די מינדערהייט האָט שוין אינגאַנצן באַהערשט דעם פּאַרטיי־אַפּאַראַט און זי האָט זיך געאיילט צונויפצורופן דעם צוזאַמענפאָר, כדי פאָרמעל צו באַפעסטיקן איר מאַכט אין דער פּאַרטיי.

איך האָב נישט געהאַט קיין שאַנסן צו פאָרן אויפן צוזאַמענפאָר, מחמת איך בין געווען אַ רעכטער און נישט געטראַכט אָפּצוגעבן חרטה־דערקלערונגען, אָדער אַדורכצופירן אַ „זעלבסט־קריטיק״. צווייטנס, בין איך נאָר וואָס אַרויס פון תפיסה און נאָך נישט געווען טעטיק אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ, פון וואַנען איך וואָלט געקאָנט באַקומען אַ מאַנדאַט. די פּאַרטיי־אָנפירונג אין לאַנד, וואָס איז דעמאָלט באַשטאַנען פון דריי פערזאָן, האָט זיך גאָרנישט געאיילט מיר צוצוטיילן אַ באַשטימטע פּאַרטיי־אַרבעט און געוואָלט אָפּוואַרטן ביזן נאָכן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

מיין מאַטעריעלע לאַגע איז געווען אַ זייער שווערע. מיר האָבן געלעבט נאָר פון דעם, וואָס מיין פרוי האָט פאַרדינט פון פּריוואַטע לעקציעס אַלס לערערין פון דייטש.

איך האָב געהאַט צייט נאָכצודענקען איבער דער לאַגע אין דער פּאַרטיי און אויך געהאַט אַ מעגלעכקייט יעדן טאָג צו באַזוכן די עפנטלעכע ביבליאָטעק אין וואַרשע, אויף קאָשיקאָווע גאַס, ווו איך האָב געקענט באַקומען אַ סך קאָמוניסטישע אויסגאַבן פון אויסלאַנד און פון סאָוועט־רוסלאַנד.

אויף דער דאָזיקער 5טער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד, נישט ווייט פון לענינגראַד. ער האָט דאָס מאָל געדויערט זייער קורץ, צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, האָבן אין האַרבסט 1930 געדאַרפט פאָרקומען וואַלן צום פּוילישן סיים, און, צווייטנס, האָט מען אין מאָסקווע געהאַלטן, אַז עס רוקט זיך אָן אַ גרויסע מלחמה־געפאַר קעגן סאָוועט־רוסלאַנד.

אויך די לאַגע אין פּוילן גופא האָט זיך צוגעשפּיצט. דער עקאָנאָ־

מישער קריזיס האָט זיך פאַרשטאַרקט און דער קאַמף צווישן דעם פּיל־סודסקי־רעזשים און דעם צענטער־לינקן דעמאָקראַטישן בלאָק האָט אָנ־גענומען דראַסטישע פאָרמען. דער קאָנגרעס פון דעם דאָזיקן צענטער־לינקן בלאָק („צענטראָ־לעוו״), צו וועלכן עס האָבן געהערט די פּויערים־אָרגאַניזאַציעס און די פּ. פּ. ס., האָט אָפן דערקלערט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז דער פּוילישער סיים וועט נישט נעמען אויף זיך די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר די הלוואות, וואָס דער פּילסודסקי־רעזשים וועט באַ־קומען אין אויסלאַנד. דאָס איז געווען אַ זייער דרייסטער און געוואָגטער באַשלוס, וואָס האָט זייער שפּירעוודיק געטראָפן דעם „סאַנאַציע״־רע־זשים.

אויפן באָדן פון מערב־אוקראַינע זענען אויסגעבראָכן ריזיקע שריפות. עס זענען אונטערגעצונדן געוואָרן אין די פּריצישע הייף די תבואות פון נייעם שניט און עס האָבן געהאַט אַ פּלאַץ אויך אַנדערע סאַבאָטאַזש־אַקטן מצד די אוקראַינער.

די פּויערים האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די פּוילישע מיליטערישע און פּאָליציייִשע שטראָף־עקספּעדיציעס און די טורמעס זענען פאַרפולט געוואָרן מיט אוקראַינישע פּויערים. די קאָמפּאַרטיי פון פּוילן האָט פּרו־בירט צו רופן די פּוילישע אַרבעטער צו אַ סאָלידאַרישן קאַמף צוזאַמען מיט די אוקראַינישע פּויערים, אָבער דאָס איז געבליבן אָן אַ דערפאָלג, מחמת דער פּאַרטיי־אַפּאַראַט איז שוין געווען זייער שטאַרק אָפּגעשוואַכט, סיי פון די אינערלעכע קאַמפן און סיי דורך די פּאָליציי־אַרעסטן און זיין איינפלוס אויף די געשעענישן אין מערב־אוקראַינע איז געווען אַ מי־נימאַלער. דאָס זעלביקע אָבער נאָך אין אַ גרעסערער מאָס לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן דער אוקראַינישער קאָמפּאַרטיי. דאָס ברענען די תבואות און אַנדערע סאַבאָטאַזש־אַקטן האָבן פּאַקטיש אָרגאַניזירט די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטישע און רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציעס און די קאָמוניסטן אין מערב־אוקראַינע האָבן צו דעם אַלעמען נישט געהאַט קיין שום שייכות. ערשט אין האַרבסט 1930 האָבן אויך די אוקראַינישע קאָמוניסטן גע־וואָרפן דעם לאָזונג: פון שאַפן באַוואָפנטע גרופּעס קעגן דעם שרעקלעכן טעראָר, אָדער „פּאַציפיקאַציע״, וואָס האָט דעמאָלט געבושעוועט אין מערב־אוקראַינע. די דאָזיקע אַקציע פון די קאָמוניסטן האָט זיך פאַרענדיקט מיט

אַ נייער כוואַליע פון מאַסן־אַרעסטן און מיט דעם גרויסן פּראָצעס אין לוצק.

די אָרגאַניזאַציאָנעלע צוגרייטונגען צום 5טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר זע־נען אַדורכגעפירט געוואָרן אויף אַזאַ אַנטי־דעמאָקראַטישן אופן, אַז עס איז פּשוט שווער אים צו באַצייכענען אַלס אַ צוזאַמענפאָר. די מערהייט דעלע־גאַטן צום „צוזאַמענפאָר" האָט זיך בכלל געפונען אין אויסלאַנד די גאַנ־צע צייט פאַרן צוזאַמענפאָר און נישט געווען אַקטיוו אין פּאַרטיי־לעבן. די פּאָר „דעלעגאַטן", וואָס מען האָט געבראַכט פון לאַנד, זענען פון קיינעם נישט געוויילט געוואָרן.

דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר איז אויך געשטאַנען אונטערן צייכן פון דער שווערער אינערלעכער און אויסערלעכער לאַגע פון סאָוועט־רוסלאַנד. דער דאָזיקער מאָמענט האָט פאַרנומען זייער אַ גרויסן פּלאַץ אויפן צוזאַ־מענפאָר.

פון מאָסקווע האָבן זיך געהאַט אומגעקערט צוויי מיינע גוטע חברים, וואָס האָבן אויך געהערט צו דער רעכטער פראַקציע. איינעמס נאָמען קען איך אָנגעבן, ווייל ער איז שוין אַוועק ליידער אויף יענער וועלט נאָך פאַר דער מלחמה. ער איז געווען אַן אָנגעזעענער און פאַרדינסטפולער יידישער אַרבעטער־טוער. ער איז געווען באַזונדערס פּאָפּולער ביי די יידישע שטרי־קער־אַרבעטער אין וואַרשע. ער האָט נאָך צוזאַמען מיט מיר געהערט צום „בונד" און שפּעטער זענען מיר אַריבער צו דער קאָמפּאַרטיי. צוזאַמען האָבן מיר אויך אויפגעהויבן דעם אָפּאָזיציאָנעלן קאַמף אין דער קאָמפּאַרטיי. לעבנדיק ביי זייערע שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען האָט זיך זיין פיזי־שער צושטאַנד אַלץ מער פאַרערגערט. ער איז שוין אַלס אָפּאָזיציאָנער אַרעסטירט געוואָרן און לאַנגע חדשים פאַרבראַכט אין טורמע. אַ שווער־קראַנקער האָט ער פאַרלאָזט די מאָקאָטאָווער טורמע אין וואַרשע און שפּע־טער געשטאָרבן. דאָס איז געווען אבא פלוג.

בעת אונדזער צוזאַמענטרעף נאָך מיין פאַרלאָזן די טורמע, איז ער נאָר־וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון מאָסקווע, וווּ ער האָט באַזוכט די פּאַר־טיי־שולע. ער האָט מיך גענוי אינפאָרמירט וועגן דער לאַגע אין רוסלאַנד בעתן 5טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

דער צווייטער פריינט מיינער האָט אַ רייע יאָרן געאַרבעט אין דער ג. פּ. או. און איז פאַרן צוזאַמענפאָר געשיקט געוואָרן קיין פּוילן אויף פאַר־

טיי־אַרבעט. נאָך א דריטער פריינט מיינער האָט זיך דעמאָלט מיט אונדז געטראָפן, וואָס איז אויך געווען אַ לענגערע צייט אין מאָסקווע. דאָס זענען געווען מענטשן סאָלידע מיט אַ לאַנגן סטאַזש פון פאַראַנטוואָרטלעכער פּאַר־טיי־אַרבעט. זייערע נעמען קען איך, ליידער, נישט אָנגעבן, ווייל איך ווייס נישט, וואָס עס איז מיט זיי געוואָרן. אפשר לעבן זיי נאָך ערגעץ־ווו אין רוסלאַנד.

מיר האָבן געהאַט צו זיך אַ גרויסן צוטרוי און אַלץ אַרויסגעבראַכט פאַרן מויל, וואָס מיר האָבן געהאַט אויפן האַרצן. שעהן לאַנג האָבן מיר פאַרברענגט אויף געהיימע צוזאַמענטרעפן און אַרומגערעדט פאַרשיידענע פּלענער, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן אַ פּראַקטיאָנעלן קאַמף אין דער פּאַרטיי אין גייסט פון די געוועזענע מערהייטלער.

פון די באַריכטן זייערע איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אין די שפּיצן פון מאָסקווע האָט דעמאָלט געהערשט די זיכערקייט, אַז עס וועט אויסברעכן אַ מלחמה קעגן רוסלאַנד. מען איז נישט געווען אינגאַנצן זיכער, צי נאָך איידער עס וועט רעאַליזירט ווערן דער פינף־יאָר־פּלאַן אין 1932. אין דעם דאָזיקן גייסט האָבן אויך גערעדט די פאַרשטייער פון דער רוסישער קאָמ־פּאַרטיי און פון קאָמינטערן אויפן פוילישן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. אין רוס־לאַנד גופא האָט אין יאָר 1930 געהערשט אַ גרויסע אומצופרידנקייט צווישן די פויערים און דער שטאָטישער באַפעלקערונג. עס איז אפילו דאָ און דאָרט דערגאַנגען צו שטרייקן, וועלכע מען האָט געהאַלטן שטרענג בסוד. עס האָט זיך פאַרשאַרפט די אַפּראָוויזאַציע־פּאַרזאָרגונג פאַר דער באַפעלקערונג, עס איז אַראָפּגעריסן געוואָרן אין אַ גאַר גרויסער מאָס דער פּלאַנירונגס־סיסטעם און אַ סך מאָל זענען געענדערט געוואָרן די ווירט־שאַפטלעכע פּלענער. פאַרשטייט זיך, אַז די ג. פּ. או. האָט געאַרבעט מע־שים און זיך באַנוצט מיטן סיסטעם פון מאַכן פּראָצעסן קעגן די „סאַבאָ־טאַזשניקעס" פון דער „סאָציאַליסטישער ווירטשאַפט".

אין דער רוסישער קאָמפּאַרטיי איז אַנטשטאַנען אַן אָפּאָזיציע מיט סירצאוון און לאָמינאַדזע, וואָס זענען די גאַנצע צייט געווען געטרייע אָנ־הענגער פון סטאַלינען. מען האָט זיך, ווי געזאָגט, אין מאָסקווע געשראָקן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע וועלט קאָן אויסנוצן די דאָזיקע שווערע סיטוא־

ציע, כדי אַרויסצורופן אַ מלחמה ביז 1932, ווען די „פּיאַטילעטקע“ וועט רעאַליזירט ווערן.

דער קרעמל האָט דעריבער באַשלאָסן צו ענדערן די „פּיאַטילעטקע“ אין צוויי ריכטונגען: אין אַ גאָר גיכן טעמפּאָ אַדורכפירן די קאָלעקטיוויזאַציע אין דאָרף און פאַרשטאַרקן די קריגס־אינדוסטריע.

פאַרן קאָמינטערן און פאַר אַלע זיינע סעקציעס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַלס צענטראַלע אויפגאַבע — קאַמף קעגן דער מלחמה־געפאַר און עס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן גענויע דירעקטיוון, ווי אַזוי עס דאַרף געפירט ווערן די אַרבעט אין די אַרמייען פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אַ גרויסע אויפמערקזאַמקייט האָט געדאַרפט געווידמעט ווערן די וויכטיקסטע אינדוסטריע־צענטערן. אויב עס האַנדלט זיך וועגן פּוילן האָט מען געמיינט אייבערשלעזיע, וואַרשע און דעם ראַדאָמער ראַיאָן. ווייטער האָט מען געדאַרפט האַלטן אַ וואַכזאַם אויג אויף די וויכטיקסטע קאָמוניקאַציע־צענטערן פון לאַנד. וואָס שייך דער פּוילישער אַרמיי דאַרף געפירט ווערן אַן אינטענסיווע אַגיטאַציע צווישן די סאָלדאַטן, אָנווייזנדיק אויפן רעאַקציאָנער־קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער אירן און עס דאַרפן אַרויסגעשטעלט ווערן אַ רייע טיילווייזע פאָדערונגען אין די אינטערעסן פון די געוויינלעכע סאָלדאַטן. דער ציל פון אַזאַ אַגיטאַציע איז געווען פאַרטיפן דעם תהום צווישן די אַרבעטער און פּויערים אין די מונדירן און דער העכערער מיליטערישער אָנפירונג. גלייכצייטיק דאַרף אָרגאַניזירט ווערן אַן אויסערלעכער דרוק אויף דער פּוילישער אַרמיי, דורך אָרגאַניזירן אַרבעטער־ און פּויערים־אַרויסטרעטונגען ביי די קאַזאַרמעס און עס דאַרפן געמאַכט ווערן פּרוּוון זיך צו פאַרברידערן מיט דער אַרמיי. אין דער אַרמיי דאַרף פּאַראַלעל מיטן קאַמף פאַר בעסערע באַדינגונגען און קעגן דער שטרענגער דיסציפּלין געפירט ווערן אַן אינטענסיווע אויפקלערונגס־אַרבעט וועגן כאַראַקטער און דער ראָל פון דער רויטער אַרמיי, וואָס שטייט אויף דער וואַך פון דעם אויפבוי פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אין רוסלאַנד און דינט די אינטערעסן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע.

אין פאַל פון אַ מלחמה, האָט זיך געזאָגט אין די קאָמוניסטישע רעזאָלוציעס, וועט די קאָמפּאַרטיי פון פּוילן, למשל, נישט רופן די פּוילישע

מאַסן צו באַיקאַטירן די מאָביליזאַציע אין לאַנד, נאָר זאָגן צו די פּאָ־לאַקן, אַז זיי זאָלן אַריבער מיטן געווער אין האַנט אויף דער זייט פון דער סאָוועטישער אַרמיי. דאַקעגן אין מערב־אוקראַינע און מערב־ווייסרוסלאַנד דאַרף די באַפעלקערונג יאָ באַיקאַטירן די פּוילישע אַרמיי און אַוועק אין די וועלדער, כּדי דאָרט צו אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנען־קאַמף און אויספירן סאַבאָטאַזש־אַקטן אין רוקן פון שונא.

דער קאָמיגטערן האָט זיך נישט באַגרעניצט בלויז מיט דער אַגי־טאַציע און אויפקלערונג־אַרבעט אין דער אַרמיי אָדער מיט אָננעמען רע־זאָלוציעס. מען האָט אויך באַשטימט מענטשן וואָס זאָלן צוגרייטן די פּאַרטיי־קאַדרען צו אַזאַ אויפגאַבע.

אין מאָסקווע האָט עקזיסטירט אַ ספּעציעלע מיליטערישע שולע פאַר פּוילישע קאָמוניסטן, וועמענס לייטער עס איז געווען דער גענעראַל זבי־קאָווסקי, וואָס אַליין איז ער געווען אַן אָפיציר פון דער 4טער אָפּטיילונג פון סאָוועטישן גענעראַל־שטאַב. דאָס איז שוין געווען דער צווייטער גענעראַל, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן צום פּוילישן צענטראַל־קאָמיטעט. דער ערשטער איז געווען גענעראַל פראַנקאָווסקי. זייער זיץ־אָרט איז דע־מאָלט געווען בערלין.

דער 5טער צוזאַמענפאָר האָט געדאַרפט ענדגילטיק ליקווידירן די רעכטע אין דער פּאַרטיי און ער האָט זיך טאַקע פאַרוואַנדלט אין אַ העץ־מיטינג קעגן זיי.

וואַרסקי, קאָסטזשעווא, בראַנד און קרוליקאָווסקי האָבן נאָך געהאַט ביי זיך געגנוג מוט און זיי האָבן באַיקאָטירט דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר, נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אין מאָסקווע און וואָס די אָנפירונג האָט זיי אויפגעפאָדערט צו קומען. אַנדערע דאַקעגן פון דער רעכטער פראַקציע, ווי פּרוכניאַק, ווזשאָס־הובערמאַן, סטעפּאַנסקי און קראַיעווסקי (שטיין) זענען יאָ געגאַנגען צום צוזאַמענפאָר און דאָרט שענדלעך קאַפּיטולירט.

וואַרסקי האָט נישט נאָר נישט קאַפּיטולירט, נאָר אפילו זיך דער־לויבט אויף אַזאַ זאַך, ווי צו אַטאַקירן די נייע אָנפירונג. ער האָט צוגע־שיקט אַ מעמאָריאַל צום קאָמינטערן, אין וועלכן ער גיט אַ שניידיקע כאַראַקטעריסטיק פון די אַלע, וואָס האָבן איצט באַקומען מיט דער הילף

פון קאָמינטערן די אָנפירונג מיט דער פאַרטיי. ער באַצייכנט אין זיין מע־מאָריאַל די נייע פאַרטיי־לידערס אַלס פּראָזועלאָגן און שטעמפּלט זיי אַלס אַ קליינבירגערלעכע קליקע.

די רעכטע קאַפּיטולאַנטן האָט גאָרנישט געהאָלפן אויפן צוזאַמענ־פאָר. מען האָט נישט געגלויבט אין זייערע קאַפּיטולאַציע־דערקלערונגען.

אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז זיך פאָרלאָפן אַן עפּיזאָד, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די הערשנדיקע אַטמאָספער אויף אים.

אַן אָנהענגער פון די רעכטע, מירעק זדזשארסקי, דער זעלבער, וואָס איז אויף אַ העלדישן אופן אַנטלאָפן פון וואַרשעווער „פּאַוויאַק“, איז גע־ווען אַ ספּעציאַליסט אין די פראַגן פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און זינט עטלעכע יאָר געאַרבעט אין פּראָפינטערן. אַ פאַרביסענער רעכ־טער און הייסער אָנהענגער פון ווערא קאָסטזשעווא, האָט ער אויסגענוצט זיין פּאָזיציע אין פּראָפינטערן און אין דעם אָרגאַן פון פּראָפינטערן פאַר־עפנטלעכט אַ שאַרפן אַרטיקל קעגן דער נייער פאַרטיי־אָנפירונג און איר פאַלשער טאַקטיק אויפן באַדן פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. דעם אַרטיקל האָט ער אונטערגעשריבן אונטער אַ פּסיידאָנים „גאַלמאַ“. דער דאָזיקער אַרטיקל איז זייער שאַרף אַטאַקירט געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר און מירעק האָט אים תחילת שטאַרק פאַרטיידיקט. ווען ער האָט געזען, אַז ער קען דערפאַר מיאוס אָפּשניידן, האָט ער קאַפּיטולירט. די לינקע אָנ־פירונג האָט אָבער אויך געוואָלט וויסן, ווער דאָס איז דער „גאַלמאַ“. מי־רעק האָט דערויף דערקלערט, אַז ער ווייס נישט. מען האָט געברענגט אין רעדאַקציע דעם דאָזיקן אַרטיקל און היות ער איז געווען מיט אים מסכים, האָט ער אים פאַרעפנטלעכט אין אָרגאַן פון פּראָפינטערן. צווישן די „דע־לעגאַטן“ אויפן צוזאַמענפאָר האָבן זיך געפונען מיטאַרבעטער פון דער ג. פּ. או., האָבן זיי דעם גאַנצן ענין איבערגעגעבן דער אַלמעכטיקער קאָנ־טראָל־קאָמיסיע ביי דעם צ. ק. פון דער רוסישער קאָמפּאַרטיי. מירעק האָט שטאַרק מורא באַקומען און ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט זיך אָנערקענט אַלס דער מחבר פון דעם דאָזיקן אַרטיקל.

אין נייעם צענטראַל־קאָמיטעט איז אַריין נאָר איינער פון די אַמאָ־ליקע רעכטע אָדער מערהייטלער — פּרוכניאַק, וואָס האָט קאַפּיטולירט און פאַראורטיילט זיינע געצטיקע חברים פון דער רעכטער פראַקציע.

נאָכן צוזאַמענפאָר האָבן מיר זיך, די גרופע חברים, וואָס איז געטריי געבליבן אונדזערע איינשטעלונגען, ווידער צונויפגעקומען. נאָכדעם, ווי מיר האָבן אויסגעהערט אַ גענויע באַריכט וועגן פאַרלויף פון צוזאַמענפאָר און זיינע רעזולטאַטן, האָבן מיר באַשלאָסן צו אַקצעפּטירן די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר מיט דער אויסרעכענונג, אַז גאָר אינגיכן וועט קומען אַן ענדערונג אין קאָמינטערן און די רעכטע וועלן ווידער קומען צו דער מאַכט אין דער פּאַרטיי. אין דעם פאַל, האָבן מיר געהאַלטן, איז פון גרויס וויכטיקייט, צו זיין אַקטיוו אין דער פּאַרטיי, ווייל אין פּאָליטישן לעבן פאַרשפּילט שטענדיק דער, וואָס איז אָפּוועזנדיק. דאָס מיינט, אַז מיר וועלן לאָיאַל אויספירן די באַשלוסן פון צוזאַמענפאָר, וואָס זענען באַשטעטיקט געוואָרן דורכן קאָמינטערן, אָבער קיין חרטה־דערקלערונגען וועלן מיר נישט אונטערשרייבן און אויך נישט אָזעלכע, אין וועלכע מיר זאָלן זיך אָפּגרעניצן פון וואַרסקין און קאָסטזשעוואַן. פאַרקערט, מיר האָבן געהאַלטן, אַז זיי האָבן גאַנץ גוט געטאָן, וואָס זיי האָבן באָיקאָטירט דעם צוזאַמענפאָר. די דאָזיקע באַשלוסן אונדזערע האָבן מיר זיך באַמיט צוזויסן צו געבן וואַרסקין און ווערא קאָסטזשעוואַ קיין מאָסקווע, אויף אַ שטרענג קאָנספּיראַטיוון אופן. מיר האָבן אויך באַשלאָסן צו פאַרשטאַרקן די אַגיטאַציע צווישן די רעכטע עלעמענטן אין דער פאַרטיי קעגן קאַפּיטולאַציע־דערקלערונגען. אונדזער אידעאָלאָגישע פּאָזיציע האָט זיך דעמאָלט רעזומירט אין פאָלגנדיקעס:

די איצטיקע אָנפירונג איז נישט מסוגל אַדורכצופירן די רעוואָלוציע אין פּוילן און מיט אירע אָרגאַניזאַציאָנעלע מעטאָדן פאַרניכטעט זי די פּאַרטיי;

אַז אין רוסלאַנד איז מען היינט, אונטער דער אָנפירונג פון סטאַלינען, ווייטער פון ווירקלעכן סאָציאַליזם, ווי מען איז עס דאָרט געווען מיט יאָרן פריער;

אַז מען דאַרף רעפאָרמירן דעם סאָוועטישן רעזשים אין גייסט פון מאַרקסיזם־לעניניזם און פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם, געבנדיק די סעקציעס פון קאָמינטערן מער פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע זעלבסטשטענדיקייט;

וואָס שייך דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע קען מען זי נישט באַטראַכטן

אַלס אַ סאָציאַל־פאַשיסטישע פּאַרטיי, אָדער אַלס דריטע פּאַרטיי פון דער בורזשואַזיע, און דעריבער דאַרפן קאָמוניסטן גיין אין אַן איינהייטס־פראָנט מיט די סאָציאַליסטן אין קאַמף פאַר טיילווייזע אַרבעטער־פאָדערונגען און פאַר די עלעמענטאַרע דעמאָקראַטישע רעכט אומעטום, ווו זיי ווערן באַדראָט דורך דער פאַשיסטישער אָדער קאַפּיטאַליסטישער רעאַקציע.

מיר האָבן באַשלאָסן נישט צו באַגיין קיין איין שריט, וואָס זאָל קאָנען אויסגעטייטשט ווערן אַלס אַן אַנטי־פּאַרטייאישע האַנדלונג און נאָר אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי קעמפן פאַר אונדזערע בליקן און אָנשויאונגען. דאָס זעלביקע איז אויך נוגע סאָוועט־רוסלאַנד אָדער דעם קאָמינטערן. נאָר אין די ראַמען און אויפן באָדן פון פּאַרטיידיקן דעם ראַטנפאַרבאַנד דאַרפן מיר קעמפן פאַר אונדזער אידעאָלאָגישער פּלאַטפאָרם. אויף אַזאַ ברייטער פּלאַטפאָרם האָבן מיר געהאָפט צו געווינען אַלע אומצופרידענע עלעמענטן אין דער פּאַרטיי מיט דער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי.

ווי איך האָב שוין באַמערקט, האָט דער צוזאַמענפאַר נישט לאַנג געדויערט, ווייל מען איז געשטאַנען אין פּוילן ערב סיים־וואַלן, וואָס האָבן געדאַרפט פאָרקומען סוף 1930. די „דעלעגאַטן" זענען צוריקגעקומען און מיט זיי אויך די גייע לאַנד־אָנפירונג. זי האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט, כדי צו באַווייזן דעם קאָמינטערן, אַז זי קאָנסאָלידירט די פּאַרטיי און אַז אונטער איר אָנפירונג איז די פּאַרטיי געוואָרן שלאָגפערטיקער, מחמת זי האָט זיך באַפרייט פון אָפּאָרטוניזם, פון די רעכטע.

דער דוחק אין געשולטע פּאַרטיי־קאַדרען איז אָבער געווען אַ גאָר גרויסער. די רעכטע האָבן געהאַט אַ סך געשולטע און קוואַליפיצירטע פּאַרטיי־טוער, זענען זיי אָבער איצט פאַרהאַלטן געוואָרן אין מאָסקווע, אָדער זיך ארומגעדרייט אין לאַנד אָן אַרבעט. פילנדיק זיך שטאַרק אין זאַטל, האָט די נייע אָנפירונג ביי זיך געטראַכט, אַז אַן גרויסער ריזיקע וועט זי קענען איצט אויסנוצן די דאָזיקע עלעמענטן פאַר פּראַקטישער אַרבעט. מען האָט זיך דעריבער צו מיר געווענדט מיט אַ פאָרשלאָג, אַז איך זאָל זיך פאַרנעמען מיט אָרגאַניזירן די סיים־וואַלן אין דעם גרויסן אַרבעטער־וואַל־ראַיאָן פון לאָדזש, ווו מיר האָבן גערעכנט צו געווינען אַ מאַנדאַט.

גערעדט מיט מיר האָט וועגן דעם קאַראַלסקי, וואָס איז איצט גע־וועזן אין דער פּאַרטיי־אָנפירונג. איך האָב אים זייער גוט געקענט און ער אַליין האָט אויך גאַנץ גוט געוווסט, וואָס איך טראַכט וועגן זיין אולטראַ־לינקיזם, וואָס האָט נאָך געשטאַמט פון די יאָרן, ווען מיר זענען געווען אין בערלין.

איך האָב דעם פאָרשלאַג אָנגענומען, כאָטש אין לאָדזש, מיין געבוירן־שטאָט, בין איך זייער גוט באקאַנט געווען דער פּאָליציי און נישט בלויז דער פּאָליציי. מען האָט מיך געקענט אין דער יידישער און פּוילישער געזעלשאַפט אַלס קאָמוניסט.

פון דער אַנדער זייט, אַ דאַנק אָט דער באַקאַנטשאַפט, האָב איך געהאַט אַ סך גוטע פּריוואַטע באַציאונגען, וואָס האָבן מיר געקענט צו־העלפן ביים קאָנספּירירן זיך פאַר דער פּאָליציי. אַמאָל קאָן דער זי־כערסטער פּלאַץ זיין אין דעם אָרט, וואָס געפינט זיך גראַד בשכנות מיט דער פּאָליציי...

אין אַ פאַרנאַכט האָב איך זיך נאָך אַמאָל געטראָפן מיט קאַ־ראַלסקין אויף אַ שטיל געסל אין וואַרשע אויפן סאַלעץ און שפּאַצירנ־דיק, האָבן מיר אַלץ צווישן זיך אָפּגערעדט און איך האָב אויך ביי אים באַקומען אַ געוויסע סומע געלט אויף דער וואַל־פּראָפּאַגאַנדע. פאַרשטייט זיך, דאָס געלט האָב איך אויף דער גאַס נישט איבערגעציילט און קיין קוויטאַנצעס פלעגן מיר אויך נישט נעמען און נישט געבן. מיר האָבן נאָך צייט געהאַט זיך צו דערמאָנען אָן דעם בערלינער פעריאָד מיט 5 יאָר צו־ריק, בעת מיר פלעגן זיך טרעפן אין דער בערלינער סאָוועטישער אַמבאַ־סאַדע. דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך האָב געזען קאַ־ראַלסקין. ער איז שפּעטער אַביסל אַרעסטירט געוואָרן און מען האָט אים אַרויסגענומען פאַר אַ גרויסער סומע געלט און ער איז אַוועק קיין רוס־לאַנד. דאָרט איז ער אין די דרייסיקער יאָרן אומגעבראַכט געוואָרן אַלס זינאָוויעוויסט.

קאַראַלסקי (שכנא) איז געווען אַ גוטער מאַסן־רעדנער און אַ פּעאַי־קער זשורנאַליסט. ער איז אָבער פון תמיד אָן געווען אַ זייער שוואַכער אָרגאַניזאַטאָר און דערפאַר האָט ער זיך דעצידירט מיך צו שיקן קיין לאָדזש.

ביבליאָטעק אין אנדענק די
קדושים פון לודמיר
אין
ביים לודמיר'ער
ל. ל. פאריין אין בוענאס איירעס

אין אַ זונטיק נאָכמיטאָג, פאַרזען מיט געלט און מיט אַ רייע קאָנ־ספּיראַטיווע אַדרעסן, בין איך אָנגעקומען קיין לאָדזש. איך האָב אויס־געקליבן אַ זונטיק, מחמת אין דעם טאָג זענען די לאָדזשער וואקזאלן גע־ווען שוואַכער באַוואַכט פון פאָליציי־אַגענטן. דאָס ערשטע האָב איך מיר באַזאָרגט עטלעכע פּריוואַטע אַדרעסן פון וווינונגען, ווו איך וועל קענען פאַרברענגען די צייט פון דער וואַל־קאַמפּאַניע. עס האָט זיך געהאַנדלט אין עטלעכע חדשים צייט. אמזיכערסטן, האָב איך ביי מיר געטראַכט, וועט זיין, ווען איך וועל זיך אינסטאַלירן ביי מיינע פערזענלעכע פריינט פון אַנדערע אַרבעטער־פּאַרטייען, ווייל זיי געפינען זיך נישט אונטער אַ פּאָליצייאישער אויפזיכט. דאָס מיינט ביי פּעפּעסאָווצעס, בונדיסטן אָדער פּועלי־ציוניסטן. פאַרשטייט זיך, אַז מיינע פריינט האָבן געוווסט, צוליב וואָס איך בין געקומען קיין לאָדזש און זייער טאָלעראַנץ צו מיר איז גע־ווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן מיר אפילו נישט געשטערט צו שרייבן ביי זיי אין שטוב קאָמוניסטישע וואַל־אויפרופן, אין וועלכע איך האָב זייער שטאַרק אַטאַקירט די פּאַרטייען, צו וועלכע זיי אַליין האָבן געהערט און פאַרנומען אין זיי גאָר וויכטיקע פּאָזיציעס. דער קדוש ד״ר אַלעקסאַנ־דער מאַרגוליעס, וועלכן די נאַצי־מערדער האָבן פון די ערשטע אויף אַן אכזריותדיקן אופן אומגעבראַכט, בעת זיי האָבן פאַרנומען לאָדזש, האָט געהערט צו די אָנפירנדיקע פערזענלעכקייטן פון לאָדזשער „בונד״ און ער האָט גאַנץ גוט זיך געקאָנט משער זיין, וואָס איך טו אין זיין קאַבי־נעט אין די פאָרמיטאָג־שעהן, ווען ער איז געווען פאַרנומען אין ראַ־דאָגאָשטשער שפּיטאָל.

דער קדוש עמנואל וואַלינסקי, איינער פון די באַקאַנטסטע טוער פון די לינקע פּועלי ציון אין לאָדזש, און זיין פרוי, די איידעלע און סענ־סיבילע רחלע, — ביידע אומגעקומען אין לאָדזשער געטאָ, — האָבן אויך גאַנץ גוט געוווסט. ווער עס זענען די פּאָלאַקן און יידן, מיט וועלכע איך פלעג זיך טרעפן אין זייער וווינונג.

מיין ערשטע אויפגאַבע אין לאָדזש איז געווען — זאָרגן דערפאַר, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ וואַל־קאָמיטעט און אַז צו דער פאַרגעשרי־בענער צייט זאָל אַריינגעטראָגן ווערן די קאַנדידאַטן־ליסטע אין דעם מלוכהשן וואַל־ביוראָ.

פירן אַ לעגאַלע אַקציע און דערצו נאָך אַזאַ ווי וואַלן דורך אַ פּאַר־טיי, וואָס איז אומלעגאַל און ווערט שטאַרק פאַרפאָלגט פון דער פּאָליציי, געהער גאָרנישט צו די גרינגע זאַכן. מען האָט געמוזט געפינען די מיטלען און די מעטאָדן, ווי אַזוי צו פאַרייניקן די לעגאַלע מיט דער אומלעגאַלער אַרבעט.

קודם כל איז געשאַפן געוואָרן אַן ענגער אומלעגאַלער וואַל־קאָמי־טעט, וועלכער האָט פון זיין זייט ווידער צונויפגעשטעלט אַ גרויסן לע־גאַלן וואַל־קאָמיטעט, אין וועלכן עס זענען אַריינגעגאַנגען „לעגאַלע קאָ־מוניסטן״, ד״ה אַזעלכע, וואָס זענען געווען טעטיק אויפן סינדיקאַלן געביט און געווען באַקאַנט דער פּאָליציי, און אויך סימפּאַטיקער און אומ־פּאַרטייאישע מיט אַ נייגונג צום קאָמוניזם. פאָרמעל האָט די פּאָליציי גאָרנישט געקענט טאָן אַזאַ קאָמיטעט, ווייל מיר, דער אומלעגאַלער וואַל־קאָמיטעט, האָבן געאַרבעט זייער פאָרזיכטיק און אָנגעהאַלטן אַ פאַרבינ־דונג בלויז מיט עטלעכע מיטגלידער פון דעם לעגאַלן קאָמיטעט. די ערשטע אַרבעט פון דעם דאָזיקן גרויסן, לעגאַלן קאָמיטעט איז געווען שאַפן די בויטיקע צאָל אונטערשריפטן אונטערן וואַל־צעטל און צו דער צייט אים אָפּגעבן. דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. אַ חוץ דעם האָבן די מענטשן, וואָס האָבן געגעבן זייערע אונטערשריפטן אויף דעם קאָמוניסטישן וואַל־צעטל, גאַנץ גוט געוווּסט, אויף וואָסערע שיקאַנעס מצד דער פּאָליציי זיי שטעלן זיך אויס. מיר האָבן דעריבער געמוזט נעמען אונטערשריפטן נאָר ביי אַזעלכע אַרבעטער, וואָס האָבן געוווּסט, אויף וואָס זיי גייען. כדי צו פסלען דעם קאָמוניסטישן וואַל־צעטל האָט זיך די פּאָליציי געקענט באַנוצן מיט נאָך אַ מיטל: אַרויסרופן צו זיך די אונטערגעשריבענע און מיט סטראַשונקעס זיי צווינגען צוריקצוציען זייע־רע אונטערשריפטן. מיר האָבן דאָס פאָרויסגעזען און געזאַמלט אַ סך מער אונטערשריפטן, ווי דאָס האָט זיך געפאָדערט לויטן וואַל־רעגולאַמין. די פּאָליציי האָט זיך געקענט באַנוצן מיט נאָך אַ סך אַנדערע קונציקע מיט־לען, כדי צו פסלען דעם קאָמוניסטישן וואַל־צעטל. אין תוך גענומען איז אַלץ אָפּהענגיק געווען פון אינערן־מיניסטער און פון זיין דעציזיע: יאָ אָדער נישט דערלאָזן אין אַ באַשטימטן וואַל־ראַיאָן די קאָמוניסטן צו די סיים־וואַלן. און דעריבער, ביז די קאָמוניסטישע ליסטע איז נישט באַ־

שטעטיקט געוואָרן פון וואַל־ביוראָ, האָבן מיר נאָך נישט געקענט אָנצייכענען אונדזער פּלאַן פון דער וואַל־קאַמפּאַניע. אַנדערש וואָלט זי אויסגעזען, ווען מיר גייען מיט אַן אייגענער וואַל־ליסטע און גאָר אַנדערש, ווען מען לאָזט אונדז נישט צו צו די וואַלן. כדי צו זיין מער זיכער, האָבן מיר אָנגעגעבן נאָך אַ וואַל־ליסטע אונטער אַ קאַמופלירטן נאָמען מיט דער אויסרעכענונג, טאָמער וועט די ערשטע געפּסלט ווערן, זאָלן מיר שפּעטער קענען זיך באַנוצן מיט דער רעזערוו־ליסטע. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז אונדזערע פאָרזיכטיקייטס־מיטלען זענען געווען גאַנץ איבעריק. אונדזער ערשטער וואַל־צעטל איז אָנגענומען געוואָרן פון הויפּט־וואַל־ביוראָ אָן גרויסע שוועריקייטן און מיר האָבן באַקומען אַ וואַל־נומער.

דער צווייטער עטאַפּ פון דער וואַל־קאַמפּאַניע איז געווען די וואַל־אַגיטאַציע. אַ חוץ וואַל־ליטעראַטור, וואָס מען האָט געשיקט פון צענטער, האָבן מיר געמוזט אַרויסגעבן וואַל־אויפרופן, וואָס באַרירן ריין אָרטיקע פראַגן.

אַ וויכטיקער מאָמענט אין דער וואַל־סטראַטעגיע איז געווען דאָס אַרויסרופן עקאָנאָמישע שטרייקן בעת דער וואַל־אַקציע. אַזעלכע אַקציעס רודערן אויף די אַרבעטער־מאַסן און גיבן צו דער וואַל־קאַמפּאַניע אַ פאַרשאַרפטן פּאָליטישן כאַראַקטער און דערלויבן מיט דערפאָלג צו דעמאַסקירן די קעגנערישע פּאַרטייען אין אַרבעטער־לאַגער, ווי למשל, די פּ. פּ. ס. און „בונד". אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, געשענקט דער אַנטי־מלחמה־אַגיטאַציע, און אָנגעוויזן דערויף, אַז דער פּילסודסקי־רעזשים באַדרייט מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד. דער הויפּט־פייער אין אונדזער אַגיטאַציע איז אָבער געווען געווענדט קעגן דער „סאָציאַל־פאַשיסטישער" פּ. פּ. ס. און מיר האָבן לאַנסירט דעם לאָזונג פון אייגנהייטס־פראָנט מיט די פּעפּעסישע מאַסן איבער די קעפּ פון זייערע פירער, רופנדיק זיי צו שטימען פאַר דער איינציקער פּראָלעטאַרישער ליסטע.

בכלל האָבן מיר געקוקט אויף די סיים־וואַלן הויפּטזעכלעך פון אַן אַגיטאַציע־שטאַנדפּונקט און דערפאַר טאַקע האָבן זיך ביי אונדז נישט אָפּגעשפּילט די אַלע מיאוסע סצענעס, וואָס ביי אַ סך אַנדערע פּאַרטייען,

בעת דעם צוזאַמענשטעל פון אַ וואַל־צעטל. ביי אונדז האָט זיך נישט געשטעלט די פראַגע, ווער עס זאָל גיין אויפן ערשטן אָרט און ווער אויפן צווייטן. אַ קאָמוניסטישער דעפּוטאַט האָט געוווסט, אַז קיין מי־ניסטער־קאַריערע דערוואַרט אים נישט אין סיים, אַז אפילו רעדן פון דער סיים־טריבונע וועט פאַר אים נישט זיין פון די לייכטע זאַכן, אַז אין דעם סוווערענעם סיים וועט מען אים קאָנען גאַנץ גוט אָנברעכן די ביי־נער און שפּעטער אַרויסגעבן דעם געריכט. אפילו די דעפּוטאַטן־פּענסיע האָט ער געדאַרפט אָפּגעבן דער פּאַרטיי. דער סיים איז פאַר אַ קאָמוניסט געווען נישט מער ווי אַ טריבונע, פון וועלכער ער האָט געדאַרפט רעדן צו די מאַסן. זיין הויפּט־אַרבעט איז אָבער געווען נישט דער סיים, נאָר די גאַס. אַ קאָמוניסטישער דעפּוטאַט האָט געדאַרפט תמיד זיין אין וועג און נישט זיצן אין וואַרשע. ווו אַ גרעסערער שטרייק, ווו עפּעס אַ פּאָ־ליטישע אַקציע פון דער פּאַרטיי, האָט ער געדאַרפט דאָרט זיין און רעדן אין אַ פאַרמאַכטן לאָקאַל, אויף דער גאַס, אָדער אַרויסטרעטן אויף אַ מיטינג פון אַ פּאָליטישן קעגנער. איז טאַקע די פּראָצעדור פון אויסאַר־בעטן אַ וואַל־צעטל געווען אין דער קאָמפּאַרטיי גאָרנישט קיין קאָמפּלי־צירטע און איז פאַרגעקומען אָן שום רייבונגען. דער ערשטער אָדער צוויי־טער קאַנדידאַט פון וואַל־צעטל פון אַ וואַל־ראַיאָן, ווו מען האָט גערעכנט אַדורכצופירן אַ קאַנדידאַט, האָט געוווסט, אַז זיין מיסיע אין סיים איז פּונקט אַזאַ, ווי פון יעדן אַנדערן פּאַרטיי־פונקציאָנאַר, וואָס דאַרף אויס־פירן זיין אַרבעט אויף דער פּלאַצוווקע, ווו די אָנפירונג האָט אים אַוועק־געשטעלט. קעגן פּאָליצייאישע רדיפות איז דער סיים אויך נישט געווען פאַר אים קיין שום זיכער מיטל. פּאָליציי האָט געקענט אים אַרעסטירן און דער סיים האָט שטענדיק געקענט האָבן אַ מערהייט דערפאַר, אַז מען זאָל אים אַרויסגעבן דער געריכטלעכער מאַכט. האָט זיך קיינער נישט געריסן צו ווערן דעפּוטאַט, אָבער קעגן אַ באַשלוס פון צענטראַל־קאָמי־טעט וועט דאָך קיינער נישט וואָגן אַרויסצוטרעטן.

ביי די באַדינגונגען איז עס געווען נאַטירלעך, אַז אויף איינעם פון די סאַמע נאָענטסטע ערטער פון קאָמוניסטישן וואַל־צעטל זאָל פיגורירן, למשל, אהרן שפּיצבערג, אַ זון פון פאַרמעגלעכע חסידישע עלטערן פון לאָדזש.

אהרן שפּיצבערג, מיט וועמען עס איז מיר אויסגעקומען צו זיצן אין דער לאָדזשער טורמע, איז געווען אַן אינטעליגענטער און זייער איבער־געגעבענער קאָמוניסט, אָבער אַ חוץ אין דעם ענגן פּאַרטיי־קרייז פון לאָדזש איז ער נישט געווען באַקאַנט צווישן דער ברייטער פּוילישער אַר־בעטערשאַפט. דאָס האָט נישט געשפּילט קיין שום ראָל. נישט פאַר דער פּערזאָן האָט מען גערופן צו שטימען, נאָר פאַרן וואַל־צעטל פון די קאָ־מוניסטן. ביי אַנדערע פּאַרטייען האָט מען אַ סך אויסגעשטעלט אויף דער פּאָפּולאַריטעט פון קאַנדידאַט און פון דאַנען האָבן זיך אויך אין אַ גרוי־סער מאָס גענומען די ריוואַליזאַציעס און אינטריגעס ביים צונויפשטעלן דעם וואַל־צעטל.

מיר זענען זיך צונויפגעקומען אין לאָדזש אין אַ בוידעם־שטיבל פון אַן אַרבעטער און דאָרט אין משך פון אַ שעה צייט אויסגעאַרבעט דעם וואַל־צעטל אַן לאַנגע דיסקוסיעס וועגן די קאַנדידאַטן.

איך האָב אויך געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע אָנצופירן מיט די וואַלן אין לאָדזשער ראַיאָן, ווי זגערזש, פּאַביאַניץ א״אַ. פּיעטרקאָוו איז געווען אַ באַזונדערער וואַל־ראַיאָן און איך האָב אויך געדאַרפט דאָרט זיך פאַר־נעמען מיט דער וואַל־קאַמפּאַניע.

אין דער דאָזיקער שטאָט האָב איך איבערגעלעבט אַ טשיקאַוון עפּיזאָד.

נאָכדעם ווי איך האָב שוין געהאַט צוגעגרייט מיט די אָרטיקע פּויל־שע און יידישע חברים דעם וואַל־צעטל, איז מיר נאָך געבליבן עטלעכע שעה צייט ביזן אָפּגיין פון צוג קיין לאָדזש. אנשטאָט צו זיצן אויפן וואַק־זאַל אָדער זיך אַרומדרייען איבער די גאַסן פון דער פרעמדער שטאָט, בין איך אַריינגעגאַנגען אין אַ גרויסער קאַפע אויף דער צענטראַלער גאַס פון דער שטאָט, וווּ מען האָט אויך געשפּילט אין שאַך. איך האָב מיך צוגעזעצט צו אַ טישל און אָבסערווירט דאָס שפּיל. צוויי פּאַלאַקן, קענטיק באַאַמטע, האָבן געשפּילט זייער שוואַך. נאָכן פאַרענדיקן די פּאַרטיי האָב איך איינעם פון די שפּילער פאָרגעשלאָגן אַ פּאַרטיי שאַך. ביי שאַך־שפּי־לער אין אַ קאַפע איז דאָס אָנגענומען. מיין אָנבאָט איז אָנגענומען גע־וואָרן און איך האָב אָנגעהויבן מיט מיין אומבאַקאַנטן פּאַרטנער צו שפּילן אַ פּאַרטיי. אַביסל שפּעטער קומט צו צו מיין פּאַרטנער אַ פּערזאָן און גיט

צו אים אַ זאָג: „הער קאָמיסאַר, עס איז איצט אַריינגעטראָגן געוואָרן די קאָמוניסטישע וואַל־ליסטע". דער קאָמיסאַר האָט רואיק געענטפערט: „מיר האָבן אינסטרוקציעס זי נישט צו קאָנפיסקירן".

און קאַטבלוטיק פאַרגעצט מיט מיר דעם שפּיל. איך האָב ווייטער געשפּילט, אָבער שוין נישט אַזוי רואיק ווי פריער. מער זענען מיר שוין נישט „געשטערט" געוואָרן...

די שאַך־פּאַרטי האָב איך ביי אים געוואונען, אָבער די וואַלן האָבן מיר פאַרשפּילט.

די וואַל־קאַמפּאַניע האָבן מיר אין לאָדזש געפירט זייער אינטענסיוו און זענען געווען זיכער, אַז מיר וועלן אָפּהאַלטן אַ גרויסן וואַל־זיג. עס האָט זיך אָבער אַנדערש אַרויסגעשטעלט. אונדזער ליסטע האָט פאַרלוירן אַ סך שטימען און דער אמתער וואַל־זיגער איז געווען דער בלאָק פון די אָנהענגער פון פּילסודסקין. דער דאָזיקער בלאָק האָט באַקומען אַ קאָלאָסאַלע צאָל שטימען אויך פון אַרבעטער.

עס איז דערביי וויכטיק צו באַמערקן, אַז די פּאָליציי האָט זיך גאָר ווייניק געקימערט מיט אונדזער וואַל־אַגיטאַציע. מען קען אָן שום איבערטרייבונג זאָגן, אַז עס זענען כמעט נישט געווען קיין אַרעסטן צווישן אונדזערע וואַל־אַגיטאַטאָרן. מיך האָט דאָס אפילו גאָר שטאַרק געחידושט, וואָס די פּאָליציי איז אַזוי פּאַסיוו צו אונדז. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס איז נישט געווען קיין צופאַל. דעם הויפּט־קאַמף האָט דער רעגירונגס־בלאָק געפירט קעגן די אָפּאָזיציאָנעלע בירגערלעכע פּאַרטייען און באַזונדערס קעגן דער פּ. פּ. ס. און די רעגירונגס־פּאַרטיי האָט געוואָלט, אַז אויך מיר זאָלן מיט אונדזער וואַל־קאַמף אָפּשוואַכן די פּ. פּ. ס. אין אונדז האָט דער רעגירונגס־בלאָק אין יענעם מאָמענט נישט געזען קיין גרויסע געפאַר קעגן זיך.

ביי אַלע אונדזערע אָנשטרענגונגען איז אונדז נישט געלונגען צו אַקטיוויזירן די לאָדזשער אַרבעטער מיט דער הילף פון עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אַקציעס. 4 יאָר נאָך דער מאַי־איבערקערעניש איז נאָך געלונגען דעם רעגירונגס־בלאָק אונטערצוהאַלטן ביי די מאַסן דעם גלויבן אין דעם פּילסודסקי־רעזשים און זיך לאָזן פאַרבלענדן פון זיין סאָציאַלער דעמאַגאָגיע.

נישט בלויז אין לאָדזש האָבן מיר דעמאָלט געליטן אַ גרויסע וואַל־מפּלה. אַ חוץ נישטיקע אויסנאַמען איז דאָס געווען אומעטום. די דאָזיקע וואַל־מפּלה איז פּאָליטיש און מאָראַליש גאָרנישט געווען אויף דער האַנט פון דער נייער אָנפירונג און זי האָט זיך באַמיט אָפּצושוואַכן דעם שווערן איינדרוק אין קאָמינטערן און ביי די פּאַרטיי־מיטגלידער, פעלשנדיק אויף אַ פרעכן אופן די וואַל־רעזולטאַטן.

איך האָב זיך נאָך די וואַלן געטראָפן מיט מיינע פריינט אין וואַרשע און מיר האָבן אַרומגערעדט די רעזולטאַטן פון די וואַלן. מיר זענען געקומען צום אויספיר, אַז מען מוז זיך אַנטקעגנשטעלן די פאַלשע אָפּשאַצונגען, וואָס דער צענטראַל־קאָמיטעט מאַכט וועגן די סיים־וואַלן און די דאָזיקע וואַל־מפּלה אויסנוצן פאַר אונדזערע פראַקציאָנעלע צילן. וועגן אַ וואַל־זיג האָט אפילו ביי דער אָפיציעלער אָנפירונג שוין אויך נישט געקענט זיין קיין רייד מער. זי האָט געהאַלטן, אַז די וואַלן באַדייטן פאַר דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַ דורכפאַל און מיר האָבן געטענהט, אַז זיי באַדייטן אַ מפּלה.

איך האָב אָנגעשריבן אַ מעמאָריאַל צום צענטראַל־קאָמיטעט, אין וועלכן איך האָב געגעבן אַן אָפּשאַצונג וועגן די וואַלן אין פּוילן און באַזונדערס אַנאַליזירט די לאָדזשער וואַלן. איך האָב אָנגעוויזן מיט ציפערן אויפן סמך פון די פאַרעפנטלעכטע וואַל־רעזולטאַטן, אַז ערשטנס האָט דער רעגירונגס־בלאָק געוווּנען אַ סך אַרבעטער־שטימען און אַז, צווייטנס, אין פאַרגלייך מיט די וואַלן פון 1928 האָבן מיר אַ סך מער שטימען פאַרלוירן לטובת דעם דאָזיקן רעגירונגס־בלאָק ווי די פּ. פּ. ס. איך האָב געוווּסט, אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט קען מיין מעמאָריאַל באַהאַלטן ביי זיך און אפילו גאָרנישט אויף אים רעאַגירן, האָב איך איבערגעשיקט אַ קאָפּיע דירעקט צום קאָמינטערן. אַזאַ איז געווען אויך דער באַשלוס פון אונדזער פראַקציע, וואָס האָט מיט געוויסע אויסבעסערונגען באַשטעטיקט דעם אינהאַלט פון דעם דאָזיקן מעמאָריאַל.

דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט טאַקע נישט רעאַגירט אויף מיין מעמאָריאַל און מיר האָבן באַשלאָסן אויפצוהייבן די דאָזיקע פראַגע אויף די פּאַרטיי־קעמערלעך. נישט אומעטום איז דאָס אָבער אונדז געלונגען צו טאָן.

אַחוץ דער וואַל־קאַמפּאַניע אין לאָדזש האָב איך נאָך געהאַט פאַר אַן אויפגאַבע (אַלס מיטגליד פון דער צענטראַלער לייטונג פאַר דער פּראָ־פעסיאָנעלער באַוועגונג ביים צענטראַל־קאָמיטעט) אָנצופירן מיט דער קאָמוניסטישער פּראָפעסיאָנעלער טעטיקייט אויפן אָרט און צו אָרגאַני־זירן די עקאָנאָמישע קאַמפן פון די לאָדזשער טעקסטיל־אַרבעטער.

איך האָב פּערזענלעך געקענט אַ סך פאַבריק־דעלעגאַטן און באַוווסט־זיניקע קאָמוניסטישע אַרבעטער, מיט וועלכע עס איז מיר אויסגעקומען צו זיצן אין די לאָדזשער טורמעס און זיי האָבן צו מיר געהאַט צוטרוי. דאָס האָט מיר אַ סך פאַרלייכטערט אין מיין קאָנספּיראַטיווער אַרבעט. איך פלעג קומען אין זייערע פּריוואַטע שטיבער און דאָרט מיט זיי אַרומרעדן די פּלענער, ווי אַזוי אָרגאַניזירן אַ שטרייק, וועמען פון די פאַבריק־דעלע־גאַטן קען מען אַריבערציען אויף אונדזער זייט און געגנט זיך אינפאָרמירן וועגן די לוין־ און אַרבעטס־באַדינגונגען. די פרויען און קינדער האָבן מיך געקענט פון די צייטן, ווען זיי זענען געקומען אין טורמע אויף זע־אונגען מיט זייערע מענער אָדער זין און זיי האָבן מיך שטענדיק גוט אויפ־געגנומען, כאָטש זיי האָבן געוווסט, מיט וואָס עס שמעקן פאַר זיי אַזעלכע וויזיטן. פאַר די קינדער פלעג איך ברענגען זיסיקייטן און מיט זיי עפּעס איבערבייסן.

נאָך אַזעלכע באַראַטונגען מיט די פאַבריק־דעלעגאַטן פון שייבלערס, גייערס אָדער אשר קאָנס פאַבריקן בין איך אַוועק אַ צופרידענער און אין אַ צען מינוט אַרום האָב איך זיך שוין געפונען אין גאָר אַן אַנדערער סביבה.

איך האָב זיך אַריינגעכאַפּט צו מיין שוועסטער, וואָס האָט פאַרנו־מען אַ פּרעכטיקע דירה אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט, און דאָרט געטראָפן אַ רייך־צוגעגרייטן שבתדיקן טיש. פרויען אין רייכע טואַלעטן און מיט אַ סך צירונג אויף זיך, מענער, רייכע לאָדזשער טעקסטיל־פאַברי־קאַנטן, זענען זיך יעדן פרייטיק אין אָוונט צונויפגעקומען ביי אַ צווייטן, כדי נאָך דער שבתדיקער וועטשערע צו מאַכן אַ ברידזש.

מיין שוועסטער, אינגאַנצן אין ווייסן, און מיין שוואָגער, אין די שבתדיקע בגדים, האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן פון לאַנגן טיש מיט די טייערע סערוויזן און קרישטאָל. מיין שוועסטער און שוואָגער האָבן גע־

ווּסט פון וואַנען איך קען איצט קומען; אָבער די געסט האָבן נישט געהאַט דערפון די מינדסטע אַנונג. ביים טיש האָט מען גערעדט וועגן גרויסע מסחרים, וועגן עקספּאָרט און אימפּאָרט וכדומה און זיך באַקלאָגט אויף די אומרואיקע שטימונגען, וואָס הערשן ביי די אַרבעטער אין זייערע פאַבריקן. מיין שוועסטער האָט אויף מיר געקוקט מיט צווייַדייטיקע בליקן און מיט אונטערגערוקט געשמאַקע ביסנס, כדי איך זאָל מיך נישט לאַנגווייליקן ביים טיש...

נישט איינמאָל האָב איך איר וווינונג און טעלעפאָן אויסגענוצט פאַר פאַרטיי־צוועקן מיטן וויסן פון מיין שוואָגער.

אים האָבן די דייטשן אין 1940 צוערשט באַרויבט און שפּעטער דערמאָרדעט און זי, מיין שוועסטער, מיט איין ייִנגעלע זענען אויסגעגאַנגען אין לאָדזשער געטאָ פון הונגער. דאָס אומבאַוועגלעכע פאַרמעגנס זייערס (הייזער און פאַבריקן) האָט „געירשנט" די היינטיקע פאָלקס־דעמאָקראַטישע רעגירונג אין פוילן.

אין פרילינג 1931 איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע כוואַליע פון עקאָנאָמישע שטרייקן אין אַזעלכע וויכטיקע אינדוסטריע־צענטערן, ווי אויבער־שלעזיע, לאָדזש און וואַרשע. אויף די זיצונגען פון דער צענטראַלער פּראָפעסיאָנעלער אָפּטיילונג ביים צענטראַל־קאָמיטעט האָב איך פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, אַז די דאָזיקע שטרייקן קענען האָבן אַ דערפאָלג נאָר דעמאָלט, ווען זיי וועלן זיין פאַרבונדן מיט דער אָקופּאַציע פון די פאַבריקן דורך די שטרייקנדיקע אַרבעטער. איך האָב אָנגעוויזן דערויף, אַז נישט מיר דאַרפן פון אונדזערע קעפּ אויסטראַכטן די פאָרמען פון קאַמף, נאָר זיי נעמען פון לעבן גופא. אַט, למשל, האָב איך געטענהט, האָבן די אַרבעטער פון דער גלאָז־הוטע אין פּיעטריקאָוו, „האָרטענסיאַ", אַדורכגעפירט אַ שטרייק אין פאַרבינדונג מיטן באַזעצן פון דער דאָזיקער הוטע און די רעזולטאַטן זענען געווען זייער גוטע. די אַנדערע מיטגלידער פון דער דאָזיקער פּראָפעסיאָנעלער אָפּטיילונג זענען מיט מיר נישט געווען מסכים און געהאַלטן, אַז איך שלאָג פאָר אַן אַפּאָרטוניסטישע טאַקטיק. דאָס האָט מיך לחלוטין נישט איבערראַשט. אויף אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט, וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען אין בערלין, האָט מען אָפּגעשאַצט די לאַגע אין דעם זין, אַז עס וואַקסט אָן אין לאַנד אַ נייע רעוואָלוציאָ־

נערע סיטואַציע און די קאָמוניסטן דאַרפן נעמען אַ קורס אויף אַן אַלגע־מיינעם שטרייק, וואָס וועט אַריבערוואַקסן אין אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד פאַר דער פּאָליטישער מאַכט אין לאַנד.

פון דער דאָזיקער טעאָריע האָבן דעמאָלט געהאַלטן די פירערס לענסקי, בראַנקאַווסקי און אַמסטערדאַם־העגריקאָווסקי. אַ צווייטע גרופּע אין צ. ק. מיט „מאַרעקן" (זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען אַלפרעד לאַמ־פּע, אַ געוועזענער יוגנט־טוער פון די לינקע פּועלי־ציון, וואָס איז אין 1921 צוזאַמען מיט אַמסטערדאַמען אַריבער צו די קאָמוניסטן. ער איז געווען אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר און אַ געשולטער פּאַרטיי־טוער מיט אַ לאַנגן טורמע־סטאַזש) און סלאָווינסקין האָבן פאַרטיידיקט די טאַקטיק פון אָרגאַניזירן אַלגעמיינע שטרייקן צוערשט אין יענער בראַנזשע באַזונ־דער אַלס עטאַפּ צום אַלגעמיינעם שטרייק. די דאָזיקע שטרייק־סטראַ־טעגיע האָט לענסקי געהאַלטן פאַר אַן אָפּאָרטוניסטישע. היינט קען מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס ער האָט געטראַכט וועגן דער טעאָריע פון באַזעצן די פאַבריקן בעת אַ שטרייק. זייענדיק אין לאָדזש, אויפן אַרויס. האָב איך בעסער געזען די לאַגע פון די, וואָס האָבן זיך געפונען אין בערלין. איך האָב באַמערקט, אַז דער לאָזונג פון אָקופּירן די פאַבריקן שאַפט מער גלויבן און פעסטקייט ביי די אַרבעטער אין זייער זיג, ווי דער לאָזונג פון אַלגעמיינע שטרייקן, וואָס ווערן נישט רעאַליזירט אין דער פּראַקטיק און וואָס זענען אין פאַרויס פאַראורטיילט צו אַ דורכ־פאַל מיט זייערע קאָנסעקווענצן פאַר די אַרבעטער, ווי פּאָליציייאישע רדי־פות און אָפטמאָל מיטן פאַרלירן פון אַרבעטס־פּלאַץ.

איך האָב דעריבער די ליניע פון צ. ק. וועגן דער סטראַטעגיע און טאַקטיק אויפן פּראָפעסיאָנעלן באַדן געהאַלטן פאַר אַ נישט ריכטיקע.

נאָך אין אַ פראַגע בין איך דעמאָלט נישט מסכים געווען מיטן צ. ק. דער פּלענום פון צ. ק. איז אַוועק אויפן וועג פון דער אַנאַרכיסטישער טאַקטיק וואָס איז נוגע די אַרבעטלאָזע. מען האָט געוואָרפן דעם לאָזונג פון קאָנפיסקירן שפּייז־פּראָדוקטן דורך די אַרבעטלאָזע און גערופן זיי אויף דעמאָנסטראַציעס מיטן ציל צו ראַבירן די קראָמען מיט שפּייז־פּראָ־דוקטן. מען האָט געגעבן דירעקטיוון צו אָרגאַניזירן הונגער־טעג פון די

אַרבעטלאָזע, איבערצושניידן עלעקטרישע דראָטן אין די גאַסן און צו אַנטוואָפענען ד׳ פאָליציי.

איך בין געווען אַן עדות, ווי אַ גרופע אַרבעטלאָזע האָט ערב דעם קריסטלעכן ווייַנאַכט באַפאַלן אַ יאַטקע און זי אויסגערויבט. עס איז אָנגעקומען פאָליציי און עס איז דערגאַנגען צו עקסצעסן.

די דאָזיקע אַנאַרכיסטישע מעטאָדן האָט מען אויך באַגרינדעט מיט דעם, וואָס אין דייַטשלאַנד ווערט שוין רייף די רעוואָלוציאָנערע סיטואַציע און מיר דאַרפן אַרייַנציען דעם פוילישן פראָלעטאַריאַט אין רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע אַוואַנטוריסטישע אַקציעס און אומזיניקע דעמאָנסטראַציעס האָבן נאָך מער אָפּגעשוואַכט די פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. כדי צו פאַרדעקן אָט די שוואַכקייט און כדי צו באַווייַזן דעם קאָמינטערן יואָסערע ריכטיקע טאַקטיק דער צ. ק. פירט האָט מען זיך ווידער באַנוצט מיטן אַלטן מיטל פון פעלשן די באַריכטן. וועגן אַ דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטלאָזע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אַ פּאָר הונדערט פערזאָן, האָט מען אין די אָפיציעלע באַריכטן געשריבן, אַז טויזנטער און טויזנטער האָבן זיך אין איר באַטייליקט. דאָס זעלביקע אויך וועגן אַנדערע פּאָליטישע אָדער עקאָנאָמישע אַקציעס. און זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז אַמלייכטסטן איז די דאָזיקע מלאכה אָנגעקומען די יעניקע פאַרטיי־פונקציאָנאַרן, וואָס האָבן געשטאַמט פון דער אַמאָליקער ס. ד. ק. פּ. ל. פּועלי ציון לינקע אָדער ס. ס.־„פאַראייניקטע“. דאַקעגן געוועזענע פּעפּעסאָווצעס אָדער בונדיסטן האָבן זיך אַ סך סאָלידער באַצויגן צו זייערע באַריכטן. ווען למשל, שאול אַמסטערדאַם, ישראל גייסט, יצחק גאָרדין, אָדער שמעון זאַכאַריאַש האָבן אָפּגעגעבן אַ באַריכט, האָט מען געוווסט, אַז העלפט ווייניקסטנס דערפון דאַרף מען וואַרפן אין וואַסער אַריין.

מיט אַמסטערדאַמען האָט אַמאָל פּאַסירט אַזאַ זאַך. אַ געוויסע צייט איז ער פאַרשוווּנדן. מיר האָבן נישט געוווסט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. נאָך אַכט טעג האָט ער זיך באַוויזן און דערקלערט, אַז ער איז געווען קראַנק און האָט געהאַט אַ גאָר הויכע טעמפּעראַטור. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז גאָר געווען אין וולאָצלאַוועק, דאָרט חתונה

געהאַט מיט אַ רייכער יידישער טאָכטער און ווי די חברים פון וואָלאַצלאַ־וועק האָבן שפּעטער איבערגעגעבן, איז ער צו דער חתונה געווען אויסגע־פּוצט אין אַ פראַק און צילינדער... (וועגן אים קורסירן היינט צוויי ווער־סיעס. לויט איינער זאָל ער אויך שוין האָבן אומגעקומען אין רוסלאַנד און לויט אַ צווייטער זאָל ער איצט זיין דער, וואָס פירט פּאַקטיש אָן מיט דער וואַרשעווער פּאָלקס־דעמאָקראַטישער רעגירונג).

צוריקקערנדיק זיך צום פריערדיקן ענין, וויל איך נאָך אונטער־שטרייכן, אַז די אַלע וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די געבלאָפטע באַריכטן פון די אַמסטערדאַם־הענריקאָווסקיס, האָט מען אין דער פּאַר־טיי באַצייכנט אַלס דעפּעטיסטן און פּאַניק־מאַכערס און אָנגעהויבן קעגן זיי אַ קאַמף.

די אָפּאָזיציאָנעלע האַלטונג מיינע בנוגע דער טאַקטיק פון דער פּאַר־טיי־אָנפירונג האָט מיך געשטעלט אין אַן אומקלאָרער סיטואַציע אין אָר־גאַניזאַציאָנעלן זין פון וואָרט. נישט מען האָט מיך גערופן אויף צו געבן דערקלערונגען, נישט מען האָט מיך פאַרהאַנגען אין מיינע רעכט אַלס פּאַרטיי־מיטגליד. אין אַזאַ לאַגע האָבן זיך אויך געפונען אַנדערע אָפּאָ־זיציאָנעלע עלעמענטן פון דער פּאַרטיי. אין משך פון גאָר לאַנגע חדשים האָב איך זיך אַזוי אַרומגעדרייט אָן פּאַרטיי־אַרבעט.

די גרופּע אונדזערע איז זיך אָבער ווייטער צונויפגעקומען און געטאָן פּראַקטיצאָנעלע אַרבעט. מיר האָבן געהאַט גענוג פּערזענלעכע פאַרבינדונ־גען, כאָטש מיר זענען דערוויל נישט געווען פּאַרטייאיש אַקטיוו.

בלייבן אָן פּאַרטיי־אַרבעט האָט פאַר מיר פּאַקטיש באַדייט בלייבן אָן מאַטעריעלע מיטלען צום לעבן. כאָטש דער לוין פון אַ פּאַרטיי־פונק־ציאָנאַר איז נישט געווען קיין גרויסער, האָט ער דאָך געקלעקט אויף אַ באַשיידן לעבן.

איך בין דעריבער געווען געצוווּנגען צו לעבן ביי אַ זייער אָרימער פאַמיליע אין דעם סאַמע אָרעמסטן צענטער פון וואַרשע. זי איז באַ־שטאַנען פון צוויי פּערזאָן: פון אַן אַלטער פרוי (וואָס איז געווען גייסטיק קראַנק) און אַ טאָכטער, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג שווער געהאָרעוועט, אַלס וועש־נייערין, כדי די מוטער און זיך צו דערהאַלטן ביים לעבן פון אירע גראָשנדיקע פּאַרדינסטן. ביי טאָג איז די אַלטע געשלאָפן, נאָר ביי־

נאָכט איז זי געווען אָפטמאָל זייער וואַכעדיק און איך האָב געמוזט אַראָפּגיין פון געלעגער כדי צו קאָנטראָלירן, צי דער גאַז איז גוט פאַר־דרייט. עס האָט שוין געהאַט אַמאָל פּאַסירט, אַז אומקערנדיק זיך שפּעט ביינאַכט, איז דעו גאַז־קראַן נישט געווען גוט פאַרדרייט, און עס האָט געקאָנט געשען אַ קאַטאַסטראָפע.

עס איז נישט געווען פאַרוואָס צו הייצן און אין די פרעסט בין איך געזעסן, אַרומגעוויקלט אין אַ קאָלדרע און ביים שרייבן געטראָגן הענטש־קעס. געגעסן האָב איך אין אַ גאָר ביליקן רעסטאָראַן און בכלל נאָר איין מאָל — צוויי מאָל אין טאָג און אויף מיינע פּערזענלעכע הוצאות פלעג איך באַקומען פון מיין פאַמיליע און פון מיינע פריינט. די שטוב האָט געהאַט די מעלה, וואָס קיינער האָט מיר נישט נאָכגעקוקט וואָס איך טו אין איר און זי איז טאַקע געוואָרן אַ צענטער פאַר אונדזער אָפּאָ־זיציאָנעלער טעטיקייט. דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרן ווינטער־צייט, ווען די טירן פון די שכנים זענען פאַרמאַכט און די פענצטער פאַרקאָוועט פון דעם פראָסט. זומער־צייט איז די דירה מיינע גאָרנישט ווערט געווען, ווייל די טירן פון די שכנים זענען געווען אויפגעפּראַלט און אויף די טרעפּ זענען געזעסן מאַמעס מיט די קינדער און פון די אָפענע פענצטער האָט מען אַלץ געזען, וואָס עס טוט זיך ביים שכן.

זומער־צייט האָבן מיר אַריבערגעטראָגן אונדזער פראַקציאָנעלע אַר־בעט אויף דער ליניע וואַרשע־אָטוואָצק, טיילווייז אין ליטעראַטן־פאַריין אויף טלאָמאַצקע 13 און טיילווייז אין קאַפעס.

אָנהויב 1932 האָט מיך אויפגעזוכט מיין אַלטער פריינט פון דער אַמאָליקער מערהייט ווזשאָס־הובערמאַן. ער האָט אויפן 5טן צוזאַמענפאָר מיאוס קאַפּיטולירט און איז דעמאָלט געבליבן אין מאָסקווע, ווייל מען האָט נישט געהאַט קיין צו גרויסן צוטרוי צו זיינע חרטה־דערקלערונגען.

אין מיין קאַלטן צימער, ווו דאָס וואַסער אין עמער איז אפילו געווען פאַרפרוירן, זענען מיר געזעסן עטלעכע שעה צייט און אויג אויף אויג גע־האַט אַ געשפּרעך וועגן דער לאַגע אין דער פּאַרטיי און אין קאָמינטערן. ער איז געקומען צו מיר מיטן פאָרשלאָג, אַז איך זאָל פאָרן אין דעם גרויסן קוילן־ און אייזן־ראַיאָן פון אויבערשלעזיע און דאָמבראָווע־גורני־טשע, כדי דאָרט אָנפירן מיט דער פּאַרטיי־אַרבעט אַלס פאָרשטייער פון

צענטראַל־קאָמיטעט. דאָס איז געווען איינע פון די וויכטיקסטע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. איך האָב אים גאַנץ אָפן דערקלערט, אַז איך האָב נישט איבערגעריסן מיט די רעכטע און האַלט מיך ווייטער ביי מיינע אָפּאָזיציאָנעלע מיינונגען. אויף דעם טייל פון מיין געשפּרעך מיט אים האָט ער אָבער אויסגעמיטן מיר צו געבן אַן ענטפער און איז באַשטאַנען דערויף, אַז איך זאָל דאָרט פאָרן. דאָס איז באַזונדערס נויטיק, האָט ער אונטערגעשטראָכן, אין דעם איצטיקן מאָמענט, ווען עס שאַפט זיך אין לאַנד אַ גינציקע סיטואַציע פאַר אַ שטרייק־באַוועגונג אין די וויכטיקסטע צווייגן פון דער פּוילישער גרויס־אינדוסטריע. מיין איינדרוק פון דעם לאַנגן געשפּרעך מיט אים איז געווען, אַז ער איז אינערלעך שוין געווען פּאָליטיש און מאָראַליש געבראָכן. איך האָב פון אים באַקומען די נויטיקע אינסטרוקציעס און בעת עס איז שוין געווען טונקל אין צימער און אין דרויסן, האָט ער פאַרלאָזט מיין דירה.

וווזשאָס־היבערמאַנען האָב איך גאָך געקענט פון זיינע סטודענטישע יאָרן אין בערלין. אויך אים האָב איך דעמאָלט געזען צום לעצטן מאָל. מען האָט שפּעטער איבערגעגעבן, אַז ער איז אומגעקומען אין אַן אויואַן־קאַטאַסטראָפע אין מאָסקווע. ווער ווייס, צי מען וועט אַמאָל דערגיין דעם אמת וועגן זיין אומקום.

מיין רייזע קיין אויבערשלעזיע האָב איך געמוזט זייער פאָרזיכטיק צוגרייטן, ווייל דעם ראַיאָן האָב איך גאָך גאָר ווייניק געקענט און אויך נישט געהאַט דאָרט קיין פּריוואַטע באַקאַנטע און פריינט. געפאָרן בין איך ווי אַ האַנדלס־אַגענט פון אַ פירמע אין וואַרשע, וואָס פּראָדוצירט ביליקע אַפּאַראַטן צו מאַכן ציגאַרעטן. דאָס זענען געווען קעסטעלעך פון 50 צענטימעטער די לענג. איך האָב באַקומען פּרייז־קוראַנטן און אַנדערע האַנדלס־פּאַפּירן דורך דער פאַרמיטלונג פון מיין פרויס אַ פריינדין און געפאָרן אין דער הויפּטשטאָט פון אויבערשלעזיע — קיין קאַטאָוויץ. איך האָב גענומען אַ צימער אין אַ גוטן האָטעל און דאָס ערשטע זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער שטאָט „מאַכן געשעפטן". די אויסרעכענונג איז געווען, טאָמער פאַרטשעפּעט מיך די פּאָליציי אין האָטעל בעת אַ נאַכט־אָבלאַווע, זאָל איך שוין האָבן צו באַווייזן, אַז איך פאַרנעם זיך מיט האַנדל.

ערשט אויפן דריטן טאג האב איך זיך פארבונדן מיט דער ארטי־קער פארטיי־אנפירונג, וואס האט שוין געוווסט, אז איך דארף קומען און זיך געגויער אינפארמירט וועגן די ארטיקע פראבלעמען.

די פארטיי־ארגאניזאציע איז באשטאנען כמעט אויסשליסלעך פון ארבעטער, וואס רעדן א ספעציעלן דיאלעקט מיט א סך דייטשע ווער־טער. ציפערן האבן זיי צונויפגעמישט אין דער דייטשער שפראך און געזידלט האבן זיי זיך אויך אין דער דאזיקער שפראך. שוין א געוווינ־הייט געווען אזא. די אינדוסטריע פון אויבערשלעזיע האט געארבעט אין א גרויסער מאס פאר דער פוילישער ארמיי און לויט די באשלוסן פון לעצטן, 5טן פארטיי־צוזאמענפאר האבן קאמוניסטן געדארפט לייגן גאר א סך אכט אויף אזעלכע וויכטיקע אינדוסטריע־צענטערן ווי אויבער־שלעזיע.

אז מען דארף געווינען איינפלוסן אויף די ארבעטער פון דער קריגס־אינדוסטריע, דאס איז פאר מיר געווען קלאר. אז מען דארף פירן א פראפאגאנדע צווישן די ארבעטער, אז זיי זאלן אין פאל פון א מלחמה מיטן ראטנפארבאנד אפשטעלן די פראדוקציע, דאס איז פאר מיר אויך געווען פארשטענדלעך; אבער אז איך זאל זיך פארנעמען מיט שפיא־נאזש — דאס האט ביי מיר תמיד ארויסגערופן א שטארקן ווידערווילן.

אין איינער פון די מינדלעכע אינסטרוקציעס, וואס איך האב באַ־קומען, שוין זייענדיק אויפן ארט, האט זיך געזאגט, אז איך דארף ביי די ארבעטער פון די גרויסע מעטאל־פאבריקן, וואס געהערן צו אונדזער פארטיי־קעמערל, באקומען אינפארמאציעס וועגן די פארשיידענע מיניט געוועער און וועגן דעם סכום פון דער פראדוקציע אין דער געגעבענער פאבריק. די דאזיקע אינפארמאציעס האב איך געדארפט איבערגעבן א ספעציעלן קוריער, וואס וועט מיך באזוכן. מיט מיר איז געווען אין אויי־בערשלעזיע נאך א פארטיי־פונקציאנאר פון ווארשע. איך ווייס נישט, צי ער האט יא אויסגעפירט די דאזיקע אויפגאבע. איך האב נישט געוואלט מיט אים וועגן דעם רעדן, אבער איך האב זיך קאטעגאריש אפגעזאגט פון אזא ארבעט. דאס האב איך געטאןביים סוף פון חודש, ווען איך בין געווען אין ווארשע אפגעבן א באריכט פון מיין ארבעט, ווי דאס פלעגט זיך פירן אין דער פארטיי. איך האב אין פארטיי־סעקרעטאריאט דער־

קלערט, אַז איך האַלט פאַר שעדלעך צו מישן די פאַרטיי־פּאָליטישע טע־טיקייט מיט שפּיאָנאַזש־אַרבעט אפילו לטובת דעם ראַטנפאַרבאַנד. צו דעם עקזיסטירט אַן אַנדער אַפּאַראַט און זאָל ער טאָן די דאָזיקע שפּיאָ־נאַזש־אַרבעט. איך בין געגאַנגען נאָך ווייטער און געפאָדערט, אַז אויב עס זענען שוין אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער דאָזיקער אַרבעט פאַרטיי־מיטגלידער, באַשעפטיקטע אין דער קריגס־אינדוסטריע, דאַרף מען זיי אָרגאַניזאַציאָנעל איזאָלירן פון דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. איך האָב אויף דער דאָזיקער פאָדערונג נישט באַקומען קיין ענטפער, אָבער צו מיר פערזענלעך איז מען שוין מער נישט צוגעשטאַנען מיט אָנווייזונגען פון אַזאַ מין.

די לאַגע פון דער קאָמפּאַרטיי אין אויבערשלעזיע איז אין אַלגעמיי־נע שטריכן געווען די זעלביקע, וואָס אין וואַרשע אָדער לאָדזש. אַ גרויסע פלוקטואַציע פון די מיטגלידער, אַן אויסדריקלעכע צוריקגעהאַלטנקייט אַנטיילצונעמען אין פאַרטיי־פּאָליטישע אַקציעס און אַ צוריקגאַנג פון די קאָמוניסטישע איינפלוסן אין די פאַבריקן און קוילן־גרובנס. מען האָט געמוזט שטאַרק צושטיין צו אַ פאַרטיי־מיטגליד, אַז ער זאָל נעמען אויף זיך אויסצופירן אַ פאַרטיי־פונקציע און מען האָט געמוזט דאָס ביסל אַק־טיוויסטן שטענדיק מונטערן און וועקן. די מיטגלידער זענען געווען טייל־וויז מיד און טיילווייז שוין רעזיגנירט און עס האָט אויף זיי נישט גע־מאַכט קיין איינדרוק די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. איך האָב דאָס דער־פילט אַמבולטסטן, בעת מיר זענען צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן די 1טע מאַי־פייערונג. די אַרבעטער פון די פאַרשיידענע אַרבעטער־צענטערן האָבן יאָר־יערלעך אָרגאַניזירט אַ גרויסן מאַרש ביז קיין קאַטאָוויץ מיט דער באַטייליקונג פון צענדליקער טויזנטער אַרבעטער. דאָס פלעגט זיין אַ מעכטיקע דעמאָנסטראַציע פון אַרבעטער־קלאַס. אונדזער איינשטעלונג איז דעמאָלט געווען וואָס שייך דעם 1טן מאַי: נישט גיין צוזאַמען מיט די פּעפּעסישע פירער, נאָר מיט זייער באַזע; נישט מיט די סינדיקאַלע באַנצן, נאָר צוזאַמען מיט די פּעפּעסישע פאַבריק־דעלעגאַטן; די 1טע מאַי דע־מאָנסטראַציע דאַרף טראָגן אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער און אפילו דער־פירן דערצו, אַז עס זאָלן פאָרקומען צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און עס זאָלן געמאַכט ווערן פּרוּוון זי צו אַנטוואָפענען; מען דאַרף שטרעבן

דערצו, אַז איז 1טן מאַי זאָל קומען צו געמיינזאַמע דעמאָנסטראַציעס מיט די דייטשע אַרבעטער פון יענער זייט גרעניץ. פון אונדזערע אַלע שטרע־בונגען איז גאָרנישט, אָדער כמעט גאָרנישט, אַרויסגעקומען.

דאָס מיינט לחלוטין נישט, אַז צווישן די פוילישע אַרבעטער האָט נישט געהערשט קיין קאַמף־שטימונג. דאָס האָט זיך אַמבולטסטן באַשטע־טיקט דעם 16טן מערץ 1932, בעת די פּ. פּ. ס. האָט פּראָקלאַמירט אַן אַלגעמיינעם שטרייק. דער דאָזיקער שטרייק איז געווען אַ געלונגענער, כאָטש די קאָמוניסטן האָבן גאָרנישט דערצו געטאָן, אַז ער זאָל האָבן אַ דערפאָלג. דעם אמת געזאָגט, איז ער דעמאָלט פאַר אונדז געווען אַ סיורפּריז און אונדז פאַרשאַפט אַ סך ווייטיק. מיר האָבן זיך יאָרן־לאַנג געאַמפּערט וועגן דער טעאָריע און פּראַקטיק פון אַלגעמיינע שטרייקן און עס קומט די פּ. פּ. ס. און פירט אַדורך אַן אַלגעמיינעם שטרייק אין לאַנד — אַ זאַך וועגן וועלכער מיר האָבן שטענדיק געחלומט. און ווער פירט אַדורך דעם דאָזיקן שטרייק? די פּ. פּ. ס., וועלכע מיר האָבן זינט יאָרן פאַרשריגן אַלס סאָציאַל־פאַשיסטישע פּאַרטיי.

אויפן באָדן פון דער דערפאַרונג אין לאָדזש און איצט אין אויבער־שלעזיע איז ביי מיר נאָך פעסטער געוואָרן די מיינונג, אַז די פּאַרטיי איז פּאַראַליזירט, אַז די אינערלעכע פּאַרטיי־קאַמפן האָבן זי דערפירט צו אַזאַ צושטאַנד, אַז זי איז נישט מער פעאיק צו שפּילן די רעוואָלוציאָנע־רע ראָל, וועלכע זי איז באַרופן צו שפּילן. איך בין אויך שוין געקומען צום אויספיר, אַז די הויפּט־שולד פאַר דעם דאָזיקן מצב פאַלט אויפן קאָמינ־טערן און אויפן מאָסקווער פּאָליטביוראָ.

די דירעקטיוון, ווי אַזוי אַדורכפירן די 1טע מאַי־אַקציע האָב איך באַקומען פון בערלין, ווו עס איז צו יענער צייט געווען דער זיץ־אָרט פון צענטראַל־קאָמיטעט. איך האָב אייגעזען די אומזיניקייט זייערע און אין געגנט־קאָמיטעט פון אויבערשלעזיע געמאַכט דעם פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלן געמיינזאַם מיט דער פּ. פּ. ס. פייערן דעם 1טן מאַי. צוזאַמען, אָבער יעדער צד אונטער זיינע פאָנען און זיינע באַזונדערע לאָזונגען. פון מיין פאָרשלאַג איז גאָרנישט געוואָרן, אָבער וועגן אים האָט מען צווישן גע־טאָן אין בערלין. איך האָב געוואָלט פאָרן קיין בערלין, כדי אויפן אָרט

פּאַרטייידיקן מיין שטאַנדפּונקט. פון דעם איז גאָרנישט געוואָרן און איך האָב זיך אומגעקערט קיין וואַרשע נאָכן ערשטן מאַי.

קודם־כל בין איך געווען צופרידן, וואָס איך בין נישט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי, ווייל פאַרן 1טן מאַי, נישט געקוקט, וואָס איך בין געווען קעגן דער אָפּיציעלער טאַקטיק, האָב איך זייער אינטענ־סיוו באַאַרבעט דעם גאַנצן ראַיאָן. נישט געקוקט אויף די מאַסן־אַרעסטן פאַרן 1טן מאַי, האָב איך באַזוכט אַלע וויכטיקע קאָנפערענצן און זיצונ־גען סיי פון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע און סיי פון דער „לינקער סינדיקאַ־לער ריכטונג". זיי זענען פאָרגעקומען אין פּריוואַטע דירות פון אַרבעטער אין די אַרבעטער־הייזער, וואָס זענען אויסשליסלעך געווען באַוווינט פון פּוילישע אַרבעטער. קלענערע צוזאַמענטרעפן פון צוויי און דריי פּערזאָן האָבן מיר געמאַכט אויפן וועג צווישן קרולעווסקאַ הוטא און קאַטאָוויץ.

בין איך געווען צופרידן, וואָס איך זיץ שוין אין צוג קאַטאָוויץ־וואַר־שע מיט מיינע הילצערנע קעסטלעך. איך האָב אויף זיי געקוקט מיט אַ דאַנקבאַר אויג, כאָטש עס איז, צום גליק, נישט דערגאַנגען דערצו, אַז זיי זאָלן מיך דאַרפן ראַטעווען. פּסיכאָלאָגיש זענען זיי אָבער פאַר מיר גע־ווען אַ גרויסע הילף. זיי האָבן זיך שטענדיק געפונען אויף מיין טיש אין האָטעל, כדי די האָטעל־דינער זאָלן וויסן ווער איך בין. געהיים־אַגענטן האָבן תמיד געהאַט אַן אינטערעס צו וויסן, ווער עס קומט פון וואַרשע קיין קאַטאָוויץ. אין אַזאַ גרעניץ־שטאָט ווי קאַטאָוויץ האָט די פּאָליציי שטענדיק געהאַט וועמען צו זוכן.

אַ גאַנצע נאַכט אויף מיין צוריקרייזע קיין וואַרשע האָב איך אינ־סטינקטיוו געפילט, אַז דאָס איז שוין מיין לעצטע נסיעה אין שליחות פון צענטראַל־קאָמיטעט, אַז קאַטאָוויץ איז שוין געווען מיין לעצטע פּאַרטיי־אַרבעט און עס האָט מיך באַהערשט אַ טרויעריקע שטימונג. אַזוי פיל יאָרן אַוועקגעגעבן דער פּאַרטיי־אַרבעט, אַזוי געטריי געדינט דער קאָמו־ניסטישער באַוועגונג און איצט שטיי איך פאַר דער פראַגע: וואָס ווייטער טאָן? פאָרזעצן דעם קאַמף קעגן דער איצטיקער לינקער אָנפירונג פאַר גע־זונט מאַכן די פּאַרטיי אָדער רעזיגנירן פון אָט דעם קאַמף און פאַרלאָזן פּוילן, אייראָפּע איבערהויפּט, און פאָרן קיין דרום־אַמעריקע?

פאַרוואָס עפּעס דרום־אַמעריקע? איך האָב זיך שוין אַ סך פריער,

באַלד נאָך דער באַפרייאונג אין מאַי 1930, אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו פאַרלאָזן אייראָפּע. איך האָב שוין דעמאָלט געזען דעם באַרג־אַראָפּ פון דער פּאַרטיי אונטער דער נייער אָנפירונג און געוואָלט פאַרלאָזן פּוילן, כדי אויסצומיידן מיט איר מיטצואַרבעטן. עס האָט אָבער דעמאָלט ביי מיר גענומען די איבערהאַנט די האָפענונג, אַז די לאַגע קען זיך נאָך ענדערן און אַז עס איז מיין פליכט עפּעס אין דער הינזיכט צו טאָן. אַ חוץ דעם האָב איך אויך נישט געהאַט די מעגלעכקייטן פאַר אַזאַ ווייטער ריי־זע. איצט איז ווידער ביי מיר אַנטשטאַנען דער דאָזיקער געדאַנק. פאַר־וואָס דרום־אַמעריקע? ווייל נאָך מיין באַפרייאונג האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיין אַלטער פריינט יאַקוב דוטלינגער, וואָס איז אויך געווען אין אומחן ביים קאָמינטערן, צוליב זיינע שטאַרקע סימפּאַטיעס צו די רעכטע, גע־פינט זיך אין דרום־אַמעריקע (אין אורוגוויי) אין שליחות פון פּראָפינ־טערן (פּראָפעסיאָנעלער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל). איך האָב צו אים געשריבן אַ בריוו מיט דער אָנפראַגע, צי עס וואָלט פאַר מיר געווען אַ פּלאַן זיך דאָרט צו באַזעצן. ער האָט מיר געעצהט צו פאָרן קיין דרום־אַמעריקע און איצט, פאַרנדיק אין צוג, איז ווידער מיר דער ענין געקומען אויפן געדאַנק. צראָפּגייענדיק אין וואַרשע, איז אָבער די דאָזיקע אידעע אומבאַמערקטערהייט פאַר מיר אַליין ווי אויסגערונען געוואָרן. איך האָב גלייך אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן די לויפנדיקע פּאַרטיי־ענינים און תיכף געזוכט אַ פאַרבינדונג מיט מיינע חברים פון דער פראַקציע. דער רוס זאָגט: דער פרימאָרגן איז קליגער פון דעם אָוונט... ביינאַכט אין צוג האָב איך געטראַכט וועגן פאַרלאָזן פּוילן, אָבער אינדערפרי האָב איך זיך שוין ווידער געפילט ווי אַ טייל פון דעם קאָנספּיראַטיוון קאָלעקטיוו, וואָס קעמפט עקשנותדיק און שטעלט אַזוי פיל אײן פאַר זיינע צילן. דער גאַנ־צער ענין עמיגראַציע איז מיר פון קאָפּ אַרויס.

אונדזער אָפּאָזיציאָנעלע אַרבעט אין דער פּאַרטיי

דער 6טער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר

צו אונדזער פראַקציע האָט שוין דעמאָלט אויך געהערט דער אַלטער פאַרדינסטפולער פּאַרטיי־טוער הערש מענדל שטאָקפיש. בעת דער אָקטאָ־

בער־רעוואָלוציע איז ער געווען אין רוסלאַנד און דאָרט זיך באַטייליקט אין איר אַלס אַנאַרכיסט. פריער איז ער געווען אַ בונדיסט און פאַרזוכט דעם טעם פון די צאַרישע תפיסות. נאָך דער אָקטאָבער־איבערקערעניש איז ער געוואָרן אַ קאָמוניסט און אומקערנדיק זיך קיין פוילן איז ער גע־ווען זייער אַקטיוו אין דער יידישער סעקציע און דורכגעמאַכט לאַנגע יאָרן פוילישע טורמעס. צוזאַמען מיט אַ גרופּע אָפּאָזיציאָנערן איז ער אין 1935 אַריינגעטראָטן אין „בונד". בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך געפונען אין פראַנקרייך און זיך אָנגעשלאָסן אָן די לינקע פועלי־ציון און איצט איז ער אַן אַקטיווער טוער פון דער מפ"ם אין מדינת יש־ראל. זיין אָנשלוס אין אונדזער פראַקציע איז געווען פון וויכטיקן באַדייט, ווייל ער האָט געהאַט אַן איינפלוס אויף באַשטימטע קרייזן פון די לינקע יידישע שרייבער אין וואַרשע און אויף אַ רייע יידישע אַרבעטער־אַקטי־וויסטן פון דער קאָמפּאַרטיי אין וואַרשע און אין דער פּראָווינץ. הערש מענדל איז אָבער נישט געווען קיין אָנהענגער פון די רעכטע, נאָר גיכער געהערט צו דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע אין דער קאָמפּאַרטיי.

צו אונדזער פראַקציע האָט זיך שוין אויך דעמאָלט פאַריניקט יצחק דויטשער, אַ ליטעראַט און זשורנאַליסט, וואָס האָט געהערט צו דער לינ־קער שרייבער־גרופּע אין וואַרשע און געהאַט גוטע פאַרבינדונגען מיט די לינקע פוילישע שרייבער. אַ זייער פעאיקער יונגער שרייבער מיט אַ צו־קונפט, האָט ער אַ סך צייט און ענערגיע אָוועקגעגעבן פאַר דער פראַק־ציאָנעלער אַרבעט אין דער פאַרטיי. ער האָט לעצטנס פאַרעפנטלעכט אין לאָנדאָן צוויי וואָגיקע אַרבעטן וועגן סטאַלינען און וועגן רוסלאַנד נאָך סטאַלינען, וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס אין דער גאָרער וועלט. יצחק דויטשער איז געווען מאַטעריעל אַ סך בעסער פון אַלע־מען סיטואירט (ער האָט געאַרבעט אין דער טעגלעכער פויליש־יידי־שער צייטונג „נאַש פּשעגלאָנד") און האָט מיט אַ ברייטער האַנט געהאָלפן פינאַנציעל ביים אַרויסגעבן אונדזער ליטעראַטור און אויך געהאָלפן די נויטבאַדערפטיקע חברים. פון די אַנדערע חברים, וואָס האָבן זיך מיטן גאַנצן ברען אַריינגעוואָרפן אין דער אָפּאָזיציאָ־נעלער אַרבעט, איז כדאי צו דערמאָנען דעם זייער פעאיקן יונגן שלמה ערליך, אַ זון פון פאַרמעגלעכע עלטערן פון בענדין. ער איז נאָך זייענ־

דיק אין ארץ־ישראל געווארן דארט אן אפאזיציאנער און אין דער דאר־טיקער קאמפארטיי געפירט א קאמף פאר טראצקיסטישע אידעען און אנשויאונגען. א זייער רירעווודיקער, ענערגישער אין דער אנפירונג פון אונדזער פראקציע איז געווען דער „קליינער לעאן" (ערליך) פון ווארשע. ער האט געהאט דעם רעסארט פון אונדזערע אויסגאבן אין דער יידישער און פוילישער שפראך. א באגאבטער זשורנאליסט, וואס האט נאך מיט־געארבעט אין דער אפיציעלער פארטיי־פרעסע, איז געווען „ארטור" (רעדלער). זיי אלע זענען געווען טראצקיסטיש געשטימט.

אין דער ערשטער סטאדיע פון את דער פראקציאנעלער ארבעט האבן מיר געהאט א באשטימטן דערפאלג ביים פארטיי־אקטיוו אין לאנד און די צאל אנהענגער אונדזערע האט געהאלטן אין איין וואקסן סיי צווישן די פוילישע פארטיי־מיטגלידער און סיי צווישן די יידישע, פרא־פארציאנעל מער צווישן די יידישע. דער דאזיקער וווקס האט זיך דער־קלערט דערמיט, וואס אין דער פארטיי האט געהערשט א גרויסע אומצו־פרידנקייט און, צווייטנס, וואס די אפיציעלע פארטיי־אנפירונג איז גע־ווען אפגעשוואכט און זיך געפונען אין אויסלאנד און נישט געהאט קיין שטארקע קאנטראל איבער דעם, וואס עס קומט פאר אין דער פארטיי. מיר דאקעגן מיט אונדזער אנפירונג האבן זיך געפונען אויפן ארט, אין ווארשע, און זיך געקאנט יעדן טאג צונויפקומען און באטראכטן די אלע ארגאניזאציאנעלע מיטלען, מיט וועלכע מיר דארפן זיך באנוצן, כדי די פארטיי צו באהערשן פון אינעווייניק. א חוץ דעם האבן צו אונדזער פראקציאנעלער אנפירונג געהערט חברים פון דער אפיציעלער פארטיי־אנפירונג און גראד אזעלכע, וואס האבן געהאלטן אין זייערע הענט די זייער וויכטיקע — פאר אן אומלעגאלער פארטיי — פאזיציע, ווי דעם אפאראט פון דער פארטיי־טעכניק; דאס מיינט דאס ארויסגעבן און פאר־שפרייטן די אומלעגאלע און לעגאלע פארטיי־ליטעראטור, באזארגן די פארבינדונגען צווישן דעם אומלעגאלן אפאראט אין לאנד מיט אויסלאנד (רוסלאנד, דייטשלאנד), ארויסשיקן פון לאנד אומלעגאלע טוער און אויפ־נעמען די פריש־געקומענע א. ד. גל. נאך א זייער וויכטיקן פרט דארפן מיר צוגעבן. דער טעכנישער אפאראט האט דיספאנירט מיט גרויסע געלט־מיטלען. מיר זענען געווען געוני אינפארמירט, וואס עס הערט זיך

אין מאָסקווע און בערלין, ווו עס האָבן זיך געפונען סיי די אָפיציעלע פּאַר־טיי־אָנפירונג און סיי די באַזייטיקטע רעכטע פירער פון דער פּאַרטיי. אַ דאַנק אָט דער גינציקער פּאַר אונדז לאַגע האָבן מיר געקענט צוזאַמען מיט דער אָפיציעלער פּאַרטיי־ליטעראַטור פונאַנדערשיקן אין דער פּראָווינץ אונדזער אָפּאָזיציאָנעלע ליטעראַטור און געגאָסן פּאַר אונדזער אַרבעט פון דער אָפיציעלער פּאַרטיי־קאַסע. עס האָט אַ געוויסע צייט עקזיסטירט אַ מין מלוכה אין אַ מלוכה, פאַרשטייט זיך, ביידע אומלעגאַלע מלוכות, אָבער מיט דעם אונטערשייד, וואָס נאָר איינע האָט געוווסט וועגן דער עקזיסטענץ פון דער צווייטער. אונדזער אינערלעכע שוואַכקייט איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס אידעאָלאָגיש האָבן מיר מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ קאָנגלאָמעראַט פון פאַרשיידענע שטרעמונגען. געווען צווישן אונדז אָנ־הענגער פון דער רעכטער אָפּאָזיציע אין דער רוסישער קאָמפּאַרטיי און קאָמינטערן (בוכאַרין, בראַנדלער, וואַרסקי, קאָסטזשעווא), געווען אָנהענ־גער פון דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע (לעניניסטן־אינטערנאַציאָנאַ־ליסטן) און געווען וואַקלדיקע. נאָך לאַנגע דיסקוסיעס איז אונדז געלונ־גען אויסצואַרבעטן אַן אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע פּלאַטפאָרם, וואָס האָט געדאַרפט דינען אַלס באַזע פּאַר אונדזער געמיינזאַמער פּראָפּאַגאַנ־דע און אַגיטאַציע אין דער פּאַרטיי און אויסער איר.

דעם וויכטיקסטן אָרט אין דער דאָזיקער פּלאַטפאָרמע האָט פאַרנומען דייטשלאַנד. מיר זענען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער סטאַלינגיסטישער טעאָריע פון סאָציאַל־פאַשיזם און געפאָדערט צו ענדערן די טאַקטיק פון איינהייטס־פראָנט אין דעם גייסט, אַז דער קאָמוניסטי־שער לאַגער דאַרף גיין צוזאַמען מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע לאַגערן אין קאַמף קעגן היטלעריזם. מיר האָבן שאַרף באַקעמפט די אָפיציעלע אָפּשאַצונג פון דער לאַגע אין פּוילן, אַז עס ווערט רייף כלומרשט ביי אונדז אין לאַנד אַ רעוואָלוציע־סיטואַציע און פאַראורטיילט די אולטראַ־לינקע אַוואַנטוריסטישע אַקציעס פון דער קאָמפּאַרטיי מיט אירע אומזי־ניקע גענעראַל־שטרייקן און אַרבעטסלאָזע־דעמאָנסטראַציעס.

אין דעם פּרט האָט צווישן אונדז אַלעמען געהערשט אַן איינשטימי־קייט. אויך אין דער פראַגע פון קאַמף קעגן דער אינערלעכער ביוראָ־קראַטיזאַציע און פּאַר אַ ברייטער דעמאָקראַטיזאַציע פון אינערלעכן פּאַר־

טייל־לעבן זענען צווישן אונדז נישט געווען קיין אינערלעכע חלוקי־דעות. די פּלאַטפאָרמע האָט זיך באַגרעניצט צו פּוילן און דייטשלאַנד, נישט באַרירנדיק דערווייל די פראַגע סאָוועט־רוסלאַנד און דעם קאָמינטערן. אין דעם איז באַשטאַנען אונדזער קאָמפּראָמיס.

מיר האָבן אויך געשטרעבט אויסצובריייטערן די פּראַקטיאָנעלע טעטיקייט איבער די וויכטיקסטע ראַיאָן־אָרגאַניזאַציעס און איך בין געפאָרן קיין לאָדזש, ווו איך האָב געהאַט גוטע פאַרבינדונגען מיטן לאָדזשער פאַרטיי־אַקטיוו. נאָך וואָכן־לאַנגער אַרבעט איז מיר געלונגען דאָרט צו שאַפן אַ גענוג צאָלרייכע פראַקציע. צו איר האָבן געהערט אַ רייע פּאָפּולערע פאַבריק־דעלעגאַטן פון די גרעסטע לאָדזשער טעקסטיל־פאַבריקן, ווי שייבלער און גראַמאַן, ווידזעווער מאַנופאַקטור און פון גייערן. באַזונדערס דערפאָלגרייך איז געווען מיין אַרבעט צווישן די יידישע קאָמוניסטן. אויך ביי די יונגע פּוילישע שרייבער, וואָס זענען געווען לינק געשטימט, האָבן מיר געהאַט אַ דערפאָלג. אין אַנדערע פאַרטיי־ראַיאָנען האָבן מיר אויך געהאַט צו פאַרצייכענען געוויסע דערפאָלגן, נעמענדיק אין באַטראַכט די אינערלעכע פּאַסיווקייט, וואָס האָט שוין דעמאָלט בכלל געהערשט צווישן די פאַרטיי־מיטגלידער און דעם פאַרשטאַרקטן טעראָר קעגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. די פעסטונג אונדזערע איז אָבער געווען וואַרשע.

נאָך דעם, ווי אונדזער פּלאַטפאָרמע איז שוין געווען גענוג פּאָפּולער צווישן דעם פאַרטיי־אַקטיוו, האָבן מיר זי איבערגעשיקט צום צענטראַל־קאָמיטעט אָן וועלכע עס איז אילוזיעס, אַז מיר וועלן עפּעס ביי אים אויספועלן. מיר האָבן זיך גיכער גערעכנט, אַז עס וועט זיך אָנהייבן אַ שטאַרקע אַטאַקע קעגן אונדז און מיר זענען געווען צו דעם צוגעגרייט.

פאַרן אידעאָלאָגישן מצב פון דער פּאַרטיי איז כאַראַקטעריסטיש געווען פאָלגנדיקער פאַל. ווען דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט באַקומען אונדזער אָפּאָזיציאָנעלע פּלאַטפאָרם האָט ער נאָכן באַקענען זיך מיט איר, זי איבערגעגעבן דער צענטראַלער רעדאַקציע מיטן ציל, אַז זי זאָל אויף אונדז אָנפאַלן, אַזוי ווי עס פירט זיך אין אַזעלכע פאַלן. דו האָט פּאַסירט מיט אַ טייל מיטגלידער פון דער רעדאַקציע, אַז נאָכן באַקענען זיך מיט אונדזער דאָקומענט, זענען זיי געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז מיר זענען

אייגנטלעך גערעכט און זיי אַליין זענען שפּעטער אויך אַריבער צו דער אָפּאָזיציע... דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט, פאַרשטייט זיך, אונדז דער־קלערט אַ קאַמף מיט אַלע מיטלען, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר דער שרעקלעכער באַשולדיקונג, אַז מיר זענען אַגענטן פון פאַשיזם אין פוילן. פּאָליטיש האָבן מיר אָבער געהאַט אַ זייער שטאַרקע פּאָזיציע, מחמת יעדן טאָג האָבן די פּאָליטישע געשעענישן אין פוילן און דייטשלאַנד געגעבן אונדז גערעכט. די פּ. פּ. ס. איז איבערגעגאַנגען צו ברייט־פאַרמאָסטענע פּאָליטשע אַקציעס און עס האָבן זיך אויף איר געשיט פּאָליציי־אישע רע־פּרעסיעס. דאָס האָט צונישט געמאַכט די אומזיניקע אולטראַ־לינקע טעאָריע פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג וועגן דער ראַל־פּאַרטיילונג, וואָס עקזיסטירט צווישן פאַשיסטישן רעזשים און זיין „צווילינג־ברודער", ווי סטאַלין האָט באַצייכנט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין דייטשלאַנד און פוילן. אַ סך אין אונדזער אַגיטאַציע האָבן אונדז צוגעהאָלפן די בראָשורן און אויסגאַבן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט באַוויזן אין אייראָפּע און וועג־מענס מחבר עס איז געווען לעאָן טראָצקי, וואָס האָט שוין געלעבט אין נאָרוועגיע. מיר האָבן די דאָזיקע בראָשורן אַרויסגעגעבן אין דער פּוילי־שער און יידישער שפּראַך. אַ חוץ דעם אויך אייגענע אויסגאַבעס, וואָס האָבן באַהאַנדלט פּוילישע פּראָבלעמען.

אונדזער קאַמף האָט געצילט די פּאַרטיי ווידער אידעאָלאָגיש צו באַ־לעבן און זי צו באַנייען אין גייסט פון נישט געפעלשטן לעניניזם. די אי־דעאָלאָגישע אויסגעהוילנקייט, וואָס איז געקומען אין רעזולטאַט פון דער בהדרגהדיקער ביוראָקראַטיזירונג פון פּאַרטיי־אַפּאַראַט מיט אירע באַ־גלייט־דערשיינונגען, ווי קאָרופּציע, פּאָליטישער ציניזם און מאָראַלישע געפאַלנקייט; די אולטראַ־לינקע ליניע, די פּאָליטישע הפקרות פון קאָמינ־טערן בכלל און אַבסאָלוטע אָפּהענגיקייט פון מאָסקווע, — דאָס אַלץ, האָבן מיר געגלויבט, קען נאָך גרינגלעך באַזייטיקט ווערן דורך אַ ווייט־גייענדיקער דעמאָקראַטישער רעפאָרם פון סאָוועטישן רעזשים און פון קאָמינטערן, אין גייסט פון די לעניניסטישע פּרינציפּן וועגן דעמאָקראַ־טישן צענטראַליזם.

דער שטרעבן צו באַנייען און רעפאָרמירן די קאָמפּאַרטיי האָט קודם־כל אונדז אָפּאָזיציאָנערן אַליין באַנייט און רעפאָרמירט. מיר אַליין האָבן

זיך מיט יעדן טאָג דערווייטערט פון אונדזערע פריערדיקע אידעען און אָנ־שויאונגען און באַפרייט פון דער סטאַליניסטישער מאָראַל. מיר האָבן עס אויפגענומען ווי אַ באַליידיקונג, ווען אימיצן פון אונדז האָט מען פאַר־געוואָרפן, אַז ער באַגייט אַ סטאַליניסטישן אָפּנויג, אָדער אַז זיין אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע האַנדלונג שמעקט נאָך מיט סטאַליניזם. מיר זענען שוין אפילו געוואָרן היפּער־דעמאָקראַטיש, וואָס שייך אונדזער אינערלעך לעבן. אויף אונדזערע אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען, וואָס האָבן זיך פאַרצויגן ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין, האָט מען אַזוי פריי דיסקוטירט וועגן די פאַרשיידנסטע פּאָליטישע פראַגן, ווי קיינמאָל נישט. אַ יוגנטלעכער צווישן אונדז האָט געקענט אפילו אין דער שאַרפסטער פאָרעם אָנגרייפן אַן אַלטן חבר מיט אַ לאַנג־יאָריקן פאַרטיי־ און טורמע־סטאַזש און קיי־נער האָט זיך אויף אים נישט באַליידיקט. וואָכן־לאַנג האָבן זיך געצויגן די דיסקוסיעס און ווען עס איז שוין אָפּגעשטימט געוואָרן אַ רעזאָלוציע, האָט זי נישט פאַרפליכטעט די, וואָס האָבן געשטימט קעגן איר. מען האָט דיסקוטירט בייטאָג און ביינאַכט, אין די קאַפעען, אין ליטעראַטן־פאַריין אויף טלאָמאַצקע 13, און אויב די דיסקוסיע איז נישט פאַרענדיקט גע־וואָרן אין די שפּעטע שעהן האָט מען זי נאָך ווייטער געפירט אויף די גאַסן פון וואַרשע. מיר האָבן זיך דערפילט, ווי מיר וואָלטן יינגער געוואָרן און האָבן שטאַרק געגלויבט, אַז מיר וועלן געזונט מאַכן די קראַנקע קאָמו־ניסטישע באַוועגונג אין וועלט־מאַסשטאַב און, פאַרשטייט זיך, אין פוילן. מיר האָבן נישט דיספּאָנירט מיט קיין געלט־מיטלען און אויך נישט מיט קיין מאַכט־פּאָזיציעס און עס איז נישט געווען ביי אונדז קיין באָדן פאַר קאָרופּציע אָדער ריוואַליזאַציע פאַר דער מאַכט אין אַפּאַראַט. מיר און אַנדערע אָנפירנדיקע חברים פון דער אָפּאָזיציע איז אויסגעקומען אַליין צו גיין מיט אַ פּעקל ציטונגען אונטערן אָרעם איבער די קיאָסקן פון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן אין וואַרשע, ווי וואָליע און פּראַגע און דאָרט פאַרטיילן אונדזער אויסגאַבע, וועלכע מיר האָבן אַרויסגעגעבן פון די פרייוויליקע באַשטייערונגען פון אונדזערע חברים און חברטעס. עס האָט ווידער אַ גלאַנץ געטאָן דער אַמאָליקער שיין פון אידעאַליזם, מיט וועלכן מען דאַרף טאָן פאַרטיי־אַרבעט, כאָטש אַ טייל פון אונדז האָט נישט גע־האַט דעם טאָג אַ־בערצולעבן און געווען אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ. ווען מיר

האָבן צובאַקומען אַ נייעם חבר אַדער חברטע, האָט דאָס געמיינט פאַר אונדז: געראַטעוועט נאָך אַ נשמה פון דעגענעראַציע און אונטערגאַנג.

לעגאַלקייט קען ווערן אַ שונא פון אַ פּאַרטיי און אומלעגאַלקייט קען ווערן אַ פאַרבינדעטער פון אַ פּאַרטיי. ווען די דייטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע וואָלט זיך נישט געהאַלטן ביי שטרענג לעגאַלע און קאָנסטיטוציאָנעלע מיטלען און מעטאָדן אין קאַמף קעגן דעם ברוטאַלסטן שונא פון דער דעמאָקראַטיע, ווער ווייס, צי היטלער וואָלט טאַקע געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד. די היפּער־לעגאַליטעט איז געוואָרן אַ געפערלעכער שונא פון דער פּאַרטיי. און פאַרקערט, די אומלעגאַלקייט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פוילן איז אין געוויסע מאָמענטן געוואָרן פאַר איר אַ גרויסע טובה. ווען די סטאַליניסטן אין פוילן וואָלטן געווען לעגאַל, וואָלטן מיר אַן צווייפל געקענט מער אויפטאָן מיט אונדזער אָפּאָזיציאָנעלן קאַמף קעגן דער אָפיציעלער פּאַרטיי־אָנפירונג. עס וואָלט דערגאַנגען צו אַ גרויסער שפּאַלטונג און צו דער אַנטשטייאונג פון אַ נייער קאָמפּאַרטיי, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט אַנדערע קאָמפּאַרטייען אין אייראָפּע. מיר זענען געווען די דיסידענטן, וואָס האָבן געוואָלט רעפאָרמירן די קירך, באַקעמפנדיק איר אומפעלבאַרן פויפּסט סטאַלין און זיין קירכלעכע אָליגאַרכיע. טויזנטער אַנטוישטע קאָמוניסטן האָבן זיך אַרומגעדרייט פּאַסיוו. ביי לעגאַלע באַדינגונגען וואָלטן אַ סך פון זיי זיך אָנגעשלאָסן אין אונדזער באַוועגונג. די אומלעגאַלקייט האָט די סטאַליניסטן געשיצט קעגן אונדזערע אַטאַקעס ווי אַ פּאַנצער. אויך מאָראַלישע מאָטיוון האָבן דערביי געווירקט. די פּאַרטיי איז אומלעגאַל, זי ווערט פאַרפאָלגט, דאַרף מען זי שוינען...

פונדעסטוועגן האָבן מיר מיט אונדזער קאַמף אין אַ גרויסער מאָס אויפגעטרייסלט מיט דער פּאַרטיי. ווו מען איז געקומען, האָט מען גערעדט וועגן אונדז און אויך צו די טורמעס אין פוילן איז דערגאַנגען דער עכאָ פון אונדזער קאַמף.

די אָפיציעלע פּאַרטיי־שפּיצן זענען געווען גוט אינפאָרמירט וועגן אונדזער טעטיקייט און אונדזערע איינפלוסן און זיי האָבן זיך גוט געבראָכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי אונדז אומשעדלעך צו מאַכן. אַ חוץ דעם האָבן זיי מורא געהאַט פאַרן קאָמינטערן, אַז זיי זאָלן נישט באַשולדיקט ווערן

אין מאַנגל פון „רעוואָלוציאָנערער וואַכזאַמקייט“. צוליב די סיבות האָט די אָנפירונג זיך געזען געצוווּנגען צונויפצורופן דעם 6טן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר.

דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר, פונקט אַזוי ווי אַלע פריערדיקע, איז אויך פאָרגעקומען אין סאָוועט־רוסלאַנד. דאָס מאָל אין סאָוועטישן ווייס־רוסלאַנד. מיר האָבן צום צוזאַמענפאָר נישט געהאַט קיין דעלעגאַטן. נאָך פריער האָט די אָנפירונג אונדז געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלן פאָרן קיין מאָסקווע צום קאָמינטערן, כדי דאָרט אויפקלערן אונדזער האַלטונג אין דער פאַרטיי. עס איז פאַר אונדז קלאָר געווען, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ פאַסטקע. דאָך האָבן מיר אין פרינציפּ זיך נישט אָפּגעזאָגט אַהין צו פאָרן, בתנאי אַז דער צענטראַל־קאָמיטעט וועט צוערשט דעזאַווואירן זיין רעזאָלוציע, אין וועלכער ער האָט אונדז געשטעמפּלט אַלס רענעגאַטן און אַז״ו. אויף דעם באַדינג אונדזערן איז מצד דעם צ. ק. נישט געקומען קיין ענטפער און מיר האָבן דאָרט קיינעם נישט געשיקט. דער 6טער צוזאַמענפאָר האָט קיינעם, אַ חוץ די ברעקלעך פון פאַרטיי־אַפּאַראַט נישט רעפּרעזענטירט. זיין פאַרלויף איז אויך געווען אַ גאָר אָרעמער. די אַלגעמיינע לאַגע אין לאַנד איז ווידער אָפּגעשאַצט געוואָרן אַלס אַ רעוואָלוציאָנערע, ווייל עס האָט זיך שוין געענדיקט דער פּעריאָד פון דער סטאַביליזאַציע פון קאַפּיטאַליזם. עס איז באַזונדערס שטאַרק אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער אָנוווּקס פון דער רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. דער צוזאַמענפאָר האָט שוין אַליין פעסטגעשטעלט די אינערלעכע שוואַכקייט פון דער פאַרטיי, באַזונדערס פון דער וואַרשעווער, לאָדזשער און אויבערשלעזישער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס. עס איז אויך קאָנסטאַטירט געוואָרן, אַז די איינפלוסן אויף די אַרבעטסלאָזע און אין פּוילישן דאָרף זענען געפאַלן. מען האָט שוין נישט געקענט פאַרשווייגן דעם פאַקט, אַז אין די פויערים־אומרוען, וואָס זענען דעמאָלט אויסגעבראָכן אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד, האָבן זיך די קאָמוניסטן נישט באַטייליקט. אַנשטאַט זיך צו דערגרונטעווען צו די סיבות פון אָט דער לאַגע, האָט דער צוזאַמענפאָר זיין הויפּט־פייער געווענדט קעגן אונדז. דער טשעמפּיאָן איז געווען י. לענסקי (אומגעקומען אין רוסלאַנד אַלס „שפּיאָן און פאַררעטער“). ער האָט פון דער טריבונע דערקלערט, אַז די אַנטיפאַרטייאישע

און רענעגאַטישע טעטיקייט פון די טראָצקיסטן, וואָס איז פּאַקטיש אַן
אַגענטור פון די סאָציאַל־פּאַשיסטן, איז אויף דער האַנט פון דער פּאָלי־
טישער פּאָליציי און אַז פאַר דער אָפּאָזיציע אין דער פּאַרטיי זענען פאַר־
אַנטוואָרטלעך ווּאַרסקי און קאָסטזשעווא, וואָס האָבן נישט געוואָלט קאַ־
פּיטולירן פאַר דער פּאַרטיי.

דער צוזאַמענפאָר האָט ווידער באַשטעטיקט די אולטראַ־לינקע
טאַקטיק פון אָרגאַניזירן גענעראַל־שטרייקן, וואָס וועלן דערפירן צו
אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד פאַר דעראָבערן די מאַכט אין לאַנד, ווייל די
סיטואַציע איז אַ רעוואָלוציאָנערע. אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפאָר איז
אויך אָנגענומען געוואָרן דער נייער פּאַרטיי־פּראָגראַם, וואָס האָט אַנט־
האַלטן אַלע אומזיניקייטן פון דער ביז־איצטיקער פּאַרטיי־סטראַטעגיע און
טאַקטיק. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סאָוועטישער אויסערן־פּאָ־
ליטיק און איר פּרינציפּלאָזיקייט פּאָלגענדיקער פּאַקט: היינט געהער
גאַנץ שלעזיע מיט ברעסלוי צו פּוילן און פון קעניגסבערג איז געוואָרן אַ
ריין רוסישע שטאָט. אין 1932 האָט דער צוזאַמענפאָר, וואָס איז אָנגע־
פירט געוואָרן פון מאָסקווע, עפּעס אַנדערש פעסטגעשטעלט: די ק. פּ. פּ.
באַקעמפט די פאַרשקלאַפונג, אונטער וועלכער עס איז אַרונטערגעפאַלן
דאַנציק אין רעזולטאַט פון ווערסאַלער שלום־טראַקטאַט, און אנערקענט
פאַר דער דאַנציקער באַפעלקערונג דאָס רעכט זיך צוריק צו פאַרייניקן
מיט דייטשלאַנד, פון וועלכן עס איז מיט כוח אָפּגעריסן געוואָרן. נאָך
פריער שוין האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פּוילן צוזאַמען מיט די
קאָמפּאַרטייען פוז דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד און טשעכאָסלאָ־
וואַקיע אונטערגעשריבן אַ מאַניפעסט, אין וועלכן זיי אנערקענען, אַז די
פּוילישע מערב־געביטן דאַרפן געהערן צו דייטשלאַנד און זאָגן צו זייער
אונטערשטיצונג פאַרן אָנשלוס פון עסטרייך און דאַנציק צו דייטשלאַנד.
עס איז געווען ערב היטלערס קומען צו דער מאַכט און מען האָט געוואָלט
געווינען די דייטשע נאַציאָנאַליסטן.

דער דאָזיקער צוזאַמענפאָר האָט נישט געהאַט קיין איינפלוס אויפן
אינערלעכן פּאַרטיי־לעבן, וואָס איז שוין געווען גאָר שטאַרק דעזאָרגאַ־
ניזירט און פּאָליטיש דעמאָראַליזירט. אויך ביי די אַרבעטער־מאַסן זענען
שוין דעמאָלט די קאָמוניסטישע איינפלוסן געווען נישטיקע. מיר איז עט־

לעכע חדשים פריער פאַרן 6טן פאַרטיי־צוזאַמענפאָר אויסגעקומען אָנצו־פירן מיט דער קאָמוניסטישער פראַקציע פון די וואַרשעווער טראַמוויי־אַרבעטער, בעת עס איז אויסגעבראָכן דער שטרייק פון די וואַרשעווער טראַמווייען. איך האָב געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען, כדי אונדזער פראַק־ציע ביי די טראַמוואַיאַזשעס זאָל באַהערשן דעם שטרייק־קאָמיטעט. איך האָב מיין ענערגיע באַזונדערס קאָנצענטרירט אויף פראַגע, ביי וואַרשע, ווו אונדזערע איינפלוסן זענען פריער געווען גענוג אָנזעעוודיק. קוים מיט צרות איז מיר אָנגעקומען צונויפצורופן דאָס פאַרטיי־קעמערל פון די טראַמוואַיאַזשעס און נאָך שווערער מי אונדזער „לינקע פראַקציע" פון טראַמוויי־פאַריין. עס האָט געהערשט אַן אַפּאַטיע און ביי אַנדערע אַ מורא פאַרן פאָליציי־טעראָר. אונדזערע פלענער וועגן באַהערשן דעם שטרייק און אים עווענטועל פאַרשאַרפן זענען געבליבן אויפן פּאַפּיר. אַ חוץ עט־לעכע העקטאָגראַפירטע אויפרופן און עטלעכע „מאַסוווקעס" אין פראַגע און אין וואָליע האָבן מיר מער נישט געקענט דערגרייכן. עס איז מיר אַפילו שווער אָנגעקומען צו באַקומען אַ ווינונג ביי אַ טראַמוויי־אַרבע־טער, כדי דאָרט אָפּצוהאַלטן אַ זיצונג. מיטן דאָזיקן שטרייק האָבן פּאַק־טיש אָנגעפירט אַנדערע. אַזוי איז דאָס אויך געווען אין אַלע אַנדערע בראַנזשעס, ווו עס האָבן אויסגעבראָכן שטרייקן. די פאַרטיי־מיטגלידער און סימפּאַטיקער זענען מיד געוואָרן פון די אָפּטע „רעוואָלוציאָנערע אַק־ציעס" און ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ לויןָ־אַקציע האָבן די אַר־בעטער נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די קאָמוניסטן און נישט געגלויבט, אַז זיי וועלן עפּעס קענען דערגרייכן פאַר זיי. אַ חוץ דעם פלעגן די באַ־לעבאַטים אויסנוצן דעם פאַקט, וואָס אין דער שפּיץ פון אַ שטרייק ביי זיי אין פאַבריק אָדער וואַרשטאַט שטייען קאָמוניסטישע דעלעגאַטן און פּאָליציי האָט אינטערווענירט און אַרעסטירט אָפּט די דאָזיקע דעלעגאַטן. אין אַזאַ פאַל פלעגט זיך אַריינמישן דער פּעפּעסישער פאַריין און אויף נעבעכדיקע באַדינגונגען ליקווידירן דעם שטרייק. דאָס האָט זיך שפּעטער אַליין איך נוקם געווען, ווייל עס איז אַנטשטאַנען די ב. ב. ס. אַ די־רעקטע פיליע פון פּילסודסקי־רעזשים אויף דער פּוילישער אַרבעטער־גאַס מיט די יאַווראָווסקיס און לאַקיעטעקס אין דער שפּיץ, וואָס האָט גאַנץ אָפן געשפּילט די ראָל פון אַ שטרייקברעכערישע אָרגאַניזאַציע. קאָ־

רופציע און טעראָר — דאָס זענען געווען די צוויי מיטלען, מיט וועלכע די פּילסודטשיקעס האָבן געוואָלט באַהערשן די פּוילישע אַרבעטער און ליק־ווידירן די פּ. פּ. ס., וואָס האָט געפירט אַ קאַמף קעגן פּוילישן טאָטאַלי־טאַרן רעזשים. פון איין זייט קאַרטוז־בערעזע, דער שטראָף־לאַגער, אין וועלכן מען האָט געפייניקט אויף אַן אכזריותדיקן אופן פּעפּעעסישע אַנ־געזעענע פירער און פירער פון דער פויערים־פּאַרטיי, און פון דער אַנדע־רער זייט סאָציאַלע דעמאַגאָגיע און די פּרוון צו קאָרומפּירן אַ דינעם שיכט פון דער פּוילישער אַרבעטערשאַפט און אים צובינדן צום הערשנ־דיקן רעזשים אין לאַנד, איזאָלירנדיק די פּ. פּ. ס. די ווייטערדיקע אַנט־וויקלונג פון די געשעענישן אין לאַנד האָבן באַוויזן, אַז דאָס איז דעם רע־זשים נישט געלונגען צו דערגרייכן. די פּ. פּ. ס., נישט געקוקט אויף די פּאָליצייאישע שיקאַנעס און דער דעמאָראַליזאַציע, וואָס דער פּילסודסקי־רעזשים האָט פאַרשפּרייט אין לאַנד, און וואָס דאָס הויפּט־פייער האָבן די קאָמוניסטן ווייטער געווענדט קעגן דער „סאָציאַל־פאַשיסטישער" פּ. פּ. ס., איז זי ווייטער געבליבן די איינפלוסרייכסטע פּאַרטיי צווישן די פּוי־לישע אַרבעטער.

דער 6טער פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט אַלס איינע פון זיינע הויפּט־אויפגאַבן אָנגעצייכנט דעם קאַמף קעגן דער טראָצקיסטישער אָפּאָזיציע, אַ קאַמף אויף לעבן און טויט, ווייל מען דאַרף פאַרשטיין, וואָס אין דעם סטאַליניסטישן זשאַרגאָן עס האָט באַדייט אַזאַ עפּיטעט ווי „רענעגאַט" אָדער „אַגענטור פון דער סאָציאַל־פאַשיסטישער פּ. פּ. ס.".

מיר האָבן געענטפערט אויף דער דאָזיקער העסלעכער אַטאַקע מיט אַ פאַרשטאַרקטער פּראָפּאַגאַנדע כלפּי חוץ און אינטענסיווער פראַקציאָנע־לער טעטיקייט אין דער פּאַרטיי גופא. דערביי האָבן זיך די סטאַליניסטן אָנגעהויבן צו באַנוצן קעגן אונדז מיט פּראָוואָקאַטאָרישע מעטאָדן. איז לאָדזש, ווי איך האָב שוין דאָס דערמאָנט, איז מיר געלונגען מיט דער הילף פון די אָרטיקע חברים אויפצושטעלן אַ גוטע פראַקציע פון פּוילישע אַרבעטער פון דער לאָדזשער גרויס־אינדוסטריע. ווען די סטאַליניסטישע פונקציאָנאַרן פון צענטער האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט האָבן זיי באַ־שלאָסן אַריינצושיקן אין אונדזער פראַקציע זייערס אַ מענטש, וואָס איז אויך כלומרשט מסכים געווען אויף אונדזער אָפּאָזיציאָנעלער פּלאַטפאָרם.

די דאָזיקע פּערזאָן, אַ פּוילישע אַרבעטערין, האָט געהאַט פאַר אַן אויפ־גאַבע, געננוי צו אינפאָרמירן דער פּאַרטיי־אָנפירונג וועגן אַלץ, וואָס מיר האָבן גערעדט אויף אונדזער פּראַקציע און איבערצוגעבן אַ גענויע רשימה פון אונדזערע אָנהענגער. פאַרשטייט זיך, אַז אויף אונדזערע זיצונגען און פאַרזאַמלונגען האָט זי געשפּילט די ראָל פון אַן איבערגעגעבענער אָפּאָ־זיציאָנערין און עס איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז זי איז דאָס נישט. שפּעטער האָבן מיר זיך וועגן דעם דערוווסט און זי באַזייטיקט פון אונ־דזער פּראַקציע.

מיין נייער אַרעסט

עס האָט ווידער מיט מיר פּאַסירט אַן אומגליק. אין סאַמע ברען פון פּראַקציאָנעלער אַרבעט בין איך אַרעסטירט געוואָרן. געווען איז דאָס אין אויגוסט 1932. אין אַ וואַרעמען פרימאָרגן, אין אַ זונטיק, בין איך גע־גאַנגען אויף דער קאָנספּיראַטיווער וווינונג פון מיינעם אַ חבר, וואָס האָט אויך געהערט צו אונדזער פּראַקציע, אָבער וואָס איז נאָך געווען טעטיק אויף זיין פּאַרטיי־פּאָסטן און אויסגעפּירט די גאַר וויכטיקע און פאַר־אַנטוואָרטלעכע פונקציע פון צענטראַלן פּאַרטיי־טעכניקער. איך האָב שוין דעם נאָמען דערמאָנט: אהרן שפּיצבערג. ער האָט אגב גע־דאַרפט אַריין אין פּוילישן סיים אַלס ערשטער קאַנדידאַט אויפן אָרט פון פריערדיקן קאָמוניסטישן סיים־דעפּוטאַט. איך בין מיט אים געווען באַפריינדעט נאָך פון די צייטן, ווען איך האָב אין לאָדזש געטאָן פּאַרטיי־אַרבעט און אָפט געקומען צו זיין שוועסטער, וואָס האָט פאַרנומען אַ גאַר גרויסע וווינונג שוין אַביסל ווייטער פון צענטער און זי האָט איר וווינונג געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון דער קאָמ־פּאַרטיי. איר מאַן, אַ פאַרמעגלעכער בוי־אונטערנעמער מיטן נאָמען לע־מאַנסקי, האָט געוווסט דערפון, אָבער ער איז געווען אַ זייער טאָלעראַנ־טער מענטש און נישט געשטערט זיין פרוי און זיין שוואָגער צו טאָן ביי זיך אין דער וווינונג קאָמוניסטישע אַרבעט. איך האָב אויך מיט שפּיצ־בערגן אַ לענגערע צייט פאַרברענגט צוזאַמען אין דער לאָדזשער טורמע, ווו ער האָט געזעסן פון אַלעמענס אַכטונג און צוטרוי.

בעת איך האָב אָנגעקלאַפּט אין זיין ווױנונג אויף לעשנע גאַס, האָט מיר געעפנט די טיר אַ פּאָליציי־אַגענט... איך האָב זיך שוין נישט געקענט צוריקציען און דער געהיים־אַגענט האָט מיך פאַרהאַלטן. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די פּאָליציי איז געקומען פאַרטאָג צו שפּיצבערגן און אים אַרויסגענומען פון בעט. אין באַשטימטע פאַלן, פלעגט פּאָליציי מאַכן אַ „זאַסאַדסקע" אין דער ווױנונג, דאָס מיינט, אַז זי האָט איבערגעלאָזט עטלעכע געהיים־אַגענטן אויפן אָרט און ווער עס איז צומאָרגנס אײַנ־דערפרי אַרײַנגעקומען אין דער ווױנונג, האָט זי פאַרהאַלטן אין דער האָ־פּענונג, אַז זי וועט דאָרט פאַקן פאַרדעכטיקע אין קאָמוניזם פּערזאָנען, וואָס זי זוכט אַרום. איך האָב שוין טאָקע אין דעם עס־צימער פון דער באַ־לעבאָסטע פון דער ווױנונג געטראָפן אַ רייע פּערזאָנען, מענער און פרויען, גאַנץ פרעמדע פאַר מיר פּנימער. קיינער פון די פאַרהאַלטענע האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. עס איז ווידער נאָך מיר אַרײַנגעקומען אַ פרײַלין, אַ טיפּישע וואַרשעווער פּאַניענקע און אויך זי האָבן די אַגענטן פאַרהאַלטן. זיי פרעגן זי, ווי זי הייסט און זי ענטפערט זיי: „איך קען אייך נישט און איר אינטערעסירט מיך נישט". זיי פאַרלאַנגען פון איר איר האַנטבייטל און זי ענטפערט שוין אַ גאַר שטאַרק באַליידיקטע: „וואָס עפּעס ווילט איר אַרײַנקוקן אין מיין בייטל, אַ חוצפה פון פרעמדע מענ־טשן דאָס צו פאַרלאַנגען". און זי ווענדט זיך צו דער באַלעבאָסטע מיט דער פראַגע: „וואָס קומט דאָ פאָר? איך דאַרף זען אייער טאָכטער און דאָ אַזאַ מין אָנשיקעניש".

מיר אַלע האָבן שוין פאַרגעסן אָן אונדזערע צרות און געשמייכלט פון דער דאָזיקער סצענע. די פּאַניענקע האָט זיך שוין שפּעטער געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר און אַ רעזיגנירטע אויך געבליבן מיט אונדז זיצן. איך האָב שוין געזען, אַז דער שיינער זונטיק־טאָג איז פאַר מיר אַ פאַרשפּיל־טער און זייענדיק פאַר פרישטיק, געבעטן ביי דער באַלעבאָסטע, אַז זי זאָל מיר געבן אַ גלאָז טיי. די אַגענטן האָבן איר דאָס דערלויבט צו טאָן. ביי זיך האָב איך גאָרנישט געהאַט און געווען רואיק, אַז די זאַך וועט זיך אויפקלערן אין דער דעפענסיווע און מען וועט מיך אָפּלאָזן. ביז מיטאָג־צייט האָט אָנגעהאַלטן די דאָזיקע „זאַסאַדסקע" און מען האָט אונדז אַלע־מען מיט אַ פּאָליציי־קעטשל אָפּגעפירט אין דער פּאָליטישער דעפענסי־

ווע. די אומשולדיקע האָט מען באַפרייט, אָבער מיך האָט מען פאַרהאַלטן. מען האָט מיך שפּעטער אַריינגעפירט צו מיין גוט־באַקאַנטן פּאַגאָזשעלסקי און ער האָט זיך זייער שטאַרק מיט מיר דערפרייט... ער האָט מיר דער־מאָנט די סצענע אין לאָדזשער קרייז־געריכט און צו מיר געזאָגט, אַז דער וואָס האָט שוין איין מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון טורמע, קומט נאָך אַמאָל. איך האָב אים געענטפערט, אַז נישט איך בין געקומען, נאָר מען האָט מיך צו אים געבראַכט. איך האָב נישט געוואָלט מיט אים אַריינגיין אין אַ לענגערן געשפּרעך און פאַרלאַנגט פון אים, אַז ער זאָל מיך נישט האַלטן אין אַרעסט ביז מאָרגן, נאָר נאָך היינט מיך איבערשיקן אין טור־מע. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, ווייל צוערשט מוז מיך זען דער אויספאָרש־ריכטער און דאָס קאָן פּאַסירן מאָרגן, ווייל היינט איז זונטיק.

צומאָרגנס בין איך געווען ביים אויספאָרש־ריכטער און נישט גע־קוקט דערויף, וואָס מען האָט נישט ביי מיר און נישט אין מיין וווינונג געפונען, האָט ער דאָך פאַראָרדנט מיך איבערצושיקן אין דער טורמע אויף דאַנילאָוויטשאָווסקע גאַס. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט נאָך אַ רייע חברים מיינע, וואָס זענען אויך פאַרהאַלטן געוואָרן אין זייע־רע וווינונגען אין שייכות מיט שפּיצבערגס אַרעסט. אַלע אַרעסטירטע האָבן געהערט צו אונדזער פראַקציע, צווישן זיי עטלעכע חברטעס. ווען מיר, הייסט עס, האָבן דאָס ערשטע מאָל אַ גרופּע אָפּאָזיציאָנערן אין דער טורמע. איך בין געווען זיכער, אַז צו קיין פּראָצעס וועט עס דאָס מאָל נישט דערגיין, ווייל קיין שום באַווייזן זענען איצט קעגן מיר נישט גע־ווען, אָבער חדשים־לאַנג וועט מיר שוין ווידער אויסקומען צו זיצן. און גראַד אין אַזאַ מאָמענט, ווען איך האָב געהאַט אַזוי פיל אַרבעט צו טאָן. אין דער טורמע האָט עקזיסטירט אַ קאָמונע און אַלע אַרעסטירטע, פאַר־דעכטיקטע אין קאָמוניסטישער טעטיקייט, זענען געזעסן צוזאַמען אין אַל־געמיינע קאַמערן.

באַלד אין די ערשטע טעג האָבן די סטאַליניסטישע טורמע־תושבים נאָך נישט געוווסט וועגן מיין אָפּאָזיציאָנעלן קאַמף קעגן דער אָנפירונג און מיך גוט אויפגענומען. ווען עס איז אָבער געקומען אָפּצוגעבן אַ באַ־ריכט פון דער פּאַרטיי־טעטיקייט אויף דער פריי, ווי דאָס האָט זיך גע־פירט, בין איך אַרויסגעטראָטן מיט מיינע אָפּאָזיציאָנעלע שטעלונגען,

באַזונדערס אין דער אויסערסט אַקטועלער צו יענער צייט דייטשער פראַגע. איך האָב באַוויזן עטלעכע אַריבערצוציען אויף מיין זייט, אָבער די פאַרוואַלטונג פון דער קאָמונע האָט גלייך אָנגעהויבן קעגן מיר אַ העץ־קאַמפּאַניע. אויסשליסן מיך — דאָס וואָלט נישט געווען פאַר איר פון די לייכטע זאַכן, ווייל אַ סך פון די אַרעסטירטע האָבן מיך געקענט נאָך פון די פריערדיקע טורמע־צייטן אָדער פון דער פּאַרטיי־אַרבעט און וואָלטן זיך אַנטקעגנגעשטעלט. און מיינע חברים פון דער אָפּאָזיציע וואָלטן אוודאי דאָס באַקעמפט. איז מען געפאַלן אויף אַן אַנדער המצאה: מ׳האָט מיך אָנגעהויבן צו שיקאַנירן אויף טריט און שריט און דאָס איז אין טורמע־לעבן אַן אומדערטרעגלעכע זאַך. איך האָב געשטעלט אַן אולטימאַטום דער פאַרוואַלטונג: אָדער זי שטעלט אָפּ די העץ־קאַמפּאַניע קעגן מיר, אָדער איך טייל זיך אָפּ פון דער קאָמונע. דאָס האָט נישט געהאָלפן און איך האָב פאַרלאָזט די קאָמונע און געגאַנגען זיצן אין אַן איינצל־קאַמער. בשכנות מיט מיר איז דעמאָלט געזעסן דער בונדישער טוער י. האָפמאַן און דער יוגנטלעכער אַנאַרכיסט גרינבערג. ווען עס איז אויסגעבראָכן אַ הונגער־שטרייק אין טורמע, האָב איך, נישט ווייסנדיק אפילו וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, זיך גלייך סאָלידאַריזירט מיט די שטרייקנדיקע און זיך אָפּגעזאָגט פון נעמען עסן. איך האָב געהאַלטן, אַז וואָס עס קומט פאַר אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג גופא, דאַרף דאָס נישט אָנגיין דער פאַשיסטישער טורמע־אַדמיניסטראַציע און קעגן איר טרעטן מיר אַרויס סאָלידאַריש ווי איין קערפערשאַפט. די דאָזיקע האַנדלונג מיינע איז גאַרנישט געווען אויף דער האַנט פון די סטאַליניסטישע פאַרלוימדער. ווי שיקט זיך דאָס, אַז אַ „רענעגאַט“ און „סאָציאַל־פאַשיסט“ זאָל זיך סאָלידאַריזירן אין קאַמף קעגן דער טורמע־אַדמיניסטראַציע? האָבן זיי טאַקע די ערשטע טעג פאַרשוויגן דעם דאָזיקן פאַקט. מיר איז אָבער דאָך געלונגען צווויסן צו טאָן די מיטגלידער פון דער קאָמונע, אַז איך הונגער מיט מיט זיי. ווען דער הונגער־שטרייק איז שוין געוואָרן איבערגעריסן, האָב איך נאָך נישט געוואָלט אָננעמען דאָס עסן און דערקלערט דעם טורמע־אינספּעקטאָר, אַז כאָטש איך געהער נישט צו דער קאָמונע, דאַרף דער פאָרשטייער אירער צו מיר קומען און דערקלערן, אַז דער שטרייק איז שוין פאַרענדיקט, און ערשט דעמאָלט וועל איך אים איבעררייסן. דער פאָרשטייער פון

זיער קאָמונע איז נעבעך געווען אין אַ שווערער לאַגע. נישט קומען צום סאָציאַל־פאַשיסט", ווי וועט דאָס אויסזען פאַר דער טורמע־אַדמיניס־טראַציע? זיי וועלן זיך דעמאַסקירן אין אירע אויגן. זייערס אַ מענטש הונ־גערט און זיי נעמען זיך גאָרנישט דערמיט איבער, נאָר לאָזן אים הונ־גערן. ערשט נעכטן האָבן זיי פּראָטעסטירט קעגן דער פאַשיסטישער אַד־מיניסטראַציע, וואָס וויל זיי לאָזן אויסגיין פון הונגער און היינט טוען זיי אַליין דאָס זעלביקע בנוגע אַ פּאָליטיש־אַרעסטירטן. יאָ גיין — ווי אַזוי וועלן דאָס אויסטייטשן זיינע חברים. מיינע חברים פון דער אָפּאָ־זיציע האָבן אָבער קאַטעגאָריש פון אים געפאָדערט, אַז ער זאָל דאָס יאָ טאָן און ער איז צו מיר געקומען, מיר דערקלערט אַז דער שטרייק איז פאַרענדיקט געוואָרן און אַז איך דאַרף שוין אָנהייבן צו עסן. ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט שפּעטער, האָט דער דאָזיקער קאָמוניסטישער דעלע־גאַט באַקומען אַ שטרענגן פאָרוואורף פון „מאָפּר" הלמאַי ער איז געגאַנ־גען צו מיר. ער האָט מיך געדאַרפט לאָזן הונגערן...

אין מיין איינזאַמקייט אין דער קאַמער אויפן פינפטן שטאָק פון דער גרויסער טורמע האָב איך אַ סך געליטן צוליב דעם, וואָס איך בין איזאָ־לירט פון דער קאָמונע. איך האָב זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז זיצנדיק אין תפיסה וועל איך זיין באַזונדער פון מיינע חברים און פון זיי באַשמוצט און באַזידלט ווערן אַלס „רענעגאַט" א. ד. גל. אַזוי פיל מאָל געווען זייער פאָרשטייער אין די פאַרשיידענע טורמעס, אַזוי פיל מי און כוחות אַוועקגעגעבן אין די טורמעס גופא און איצט בין איך פאַרשטויסן געוואָרן נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב געוואַגט צו ברענגען צום אויסדרוק מיינע קריטישע בליקן און זיי צו פאַרטיידיקן. איך האָב דערפילט אין מיר אַ געפיל פון אָפּגעפרעמדטקייט צו דער פּאַרטיי. ווי ווייט און וווהין דאָס דאָזיקע געפיל וועט מיך פירן, האָב איך דע־מאָלט נאָך נישט געאַנט. איך בין נאָך אַלץ באַהערשט געווען פון דעם גלויבן, אַז די באַוועגונג וועט אַרויס פון דעם טיפן און פאַרשלעפּטן קריזיס אַ באַנייטע און אַ געזונטע. עס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען ביי מיר דער מינדסטער געדאַנק וועגן אַן אידעאָלאָגישער און פּאָליטי־שער דערנענטערונג מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג.

מיר האָבן נאָך אַלץ געקוקט אויף סאָוועט־רוסלאַנד און אויף דער

באַלשעוויסטישער איבערקערעניש ווי אויף אונדזערע אַ זאַך און אויף די סטאַליניסטן ווי אויף אַ פּראַקציע אין דער קאַמוניסטישער באַוועגונג, וואָס האָט אונדז באַרויבט פון אונדזערע רעכט. מיר האָבן געקוקט אויף זיך ווי אויף די אמתע יורשים פון לעניס ירושה און אויף די סטאַליניסטן, ווי אויף אַ דעגענערירטן ברודער. און אויב סטאַלין מאָרדעט זיין אייגענעם ברודער, איז דאָס נישט קיין נייעס. עס פּאַסירט, אַז אַ מחלוקה אין דער משפּחה ענדיקט זיך מיט אַ מאָרד. קין האָט שוין געהרגעט הבלן...

מיט דעם דערקלערט זיך אויך אונדזער דעמאַלסטיקע איינשטעלונג אין דער פראַגע מלחמה און שלום. נישט געקוקט אויף דעם פאַרביטערטן קאַמף, וואָס מיר האָבן געפירט קעגן די סטאַליניסטן, האָבן מיר געהאַלטן, אַז אין פאַל פון אַ מלחמה קעגן ראַטנפאַרבאַנד וועלן מיר אים פאַרטיידיקן אפילו דעמאָלט ווען סטאַלין וועט שטיין אין דער שפּיץ פון דעם דאָזיקן קאַמף און אפילו אָן שום פאַרבאַדינגונגען. מיט דעם דערקלערט זיך, פאַרוואָס עס זענען נישט געווען ביי אונדז קיין שום מאָראַלישע סקרופּולן, ווען מיר האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו געניסן פון דער סטאַליניסטישער פאַרטיי־קאַסע. מיר האָבן געהאַלטן, אַז מיר האָבן די זעלביקע און אפשר נאָך מער רעכט צו געניסן פון די סאָוועטישע מאַטעריעלע רעסורסן, ווי די סטאַליניסטן, וואָס האָבן אַלץ פאַר זיך פאַרכאַפּט. אַרויסגייענדיק פון דער דאָזיקער הנחה האָב איך געהאַלטן פאַר גאַנץ נאָרמאַל, וואָס מיין פרוי, כאָטש אַן איבערצייגטע טראָצקיסטקע, וואָס האָט געהאַסט דעם סטאַליניסטישן ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט, האָט זיך מאָראַליש געהאַלטן פאַר באַרעכטיקט צו אַרבעטן אין דער סאָוועטישער האַנדלס־פאַרטרעטונג אין וואַרשע. פון איר האָב איך טאַקע באַקומען די סאָוועטישע פּרעסע און אַ דאַנק איר אין אַ גרויסער מאָס האָב איך אין אַ געוויסן פּעריאָד געקענט אַנגיין מיט מיין אָפּאָזיציאָנעלער אַרבעט. זי האָט דאָס אָבער געמוזט מאַכן זייער פאָרזיכטיק. בשעת מיין אַרעסט האָט זי אַלץ געטאָן, כדי מיך אַרויסצונעמען פון תפיסה און אויך מיר באַזאָרגט אַלץ וואָס נויטיק. אַ דאַנק די באַמיאונגען פון אסתר איווינסקאַ בין איך באַפרייט געוואָרן ערב ניי־יאָר אויף אַ קויציע פון 500 זלאָטעס ביזן פּראָצעס. דאָס מיינט נאָך קנאַפּע 6 חדשים זיצן אין טורמע.

אויפן אומלעגאַלן סילוועסטער־אָוונט אין 1933, וואָס מיר האָבן יע־דעס יאָר איינגעאָרדנט אין אַ פּריוואַטער דירה ביי אַ חבר, האָבן די חברים זייער האַרציק מיך באַגריסט און איך האָב זיי איבערגעגעבן פּרטים פון מיין אַרעסט און פון קאַמף אין דער טורמע מיט די סטאַלי־ניסטן. מיר האָבן אַזוי פאַרברענגט (אין גרויס ענגשאַפט) ביז אין גרויען טאָג אַריין. איך בין ווידער אַריין אין דער אַרבעט. דאָס מאָל נישט ווי אַמאָל נאָך אַ חודש אורלויב, נאָר טאַקע תיכף ומיד.

היטלערס קומען צו דער מאַכט. — די וויטערדיקע ירידה פון דער קאַמבאַוועגונג אין פוילן

מיר אַלע האָבן אין יענער צייט געלעבט מיט די געשעענישן אין דייטשלאַנד. עס איז געווען יאַנואַר 1933. מיר האָבן די לאַגע אין דייטש־לאַנד נאָך נישט געהאַלטן פאַר קיין פאַרשפּילטע, אויב אין דער לעצטער מינוט וועט דערגיין צו אַן איינהייטלעכן פראָנט צווישן די דייטשע סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטן און די קאָמוניסטן. מיר האָבן געגלויבט אין דער רי־זיקער קראַפט פון דעם געשלאָסענעם און איינהייטלעכן דייטשן אַרבע־טער־קלאַס. היטלערס קומען צו דער מאַכט איז געווען אַן אומדערוואַר־טעטער קלאַפּ פאַר די סטאַליניסטן. אַ געוויסע צייט זענען זיי אַרומגע־גאַנגען ווי אַן קעפּ און עס האָט געהערשט ביי זיי אַ גרויסע פאַרלוירנ־קייט. אויף אונדזערע פאַרשטאַרקטע אַטאַקעס אין וואָרט און שריפט, האָבן זיי נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. זיי האָבן נאָך נישט געהאַט באַקומען קיין דירעקטיוון פון אויבן. קודם־כל האָט די אָפיציעלע פּאַרטיי־אָנפירונג געמוזט פאַרלאָזן בערלין. לענסקין האָבן די נאַציסטן אַרעס־טירט און נאָר אַ דאַנק די באַמיאונגען פון סאָוועטישע פאַקטאָרן אין בערלין האָט מען אים באַפרייט און ער איז געפאָרן קיין רוסלאַנד. דער אָרעמער לענסקי האָט נישט געוווסט, אַז דאָס איז שוין געווען זיין לעצטע רייזע אין דעם לאַנד, ווו ער האָט געזוכט אַזיל־רעכט.

עס איז לסוף אַריינגעטראָטן אַן ענדערונג אין דער קאָמוניסטישער טאַקטיק, אויף וועלכער מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואַרט. עס איז שוין דער־לויבט געווען זיך צו ווענדן צו די שפּיצן פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן

וועגן אַן איינהייטלעכן פראָנט אין קאַמף קעגן פאַשיזם. אָבער, ווי דאָס האָט שוין אָפטמאָל פּאַסירט מיטן קאָמינטערן, אַ קאַפּיטשקע צו שפּעט. אמת, די ווענדונג איז נאָך געווען אַ צוריקגעהאַלטענע און נישט קיין ז'רייסטע. עס איז דערלויבט געוואָרן צו שליסן אַ בלאָק מיט די לאָקאַלע ס. ד.־אָרגאַניזאַציעס און מיט זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. מיט די פירער פון דער ס. ד. — דערווייל נאָך נישט. שפּעטער אָביסל האָט זיך דער קאָמינטערן צוריקגעצויגן פון דער דאָזיקער ענדערונג און ער איז ווידער אַרויס מיט זיינע אַלטע טעאָריעס, אַז די לאַגע אין דייטשלאַנד איז ווייטער אַ רעוואָלוציאָנערע, אַז דער זיג פון די נאַציסטן צעשטערט די דעמאָקראַטישע אילוזיעס ביי די מאַסן און היות ווי די דייטשע מאַסן ווערן זיך איצט באַפרייען פון דעם איינפלוס פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועט דאָס אַלץ צואיילן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד. מען האָט געדאַרפט זיין בכן דאַנקבאַר היטלערן, וואָס ער האָט באַזיגט און באַפרייט די מאַסן פון די סאָציאַליסטישע איינפלוסן. די דאָזיקע „טעאָריע", ווי מיר דערמאָנען זיך, האָט רעמעלע אַנטוויקלט נאָך אַ סך פריער שוין. ער האָט געהאַלטן, אַז דער פאַשיזם וועט שנעל „אָפּווירטשאַפטן" און נאָך אים וועלן קומען די דייטשע קאָמוניסטן. דאָס „אָפּווירטשאַפטן" האָט נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער טאָטאַלער פּאָגראָם אויף דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג סיי דער קאָמוניסטישער און סיי דער סאָציאַליסטישער און ערנסט טעלמאַן, וועמענס רעכטע האַנט עס איז געווען רעמעלע, האָט דאָס דערשפּירט אויף זיין אייגענער הויט אין די דייטשע מאָרד־לאַגערן.

מיר זענען געווען באַהערשט פון דער אילוזיע, אַז איצט נאָך דער גרויסער מפּלה פון קאָמינטערן אין דייטשלאַנד, וועלן אַ סך קאָמוניסטישע אָנהענגער קומען צו אונדז, ווייל די געשעענישן האָבן דאָך אונדז געגעבן גערעכט. צום באַדויערן, האָט זיך דאָס נישט באַשטעטיקט. וואָס מער די געשעענישן האָבן אונדז געגעבן גערעכט, אַלץ שווערער איז פאַר אונדז געוואָרן אָפּצורייסן מענטשן פון די סטאַליניסטן. די וואָס האָבן זיך באמת אַנטוישט אין דער סטאַליניסטישער טאַקטיק האָבן זיך בכלל אַנטוישט אין קאָמוניזם און געוואָרן פּאַסיוו. גיין צו אונדז, כדי אָנצוהייבן אַן אַקטיוון קאַמף פאַר רעפאָרמירן און באַנייען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי

— אין דעם האָבן זיי נישט געגלויבט. די מערהייט סטאַליניסטן איז אָבער ווייטער געזונקען אין דעם סטאַליניסטישן זומפּ און איבערגעחזרט אַלע די אומזיניקייטן, וואָס דער קאָמינטערן האָט דעמאָלט פאַרשפּרייט וועגן דייטשלאַנד. מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ טעמפּן פאַנאַטיזם און דאָס האָט אונדז דערפירט ממש ביז פאַרצווייפלונג.

נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט זיך אָנגעהויבן די טאָטאַלע ליקווידאַציע פון דער מערב־אוקראַינישער קאָמפּאַרטיי, נישט דורך דער פּוילישער מאַכט נאָר דורך מאָסקווע. אין סאָוועט־אוקראַינע נאָכן זעלבסטמאָרד פון אוקראַינישן פּאָעט כווילעווי, באַגייט זעלבסטמאָרד דער פּאָלקס־קאָמיסאַר סקריפּניק, און שומסקי, מאַקסימאָוויטש און מיט זיי כמעט די גאַנצע מערב־אוקראַינישע עמיגראַציע, וואָס האָט געלעבט אין כאַרקאָוו, ווערט איינגעשפּאַרט אין סאָוועטישע תפיסות. זעט אויס, אַז נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט האָט מאָסקווע שוין נישט נויטיק געהאַט קיין מערב־אוקראַינישע קאָמפּאַרטיי. אין מאָסקווע זענען רייף געוואָרן אַנדערע פּלענער, ווי אַזוי צו פאַראייניקן מערב־אוקראַינע מיט מזרח־אוקראַינע. נישט קיין בעסערן גורל האָט געטראָפן די ווייסרוסישע קאָמוניסטן פון פּוילן, וואָס האָבן זיך געפונען אין סאָוועט־רוסלאַנד. אַלע דעפּוטאַטן פון דער ווייסרוסישער „הראָמאַדא“, וואָס האָבן זיך אַ געוויסע צייט געפונען אין די פּוילישע טורמעס און שפּעטער אַוועק קיין סאָוועט־רוסלאַנד, זעצט מען אַריין אין די סאָוועטישע טורמעס. די ווייסרוסישע דעפּוטאַטן פון פּוילישן סיים: ראַק־מיכאַלאָווסקי, מיאַטלאַ, וואָלאָשין, דוואַרטשאַנין, א״אַ ווערן באַשולדיקט, אַז זיי זענען געווען אַגענטן פון דער פּוילישער דעפענסיווע. שפּעטער איז אַפילו דערשינען אַ קאָמוניסטישע בראָשור, אין וועלכער עס האָט זיך גערעדט וועגן אַן אויפגעדעקטער באַנדע פאַרברעכער און עס ווערן אויך געבראַנגט זייערע חרטה־דערקלערונגען אויפן פּראָצעס, וואָס איז קעגן זיי פאָרגעקומען אין מינסק. זעט אויס, אַז שוין אין 1933 האָט מען אין מאָסקווע פּראַקטיצירט מכשפה־פּראָצעסן. די ידיעה וועגן אַרעסט פון די ווייסרוסישע דעפּוטאַטן אין רוסלאַנד האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע סענסאַציע אין גאַנץ פּוילן. מיר האָבן געשטעמפּלט די דאָזיקע האַנדלונג פון דער מינסקער ג. פּ. או. און אָנגע־

וויזן אויף דעם גרויסן שאָדן, וואָס אַזאַ טעראָר ברענגט דער קאָמוניסטי־שער באַוועגונג אין פּוילן און באַזונדערס אין מערב־ווייסרוסלאַנד.

אין משך פון גאַנצן יאָר 1933 האַלט זיך דער קאָמינטערן נאָך אַלץ ביי זיין באַנקראָטירטער פּאָליטישער ליניע. בשום אופן וויל ער נישט אנערקענען די שווערע מפּלה, וואָס זיין טאַקטיק האָט געליטן אין דייטש־לאַנד; פאַרקערט, אין מאָסקווע האַלט מען ווייטער, אַז אַלץ גייט גוט, די הערשנדיקע ביוראָקראַטיע איז שטענדיק אָפּטימיסטיש. איר גייט גוט, מיינט דאָס אין אירע אויגן, אַז אַלעמען איז גוט. אין מאָסקווע האָט מען געטענהט, אַז די רעוואָלוציאָנערע כוחות האַלטן ווייטער אין איין וואַקסן און אַז מיר דערנענטערן זיך צו אַ צווייטער רונדע פון רעוואָלוציעס און מלחמות, ווי דאָס האָט פעסטגעשטעלט דער 13טער פּלענום פון קאָמינ־טערן. געטריי די דאָזיקע איינשטעלונגען, פּראָקלאַמירט די פּאַרטיי־אָנ־פירונג אַן אַלגעמיינעם שטרייק אין פּוילן אויף דעם 20סטן דעצעמבער 1933 און ער פּאַלט אַדורך. אין יאַנואַר 1934 פּראָקלאַמירט זי ווידער אַ גענעראַל־שטרייק מיט דעם זעלביקן רעזולטאַט. פּרוּוון אַזעלכע ווערן אויך געמאַכט אין אַ לאָקאַלן מאסשטאב, אָבער אָן דערפאָלג. די שולד פאַר די דורכגעפאַלענע אַקציעס זעט נישט די אָנפירונג אין איר אַוואַנ־טוריסטישער טאַקטיק, נאָר זי וואַרפט זי אויף דער פּ. פּ. ס. און אויף דער „אָפּאָזיציע", וואָס סאַבאָטירט די פּאַרטיי־באַשלוסן. דאַקעגן, ווען די פּ. פּ. ס. פּראָקלאַמירט אַ סאָלידאַריטעט־שטרייק אין שייכות מיט די דע־ואַלסטיקע געשעענישן אין ווין, האָבן די קאָמוניסטן אים בפירוש באַ־האַמירט, נישט געקוקט דערויף וואָס דער דאָזיקער פּאָליטישער שטרייק האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו שטיצן דעם קאַמף פון ווינער „שוצבונד" קעגן דעם דאָלפוס־פאַשיזם. איך בין בעת די העראָאישע ווינער קאַמפן פונקט געווען אין לאָדזש אויף פּאַרטיי־אַרבעט און בעת איך האָב מיט דער גרעסטער שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט די באַריכטן וועגן ווינער אויפשטאַנד, וואָס זענען דעמאָלט פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פּעפּעעסישן „ראָבאָט־ניק" און אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג", האָבן די סטאַליניסטישע פונקציאָנערן געמאַכט צו קליינגעלט די דאָזיקע קאַמפן נאָך דערפאַר, ווייל אין זייער שפּיץ זענען געשטאַנען די ווינער סאָציאַליסטן און די „סאָציאַל־פאַשיסטן" אָטאָ באַוער, יוליוס דויטש אָדער וואַליש. זאָל די

„ווינער קאָמונע" אונטערגיין, אָבי די טעאָריע וועגן סאָציאַל־פאַשיזם זאָל געראַטעוועט ווערן. אין אַן אומלעגאַלן אויפרוף צו דער לאָדזשער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָב איך אָנגעוויזן אויף דער טיפער דעמאָראַליזאַציע פון קאָמינטערן און זיינע סעקציעס און זיך פאַררופן אויף דעם, ווי אַזוי מאַרקס האָט געהאַנדלט בעת דער פאַריזער קאָמונע אין 1871. ער איז געווען קעגן דעם אויפשטאַנד, אָבער ווען ער איז דאָך אויסגעבראָכן, האָט ער באַגריסט די גרויסע רעוואָלוציאָנערע איניציאַטיוו פון פאַריזער פראָלעטאַריאַט און מיט אַלע כוחות געשטיצט דעם קאַמף פון די קאָמונאַרן. אין דעם איצטיקן פאַל האָט דאָך קיין שום ערלעכער אַנטי־פאַשיסט נישט געקענט זיין קעגן דעם דאָזיקן אויפשטאַנד, במילא איז דער סטאַליניסטישער פאַראַט געווען שוין גענוג קלאָר.

נאָך אַ געשעעניש האָט דעמאָלט אויפגעדעקט, ווי טיף דער קאָמינטערן איז שוין געזונקען און מיט אים זיין פוילישע סעקציע. די דאָזיקע געשעעניש האָט ממש אויפגעטרייסלט די אַלע, וואָס האָבן זייערע בעסטע יאָרן אַוועקגעגעבן דער פאַרטיי. דער צענטראַל־קאָמיטעט האָט פאַרעפנטלעכט אַן אָפיציעלע דערקלערונג, אַז יעזשי סאָכאַצקי איז דעמאַסקירט געוואָרן אַלס פראָוואָקאַטאָר אין דינסט פון דער פוילישער רעגירונג. אין דער דאָזיקער דערקלערונג האָט זיך אויך געזאָגט, אַז סאָכאַצקי האָט זיך אַליין מודה געווען אין זיין שרעקלעכן פאַרברעכן. אין גאַנץ פוילן האָט די דאָזיקע ידיעה אַרויסגערופן אַ גרויסע סענסאַציע. סאָכאַצקי איז געווען יאָרן־לאַנג איינער פון די אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון צענטראַל־קאָמיטעט, געוועזן סיים־דעפּוטאַט, מיטגליד פון דער צענטראַלער פאַרטיי־רעדאַקציע און אַ סך מאָל באַזוכט מאָסקווע. איך האָב אים פּערזענלעך זייער גוט געקענט, מחמת ער האָט אַ געוויסע צייט געלעבט אין דאַנציק און מיר פלעגן זיך כמעט יעדן טאָג טרעפן. ער האָט געשטאַמט פון די „קרעסן" און האָט געקענט פליסיק לייענען יידיש. ביי אים אין שטוב פלעג איך אויך זיין טיש געפינען אַ וואַרשעווער „מאָמענט", „היינט", אָדער „פאָלקסצייטונג". ער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ ספּעציאַליסט אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע און מיט עטלעכע יאָר פריער איז ער געווען דער פאָרשטייער פון צ. ק. אין דער יידישער סעקציע און זיך באַטייליקט אין דער יידישער רעדאַקציע. פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ גרויסע פאַר־

לייכטערונג, ווייל מיר האָבן געקענט אונדזערע אַרטיקלען פאַר אים לייענען אין דער יידישער שפּראַך. ער איז געווען אין פּריוואַטן לעבן אַ זייער באַשיידענער מענטש און זייער אַן אַרבעטסזאַמער און קענענדיק זיין פּריוואַט לעבן און זיין גרענעצלאָזע איבערגעגעבנקייט צו דער פּאַרטיי, האָב איך איין מינוט נישט געצווייפלט, אַז דער קאָמינטערן איז דאָ באַגאַנגען אַ שרעקלעכן פאַרברעך. די ליניע־טרייע סטאַליניסטן האָבן אָבער אָן שום רעזערוון איבערגעחזרט די דאָזיקע שרעקלעכע באַשולדיקונג און דערביי זיך פאַררופן אויפן פאַל „מאַלינאָווסקי", וואָס איז אין 1912 אויפגעדעקט געוואָרן אַלס פּראָוואָקאַטאָר. ער איז אויך געווען אַ פּירנדיקע פּערזאָן ביי די באָלשעוויקעס און אויך אַ דעפּוטאַט פון דער צאַרישער דומע. עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און עס איז געקומען אַ נייע באָמבע: אויך זשאַרסקי איז דערקלערט געוואָרן אַלס פּראָוואָקאַטאָר אין דינסט פון דער פּוילישער פּאָליציי. פּונקט ווי סאָכאַצקי איז ער געווען אַ לאַנגיאָריקער מיטגליד פון צ. ק. און סיים־דעפּוטאַט. עס גייט אַדורך אַ שטיקל צייט און עס קומט אָן אַ נייע ידיעה: אויך אַלעקסאַנדער אָסטראָווסקי ווערט דערקלערט אַלס פּראָוואָקאַטאָר. איך האָב אים אויך גוט געקענט. אַ געוויסע צייט איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין פּוילן אַלס פאַרשטייער פון דער „לינקער ריכטונג" און געהערט צו די אָנגעזעענסטע פּאַרטיי־אַקטיוויסטן. ער האָט געהאַט געוויסע סימפּאַטיעס פאַר אונדזער אָפּאָזיציע און איך פלעג זיך מיט אים טרעפן. אין דער פּאַרטיי איז אַנטשטאַנען אַזאַ אַטמאָספער, אַז מען האָט שוין נישט געוווסט ווער עס איז יאָ און ווער עס איז נישט קיין פּראָוואָקאַטאָר. לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס זענען אויפגעלייזט געוואָרן אונטערן חשד, אַז צווישן זיי זענען פאַראַן פּראָוואָקאַטאָרן. מיר, די אָפּאָזיציע, האָבן נישט געגלויבט אין די אַלע שרעקלעכע באַשולדיקונגען און אָנגעוויזן אויף דער דעמאָראַליזאַציע, וועלכע עס האָבן גורם געווען די קליקע־קאַמפן אין דער פּאַרטיי און קודם כל אויף דער שקלאַפישער באַציאונג פון די פּוילישע סטאַליניסטן צו מאָסקווע, פון וואַנען עס ווערט פאַרשפּרייט די דאָזיקע דעמאָראַליזאַציע, וואָס איז נאָר אויף דער האַנט פון דער פּוילישער פּאָליטישער פּאָליציי. נאָך די דאָזיקע קלעפּ איז די פּאַרטיי געווען אין אַ צושטאַנד פון אַ האַלב־

פּאַראַליזירטן. אויך איר אָנזען אין דער עפנטלעכקייט איז שטאַרק געפאַלן און די פּאָליטישע קעגנער פון פאַרשיידענע לאַגערן האָבן שטאַרק אויס־גענוצט די לאַגע פון דער קאָמפּאַרטיי. די שרעקלעכע קלעפּ האָט זי באַקומען נישט פון דעם פּילסודסקי־רעזשים נאָר פון מאָסקווע. „די רעוואָלוציע פרעסט אויף אירע אייגענע קינדער...״ סאָכאַצקי, זשאַרסקי און אָסטראָווסקי — דאָס זענען געווען די ערשטע „קינדער״. עס וועלן שפּעטער קומען אַנדערע אויך און זייער צאָל וועט שוין זיין גאָר אַ גרויסע. עס וועלן קומען די „מאָסקווער פּראָצעסן״ און נאָך זיי די טאָטאַלע פאַרניכטונג פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

איך פאַרלאָז פּוילן

אונדזער אָפּאָזיציע איז אין איר גרויסער מערהייט געוואָרן אַ טראָצקיסטישע און אין הסכם מיט טראָצקיס איינשטעלונג וועגן אַריינטרעטן אין די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, כדי דאָרט ווייטער פאָרזעצן דעם קאַמף פאַר די אידעען און פּרינציפּן פון מאַרקסיזם־לעניניזם, איז אַ טייל פון אונדז מיט דויטשערן און „אַרטורן״ אַריינגעטראָטן אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון דער פּ. פּ. ס. און אַ צווייטער טייל מיט הערש מענדלען, שלמה ערליכן און דעם „קליינעם לעאָן״ און אַנדערע אַריינגעטראָטן אין „בונד״. אַ סך פריער פון זיי איז אַריינגעטראָטן אין „בונד״ דער חבר י. אייכנבוים (אָסקאַר, אַרטוסקי), וועלכער איז געווען אידעאָלאָגיש נאָענט צו אונדזער אָפּאָזיציע, אָבער פאָרמעל צו איר נישט געהערט. ער האָט אין „בונד״ פאַרנומען אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע און דאָס איז געווען אַ באַווייז, אַז דער „בונד״ איז אַ דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע און אַז אונדזערע אָפּאָזיציאָנערן וועלן דאָרט ווייטער קענען פאַרטיידיקן זייערע אידעען און אָנשויאונגען. איך האָב נישט געגלויבט אין דער ווירקזאַמקייט און צוועקמעסיקייט פון אַזאַ שריט אין די באַדינגונגען פון פּוילן און באַשלאָסן צו נעמען דעם וואַנדער־שטעקן און זיך געשמוגלט קיין טשעכאָסלאָוואַקיע, כדי פון דאָרט ווייטער פאָרן קיין פּאַריז. עס איז שוין געווען 1935, ווען אויף דייטשלאַנד איז מער נישט געווען וואָס צו האָפן און טראָצקי האָט איצט געהאַט גאָר גרויסע אילוזיעס בנוגע פראַנקרייך.

אויך די אינטערנאַציאָנאַלע טראָצקיסטישע אָפּאָזיציע האָט געהאַט די דאָזיקע איינשטעלונג. די פראַנצויזישע טראָצקיסטן זענען אַריינגעטראָטן אין דער פראַנצויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַלס געשלאָסענע גרופּע און געווען אינעווייניק זייער רירעוודיק. אין פּאַריז האָט אויך עקזיסטירט אַ יידישע טראָצקיסטישע גרופּע. איך בין אַריבער די פּויליש־טשעכישע גרע־ניץ מיט אַ טוריסטן־קאַרטע און פון דאָרט געטראַכט צו נעמען דעם צוג קיין פּאַריז. איך האָב זיך אָבער אַרומגעזען, אַז איך האָב געהאַט געלט נאָר אויף אַ באַן־בילעט ביז פּראָג. די רייזע ביז דער טשעכישער גרעניץ האָט מיך מער געקאָסט ווי איך האָב אויסגערעכנט, ווייל איך האָב זיך לענגער גע־מוזט אויפהאַלטן אין דעם פּוילישן גרעניץ־שטעטל נאָווי טאַרג.

שטיי איך אַזוי אויפן שאָסיי און טראַכט וואָס ווייטער צו טאָן. פאָרן אָדער מאַכן ביז פּראָג „אויטאָ־סטאָפּ", ווייל עס איז געווען זומער־צייט און אויפן שאָסיי האָט געהערשט אַ זייער לעבהאַפטער פאַרקער. אין דעם גרעניץ־פּאַס בין איך נאָך לעגאַל פאַר דער טשעכישער מאַכט, אָבער ווען איך וועל נעמען דעם צוג מיט אַ באַן־בילעט ביז פּראָג, קען איך שוין האָבן צרות בעת אַ קאָנטראָל אויף דער באַן. קיין זיכערן אַדרעס אין פּראָג, ווו איך זאָל קענען פאַרפאָרן, האָב איך אויך נישט געהאַט. איך האָב גע־האַט מיט זיך בלויז דעם אַדרעס פון דער רעדאַקציע פון דער טראָצקיסטי־שער אויסגאַבע אין פּראָג. עס איז איצט אויגוסט און טאָמער איז דער רעדאַקטאָר אויף אורלויב?

כדי אויסצומיידן אַ פּאָליצייאישע קאָנטראָל איז שוין לכל הדעות בעסער צו מאַכן „אויטאָ־סטאָפּ" און אגב וועל איך אויך שפּאָרן רייזע־הוצאות. איז די מעשה, טאָמער מוז איך גיין איבערנעכטיקן אין אַ האָ־טעל, איז ווידער נישט גוט. איך וועל דאַרפן אויספילן אַ מעלד־צעטל און בין אָן אַ באַגאַזש. דאָס קען וועקן אויף מיר אַ חשד. עס האָט מיך באַ־הערשט אַ שווער געמיט. אָט דאָס איז דער רעזולטאַט פון מיין יאָרן־לאַנגער קאָמוניסטישער טעטיקייט. הינטער מיר האָב איך איבערגעלאָזט פּוילן, מיין געבוירן־לאַנד, לאָדזש און וואַרשע און אַזוי פיל איבערלע־בעניש און פאַר מיר — אַ לאַנגן שאָסיי, וואָס איך ווייס אפילו נישט וווּ־הין ער פירט. אין וואַרשע האָב איך געלאָזט מיין פאַמיליע, אין לאָדזש — דאָס זעלביקע. איך האָב זיך דערפילט זייער איינזאַם און נידערגע־

שלאָגן. עס האָבן זיך מיר דערמאָנט די רייד פון מיין פרוי, אַז איך זאָל גישט פאַרלאָזן וואַרשע, אַז מיין רייזע איז אַן אוואַנטורע. אין מיין לעבן האָט אָפּטמאָל פאַסירט, אַז ווען די לאַגע מיינע האָט שוין אויסגעזען צו זיין אַ גאָר שווערע, איז אומגעריכטערהייט פאַר מיר אַליין אונטערגע־קומען עפּעס אַן אויסוועג. ווי איך שטיי אַזוי אויפן שאָסיי, באַמערק איך פון דערווייטנס צוויי סילועטקעס פון אַ פרוי און אַ מאַן. אינסטינקטיוו האָב איך שוין נישט אָפּגעריסן מיין בליק פון די דאָזיקע צוויי פּערזאָן. זיי האָבן זיך דערנענטערט און איך האָב דערקענט אין זיי מיין גוטן חבר פון דער אָפּאָזיציע יולעק קאַנפּער און זיין מוטער. דאָס איז געווען פאַר מיר ממש אַ הילף פון הימל. י. קאַנפּער איז געווען אַ זון פון רעדאַקטאָר פון דער קראָקעווער טעגלעכער ציוניסטישער צייטונג „נאָווי דזשענניק״. אַלס סטודענט איז ער געווען זייער טעטיק צווישן דער קאָמוניסטישער יוגנט אין קראָקע און צוליב פּאָליציייאישע רדיפות האָט ער געמוזט אַוועק קיין וואַרשע און פון דאָרט קיין פּראַג. אַ געוויסע צייט האָבן מיר אים אויס־באַהאַלטן אין וואַרשע אויף אַ קאָנספּיראַטיווער וווינונג. איצט האָט ער געלעבט אין פּראַג און די מוטער זיינע איז אים געקומען זען ביי דער טשעכיש־פּוילישער גרעניץ. מיר האָבן זיך זייער שטאַרק דערפרייט און איך האָב פון אים באַקומען אַלע נויטיקע אינפאָרמאַציעס וועגן דער לאַ־גע אין דער טשעכישער קאָמפּאַרטיי און דער טעטיקייט פון דער אָפּאָ־זיציע און אויך אַן אַדרעס, ווו איך וועל קענען די ערשטע טעג זיין. ער האָט מיר אויך פאַרזיכערט, אַז אויף דער באַן קומט נישט פאַר קיין שום פּאָליציייאישע קאָנטראָלעס. אין אַ געהויבענער שטימונג בין איך גע־פאָרן קיין פּראַג.

דער אַדרעס איז געווען צו וואָלף סאַלוס, אַ זון פון באַקאַנטן טשע־כיש־יידישן שרייבער הוגא סאַלוס, וואָס איז אויך גלייכצייטיק געווען אַ באַרימטער גינעקאָלאָג. וואָלף סאַלוסעס מוטער האָט געשטאַמט פון דער טשעכיש־יידישער פּלוטאָקראַטיע אין בעמען און געווען אַן אָנגעזעענע פּיאַניסטין. פון פאָטער און דער מוטער האָט דער איינציקער זון זייערער געירשנט אַ גרויס פאַרמעגן אין הייזער, אַקציעס, קונסט־בילדער און ציי־רונג. ער האָט געפירט אַ באַשיידן לעבן, אָבער מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט די טראָצקיסטישע באַוועגונג און געהאָלפן די אומבאַמיטלטע

טראָצקיסטישע עמיגראַנטן, וואָס זענען דעמאָלט אָנגעקומען פון דייטש־לאַנד אָדער עסטרייך. אָנקומענדיק קיין פּראָג בין איך גלייך אַוועק אויף זיין וווינונג. עס האָט מיר געעפנט די טיר אַ יונגע בלאָנדע טשעכין מיט אַ גרויסן הונט ביי דער זייט. איך האָב זיך געפרעגט אויף סאַלוסן און די יונגע פרוי האָט מיך גלייך פאַרבעטן אין זיין קאַבינעט, וואָס איז גע־ווען באַצירט מיט ווערטפולע קונסט־בילדער. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז סאַלוס איז גראָד אין וועג און דאַרף קומען שפּעט ביינאַכט. פונדעסט־וועגן האָט מיך די פרוי פאַרהאַלטן און פאַר מיר געהייסן סערווירן אָוונט־ברויט. זי האָט גערעדט דייטש און איך האָב זיך געקענט מיט איר פאַר־שטענדיקן. שפּעט ביינאַכט איז טאַקע געקומען וואָלף סאַלוס און עס האָט זיך אָנגעהויבן ביי אונדז די אמתע וואַך־נאַכט. ביז אינדערפרי האָבן מיר נאָך געהאַלטן אין איין שמועסן ביי אַ גלעזל קאַווע און ליקער. דאָס איז געווען אַן אינטעליגענטער און זייער סענסיבעלער יונגער מענטש מיט גוטע מאַניערן. אין דער זעלביקער נאַכט האָט ער מיר שוין אויך באַ־וויזן עפּעס איבערזעצונגען פון זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען און צו באַקענען מיטן אַרכיוו פון זיין פאָטער, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען זייער ווערטפולע בריוו צו אים פון באַוווּסטע דייטשע און טשעכישע שריי־בער און קינסטלער, צווישן וועלכע עס האָט מיין ספּעציעלע אויפמערק־זאַמקייט געצויגן די בריוו פון רילקע, וועמענס לידער כ׳האָב ליב געהאַט. עס האָט פון דעם אַרכיוו אַ ווייע געטאָן מיטן אַלטן פאַר־מלחמהדיקן ווין.

זיין פרוי דזשאַני און זיין שוואָגער לאַדיסלאַוו זענען אויך געווען אַקטיווע טראָצקיסטן. מיר האָבן זיך שפּעטער שטאַרק באַפריינדעט און זיין שטוב איז געוואָרן מיין היים. סאַלוס האָט גוט געקענט פּראָג און איז געווען פאַרליבט אין זיין געבוירנשטאָט. ער האָט מיר טאַקע באַ־וויזן אַלע היסטאָרישע ווינקעלעך פון דער דאָזיקער אַלטער און פּרעכ־טיקער שטאָט און מיר אָנדערציילט געשיכטעס און לעגענדעס וועגן די קירכעס, געסלעך און פּלעצער פון פּראָג. אין יידישע ענינים איז ער גע־ווען אינגאַנצן נעבעך אַן עם הארץ.

די גאַנצע טראָצקיסטישע גרופּע אין פּראָג איז באַשטאַנען אין איר מערהייט פון אינטעלעקטואַלן.

די צווייטע אינטערעסאַנטע פיגור פון דער טשעכישער טראָצקיסטי־

שער גרופּע איז געווען פראַנקל. אַ געווויסע צייט איז ער געווען צוליב זיינע שפּראַך־קענטענישן און לעגאַלע מעגלעכקייטן (אַ טשעכאָסלאָוואַ־קישער בירגער) סעקרעטאַר ביי טראָצקין אין נאָרוועגיע. ווי ער האָט מיר פאַרזיכערט, שטאַמט ער פון די באַרימטע פראַנקלס פון ווין.

אַ דריטע אינטערעסאַנטע פּערזאָן איז געווען וואָלף בראַון. אויך ער האָט געשטאַמט פון רייכע אַסימילירטע טשעכישע יידן און איז אויך געווען אַ געוויסע צייט ביי טראָצקין. שפּעטער, אין 1936, איז ער געווען טעטיק אין פּאַריז און בעתן בירגער־קריג אין שפּאַניע. אין 1936 איז ער געפאָרן קיין באַרצעלאָנע און דאָרט זיך באַטייליקט אין די קאַמפּן קעגן דער פאַשיסטישער קאָנטער־רעוואָלוציע אין די רייען פון די אָפּאָזיציאָנעלע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. די סטאַליניסטן האָבן אפילו בעתן בירגער־קריג אין אָנבליק פון געמיינזאַמען שונא נישט אָפּגעשטעלט זייער מאָרד־טאַקטיק בנוגע אָפּאָזיציאָנעלע קאָמוניסטן און זיי האָבן אים אומגעבראַכט, פּונקט אַזוי ווי זיי האָבן דאָס געטאָן מיטן זון פון באַ־קאַנטן מענשעוויסטישן פירער — אַבראַמאָוויטש, וואָס איז אויך געפאָרן קיין שפּאַניע און דאָרט געקעמפט קעגן די „ווייסע“.

אַ חוץ דער טשעכישער גרופּע האָט נאָך עקזיסטירט אַ דייטשע טראָצקיסטישע גרופּע מיט דעם אַמאָליקן פּאָפּולערן קאָמוניסטישן פירער אַלאַיז נויראַט אין דער שפּיץ. איך האָב זיך באַפריינדעט מיט נויראַטן און געשטערבט דערצו, אַז די דאָזיקע ביידע גרופּעס זאָלן זיך פאַריי־ניקן. עס האָט נישט געהאַט קיין זין, אַז די טראָצקיסטישע באַוועגונג, וואָס האָט שטענדיק אַזוי פיל פאָרוואָרפן געמאַכט די סטאַליניסטן, אַז זיי האָבן פאַראַטן דעם עכטן נישט־געפעלשטן אינטערנאַציאָנאַליזם, זאָלן אַלאַיז נויראַט אין דער שפּיץ. איך האָב זיך באַפריינדעט מיטן נויראַטן ווען היטלער האָט געפירט אַ העסלעכע שאָוויניסטישע העץ־קאַמפּאַניע צווישן די סודעטן־דייטשן מיטן ציל אָפּצורייסן פון טשעכאָסלאָוואַקיע דעם סודעטן־דייטשן געביט.

איך האָב זיך אַריינגעצויגן וואָס אַמאָל אַלץ מער אין דער אַרבעט און אָפּגעלייגט אויף אַ געוויסער צייט מיין רייזע קיין פּאַריז. כדי צו באַקומען אויפהאַלט־רעכט, האָב איך זיך געווענדט צו דעם לידער פון „בונד“ אין פּוילן, וויקטאָר אַלטער, מיט דער בקשה, אַז ער זאָל מיר צו־

שיקן אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו צום צענטראַל־קאָמיטעט פון דער טשעכי־שער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. איך האָב אַזאַ בריוו פון אים דערהאַלטן. אין סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַרטיי האָב איך דערקלערט, אַז איך בין אַ קאָמוניסט. עס האָט נישט געמאַכט קיין גוטן איינדרוק מיין דערקלערונג אויפן טעכנישן סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי, אָבער ער האָט מיר דעם ענין דערלייזדיקט אין דער פּראַגער פּאָליציי. זייענדיק שוין לעגאַל, האָב איך געגומען אַ קליין צימערל ביי אַ פּענסיאָנירטער עלטערער פרוי אין פּראַגער אַרבעטער־קוואַרטאַל און געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ אַקטיווער אין דער טראָצקיסטישער אָרגאַניזאַציע. איך האָב באַ־זוכט די גרויסע אַרבעטער־צענטערן ברנאָ (ברין), פּילזען און מאָראַווסקאָ־אָסטראַוואָ. ביז אין אַ פּאַרטאָג האָט אָנגעקלאַפּט די פּאָליציי אין מיין טיר און מיר געהייסן זיך אָנטאָן. איך האָב געאַרבעט ביז שפּעט ביינאַכט און זיי האָבן אויף מיין טיש געפונען פאַרשיידענע מאַנוסקריפּטן. זיי האָבן אויף דעם נישט געלייגט קיין גרויס אַכט און מיך מיטגענומען אין דער הויפּט־פּאָליציי. דאָרט האָט מען מיך נישט אויסגעפאָרשט, נאָר דער־קלערט, אַז מען שטעלט מיך צו צו דער פּוילישער גרעניץ אַלס „נישט־געוווּנטשענעם אויסלענדער". אַן אַגענט איז אַוועק אויף מיין דירה, גע־ברענגט מיינע זאַכן און מיך אָפּגעפירט אין דער אַזוי גערופענער „פּיש־באַנקאַ". דאָס איז געווען אַ פּלאַץ, וווּ עס האָבן זיך געפונען הונדערטער מענטשן, מענער און פרויען, וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט פון לאַנד — נאָכדעם, ווי זיי זענען שוין אָפּגעקומען זייערע שטראָפן אין די טשעכי־שע טורמעס. דאָס איז נישט געווען קיין תפיסה, ווייל אין דעם גרויסן בנין האָט מען זיך געקענט פריי באַוועגן, באַקומען יעדן טאָג עסן פון דער פריי און אויפנעמען באַזוכער. איך האָב גלייך צוויסן געטאָן וואָלף סאָ־לוסן וווּ איך געפין זיך און ער איז געקומען צו מיר אַן אויפגערעגטער. מיר האָבן זיך געבראָכן די קעפּ וועגן די סיבות פון מיין אַרעסט, אָבער צו קיין קאָנקרעטע רעזולטאַטן זענען מיר נישט געקומען. עס איז גע־בליבן, אַז ער וועט פּרובירן אויסצופועלן ביי דער פּאָליציי, אַז קיין פּוילן זאָל מען מיך נישט שיקן, נאָר צו דער עסטרייכישער גרעניץ. אָדער איך וועל אויפן וועג מאַכן אַ ויברח און צוריקקומען קיין פּראָג און אויב נישט וועל איך צוריקקומען פון עסטרייך. אין דער „פּישבאַנקאַ" האָט מען מיך

געהאַלטן אַ וועלכע צוויי וואָכן צייט און יעדן טאָג האָבן מיך באַזוכט אַנ־דערע חברים און געבראַכט מיר שפּייז־פּעקלעך. איך בין ממש גערירט געווען פון דער וואַרעמקייט, מיט וועלכער מען האָט מיך אַרומגערינגלט. לסוף האָט מען מיך גענומען צום טראַנספּאָרט און נישט קיין עסטרייך נאָר טאַקע קיין פּוילן. די פּויליש־טשעכישע באַציאונגען זענען קיינמאָל נישט געווען קיין גוטע און די פּאָליציי האָט נישט געוואָלט אַ פּוילישן בירגער צושטעלן צו דער עסטרייכישער גרעניץ און דערמיט נאָך מער פאַרערגערן די באַציאונגען. דער פּאָליציאַנט האָט גראַד מיך איינעם געהאַט צום טראַנספּאָרט און ער האָט נישט געמאַכט פון דעם קיין גרויס וועזן. איך האָב זיך געקענט פריי באַוועגן איבערן צוג. ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ גרעסערער סטאַציע, אַ פּופּציק קי־לאָמעטער שוין ווייט פון פּראָג, בין איך פון אים אויסגעשטיגן און זיך אַרייַנגעזעצט אין אַ צוג, וואָס איז געשטאַנען אויף דער סטאַציע און וואָס איז געפאָרן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג — קיין פּראָג. אַ בילעט האָט מען געקענט אויסקויפן אין צוג גופא. עטלעכע מינוט בין איך גע־זעסן אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד און געמיינט, אַז אָט קומט דער פּאָ־ליציאַנט און לייגט אַרויף זיין האַנט אויף מיין אַקסל. דער צוג האָט אָבער אָנגעהויבן צו רירן פון אָרט און איך האָב זיך שוין ווידער דערפילט פריי. מיט עטלעכע שעה שפּעטער בין איך שוין געווען ביי וואָלף סאַלוסן אין שטוב און מיר האָבן האַרציק געלאַכט פון דער דאָזיקער קליינער אַוואַנ־טורע. עס זענען זיך גלייך צונויפגעקומען נאָך עטלעכע חברים און מיר האָבן שוין געשמועסט וועגן אונדזערע אייגנטלעכע ענינים, ווי גאָרנישט וואָלט מיט מיר פריער פּאַסירט.

צו דער טראָצקיסטישער גרופּע אין פּראָג האָבן געהערט נישט נאָר אַפּאָזיציאָנערן פון דייטשלאַנד, נאָר אויך אַ יונג פּאָרפּאָלק, וואָס איז גע־קומען פון דער פרייַשטאָט דאַנציק. ער איז געווען אַ יונגער יוריסט און אויך זי איז געווען אַ יוריסטין. צוליב זייער אַקטיוויטעט אין דער דאַנצי־קער קאָמפּאַרטיי זענען זיי פאַרפאָלגט געוואָרן פון דער פּאָליציי און גע־מוזט אַוועק קיין פּראָג. עס זענען שוין געווען די צייטן פון היטלעריס־טישן אויפמאַרש און די דאַנציקער פּאָליציי איז געווען אין אַ גרויסער מאָס באַהערשט פון נאַציסטישע עלעמענטן. דערצו נאָך זענען דאָס גע־

ווען יידן. זיין פאַטער, קיסין, איז געווען אַ גרויסער תבואה־סוחר און אגב אַ שוואָגער פון באַקאַנטן יידישן דיכטער און שרייבער דניאל טשארני און די פרוי זיינע — אַ טאָכטער פון איינעם פון די אָנגעזעענסטע דאַנ־ציקער אַדוואָקאַטן און פון די עלטסטע ציוניסטישע עסקנים אין דאַנציק. דערצו נאָך איז דאָס געווען אַ זייער רייכער מענטש. דאָס יונגע פּאָר־פּאָלק האָט שוין זינט עטלעכע חדשים געלעבט אויף עמיגראַציע און גע־ווען אַקטיוו ביי טראָצקיסטישער אַרבעט.ביידע זייער סימפּאַטישע מענ־טשן מיט אַ גישקשהדיקן מאַרקסיסטישן באַגאַזש פון וויסן, אָבער אָן אַ גרויסער אָרגאַניזאַציאָנעלער דערפאַרונג. מיר האָבן זיך באַפריינדעט און עס איז ביי אונדז רייף געוואָרן דער געדאַנק צו פאָרן קיין דאַנציק, כדי דאָרט אויפצולעבן די טראָצקיסטישע טעטיקייט, נישט געקוקט דערויף, וואָס די פּאָליצייאישע באַדינגונגען זענען דאָרט מיט יעדן טאָג געוואָרן ערגער. פאַר זיי איז די נסיעה פון לעגאַלן שטאַנדפּונקט נישט געווען קיין שווערע זאַך, מחמת זיי זענען געווען דאַנציקער בירגער און האָבן נישט געדאַרפט האָבן קיין וויזעס. איך אָבער, כדי צוצוקומען צו דאַנציק, האָב געמוזט זיך שמוגלען איבער דער פּוילישער טעריטאָריע, ד״ה ווידער נע־מען דעם זעלביקן וועג, מיט וועלכן איך בין געקומען קיין פּראָג. מיט מיין רייזע קיין דאַנציק האָב איך געהאַט נאָך אַ וויכטיקן ציל. איך האָב גע־האָפט דאָרט אַריבערצוברענגען מיין פרוי און קינד און מיט זיי שפּעטער ווייטער פאָרן קיין פּאַריז. מיינע יונגע פריינט האָבן פאַרלאָזט פּראָג און מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט, ווי אַזוי מיר וועלן זיך טרעפן אין דאַנציק.

מיין ערשטער עטאַפּ איז געווען בראַטיסלאַווא (פּרעסבורג), דאָרט האָבן געוווינט מיינע אַלטע פריינט, די מייזנערס, פון לאָדזש. ער איז געווען פון פאַך אַן אינזשעניער, געאַרבעט אין לאָדזש אין די גרויסע פאַבריקן פון י. ק. פּאָזנאַנסקי און גלייכצייטיק געווען זייער אַקטיוו אין דער לאָדזשער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע. זיין פרוי פאַליע, פון דער היים וואַרשאַווסקי, האָט געשטאַמט פון אַ לאָדזשער חסידיש־נגידישער משפחה און פון דער שול־באַנק אָן שוין געהערט צו דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט״, שפּעטער איז זי אַריבער צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און געווען דאָרט זייער אַקטיוו. זי האָט אויך געהאַט הינטער זיך שוין אַ לאַנגן טורמע־סטאַזש. ביידע האָבן איצט געהערט צו דער אָפּאָ־

זיציע. בעתן אַרעסט אין שייכות מיט שפּיצבערגן זענען אויך זיי אַריינגעפאַלן און איך בין מיט מיינערן געזעסן אין דער טורמע אויף דאַנילאָוויטשאָווסקע. זיי זענען אַוועק קיין פּראָג און שפּעטער זיך באַזעצט אין בראַטיסלאַווע. איך האָב בכן געהאַט, ווי מען זאָגט דאָס אויף דער טורמע־שפּראַך, אַ גוטע „מעלינע".

זיי האָבן מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען און איך האָב ביי זיי געוווינט אַ געוויסע צייט און שפּעטער אויך ביים ד"ר טושערער, וואָס איז געווען זייער טעטיק אין דער טראָצקיסטישער גרופּע פון בראַטיסלאַוואַ. מיינע פריינט האָבן אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון מיין ווייטערדיקער נסיעה און אויסגעפונען דעם מענטש ביי דער גרעניץ, וואָס וועט מיך דאַרפן אַריבערפירן. דערביי האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסע הילף דער דירעקטאָר פון אַ גרויסער ווינער פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט, זינגער. וואָס איז פריער געווען אַן אָנגעזעענער קאָמוניסטישער טוער אין בראַטיסלאַוואַ און האָט איצט סימפּאַטיזירט מיט אונדזער אָפּאָזיציע.

איך געדענק שוין נישט גענוי וואָסער מאַרשרוט איך האָב געמאַכט ביזן גרעניץ־פּונקט. איך געדענק נאָר דעם שווערן גאַנג אין די בערג. דער גוי, וואָס האָט מיך געפירט, איז געגאַנגען אָן שום שוועריקייטן, אָבער פאַר מיר איז דאָס געווען אַ געוואַלדיקע אָנשטרענגונג. דערביי איז ער געגאַנגען גיך. יעדעס מאָל, ווען איך האָב מיין באַגלייטער געפרעגט, צי מיר האָבן נאָך ווייט ביז דער גרעניץ, האָט ער מיר קאַלטבלוטיק געענטפערט, אַז יאָ, נאָך גענוג ווייט. איך האָב זיך געוואָלט אַביסל אָפּרוען, אָבער מיין גוי האָט זיך געאיילט. ער מוז נאָך פאַר זון־אונטערגאַנג צוריק זיין, האָט ער מיר געענטפערט. אָבער אַביסל שפּעטער, ווען איך בין שוין ממש געפאַלן פון די פיס און געפילט אַ פייער אין רוקן, האָב איך שוין באמת נישט געקענט ווייטער גיין און געפאָדערט פון אים, אַז מיר זאָלן זיך דאָך אַביסל איינהאַלטן, האָט ער מיר דערקלערט: „מיר זענען שוין אויף דער פּוילישער טעריטאָריע און באַלד וועלן מיר דערזען אַ בודקע, וווּ איך וועל שוין קענען קויפן פּוילישע ציגאַרעטן". דאָס האָט מיך זייער אַנגענעם איבערראַשט. געמיינט, אַז די געפאַר פון פאַסירן די גרעניץ איז נאָך פאַר מיר און איך האָב זי שוין גאָר הינטער זיך. איך האָב זיך מיט אים געזעגנט און אים אַוועק־

געגעבן אַלע טשעכישע קראָנען, וואָס איך האָב ביי מיר געהאַט. טאָמער פאַרטשעפּעט מיך אַ פּוילישער פּאַטרול, לאָמיך נישט האָבן ביי זיך קיין שום סימן, אַז איך בין געווען אויף דער טשעכישער זייט. אַנדערע זאַכן, וואָס שטאַמען פון טשעכאָסלאָוואַקיע, האָב איך באַלד מיט זיך נישט מיט־גענומען אין וועג אַריין. איך בין אָנגעקומען צו אַ באַן־סטאַציע און פון דאָרט גענומען אַ צוג אין דער ריכטונג פון דאַנציק. אין צוג — ווידער פּוילישע פּנימער און די פּוילישע אַטמאָספער. שפּעטער אַביסל האָט ער אָנגענומען אַ מער יידישלעכן כאַראַקטער. ביי דער גרעניץ איז אַלץ אַדורך גלאַטיק און איך בין שוין ווידער אין דאַנציק.

איך האָב איצט נישט געהאַט דעם קאָפּ צו דער שטאָט, וואָס איז מיר אַזוי גוט באַקאַנט געווען פון די פריערדיקע צייטן. די ערשטע זאַך דאַרף מען זיך דערוויסן, וואָס הערט זיך מיט מיינע פריינט, ווייל טאָמער האָט פאַר דער צייט עפּעס מיט זיי פּאַסירט, וועט זיין זייער ביטער. איך בין אַוועק אויף דער הויפּט־פּאָסט און דאָרט אין טעלעפאָן־בוך אויסגעזוכט דעם טעלעפאָן פון דער פאַמיליע ראָזנבוים און געבעטן צום טעלעפאָן די טאָכטער סוזאַנע. איך האָב דערהערט איר קול און עס איז מיר לייכטער געוואָרן. מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט און אָפּגערעדט ווו און ווען זיך צו טרעפן. איך האָב אויך אָנגעשריבן אַ טעלעגראַמע צו מיין פרוי אויף דער פּאָסט און זיך געשטעלט מיט איר אין דער ריי. ווען איך האָב זיך שוין דערנענטערט צום פענצטערל, איז פון אונטער דער ערד אויסגע־וואַקסן ביי מיין זייט אַ געהיים־אַגענט און ווייזנדיק מיר זיין אָפּצייכן, פאַר־לאַנגט פון מיר מיינע פּאַפּירן. איך האָב אים געוויזן מיין פּאַס און ער האָט געקוקט אויף מיר און אויף מיין פאָטאָגראַפיע, נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף מיר און מיר צוריקגעגעבן מיין דאָקומענט. איך האָב אַוועקגע־שיקט די טעלעגראַמע און שוין אָנגענומען באַזונדערע פאַרזיכט־מיט־לען איידער איך בין זיך געגאַנגען זען מיט מיינע פריינט. זיי האָבן גע־ווינט אין אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ ביי אירע עלטערן און מיר האָבן געקענט אומגעשטערט זיך אַדורכשמועסן וועגן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט אויפן אָרט און וועגן דעם, ווי אַזוי איך וועל מיך דאָ איינאָרדענען.

עס איז געווען אין 1936, ווען אין דייטשלאַנד האָט שוין געהערשט די קאָשמאַרע נאַכט פון לאַנגן מעסער, און אויף דאַנציק איז שוין אויך

געפאַלן דער בלוטיקער שאָטן פון היטלעריסטישן מאָנסטער. אויף טריט און שריט האָט מען זיך אָנגעטראָפן אויף די מונדירטע ס. ס.־לייט און דער צעווילדעוועטער היטלער־יוגנט. זיי האָבן פאַרהילכט די גאַסן מיט זייער חיהשן געוווי פון האָרסט־וועסעל־ליד און אַנדערע נאַציסטישע העץ־לאָזונגען. דאָס ביסל יידן האָט געלעבט אין גרויס שרעק און ביי דער דאַנציקער אַרבעטערשאַפט האָט געהערשט אַ געדריקטע שטימונג. אויף די גאַסן און אין די קראָמען האָט מען זיך שוין באַגריסט מיטן „הייל היטלער". אפילו קליינע קינדער האָבן דאָס געטאָן. די קאַפעס אין דאַנ־ציק, אָליוואַ און צאָפּאָט, וואָס זענען מיר אַזוי גוט באקאנט געווען פון די אַמאָליקע צייטן, זענען איצט באַצירט מיט היטלערס בילד און מיט נאַציסטישע לאָזונגען. אין דאַנציק געפינען זיך גאַסן, איבער וועלכע עס ציט זיך אַ קאַנאַל און מען גייט דאָרט אַריבער די גאַס איבער אַ בריק. עס איז מיר איינמאָל אויסגעקומען אַריבערצוגיין אַזאַ בריק גראָד אין אַ מאָמענט, ווען אַנטקעגן מיר איז אָנגעקומען אויף דער בריק אַן אָפּטיי־לונג פון ס. ס.־לייט. זייערע פנימער זענען געווען אָנגעגאָסן מיט נאַציס־טישער רציחה און איך האָב דערפילט, אַז אָט גייען זיי צו צו מיר און וואַרפן מיך אין קאַנאַל אַריין. „יודע, פּערדרעקע!" האָבן אייניקע פון זיי אַ בריל געטאָן און ווייטער געגאַנגען מיט זייער זעלנערישן טראָט.

איך האָב געפונען אַ צימער ביי אַ יידישער פאַמיליע. די באַלעבאָס־טע איז געווען פון דייטשלאַנד און ווען נאָר זי האָט מיך געזען, האָט זי מיר דערציילט וועגן די היטלעריסטישע גרויל־טאָטן לגבי איר פאַמיליע אין דייטשלאַנד. ווען זי וואָלט געוווסט מיט וואָס איך פאַרנעם זיך, ווען זי וואָלט געאַנט, אַז ביי איר אין דער וווינונג ווערן רעדאַקטירט אויפרופן אין דער דייטשער שפּראַך קעגן היטלעריסטישן טעראָר און עס ווערן אָפּט אַרומגערעדט די פראַגן, ווי אַזוי די דאָזיקע אויפרופן און נישט־לעגאַלע ביולעטינען צו פאַרשפּרייטן צווישן די דייטשע אַרבעטער, וואָלט זי זיכער מיך גלייך משלח געווען פון איר וווינונג. און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך.

מיר האָבן געהאַט לויזע פאַרבינדונגען מיט די אַרבעטער פון די פאַבריקן און פון דאַנציקער פּאָרט און אָפּגעהאַלטן קרייזן, אויף וועלכע עס זענען דיסקוטירט געוואָרן די אַקטועלע פּאָליטישע פּראָבלעמען, ווי:

די לאַגע אין דייטשלאַנד נאָך דער קאַמפּלאַזער קאַפּיטולאַציע פון דער ס. ד. פּאַרן פאַשיזם און די באַנקראָטירטע טאַקטיק פון דער ק. פּ. ד. און קאָמינטערן, וועגן דער לאַגע אין רוסלאַנד און די אופנים פון קאַמף פון דער אָפּאָזיציע מיטן סטאַליניזם ביי דער ניי־געשאַפענער לאַגע. נאָך אַ לענגערער צייט האָבן מיר זיך אָבער אַרומגעזען, אַז ביי דער הערשנ־דיקער שטימונג אין אַרבעטער־לאַגער קען אונדזער אַרבעט נישט האָבן קיין גרויסן דערפאָלג, דאַקעגן די געפאַרן, אויף וועלכע מיר זענען אויס־געשטעלט מיט אונדזער אומלעגאַלער טעטיקייט זענען צו גרויסע. האָבן מיר באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאַנציק און זיך באַזעצן אין דעם פרייען דע־נעמאַרק. געוויסע אַרבעטן, האָבן מיר געטראַכט, וועלן מיר פון קאָפּענ־האַגען אויך קענען טאָן. אויפן אָרט איז געבליבן אַ גוטער חבר (פראַנק), אַ יידישער אינטעלעקטועלער מיט גרויסע זשורנאַליסטישע פעאיקייטן און ער האָט געדאַרפט זיין דער פאַרבינדונגס־מאַן צווישן קאָפּנהאַגען און דער דאַנציקער גרופּע.

מיין פרוי מיטן קינד זענען געקומען פון וואַרשע און מיר האָבן זיך געגרייט אין וועג אַריין. פאַרן קיין דענעמאַרק האָבן מיר מיט אונדזערע פוילישע פעסער געקאָנט נאָר אַלס טוריסטן און אַזאַ געלעגנהייט איז אונטערגעקומען. די פוילישע פאַרקער־געזעלשאַפט „אָרביס" האָט אָרגאַ־ניזירט אויספלוגן מיט דער לוקסוס־שיף „באַטאָרי" און אַזאַ אויספלוג האָט אויך געדאַרפט פאַרקומען איבער די סקאַנדינאַווישע לענדער. האָבן מיר געמוזט אויסקויפן פלעצער פאַר אַלע דריי סקאַנדינאַווישע לענדער, כאָטש אונדזער ציל איז געווען בלויז דענעמאַרק. מיינע פריינט, די קי־סינס, זענען פריער געפאָרן און מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז זיי וועלן אונדז אָפּוואַרטן ביים שיף אין קאָפּנהאַגן. מיר האָבן אונדזער פּלאַן רעאַליזירט אָן גרויסע שוועריקייטן. אין שוועדן זענען מיר אַראָפּ פון שיף מיט אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירן און צוזאַמען באַזוכט די שטאָט. אין אָסלאָ (נאָר־וועגיע) דאָס זעלביקע און ווען מיר האָבן זיך שוין דערנענטערט צו קאָפּנ־האַגן האָבן מיר זיך געגרייט צו דער אמתער „עקסקורסיע". מיר האָבן פון אונדזער קאַבינע מיטגענומען מיט זיך אַלץ פון אונדזער באַגאַזש, וואָס מיר האָבן געקענט נעמען אויף זיך אָדער אין אונדזערע קעשענעס אַריין, כדי נישט צו שאַפן ביי די פּאַסאַזשירן און ביים שיף־פּערסאָנאַל אַ פאַר־

דאכט, אז מיר האבן זיך נישט בדעה מער אומצוקערן אויפן שיף, אונ־דזערע פריינט האבן אונדז שוין אפגעהארט ביים שיף און מיר זענען פארפארן אין א פאמיליע־פענסיאן. ווי עס האט זיך שפעטער ארויסגע־שטעלט, האט די שיף־אדמיניסטראציע פאר פארלאזן קאפנהאגן צוויסן געטאן דער דענישער פאליציי, אז א פאמיליע מיט א קינד האט זיך נישט אומגעקערט צום שיף, ווייל ווען איך בין געגאנגען צו דער פאליציי בעטן אויפהאלט־רעכט, איז דער קאמיסאר געווען אויף מיר זייער אין כעס צו־ליב מיין האנדלונג און מיר געדראט, אז ער וועט אונדז צוריקשיקן קיין פוילן. איך האב אבער געהאט א גוטע פראטעקציע מצד דעם אלטן קאפנ־האגענער תושב און פארדינסטפולן בונדישן טוער אברהם קראטאשינסקי. ער האט זיך פאר אונדז איינגעשטעלט און מיר האבן באקומען אזיל־רעכט מיט דער פארפליכטונג יעדע וואך זיך צו מעלדן אין דער פאליציי.

אויך אין קאפנהאגן האט עקזיסטירט א קליינע דענישע טראצקיסטישע גרופע און א היפשע גרופע פון דייטשע טראצקיסטן. די דענישע גרופע איז געווען א קליינע, ווייל די גאנצע קאמפארטיי פון דענעמארק איז געווען א שוואכע. נאך עטלעכע חדשים האב איך באקומען פון דער פאליציי אן אויפפאדערונג צו פארלאזן קאפנהאגן, אבער זי איז גרייט געווען מיר אויסצושטעלן א דענישן עמיגראנטן־פאס, אויף וועלכן איך וועל קענען באקומען א טוריסטן־וויזע קיין פראנקרייך אויף צוויי וואכן צייט און דארט דארף מיר שוין אליין אן עצה געבן. האבן מיר שוין ווידער גע־פאקט אונדזערע באגאזשן און זיך געלאזט אין וועג אריין. אויך די קי־סינס האבן באשלאסן צו פארן קיין פאריז. דארט איז דאס פאליטישע לעבן געווען אומפארגלייכלעך אינטענסיווער און אינטערעסאנטער ווי אין דעם שטילן און פראווינציעלן קאפנהאגן. אין פאריז האבן מיר אויך גע־האט א סך פערזענלעכע פריינט און באקאנטע.

די טראצקיסטישע ארגאניזאציע אין פאריז איז געווען א זייער רי־רעווודיקע; זי איז אבער נישט געווען קיין איינהייטלעכע. א חוץ דעם האט עקזיסטירט א צאלמעסיקע גענוג שטארקע דייטשע גרופע, וואס איז אויך אינערלעך געשפאלטן און עס זענען געווען נאך אנדערע פאליטישע עמיגראנטישע גרופעס פון דייטשלאנד און עסטרייך. א באזונדערע אקטי־וויטעט איז דעמאלט אנטוויקלט געווארן אין שייכות מיט די טרויעריק־

באַרימטע מאָסקווער פּראָצעסן קעגן דער טראָצקיסטיש־זינאָוויעוויסטי־שער אָפּאָזיציע. עס זענען געשאַפן געוואָרן קאָמיטעטן, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען צו זאַמלען מאַטעריאַלן און באַווייזן וועגן מכשפה־כאַראַקטער פון די דאָזיקע מאָנסטרועזע פּראָצעסן. אין די דאָזיקע קאָמי־טעטן זענען אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן פון דער פּאָליטישער, ליטעראַרישער און וויסנשאַפטלעכער וועלט. דער אייגנטלעכער איניציאַטאָר פון דער דאָזיקער אַקציע איז געווען לעאָן טראָצקי. און זיין זון אין פּאַריז האָט פּראַקטיש אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער אַקציע. דאָס איז געווען אַ זייער ענערגישער און אינטעליגענטער יונגערמאַן. ער און זיין ברודער סערגיי, וואָס איז געבליבן אין רוסלאַנד, זענען געווען טראָצקיס קינדער פון זיין צווייטער פרוי, נאַדעזשדא. פון דער ערשטער פרוי האָט ער געהאַט צוויי טעכטער, וואָס זענען אויך גע־בליבן אין רוסלאַנד. איין אייניקל בלויז האָט זיך געפונען מחוץ רוסלאַנד, אַ יינגל סעוואַ, וואָס האָט געלעבט ביי זיין פעטער אין פּאַריז. טראָצ־קיס זון, ליאָווא, האָט אויך אַרויסגעגעבן אין פּאַריז דעם אָרגאַן פון דער רוסישער אָפּאָזיציע „ביולעטין אָפּאָזיצי״, וואָס איז אין 90 פּראָצענט גע־ווען אויסגעפילט פון זיין פאָטער. טראָצקי האָט אים צוגעשיקט זיינע אַר־טיקלען צוערשט פון נאָרוועגיע און שפּעטער פון מעקסיקע. צו דער רוסי־שער גרופּע האָבן צווישן אַנדערע געהערט ד״ר גרשוני (היינט אַן אָנגע־זעענער מפא״י־טוער אין פּאַריז) א״א.

אין פּאַריז איז דעמאָלט געווען דער שטאָב פון די רוסישע מענשע־וויקעס, וואָס איז אין 1933 קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן פון בערלין. די מענשעוויקעס האָבן געהאַט אַ זייער נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער פראַנ־צויזישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און דער באַקאַנטער ליד־ער פון די לינקע מענשעוויקעס טעאָדאָר דאַן (גורוויטש) איז געווען אַ זייער נאָענ־טער פריינט פון לעאָן בלום. עס איז געווען 1937 און אין פּאַריז האָט מען נאָך געפילט די אַטמאָספער פון פאָלקס־פראָנט. אין מלוכהשן און פּאָליציייאישן אַפּאַראַט האָבן זיך נאָך געפונען סאָציאַליסטן אָדער זייערע סימפּאַטיקער און טעאָדאָר דאַנס אַ רעקאָמענדאַציע אין דער פּאַריזער פּרעפעקטור האָט געהאַט אַ ווירקונג. איך האָב זיך דעריבער צו אים גע־ווענדט מיט דער בקשה, אַז ער זאָל מיר זיין בייהילפיק ביים באַקומען

אַזיל־רעכט אין פראַנקרייך. טעאָדאָר דאַן און זיין פרוי לידיא אסיפאָוונא זענען באַקאַנט געווען ביי דער גאַנצער עמיגראַציע מיט זייער באַרייטשאַפט צו העלפן יעטוועדן פאָליטישן עמיגראַנט, אומאָפהענגיק פון זייגע פאָליטישע איבערצייגונגען (פאַרשטייט זיך, אַ חוץ רעכטע עלעמענטן). ער האָט געוווּסט ווער איך בין און דאָך מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען און מיר האָבן געהאַט אַ לאַנגן פאָליטישן געשפּרעך וועגן רוסלאַנד און וועגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אין וועלט־מאַסשטאַב. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ סך אַלגעמיינער און פאָליטישער קולטור. ער האָט געהאַט הינטער זיך אַ שטורמישע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט. כאָטש ער האָט די גאַנצע צייט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט דאָס אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד און גוט געקענט די באָלשעוויסטישע באַוועגונג און פערזענלעך אירע קוואַליפיצירטע פירער, האָב איך דאָך געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער קען איצט דאָס נייע ריסלאַנד מיט אירע פירער מער פון דער פאַרגאַנגענהייט ווי פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט. דער גרויסער דענקער אַנרי בערגסאָן האָט אַמאָל באַמערקט, אַז וויפיל בילדער מיר זאָלן נישט זען וועגן דער פרעכטיקער פאַריזער „נאָטרדאַם דע פאַרי" וועלן מיר אַלץ נישט באַקומען אַזאַ איינדרוק וועגן איר, ווי בעת מיר וועלן נישט די דאָזיקע קירך אַליין באַזוכן.

דאַן איז געווען גענוי באַהאַוונט מיט די ציפערן וועגן דער ווירטשאַפטלעכער לאַגע פון סאָוועט־רוסלאַנד, געדענקט אַלע וויכטיקע באַשלוסן פון קאָמינטערן און פון דער וו. ק. פ. געגעבן טרעפלעכע און טיפזיניקע אַנאַליזן פון דער סאָוועטישער סטראַטעגיע און טאַקטיק, אָבער איך האָב געפילט, אַז דאָס זענען אַלץ אָפשאַצונגען אויפן גרונט פון פאָטאָגראַפיעס. אַמבעסטן קען פאַרשטיין די סאָוועטישע ווירקלעכקייט און דעם באָלשעוויזם דער, וואָס האָט געלעבט אין רוסלאַנד און איז אַליין געווען יאָרנלאַנג טעטיק אַלס קאָמוניסט. די גרינטלעכסטע און די טרעפלעכסטע אַנאַליזן וועגן רוסלאַנד און זיין סטאַליניסטישן רעזשים האָט צו יענער צייט פאַרעפנטלעכט טראָצקי און די אינטערעסאַנטסטע אַרבעטן וועגן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, האָבן געשאַפן די, וואָס האָבן זינט יאָרן פאַרנומען פירער־פאָזיציעס אין די קאָמוניסטישע פאַרטייען.

ד'אָס זעלביקע קען מען אויך זאָגן וועגן אַנדערע פּאַרטייען און באַוועגונ־גען. די זעלביקע שוואַכע זייט פון מענשעוויזם האָב איך אויך באַמערקט בעת מיינע געשפּרעכן מיט אַנדערע מענשעוויסטישע פירער ווי אַבראַ־מאָוויטש, ניקאָלאַיעווסקי, סאַלאָמאָן שוואַרץ א״אַ. איך האָב זיך מיט ליאָווע טראָצקי זייער אָפט געטראָפן אין פּאַריזער קאַפעס און ביי אים אין שטוב. מיר פלעגן אַרומריידן אַלע וויכטיקע ענינים פון דער אָפּאָ־זיציאָנעלער באַוועגונג אין די פאַרשיידענע לענדער, ווייל דער זיץ־אָרט פון אינטערנאַציאָנאַלן סעקרעטאַריאַט פון דער אָפּאָזיציע איז געווען פּאַ־ריז. מיר האָבן דעמאָלט געהאַלטן, אַז די מאָסקווער פּראָצעסן וועלן עפע־נען די אויגן ביי אַ סך ערלעכע קאָמוניסטן און זיי וועלן איבעררייסן מיט די סטאַליניסטן. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז אַ געוויסע אַנטוי־שונג האָט טאַקע אַרומגעכאַפּט די קאָמוניסטישע רייען, אָבער אונדזער פּאַריזער פּראַקציע האָט פון דעם גאָר ווייניק געוואַקסן. אַ חוץ דעם פאַל מיט שאַרל ראַפּאָפּאָרט, וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט אַ רושם אין פּאַ־ריז. עס האָט זיך אויך אַרויסגעשטעלט, אַז די נייע טאַקטיק פון באַהערשן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אינעווייניק האָט אויך נישט געגעבן קיין גרויסע געווינסן, ווי דאָס האָט געמיינט לעאָן טראָצקי. בכלל האָט זיך אַרויסגעוויזן פּאַר אַן אילוזיע די שטרעבונג אויפן אָרט פון די אַלטע באַנקראָטירטע פּאַרטייען צו שאַפן נייע און אויפן אָרט פון קאָמינטערן — אַ 4טן אינטערנאַציאָנאַל. פּאַרטייען ווערן נישט געבוירן אויף אונדזער סוביעקטיוון ווונטש און גייען אויך נישט אונטער נאָר דערפאַר, וואָס מיר האַלטן, אַז זיי זענען שוין טויט. פּאַרטייען, וואָס זענען שוין פון דער געשיכטע פּאַראורטיילט געוואָרן צו אונטערגאַנג, קענען נאָך יאָרנ־לאַנג שלעפּן זייער עקזיסטענץ. „אפילו ביי אַ טויטן וואַקסן נאָך האָר און נעגל...״ אָבער די קאָמפּאַרטייען און דער קאָמינטערן זענען נאָך נישט געווען טויט, כאָטש עס איז שוין געווען נאָך די מאָסקווער פּראָצעסן און נאָך דער גרויסער מפּלה פון סטאַליניזם אין דייטשלאַנד און נאָך פריער נאָך דעם גרויסן דורכפאַל אין כינע.

כדי דאָס אַלץ צו זען האָט נאָך געמוזט נעמען צייט און דערווייל זענען מיר ווייטער אָנגעגאַנגען מיט אונדזער אָפּאָזיציאָנעלער טעטיקייט. די סטאַליניסטן האָבן געקעמפט מיט אונדז נישט נאָר מיטן פאַרגיפטעטן

געוועזן פון פאַרלוימדונגען, זיי האָבן זיך אויך באַנוצט מיט פיזישן טעראָר. אין דער שווייץ האָבן זיי דערמאָרדעט אַ מענטש פון זייער אויסלענדישן אַפּאַראַט, י. רייס, וואָס איז געוואָרן אַן אָפּאָזיציאָנער און געשטאַמט פון גאַליציע. ער האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי מיט אַ קינד. אַ געוויסן טאָג איז אין פּאַריז פאַרשווונדן דער טעכנישער סעקרעטאַר פון דער דייטשער טראָצקיסטישער גרופּע „אַדאָלף". מען האָט נישט געוווּסט וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. שפּעטער האָט די פּאַריזער פּאָליציי אַרויסגעשלעפּט פון דער סענע אַ דערטרונקענעם מיט אָפּגעהאַקטע פיס. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז טאַקע דער פאַרשווונדענער „אַדאָלף". דאָס איז געווען אַ זייער שטילער און אַרבעטזאַמער מענטש, וואָס האָט זיך געראַטעוועט פון די היטלעריסטישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

קריוויצקי, אַן אָנפירנדיקע פּערזאָן פון סטאַליניסטישן אַפּאַראַט, האָט אויך געהאַט אַן ענלעכן סוף. זייענדיק אין פּאַריז, איז ער געשטאַנען מיט אונדז אין אַ פאַרבינדונג. שפּעטער איז ער אַוועק קיין ניו־יאָרק און דאָרט האָבן אים די סטאַליניסטן דערמאָרדעט אין זיין האָטעל־צימער.

אין מיינע אָפטע געשפּרעכן מיט ליאָוואַ טראָצקי האָב איך ניט איין מאָל אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער גרויסער געפאַר, אויף וואָס ער איז אויסגעשטעלט מצד דעם אויסלענדישן אַפּאַראַט פון דער ג. פּ. או. סטאַלין איז אַ גרויזאַמער בעל נוקם און וועט זיך נוקם זיין נישט נאָר אין טראָצקין נאָר אפילו אין זיינע קינדער אויך. ליאָוואַ פלעגט מיר שטענדיק פאַרזיכערן, אַז ער היט זיך גענוג אויס און אַז אים וועט גאָרנישט פּאַסירן. עס איז אפילו געשטאַנען די פראַגע, אַז ער זאָל לעבן אויף פרעמדע פּאַפּירן, אָבער וואָס קען דאָס העלפן אַנטקעגן די אויסלענדישע אַגענטן פון דער ג. פּ. או., וואָס האָבן אים געהאַלטן אויפן אויג? אפילו דער זייער און זייער פאַרזיכטיקער לעאָן טראָצקי, וואָס האָט מיט גאָר גרויסע שוועריקייטן צו זיך וועמען עס איז נישט צוגעלאָזט און איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ באַוואָפנטער וואַך פון אייגענע און געטרייע מענטשן, איז אויך געפאַלן אַ קרבן פון סטאַלינס אַ פאַרברעכער. איך האָב ליאָוואַן יעדעס מאָל געוואָרנט און געראָטן צו פאָרן צום פאָטער קיין מעקסיקע. עס איז צווישן אונדז דערגאַנגען אַזוי וויט, אַז איך האָב

פון אים געפאָדערט, אַז ער זאָל וועגן מיין מיינונג אָנשרייבן קיין מעק־סיקע און כ׳האָב ביי אים געפועלט, אַז אויב דער פאָטער זיינער וועט אים הייסן קומען צו זיך, וועט ער אַלץ לאָזן און פאָרן. ער האָט אָנגעשריבן צו זיין פאָטער און עס איז אָנגעקומען אַן ענטפער, אַז ער, ליאָווא, זאָל האַנדלען, ווי ער פאַרשטייט אַליין. איך האָב שוין מער וועגן דעם מיט אים נישט גערעדט.

ליאָווא איז קראַנק געוואָרן. שוין פריער אויף אונדזערע זיצונגען האָב איך באַמערקט ווי זיין פּנים פלעגט זיך פון צייט צו צייט קאָרטשען פון ווייטיקן. מען האָט אים גענומען אין שפּיטאָל און געמאַכט אַן אָפּעראַציע, פון וועלכער ער איז געשטאָרבן. דער טויט זיינער האָט אויף אונדז אַלעמען געמאַכט אַ זייער שווערן איינדרוק. אַ סך חברים און פריינט זענען געווען ביי דער לויה אויף „פּער לאַ שעז". עס איז אויך געשטאַנען ביים קבר אַ בלאַסער דער קליינער פלימעניק זיינער, סעווא, דאָס איינציקע איניקל טראָצקיס נאָך זיינע שוין איצט פיר פאַרשוווּנ־דענע קינדער. דאָס האַרץ האָט געשניטן צוליב דער שרעקלעכער פאַר־זענלעכער טראַגעדיע, וואָס עס האָט געטראָפן טראָצקין און זיין איידעלער פרוי נאַדעזשדאַ. אויפן בית־עולם האָב איך דערפילט, אַז דאָס איז נישט קיין טויט, וואָס איז געקומען אין רעזולטאַט פון אַ נישט־געלונגענער אָפּעראַציע און האָב דאָס געזאָגט צו אַ חברטע, וואָס איז געווען איי־נע פון די סאַמע נאָענטסטע מיטאַרבעטערינס פון ליאָוואַ. שפּעטער האָט טראָצקי אַליין איינגעזען, אַז זיין זון איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ פאַר־ברעכערישער מאַכינאַציע פון דער פאַריזער ג. פּ. או. און ער האָט עפנט־לעך געפאָדערט, אַז עס זאָל אַדורכגעפירט ווערן אַן אויספאָרשונג וועגן טויט פון זיין זון.

פון מאָסקווע איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז דער קאָמינטערן האָט אויפגעלייזט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון פוילן. דער אָפיציעלער מאָטיוו איז געווען, אַז די פּאַרטיי איז פון אויבן ביז אונטן אַדורכגעפרעסן פון פּראָוואָקאַטאָרן. דאָס מיינט, אַז סיי די רעכטע פירער און סיי די לינקע אָדער עקסטרעם־לינקע זענען געווען באַצאָלטע אַגענטן פון פוילישן פאַ־שיסטישן רעזשים.

20 יאָר, ד״ה פון 1918 ביז 1938 האָט עקזיסטירט די קאָמוניסטישע

פאַרטיי פון פוילן. טויזנטער, צענדליקער טויזנטער קרבנות האָט זי גע־בראַכט אין קאַמף פאַרן זיג פון דעם קאָמוניזם. זי איז געווען אין פוילן די זיכערסטע שטיצע פאַר סאָוועטרוסלאַנד און אַזוי שענדלעך פאַרראַטן געוואָרן פון סטאַלינען. עס האָבן עקזיסטירט פאַרשידענע קאָנצעפּציעס, ווי אַזוי מיר וועלן דעראָבערן די פּאָליטישע מאַכט אין פוילן. די אַמ־מיינסטן פאַרשפּרייטע, כאָטש וועגן דעם האָט מען נישט געשריבן און נישט גערעדט, איז געווען: אַז מיט דער הילף פון דער רויטער אַרמיי וועלן מיר קומען צו דער מאַכט. אין אַ ריין פּוילישער רעוואָלוציע האָט מען נישט געגלויבט. מען האָט זיך אָבער קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז פון די סאָוועטישע באַגנעטן, וואָס דאַרפן אונדז קומען צו הילף, וועלן די ערשטע פאַלן גאָר די אַלע, וואָס האָבן געחלומט וועגן זיג פון דער רויטער אַרמיי. איך האָב אויך אַמאָל געהערט צו די אָנהענגער פון דער דאָזיקער קאָנצעפּציע, אָבער דער גורל האָט מיר פאַרשפּאָרט צו זיין צווישן די אַלע, וואָס זענען געוואָרן קרבנות פון זייערע אויפריכטיקע שטרעבונגען, אַלע זיי, צי רעכטע צי לינקע, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, געפינען זיך היינט אין איין געמיינזאַמען מאַסן־קבר ערגעץ ווו אין רוס־לאַנד. זיי צוזאַמען מיט זייערע פאַלשע אילוזיעס און אָפּגעגאַרטע האָ־פענונגען.

***

עס איז געווען 1938. אַ יאָר פאַרן סטאַלין־היטלער־פּאַקט און איבער אייראָפּע האָבן זיך שוין פאַרצויגן געדיכטע שוואַרצע וואָלקנס, וואָס האָבן אָנגעזאָגט אַ שרעקלעכן שטורעם פאַר די פרייע פעלקער פון אייראָפּע און באַזונדערס פאַר אונדז יידן.

איך האָב איינגעזען די אילוזאָרישקייט פון אונדזערע ביזאיצטיקע פּאָסטולאַטן וועגן דער מעגלעכקייט פון רעפאָרמירן דעם סטאַליניסטישן רעזשים אין רוסלאַנד, אָדער פון די קאָמוניסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט. נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע אויף אונדזער יידישער טראָצקיסטי־שער גרופּע האָבן מיר אָנגענומען דעם באַשלוס אַריינצוטרעטן אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע פון פּאַריז. און צוזאַמען מיט די אַלטע, פּאַר־

דינסטפולע טוער פון דער יידישער סעקציע ביי דער קאָמוניסטישער פּאַר־טיי אין פראַנקרייך, ווי: פ. שראַגער (אסטרינסקי), יחיאל ניימאַן, שמעון באָרנשטיין, ז. שייקאָווסקי א. א. בין איך געוואָרן אַ מיטגליד פון „בונד“. אַ צווייטער טייל פון אונדזער גרופּע, ווי: יידל און אסתר ראָזנפעלד, גדאַנסקי, מיין פרוי, אליהו, מאיר, יאשקע קויפמאַן, יוסף פּאַפּאָווסקי (ראַ־מאַן), אברהם רודי א. א. האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון דעם דאָזיקן שריט.

עס איז אויסגעבראָכן די בלוטיקע צווייטע וועלט־מלחמה און איך האָב זיך די גאַנצע צייט באַטייליקט אין דעם יידישן אונטערערדישן קאַמף אין פראַנקרייך, וואָס דער „בונד“, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידישע און פראַנצויזישע אָרגאַניזאַציעס, האָט געפירט קעגן דער נאַציסטישער אָקופּאַציע אין פראַנקרייך. דאָס זענען געווען טראַגישע און געפאַרפולע יאָרן און וועגן דעם וועט מיר נאָך אפשר אַמאָל אויסקומען צו דערציילן.

פּאַריז־בוענאָס־איירעס, 1953—1954.

ביבליאָטעק אין אנדענק די
קדושים פון לודמיר
און אומגעגנט
ביים לודמיר'ער
ל. ל. פאריין אין בוענאס איירעס

נעמען־רעגיסטער

א

אַבראַמאָוויטש — 352.
אַבראַמאָוויטש (זון) — 341.
אַדאָלף — 353.
אוגלאַנאָוו — 218.
אונשליכט זאָפיאַ — 114, 121, 122, 134, 146, 149, 162, 163, 181, 184, 195, 217, 218, 228.
אונשליכט יוליאַן — 22, 47, 93, 114, 132, 155, 228.
איווינסקאַ אסתר — 250, 341.
אייכנבוים (אָסקאַר, ארטוסקי) — 337.
אַלטער וויקטאָר — 250, 341.
אַמסטערדאַם שאול (הענריקאָווסקי) — 96, 208, 256, 304־306.
אַנטאָן — 187.
אָסטראָווסקי אַלעקסאַנדער — 336, 337.
אָסיפּאָווגאַ לידיאַ — 351.
אָקסער ד"ר — 243, 244.

ב

באוער אַטאַ — 334.
באַטווין נפתלי — 181.
באָרדיגאַ — 48, 194.
באָריס — 179.
באָרנשטיין שמעון — 356.
בוכאַרין — 44, 85, 182, 204, 218, 227־230, 232, 256־258, 316.
בוקסהאָרן פּ. (יוליאַן) — 164.
בירנבוים חזן — 157.
בירנבוים סטעלאַ — 157.
בלום לעאָן — 350.
בעגע — 189.
בער — 98.
בערגסאָן אַנרי — 351.
בערנסאָן לעאָן אַדוואָקאַט — 251, 253.
בערנשטיין (אַרט) — 99.
בראַון — 191, 194.
בראַון וואָלף — 341.
בראַנד (הענריק לאַוער) — 87, 97, 160, 186, 256, 259, 260, 284, 290.
בראַנדלער — 111, 123־126, 133, 134, 143, 152, 154, 156, 163, 192, 256, 257, 258, 316.
בראָנקאָווסקי — 304.
ברוין יוליאַן (ספּיס, בראָנאָוויטש) — 142, 143, 148.

ג

גאַלענדזשינאָווסקי — 99.
גאָרדין יצחק — 114, 305.
גדאַנסקי — 356.
גזשעך־שלוסאַרסקי (קאָוואַלסקי) — 24, 87, 91, 93, 98, 99, 102.
גזשעך־קאָוואַלסקי לוצינאַ — 87.
גזשעלטשאַק (מאַרטשין) — 82, 84, 97, 100, 101.

גיזאַ — 276, 277.
גייסט ישראל — 305.
גייער — 302, 317.
גראַבסקי — 198.
גראַמאַן — 317.
גראַסמאַן פּראָפעסאָר — 142.
גרינבערג — 328.
גרינבערג זשאַן — 83.
גרשוני ד״ר — 350.

ד

דאַמסקי (שטיין־קאַמיענסקי) — 22, 48, 82, 134, 143, 149, 152, 162, 163, 179, 181־184, 193־196, 217, 218, 228.
דאַן טעאָדאָר (גורוויטש) — 350, 351.
דאַשינסקי — 28, 47.
דוא גרשון — 252.
דוואָרטשאַגין — 333.
דוטלינגער יאַקוב — 99, 313.
דויטש יוליוס — 334.
דויטשער יצחק — 314, 337.
דוראַטש אַדוואָקאַט — 251.
דזשערזשינסקי זאָפיע — 228.
דזשערזשינסקי פעליקס — 22, 47, 75, 93, 155.
דימיטראָוו — 128.
דמאָווסקי ראָמאַן — 90.

ה

האַניגוויל לודוויק אַדוואָקאַט — 145, 251.
האָפמאַן — 328.
היבנער — 181.
היבנער בראָנקע — 184.
היטלער — 172, 320, 322, 331־333, 341, 347, 355.
הינדענבורג — 191.
העמפּעל יאַן — 99.
העריאַ — 129.
הערינג זיגמונט — 87.
הערינג יעזשי (רינג) — 87, 142.
הערשל מעטאַלאָוויעץ (בעקער־קונסט) — 76, 83.

וו

וואַיעוודזקי 198.
וואַיקאָוו — 204, 231.
וואַיקאָווסקי — 231.
וואַלאָזשין — 333.
וואַלינסקי עמנואל — 295.
וואַלינסקי רחלע — 295.
וואַליש — 334.
וואַלעצקי (מאַקס האָראָוויטץ — 86, 88, 91, 92, 97, 110, 119, 132, 133, 159, 160, 256.
וואַנדורסקי וויטאַלד — 246.
וואַסילקיוו (קרילִיק) — 196.
וואַראַשילאָוו מאַרשאַל — 226.
וואַרסקי (וואַרשאַווסקי) אַדאָלף — 22, 24, 28, 81, 85, 90־92, 97, 98, 110, 132, 133, 149, 154־156, 159, 160, 196, 198, 206, 234, 239, 256־258, 284, 290, 292, 316, 322.
וואַרסקי יאַדוויגאַ — 85.
וואַרסקי סאָפיע — 85.
וואַרשאַווסקי פאלע — 344.
וזשאָס (סטאַניסלאַוו הובערמאַן) — 260, 290, 307, 308.
וויכמאַן — 95.
וויינשטיין (ירחמיאל) — 69, 74־76.
ווילהעלם קייסער — 31.

ווראָבלעווסקי וואַצלאַוו — 98, 99, 185.

ז

זאַכאַריאַש שמעון — 305.
זאַקס — 208.
זאַרעמבאַ — 55.
זביקאָווסקי גענעראַל — 290.
זדזשאַרסקי מירעק (גאַלמאַ) — 99, 183, 295.
זינאָוויעוו — 37, 43, 44, 73, 75, 82, 87, 111, 123־127, 130, 133־135, 154, 157, 160, 163, 175, 182, 194, 204, 205, 218, 228, 257.
זינגער — 345.
זשאַרסקי — 336, 337.
זשעליגאָווסקי גענעראַל — 49.

ט

טאַלהיימער — 111, 123, 125, 133, 192, 256.
טאָמאַראָוויטש — 208, 256.
טאָמסקי — 257.
טושענער ד״ר — 345.
טישקאָ לעאָן (יאַגינעס) — 22, 23, 33.
טעלמאַן ערנסט — 125, 155, 187, 191, 192, 205, 332.
טענענבוים (יאַשעק) — 123, 126.
טראָצקי לעאָן — 48, 71, 72, 111, 129, 130, 132, 133, 143, 150, 154, 156, 158, 163, 192, 227, 257, 318, 337, 341, 350־354.
טשאַנג־קיי־שעק — 229.
טשאַרני דניאל — 344.
טשיטשערין — 157, 158.
טשעמערינסקי ס. — 233.

י

יאַבלאָנאָווסקי ראָמאַן — 98, 99.
יאַוואָראָווסקי — 323.
יאַנקאָווסקי — 141, 148.
יעזשאָוו — 164, 237.
יעסענין — 224.

כ

כאַנאָווסקי — 83.
כווילעווי — 204, 333.

ל

לאָזאָווסקי — 230.
לאָיד דזשאָרזש — 172.
לאַמפּע אַלפרעד (מאַרעק) — 304.
לאַנדאַו לייב, אַדוואָקאַט — 251.
לאַנדי קאַראַל — 55, 82, 99־101, 185.
לאַנצוצקי — 110,136.
לאָקיעטעק — 323.
לוקסעמבורג יעזשי, אויספּאַרש־ריכ־טער — 95.
לוקסעמבורג ראָזאַ — 22־26, 33, 34, 53, 92, 111, 135, 263, 267.
ליאָוואָ (טראָצקי) — 350, 352־354.
ליבקנעכט סאָניאַ — 23, 264.
ליבקנעכט קאַרל — 22, 23, 31, 33.
ליכטנשטיין ישראל — 57, 58.
לעוואַרטאָווסקי יוסף — 145, 146, 233.
לעווין באָלעסלאַוו — 137.
לעמאַנסקי — 325.
לענין — 20, 22, 24, 43, 44, 46, 52, 53, 56, 71־75, 111, 127,

133, 138, 162, 183, 190, 207,
330.
לענסקי (יוליאַן לעשטשינסקי) — 47,
143, 155, 183, 196, 206, 208,
230, 239, 256, 304, 321, 331.

מ

מאַיסקי (צימערמאַן) — 82, 83.
מאַכנאָ — 95.
מאָלאָטאָוו — 155, 257, 258, 261.
מאָלאָקאָוו — 77, 78.
מאַלינאָווסקי — 336.
מאַנדעל מאַרעק ד״ר — 201.
מאַנואילסקי (מאַנקאָווסקי) — 47,
134, 150, 151, 155, 182, 190,
193, 204, 227, 229, 230, 238,
257.
מאָסלאָוו — 126, 134, 143, 152,
181, 192, 193, 195.
מאַקסימאָוויטש — 209, 210, 333.
מאַראַטשעווסקי — 28, 29, 34, 35,
37, 38.
מאַרגוליעס אַלעקסאַנדער ד״ר —
295.
מאַרכלעווסקי י. (קאַרסקי) — 22,
31, 40, 47.
מאַרקס — 48, 74, 192, 335.
מאַשציצקי פּראָפעסאָר — 205.
מיאַסניקאָוו — 71, 72.
מיאַטלאַ — 333.
מייזנער — 344, 345.
מיכראָווסקי מענדל (מיראָן) — 163.
מילוטין — 155.
מינץ רחל — 237.
מינצבערג ווילי — 190.
מערינג פראַנץ — 22.

נ

נאַדעזשדא (טראַצקי) — 350, 354.
נויראַט אָלאָיז — 341.
ניימאַן יחיאל — 82, 83, 116, 356.
ניקאָלאַיעווסקי — 352.

ס

סאָכאַצקי י. — 55, 82, 99, 198,
206, 261, 335-337.
סאַלוס דזשאַני — 340.
סאַלוס הוגאָ — 339.
סאַלוס וואָלף — 339, 340, 342,
343.
סאַנגושקאַ (יאַבלאָנאָווסקאַ) — 99.
סאָקאָליק (קנאָרין) — 259.
סאָרעל — 143.
סטאַלין — 111, 132, 135, 154,
156, 159-161, 163, 172, 179,
205, 211, 218, 221, 229, 257,
258, 288, 292, 314, 316, 318,
320, 330, 353, 355.
סטאַמבולינסקי — 128.
סטאַנדע — 85.
סטעפּאַנסקי (דאַניעלוק) — 259,
290.
סינגאַלאָווסקי א. ד״ר — 63.
סירצאָוו — 288.
סלאָווינסקי — 77, 304.
סלושני — 83.
סמעראל — 228, 230.
סעוואַ — 350, 354.
סעוועַר-פּרוכניאַק — 196, 260.
סעמפּעלאָווסקאַ סטעפאַניאַ — 100.
סערגיי (טראַצקי) — 350.
סקולסקי (מאַרטענס) — 149, 155,
156, 159, 183, 195.

סקריפּניק מיקאַלאַי — 155, 208־211, 230, 231, 333.

ע

עדזשע — 120.
ענגעלס — 192.
ערליך הענריק — 251־253.
ערליך (לעאָן) — 315, 337.
ערליך שלמה — 314, 337.
ערקאָלי (טאָגליאַטי) — 315, 337.

פֿ

פֿאָש מאַרשאַל — 107.
פֿורמאַן לעאָן — 183, 193, 261.
פֿידלער (דזשעק, טרוסקער) — 88, 98, 99, 142, 206, 208, 239, 256.
פֿידערקעוויטש — 198, 205.
פֿישער רוט — 48, 134, 143, 152, 155, 181, 192, 193, 195.
פֿלוג אַבא — 82, 83, 287.
פֿראַנק — 348.
פֿראַנקאָווסקי גענעראַל — 290.
פֿראַנקל — 341.

פּ

פּאַגאַזשעלסקי — 251־253, 327.
פּאַדוואַיסקי — 155.
פּאַדובני — 238.
פּאַדערעווסקי איגנאַצי — 35.
פּאַולוס הייליקער — 143.
פּאַזנאַנסקי י. ק. — 344.
פּאַטעק סטאַניסלאַוו — 100.
פּאָפּאָוו (לאָוויצקי) — 238.
פּאָפּאָווסקי יוסף (ראָמאַן) — 356.
פּאַשין — 208.
פּיאַטניצקי — 150, 152, 153, 155, 230.
פּיאָטראָווסקי — 157, 158.
פּייפער — 230.
פּילסודסקי מאַרשאַל — 16, 17, 28, 29, 35, 47, 49, 90, 183, 199, 200, 203־205, 207, 210, 231, 243, 253, 259, 260, 268, 279, 280, 286, 297, 300, 323, 324.
פּיק ווילהעלם — 190.
פּעטלורע — 47.
פּעטערס ניקאַליי — 95.
פּרוכניאַק (סעווער) — 47, 160, 196, 228, 230, 260, 290, 291.
פּרושינסקי — 99.
פּרענדקי אַדאַם — 143.

צ

צאַנקאָוו — 128.
צעכנאָווסקי — 181.

ק

קאַגאַנאָוויטש לאַזאַר — 190, 209, 239, 257.
קאָווענסקי — 179.
קאָלאָנטיי — 71.
קאַמינאַדזע — 288.
קאַמעניעוו — 111, 257.
קאַן אַשר — 302.
קאַן פעליקס — 47, 228.
קאַן פּיאָטר — 251.
קאַנפער אַלעק — 339.
קאָסטזשעוואַ „ווערא" (מאַריאַ קאַ־שוטסקאַ) — 85, 86, 90־92, 97, 102, 110, 132, 133, 149, 154, 156, 158, 160, 161, 183, 196, 206, 225, 239, 256־260, 284, 290־292, 316, 322.
קאָסטעק־ביערנאַצקי — 279.
קאַפּוקאַס־מיצקעוויטש — 155.

קאַץ — 134, 193.
קאַראַלאָוו — 128.
קאַראַלסקי שכנא — 24, 294.
קאַרטשיק פּאַוולאַ — 196.
קאַרפּאַנטי — 90.
קאַשען מאַרסעל — 122.
קויגאַן (יאַנאָוו) — 63.
קוזינעץ — 227, 229, 238.
קויטסקי קאַרל — 22, 24.
קויפמאַן יאַשקע — 356.
קון בעלאַ — 42, 44.
קוניצקי — 25.
קיסין — 344.
קאַרין (סאַקאַלניק) — 238, 285.
קניעווסקי — 181.
קעניג אהרן הענעך — 149.
קעניג דבורה — 149.
קערענסקי — 20, 21.
קראַטאַשינסקי אברהם — 349.
קראַיעווסקי (שטיין) — 290.
קראַפּאַטקין — 68.
קרוליקאָווסקי — 110, 290.
קרופּאַ — 99.
קריוויצקי — 353.
קריכאָווסקי פּראַקוראַר — 139.
קרעסטינסקי ניקאָלאַי — 187, 189.

ר

ראַדעק — 22, 75, 88, 93, 14, 133, 152, 163, 225.
ראָזנבוים סוזאַנע — 346.
ראָזנבערג — 193.
ראָזנפעלד אסתר — 356.
ראָזנפעלד יידל — 356.
ראַטשטאַט־קראַסני — 22, 24.
ראַיאַ — 230.
ראַלאַנד — 173־175.
ראַפּעס מ. — 79.
ראַפּאַפּאָרט שאַרל — 352.
ראַק־מיכאַלאָווסקי — 333.
רודי אברהם — 356.
רוטקאָווסקי — 181.
ריאַזאַנאָוו — 74.
ריבאַצקי ש. — 97.
רייכמאַן — 148.
רייס י. — 353.
רילקע — 340.
ריקאָוו — 229, 257.
רעדלער (אַרטור) — 315, 337.
רעמעלע — 190, 227, 230, 223.

ש

שאַלעם — 134, 193.
שוואַרץ סאַלאָמאָן — 352.
שומסקי — 155, 209־212, 230, 231, 333.
שטאַקפּיש הערש־מענדל — 313, 373.
שטיין (קראַיעווסקי) וולאַדיסלאַוו — 85, 97, 100, 157, 290.
שייבלער — 302, 317.
שייקאָווסקי ז. — 356.
שיקאָרסקי גענעראַל — 183.
שמיראַווסקי אַדוואָקאַט — 251.
שפּיצבערג אהרן — 298, 299, 325־327, 345.
שראַגער פּ. (אַסטרינסקי) — 356.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג-לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) **מאַרק טורקאָוו** — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) **ה. ד. נאָמבערג** — י. ל. פרץ (אויספאַרקויפט)
3) **וו. גראָסמאַן־וויערניק** — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) **פרץ גראַנאַטשטיין** — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) **ישראל טאַבאַקסבלאַט** — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) **זרובבל** — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) **אלחנן צייטלין** — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) **ד"ר ח. שאָשקעס** — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) **ז. סעגאַלאָוויטש** — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) **מ. נודעלמאַן** — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) **ד"ר מאיר באַלאַבאַן** — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) **ישראל אפרת** — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) **ד"ר יעקב שאַצקי** — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) **דוד פלינקער** — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) **ד"ר הלל זיידמאַן** — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) **זאַמלונג פון דאָקומענטן** — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) **חיים גראַדע** — פּליטים (לידער) (אויספאַרקויפט)
18) **ש. קאַטשערגינסקי** — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) **פרידע זרובבל** — נע ונד (פאַרצייכענונגען פון אַ פּליטה)
20) **מרדכי שטריגלער** — מאַידאַנעק
21) **יעקב לעשצינסקי** — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) **ז. סעגאַלאָוויטש** — געברענטע טריט
23) **אברהם טייטלבוים** — וואַרשעווער הייף
24) **טאַניאַ פוקס** — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) **ש. ל. שניידערמאַן** — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) **לעאָ פינקלשטיין** — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) **יאָנאַס טורקאָוו** — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) **ש. איזבאַן** — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) **יעקב פּאַט** — הענעך
30) **ד"ר י. קערמיש** — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאַליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (פּאָעמע) **(אויספאַרקויפט)**
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט **(לידער)**
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק **(אויספאַרקויפט)**
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער **(אויספאַרקויפט)**
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב **(אויספאַרקויפט)**
45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... **(אויספאַרקויפט)**
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער **(לידער)**
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ **(אויספאַרקויפט)**
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן **(זכרונות)**
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען **(אויספאַרקויפט)**
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאַנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן **(אויספאַרקויפט)**
54) **יצחק פערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" **(ראָמאַן)**
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש** — פּעטערבורג־וואַרשע־מאָסקווע
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם **(ראָמאַן)**
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע"
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)
66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן **(זכרונות)**
69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה **(אויספאַרקויפט)**
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... **(אויספאַרקויפט)**
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע **(אויספאַרקויפט)**
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען (**אויספארקויפט**)

(פרעמירט דורכן ליטעראטור־פאנד אין סאן פאולא, בראזיל, 1952)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאנד

75) **זיגמונט טורקאוו** — פראגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פערלע** — יידן פון א גאנץ יאר

(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן און ליטעראטור־פרעמיע פון „בונד" אין פוילן, ווארשע 1937)

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשארני** — ווילנע

79) **ז. סעגאלאוויטש** — דער לעצטער לאדזשער ראמאן

80) **יזכר־בוך** — בעלכאטאוו (**אויספארקויפט**)

81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף א פולער וואך

82—83) **יצחק פערלאוו** — דער צוריקגעקומענער (**ראמאן**)

84) **יוסף אקרוטני** — דאס בוך פון די עלנטע

85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות

87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאליציע — מיין אלטע היים

88) **זלמן שזר** — שטערן פארטאג

89) **משה דוד גיסער** — דאס געזאנג פון א לעבן (**אויספארקויפט**)

90) **ז. י. אנכי** — ר' אבא און אנדערע כתבים

91—92) **ד״ר עמנואל רינגעלבלום** — קאפיטלען געשיכטע

93) **שמעון הארנטשיק** — אין גערויש פון מאשינען (**ראמאן**)

94) **גרשם באדער** — מיינע זכרונות (**קראקע**)

95—96) **יאנאס טורקאוו** — פארלאשענע שטערן

97—98) **אלטער קאציזנע** — שטארקע און שוואכע (**ראמאן**)

99) **פועה ראקאווסקי** — זכרונות פון א יידישער רעוואלוציאנערן

100) **מארק טורקאוו** — די לעצטע פון א גרויסן דור

101) **י. הירשהויט** — יידישע נאפט־מאגנאטן

102) **משה זאנשיין** — יידיש ווארשע

103) **פ. מינץ** — די געשיכטע פון א פאלשער אילוזיע

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (**ראמאן**)

105—106—107) **מיכאל בארוויטש** — ארישע פאפירן

108—109) **מרדכי שטריגלער** — געארעמט מיטן ווינט (**היסטארישער ראמאן**)

110) **ד״ר א. מוקדוני** — אין ווארשע און אין לאדזש (**מיינע באגעגענישן**)

עס גרייט זיך צום דרוק:

ברוך האגער — מלכות חסידות

ב. שעפנער — נאוואליפיע 7 (**זכרונות**)

פנחס שטיינוואקס — יידן צום גדענקען

ש. בערלינסקי — ירושה

מאקס וויינרייך — פון ביידע זייטן פלויט

פּרעסע־אָפּרופן וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

אברהם זאַק שרייבט אין זיין אַרטיקל „דער וואַקסנדיקער מאָנומענט" — צום דערשיינען פון די 100 בענד — („די אידישע צייטונג", בועגאָס־איירעס, 27טער אויגוסט 1954):

יעדעס פאָלק אין דער וועלט פאַרמאָגט זיינע מאָנומענטן. מאָנומענטן פון שטיין און פון בראָנז, אויף די שענסטע פּלעצער פון רעזידענצן.

פאַראַן אָבער פאַרשידענע פאָרמען פון דענקמעלער. אַלע האָבן איין ציל: אַריינגיין אין זכרון פון פאָלק, בלייבן ווי אַ מעמענטאָ אין פאָלקס אייביקייט, אין זיינע ווייטע דורות.

נאָכן לעצטן און גרעסטן יידישן חורבן אין אונדזערע טעג איז אין די יידישע ישובים אין דער וועלט אויפגעקומען די אידייע — און דער אייגעוויינטלעכסטער דראַנג — צו פאַראייביקן דורך אַ מאָנומענט דאָס פאַרשניטענע פּוילישע יידנטום. פאַראייביקן די זעקס מיליאָן קדושים און פאַראייביקן אויך די יידישע העראָאיק — דעם העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

די ערשטע איניציאַטיוו איז געקומען ביי די ווינציקע רעשטלעך, ביים שארית הפליטה אויף דער פּוילישער ערד. אויף דער ערד, וואָס איז נאָך געווען פריש דורכגעזאַפּט מיט יידיש בלוט און פאַרוויעט מיטן אַש פון די קרעמאַטאָריע־אויוונס...

עס איז נאָך דאַן געווען אַן אַנדער צייט אין פּוילן. אַנדערע יאָרן. די יאָרן ערשט נאָכן בלוטיקן שניט. יידן זענען נאָך דאָרט געזעסן ביי איין טיש. „בורג־פרידען"... געווען נאָך אַ רעלאַטיוו־פרייע עפנטלעכע מיינונג. געווען נאָך פּאַרטייען, אַ פאַרצווייגטע פּרעסע פון אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען. די פלענער פונעם גרויסן מזרח־שכן זענען נאָך נישט געווען אַרויסגערוקט אויף דער אויבערפלאַך... נאָך נישט געקומען דער „פּריקאַז" פונעם מעכטיקן „באַלעבאָס": „ליקווידאַציע"...

נו, זענען יידן — פון די אַלע ריכטונגען — און שאַטירונגען — געזעסן ביים געמיינזאַמען טיש און אַלע ווי איינער האָבן באַשלאָסן: אַ דענקמאָל! שטעלן אַ מאָנומענט אין האַרץ פון וואַרשעווער געטאָ, צווישן דעם ים צעשאָטענע ציגל...

זענען אַרויסגעפאָרן שליחים פון וואַרשע איבער דער ברייטער יידישער וועלט. שליחים — אויך פון אַלע פּאַרטייען און ריכטונגען: פון ציוניסטן ביז „פּ. פּ. ר.", די לאַנדס־פּאַרטיי. האָבן נאָך דעמאָלט די „פּ. פּ. ר." געוווסט און נישט פאַרלייקנט וו ע ר דעם אויפשטאַנד אין געטאָ

האָבן געמאַכט. זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז זייער אָנטייל, דער קאָמוניסטישער, איז גראָד געווען דער קלענסטער אין פאַרגלייך מיטן אָנטייל פון די אַנדערע אויפשטענדלער פון די אַלע אַנדערע יידישע גרופּירונגען. זענען די שליחים געקומען צו יידן אין דער וועלט — אויך דער אַרגענטינער יידישער ישוב, ווי איר געדענקט, איז נישט אויסגעמיטן געוואָרן. איז געזען אין פּאַריז דער יידישער סקולפּטאָר ראַפּאַפּאָרט — שפּעטער אויך דער שעפער פונעם דענקמאָל אין יד־מרדכי פאַר די גיבורי־ישראל — און דער מאָנומענט איז געשאַפן געוואָרן. אַ מאָנומענט פון אַ ל ע יידן פאַר אַ ל ע העלדן פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

צו דער גרויסער פייערלעכקייט פון 19טן אַפּריל 1948 זענען טאַקע געקומען דעלעגאַטן פון אַלע יידישע תפוצות. סיי דער צערעמאָניאַל פון דער אַנטהילונג פונעם דענקמאָל, סיי די גרויסע געטאָ־אַקאַדעמיע אין קינאָ „ראָמאַ“ זענען אַדורכגעגאַנגען העכסט אימפּאָזאַנט, ביז גאָר פייערלעך. כ׳דערמאָן זיך דאָס בילד פון דער אַנטהילונג: אַ צען טויזנט קעפּיקער עולם איז געשטאַנען אַרום דענקמאָל. דער דאָזיקער פּלאַץ האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ קליין אָפּגערייניקט אינדזעלע צווישן אַ ים ציגל און גרוז... **האַרט ביים דענקמאָל האָבן** געברענט נשמה־פייערן... רירנדיקע רעדעס פון פּראָמינענטע מלוכה־לייט און פון יידישן געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו. מ׳האָט אויך פאַרנומען די פּאַטעטישע שטים פון פעלד־ראַבינער (הרב ד״ר כהנה). געווען אפילו אַ ליטורגישער טייל. אַ חזן האָט געמאַכט „אל מלא רחמים“...

איך אין פלוג האָט זיך דעמאָלט געטראַכט: יאָ, אָט דאָס איז דער דענקמאָל פאַר די מיליאָנען פאַרשניטענע יידישע לעבנס און פאַר דער יידישער העראָאיק!

אָבער איצט ווייסן שוין אַלע, אַז דער אייגנטלעכער זין, דער תוך פונעם וואַרשעווער דענקמאָל, וואָס האָט געזאָלט בלייבן פאַר לאַנגע דורות, איז אין משך פון בלויז אַ פּאָר יאָר לחלוטין אויסגערונען געוואָרן. דעם יידישן דענקמאָל אין האַרץ פון וואַרשעווער געטאָ האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ דענקמאָל נאָך די געפאַלענע העלדן־קאָמוניסטן קעגן פאַשיזם... דאָס אַלץ!

האָט דאָס יידישע געוויסן אין דער וועלט ווייטער נישט גערוט: עס מוז געשאַפן ווערן אַן עכטער, אַן אמתער י י ד י ש ע ר מאָנומענט!

איז אין פאַריז געקומען אַן איניציאַטיוו פון דאָרטיקן דאָקומענטאַציע־צענטער — פון זיין אָנפירער שניאורסאָן. דאָרט פאַרמעסט מען זיך אויפשטעלן אַ מין מאַוזאָלעאום, אַ „קבר פון אומבאַקאַנטן יידישן מאַרטירער“. די פאַריזער מוניציפּאַליטעט האָט פאַרן דאָזיקן מאַוזאָלעאום אָפּגעגעבן אַ בכבודיקן פּלאַץ, טאַקע הינטערן „האָטעל דע וויל“. דער פראַנצויזישער מלוכה־פּרעזידענט פּאַטראָניזירט די דאָזיקע אַקציע, די ברייטע וועלט — אויך מדינת ישראל — האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן אויפן דאָזיקן פּלאַן. און מסתמא וועט

דאָרטן געשאַפן ווערן אַ דענקמאָל. אָבער נאָך אַלץ אַ דענקמאָל און נישט ד' ע ר דענקמאָל.

גאָר אַ גרויסן פּאַרמעסט אין דער ריכטונג מאַכט לעצטנס ישראל. איך מיין דעם „יד ושם". דער „יד ושם" האָט שוין געלייגט דעם פונדאַמענט פון אַ היסטאָרישן געדענק־הויז, פון אַ מוזיי, ווו עס וועט קאָנצענטרירט און אַרכיווירט ווערן אַלצדינג וואָס האָט אַ שייכות צום יידישן אומקום בימי היטלער י"ש. דאָרטן וועלן אויך געזאַמלט און פאַרשריבן ווערן די נעמען פון אַלע קדושים וטהורים.

אַחוץ דעם ווערט דורכן זעלבן „יד ושם" געפּלאַנצט דער „יער הקדושים" אין די הרי יהודה, אין די בערג אַרום ירושלים. דער פּלאַן איז צו פּלאַנצן דאָרט אַ וואַלד פון זעקס מיליאָן ביימער, סימבאָליש: יעדער בוים — אַ נשמה... אַ נשמה פון אַ קדוש...

פּאַראַלעל מיט די אַלע דענקמעלער ווערט געשאַפן נאָך אַ דענקמאָל — אַ דענקמאָל טאַקע ביי אונדז אין בוענאָס־איירעס נאָכן אומגעבראַכטן יידישן פאָלק אין מדינת פּוילן.

איך מיין די 100 דערשינענע ביכער פון פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום"!

די דאָזיקע ביכער־פּיראַמידע איז אַ ווירדיקער דענקמאָל, וואָס איז צום נאָענטסטן און צום פּאַסיקסטן פאַרן „עם הספר". אַפילו די שטאַרקסטע שטיינערנע מאָנומענטן פון אַלטע פעלקער זענען אָפּגעווישט געוואָרן דורך די שטורעמס פון צייט. אָבער אומפאַרגענגלעך זענען די פאַרשריבענע מגילות, וואָס גייען איבער פון דור צו דור. דאָס יידישע פאָלק איז מיטן ספר דורכגעגאַנגען אַלע גלותן, אַלע סכנות און קאַטאַקליזמען, און נאָר דורכן ספר זענען מיר דערגאַנגען צום „נצח ישראל"...

זאָל דאָ געזאָגט ווערן:

די ביכער־פּיראַמידע פון פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום" איז נישט באַשאַפן געוואָרן דורך קיין ברייטע פאָלקס־אַקציעס, דורך „קאַמפּיינען", קיין שליחים אין דער וועלט — ווי פאַרן וואַרשעווער דענקמאָל — זענען אויך נישט געשיקט געוואָרן. עס איז אַ פּראָדוקט פון אַ פּריוואַטער איניציאַטיוו, אַן איניציאַטיוו פון יחידים — פונעם שרייבער מאַרק טורקאָוו, דעם רעדאַקטאָר פון פאַרלאַג, און דעם קולטור־עסקן אברהם מיטעלבערג — ביים היגן פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן. אָט די ביידע קולטור־עקשנים האָבן אַליין אויסגעטראָגן דעם פאַרלאַג אויף זייערע פּלייצעס פון ערשטן טאָג אָן. צוגעגאַנגען באַשיידן, אַליין נישט חלומענדיק און נישט גלויבנדיק אין וואַקסנדיקן ריזיקן פאַרנעם, ביז צום היינטיקן יום־טוב פון 100 ביכער!

די דאָזיקע צוויי קולטור־עסקנים און עקשנים האָבן כשר פאַרדינט די הייסע ברכה פון דער גאַנצער יידישער קולטור־וועלט.

***

וואָס אייגנטלעך שטעלן מיט זיך פאָר די הונדערט דערשינענע ווערק?

מיר קוקן אין קאַטאַלאָג, בלעטערן די ביכער גופא, קלאַסיפיצירן און רעזומירן:

די ביכער מיט דירעקטער חורבן־
טעמאַטיק פאַרנעמען דעם אויבן־אָן;
טייל טראָגן אַ מעמואַרן און דאָקו־
מענטאַרן כאַראַקטער, טייל האַלב און
גאַנץ־בעלעטריסטישע. צו דער דאָזי־
קער קאַטעגאָריע געהערן אין דער ער־
שטער ריי די וואָגיקע ביכער פונעם
יונגן ניצול געוואָרענעם באַגאַבטן
שרייבער מ ר ד כ י ש ט ר י ג־
ל ע ר. שטריגלערס „מאַידאַנעק",
„די פאַבריקן פון טויט", „ווערק צ."
— דאָס זענען דער גרויליקסטער
שפּיגל, וועלכער ווייזט אונדז די יידי־
שע טראַגעדיע פון אינעווייניק, פון
דער טיפסטער פּיין, ממעמקים, גלייכ־
צייטיק ווען די דאָזיקע טראַגישע
דאָקומענטן בלייבן ווי אַן אייביקער
„זש'אַקיוז", ווי אַ פינצטערער פלעק
אויפן געוויסן פון דייטשלאַנד!

דעם גרויל פון געטאָ פאַרפיקסירן
פאַר אונדזער מאַרטירער־געשיכטע
די ביכער פון ד"ר הלל זיידמאַן
(„טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ"),
יאָנאַס טורקאָווס 4 ביכער: „אַזוי איז
עס געווען", דער „קאַמף פאַרן לעבן"
און דיביידע בענדער „פאַרלאָשענע
שטערן". אין די דאָזיקע פיר ביכער
זעען מיר דאָס ראַנגלען זיך און דעם
אומקום פון הונדערטער, הונדערטער
יידישע קינסטלער: שרייבער, מאָ־
לער, אַקטיאָרן. בלי גוזמא קאָן מען
דעריבער זאָגן, אַז די ביכער פון יאָ־
נאַס טורקאָוו — אגב איצט אונדזער
ליבער גאַסט — זענען אַ קליינע ענ־
ציקלאָפעדיע פון יידישן אומקום...

צו דער קאַטעגאָריע ביכער מיט
חורבן־טעמאַטיק געהערן אויך „מלכה
אָוושיאַני דערציילט" פון מאַרק טור־
קאָוו (אגב דאָס ערשטע בוך פון פאַר־
לאַג — אַ מזלדיקער אָנהויב), דאַן
קומען גראָסמאַן־וויערניקס „טרע־
בלינקע", י. טאַבאַקבלאַטס „חורבן
לאָדזש", טאַניע פוקס „אַ וואַנדערונג
איבער אָקופּירטע געביטן", ד"ר י.
קערמישס „דער אויפשטאַנד אין
וואַרשעווער געטאָ", ד"ר פיליפּ פריד־
מאַנס „אָשוויענטשים", י. הירש־
הויטס „פינצטערע נעכט אין פאַ־
וויאַק", יהודה עלבערגס „אונטער
קופּערנע הימלען", שמערקע קאַ־
טשערגינסקיס „פּאַרטיזאַנער גייען"
און נאָך, און נאָך.

עס קומען דאַן צענדליקער וואָגי־
קע ביכער מיט חורבן־טעמאַטיק, אין
פּראָזע און ליד, פון שרייבער ניצול
געוואָרענע ערגיץ אַנדערש: ז. סעגאַ־
לאָוויטש, חיים גראַדע, לעאָ פינקל־
שטיין, רחל קאָרן, יעקב פאַט,
זרובבל, ש. ל. שניידערמאַן, ד"ר ח.
שאָשקעס, יצחק פערלאָוו און אַנד.

עס גלאַנצט אַרויס פון דער ביכער־
פּיראַמידע אַ גאַנצע ריי איבערגע־
דרוקטע ווערק, וועלכע זענען שוין
פון לאַנג פאַרשוונדן פון יידישן ביי־
כער־מאַרק, אָדער אַזעלכע אַרבעטן,
וואָס זענען אַמאָל געדרוקט געוואָרן
אין צעוואָרפענע טיילן — אין צייַ־
טונגען און זשורנאַלן — און איצט
זענען זיי געזאַמלט געוואָרן און גע־
בראַכט געוואָרן צווישן טאָוולען פון
אַ בוך. דאָס איז אין ערשטער ריי
דאָס גרויסע, וואָגיקע בוך „קאַפּיט־
לען געשיכטע" — אַ זאַמלונג היס־
טאָרישע עסייען פון דעם יונגן היס־
טאָריקער, דעם קדוש פון וואַרשע־

ווער געטאָ ד״ר עמנואל רינגעלבלום. אַרויסגעבנדיק דאָס דאָזיקע בוך האָט דער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום״ געטאָן אַ דאָפּלטע עובדה: ערשטנס האָט ער פאַראייביקט איינע פון אונדזערע שענסטע געשטאַלטן פון דער ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע; שנית, איז רינגעלבלומס בוך פון גרויסן היסטאָרישן ווערט.

אין דער דאָזיקער סעריע ביכער קומען ווייטער: „אין אַ ליטעראַרישער שטוב״ פון קדוש אלחנן צייטלין; „די ייִדן־שטאָט לובלין״ פון קדוש פּראָפ׳ מאיר באַלאַבאַן; „משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך״ פון קדוש ד״ר יאַנוש קאָרטשאַק; „שטאַרקע און שוואַכע״ פון קדוש אלטער קאַציזנע; „מיין היים״ פון קדוש יחיאל לערער; „איבער די חורבות פון פּלוינע״ פון קדוש מיכאל בורשטין; „ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר״ פון קדוש יהושע פּערלע; „אין רויש פון מאַשינען״ פון קדוש שמעון האָראָנטשיק; „100 פאָלקסלידער״ פון קדוש מנחם קיפּניס און אַנדערע.

עס קומט דאַן אַ סעריע ווערטפולע ביכער פון נחום סאָקאָלאָוו, זלמן שזר, שלום אַש, ד״ר א. מוקדוני, יעקב לעשטשינסקי, ד״ר יעקב שאַצקי, זיגמונט טורקאָוו, יואל מאַסטבוים, נחמן מייזעל, גרשום באדער, א. אלמי, ש. איזבאַן, יוסף אָקרוטני, דוד פלינקער, דניאל טשארני, משה דוד גיסער, מ. י. שעליובסקי, ז. י. אַנוכי, מנשה אונגער און פיל אַנדערע.

די הונדערט ביכער ווערן אָפּגעשלאָסן מיט מאַרק טורקאָווס „די לעצטע פון אַ גרויסן דור״, אַ גרויס בוך, וואָס האָט אויך אַ שייכות על־פּי־רוב צו די יאָרן פון ייִדישן אומקום. דאָס איז אַ ציקל מאָנאָגראַפיעס פון באַרימטע ייִדישע פאַמיליעס אין פּוילן. דער מחבר גיט די געשיכטע פון זייער אויפקום און פון זייער ירידה. ער שלאָגט דערביי אָן אין רירנדיקע מענטשלעכע טענער. מאַרק טורקאָוו האָט געשעפּט זיינע מאַטעריאַלן פון זיינע זכרונות און ברייטע פּערזענלעכע פאַרבינדונגען ביי פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אַקטואַציעס אין פּוילן. ער האָט זיך אויך באַנוצט מיט היסטאָרישע קוועלן. דערפאַר איז דאָס דאָזיקע בוך אויך אַ גלענצנדיקער מאַטעריאַל פאַרן קומענדיקן היסטאָריקער, וואָס וועט זיך פאַרנעמען מיט דער לעצטער ייִדישער תקופה אין פּוילן.

אין די דאָזיקע ראַמען קאָן איך, פאַרשטייט זיך, זיך נישט אָפּשטעלן אויף אַלע ביכער. איך מוז נאָר יוצא זיין מיט אַ קורצער דערמאָנונג. די אַלע הונדערט ביכער צוזאַמענגענומען — דאָס איז דער שפּיגל און דער אָפּשיין פון אַ פאָלק. דאָס זענען תקופות פּוילן, אָנהייבנדיק מיט הונדערטער יאָרן צוריק ביז העט ווייט, ביז אונדזערע טעג פון חורבן און אומקום אין לאַנד פון דער ווייסל.

מיר זעען אין די הונדערט ביכער דאָס ייִדישע לעבן אין אַלע זיינע געביטן, אין אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען און אַספּעקטן. מיר זעען עס ווי אין אַ שפּיגל סיי אין די געשיכטלעכע ווערק, סיי אין די מעמואַרן, סיי אין קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש, סיי

אויך אין דער בעלעטריסטיק — אין פּראָזע און אין ליד — פון אונדזערע בעסטע פּראָזאַאיקער און דיכטער.

דער דאָזיקער אויפטו פון פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום" — אַן אויפטו פון גרויסן נאַציאָנאַלן באַדייט! — מוז נאָך ערשט אָפּגעשאַצט ווערן. נישט בלויז מיט אַן איינצל־פייערונג אין אַ טעאַטער, נישט בלויז מיט עטלעכע רעדעס און אַ פּאָר צייטונגס־אַרטיקלען דאַרף מען עס פאַרבייגיין. עס מוזן נאָך קומען — און עס וועלן זיכער קומען — מער אויספירלעכע אָפּשאַצונגען פון אונדזערע וואָגיקסטע וואָרטזאָגער אין דער ליטעראַטור. אַזעלכע דערהויבענע דערשיינונגען טרעפן נישט אָפט אין יידישן לעבן.

דער עיקר דאַרף זיך אויך אָפּרופן די יידישע געזעלשאַפט, יעדער ייד. גראָד זענען די הונדערט ביכער אַזאַ מאָנומענט, וואָס יעדער ייד קאָן אים האָבן ביי זיך אין שטוב...

מיר פון אונדזער זייט גיבן דעם פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום" און זיין אָנפירונג — מאַרק טורקאָוון און אברהם מיטעלבערגן — די האַרציקסטע ברכה: זאָל דער מאָנומענט וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן בויען, קיינמאָל נישט פאַרענדיקט ווערן. זאָלן אויף די ערשטע הונדערט ביכער זיך צורעמען די ווייטערדיקע הונדערטער ביכער.

ווייל דער דערפאָלג פון דאָזיקן פאַרלאַג — איז אויך אונדזער אַלעמענס דערפאָלג!

פנחס ביזבערג שרייבט צום יום־טוב פון דערשיינען הונדערט בענד פון דער ביכער־סעריע אין אַן אַרטיקל א״נ „אַ ברכה די, וואָס האָבן געטראָגן דעם שווערן עול" („דאָס יידישע וואָרט", סאַנטיאַגאָ דע טשילע, 17טער אויגוסט 1954):

בראשית. אין אַ פּריוואַטער שטוב אָדער ביי אַ טישל פון אַ בוענאָס איירעסער קאַפע, אין דער יידישער געגנט, האָבן זיך באַגעגנט צוויי פאַרחלומטע האַרציקע יידיש־יידישע מענטשן, מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטלבערג, ביידע ענטוזיאַסטן פון יידישער קולטור, פון יידישן ספר און ביך. איינער, פון דער וואונדערלעכער, דינאַמישער און שעפערישער טורקאָוו־משפחה, תמיד מיט אַ קינסטלעריש התלהבות־פייערל אין די וואַרעמע אויגן; דער צווייטער — אַ ליבער, נוח־לבריותדיקער, איידעלער, ערלעכער יידישער אינטעליגענט, וואָס נאָר יידיש־פוילן איז בכוח געווען אַזעלכן אַרויסצוגעבן.

פון דאָזיקן אָן רעשדיקן צונויפקום איז געבוירן געוואָרן דער וועלט־באַרימטער פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום", וואָס פייערט איצט דאָס דערשיינען פון זיין הונדערטסטן בוך.

דאָס האָבן באַוויזן די צוויי יחידים, און דאָס איז צוצושרייבן אינגאַנצן זייער פעאיקייט און ליבשאַפט צום יידישן וואָרט, צו זייער שעפער, און דאָס הייליקע פייער אין זייערע נשמות, אויפצושטעלן אַ ווירדיקן מאָ־

גומענט דעם פאַרשניטענעם פּוילישן יידנטום. דאָס האָבן באַוויזן — מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטלבערג צו טראָגן דעם שווערן עול פון אַרויסלאָזן אויפן מאַרק 100 יידישע ביכער, זיי דרוקן אין אַ ביז־איצט אומדערהערטער צאָל עקזעמפּלאַרן, מיט אַן אומפאַרגלייכלעכן הידור, וואָס האָט דערפרייט דאָס האַרץ פון יעדן ליבהאָבער פון יידישן בוך.

זיי אַליין האָבן געטראָגן דעם עול, געזאָרגט פאַר די מיליאָנען פּעזעס הרצאות, רעדאַגירט און אַדמיניסטרירט ביי די גרעסטע שוועריקייטן און ביים צווייפלהאַפטן מאַרק פון אָפּנעמער פון יידישן בוך. איר ווייסט דאָך, מיינע טייערע לייענער און לייענערינס, ווי מען איז זשעדנע נאָך אַ יידישן בוך, וויפל די יוגנט אונדזערע, אונדזער גרויסע האָפענונג, קוקט זיך אום אויפן געדרוקטן וואָרט אין יידיש...

אונדזערע ענטוזיאַסטן האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן, נישט אָפּגעשטעלט דאָס כסדרדיקע אַרויסלאָזן בוך נאָך בוך, הונדערטער עקזעמפּליאַרן אַוועקגעשאָנקען די שרייבער, די ביבליאָטעקן אין די קיבוצים — און דערגרייכט דאָס הונדערטסטע בוך, און, ווי מיר הערן, שפּרייזן זיי אַריין דרייסט אין צווייטן הונדערט.

דער סך־הכל אַ דערפרייענדיקער. הונדערט ביכער פאַרנעמען אייניקע פּאָליצעס פון דער ספרים־שאַפע. זיי שטעלן מיט זיך פאָר די שאַפונגען פון כמעט זיבעציק שרייבער, און צווישן זיי שרייבער מיט נעמען.

דער ציל, וואָס דער פאַרלאַג האָט זיך געשטעלט, איז פולקאָם דערגרייכט געוואָרן. אין ערשטער ריי איז דאָקומענטירט געוואָרן אין אַ פולער פאָרם די יידישע מאַרטיראָלאָגיע אויף פוילישער ערד; עס זענען געשילדערט געוואָרן אין באַזונדערע ווערק אין אַלע ליטעראַטור־זשאַנערן די יידישע פּיינען, די לאַגערן, די פאַרלענדונגס־פּלעצער, די מעטאָדן פון די פּייניקער, ימח שמם, צענדליקער ביכער פון גרויסן היסטאָרישן ווערט באַשרייבן פּרטימדיק די געטאָס, די וואַנדערונגען, די גבורה פון די אויפשטאַנדן, די עפּאָכע פון אויפקום און די שאַנד פון דער נאַציסטישער מגפה. טרעבלינקע, מיידאַנעק, אָשוויענטשים, די קינדער־מאַרטיראָלאָגיע, וועלן איינגעקריצט ווערן לעולם ועד אין זכרון פון אונדזער פאָלק.

עס האָט דאָמינירט אַ גרונט־אידעע ביי די אַרויסגעבער פון די הונדערט ביכער: אַ מאָנומענט פאַראייביקט נישט בלויז דעם סוף פון אַ יחיד אָדער אַ קאָלעקטיוויטעט, דערפאַר קאָן מען זיך נישט באַגנוגענען אין די ביכער פאָרשטעלן בלויז דעם אומקום, נאָר מען דאַרף ווייזן דער וועלט און אונדז אַליין, ווער זענען געווען די אומגעקומענע. איבער טויזנט יאָר האָבן יידן געלעבט אין מדינת־פּוילן, געלעבט ווי אַן אָפּגעזונדערטע עדה, אַריינגעוואַקסן אין דער לאַנדשאַפט, געבויט שטעט, שטעטלעך, געהאָרעוועט, געהאַנדלט, אויפגעשטעלט שילן, בתי־מדרשים, געשאַפן אַן אייגענעם נוסח, אַן אייגענעם לעבנסשטייגער, אַן אייגן געזאַנג, אויסגעהאַמערט אַן אייגנאַרטיקע קולטור

מיט אַזאַ עשירות אין ניואַנסן, פאָלקס טיפן, לעבנס־ און וועלט־אָנשויאונג.

האָט דערפאַר דער פאַרלאַג פון פוילישן יידנטום צענדליקער ביכער, וואָס זענען מאָנומענטן נאָך דעם פיל פאַרביקן, רייכן לעבנסשטייגער פון יידישן פאָלק אויף פוילישער ערד; דערפאַר האָט דער פאַרלאַג אַריינגענומען אין זיינע אויסגאַבן בעלעטריסטישע ווערק פון שרייבער וואָס פאַראייביקן שטעט און שטעטלעך (וואַרשע, לאָדזש, ווילנע, ביאַליסטאָק א״א), געגנטן (גאַליציע, ליטע, פּאָדאָליע, ווייסרוסלאַנד א״אַ), און גלייכצייטיק הייליקן ביכער דעם זעמל־מעל פון פוילישן יידנטום, די גדולי הדור, די רביים, רבנים, שרייבער, קינסטלער, בינע־קינסטלער (די ספּעציעלע ביכער געווידמעט מאַרטירער שרייבער, וויסנשאַפטלער, פּעדאַגאָגן און אומגעקומענע אַקטיאָרן, ביכער־ווערק פון קדושים און וועגן זיי ווי, למשל: יחיאל לערער, קאַציזנע, בורשטין, יהושע פערלע, עמנואל רינגעלבלום, יאַנוש קאָרטשאַק, מאיר באַלאַבאַן, דאָס בוך וועגן קדוש יצחק קאַצענעלסאָן אאַז״וו).

אין דער ליניע זענען אויך פאַרגעסענע ווערק וועגן קלאַסיקער און קולטור־שאַפער. עס איז אַ גרויסער אויפטו געווען דאָס אַרויסגעבן שלום אַשס טרילאָגיע, אָנוכיס „רב אבא“, קיפּניסעס פאָלקס־לידער־רעפּערטואַר, דינעזאָנס דערציילונגען פאַר קינדער.

גאָר וויכטיק זענען די זכרונות, מעמואַרן, טאָגביכער וועגן פאַרגאַנגענעם לעבן און וועגן דורכגעלעבטן אין די געטאָס. דאָס אַלץ גיט צו גאַנצקייט און שלימות דעם מאָנומענט, וואָס וועט זיין אַן אומגעהויער וויכטיקער מאַטעריאַל פאַר היסטאָריקער, וואָס וועלן בענטשן די צוויי בוענאָס־אייערעסער יידן, מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטלבערג, וואָס האָבן אויף זיך גענומען אַזאַ אחריות און עול צו פאַראייביקן אין שיינע וווּנדערלעכע ביכער דעם הערלעכן שטאַם פון פאָלק ישראל, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין דעם צורדס פאַסטקע, ווו זיי זענען אומגעקומען מיט די שוידערלעכסטע טויטן.

וואָלטן מיר געווען אַ נאָרמאַל פאָלק, מיט אַ נאָרמאַלער יוגנט, וואָס זאָל נישט זיין אָפגעפרעמדט פון דער אייגענער פאָלקס־שפּראַך, — וואָלטן די ביכער פון פאַרלאַג פון פוילישן יידנטום פאַרשפּרייט געוואָרן — יעדעס בוך אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן, און די פייערונג פון די הונדערט ביכער וואָלט גערופן די אויפמערקזאַמקייט פון מאַסן. וואָלטן מיר געווען ווי אַמאָל, דער עם הספר, וואָס היינט קאָנען מיר, צום באַדויערן, נישט טראָגן דעם דאָזיקן ערן־טיטל, וואָלטן די ביכער באַצירט די ספרים־שאַפעס פון יעדער יידישער שטוב.

שיקן מיר, יידן צופוסנס פון די הימל־שפּאַרנדיקע שנייאיקע אַנדן־בערג, אונדזערע וואַרעמסטע גרוסן די צוויי טייערע יידן, מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטלבערג, די בויער און שאַפער פון פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום“ און די לעבעדיקע שרייבער, וואָס האָבן זיך מיט אים משתתף געווען מיט זייערע ביכער, אונדזערע

הארציקסטע ברכות צום הונדערטסטן בוך, וואס שליסט זיך אפ מיט א בוך פון דעם ליבהארציקן רעדאקטאר פון פארלאג, דעם הארציקן חבר און פריינט, מארק טורקאוו.

און איצט מיטן זעלבן אימפעט אין צווייטן הונדערט פון די ביכער.
חזקו ואמצו!

יצחק בארענשטיין שרייבט וועגן מארק טורקאווס „די לעצטע פון א גרויסן דור" („דער נייער מאמענט", סאן פאולא, 10טער סעפטעמבער 1954):

לויטן טיטול איז דאס ווערק — „די לעצטע פון א גרויסן דור" — געשיכטע. ס'וואלט אבער געווען נישט פינקטלעך צו זאגן אז דאס איז בלויז געשיכטע; דער שרייבער און דערציילער מארק טורקאוו, וועלכער ברענגט ארויס פיינע שילדערונגען און אינטערעסאנטע פרטים וועגן לעבן און שאפן פון גרויסע יידישע משפחות אין אמאליקן ווארשע, איז אויך אפטמאל דער פובליציסט און מוכיח, וועלכער פאדערט מוסר־השכל ווי ער מערקט עס אן גלייך אין דער הקדמה:

„עטלעכע פון די געשילדערטע עפיזאדן, א סך פון די דערציילטע פאקטן גיבן, לויט דער באשיידענער מיינונג פון דעם מחבר, א סך, זייער א סך נאכצוטראכטן דווקא פאר די רייכע יידן אין די לענדער פון דעם נייעם קאנטינענט, ווו יידישע משפחה־דינאסטיעס ווערן איצט אויפגעשטעלט. דער מחבר וויל דא נישט געבן קיין ביישפילן, אבער יעדער פארשטענדיקער לייענער וועט אליין, לויט זיין וויסן און געוויסן, קענען ארויסציען א געוויסן מוסר־השכל פון אונדזער היינטיקן יידישן לעבן..."

פון די אכט מאנאגראפיעס, וועלכע זענען פאראן אין בוך, זענען גאנצע זעקס געווידמעט נגידיש־אריסטאקראטישע און אסימילאטארישע משפחה־דינאסטיעס. דאס זענען משפחות וועלכע האבן באהערשט דאס באנק־וועזן און די שווער־אינדוסטריע. מיט איין ווארט, מענטשן, וועלכע האבן געשאקלט מיט פוילן דער מדינה. טורקאוו זעט נישט אין דעם יידישן מיליאנער נאר דעם „בורזשוי", וועלכן מען דארף תמיד זידלען... ער וועגט נישט ביים גביר דאס געלד וואס — לויט ווי מיר וועלן ווייטער זען פון זיינע שילדערונגען וועגן די באנקירן: שערעשאווסקי און וואוועלבערג — איז געלד נישט קיין אייביקייט. טורקאוו וועגט און מעסט די טעטיקייט פון די דאזיקע מולטימיליאנערן, זייער באציאונג צו געזעלשאפטלעכער ארבעט, קולטור און נאציאנאל־יידישע פראבלעמען. און טאקע דערפאר ווייל ער גייט נישט צו צו די גבירים מיט א פאראורטייל, קומען זיינע פאקטן ארויס אלזייטיק געננוג קלאר — און אמתדיק אזוי, אז דאס קען דינען פאר א מוסר־השכל פאר אונדזערע היינטיקע נאך יונגע מיליאנערן, וועלכע גיבן ליידער אוועק

אַלע זייערע חושים נאָר אויף צו פאַרגרעסערן ס'פאַרמעגן און זעלטן ווען עמיצער פון זיי טראַכט וועגן שאַפן אינסטיטוציעס פון געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן אָדער אפילו פילאַנטראָפישן כאַראַקטער.

**
*

זייער ברייט איז די באַשרייבונג וועגן דער משפּחה אייגער. און דאָס איז אויך נישט קיין צופאַל: די אייניקלעך פון דעם פּויזנער רב, דעם גרויסן גאון ר' עקיבא אייגער ז"ל האָבן געהייסן... יוליוש, באָלעסלאַוו און בראָניסלאַוו — אַלץ מאַגנאַטן און גרויס־אינדוסטריעלער אין פּוילן. אַ טייל פון זייערע קינדער זענען שוין געוועזן משומדים אָדער נאָך ערגער — קאָמוניסטן. דערציילט טאַקע טורקאָוו ווי אַזוי באָלעסלאַווס געשמדטע טאָכטער מאַריסיאַ, מיאוס ווי די נאַכט, האָט זי זיך איבערגעגעבן דעם קאָמוניזם און לאַנגע יאָרן געזעסן אין פּוילישע טורמעס, פאַרשאַפנדיק פיל צרות איר איידעלער מוטער דיאַנאַ.

וועגן דער שטרעבונג און טעטיקייט פון די דריי פריער דערמאָנטע מאַגנאַטן, די אייניקלעך פון ר' עקיבא אייגער שרייבט טורקאָוו אַזוי:

„דער קאַמף צו אַסימילירן די יידישע מאַסן איז געווען זייערס אַ לעבנס־ציל. מיטן יידישן קהילה־לעבן האָבן זיי זיך פּערזענלעך אינטערעסירט נאָר אומדירעקט. זיי האָבן געשטיצט די דאָזיקע אַרבעט מיט גרויסע געלט־סומען, אָבער די אָנפירונג פון דער קהילה האָבן זיי איבערגעלאָזט די נאַטאַנסאָנס, בערגסאָנס און דיקשטיינס. די אייגערס האָבן שוין געהאַט גרעסערע אַמביציעס ווי צו פאַרנעמען דאַזאַר־בענקלעך אין דער קהילה. זיי האָבן אויסגעגעבן גרויסע געלט־סומען אויף דער האַנטווערקער־שולע, וואָס די נאַטאַנסאָנס האָבן געגרינדעט ביי דער וואַרשעווער יידישער קהילה. זיי האָבן פינאַנסירט די גרינדונג און אויסהאַלטונג פון די שולעס „ווידזאַ — דעת" וווּ מען האָט געלערנט אַביסל יידישע רעליגיע און ס'רוב פּוילישע לימודים און האָבן בכלל געזאָרגט פאַר דער פאַרפּוילישונג פון דעם יידישן לעבן אין וואַרשע אין הסכם מיט זייערע אַסימילאַטאָרישע פּרינציפּן".

אָבער אַז ס'איז געקומען אַן עת־צרה האָבן די אַסימילאַטאָרן שוין ניט געקענט זיין אָפּגעזונדערט פון כלל ישראל. דאָס האָבן מיר געזען בעתן ערשטן וועלט־קריג ווען דער הויפּט־קאָמאַנדיר ניקאָלאַי־ניקאָלאַיעוויטש

האָט אַרויסגעגעבן פינצטערע גזרות אויף ייִדן — דעמאָלט איז אויך באָלעסלאַוו אייגער, דער אַסימילאַטאָר געווען אין דער דעלעגאַציע אָפּצושרייען די גזרות כאָטש ער אַליין האָט זיך באַטראַכט פאַר אַ גוטן פּאָליאַק פון משהס גלויבן.

נאָך מער בולט קומען אַרויס די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט: די אַריסטאָקראַטין דיאַנאַ אייגער אָדער ווי מען האָט זי גערופן „פּאַני קאָנסולאָווא", אַ פרוי, וואָס האָט שוין געהאַט קינדער משומדים, האָט זיך מיט מסירת נפש איבערגעגעבן דעם קאַמף קעגן היטלעריזם, אָנטיילגענומען אין אַלע זיצונגען פון ייִדישן אַנטי־היטלער קאָמיטעט וועלכער האָט צווישן אַנדערן אויך אָנגעפירט מיטן באָיקאָט אויף דייטשע סחורות.

אין דער דאָזיקער נאַציאָנאַל־ייִדישער אַרבעט — דערציילט טורקאָוו — איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אינזש' אַנטאָני אייגער, אַ הויכער און בלאָנדער מיטן אויסזען פון אַ טויזנט פּראָצענטיקן פּאָליאַק. אַנטאָני אייגער, וועלכער איז תמיד געווען אין דער פּוילישער געזעלשאַפט, ווייט און פרעמד פון ייִדישן לעבן און ייִדן בכלל איז צוזאַמען מיטן מחבר פון „די לעצטע פון אַ גרויסן דור" געפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך אויסגעהערט וועגן די ייִדישע בויטן און אפילו אָנגעהויבן רעדן ייִדיש אויך.

— וואָס איז פון דער דאָזיקער משפּחה־דינאַסטיע געוואָרן?

טורקאָוו ענטפערט: בלויז איין און איינציקער, דער משומד און ייִנגסטער זון פון דיאַנאַ אייגער, קאַזשימיעזש, וועלכער טראָגט טאַקע דעם ירושה־נאָמען נאָך זיין גרויסן זיידן ר' עקיבא אייגער. ער וווינט אין באָגאָטאַ, די הויפּטשטאָט פון קאָלומביע אַלס אַ לערער אין דער פראַנצויזישער גימנאַזיע פון דאָרטיקן יעזואיטן־קלויסטער.

„אַזוי איז פאַרטריקנט געוואָרן אַ וויכטיקער צווייג פון ר' עקיבא אייגערס יחוס־בוים".

***

וועלכער ייִד האָט דאָס נישט געהערט פון „שערעשאָווסקיס באַנק?" אַז מ'האָט אין פּוילן גערעדט וועגן אַן ערלעכן סוחר אָדער פאַבריקאַנט וועלכער איז שטאַרק קרעדיט־פעאיק, פלעגט מען זאָגן: „ביי אים איז קוראַנט אַזוי ווי ביי שערעשאָווסקין אין דער באַנק".

אַז מען האָט אין שטעטל ערגעץ אין פּאָלעסיע תנאים געשריבן, זענען די מחותנים מיט חתן־כלה געקומען צו שערעשאָווסקין אין דער באַנק און איינגעלייגט דעם נדן. כאָטש פּראָצענטער האָט די באַנק געצאָלט קליינע איז מען דאָך פון אַלע שטעט און שטעטלעך געקומען צו שערעשאָווסקין.

און פאַרוואָס האָבן ייִדן נישט געזאָלט לויפן אין דער באַנק, וועלכע האָט אין משך פון איר 50־יאָריקער עקזיסטענץ אויף קיין איין מינוט ניט אָפּגעשטעלט אירע צאָלונגען. אפילו בעתן קראַך צוליבן קריג פון 1914, ווען די רוסישע גאָסודאַרסטווענע

באַנק האָט אויפגעהערט צו צאָלן, האָט שערעשאָווסקיס באַנק געצאָלט.

צווייטנס האָבן זיך טאַקע ייִדן געפילט גוט אין אַ באַנק וווּ מען האָט געקענט רעדן ייִדיש, נישט געדאַרפט אַראָפּנעמען ס'היטל און אויב דער זכרון נאַרט מיך נישט, זענען דאָרט געווען בוכהאַלטערס, וועלכע זענען געזעסן אין יאַרמעלקעס...

די באַנק האָט אויך געפירט רייזיקע טראַנזאַקציעס אין ברייטן מלוכהשן מאסשטאַב און די פירער פון דער באַנק, די ברידער רפאל און מיכאל שערעשאָווסקי זענען אויך געווען די באַזיצער פון פיל הייזער און פאַבריקן.

דעם גרעסטן טייל פון קאַפּיטל ווידמעט דער מחבר דעם עלטערן ברודער רפאל, וועלכער איז געווען אויך אַ סענאַטאָר, לאַנגיאָריקער ראַטמאַן אין וואַרשעווער שטאָטראַט און בכלל אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן פון גרויסן פאַרנעם. דאָס איז געווען אַ מענטש אַזוי ווי מען זאָגט „פון ראַט און טאַט".

איך בין שטאַרק אין ספק צי עס געפינט זיך דאָ אויף אונדזער קאָנטינענט אַ ייִדישער מיליאָנער, וועלכער זאָל פון אייגענער קעשענע דעקן דעם גאַנצן בודזשעט פון אַן אינסטיטוציע. רפאל שערעשאָווסקי האָט [illegible] יאָ געטאָן.

אַ זייער אינטערעסאַנטן פּרט דערציילט טורקאָוו וועגן דעם דאָזיקן ייִד, וועלכער האָט געהאַט דעם מוט צו שטימען קעגן די אינטערעסן פון די ווירטסלייט, כאָטש ער האָט געהאַט פיל הייזער, לטובת די לאָקאַטאָרן.

נאָך דער אָפּשטימונג, ווען די פּוילישע און ייִדישע הויזווירטן האָבן אים געפרעגט הלמאי ער האָט אַזוי געשטימט, האָט ער זיי קאַלטבלוטיק געענטפערט:

„ביי מיר אין געשעפט בין איך אַ באַנקיר, אינדוסטריעלער און הויזאייגנטימער. דאָ אין שטאָטראַט האָבן אָרעמע ייִדן געשטימט אויף מיר אַ סך מער ווי די רייכע. זיי האָבן מיך געוויילט, אַז איך זאָל פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן און נישט מיינע אינטערעסן. צוליב מיינע אייגענע הייזער בין איך נישט מחויב צו פאַרראַטן די, וואָס האָבן געהאַט צו מיר צוטרוי".

דער מחבר דערציילט אויך, אַז די שערעשאָווסקיס האָבן אַלס געטרייע בירגער פון דער מלוכה נישט לאָקירט קיין קאַפּיטאַלן אין אויסלאַנד. אָבער ווי זאָגן עפּעס אונדזערע אויסגעלינקטע מאַרקסיסטן „דער קאַפּיטאַל קען נישט לעבן אָן אַ מלחמה" האָט שערעשאָווסקי דער גרויסער קאַפּיטאַליסט אָנגערעדט היטלערן ער זאָל אָנהייבן אַ מלחמה כדי שערעשאָווסקי זאָל שפּעטער ווינען אין אָרעמקייט אין ניו יאָרק.

און אָט וואָס טורקאָוו דערציילט וועגן זיין לעצטער באַגעגעניש מיט רפאל שערעשאָווסקי אין זיין באַשייד'ענער ווינונג אויף דער 113 גאַס און וואָס שערעשאָווסקי האָט אים געזאָגט, ריכטיקער — זיך מתוודה געווען:

„ווען איך האָב כוח וואָלט איך אַוועק צו די ייִדישע גבירים, כ'וואָלט זיי באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס וויפל

איך האָב פאַרמאָגט און איך וואָלט זיי נאָך בעסער באַוויזן וואָס פון דעם אַלעם איז געוואָרן. איך האָב אין די גוטע צייטן געהאַט דאָס געפיל, אַז איך טו גענוג פאַרן כלל, אַז איך גיב גענוג פאַר יידישע כלל־זאַכן. איר ווייסט אויסגעצייכנט, אַז עס זענען געווען אינסטיטוציעס, וואָס איך פלעג דעקן זייערע בודזשעטן; אַז עס זענען געווען אינסטיטוציעס, וואָס ווען נישט איך און מיין פרוי וואָלטן זיי נישט עקזיסטירט. דערמאָנט אייך דאָס קינדער־שפיטאָל אויף שליזקע, איר געדענקט ווי מיר האָבן עס איינגעאָרדנט? איך ווייס אויך, אַז מען האָט שטענדיק געוואָלט מער, אָבער... איצט, ווען איך לעב דאָ אַליין און טראַכט וועגן דעם פאַרגאַנגענעם, פיל איך, אַז וויפיל מיר האָבן געטאָן, איז עס ווייניק אין פאַרגלייך דערמיט, וואָס מיר האָבן געדאַרפט און געקענט טאָן. גלייבט מיר, מאַדעק, איך באַדויער נישט מיין פאַרמעגן; איך האָב שוין לאַנג געמאַכט שלום מיט מיין איצטיקן גורל. איך באַדויער בלויז פאַרוואָס האָב איך דאָס פאַרמעגן באַצייטנס נישט פאַרברויכט, בכדי אונדזער כלל צו העלפן. איך מיט מיין פרוי האָבן דאָך שטענדיק נישט געדאַרפט קיין סך פאַר זיך, טאָ פרעג איך מיך אַליין, צו וואָס איז געווען דאָס זאַמלען?

„ווען איך בין אָנגעקומען קיין אַמעריקע, ווען כ׳בין נאָך דאָ געווען אַ גאַסט, פלעגט מען מיך אָפט איינלאַדן צו היגע רייכע יידן. האָב איך מיט זיי איינגעטענהט וועגן דער ווערטלאָזיקייט פון גרויסע פאַרמעגנס. עס איז געווען דער אָנהויב פון דער מלחמה און מען האָט געמיינט, אַז מיט געלט וועט מען קענען ראַטעווען יידן. איך האָב דאָך שוין קיין געלט נישט געהאַט, האָב איך אָבער געוואָלט דעם ענין אויפקלערן די היגע יידן, וואָס האָבן יאָ געלט. נו, מיינט איר וואָס איז געווען דער סוף? מען האָט מיך אָנגעהויבן אויסמיידן, מען האָט מיך אויפגעהערט איינצולאַדן.

„די היגע יידן גיבן אַ סך געלט, אָבער ווייט נישט דאָס, וואָס זיי קענען און וואָס דאָס פאָלק דאַרף האָבן. אָ, ווען די רייכע יידן וואָלטן געקענט זיך איינלעבן אין דער נשמה, אין די געדאַנקען פון איינעם, וואָס איז אויך אַמאָל געווען אַזוי רייך ווי זיי, און אפשר נאָך רייכער פון זיי, וואָלטן זיי דאָס זיכער פאַרשטאַנען און דאָס וואָלט זיכער געבראַכט גרויס נוצן אונדזער פאָלק”.

***

מיט גרויס פיעטעט און אפילו רירנדיק שרייבט טורקאָוו וועגן דער באַרימטער יידיש־אַסימילאַטאָרישער משפחה אין וואַרשע, די באַנקירן וואַוועלבערג.

פון די ברידער וואַוועלבערג איז קיינער נישט געווען געשמדט, כאָטש אין וואַרשע האָט מען זיי געהאַלטן פאַר משומדים, אָדער לכל־הפחות — ערב משומדים.

ס׳איז דעריבער געווען אַ גרויסע איבערראַשונג — דערציילט דער מחבר — ווען נחום סאָקאָלאָוו ע״ה האָט אין 1928 גערופן אין וואַרשע

א פאַרזאַמלונג פון דער יידישער אַגענץ, האָט זיך אין פרעזידיום אויך געפונען וואַצלאַוו וואָוועלבערג, דער זעלבער, וועלכער האָט מיט 15 יאָר שפּעטער זיך געפונען אין שרעקלעכער נויט אַלס היימלאָזער אין סאָוועט־רוסלאַנד. דער מחבר האָט געפונען צופעליק זיין נאָמען אויף אַ רשימה פון נויטליידנדיקע יידן, וועלכע האָבן געחלשט נאָך אַ פעקל שפּייז פון אויסלאַנד. האָט אָבער זיין פאָטער היפּאָליט אַ קאָלאָניע אין מאָזעסוויל (אַרגענטינע), וועלכע טראָגט ביזן היינטיקן טאָג דעם נאָמען „וואָוועלבערג".

ווי דערשטוינט איז דער מחבר געוואָרן ווען די קאָלאָניסטן פון „וואָוועלבערג" האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שיקן אַ פעקל דעם זון פון פונדאַטאָר פון זייער קאָלאָניע. טורקאָוו שרייבט מיט כעס וועגן די דאָזיקע יידן און איז, פאַרשטייט זיך, גערעכט.

וואַצלאַוו וואָוועלבערג איז פאַראַיאָרן געשטאָרבן אין סאַן־פּאַולאָ און טורקאָוו שרייבט ממש מיט טרערן וועגן זיין באַזוך קורץ פאַר זיין טויט ביי וואָוועלבערגן, וועלכער איז געווען אַן איידעלער מענטש ביז גאָר.

דערפאַר איז דער מחבר סאַרקאַסטיש אין די זייער געלונגענע קאַפּיטלען געווידמעט דער משפחה פון לעצטן וואַרשעווער אסימילאַטאָרישן ראש הקהל שבתי ברעגמאַן. אַ ייד, אַ נגיד, וועלכער איז פון קליינעם שטעטעלע אמדור (נעבן גראָדנע) געקומען קיין וואַרשע. האָט ער באַלד גענומען זיך שטופּן צו דער פּוילישער קולטור און ווערן דער נושא־כלים פון די אַסימילאַטאָרן. דעם שיינעם יידישן נאָמען שבתי האָט ער אויסגעביטן אויף סעבאַסטיאַן און רעדנדיק שלעכט פּויליש האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט רעדן קיין יידיש, וואָס שבתי — סעבאַסטיאַן האָט געהאַלטן פאַר אַ מיאוסן „זשאַרגאָן".

ער האָט געוואַלדיק ליב געהאַט ס'בענקל און ווען ער איז ביי די קהילה־וואַלן אין 1926 נישט געוויילט געוואָרן האָט ער זיך געקלאַמערט אין אַ „בענקל" אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, כאָטש זיין אייניקל איז שוין געווען אַ משומד.

אין „די לעצטע פון אַ גרויסן דור" זענען נאָך פאַראַן מאָנאָגראַפיעס געווידמעט די דאַווידזאָנס, טעפּליצעס, זיידנבייטלס און די צייטלינס. די לעצטע מאָנאָגראַפיע איז אייגנטלעך אַ הספד נאָך אונדזער קאָלעגע אלחנן צייטלין ע"ה.

אָבער וועגן דעם וועט נאָך האָפנטלעך אויסקומען צו רעדן באַזונדער.

אין אַלגעמיין איז דאָס אַן אינטערעסאַנט, באַלערנדיק און זייער נוצלעך בוך, וואָס דאַרף זיך געפינען אין יעדער יידישער שטוב.

מלך ראַוויטש שרייבט וועגן יאָנאַס טורקאָווס „פאַרלאָשענע שטערן“ אין אַן אַרטיקל א״נ „אַן אייביקער קוואַל פאַר יידישער טעאַטער־געשיכטע“ („קענעדער אָדלער“, מאָנטרעאַל, 26טער יולי 1954):

אין דער ביכער־סעריע „דאָס פוילישע יידנטום“, וואָס האָט נאָר וואָס דערגרייכט די ממש אומגלויבלעכע ציפער פון „הונדערט“ זענען אַלס נומערן 95 און 96, סוף 1953, דערשינען צוויי ביכער אונטערן נאָמען „פאַרלאָשענע שטערן“. יעדער פון די צוויי בענד האַלט צו 336 זייטן און איז רייך אילוסטרירט. דער מחבר איז דער שוישפּילער, רעזשיסער און שריפטשטעלער יאָנאַס טורקאָוו. די סעריע „דאָס פוילישע יידנטום“ דערשיינט טאַקע אונטער דער רעדאַקציע פון מאַרק טורקאָוו, אַ באַקאַנטן זשורנאַליסט און שריפטשטעלער פון פוילן, וואָס וווינט אַ צייט לאַנג אין אַרגענטינע און האָט באַווירקט דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פוילישע יידן אין בוענאָס איירעס אונטערצונעמען אָט די גראַנדיעזע אויפגאַבע פון דער דערמאָנטער ביכער־סעריע. פאַרלאַגס־לייטער פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד איז אברהם מיטעלבערג.

„שטערן“ אין טעאַטער־לשון מיינט אַקטיאָרן. עס איז אפילו אמת, אַז „שטערן“ זענען שטאַרק באַרימטע שוישפּילער געוויינלעך. אָבער עס האָט זיך ביי אונדז — אפשר צוליב שלום עליכמס „בלאָנדזשענדיקע שטערן“ — איינגעבירגערט מיט דעם וואָרט „שטערן“ צו באַצייכענען שוישפּילער בכלל. און וואָס עס מיינט „פאַרלאָשענע שטערן“ — דאַרף מען נישט ערשט אויפקלערן... און אין יאָנאַס טורקאָווס גראַנדיעזן און פּאַטעטישן ווערק זענען „פאַרלאָשענע שטערן“ — אַקטיאָרן און מענטשן פון טעאַטער־פּראָפעסיע בכלל און טעאַטער־ענטוזיאַסטן בפרט, וואָס זענען אין די יאָרן פון דריטן חורבן פאַרלענדט געוואָרן אויף אַלערליי אופנים אין מזרח־אייראָפּע.

אין ביידע בענד זענען פאַראַנען ניינציק עסייען, לרוב מיט איין נאָמען אַלס טיטל און אַמאָל, אַז עס האַנדלט זיך אין שוישפּילער־פּאָרן, מיט צוויי נעמען אָדער קאָלעקטיווע נעמען. למשל: אַדאַם דאָמב און סאָניאַ אַלטבוים, אָדער: משפחה קאַדישכאַש. דער סאַמע ערשטער עסיי הייסט: זייט מיר מוחל, וואָס איך לעב. דאָ דערציילט יאָנאַס טורקאָוו בקיצור די געשיכטע פון זיין גראַ־

טעוועט ווערן (ער האָט עס אויספירלעך דערציילט אין זיינע פריערדיקע ווערק, וואָס זענען דערשינען אין דער זעלביקער סעריע) און ער פאַרענדיקט: און פאַר דעם דאָזיקן גליקלעכן צופאַל — זייט מיר מוחל! איך וויל אָבער מיין חטא, וואָס כ'בין געבליבן לעבן, אויסקויפן דערמיט, וואָס ביז צום סוף פון מיין לעבן וועל איך נישט לאָזן, אַז מען זאָל אייך פאַרגעסן. איך וועל אייך אומעטום און שטענדיק דערמאָנען, און אַלס אָנהויב פון דעם, וועל איך איבערגעבן דער עפנטלעכקייט זכרונות וועגן אייך, וועגן אייער לעבן און שאַפן, וועגן אייערע לעצטע מינוטן און וועגן אייער מאַרטירער־טויט. — —

פריער אין דער הקדמה דערמאָנט טורקאָוו, אַז עס זענען אומגעקומען 187 אַקטיאָרן און טעאַטער־טוער. אָבער כדי זיך צו שאַפן אַ באַגריף פון דער ממש אומגלויבלעכער דערגרייכונג פון איין מענטש, דאַרף מען ערשט איבערציילן די נעמען אין דעם נעמען־רעגיסטער, וואָס פאַרנעמט 18 זייטן, געדיכט־געדרוקטע, ביים סוף פון צווייטן באַנד. דאָ זענען פאַראַנען נישט ווייניקער ווי 1091 (טויזנט און איין און ניינציק) נעמען. און אַלע נעמען אין שייכות מיט דער טעאַטער־פּראָפעסיע, אין שייכות מיט דעם ווערק, אין שייכות מיט די 187 אומגעקומענע שוישפּילער און די 89 דירעקט אין ווערק באַשריבענע.

כאָטש נישט קיין שרייבער לויט דער פּראָפעסיע איז דאָך יאָנאַס טורקאָוו קיינמאָל נישט פרעמד געווען די פעדער. און ווייל ער איז נישט קיין פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, וואָלטן מיר אוודאי פאַר ליב גענומען, אויב אַזאַ ווערק וואָלט אַנטהאַלטן בלויז אינפאָרמאַציע, פאַקטן און זכרונות וועגן די אין דריטן חורבן אומגעקומענע שוישפּילער. מיר וואָלטן געזאָגט דיינו. מיר מעגן זיך אָבער פאַרגינען אין דעם פאַל — פּונקט ווי אין דער הגדה — שטייגן העכער און העכער פון איין דיינו צום אַנדערן... מחמת די פיל צענדליקער פּאָרטרעטן — נישט נאָר גיבן זיי אינפאָרמאַציע, נאָר זיי זענען בפירוש ליטעראַרישע עסייען. לאָמיר אָנרופן לדוגמא די עסייען וועגן יוסף קאַמען, יצחק ברוינער דעם מאָלער, אייזיק סאַמבערג, דעם „קעניג“ פון די שוישפּילער, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, די ערשטקלאַסיקע שוישפּילערין און אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט, לייב שריפּטזעצער, דעם טשודאַק, וואָס האָט געדענקט און רעציטירט גאַנץ שלום עליכם פון אויסנווייניק, יאַסעלע קאָלאָדני, דעם באַלעבאַטישן יונגן מאַן פון פּינסק, וואָס האָט מיט זיין סענטימענטאַלן געזאַנג איינגענומען גאַנץ פּוילן און נאָך און נאָך און נאָך.

אָבער אפילו מיט אַ „קאָפּ פון אַ מיניסטער“ אויף די פּלייצעס וואָלט איין מענטש נישט געקענט אַזויפיל געדענקען, אויב ער וואָלט נישט געהאַט שוין פון אַמאָל אַ חוש פאַר פאַרצייכענען און זאַמלען אַרכיוון. אָט דאָס האָט טאַקע טורקאָוו געטאָן און מיט אָט דעם אַלטן אַרכיוו זיינעם, וואָס האָט זיך אָפּגעהיט צוזאַמען מיט אים, באַנוצט ער זיך אין

זיין שרייבן. זיין מעטאָד איז: וואָס מער אינפאָרמאַציע, וואָס מער פּרטים, וואָס מער פאַקטן, וואָס מער פּערזענלעכע אויטענטישע זכרונות — און אין דעם העלפט אים משמעות שטאַרק זיין פרוי, די פיינע אַקטריסע און זינגערין, דיאַנאַ בלומענפעלד — און אויך וואָס מער דאָקומענטאַלע פאָטאָגראַפיעס. אויסגעשעפּט די פאַקטן — קומען די שרייבעריש־עסייאיסטיש באַאַרבעטע כאַראַקטעריסטיקעס און צום סוף סענטימענטן און ווײ־געשרייען אויף דער פאַרלענדונג פון יעדן איינעם פון די באַשריבענע קדושים. און דווקא קעגן אָט די אויסגעשרייען ווילן מיר זאָגן אַ וואָרט. מיר האָבן עס שוין אָפּט געזאָגט אין ענלעכע פאַלן, לעצטנס — שרייבנדיק וועגן פיליפּ פרידמאַנס „אוישוויץ". ניטאָ קיין וואָרט, וואָס זאָל קענען אויסדריקן דעם ווײ פון אַן אבל נאָכן טויט פון אַ נאָענטן, וואָס איז במזיד אין מיטן העלן טאָג, אָפּן פאַר דער גאַנצער וועלט געמאָרדעט געוואָרן. נישטאָ אַזאַ וואָרט. און אויב מען מיינט, אַז מען האָט עס געפונען — האָט מען געפונען אַ וואָרט, וואָס שוואַכט אָפּ און שטאַרקט נישט דעם איינדרוק. מיר זאָגן עס נאָר סתם אַזוי — מחמת מיר ווייסן, אַז טורנאָוו האָט זיך נישט געקענט באַצווינגען און די אויסגעשרייען האָבן זיך אַליין אַרויסגעריסן פון דער נשמה. מיר אַלע טוען סיי־ווי דאָס זעלביקע.

אונדזער יידיש־וועלט איז שוין אַזוי אָרגאַניזירט, אַז יחידים טוען די מלאכה פון אינסטיטוציעס און אָט האָט נאָך איין יחיד געטאָן אַן אַרבעט מיט אַן אייביקן ווערט פאַר דער פאַטעטישער יידישער טעאַטער־געשיכטע, וואָס זעקס קאָמיטעטן פון זעקס אינסטיטוציעס וואָלטן אין זעקס יאָר נישט צוזאַמענגעבראַכט. אַזאַ ווערק איז נישט שייך צו רעצענזירן — אַזאַ ווערק דאַרף מען בענטשן. און אויב טעותן זענען דאָ און דאָרט בשגיגה אַריינגעפאַלן — זענען זיי דאָ אין אַלע ענציקלאָפעדישע ווערק.

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ביכער־סעריע, זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 **Buenos Aires**

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 103

Copyright by, P. Minc, Buenos Aires

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley

Este libro se terminó de imprimir el día 23 de Noviembre 1954, en los Tall. Gráf. Julio Kaufman, S. R. L. Corrientes 1976, Buenos Aires

P. MINC

(ALEXANDER)

HISTORIA DE UNA ILUSION FRUSTRADA

(*MEMORIAS*)

Editado por la

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Buenos Aires, 1954